Parysów Memorial Book

THE NEW YORK PUBLIC LIBRARY – NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
YIZKOR BOOK PROJECT

NEW YORK, NEW YORK AND AMHERST, MASSACHUSETTS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

•

MAJOR FUNDING FOR THE
YIZKOR BOOK PROJECT WAS PROVIDED BY:
Harry and Lillian Freedman Fund
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
David and Barbara Margulies
The Nash Family Foundation
Harris Rosen
David and Sylvia Steiner
Ruth Taubman

•

Original publication data

TITLE	Sefer Porisov = Porisoyer yizker-bukh / [ha-'orekh, Yeḥi'el Granatshṭain].
IMPRINT	880-03 [Tel Aviv] : Irgun Yots'e Porisov be-Yiśra'el, 1971.
DESCRIPT	625 p. : ill. ; 25 cm.
SUBJECT	Jews -- Poland -- Parysów.
	Parysów (Poland) -- Ethnic relations.
	Holocaust, Jewish (1939-1945) -- Poland -- Parysów.
ADD'L NAME	Granatstein, Yechiel.
ADD'L TITLE	Parysow; a memorial to the Jewish community of Parysow (Poland)

THIS BOOK MEETS A.N.S.I. STANDARDS FOR
PAPER PERMANENCE AND LIBRARY BINDING.

PRINTED IN THE U.S.A.

PARYSOW

A Memorial to the Jewish Community of Parysow (Poland)

PUBLISHED BY

IRGUN YOTZEI PARYSOW IN ISRAEL

EDITOR YECHIEL GRANATSTEIN

PRINTED IN ISRAEL 1971

ספר פוריסוב
פּאָריסאָווער יזכור־בוך

בהוצאת ארגון יוצאי פוריסוב בישראל

ארויסגעגעבן דורכן ארגון יוצאי פוריסוב אין ישראל

*


נדפס בישראל, תשל״א — 1971

דפוס הפועל המזרחי ת״א הרצל 78 טל. 824458

העורך
רעדאקטאר —
יחיאל גראנאטשטיין

הועד למען הספר
בוך-קאָמיטעט —

יוסף בראַטשטיין
אהרן זיגלמאַן
צבי קאַפאָטאַ
אריה קופערבוים



י ז כ ו ר


אל מלא רחמים שוכן במרומים, דין אלמנות ואבי יתומים המצא מנוחה נכונה על כנפי השכינה, במעלות קדושים וטהורים כזוהר הרקיע מזהירים, לנשמות בני קהילתנו

פ ו ר י ס ו ב

הורינו, אחינו ואחיותינו, קרובינו ומכרינו, אנשים נשיף וטף, שנהרגו ושנשחטו, שנחנקו ושנשרפו ושנקברו חיים בידי המרצחים הגרמנים ועוזריהם הרשעים בשואת מלחמת־העולם השניה.

בעל הרחמים יסתירם בסתר כנפיו לעולמים ויצרור בצרור החיים את נשמותיהם הקדושות והטהורות, בגן עדן תהא מנוחתם. ה׳ הוא נחלתם, יזכור עקדתם ותעמוד לנו ולכל ישראל צדקתם.

ארץ אל תכסי דמם ואל יהי מקום לזעקתם, בזכותם ישובו נדחי ישראל לאחוזתם והקדושים לזכרון תמיד נגד ה׳ יעמדו לגורלם, יבואו שלום וינוחו על משכבותם, ויקומו לקץ הימים לחיותם ונאמר אמן.



בית־הכנסת של פוריסוב

די פאָריסאָווער שול



האהל של צדיקי פוריסוב בבית־העלמין של העיירה

דער אוהל פון די פּאָריסאָווער צדיקים אויפן שטעטלשן בית־העלמין

עס זענען דאָרט געקומען צו קבורה:

האדמו״ר הרב ר׳ יהושע אשר, דער זון פון „ייד הקדוש" זצ״ל;

זיין זון, האדמו״ר רבי יעקב צבי אשכנזי זצ״ל (מחבר פון ספר „**עטרה לראש צדיק**"):

דער צווייטער זון, הרה״צ ר׳ אברהמלע פּאָריסאָווער זצ״ל;

זיין זון, דער פּאָריסאָווער רב, ר׳ יהושע אשרל זצ״ל.

אַ היסטאָריש בילד פון יאָר 1918

בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה האָבן די דייטשן באַפוילן צו אָרגאַניזירן צוזאַמענפאָר פון אָנגעזעענע יידן אין גאָרוואָלינער פאָוויאַט.
דאָס בילד פון צוזאַמענפאָר איז געווען אָפּגעדרוקט אין דער „אילוסטרירטע וואָך" פון 12־טן פעברואַר 1925, אין וואַרשע.



אין דער ערשטער שורה, אויבן, זעען מיר פון רעכטס:
דער ערשטער אין דער ריי — הערשל פעלטשער פון לאַסקעראָוו, דער פערטער — נתן צוקרמאַן, קהילה־דאָזאָר אין סאָבאָלעוו, דער 7־טער — משה ברוכס, עלטסטער חברה־קדישא־מאַן, דאָזאָר אין פּאַריסאָוו.

אין דער מיטלסטער שורה:
דער צווייטער פון רעכטס — קופּערבוים משה יצחק יהושעס, דאָזאָר אין דער פּאַריסאָווער קהילה. דער 5־טער - חיים פיינזילבער, דאָזאָר אין דער סאָבאָלעווער קהילה. דער 10־טער — יצחק מענדל גאָלדמאַן, דער גוט־באַזיצער פון פּשאָנקע. לעבן פּאַריסאָוו. דער 16־טער — משה וואַלדמאַן, דאָזאָר אין פּאַריסאָוו. דער 18־טר אין דער ריי — אייזיק דאָבזשינסקי, לאַסקעראָווער דאָזאָר. דער 19־טער — יעקב הערש מאַקאָבאַצקי פון פּאַריסאָוו. דער 20־טער — ישראל שטערן, דאָזאָר אין דער לאַסקעראָווער קהילה.

אין דער דריטער שורה, אונטן:
די רבנים פון די אַרומיקע שטעטלעך: 1. אָשעצק. 2. לאַסקעראָוו. 3. ר־קי. 4. זשעלעכאָוו. 5. גאָרוואָלין, 6. פּאַריסאָוו. 7. סאָבאָלעוו. 8. מאַטשעוויטש. 9. סאָבין.

בשורות אחדות

עם הופעת ספר יזכור לקהילת פוריסוב, מתווסף נדבך בבנין שחזור העבר היהודי בפולין, כולל תקופת החורבן של זמננו.

עוד לבנה למצבה המוקמת ליהדות פולין שנכחדה בשנות השואה האיומות של מלחמת העולם השניה.

וקודם־לכל — מצבה לעיירה שהושמדה, ליהודי פוריסוב שנספו, מי במקום גופא, ומי — במחנות־עבודה הקרובים, מי בדרך לטרבלינקה, או ביערות הסביבה ובכפרים ומי — במחנות ההשמדה אליהם הוגלו.

בדם ובדמע כתבו אנשי העיירה את הספר, כל שורה.

בגעגועים קורעי־לב על כל אשר היה ואיננו עוד, על כל בית בעיירה, על כל רחוב וסימטה, שם גדלו, חיו, שמחו וסבלו.

ובגעגועים בלתי פוסקים על היקר שביקר — על הורים וילדים, על אחים ואחיות, שהגרמנים ועוזריהם השמידו באכזריות כה רבה, רק על שום היותם יהודים.

* *
*

העורך ולידו — הועד למען הספר, השתדלו שכל אשר נקרא בעבר „חיי־פוריסוב" יבוא בספר לידי ביטוי. היפה והפשוט, המיוחד והיומיומי, החדוה והכאב, הכל — כפי שהאנשים ראו וחיו זאת, ללא כחל וסרק. ברם, כדי להגיש לקורא את אשר סופר ואשר נכתב בשביל הספר בצורה נאותה, הושקעה עבודה רבה מאוד.

מי שיעיין בספר ימצא בו קשת של גוני־חיים, של דמויות מעניינות ומאורעות אשר כתבו את דברי ימי העיירה. הם הם אשר עיצבו את הצורה ואת התוכן של החברה היהודית בפוריסוב — ראי נאמן של עיירה יהודית קטנה בפולין הקונגרסאית.

העורך

אין עטלעכע שורות

מיטן דערשיינען פון פּאָריסאָווער יזכור־בוך קומט צו נאָך אַ שיכט אין דעם רעקאָנסטרוקציע־בנין פון יידישן עבר אין פּוילן, אריינגערעכנט די חורבן־תקופה פון אונדזער צייט.

נאָך אַ ציגל צו דער מצבה וואָס ווערט אויפגעשטעלט דעם פאַרשניטענעם פּוילישן יידנטום בעת די גרויזאַמע קאַטאַסטראָפע־יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

און קודם־כל — אַ מצבה דעם שטעטל, די פּאָריסאָווער יידן וואָס זענען אומגעקומען, ווער אויפן אָרט גופא, און ווער — אין די אַרומיקע אַרבעטס־לאַגערן, ווער אויפן וועג קיין טרעבלינקע און ווער — אין די נאָענטע וועלדער און דערפער און אין די פאַרניכטונגס־לאַגערן וווהין מען איז פאַרשלעפּט געוואָרן.

מיט בלוט און טרערן האָבן די שטעטלשע יידן געשריבן דאָס בוך, יעדע שורה.

אין האַרצרייסנדיקער בענקעניש נאָך אַלץ וואָס איז געווען און איז נישט דאָ מער, נאָך יעדן הויז אין שטעטל, נאָך יעדע גאַס און געסעלע ווו מען האָט זיך געהאָדעוועט, געלעבט, געפרייט זיך און געליטן.

און אין ניט אויפהערנדיקער בענקעניש נאָכן טייערסטן פון אַלע טייערקייטן — נאָך עלטערן און קינדער, ברידער און שוועסטער וואָס די דייטשן און זייערע מיטהעלפערס האָבן אַזוי אַכזריותדיק אומגעברענגט, נאָר דערפאַר ווייל זיי זענען געווען יידן.

דער רעדאַקטאָר און לעבן אים — דער ועד למען הספר, האָבן זיך באַמיט, אַז אַלץ וואָס האָט געהייסן „פּאָריסאָווער לעבן" זאָל קומען אין ספר צום אויסדרוק. דאָס שיינע און דאָס פשוטע, דאָס באַזונדערע און דאָס טאָגטעגלעכע, די פרייד און דער ווייטאָק, אַלץ — אַזוי ווי מענטשן האָבן עס געזען, געלעבט, אָן פאַרפּיצונג. אָבער כדי צו דערלאַנגען דעם לייענער דאָס דערציילטע און געשריבענע פאַרן בוך אין אַ פּאַסנדיקער פאָרם, איז אַריינגעלייגט געוואָרן אַ סך אַ סך אַרבעט.

ווער עס וועט לייענען דאָס בוך וועט געפינען אין אים אַ רעגנ־בויגן פון לעבנס־ניואַנסן, פון אינטערעסאַנטע געשטאַלטן און געשעענישן וואָס האָבן געשריבן די געשיכטע פונעם שטעטל. דאָס אַלץ צוזאַמען האָט געשטאַלטעט די פאָרם און דעם אינהאַלט פון דער פּאָריסאָווער יידישער געזעלשאַפט — אַן עכטער שפּיגל פון אַ קליין יידיש שטעטעלע אין קאָנגרעס פּוילן.

דער רעדאַקטאָר

מקורות היסטוריים על פוריסוב

במקורות היסטוריים אחדים מצויים פרטים מעניינים על התהוותה של העיירה פוריסוב ועל אוכלוסיתה בזמנים שונים.

ב„אנציקלופדיה פובשכנה" (Encyklopedyja Powszechna), כרך 20, משנת 1865, מסופר כלהלן:

— — — „פוריסוב, עיירה פרטית בגליל לובלין, מחוז לוקוב, 1¹/⁷ פרסה מגרבולין, קן ביתם הקדום של הפאַריסים. מקודם, כפר תחת השם שיאצ׳צ׳ה (Sieczcza) שלו הרשה זיגמונד הראשון, בציינו את שרותו הנאמן של פלוריאן פאַריס, הקשטלאַן מזאַקרוצ׳ים והסטרוסטה מצ׳רסק, ליהפך — לפי הפריבילגיה משנת 1538 — לעיירה שהיתה צריכה לשאת מאז את השם פאַריסובו. יחד עם זה העניק לה (המלך) חוקת מגדבורג, קבע לה שווקים וימי־יריד, ושחרר את תושבי העיירה ממסים ומחובות לתקופה של שמונה שנים.

בזמנים מאוחרים יותר השתייכה העיירה לביילינסקים, אח"כ לקוסובסקים, וכעת לווילקונסקים. אוכלוסיתה הכללית מונה 1333 נפש: 721 נוצרים ו־612 יהודים. יש בה 93 בתים. על המבנים החשובים ביותר נמנה בנין הכניסיה העשוי מעץ, שבא במקום המבנה הקודם שהוקם בשנת 1461 ושנבנה מחדש בשנת 1750 ע"י פרנצישק ביילינסקי ולו קפליצה בנויה. קפליצה כזאת מצויה גם בבית־הקברות".

* * *

ב„סלובניק גיאוגרפיצ׳ני קרולסטווא פולסקייגו", כרך 7, משנת 1886, מובאים פרטים דומים על ראשיתה של פוריסוב. ברם, עתה משייכים את פ. למחוז גרבולין, גמינה פשונקה. כאן נמסר גם שלפוריסוב יש בית־ספר יסודי־כללי, ומשרד של גמינה.

ב„סלובניק" הנ"ל מובא מקור לפיו שוכנת פ. על יד בריכות גדולות וכי בעבר היתה שם טירה.

לפי אותו מקור מורכבים נכסיה של פ. מהאחוזות סטאַראָוואָלאַ ופוריסוב, מהעיירה פ. עצמה ומהכפרים סטאַראָוואָלאַ, וויגודה ויוזשיה.

בשנת 1861 מנתה הפאַראַפיה של פ. 3006 נוצרים קטוליים, 67 בעלי אמונות נוצריות אחרות ו־612 יהודים.

ב„ייווראיסקאַיאַ אנציקלופדיה", כרך 12, נמסר שפוריסוב שייכת לגליל שדלץ, אוייזד גרבולין. לפי מקור זה חיו בפ. בשנת 1856, 671 נוצרים ו־556 יהודים. לפי הספירה שנערכה בשנת 1897 מנתה אז האוכלוסיה הכללית של פ. 3140 נפש, מזה — 2014 יהודים.

היסטאָרישע קוועלן וועגן פּאַריסאָוו

אין עטלעכע היסטאָרישע מקורות ווערן אָנגעגעבן אינטערעסאַנטע איינצלהייטן וועגן דער אַנטשטייונג פון שטעטל פּאַריסאָוו און וועגן דער צאָל פון איר באַפעלקערונג אין פאַרשידענע צייטן.

אין דער „ענציקלאָפּדיאַ פּאָווסעכנאַ" (Encyklopedyja Powszechna), 12־טער באַנד, פון יאָר 1865, ווערט דערציילט דאָס ווייטערדיקע:

— — — „פּאַריסאָוו, אַ פּריוואַט שטעטל אין דער לובלינער גובערניע, לוקאָווער פּאָוויאַט, $1^{1}/^{7}$ מייל ווייט פון גאַרוואָלין, די נעסט פון אַלטערטימלעכן הויז פון די פּאַריסעס. פריער, אַ דאָרף אונטערן נאָמען שיעטשטשאַ (Sieczcza) וועלכן זיגמונט דער ערשטער, אויסצייכנענדיק די געטרייע דינסט פון פלאָריאַן פּאַריס, דער זאַקראָטשי־מער קאַשטעלאַן און טשערסקער סטאַראָסטע, האָט דערלויבט, לויט דער פּריווילעגיע פון יאָר 1538, צו ענדערן אויף אַ שטעטל וואָס האָט פון דעמאָלט אָן געדאַרפט טראָגן זיין נאָמען פּאַריסאָוואַ. גלייכצייטיק האָט ער עס אויך באַשאָנקען מיטן מאַגדעבורגער רעכט, באַשטימט מערק און יאַרידן און אויך באַפרייט די שטעטלשע איינוווינערס פון שטייערן און פאַר־פליכטונגען במשך פון אַכט יאָר.

אין די שפּעטערע צייטן האָט דאָס שטעטל געהערט צו די ביעלינסקיס, דערנאָך צו די קאָסאָווסקיס, און היינט צו די ווילקאָנסקיס. אַלגעמיינע באַפעלקערונג — 1333 נפשות: 721 קריסטן און 612 יידן. פאַרמאָגט 93 הייזער. צו די באַדייטנדיקסטע געביידעס געהער דער הילצערנער פּאַראַפיע־קלויסטער, אויפן אָרט פון פריער אויפגעבויטן אין יאָר 1461, און, איבערגעבויטן אין יאָר 1750, דורך פראַנציִשעק

ביעלינסקי מיט אַ געמויערטער קאַפּליצע. אַזאַ קאַפּליצע איז אויך פאַראַן אויפן צמענטאַזש״.

אין „סלאַוויק גיעאָגראַפּיטשני קרולעסטוואַ פּאָלסקיעגאָ״, 7־טער באַנד, פון יאָר 1886, ווערן איבערגעגעבן ענלעכע פּרטים וועגן דער אַנטשטייונג פון פּאַריסאָוו. אָבער אין דער צייט ווערט דאָס שטעטל צוגערעכנט צום גאַרוואָלינער פּאָוויאַט, גמינע פּשאַנקע. דאָ ווערט אויך דערציילט אַז פּ. פּאַרמאָגט אַן אַלגעמיינע אַנפאַנגס־שולע און אַ גמינע־אַמט.

אין דערמאָנטן „סלאַוויק״ ווערט אַראָפּגעבראַכט אַ מקור וואָס גיט איבער אַז פּ. ליגט לעבן גרויסע סטאַוועס און אַז עס האָט אַמאָל פאַרמאָגט אַ שלאָס.

לויט דער זעלבער קוועלע האָט דאָס פּאַריסאָווער פאַרמעגן זיך צוזאַמענגעשטעלט פון די פּאָלוואַרקן פון פּאַריסאָוו און סטאַראָוואָלאָ, פון פּאַריסאָווער שטעטל אַליין, און פון די דערפער סטאַראָוואָלאָ, וויגאָדאָ און יוזשיאָ.

אין יאָר 1861 האָט די פּ. פּאַראַפיע געציילט 3006 קאַטאָליקן, 67 אַנדערע קריסטלעכע גלויביקע, און 612 יידן.

✶ ✶ ✶

אין דער „יעוורעיסקאַיאַ ענציקלאָפּעדיאַ״, 12־טער באַנד, ווערט אָנגעגעבן, אַז פּ. געהער צו דער שעדלעצער גובערניע, גאַרוואָלינער אויעזד.

לויט דעם מקור האָבן אין יאָר 1856 געלעבט אין פּ. 671 קריסטן און 556 יידן. לויט דער ציילונג אין יאָר 1897 האָט די פּ. באַפעלקערונג דעמאָלט געציילט 3140 נפשות, פון דעם — 2014 יידן.

צאָל פון דער אַלגעמיינער און יידישער באַפעלקערונג אין פּאַריסאָוו

אין 19־טן און אין אָנהייב פון 20־טן יאָרהונדערט

(אַרויסגענומען פון פאַרשידענע קוועלן)

השנה יאָר	האוכלוסיה הכללית אלגעמיינע באַפעלקערונג	מזה—יהודים פון דעם—יידן	מקורות
1827	770	220	לודנאָשטש זשידאווסקא ו'פאלסצע וו'וויעקאַך 19 אי 20, וואַרשאַווא, 1930
1856	1227	556	יעוורעיסקאַיאַ ענציקלאָפּעדיאַ
1861	1333	612	סלאַוויק גיעאָגראַפּיטשני קרולעסטוואַ פּאָלסקיעגאָ
1880	2533	1566	אַ. אייזנבאַך, ביולעטין ז.י.ה. 29 וואַרשאַווא, 1959
1897	3140	2014	יעוורעיסקאַיאַ ענציקלאָפּעדיאַ
1908	3838	2134	אינטערנאַציאָנאַלע קאָנפעסיאָנס־סטאַטיסטיק פאָן ד״ר יעקב סעגאַל, בערלין 1914
1921	3388	1906	לודנאָשטש זשידאווסקא ו'פאלסצע וו'וויעקאַך 19 אי 20, וואַרשאַווא, 1930

צבי קאפוטא

דברי מבוא

במשך כל השנים שלאחר מלחמת העולם השניה, ובמיוחד לאחר שהחלו מופיעים ספרי־יזכור לקהלות היהודיות שנחרבו בתקופת היטלר הנוראה, התהלכנו, בני־פוריסוב, אודים מוצלים מאש, בהרגשה כבדה כי אין אנו עושים מספיק להנצחת קהלתנו, אבותינו, אחינו ואחיותינו שאינם עוד עמנו. ידענו שאנו חייבים לרשום על דפי־ספר את דברי־הימים של קהלת פוריסוב, את קורות העבר הרחוק וקרוב שלנו, ולכך החלנו לשאוף.

לא התכוונו ליצירה היסטורית רבת־היקף. אמרנו רק לספר על עצמנו, על עיירה קטנה בפולין המרכזית שאין לה מאחוריה היסטוריה של מאות שנים; על ישוב יהודי ועל מנהיגיו הרוחניים — אדמו״רים ורבנים שהטביעו את חותמם על החיים היהודיים במקום ופירסמו את שמה של העיירה בארץ פולין כולה; על חייהם של יהודים פשוטים, ישרים ומצניעי לכת, שהיוו רוב מנין של הקהלה הפוריסובאית.

* *
*

הודות למסירותם של יחידים נאסף החומר שאיפשר את הוצאת הספר. השתדלנו שישקף נאמנה את חיי האוכלוסיה של כל השכבות. אפשר שהספר היה יותר מקיף וממצה — אילו כל בני־העיירה היו נענים לפנייתנו ומשתתפים בכתיבה או באיסוף חומר על העיירה ויהודיה.

עתה מונח הספר לפנינו. ספר יזכור.

עצמותיהם של יקירינו, קרבנות־היטלר ועוזריו, פזורות על פני אדמת נכר. הקימונו להם מצבת־זכרון — גל־עד של אותיות פורחות, של דפים בספר המספרים לנו, לצאצאינו ולדורות הבאים, קורות קהלה יהודית וסופה הטראגי.

המלחמה האכזרית שמה קץ לחיי יהודים בעיירה פוריסוב. כל אשר היה שם קשור בחיים יהודיים — נהרס עד תום. אף מצבות־האבן בבית־העלמין היהודי נעקרו, ולא נותר כל סימן שיהא בו כדי לספר, אי־פעם, על חיי יהודים במקום זה. כה מושלמת היתה עבודת ההשמדה של הקלגסים הגרמניים בעזרתם הבוגדנית של האוכלוסיה המקומית, הלא־יהודית, עמה חיו וישבו בצוותא יהודי פוריסוב זמן רב.

הואיל וכך, ישמש הספר שאנו מגישים לכם, בני־פוריסוב היקרים, בישראל ובפזורה, מצבה חיה שתקשור אותנו עם שורשנו, עם כל אשר נקרא פעם בשם

פוריסוב. אנו גם בטוחים שהחומר המצוי בו תועלתו מרובה גם להיסטוריון כלחוקר העבר היהודי על אדמת פולין.

ונוסיף: ספרנו לא נכתב על ידי מחזיקי־עט סופרים, או חוקרים. החומר כולו נרשם ונכתב בידי אנשים פשוטים, עממיים, כשמטרה אחת עמדה לנגד עיניהם: להשאיר לעתיד יד ושם לביתם שנחרב.

* * *

— — — היה היתה קהלה יהודית בפוריסוב. בתקופות שונות נאבקה על קיומה הפיסי ועל יחודה הרוחני. ידעה גזירות ורדיפות, ויכלה להן. בעבר הרחוק — בכוח האמונה וההתעלות החסידית, בכוחה של יראת־שמים של יהודיה, ואילו בתקופה יותר מאוחרת, מתחילת המאה העשרים — גם בכוחן של אידיאות סוציאליות, של אמונה תמימה בעולם יותר צודק, ובכוחה של בשורת ההתעוררות הלאומית.

* * *

ביראת כבוד הננו פותחים את הספר. עברנו הרחוק והקרוב עובר לנגד עינינו על כל גוני הקשת שלו. הנה הם — דמויותיהם של גדולי התורה והיראה שעיצבו, בזמנים שונים, את החיים היהודיים בעיירה; יהודים חרדים, שומרי־מסורת ומורשת האבות; פועלים ובעלי־מלאכה שחיו חיים ישרים ועמלו כה קשות על פת־לחמם; אידיאליסטים שהאמינו בסדר עולם חדש אשר יביא אושר לאנושות כולה; לוחמים למען הסוציאליזם על כל צורותיו; חולמי־ציון וחלוצים צעירים שנתנו את חלקם לתקומת העם בארצו.

כולם עולים לפנינו מתוך דפי הספר — בחייהם ובמאבקיהם, בשבת־קודש שלהם ובחולין שלהם, עד שירד עליהם הכורת.

יודעים אנו שימים של דמעות יישפכו בעת קריאת הספר. שוב ושוב יעבור לפנינו הסיוט של השואה, נחזה בשברם של יקירינו, ושוב נלווה אותם בדרכם האחרונה.

הספר אינו מביא אף נחמה פורתא לנפשנו הדוויה. אך, באמצעותו הננו כורתים ברית עם עברנו, ובמיוחד — עם הקדושים שנספו בטרם הפציע שחר הגאולה לעם היהודי המעונה.

אכן, ברית כרותה בגוילין אפופים צער ויגון וספוגים דם ודמעות.

* * *

לא אנחנו בלבד חייבים לקרוא בספר זה, כי אם גם — ובעיקר — בנינו, והבאים אחריהם, עד סוף כל הדורות. חייבים אנו לצרפם לאותה ברית שנכרתה עם העבר, עם אבות־אבותינו, עם כל אשר היה ולא ישוב לעולם. אם נעשה כן, ניטיב עם נשמות הקדושים שנספו על קידוש השם והאומה.

צבי קאַפּאָטאַ

פאָרוואָרט

במשך אַלע יאָרן נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, און באַזונדערס נאָך דעם ווי עס האָבן אָנגעהויבן זיך מערן די יזכור־ביכער איבער די חרוב־געוואָרענע יידישע קהילות אין דער מוראדיקער היטלער־תקופה, זענען מיר, איבערגעבליבענע פאַריסאָווער יידן, רעשטלעך פון אַ פאַרטיליקטער עדה, אַרומ־געגאַנגען מיט דעם שווערן געפיל, אַז מיר טוען נישט גענוג כדי צו פאַראייביקן אונדזער קהילה, אונדזערע עלטערן, ברידער און שוועסטער, וואָס זענען מער נישט פאַראַן מיט אונדז. מיר האָבן געוווּסט, אַז מיר זענען מחויב צו פאַרצייכענען אויף בלעטער, אין אַ ספר, די געשיכטע פון יידן אין פאַריסאָוו, אונדזער ווייטן און נאָענטן עבר — און צו דעם האָבן מיר אָנגעהויבן שטרעבן.

מיר האָבן נישט געהאַט קיין גרויסע אַספּיראַציעס. מיר האָבן לכתחילה נישט געטראַכט וועגן אַן אַרומנעמנדיקע, אויספירלעכע היסטאָרישע אַרבעט. מיר האָבן בלויז געוואָלט דערציילן וועגן זיך אַליין, וועגן אַ קליין שטעטעלע אין צענטראַל־פּוילן, וואָס האָט נישט הינטער זיך קיין געשיכטע פון הונדערטער יאָרן; וועגן אַ יידישן ישוב און זיינע גייסטיקע פירערס — רביים און רבנים, וואָס האָבן געלייגט זייער חותם אויפן יידישן לעבן און פאַרשפּרייט דעם נאָמען פון פאַריסאָוו איבערן גאַנצן לאַנד; וועגן פשוטע יידן אין אונדזער שטעטל, ערלעכע און באַשיידענע יגיע־כפּיים־יידן, וואָס זענען געווען דער רוב מנין פון דער פאַריסאָווער קהילה.

* *
*

אַ דאַנק דער מסירות־נפש פון יחידים איז אויפגעקליבן געוואָרן דאָס מאַטעריאַל און ס'איז מעגלעך געוואָרן אַרויסצוגעבן דאָס בוך. מיר האָבן זיך באַמיט, אַז דאָס געשריבענע זאָל אָפּשפּיגלען דאָס לעבן פון אַלע שיכטן פון דער באַפעלקערונג. דאָס בוך וואָלט אַוודאי געווען אויסשעפּנדיקער, ווען אַלע אונדזערע לאַנדסלייט וואָלטן געוועז אַליין געשריבן, אָדער געהאָלפן זאַמלען מאַטעריאַל וועגן יידישן־לעבן אין אונדזער געבוירן־שטעטל, צי וועגן אייגענע שטעטלשע משפחות.

אַצינד ליגט פאַר אונדז דאָס פאַריסאָווער יזכור־בוך.

די ביינער פון אונדזערע טייערע, קרבנות פון די היטלערישע מערדערס און זייערע צוהעלפערס, זענען צעשפּרייט און צעזייט איבער פרעמדער גלות־

ערד. האָבן מיר אויפגעשטעלט פאַר זיי אַ מצבה — אַ דענקמאָל פון בוך־בלעטער וואָס דערציילט, אויף דורות אַרויס, וועגן לעבן און אונטערגאַנג פון אונדזער הייליקער קהילה.

די טרויעריקע היטלער־מלחמה האָט געמאַכט אַ סוף צו דער געשיכטע פון יידן אין פּאַריסאָוו. אַלץ וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט יידיש לעבן איז דאָרט פולשטענדיק געוואָרן פאַרניכטעט. אפילו די שטיינערנע מצבות אויפן בית־עלמין זענען געוואָרן אויסגעריסן און עס איז נישט געבליבן קיין שום סימן וואָס זאָל, ווען עס איז, קאָנען דערציילן וועגן לעבן פון יידן אין פּאַריסאָוו. אַזוי שלימותדיק איז געווען די פאַרטיליקונגס־אַרבעט פון די דייטשע וואַנדאַלן, ביי דער גוטווילקער און פאַררעטערישער מיטהילף פון דער אָרטיקער, נישט־יידישער באַפעלקערונג מיט וועלכער מען האָט דורות־לאַנג געלעבט צוזאַמען.

ווען דעריבער בלויז דאָס בוך וואָס מיר דערלאַנגען אייך, ליבע פּאַריסאָווער לאַנדסלייט אין ישראל און אין דער וועלט, בלייבן די איינציקע, לעבעדיקע מצבה וואָס איז נאָך אין שטאַנד אונדז צו פאַרבינדן מיטן שטאָם, מיט דעם וואָס האָט אַ מאָל זיך גערופן — פּאַריסאָוו. מיר גלייבן אויך, אַז דאָס מאַטעריאַל וואָס איז פאַראַן אין ספר, וועט ברענגען נוצן סיי דעם היסטאָריקער און סיי דעם פאָרשער פון יידישן עבר אויף פּוילישער ערד.

און לאָמיר צוגעבן: אונדזער ספר איז נישט געוואָרן געשריבן דורך שרייבערס, צי פאָרשערס. דאָס גאַנצע מאַטעריאַל איז געוואָרן פאַרצייכנט און אָנגעשריבן דורך פשוטע פאָלקס־מענטשן וואָס האָבן געהאַט פאַר זיך איין ציל: איבערלאָזן פאַר דער צוקונפט אַ זכר נאָך זייער חרובער היים.

* *
*

— — — געווען אַ מאָל אַ יידישע קהילה אין פּאַריסאָוו. זי האָט אין פאַרשידענע צייטן זיך געראַנגלט פאַר איר פיזישן קיום און פאַר איר גייסטיקן יחוד. זי האָט געהאַט אויסצושטיין גזירות און רדיפות, און איז זיי בייגעקומען. אין פריערדיקע צייטן — מיטן כוח פון אמונה און חסידישער דערהויבנקייט, מיטן כוח פון יראת־שמים פון אירע פשוטע יידן. און אין שפּעטערע צייטן, אין אָנהייב פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט — אויך מיטן כוח פון אויפבליענדיקע סאָציאַלע אידעען, פון ערלעכן גלויבן אין אַ מער גערעכטער וועלט, און — מיטן כוח פון דער גרויסער בשורה, פון נאַציאָנאַלער אויפוואַכונג.

* *
*

מיט גרויס יראת הכבוד עפענען מיר אונדזער יזכור־ספר. אונדזער נאָענטער און ווייטער עבר גייט אויף פאַר אונדזערע אויגן אין אַלע זיינע

רעגנבויגן קאָלירן. אָט זענען זיי — די גייסטיקע פּירערס וואָס האָבן, במשך לאַנגע צייטן, געפורעמט דאָס לעבן אין שטעטל; די פרומע, אָפּעהיטענע יידן: די ארבעטער און בעל־מלאכות וואָס האָבן געלעבט ערלעך און שווער געהאָרעוועט אויף זייער שטיקעל ברויט; אידעאַליסטן, וועלכע האָבן געגלייבט אין אַ נייעם סדר אויף דער וועלט וואָס דאַרף ברענגען גליק דער מענטשהייט; קעמפּערס פאַרן סאָציאַליזם אין אַלע זיינע פאָרמען; ציון־טרוימערס און יונגע חלוצים וואָס האָבן געגעבן זייער חלק פאַרן יידישן נאַציאָנאַלן אויפקום אין אַלט־נייעם פּאַטערלאַנד.

די אַלע גייען פאַר אונדז אויף אין בוך, מיר זעען זיי אין זייער לעבן און אינעם קאַמף, אין זייער שבתדיקייט און אין זייער וואָכעדיקייט, ביז... ביז עס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט די שווערד, און זיי פאַרשניטן.

ווייסן מיר, אַז ימים טרערן וועלן פאַרגאָסן ווערן בעתן לייענען דאָס ספר. נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל וועלן מיר איבערלעבן דעם קאָשמאַר, די טראַגעדיע פון אונדזערע טייערע, און ווידער וועלן מיר זיי באַגלייטן אין זייער לעצטן וועג.

דאָס בוך ברענגט אונדז נישט קיין טרייסט. אַ יזכור־בוך איז נישט קיין נחמה. אָבער אַ דאַנק דעם ספר שליסן מיר אַ בונד מיט אונדזער אייגענער פאַרגאַנגענהייט, און באַזונדערס מיט די קדושים וואָס זענען אומגעקומען, נאָך איידער די זון פון גאולה האָט אָנגעהויבן אויפשיינען פאַרן געפּייניקטן יידישן פאָלק.

אַ בונד — פאַראייביקט אויף בלעטער, געשריבענע מיט ווייטיק, מיט בריענדיקע טרערן, מיט בלוט.

דאַרפן לייענען דאָס בוך נישט בלויז מיר אַליין, נאָר אויך אונדזערע קינדער און קינדס־קינדער, עד סוף כל הדורות. מיר דאַרפן זיי מצרף זיין צום געשלאָסענעם בונד מיט דער פאַרגאַנגענהייט, מיט אבות־אבותינו, מיט אַלץ וואָס איז געווען און וועט נישט מער זיך אומקערן. ווען מיר וועלן אַזוי טאָן, וועלן מיר אויך טאָן אַ חסד מיט די נשמות פון די הייליקע וואָס זענען אומגעקומען אויף קידוש השם והאומה.

חלק ראשון

תולדות העיירה, אדמורי"ה ורבניה של פוריסוב

*

ערשטער טייל

די געשיכטע פון שטעטל, די רביים און רבנים פון פאָריסאָוו

י. לדרייך

רשימות קצרות על הישוב היהודי בפוריסוב *

דברי ימי הישוב היהודי בפוריסוב מתחילים, כנראה, בסביבות שנות השלושים של המאה הקודמת. עד אז היתה פוריסוב כפר קטן ובו התגוררו משפחות יהודיות בודדות. הואיל ולא היה מנין גברים יהודיים בכפר, היו יוצאים לשבת לכפר חאין הסמוך, שם התגורר חוכר יהודי שהיה לו ספר־תורה. בביתו התפללו בציבור יהודי חאין ופוריסוב.

בימים ההם אף לא היה בפוריסוב בית־קברות יהודי וכל נפטר הובל לשניצה, שם היה בית־קברות.

הרבי ר׳ אשרל והתפתחותו של הישוב היהודי בפוריסוב

מספר היהודים בפוריסוב גדל בעקבות בואו של הרבי ר׳ אשרל, בנו של „היהודי הקדוש״ מפשיסחא, להתיישב בפוריסוב. ר׳ אשרל היה רבה של העיירה ז׳ליחוב, אך נמלט משם עקב המחלוקת החריפה שהתלקחה בין המתנגדים והחסידים. אצל יהודי פוריסוב מצא ר׳ אשרל מקום־מנוחה. הם קיבלוהו בחמימות, ביקשוהו כי ישאר אצלם וישמש להם רב, בהבטיחם לו החזקה מליאה.

ר׳ אשרל נשאר בפוריסוב וחסידיו החלו נוהרים אליו. רבים מהם נשארו לגור במקום, כדי להמצא תמיד בקירבתו. האוכלוסיה היהודית בפוריסוב גדלה והלכה, וכעבור זמן קמה קהלה יהודית עצמית.

הרוזן ארלאנד תורם שני מגרשים לקהלה היהודית בפוריסוב

הרבי ר׳ אשרל מצא חן בעיני הרוזן המקומי אֶרלאַנד. הלה, לכשנודע לו שהישוב היהודי בפוריסוב זקוק לבית־כנסת, הביע לפני הרבי את נכונותו לתרום בשביל הקהלה שני מגרשים, אחד — להקמת בית־כנסת, ואחד — לבית־קברות יהודי. הרוזן אֶרלאַנד ביקש תמורת המתנה, שהרבי יבטיח לו, שכאשר ימות, ילכו הרבי ויהודי־העיירה אחרי הלווייתו כשהם חובשים כיפות לראשיהם.

---

* את הפרטים הנ״ל קיבלתי, עדיין בשנת 1930, מנחמיה פרבר הישיש.

הרבי ר׳ אשרל קיבל על עצמו, ובשם הקהלה, לקיים את בקשתו, והרוזן מסר לקהלה את שני המגרשים. לאחר זמן ניגשו לממש את תוכנית הקמת בית־הכנסת. הרבי התחיל לאסוף כספים בקרב חסידיו. גם יהודי העיירה תרמו, איש איש כפי יכולתו.

בניית בית־הכנסת

יום הנחת אבן הפינה של בית־הכנסת, היה יום חג ליהודי פוריסוב. השתתפו בה אנשים רבים, יהודים ולא יהודים. הרוזן אָרלאַנד חתם במעמד החגיגה, יחד עם הרבי, על חוזה בו היה כתוב שהוא מוסר במתנה לקהלה היהודית בפוריסוב, שני מגרשים: אחד לבניית בית־כנסת, ואחד — לבית־קברות.

בניית בית־הכנסת נמשכה תקופה ארוכה. תוך זמן זה נפטר הרבי ר׳ אשרל, ובנו רבי יעקב צבי היה לממלא־מקומו. רבי יעקב צבי המשיך בעבודת הבניה. הוא גם הקים את המקווה בפוריסוב. בעת שבתו על כסא הרבנות בעיירה, גדל והלך הישוב היהודי. חסידיו באו לעיירה לשבתות ולחגים. העיירה פוריסוב בלטה בחשיבותה בקרב ישובי הסביבה ושמה הלך לפניה בפולין כולה.

איטשע לעדערייך

קורצע נאָטיצן וועגן יידישן ישוב אין פּאָריסאָוו*

די געשיכטע פון יידן אין פּאָריסאָוו הייבט, וואַרשיינלעך, זיך אָן פון יאָר 1830, בערך. ביז יענער צייט איז פּאָריסאָוו געווען אַ קליין דערפל אין וועלכען עס האָבן געוווינט געציילטע יידישע משפחות. עס איז דעמאָלט אפילו נאָך נישט געווען קיין מנין מענער אויף צו קאָנען דאַווענען בציבור. האָט מען אין דער וואָכן געדאַוונט ביחידות, און אויף שבת, זענען די געציילטע פּאָריסאָווער יידן אַוועק אין נאָענטן דאָרף כאַין, וווּ עס האָט געוווינט אַ יידישער אַרענדאַר וועלכער האָט געהאַט אַן אייגענע ספר־תורה. ביי אים אין שטוב האָבן געדאַוונט די פּאָריסאָווער און כאַינער יידן.

צו יענער צייט איז נאָך אין פּאָריסאָוו נישט געווען קיין בית־הקברות. אַ יידישן נפטר האָט מען געפירט קיין שעניצע, וווּ עס האָט זיך געפונען אַ הייליק־יידיש־אָרט.

---

* די געבראַכטע פרטים וועגן דער אַנטוויקלונג פון שטעטל, האָב איך באַקומען, נאָך אין יאָר 1930, פון אַלטן נחמיה פּאַרבער.

דער רבי ר׳ אשרל און די אַנטוויקלונג פון יידישן ישוב אין פּאַריסאָוו

דער שנעלער וווקס פון דער צאָל יידישע איינוווינערס אין פּאַריסאָוו איז פאַרבונדן מיטן קומען פון רבין, ר׳ אשרל — דער זון פון „ייד הקדוש" — זיך באַזעצן אין פּאַריסאָוו. ר׳ אשרל איז ביז דעמאָלט געווען רב אין זשעלעכאָוו און איז פון דאַרט אַנטלאָפן, צוליב דער שטאַרקער מחלוקת צווישן מתנגדים און חסידים. ביי די פּשוטע יידן אין פּאַריסאָוו, האָט דער רבי ר׳ אשרל געפונען אַ מקום־מנוחה. זיי האָבן אים אויפגענומען וואַרעם, געבעטן אים צו בלייבן זייער רב, צוזאָגנדיק אים פולע אויסהאַלטונג.

ר׳ אשרל איז געבליבן וווינען אין פּאַריסאָוו, און זיינע חסידים האָבן אָנגעהויבן קומען צו אים. אַ סך פון זיי זענען שוין דערנאָך געבליבן וווינען אין שטעטל כדי צו זיין נאָענט פון רבין. די יידישע באַפעלקערונג אין פּאַריסאָוו האָט זיך געמערט, און מיט דער צייט האָט זיך געשאַפן אַן אייגענע יידישע קהילה.

דער פּריץ אָרלאַנד שענקט פּלעצער דער יידישער קהילה אין פּאַריסאָוו

דער רבי ר׳ אשרל האָט נושא חן געווען ביי דעם אָרטיקן פּריץ אָרלאַנד. ווען עס איז צו אים דערגאַנגען, אַז דער יידישער ישוב אין פּאַריסאָוו נייטיקט זיך אין אַן אייגענער שול, איז דער פּריץ אָרלאַנד געקומען צום „ראַבין" און אים געזאָגט, אַז ער איז גרייט צו שענקען דער יידישער קהילה אין שטעטל צוויי ערד־שטחים פון זיינע גיטער אין פּאַריסאָוו אויף צו בויען אַ יידיש געבעט־הויז און אַ בית־הקברות. דער פּריץ האָט דערפאַר בלויז פאַרלאַנגט פונעם רבין אַ צוזאָג, אַז ווען ער, אָרלאַנד וועט שטאַרבן, וועלן, דער „ראַבין" און די יידן פון שטעטל, אָנגעטאָן אין קאַפּלען, נאָכגיין זיין לוויה.

ר׳ אשרל האָט געגעבן דעם צוזאָג, און דער פּריץ האָט איבערגעגעבן דער קהילה צוויי פּלעצער. נאָך אַ קורצער צייט איז מען צוגעטרעטן צו דער בוי־אַרבעט. דער רבי אַליין האָט געזאַמלט געלט פאַרן בנין פון דער שול צווישן זיינע חסידים. אויך די פּאַריסאָווער יידן אַליין האָבן געגעבן וויפל זיי האָבן געקאָנט.

מען הייבט אָן בויען די שול

דער טאָג ווען מען האָט געלייגט דעם ווינקלשטיין פאַר דער שול, איז געווען אַ יום־טוב פאַר די פּאַריסאָווער יידן. צו דער פייערלעכקייט זענען געקומען אַ סך מענטשן, יידן און קריסטן, און אויך דער פּריץ אָרלאַנד. דער רבי ר׳ אשרל און דער פּריץ האָבן געחתמעט אויף אַן אָפּמאַך אין וועלכן עס איז געווען געשריבן, אַז דער פּריץ שענקט אוועק דער קהילה אין פּאַריסאָוו צוויי פּלעצער אויפצובויען אַ שול און אַ בית־הקברות פאַר די „סטאַראָזאַקאָננעך".

דער דאָזיקער דאָקומענט איז איינגעמויערט געוואָרן אין צפון־מערב־ווינקל פון פונדאַמענט.

אַ סך יאָרן האָט געדויערט דאָס בויען פון דער שול. אין צווישן, איז דער רבי ר׳ אשרל נפטר געוואָרן, און זיין זון, רבי יעקב הערשעלע, איז געוואָרן דער ממלא־מקום. ער האָט ממשיך געווען צו בויען די שול און גלייכצייטיק האָט ער אויך אויפגעשטעלט אַ מקווה.

אין דער צייט ווען אויף דעם כסא־הרבנות איז געזעסן דער רבי ר׳ יעקב הערשעלע, איז דער יידישער ישוב אין פאָריסאָוו נאָך מער זיך פונאַנדער־געוואַקסן. זיינע חסידים זענען געקומען קיין פאָריסאָוו אויף שבתים און ימים־טובים. דאָס שטעטל האָט באַקומען אַנזען אין דער גאַנצער סביבה און איז באַרימט געוואָרן איבער גאַנץ פוילן.

מאיר פיינזין (ז״ל)

די ערשטע יידן אין פאָריסאָוו

מיין זיידע שלמה לייב פיינזין פלעגט דערציילן ווי אַזוי עס איז אויפגעקומען דער יידישער ישוב אין פאָריסאָוו.

ווען די ערשטע יידן זענען געקומען קיין פאָריסאָוו, איז דאָס אָרט נאָך געווען אַ קליין דערפל מיט עטלעכע הילצערנע הייזקעס, געדעקט מיט שטרויענע דעכער. די געציילטע פויערישע משפחות האָבן דאָ געלעבט אין גרויס דחקות. זיי האָבן אויפגענומען די יידן זייער פריינדלעך, גלייבנדיק, אַז מיטן באַזעצן זיך פון די „סטאַראַזאַקאָנניך״ אין זייער דאָרף, וועלן אָנקומען פאַר זיי בעסערע צייטן.

דאָס דאָרף פאָריסאָוו — אַ מרחק פון 50 קילאָמעטער פון וואַרשע — איז דעמאָלט געלעגן פאַרשטעקט צווישן געדיכטע וועלדער, און האָט אפילו נישט געהאַט קיין ברוקירטן שאָסיי. מען האָט זיך געמוזט שלעפן מיט, די אַזוי גערופענע „פוילישע וועגן״, אין טיפע זאַמדן, כדי אַריינצוקומען אין דאָרף. דאָך האָבן יידן אויסגעקליבן דאָס אָרט, און אָנגעהויבן דאָרט זיך צו באַזעצן.

ארום פאָריסאָוו האָבן זיך געפונען גרויסע דערפער אין וועלכע עס האָבן שוין געוווינט צו עטלעכע יידישע משפחות. זיי האָבן זיך דאָרט פאַרנומען מיט ערד־אַרבעט. אויך די ערשטע פאָריסאָווער יידן האָבן זיך גענומען צום

אַקער־אייזן, ווייל קיין אַנדערע מקורות פון פרנסה זענען דאָרט נישט געווען.

ווען עס איז אַראָפּגעקומען קיין פּאַריסאָוו דער ערשטער יידישער שוסטער, האָט ער געצויגן חיונה פון זיין פאַך, ווייל ער האָט אויך געאַרבעט פאַר דער גאַנצער אַרומיקער געגנט.

צו ביסלעך האָט דער יידישער ישוב אין פּאַריסאָוו אָנגעהויבן זיך צו אַנטוויקלען. די יידן האָבן אויפגעקויפט פּראָדוקטן ביי די פּויערים און זיי צעפירט איבער די נאָענטע קריסטלעכע שטעטלעך. פון דאָרט איז די סחורה איבערגעשיקט געוואָרן קיין וואַרשע.

דער עקאָנאָמישער מצב פון די יידן אין פּאַריסאָוו האָט כסדר זיך געבעסערט, און זיי האָבן אָנגעהויבן בויען פאַר זיך אייגענע הייזער. קיין געהילץ האָט נישט געפעלט, און עס האָט אויך געקאָסט ביליק. מיט דער צייט האָט זיך געעפנט די ערשטע יידישע קראָם אין פּאַריסאָוו וואָס האָט געהאַט צו פאַרקויפן כלערליי סחורות. די פּויערים זענען געווען צופרידן: זיי האָבן נישט געדאַרפט מער פאָרן קיין זשעלעכאָוו, צי קיין גאַרוואָלין איינקויפן די זאַכן וואָס זיי האָבן געדאַרפט. זיי האָבן געקאָנט זיי קריגן אין פּאַריסאָוו גופא.

* *
*

דעם יונגן יידישן ישוב האָט שפּעטער באַצירט אַ פּרעכטיקע שול וואָס איז געווען די העכסטע געביידע אין שטעטל. זי האָט געהאַט דריי אָפּטיילונגען: די אייגנטלעכע גרויסע שול, די קליינע שול, און דער „עזרת־נשים" (דער „עזרת נשים" אַליין איז געווען איינגעטיילט אין צווייען: איינער — אין פּאַרטער, פאַר עלטערע פרויען וואָס קאָנען נישט גיין אויף שטאָקן, און איינער — אויפן ערשטן שטאָק). די שול האָט אין אַלע פיר זייטן געהאַט פענצטער, און במילא איז דאָרט געווען אַ שפע מיט ליכט. דער באַלעמער אין מיטן שול איז געווען וווּנדערלעך שיין.

די שול און דעם רבינס הויף זענען געווען דאָס צירונג פונעם שטעטל.

עס דאַרף אויך צוגעגעבן ווערן, אַז כמעט גאַנץ פּאַריסאָוו האָט במשך אַלע צייטן זיך אויסגעלעבט חסידיש־פרום. ביזן אָנהייב פון צוואַנציקסטן יאָר־הונדערט, האָט מען נישט געזען אין שטעטל אַ ייד אָן אַ הוט אויפן קאָפּ, צי אפילו בלויז קורץ געקליידעט.

שלמה אשכנזי / תל־אביב

אדמו״ריה ורבניה של פוריסוב

העיירה פוריסוב, מוניטין יצאו לה בגין אדמו״ריה שישבו בה ושימשו גם בכתר־הרבנות במקום. החסידים שהיו נוהרים בהמוניהם אל הרבי, אם כדי לשאול בעצתו ואם כדי להימצא במחיצתו בשבת או במועד — הם הם שפירסמו את שמה של פוריסוב בפולין כולה, ואף מעבר לגבולה.

— — — היו אלה צאצאיו של „היהודי הקדוש" זצ״ל מפשיסחא שפיארו את העיירה ושירתו את הקהלה היהודית ששכנה בלבה של פולין, לא הרחק מעיר־הבירה, וורשה.

„היהודי הקדוש" ושושלתו בפוריסוב

„היהודי הקדוש" זצ״ל נולד בשנת תקכ״ה, לאביו ר׳ אשר, בן הרב ר׳ אלחנן זצ״ל (מגזע בעל ה„שיטה מקובצת", הלבושים, הרבי ר׳ השיל, ועוד), ולאמו דבורה מאטיל. שמו בישראל היה: יצחק, ורק בגיל למעלה משלושים שנה, הוסיפו לו את השם יעקב — בעקבות מחלה קשה שפקדתו.

בצעירותו למד בפשדבוז׳, בישיבה שבראשה עמד הגאון ר׳ אריה לייב הלפרין — בעל חידושי המר״א. כשראש הישיבה עבר לאפטא, לנהל שם ישיבה, עבר אף הוא בעקבותיו לעיירה זו. באפטא נשא אשה, והיה סמוך על שולחן חותנו. כשהלה פסק מלפרנסו, היה למלמד. עם התמנותו של הגאון ר׳ אריה לייב הלפרין לרבה של סוחצ׳וב, היה „היהודי הקדוש" לראש הישיבה ושמע למדנותו המופלגת נתפרסם בעולם התורה.

באותו זמן, בערך, הגיעו לאפטא הצדיקים ר׳ משה לייב מסאסוב ורבי דודל מללוב. בהשפעתם התחיל להתנהג בדרכי החסידות ואף נסע ל„חוזה" מלובלין אשר קירבו מאוד. מאפטא עבר „היהודי הקדוש" לגור בפשיסחא. שם התלקטו סביבו לומדים, עילויים וחריפי־מוח. „היהודי הקדוש" לא הסתפק בשיטת ה„חוזה" מלובלין. בגודל גאוניותו, מיזג את עמקות לימוד־התורה עם הפנימיות שבחסידות, ביוצרו אסכולה חדשה בחסידות. חסידות לובלין קיבלה גוון חדש — גוון פשיסחא, בהנהגתו של „היהודי הקדוש".

אשתו הראשונה פייגלה שילדה לו את בנו בכורו ר׳ ירחמיאל ושתי בנות מתה כשהוא עדיין היה סמוך על שולחן חותנו. חמיו וחמותו נסעו להיוועץ בצדיק ר׳ לוי יצחק מברדיצ׳ב — ששהה אותה שעה בוורשה — אם לתת לחתנם את בתם השניה לאשה. בקבלם את ההסכמה לכך, השיאו את בתם שינדלה לו לאשה וזו ילדה לבעלה שני בנים: ר׳ יהושיע אשר ור׳ נחמיה.

האדמו״ר ר׳ יהושיע אשרל

האדמו״ר ר׳ יהושיע אשר זצ״ל — או כפי שנקרא בפי כל: ר׳ אשרל — בנו השני של „היהודי הקדוש״ (תקס״ד—תרכ״ב), היה תחילה אב״ד בעיירה ז׳ליחוב. בעקבות המחלוקת שפרצה שם בין מתנגדים וחסידים, עזב את המקום, וזמן־מה שימש רבה של העיירה שניצה, הסמוכה לפוריסוב. בשנת תרי״ב, נתקבל כאב״ד בפוריסוב. סביבו התלכד חוג מצומצם ומובחר של חסידים.

בתקופה ההיא היתה פוריסוב קהלה יהודית קטנה, ואנשיה — ברובם עניים. הרבי התפרנס בעיקר, מהיהודים שגרו בכפרי־הסביבה, על־פי־רוב — חוכרי שדות אצל בעלי־האחוזות, או קוני־התוצרת החקלאית שלהם. יהודים אלה, היו תמימים עם ה׳ ואדם, בעלי־לב טוב ונותני־צדקה. היות והפרנסה היתה אצלם מצויה יותר מאשר אצל תושבי־העיירות, היו הם מביאים לבית־הרב מצרכי־מזון שונים (חלב, קמח, פירות, ביצים, וכו׳). את המצרכים שנותרו בבית היתה הרבנית — בת הגאון ר׳ נפתלי הרץ מלבוב, מגזע גאונים ורבנים — מוכרת בשווקים, בסביבה.

על אף עזרת אשתו בפרנסה, ועזרתם של החסידים, חיה משפחת הרב בדחקות גדולה שקשה לתארה. כפי שמספרים, היו המיטות שעליהן שכבו הרב ובני־ביתו עשויות מחבלים שנמתחו מקצה אחד של החדר למשנהו ועליהם הונחו מזרונים מקש. גם הכרים לא היו ממולאים נוצות, כי אם קש. אגב, כל דירתו של ר׳ אשרל, רבה של פוריסוב, היתה בת שני חדרים. אחד שימש חדר־בית־דין ומקום לינה לילדים, ואחד — מטבח וחדר־מיטות.

למרות עניותו הגדולה, היה מפריש מעשר בשביל עניי־ארץ־ישראל.

* * *

לר׳ אשרל היו ארבעה בנים ובת אחת: ר׳ יעקב צבי, ר׳ אריה מרדכי (שעלה ארצה ישראל בהסכמת אחיו ובתמיכתם), ר׳ אברהמלה (שמו המלא: ר׳ אברהם דוד נפתלי ירחמיאל), ר׳ מאיר שלום, ורייזל, שנישאה להרב משה אליקים בריעה זצ״ל — נכדו של המגיד מקוז׳ניץ.

רבה הראשון של פוריסוב ר׳ אשרל, נפטר כ״ה אייר תרכ״ב.

האדמו״ר ר׳ יעקב צבי — רבה השני של פוריסוב

כבר בקטנותו, התנהג ר׳ יעקב צבי בקדושה ובטהרה ובהתמדה בלימודים. כמעט מדי יום היה טובל במקווה, ולפעמים — גם באמצע הלילה. אביו הקדוש היה אומר עליו שאיננו „פועל בטל״ והוא ממש עוסק בתורה ובעבודה.

בהגיעו לפרקו, נשא לאשה את שרה יוטא בת הרב ר׳ שלמה הלפרין מפינצ׳ב, שהיה בנו של הרב ר׳ מנחם מטורבין. שנים אחדות היה סמוך על שולחן חותנו והתמסר כולו לתורה ולחסידות. התמדתו בלימודים, והתפילות

שנהג להאריך בהן, החלישו אותו מאוד. פעם, בהיותו עדיין סמוך על שולחן חותנו, חלה קשות. אמו, הרבנית לאצ'ה ז"ל, הגיעה לפינצ'ב לבקרו. בראותה כי מצב בריאותו קשה, נבהלה והפליטה: „ראש תחת ראש". בבואה חזרה לפוריסוב, סיפרה לבעלה, מרן הרה"ק ר' אשרל, על מצבו של הבן, ועל המלים שהוציאה מפיה. הרבי השיב לה מניה וביה שלמעשה רצה בעצמו לומר זאת, אלא שהיא הזדרזה והקדימתו. אכן, הרבנית של פוריסוב נפטרה מיד לחיי־עולם.

* *
*

בימי עלומיו, נסע ר' יעקב צבי לדודו, אחי־אביו, האדמו"ר ר' נחמיהלה זצ"ל מביחוב. קיבל גם תורה מהצדיק רבי ישכר בר מרדושיץ שהיה הראשון שהסמיכו לאדמו"רות. אחרי־כן נסע לאדמו"ר ר' אלעזר מקוזניץ (בנו של המגיד מקוז'ניץ) והתקשר אליו מאוד, הוקירו והעריצו. כן היה מתלמידיו של ר' נתן דוד משידלובצה ושל ר' ישעיה מפשדבוזש. לאחר פטירת האדמו"ר ר' אלעזר מקוז'ניץ, קיבלו רבים מחסידיו את מרותו. במשך הזמן נתווספו עליהם אלפי חסידים (כך למשל מספרים שבראש השנה האחרון לחייו, היו במחיצתו, בפוריסוב, למעלה מחמשת אלפים חסידים שהגיעו מכל קצוי־הארץ).

בתחילה, ידע רבי יעקב צבי, כאביו, חיי־עוני ומצוקה. אשתו הרבנית היתה עוזרת לו בפרנסה. אף היא היתה מוכרת בשווקים מצרכי־מזון שנותרו לה מאלה שהיתה מקבלת מחוכרים יהודיים בסביבה. ברם, אחרי שהוכתר לאדמו"ר, השתפר המצב הכלכלי בביתו, בנה לעצמו בנין גדול, בית־מדרש ומקווה־טהרה. בתמיכתו ובעזרתו הרבה, הוקם בית־המדרש הפוריסובאי, וכן המשיך בבניית בית־הכנסת הגדול שלא זכה לסיימו.

בתקופת כהונתו, התרחבה העיירה והתפתחה. הודות ל„חצר" נוצרו בפוריסוב מקורות־פרנסה חדשים: נפתחו אכסניות לחסידים אשר היו באים לפוריסוב ובעלי־העגלות בעיירה ביססו לא במעט את פרנסתם על הובלת חסידים אל הרבי, וממנו — לתחנת הרכבת, או לעיירות הסביבה.

* *
*

האדמו"ר היה משמיע דברי־תורה בעת ה„שולחנות", בשבתות ובמועדים, וכן בהזדמנויות מיוחדות אחרות.

בשעות המעטות שנשארו לו אחרי התפילה והלימוד, התפנה ליראי־השם ולחושבי־שמו שהקיפוהו בעניני־שמיא ובמילי־דעלמא. בעקבות זאת נאלץ היה למסור את כל עניני הקהלה לטיפולו של חסידו הנלהב, ר' ישראל ישעיה פירוביץ' — מו"צ בפוריסוב. ר' ישראל ישעיה רשם גם חלק זעיר מתורותיו ופירסמם בשנת תרנ"ה, בספר „עטרה לראש צדיק". בהקדמתו לספר, אומר המחבר שמילא בזה את משאלת האדמו"ר זצ"ל בחייו (אחד הותיקים של חסידי

פוריסוב, הנדבן ר׳ שלום צ׳רבונוקמיאָן, הדפיס, בשנת תשכ״ה, מהדורה חדשה של הספר הנ״ל).

הרבה משיחותיו של האדמו״ר ר׳ יעקב צבי, מצויות גם בשלושת הלקי „אמרי יהושע״ לבנו האדמו״ר מקולבייל, ב„נהר שלום״ — לאחיו האדמו״ר מקלושין, ב„זכותא דאברהם״ — לאחיו, האדמו״ר ר׳ אברהמלה מפוריסוב, בספרים „ויקהל משה״, „דרך צדיקים״ ועוד.

* *
*

לאדמו״ר ר׳ יעקב צבי היו שתים עשרה בנות ובן אחד. הולדת הבן היחיד אצל האדמו״ר ר׳ יעקב צבי, עוררה התרגשות רבה בקרב החסידים. אדמו״רים רבים באו לשמחת ברית־מילה וביניהם היה גם רבי שמלקה רוקח (בנו של ר׳ משה מקוריב ונכדו של רבי שלום, האדמו״ר הראשון מבלזא) — חתנו של ר׳ אלעזר מקוז׳ניץ שהיה רבו של רבי יעקב צבי מפוריסוב. ימים אחדים אחרי הברית נכנס רבי שמלקה להיפרד מרבי יעקב צבי, אך הוא יעץ לו להמתין עוד ימים מספר. כתום ימים אחדים, נכנס רבי שמלקה שוב להיפרד, ושוב ביקשו האדמו״ר מפוריסוב להמתין מספר ימים. באופן זה נשאר רבי שמלקה בפוריסוב במשך שלושה שבועות.

יום אחד נכנס רבי שמלקה לאדמו״ר וסיפר לו כי קיבל הודעה ע״י שליח שאשתו ילדה לו בת. „מזל־טוב״, „מזל־טוב״ — איחל לו האדמו״ר — שתזכה לגדלה לתורה, לחופה ולמעשים טובים״. „אכן, הוסיף, ברצוני לשאולכם, אם אתם מסכימים להיות המחותן שלי ולארס את בתכם לבני יחידי?״ בשמחה רבה הסכים הרבי מקוז׳ניץ להצעה המפתיעה שבתו בת שלושת הימים תהיה לכלה של בנו של האדמו״ר — אורי יהושע אשר אלחנן, שהיה כבר בן חודש ימים.

* *
*

הרב הצדיק ר׳ יעקב צבי, רבה של פוריסוב, היה מפורסם כגאון וגדולי־הדור הרבו בשבחו. בין האלפים שהיו נוהרים אליו לשמוע תורה מפיו ולקבל הדרכתו, היו גם רבנים, למדנים, ויודעי ח״ן. בדרכו בעבודת השם היה מושפע משיטתו של סבו „היהודי הקדוש״. תפילתו היתה באיחור זמן, בהתלהבות ובדביקות. תמיד היה מוקף חבורת אברכים מופלגים בתורה, אותם הדריך בזכות המחשבה ובהתעמקות בנשמת־החסידות. שיטה זו מצאה את ביטויה באימרתו: „תמשלו במחשבותיכם, וממילא יהיו דיבוריכם ומעשיכם רצויים לפני ה׳״.

גדולה היתה מידת אהבת ישראל שלו, והיא באה לידי הגשמה בחיי יום־יום.

יום אחד, באו אליו כמה בעלי־בתים מעיירה סמוכה לפוריסוב כדי לבקש את הסכמתו ואישורו להעביר שוחט מעבודתו משום שהגיע לזקנה. משנודע לו שהשוחט עדיין חזק ובריא וידיו אינן מרתתות, אמר להם שזקנה

אינה סיבה מספיקה כדי להעביר שוחט, והא ראיה: יוחנן כהן גדול שימש בכהונה גדולה שמונים שנה וביום הכיפורים הרי היה הכהן הגדול בעצמו מקריב את הפר.

הרה"צ ר' יעקב צבי זצ"ל עסק בצומות, סיגף את עצמו, אך, יחד עם זאת, שלל את העצבות והטיף לשמחה המביאה להתעלות רוחנית והמתקת הדינים. בשם זקנו „היהודי הקדוש" זצ"ל אמר ששבירת הלב הינה אמנם תועלת למידות טובות ובעיקר לענווה, אבל אם היא מביאה את האדם לידי עצבות, אז הקדוש־ברוך־הוא — שהוא „הרופא לשבורי־לב — מחבש לעצבותם".

פעם פירש את מאמר חז"ל: „משנכנס אב ממעטין בשמחה" — כן, „ממעטין", אבל גם זה ב„שמחה".

האדמו"ר ר' יעקב צבי הרבה לדבר על קדושת ארץ־ישראל, שהיא מקום השכינה, וכן, על מעלת הישיבה בארץ־ישראל, יען כי רק שם אפשר להגיע להשגה הנכונה והשלימה. משאת נפשו היתה לעלות לארץ־ישראל, כצדיקים קדמונים, אך סיבות שונות מנעו ממנו להוציא לפועל שאיפה זו. יצויין, שביום בו ביקר בביתו יהודי מארץ־ישראל, היה אצלו ממש חג. אורח כזה היה הרבי מושיב על ידו ומכבדו בכיבודים שונים.

על שולחנו עמדה תמיד קופסת־פח גדולה, נעולה על מנעול וחריץ במכסתה. כל מי שבא בצל־קורתו, וכן כל מי שפנה אליו, שילשלו כסף לתוך הקופסה. כסף זה היה קודש לישוב ארץ־ישראל.

האדמור ר' יעקב צבי זצ"ל נפטר ביום ה' פ' ויגש, ב' טבת, שנת תרמ"ט ומנוחתו כבוד בבית־העלמין בפוריסוב. להלווייתו באו, מקרוב ומרחוק, רבבות יהודים, ביניהם — אדמו"רים, רבנים וגדולי־תורה. האדמו"רים רבי מאיר יחיאל הלוי מאוסטרובצה, רבי אלתר מוולברום ורבי פנחס זצ"ל מקונסק טיפלו בהורדת קרש משולחן שעליו למד הנפטר הגדול והוא צורף ל„ארון" שהוכנס לקבר אשר נכרה ליד קבר אביו, האדמו"ר רבי יהושע אשר זצ"ל. על קברו הקימו „אהל", ויהודים רבים היו באים תכופות לשם, בעיקר — ביומא דהילולא.

האדמו"ר השאיר אחריו צוואה לבני־פוריסוב בענין השלמת בית־הכנסת והיא הודפסה, אחר כך, בחלק ג' של „אמרי יהושע". לשון הצוואה היא כדלהלן:

ב"ה, גודל בקשתי מבני עירי, ד' עליהם יחיו'

היות באתי בשנים ואנוש לא ידע ועוד שהי' ביכולתי הי' מגמתי מאוד עבור בית הכנסת הקדושה נא מאוד תגמלו את נשמתי הטוב לגמור כל הצורך לתקן הצורך בהבנין וברצפה ולעשות חצר כראוי ואתם עשו כל עבודתכם לשם שמים ותרבו השתדלות ואולי יהא טובה לנשמתי ותזכרו אשר הייתי משרת אתכם בקודש וכמדומה לי ששמשתי באמונה ובאם ח"ו חטאתי נגד מי מכם נא למחול לי בלב שלם והדבר אשר אני מעמים עליכם העול לגמור הבנין הקדוש ע"ז אני גוזר לציית אותי כי מחוייבים לעשות

רצוני ומי שאינו חושש לגזרתי בקשתי מאוד להתעמל ולהשתדל בכל עוז ובוודאי חפץ ד' בכם יצליח וביחוד בקשתי מאד את בני חביבי יחידי ואחי וחתני הרב ויתר חתני להרבות השתדלות להתאמץ בכל האפשר וא"צ להאריך כי בוודאי תמלאו רצוני בזה".

* *
*

חתניו של האדמו"ר ר' יעקב צבי היו: אחיו־האדמו"ר ר' מאיר שלום מקלושין; האדמו"ר ר' ישעי' מצ'יחוב שגר בקראקא — בנו של האדמו"ר מצנדז; הרה"ג הצדיק ר' ירחמיאל טייטלבוים — נכד בעל „השיב משה" והאדמו"ר מצנדז; האדמו"ר ר' נתן דוד מקונסק; האדמו"ר ר' משה חיים שהיה גם אב"ד בעיירה סאבין; הרב ר' שמואל ארבליך — מנכדי ר' משה לייב מסאסוב; הרב ר' יוסף הלוי, אב"ד דיוזפוב — מנכדי האדמו"ר ר' לייביש מאוז'רוב; הרב ר' מרדכי זאב הלוי הורביץ־שטרנפלד — מנכדי ה„חוזה" והמגיד מקוז'ניץ, והרב ר' אלי' חיים. האחרון, היה בנו של יהודי תמים, ירא שמים, מחסידי בעל „עטרה לראש צדיק". פעם אחת ניגש יהודי זה לאדמו"ר מפוריסוב ואמר לו: „יש לי בן ירא־השם, תלמיד־חכם, ואני מציע אותו לחתן לבתו של האדמו"ר", ותוך כדי דיבור הוסיף: „אומרים שאם המחותן בעצמו הוא השדכן, נוהגים שלא לסרב". האדמו"ר לא סרב והרב ר' אלי' חיים, בנו של היהודי הנ"ל, היה לחתנו של האדמו"ר.

* *
*

הרבנית שרה יוטא, אשת האדמו"ר ר' יעקב צבי, היתה צדיקת ולמדנית. נפטרה בגיל תשעים, בכ"ו כסלו, תרע"ה.

ר' יהושע אשר אלחנן — רבה של פוריסוב והאדמו"ר מקולבייל

לאחר פטירתו של האדמו"ר ר' יעקב צבי זצ"ל, היה בנו יחידו, רבי יהושע אשר אלחנן לרבה של פוריסוב. חלק מן החסידים שנסעו לאביו קיבלו גם מרותו כאדמו"ר, וחלק אחר התחיל לנסוע לדודו — ר' מאיר שלום, רבה של קלושין.

שנים אחדות בלבד שימש רבי יהושע אשר אלחנן כמרא דאתרא של פוריסוב. משמתו עליו שלושה מילדיו נטש את העיירה, עבר לגור בקלושין ומשם העתיק מקומו לקולבייל — מרחק של כ־12 קילומטרים מפוריסוב. את הרבנות העביר לידי דודו, אחיו של אביו, ר' אברהמלה — רבה של העיירה סטאשוב. בעת מסירת הרבנות לדודו, התנה ר' אורי יהושע אלחנן תנאי שאת כתב־הרבנות הוא משאיר לעצמו ומתי שיחזור לפוריסוב ישתייכו לו כל החזקות, כגון: סידור־קידושין, סנדקאות ועוד. בפרוץ מלחמת העולם הראשונה, ב־1914, עבר רבי יהושע אשר אלחנן לפלניץ, ומשם העתיק מקומו לוורשה.

נפטר באלול, שנת תש"א, בגיטו וורשה.

(מותה של הרבנית מקולבייל שהיתה ידועה כלמדנית גדולה, ואף ידעה עמודים שלמים של „זהר" בעל פה, הינו אקט של התעלות נפשית יוצאת מהכלל. הדבר היה בעת חיסול גיטו וורשה. משנודע לה כי הגרמנים מתקרבים לביתה כדי להעבירה ל„אומשלאגפלאַץ", הדליקה נרות וביקשה מיהודי אחד שיאמר לעילוי נשמתה „אל מלא רחמים". אחרי כן התחילה לזעוק בקול גובר והולך „שמע ישראל". על יד שער ביתה, הפילה עצמה על הארץ וזעקה: „אני רוצה לבוא לקבר ישראל". כמו כן ז:מ:יכה בקול רם: „שמע ישראל ד' אלוקינו ד' אחד". גרמני טמא ניגש ותקע בה פגיון. הוא ירה בה, כשנשמתה יצאה ב„אחד". הרבנית זכתה לבוא לקבר ישראל).

* *
*

ר' אברהמלה מסטאשוב, רבה של פוריסוב, נסע לבעל ה„שפת אמת" כחסיד־חבר. לאחר פטירתו של ה„שפת־אמת" זצ"ל באו אליו כמה מאות חסידים לקבל מרותו.

הרב התאהב על העיירה ותושביה העריצוהו מאוד.

נפטר בשנת תרע"ב.

לאחר מותו, התלקחה מחלוקת בקשר לכסא־הרבנות בפוריסוב. בנו של האדמו"ר מקלושין טען לזכות כסא־הרבנות, אם לעצמו, ואם לאחיו — ר' שמואל מרדכי הי"ד. מאידך, רצו אחרים, וביניהם, רבים מתושבי פוריסוב, כי יתמנה לרב, בנו של ר' אברהמלה מסטאשוב — ר' יהושע אשר. בסופו של דבר, תוך כדי ריב אחים גדול, נתמנה האחרון לרבה של פוריסוב.

ר' יהושע אשר נפטר בשנת 1935, ולרבה של פוריסוב נתמנה בנו — ר' יעקב צבי. הוא נפטר בגיטו פוריסוב. ממלא מקומו ורבה האחרון של העיירה הנחרבת היה ר' דוד שלמה מורגנשטרן, בנו של הרב מוישקוב וחתנו של ר' יצחק מנדל גולדמן, הי"ד, — בעל האחוזה בפשונקה.

יצחק אלפסי

שני סיפורים על רבה של פוריסוב — רבי יעקב צבי זצ״ל *

א.

„— — — סיפר רבי יעקב צבי מפאריסוב, מחבר „עטרה לראש צדיק״ ונכדו של „היהודי הקדוש״ מפשיסחא, על בקורו הראשון בראדושיץ וספורו אופייני לדרכי חינוכו המעמיק והחודר של ה„סבא הקדוש״ (הכוונה למייסדה של שושלת ראדושיץ — רבי ישכר בער זצ״ל — העורך). כשעמדתי על דעתי — כך סיפר רבי יעקב צבי — והחילותי לנסוע אל צדיקי הדור, היתה ראשית דרכי אל ה„שרף״ רבי חיים מאיר יחיאל ממוגלניצא, נכדו של המגיד מקוז׳ניץ. כנכדו של ה„יהודי הקדוש״, נתקבלתי בהתלהבות על ידי חסידי מוגלניצא ועל ידי הרבי בעצמו. הוראה מפורשת יצאה מהרבי עצמו: לנהוג בי כבוד. לא לדחפני, לא לסנוט בי, לתת לי לעמוד ליד השולחן. שפר עלי גורלי. אולם, הרגשתי כי לא זו הדרך. קירבה כזאת לא תעצב את דמותי, לא תחנכני לשלמות. החלטתי לנסוע אל ה„סבא הקדוש״ מראדושיץ.

הגעתי לראדושיץ. כניסה לרבי — מאן דכר שמיה. תור גדול של אנשים עומד ומחכה לכניסה אל הרבי. כשהצלחתי להכנס אל הרבי, אחרי מאמצים מרובים, לא נשאלתי כלל לפרטים ביוגרפיים וליחוסי. ה„סבא הקדוש״ נתן בי מבט חודר עד שהרגשתי אברי מתפוקקים. ישות של קדושה תקפתני. חשתי בכל חסרונותי ובכל מעשי הרעים, ורצון כן לחזור בתשובה שלמה — אפפני. באותו רגע החלטתי: כאן מקומי. זהו הרבי!

מאז — סיים רבי יעקב צבי — היה כל ביקור וביקור בראדושיץ כדוגמת ביקורי הראשון. לא נשאלתי על אכסניתי ועל שלומי. תמיד־תמיד רק חיצים נזרקו אלי. חיצים שחינכוני חינוך עמוק ויסודי, שעיצבו דמות של חסיד, שואף לשלמות. עד היום אוחזתני פלצות ופחד בעלותי לפני את דמותו של מורי ורבי ה„סבא הקדוש״.

עד כמה מתירא היה רבי יעקב צבי מהדרת כבוד רבו, תעיד העובדה הבאה: כשביקר פעם רבי יעקב צבי בראדושיץ, יחד עם אביו רבי יהושיע אשר מזעליחוב, נכנסו בצוותא אל הרבי. עמד רבי יעקב צבי ברטט ובזיע. קרא לו אביו רבי יהושע אשר וביקש לכופף את ראשו, כדי שהרבי יוכל לברכו. גילה רבי יעקב צבי: עמדתי כל כך נרעד עד שמרוב פחד לא יכלתי להזיז את ראשי״.

---

* יצחק אלפסי, „הסבא הקדוש״, עמודים: 165—164, 168—167.

ב.

„רבי יעקב צבי נהג לספר שהוא הוכתר לאדמו״ר על ידי ה„סבא הקדוש״. מעשה שהיה כך היה. כשבא רבי יעקב צבי, באחד מבקוריו הראשונים, לראדושיץ, קשה היה לו להכנס אל בית הצדיק, כי ראדושיץ היתה עמוסה באורחים לאלפים. היה צורך לחכות זמן וזמנים עד שהתאפשרה הכניסה אל הרבי.

נתמזל מזלו ובאותו היום הגיע אביו, רבי יהושע אשר, לראדושיץ. כשהגיע רבי יהושע אשר, נקרא מיד אל בית הרבי. מילתא זוטרתא, בנו של ה„יהודי הקדוש״! בזכותו של רבי יהושע אשר ולפי בקשתו נקרא גם בנו רבי יעקב צבי, ה„פינטשובאי״, כפי שקראו לו אז. יצא רבי יהושע אשר ונכנס רבי יעקב צבי. משאך נכנס, ניגש הרבי לעומתו ובאצבעו נענע לעבר פניו, כדרך שמאימין על תינוק — נו, נו. נתבהל רבי יעקב צבי, שהיה מתירא מרבו, כפי שכבר הוזכר, ונתעלף.

שפך עליו הרבי יין ומים והקיצו. כשהתעורר מעלפונו אמר לו הרבי כבתימה: למה זה התעלפת? נבהלת מהדב הזה? (רמז לשמו דב) הדב הזה לא עשה רעה, חלילה, לאיש.

כשיצא מחדרו של הרבי, רץ מיד אל אביו וסח לו את כל אשר אירע לו. שמח האב ואמר: דע לך, הרבי הקדוש כבר ענד לך את נזר האדמו״רות. („ער האט שוין אהן גיהאנגען דאָס גלעקעל. דו וועסט שוין זיין א׳רבי״).

אהרן זיגלמן

פרטים נוספים על שושלת האדמו״רים מפוריסוב

אחרי פטירתו של האדמו״ר רבי מאיר שלום מקאלושין, הכתירו חסידיו את בנו ר׳ יהושע אשר זצ״ל לממלא מקומו. בשנת תרס״ג עזב רבי י.א. את קאלושין ועבר לפוריסוב שם בנה את ביתו ואת חצרו. רבי יהושע אשר זצ״ל המשיך במסורת אבותיו, ניהל עדת חסידים שנהרו אליו מכל קצוי פולין. לימים הנוראים התמלאה העיירה חסידים ורבנים רבים מהסביבה הקרובה וממרחקים.

תשע שנים ישב הרבי בפוריסוב ועזב את העיירה עקב המחלוקת שפרצה בדבר ממלא מקום לכסא הרבנות בעיירה לאחר פטירתו של ר׳ אברהמלה מסטאשוב, רבה של פוריסוב.

הרבי נפטר באוטבוצק ביום ג׳ דחוהמ״ס תרצ״ז.

מאשתו הראשונה שמתה עליו לא היו לו ילדים ואילו אשתו השניה ילדה לו שני בנים וארבע בנות.

הבן הבכור ר׳ מאיר שלום הוכתר ע״י חלק מן החסידים לממלא מקומו של אביו, וחלק, בחר בר׳ שמואל מרדכי, אחיו, בו ראו את מנהיגם הרוחני.

* *
*

כל צאצאי המשפחה נספו בשואה.

הייתי בן תשע וחצי שנה עת שהרבי עזב את העיירה. עדיין לפני לכתי ל„חדר״ היתה אמי לוקחת אותי בכל ליל שבת — אחרי שאבי ואחי הגדול הלכו לבית־המדרש של הרבי לקבלת שבת — אל הרבנית הזקנה (הרבנית, אשתו של הרבי ר׳ מאיר שלום זצ״ל, האריכה ימים אחרי פטירת בעלה). הרבי היה נוהג להיכנס, אחרי קבלת שבת, אל אמו ולומר לה „גוט שבת״ (שבתא טבא). אמי ראתה זכות גדולה לעצמה ולי בכך שהננו נוכחים במעמד זה.

ייִדל האַנטשטאָק

רביים און חסידים

דער קליינער יידישער ישוב אין פאַריסאָוו האָט באַקומען אַ שם אין פוילן, אַ דאַנק די רביים און רבנים וואָס זענען דאָרט געזעסן. דעם רבינס גאַס (זי האָט פאַקטיש געהייסן: „אוליצאַ באַראָוווסקאַ״) איז געווען דער צענטער פון דער פאַריסאָווער יידישקייט. די אַלטע שול, דאָס בית־המדרש, די מקווה, און דעם רבינס הויף, האָבן זיך געפונען אויף דער גאַס.

שבת און יום־טוב איז דאָ געווען פול מיט חסידים, שטעטלשע, און געקומענע פון גאַנץ פוילן. פון פרייטאָג־צו־נאַכטס אָן ביז מוצאי־שבת, האָבן די אַ יידן פאַרברענגט אין דער מחיצה פון רבין, אויסגעפילט זיין הויף און זיין בית־המדרש. בעל־מלאָכות וואָס זענען אַ גאַנצע וואָך געווען צוגעשמידט צום וואַרשטאַט, האָבן זיך דאָ אַרויסגעהויבן פון דער גראָער וואָכעדיקייט, און געגאָסן פון דער שבתדיקער נשמה־יתירה׳דיקייט.

בעת די „טישן״ פלעגט מען צובייגן אָן אויער צו הערן דעם רבינס תורה. מען האָט שטאַרק אַ הנאה געהאַט פון די ניגונים וואָס מען האָט געזונגען ביים „טיש״, און מ׳האָט געשטרעקט די האַנט צו כאַפּן שיריים, כאָטש עפּעס, כאָטש עפּעס...

ר׳ אברהמלע סטאַשאָווער

צו ר׳ אברהמלען — דער גרויסער גאון און אויסגערופענע פערזענלעכקייט אין גאַנץ פוילן — זענען געקומען נישט בלויז חסידים־למדנים, נאָר אויך יידן „פון אַ גאַנץ יאָר״, פשוטע מענטשן, וועלכע האָבן געוואָלט מיט אים זיך אַן עצה האַלטן אין זייערע טאָג־טעגלעכע ענינים.

ר׳ אברהמלע איז געווען באַליבט ביי דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג אין שטעטל וועלכע האָט גערעדט וועגן אים מיט גרויס דרך־ארץ און יראה.

אין איינעם אַ שבת, ביי שלוש־סעודות, אין מיטן זאָגן תורה, האָט ר׳ אברהמלע אַ שעפּטשע געטאָן צו די אַרומיקע חסידים: „אַזוי איז נגזר געוואָרן מן השמים. ביז אַצינד האָב איך געבעטן פאַר אייך — אַצינד בעט איר פאַר מיר״.

דער וועג פון דער מזרחי־אָרגאַניזאַציע אין פּאַריסאָוו, איז געווען זייער אַ שווערער. זי האָט געדאַרפט פירן אַ טאָפּעלן קאַמף: פון איין זייט — קעגן די עקסטרעם־רעליגיעזע קרייזן וועלכע האָבן זי פאַרשריגן, און פון דער אַנדערער זייט — קעגן די פרייע און לינקע אָרגאַניזאַציעס.

די שטרייטן מיט די שטאַרק רעליגיעזע קרייזן זענען געווען גאָר שאַרפע. איין מאָל, אין אַן ערב יום־כיפור, ביי מנחה, איז ביים טיש פון די קערות אויסגעבראָכן אַ געשלעג צווישן מזרחי און אגודה־מענטשן.

טראָץ די דערמאָנטע שוועריקייטן, האָט די מזרחי־אָרגאַניזאַציע אין פּאַריסאָוו זיך שיין אַנטוויקלט. אין אַ גרויסער מאָס האָט גורם געווען דערצו די

אומדערמידלעכע אַרבעט פון מאיר קאסמאן, וועלכער איז געשטאַנען בראש פון דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע.

למען האמת, דאַרף געזאָגט ווערן, אַז די מזרחי־אָרגאַניזאַציע, איז אויך געווען די אַקטיווסטע אין דורכפירן ציוניסטישע אַקציעס אין פּאַריסאָוו. קיין שום ארץ־ישראל אַקציע איז נישט אונטערגענומען געוואָרן אין שטעטל, אָן דער באַטייליקונג, און אָן דער שטאַרקער מיטהילף פון דער דאָזיקער רעליגיעזער־ציוניסטישער באַוועגונג.

אַ דאַנק דער „מזרחי", האָט דער „קרן היסוד" אַריינגעדרונגען אין יידישע שטובן אין שטעטל און ס'איז געזאַמלט געוואָרן געלט פאַר ארץ־ישראל.

בעת די וואַלן צום ציוניסטישן קאָנגרעס וואָס איז פאָרגעקומען אין די ערשטע יאָרן נאָך דעם וועלט־קריג, זענען פּאַריסאָווער יידן געגאַנגען פריי צו דער קלפי מיטן „שקל" אין האַנט. זיי זענען געווען שטאָלץ מיט זייער אָנטייל נעמען אין די וואַלן צום יידישן „פּאַרלאַמענט". ביי די דאָזיקע וואַלן זענען ס'רוב שטימען טאַקע אָפּגעגעבן געוואָרן פאַר דער „מזרחי". די שטימען פאַר דער „מזרחי" אָרגאַניזאַציע האָבן אָפּגעגעבן ווייל וועלכע האָבן אָנגעהערט



די „תורה ועבודה" באַוועגונג אין פּאַריסאָוו

צום קרייז וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען „מרכז בעלי־מלאכה דתיים", ווו די „מזרחי" האָט געהאַט אַ גרויסע השפעה.

דער „בן הבכור" פון דער „מזרחי" אין שטעטל איז געווען דער „החלוץ המזרחי". זיינע מיטגלידער זענען געפאָרן אויף הכשרה און האָבן שפּעטער עולה געווען קיין ארץ־ישראל. דער ערשטער קיבוץ־הכשרה פון דער „מזרחי" באַוועגונג אין פוילן איז געגרינדעט געוואָרן אין פּאָריסאָוו, ביים גוטבאַזיצער משה מאָנק.

די צווייטע יוגנט־אָרגאַניזאַציע פון „מזרחי" איז געווען דער „השומר הדתי", וועמענס מיטגלידער, צענדליקער יוגנטלעכע, פּאָריסאָווער מיידלעך און יינגלעך, זענען דערצויגן געוואָרן צו חיבת־ציון. איינע פון די דערציונגס־דעוויזן פון דער באַוועגונג איז געווען דער פּסוק „אם אשכחך ירושלים תשכח ימיני". די מיטגלידער פון „השומר־הדתי" זענען, ביי פּאַרשידענע געלעגנהייטן, געגאַנגען אָנגעטאָן אין זייערע שומרישע אוניפאָרמען. אין ל"ג בעומר, צי אין כ' תמוז, האָבן זיי דעמאָנסטרירט אין די גאַסן פון שטעטל, און די עלטערן האָבן געשעפּט פון זיי נחת.

לויט דער איניציאַטיוו פון דער „מזרחי", האָט זיך געעפנט אין פּאָריסאָוו אַ העברעישע שולע, ווו, קינדער און אויך עלטערן האָבן געלערנט „עברית". די לעקציעס זענען פאָרגעקומען אין לאָקאַל פון „מזרחי", ווו אויף איינער פון די ווענט, איז געהאָנגען די לאָזונג, אַרויסגענומען פון „מזרחי" פּראָגראַם — „ארץ ישראל לעם ישראל על־פי תורת־ישראל".

אהרן זיגלמן

אגודת ישראל וה„בית-יעקב" בפוריסוב

באחד מימי מלחמת העולם הראשונה, בשנה האחרונה לכיבוש הגרמני, הביא לי חברי וקרובי יצחק דזיאלובסקי בחשאי הזמנה למפגש ב„שטיבל" של חסידי גור עם אחיו דווטשה שהיה מבוגר מאתנו בחמש שנים בערך. בבואי לשם נמצאתי בקרב מספר צעירים, רובם בני גילי, כשדווטשה דזיאלובסקי יושב בראש החבורה. הוא פתח את המפגש ומסר שפנו אליו ממרכז אגודת ישראל בוורשה בבקשה כי יארגן בעיירה סניף של צעירי אגודת ישראל. אגב זאת הרחיב דווטשה את הדיבור על מהותה ועל דרכה של אגודת ישראל, וכן סיפר לנו על גדולי ישראל העומדים בראשה.

דבריו של דווטשה עשו עלינו רושם רב. היינו נערים בני 16—15, ועצם כינוסנו לדיון בענינים רמים כאלה נתן לנו את ההרגשה כי לפתע התבגרנו. ללא היסוס הסכמנו כולנו ליסודה של תנועת הצעירים של אגודת ישראל, הצהרנו על הצטרפותנו אליה, ביודענו שעל ידי צעדנו זה הננו מצטרפים לתנועה שבראשה עומד הרבי מגור.

עד תום המלחמה לא עסקנו בגדולות. מפעם בפעם התאספנו וקראנו ספרות אגודאית שהובאה מוורשה. עשינו זאת בחשאי משום שקריאת ספר נחשבה כביטול תורה. מה עוד כשהורינו — חסידי פוריסוב — טרם ידעו על התארגנותנו בשורות האגודה שלא נראתה בקרב החסידות הפוריסובאית בעין יפה.

כתום המלחמה החלה אגודת ישראל לפעול במרץ בקרב ציבור המבוגרים בעיירה וגם בקרב הצעירים. אהרן גלאטשטיין התמסר לעבודה בקרב הצעירים ובמיוחד בקרב חובשי בית־המדרש.



קיבוץ־הכשרה של אגודת ישראל
בשדותיו של בעל האחוזה ר׳ יצחק מענדל גולדמן בפשונקה
אַ הכשרה־קיבוץ פון אגודת ישראל אויף די פעלדער פון יידישן פריץ
ר׳ יצחק מענדל גאָלדמאַן אין פשאָנקע

ההיערכות הפוליטית בעיירה הפיחה רוח חיים בכל המפלגות ובמיוחד באגודת ישראל, אצלה היו הצעירים הזרוע המבצעת של מדיניותה ושל רעיונותיה. לעיירתנו התחיל להגיע היומון האגודאי, ועמו — ירחונים וספרים למיניהם. בימים ההם היתה האגודה בעיירתנו כוח פוליטי חזק. היא נתנה את הטון בחיים הציבוריים וכמעט ששלטה בהם.

ברם, המאבק הפוליטי־החברתי בעיירה החריף והלך. הוא התנהל כמעט

על כל נפש צעירה וגם על הבת בישראל שעד אז ידעו כי „כבודה בת מלך פנימה".

עסקני אגודת ישראל ישבו על המדוכה ובאו לידי מסקנה כי כדי להציל את הבנות הכשרות יש להקים עבורן מסגרת משלהן: „בית־יעקב" ובנות אגודת ישראל. אלא שהקושי היה נעוץ בכך שלא היה, ועד אותה עת לא נתגלה בקרב בנות העיירה, כוח כזה שיהיה מסוגל לארגן את הנשים במסגרת האגודאית ולהשפיע עליהן השפעה רוחנית.

ואז מופיעה חנצ'הביילה האלשטוק...

הישועה באה ממש בהיסח הדעת. העלמה חנצ'ה ביילה, בתו של יוסף זינדל האלשטוק, ובת בתו של ר' ישראל מרדכי השו"ב דפוריסוב, הגיעה מעיר קאליש שם התגוררה זמן רב אצל הורי אביה. חנצ'ה שבה לאמה הגרושה אותה אהבה מאוד וההחלטה עמה שלא לעזבה עוד.

חנצ'ה ביילה הצהירה על השתייכותה האידיאית לאגודת ישראל ועל נכונותה לפעול למענה. אהרן גלאטשטיין הזמינה לנהל את ה„בית־יעקב" בעיירה ותוך כך רתם גם לפעילות אגודאית את אחותו רחל, את חיה דזיאלובסקי בת ר' אברהם פרץ ואיידל ובנות אחרות של חסידי גור ואוטבוצק. תוך זמן קצר הצליחו הבנות, בראשותה של חנצ'ה, לפתוח בי"ס לשעורי־ערב וגם מועדון לבנות שעמד בהשגחת נשי אגודת ישראל בעיירה.

ההצלחה המזהירה והכשלון הגדול

המנהלת הצעירה של ה„בית־יעקב" בפוריסוב, העלמה החיננית וברוכת הכשרון, השכילה להחזיר לחיק האגודה את כל הבנות שעברו ל„מזרחי" ולתנועות אחרות. אך היא לא הסתפקה בכך. חנצ'ה ביילה רצתה להוכיח כי כוחה גם בהחזרת צעירים שסטו מן הדרך והתרחקו מאגודת ישראל. לשם כך קיימה קשרים עם אחדים מצעירי אגודת ישראל, הכניסתם בסוד מטרותיה. ברם, הקשרים האלה „התהדקו" יותר מדי. לפתע התברר שכל עבודתה של ח.ב. ב„בית־יעקב" ובקרב צעירי אגודת ישראל לא היתה אלא כדי „לפקוח" עיני הבנים והבנות ולהתסיסם נגד הערכים „המיושנים" ונגד ה„חשכה" בה חיו עד אז.

בכוחה הריטורי המצויין, בידיעותיה בספרות הכללית והיהודית וכן ביכולתה המיוחדת לשכנע את הזולת בצדקת דבריה, הצליחה חנצ'ה ביילה להביא את הנוער שעמו נפגשה למסלול מחשבתי מהפכני. באותה עת היא גם גיבשה חוג צעירים נאמנים ומסורים לה אשר נהרו אחריה והסכימו לכל אשר יצא מפיה.

חוג החברים של ח.ב. עדיין השתייך אותה שעה לאגודת ישראל. ברם, באחד הימים קרה מקרה שבעקבותיו נסערה העיירה: חבילת ספרים מספריית

„ברסלר" בוורשה הגיעה בטעות ליוחנן רוטבליט במקום להגיע לאחד מחברי החוג. הדבר הועבר לידיעת הרב דמתא. הבחור שאליו נועדה החבילה היה בנו של תלמיד חכם ומחשובי חסידי גור בעיירה. כאשר הדבר נתגלה, חשך עולמו של צעיר זה בעדו וכמעט שנפל לתוך יאוש. כמבוגר בחוג הנ"ל, שמרתי עליו והייתי עמו בעצה עד שהענין טושטש כולו והרוחות שקטו.

אגב, הספרים מספריית „ברסלר" הוזמנו בהדרכתה של ח.ב. ובשליחתם עסק חבר החוג יוסל בראטשטיין שלמד אותה עת בישיבה בוורשה. גם יוסלה שאולקס היה קשור בענין זה. שני ה„יוסלך" נמצאים היום עמנו בארץ. הם ורחל גלאטשטיין (אחותו של אהרן גלאטשטיין הנמצאת באמריקה) הינם היחידים, מלבד כותב השורות האלה, שנשארו מהחוג „המפורסם" ההוא.

שתי שנים נמשכה תקופת פעולתה של ח.ב. בשורות האגודה בפוריסוב. בתקופה זו השכילה להרים קרנה של תנועה זו בעיירתנו, אך גם להורידה. לאחר שפעולתה נחשפה, נסגר ה„בית־יעקב" ושוב לא נפתח מחדש. אהרן גלאטשטיין אמנם לא אמר נואש, ארגן מחדש את צעירי אגודת ישראל, דירבן את המבוגרים למעשים חדשים, אך הארגונים האחרים נשכרו מהתבוסה, משכו צעירים רבים מבתים דתיים לשורותיהם. אגודת ישראל לא חדלה מלהתקיים, המשיכה בפעולותיה בתמיכתם המעשית והארגונית של חסידי גור בעיירה, אולם תקופת הזוהר חלפה ללא שוב.

סיפורה האישי של חנצ'ה ביילה

המשך קורותיה של חנצ'ה ביילה אינו קשור עוד עם אגודת ישראל. לאחר זמן קצר היא נמצאה בשורותיה של התנועה הקומוניסטית ובשל פעילות אקטיבית למען תנועה זו אף נאסרה והושמה ב„פאַוויאַק" בוורשה.

בשנים ההן היא ראתה בקומוניזם את המשטר היחיד המסוגל להושיע את האנושות כולה ובמיוחד את מעמד הפועלים המנוצל. אין איפוא כל פלא אם מיד לאחר פרוץ המלחמה, בשנת 1939, מיהרה ח.ב. להגיע לרוסיה כדי לחיות בארץ שכבר הגשימה למעשה את האידיאה הנעלה, חלום חייה. ומה קרה אז? דווקה שם, בארץ המיוחלת, תקפה יאוש, ולפי עדות מהימנה אף הודתה בשגיאתה וחזרה בתשובה. במכתב לאביה באמריקה תיארה ח.ב. את המציאות האכזרית ברוסיה וכן את היחס „המיוחד" לו זוכים בני העם היהודי.

חנצ'ה ביילה נישאה ליוסל שאולקס (ינצ'מיין) ונולדה להם בת. בהיותה בפיאטיגורסק מתה עליה בתה הקטנה. לאחר מכן עזבה חנצ'ה ביילה את פיאטיגורסק והגיעה לרוסיה הלבנה. היא נספתה בשנת 1941, עת שברחה מפני ההפצצות הקטלניות של הגרמנים על ערים ועיירות ברוסיה, בראשית המלחמה הגרמנית־רוסית.

* *
*

די בונדישע אָרגאַניזאַציע אין פּאָריסאָוו

אין דער צייט ווען פאַרשידענע פּאָליטישע באַוועגונגען האָבן אָנגעהויבן פירן זייער טעטיקייט אין שטעטל, איז צווישן זיי אויך געווען דער „בונד״, און די בונדישע יוגנט־אָרגאַניזאַציע „צוקונפט״. בראש פון זיי זיינען געשטאַנען: נחום קעזמאַן, מאיר ראָזענבערג, שמואל מאַנעס באָרנשטיין, גאָלדע זילבערשטיין, אברהם שעדלעצקי און אייזיק מאַקאַבאַצקי.

די בונדישע אָרגאַניזאַציע האָט געפירט אין שטעטל אַ פּאָליטישע און קולטורעלע טעטיקייט, געהאַט אַן אייגענעם לאָקאַל וואָס איז באַשטאַנען פון איין צימער. אין צימער איז געווען איינגעאָרדנט אַ טריבונע. עס זענען דאָרט געשטאַנען עטלעכע לאַנגע בענק און צוויי טישן צום לייענען. די ווענט פון צימער זענען געווען באַצירט מיט דעם דעוויז: „פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער פאַראייניקט אייך״, און מיט די בילדער פון קאַרל מאַרקס, ענגעלס, לאַסאַל, און מעדעם.

דער „בונד״ האָט געשאַפן אַ ביבליאָטעק און אַ לייען־זאַל, ווו עס האָבן זיך געפונען: „די פאָלקסצייטונג״, „צוקונפט״, „ליטעראַרישע בלעטער״, „קעגן שטראָם״ און נאָך אַנדערע צייטונגען און זשורנאַלן.



אברהמטשע שעדלעצקי — מיטגרינדער פון „בונד״ אין פּאָריסאָוו. אומגעקומען אין דער שואה

די יוגנט וואָס איז זיך דאָרט צונויפגעקומען האָט געלייענט ביכער און צייטונגען, און געזונגען לידער פון רייזן, פּרץ, אַנסקי, און מאָריס ראָזענפעלד.

יעדן פרייטאָג־צו־נאַכטס פלעגן פאָרקומען אין לאָקאַל עפנטלעכע דיס־קוסיעס. על־פּי־רוב, האָט מען געפירט דיסקוסיעס איבער בונדיזם, קאָמוניזם און ציוניזם. מיט אינטערעסאַנטע רעפעראַטן פלעגן אַרויסטרעטן בונדישע טוערס, ווי: אברהם קאָרן, מילגראָם פון וואַרשע, זישע נאָכגאָלד, אהרן האָכבערג, צדוק אַקערמאַן פון גאַרוואָלין א״א. אין יאָר 1928, בעת די וואַלן צום פּוילישן סיים,

האָט דער „בונד" געפירט אַן אַקטיווע וואַל־קאַמפּאַניע און די בונדישע קאַנדידאַטן ליסטע האָט באַקומען אַריבער 100 שטימען.

אין 1929, בעת דער פאַראייניקונג פון די באַזונדערע פּראָפעסיאָנעלע גרופּירונגען אין איין פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין, האָט די בונדישע אָרגאַניזאַציע אין פאַריסאָוו זיך אָנגעשלאָסן אין דעם עקזיסטירנדיקן לינקן פּראָפ. פאַראיין, און באַקומען צוויי פאַרשטייערט אין דער פאַרוואַלטונג. די אידיליע צווישן די פראַקציעס האָט נישט לאַנג אָנגעהאַלטן. די לינקע" האָבן נישט געוואָלט שלום מאַכן מיט דער האַנדלונג פון דער בונדישער פראַקציע וועלכע האָט זיך דערלויבט אויפצוהענגען אין לאָקאַל מעדעמס בילד. עס איז אויסגעבראָכן אַ שאַרפער שטרייט אין פאַראיין גופא, און מ'האָט צו דעם צוועק אַלאַרמירט אַ פאַרשטייער פון פּראָפעסיאָנעלן צענטראַל־ראַט אין וואַרשע. אין איינעם אַ שבת, איז אַראָפּגעקומען דער צענטראַל־מיטגליד סאַלעק ליכטנשטיין. צו זיין רעפעראַט איז געקומען אַ גרויסער עולם. די אַטמאָספער אין לאָקאַל איז געווען אָן אָנגעגליטע. דער רעפערענט האָט געשילדערט די רעוואָלוציאָנערע טעטיקייט פון מעדעמען און איז געקומען צום אויספיר, אז זיין בילד האָט אַן אָרט אין אַ לאָקאַל פון פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין, און דערפאַר וועט עס טאַקע בלייבן הענגען אויף דער וואַנט. אין מאָמענט ווען ער האָט דאָס געזאָגט, איז אַ גרופּע יוגנטלעכע אַרויף אויפן טיש, און האָט אַראָפּגעריסן דאָס בילד. אַ סך פון די אָנוועזנדיקע זענען געווען דערציטערט פון דעם פאַל. עס האָט זיך געענדיקט דערמיט וואָס די בונדיסטן זענען אַרויסגעטרעטן פון פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין.

אַקטיווע חברים האָבן, צוליב עקאָנאָמישע סיבות, פאַרלאָזט פאַריסאָוו, און זענען אַריבער קיין וואַרשע. אַ טייל פון זיי איז אַוועק צו די „לינקע". אין פאַריסאָוו איז געבליבן אַ קליינע צאָל אידעאַליסטן און זיי זענען נישט געווען מער בכוח צו פירן אַן אָרגאַניזאַציאָנעלע טעטיקייט.

יאָסל בראַטשטיין

די לעבנס געשיכטע פון חנהטשעביילע האלשטאַק

עס איז געווען אָנגענומען אין פאַריסאָווער „הויף": ווען דער רבי האָט געפירט „טיש" זענען הינטער זיין שטול געשטאַנען די חשובסטע יונגע־לייט פון זיינע חסידים. אין דער צייט מיט וועלכער עס עפנט זיך די ווייטערדיקע באַשרייבונג זענען עס געווען: מיין פאָטער שלמה זלמן בראַטשטיין פון לאַסקעראָוו —

דער איידעם פון ר׳ פנחס שוחט פון פאַריסאָוו, יוסף זינדל האַלשטאָק פון קאַליש — דער איידעם פון ר׳ ישראל מרדכי דעם שוחט, און מאיר יאָסל — דער זון פון אָשר קאָזלאָוועד.

בדרך כלל זענען די שטייערס הינטערן רבינס שטול אויך געווען די טאָן־געבערס אין „הויף״ און די אַרויסברענגערס פון רבינס רצון פאַרן עולם. זיי זענען אויך געווען די בעסטע איבערזאָגערס פון רבינס תורה־שמועסן, אָדער ווערטער וועלכע זענען נישט שטענדיק געווען קלאָר פאַר אַלעמען. און אַזוי ווי די שטייערס הינטערן רבינס שטול האָבן זיך אויך געפונען אַ סך צייט אין דער מחיצה פונעם רבין, זענען זיי במילא געווען גוט באַקאַנט מיט אַלץ וואָס עס איז זיך פאַרלאָפן, אָדער האָט זיך אָפּגעשפּילט אין הויף גופא. אַזעלכע יונגע־לייט האָבן זיך געהאַלטן פאַר מיוחסים, זיי האָבן געקוקט אויפן „עולם״ פון „אויבן אַראָפּ״ און אוודאי — אויף דעם יונגוואַרג אין בית־המדרש.

אַ מעשה מיט אַ שערער...

איין מאָל, אין אַ פּאָר פּורים, זענען די אויבן־דערמאָנטע דריי יונגע־לייט אַריין צום רעליגיעזן שערער אין שטעטל (ער איז אויך געווען אַ לעדער־בייגער) און, אין אַ וויץ, געהייסן זיך אונטערשערן מיט אַ גלייכן קאַנט אַרום קאַרק. ווען זיי האָבן נאָך דעם זיך באַוויזן אין רבינס בית־המדרש, האָבן די יונגע־חברה צוגעטראָגן דעם רבין וועגן דעם מאָדערנעם אונטערשערן זיך פון זיינע דריי בכבודיקע חסידים.

דער פאַריסאָווער רבי איז געווען באַקאַנט מיט זיין קאָמפּראָמיסלאָזיקייט און קאַמף קעגן אָפּנייגונגען פון זיין וועג און קעגן יעדע רעפאָרם־פּרווון ביי זיינע חסידים. אויסגעהערט די מעשה, האָט דער רבי באַפוילן צו ברענגען דעם שערער מיט זיינע שער־מכשירים און אים געהייסן אַזוי אָפּראַזירן די קעפּ ביי די דערמאָנטע דריי חסידים, אַז עס זאָל נישט בלייבן קיין סימן ווו עס איז געווען אַ קאַנט...

די דאָזיקע פּאַסירונג איז טאַקע געווען נישט מער ווי אַן עפּיזאָד וואָס בדרך כלל פאַרגעסט מען אין דעם, אָבער אין דעם פאַל איז עס נישט אַזוי געווען. ביי צוויי פון די דריי דערמאָנטע חסידישע יונגע־לייט האָט זיך עפּעס אַ שפּאַלט געטאָן אין זייער גייסטיקן וועלט־באַנעם. מיט דער צייט איז דער שפּאַלט געוואָרן אַלץ גרעסער און גרעסער און דער פועל־יוצא דערפון איז געווען — אַוועקגאַנג אַזש ביז צום קאָמוניזם.

יוסף זינדל האַלשטאָק איז אין אַ העלן טאָג פאַרשוווּנדן געוואָרן. שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער געפינט זיך אין אַמעריקע און איז דאָרט געוואָרן אַ מיטאַרבעטער אין דער קאָמוניסטישער „מאָרגן־פרייהייט״. אויך ביי מאיר יאָסלען, אשרס זון, איז עפּעס געשען... ער איז אַוועק קיין סאָוויעט־רוסלאַנד, גענומען זיך לערנען, געוואָרן אַן אינזשעניר (זיינע שפּורן זענען

אַוועקגעקומען אין יאָר 1937, בעת די מאַסן־פּראָצעסן קעגן קאָמוניסטן, באַשולדיקטע אין טראָצקיזם).

שלמה זלמן בראַטשטיין האָט נישט מיטגעמאַכט דעם פּראָצעס. ער איז בלויז „אַרויסגעפאַלן" פון הינטער דער שטול, האָט דאָרט פאַרלוירן זיין פלאַץ, אָבער — נישט אַוועק פון פאַריסאָווער חסידות, פון רבינס בית־המדרש. ווי אַמאָל, האָט ער ווייטער דערציילט, מיט אַסך טאַלאַנט, מעשיות פון די פאַריסאָווער רביים, נאָכגעזאָגט זייערע תורה־שמועסן און גלייכווערטלעך (אַגב, ש.ז.ב. האָט ארויסגעגעבן אַ ספר „שיחות חיים" — דערציילונגען וועגן מאָגיעלניצער רבין).

מיט דער צייט איז שלמה זלמן ב. אַוועק פון פוילן. ער האָט עולה געווען קיין ארץ־ישראל ווו ער איז געוואָרן גענעראַל סעקרעטאַר פון פּועלי־אַגודת־ישראל.

יעדער איינער פון די דריי דערמאָנטע חסידישע יונגע־לייט האָט זיין אייגענע שטורמישע לעבנס־געשיכטע, אָבער אין דער דאָזיקער באַשרייבונג וועט זיך בלויז דערציילן וועגן חנהטשע ביילע האַלשטאַק, די טאָכטער פון יוסף זינדלען, וועגן איר „באַרג אַרויף"־גאַנג אין געזעלשאַפטלעכן לעבן אין פאַריסאָוו און וועגן איר שטורמישן אַוועקגיין פון איר יוגנט־אידעע — די אגודת ישראל, ביזן פאַרבונדן איר לעבן און גורל מיטן קאָמוניזם פון וועלכן זי איז אויך שפּעטער אַנטלאָפן.

נאָר דאָס וואָס עס דערציילט זיך וועגן חנהטשען, האָט נישט צו טאָן בלויז מיט איר אַליין. דאָס האָט אַ דירעקטן שייכות מיטן לעבן אין פאַריסאָוו, מיט אַ שטורמישער תקופה, ווען אַלטע מויערן האָבן גענומען זיך איינברעכן, באַגריפן האָבן אָנגעהויבן זיך בייטן, ביז אַלץ האָט אַזוי זיך געענדערט, אַזוי זיך געענדערט...

יוסף זינדלס „פּריוואַטע" רעוואָלוציע

ווי שוין דערמאָנט איז יוסף זינדל נעלם געוואָרן פון פאַריסאָוו, איבער־לאָזנדיק זיין שיינע יונגע פרוי גאָלדע לאה מיט אַ יונג קינד. ער האָט אפילו דער אייגענער ווייב נישט מגלה געווען, אַז ער פאָרט אַוועק. ווען מען איז וועגן דעם געוווירר געוואָרן אין שטעטל איז געוואָרן אַ טומל, אַ רעש. וואָרעם עפּעס אַ קלייניקייט? אַזאַ געלונגענער חסידישער יונגער־מאַן, אַ זון פון בכבודיקע עלטערן, אָנגעזעענע חסידים אין קאָליש, זאָל אָפּטאָן אַזאַ זאַך? אין אָנהייב האָט מען אפילו נישט געוווּסט ווו ער איז אַהינגעקומען, ווו ער געפינט זיך. שפּעטער, ווען מען איז געוווירר געוואָרן, אַז ער געפינט זיך אין אַמעריקע, זענען זיינע עלטערן געזעסן נאָך אים „שבעה", האָבן אים אויסגעמעקט פון דער משפחה, און גאָלדע לאה האָט געלעבט אַ דערדריקטע, אַ פאַרשעמטע, מיט אַ קליין, פּיצל קינד.

עטלעכע יאָר האָבן זיך געפירט מיט אים אונטערהאַנדלונגען וועגן געבן אַ גט דער ווייב. נאָך שווערע באַמיונגען האָט גאָלדע לאה ענדלעך באַקומען אַריינגעשיקט דעם גט פון איר מאַן און זי איז געוואָרן אויפגעבונדן.

ווען גאָלדע לאה האָט חתונה געהאַט צום צווייטן מאָל האָבן יוסף זינדלס עלטערן אַהינגענומען צו זיך, קיין קאַליש, זייער געלונגען אייניקל, חנהטשעלע, און איר דאָרט געגעבן אַ שטאַרק רעליגיעזע דערציונג, אין גייסט פון אגודת ישראל צו וועלכער זיי און זייער משפחה (אָנגעזעענע גערער חסידים) האָבן צוגעהערט. אין דער זעלבער צייט האָבן זיי אויך אָנגעהאַלטן קאָנטאַקט מיט גאָלדע לאהן, געהאָלפן איר מאַטעריעל און מאָראַליש, זי שטאַרק מקרב געווען כדי אזוי אַרום כאָטש צו פאַרגיטיקן פאַר די חרפות און בושות וואָס זייער זון האָט איר גורם געווען.

נישט דורכשניטלעכע פעיקייטן

חנהטשע ביילע ווייזט אַרויס נישט דורכשניטלעכע פעיקייטן אין לערנען. נאָכן ענדיקן די שולע, לערנט זי אין אַן אינסטיטוט פאַר יהדות און די לערערס זענען אַנטציקט פון איר שאַרפן קאָפּ און הויכער מאָס אינטעליגענץ.

חנהטשע איז אַנגאַזשירט געוואָרן אין אַ בית־יעקב שולע אין קאַליש, האָט דאָרט געגעבן לעקציעס וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט טיפן אינהאַלט.

פון צייט צו צייט פלעגט זי קומען צו פאָרן קיין פאָריסאָוו, צו דער מאַמען וועלכער זי האָט שטאַרק ליב געהאַט.

ווען חנהטשע איז אַלט געוואָרן אַכצן יאָר איז זי געקומען צו דער



חנהטשע ביילע האַלשטאָק

מאַמען אויף אַ יום טוב און האָט נישט געוואָלט מער צוריקפאָרן קיין קאַליש. זי איז געבליבן אין פּאַריסאָוו און דאָ האָט זי ער שטערן אָנגעהויבן אויפגיין.

אין שפּיץ פון בית־יעקב אין פאריסאוו

די אגודת־ישראל אין פּאַריסאָוו, די גערער חסידים און באַזונדערס דער סעקרעטאַר פון דער צעירי אגודת ישראל אָרגאַניזאַציע אהרן גלאַטשטיין, האָבן פון לאַנג שוין געטראַכט וועגן אָרגאַניזירן די רעליגיעזע פרויען אין שטעטל, וועגן שאַפן אַ שולע פאַר פרומע מיידלעך כדי אויסצומיידן פון מזרחי און אויך פון אַנדערע אָרגאַניזאַציעס וואָס זענען געווען טעטיק אין שטעטל די השפעה אויף דער יידישער טאָכטער.

אהרן גלאַטשטיין, אַליין אַ באַגאַבטער מענטש, פול מיט אגודיסטישן באַוווסטזיין אין מערב־אייראָפּעיִשן זין, און דערצו נאָך אַ גערער חסיד, האָט פאַרשטאַנען, אַז פונקט ווי ער גיט זיך אָפּ מיט ראַטעווען יונגע בחורים פון אַראָפּגיין פון פרומען וועג, אָרגאַניזירנדיק זיי אין דער צ.א.י. אָרגאַניזאַציע, אַזוי איז אומבאַדינגט נייטיק אַז עס זאָל אין דער אגודת ישראל אין פּאַריסאָוו זיך געפינען אַ פרוי אַ פערזענלעכקייט וואָס זאָל קאָנען האָבן אַ השפעה אויף די פרויען אין שטעטל, באַזונדערס אויף דעם אונטערוואַקסנדיקן דור פון מיידלעך.

— — — און די ישועה איז געקומען אומגעריכט. חנהטשע ביילעס כוח איז שנעל געוואָרן אַנטפּלעקט און די אגודת ישראל אין פּאַריסאָוו האָט זוכה געווען צו אַ פרויען־פערזענלעכקייט פון גרויסן מאַסשטאַב.

חנהטשעס ערשטע חברטע אין פ. איז געווען רחל גלאַטשטיין, אהרנס שוועסטער. אהרן האָט זיך צוגעהערט צו זייערס אַ געשפּרעך און אויפן אָרט פעסטגעשטעלט, אַז חנהטשע איז זייער אַ גייסטרייכע. עס האָט טאַקע נישט לאַנג געדויערט און זי איז געוואָרן די פירערין פון בית־יעקב אין שטעטל.

איר ערשטער עפנטלעכער רעפעראַט פאַר די רעליגיעזע פרויען האָט צוגעצויגן כמעט די גאַנצע שטעטלשע יוגנט. חנהטשע האָט גערעדט וועגן דער וויכטיקייט אויפצושטעלן אַ שטאַרקן כוח קעגן כפירה און קעגן די מאָדערנע שטרעמונגען וועלכע האָבן אָנגעהויבן אַריינדרינגען אין יידישע שטיבער און וועלכע זענען עלול אָפּצורייסן יידישע קינדער פון אמונה, פון מסורהדיקן, און אין פייער־נסיונות אויסגעפרווטן יודנטום. חנהטשעס רעפעראַט איז אויסגעהערט געוואָרן מיט ענטוזיאַזם און האָט אַרויסגערופן גרויס התפעלות.

די אַנדערע פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס אין פּאַריסאָוו האָט צוליב חנהטשעס דערפאָלג, אַרומגענומען אַ פחד פון פאַרלירן די יוגנט וואָס זיי האָבן דערוואָרבן. עס האָט מורא געהאַט די מזרחי־באַוועגונג וועלכע האָט קאָנצענטרירט אַ סך פון דער רעליגיעזער יוגנט אין שטעטל. אפילו די פּאַריסאָווער חסידים — איינגעשטעלט קעגן יעדער אָרגאַניזירונג פון אָרטאָדאָקסישן יודנטום — האָבן

געוויטיקט איבער דער שאַפונג פון בית־יעקב, ווייל אויב זיי האָבן נאָך געקאָנט איינהאַלטן זייערע טעכטער פון צו קומען אין מזרחי ווו יינגלעך און מיידלעך האָבן זיך געטראָפן, איז דאָך שווער געווען צו מאָטיווירן דעם איסור פון אָפּגעבן אַ טאָכטער אין אַ ריין רעליגיעזער מיידלשער שולע, צי, אין אַזאַ עקסטרעמער רעליגיעזער־פרויען־אָרגאַניזאַציע, ווי בנות אגודת ישראל.

אין פחד זענען אויך געווען די פרייע פּאַרטייען אין שטעטל. דאָס איז נישט געווען קיין פחד פאַר דער אַגודיסטישער פרויען באַוועגונג, נאָר — פאַר איר פירערין, חנהטשע ביילע האַלשטאָק.

איר ערשטער רעפעראַט אין שטעטל האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט דעם כחד פאַר איר כוח. ביז דעמאָלט איז מען אין שטעטל געווען געוווינט צו הערן פאַרלעזונגען און רעפעראַטן פון פ: עלעגענט:ן אַראָפּגעבראַכטע פון וואַרשע, צי פון אַנדערע מקומות, אָבער, אַז אַ יונג מיידל, אַ פּאָריסאָווער געבוירענע, זאָל זיין אַזאַ טאַלאַנטפולע רעדנערין און קאָנען אַרויסברענגען אַזעלכע טיפע און אָריגינעלע געדאַנקען — דאָס האָט קיינער זיך נישט פאַרגעשטעלט.

די מורא פון די אַלע אָרגאַניזאַציעס אין שטעטל איז געווען אַ באַרעכטיקטע. נאָך אַ קורצער צייט זענען די רייען פון דער מזרחי און פון אַנדערע אָרגאַני־זאַציעס געוואָרן שיטערער. די בית־יעקב אין שטעטל האָט איינגעאָרדנט אומזיסטע אָוונט קורסן, חנהטשע האָט געגעבן לעקציעס, געהאַלטן פאַרלעזונגען און נאָך אַ קורצער צייט איז זי געוואָרן די איינפלוסרייכסטע פערזענלעכקייט אין שטעטל, האָט צוגעצויגן צו זיך מענטשן פון אַלע קרייזן.

און כאָטש אין קולטור־פאַראיין זענען אויך געווען מענטשן וועלכע מען האָט נישט געקאָנט אָפּשאַצן מיט דער האַנט, ווי למשל: גרשון רובין, אברהם שמואל קאַהן, דינה צוקערמאַן, עלקע גלאַטשטיין, זענען זיי אָבער דאָך נישט געקומען צו דער וויסן־מדריגה פון חנהטשען, צו איר שאַרפזיניקייט און אינטעליגענץ — מעלות וואָס זענען געווען צו באַוווּנדערן, בפרט ווען זי איז נאָך דערביי געווען אַזוי יונג.

„אַ וווּנדער־קינד" — האָבן מענטשן אין שטעטל אַרויסגעזאָגט זיך וועגן איר, און מען האָט מקנא געווען די אגודת־ישראל אין פּאָריסאָוו וואָס האָט געהאַט דאָס גליק צו האָבן אין אירע רייען אַזאַ גרויסע שעפערישע פערזענלעכקייט, אַזאַ אינטעלעקטועלן כוח מיט וועלכע גרויסע באַוועגונגען, וואָלטן זיך נישט געהאַט צו שעמען.

און דעמאָלט האָט זיך אָנגעהויבן דער באַרג אַראָפּ...

עס איז דער אַגודת ישראל נישט באַשערט געווען לאַנג צו געניסן פון חנהטשעס פרוכטבאַרער אַרבעט.

צו יענער צייט האָט אין פּאָריסאָוו געלעבט די אלמנה פון שטעטלשן מורה־הוראה („די מורה־הוראהטע") מיט אירע צוויי טעכטער און איינציקן

זון יהושע. די עלטסטע טאָכטער האָדעס איז געווען די חברטאָרין פון דינה צוקערמאַן, עלקע גלאַטשטיין און רחל גאָלדבערג (אברהמלע ברוכס טאָכטער). אַלע דריי האָבן געהערט צום קולטור־פאַראיין און ממילא איז האָדעס געווען אונטער זייער איינפלוס.

יהושע ווידער איז פון די יונגע יאָרן אָן געווען דער חבר פון מאיר שלום באָראָווסקי, יאָסל יענטשמיען און יאָסל בראַטשטיין. ער האָט געלערנט מיט זיי אין חדרים און איז געווען, ווי זיי, אידעיש נאָענט צו אגודת ישראל, צו וועלכער ער האָט אָפיציעל נישט געקאָנט אָנגעהערן, ווייל זייער שטוב איז געווען פינאַנציעל געשטיצט דורך די שטעטלשע משפחות וואָס זענען אין רוב געווען פאַריסאָווער חסידים, און איינגעשטעלט קעגן אגודת ישראל.

האָדעס האָט געלייענט פרייע ביכער. אירע חברטאָרינס האָבן איר פאַרזאָרגט די ביכער אַהיים. יהושע, איר ברודער, פלעגט, אין אַנהייב, בלויז אַ בליק טאָן אין זיי. עס האָט געהייסען, אַז ער וויל קאָנטראָלירן וואָס זיין שוועסטער לייענט. ווען ער האָט זיך אַרומגעזען, אַז זי לייענט פסולע ביכער, האָט ער זי געפרעגט: האָדעס, הייתכן? איז איר ענטפער געווען, אַז זי טוט עס בלויז פון נייגעריקייט. צוליב דער אַ נייגעריקייט זענען שוין ביידע געבליבן לייענערס פון ביכער, גענומענע אין דער ביבליאָטעק פון קולטור־פאַראיין.

אַ ביסל שפּעטער האָט יהושע אַריינגעפירט אַהין זיינע חברים פון אגודת ישראל. ער האָט גענומען ביכער אין ביבליאָטעק, געגעבן זיי יוסף יענטשמיען וועלכער האָט זיי אויסגעבאָרגט זיין פריינדין רחל גלאַטשטיין און ביי איר האָט חנהטשע שוין אַלץ געלייענט...

אזוי אַרום האָט זיך פאַרקייטלט אַ גאַנצע רינג. פון דער גרופּע חברים, אָנגעהעריקע צו דער אגודת ישראל באַוועגונג, האָט יעדער באַזונדער געלייענט פרייע ביכער. יעדער איינער האָט רעאַגירט אויף זיין שטייגער און אַריינגעשיקט זיינע מיינונגען צו חנהטשען. אַלע צוזאַמען האָבן געוואַרט אויף אירע אויספירונגען וועלכע זי האָט אַרויסגעבראַכט אין אירע ענטפערס צו די חברים.

אהרן גלאַטשטיין האָט אַרויסגעשפּירט די סכנה. ער האָט גערעדט מיט חנהטשען און זי האָט אים פאַרזיכערט, אַז אַלץ וועט זיין אין אָרדענונג און אַז קיין שום שלעכטס וועט נישט אַרויסקומען דערפון.

אָבער געשען איז אַנדערש ווי חנהטשע האָט געזאָגט. אין די הענט פון דער גרופּע האָבן אָנגעהויבן אַריינפאַלן, גאָר פרייע ביכער. מעגלעך, אַז זיי זענען נישט סתם אַריינגעפאַלן נאָר עפּעס אַ געהיימע האַנט האָט מיט דעם אָנגעפירט און איז געווען פאַראינטערעסירט, אַז עס זאָלן צו דער דאָזיקער יוגנט דערגריין ביכער וואָס זאָלן צוצעטרייסלען זייער גייסטיק־אידעישע איינשטעלונג, זייער וועלט־באַנעם. ווי עס זאָל נישט זיין, האָבן אַלע געזען אין חנהטשען דעם מענטש וואָס קען שטילן דעם ברויז, דעם גייסטיקן פיבער אין וועלכן

זיי זענען געוואָרן אַריינגעשליידערט, און זיי האָבן שטענדיק געוואָרט אויף איר באַשייד, אויף אירע קלאָרע ענטפערס.

די גרופּע האָט אָנגעהויבן זיך טרעפן הינטער דער שטאָט, און דאָרט, אויף די קאָנספּיראַטיווע צוזאַמענקונפטן, האָט מען אַרומגערעדט אַלע פּראָבלעמען וואָס האָבן אַזוי געשווערט אויפן האַרץ אין רעזו:טאַט פון די געלייענטע ביכער (פייערבערגס „ווו אַהין״, „טאַיעס״ פון אַנאַטאָל פראַנס, „דאָס בילד פון דאריאַן גריי״ פון אָסקאַר ווײַלד און אַנדערע). אין דער אַ צייט האָט חנהטשע נאָך פאָרמולירט אירע באַמערקונגען אַזוי, אַז זיי האָבן געצילט אָפּצושטויסן יעדן אָנגריף אויף דער אידעען־וועלט אין וועלכער די גרופּע האָט זיך נאָך אָנגעהאַלטן. זי האָט געוווסט איר פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער יוגנט וואָס גייט איר נאָך און זי האָט מיט אַלע כוחות זיך באַמיט אַקעגנצושטעלן זיך דער נעגאַטיווער ווירקונג פון די געלייענטע ביכער אויף זייער צוגעבונדנקייט צו אמונה און ייִדישקייט.

אָבער דאָס איז געווען נישט מער ווי אַ ראַנגלעניש פאַרן איינברעכן זיך. אין דער אמתן האָט חנהטשע שוין דעמאָלט געזוכט פאַר זיך ענטפערס אויף אָן אַ שיעור „פאַרוואָסן״. אין יענע טעג איז זי אינערלעך שוין געווען געגנוג „אָנגערירט״ פון די פרייע ביכער און פון פרעמדע געדאַנקען וואָס האָבן גענומען זי באַהערשן.

נייע ווינטן, די רוסישע רעוואלוציע

גראָד אין דער צייט ווען די גרופּע האָט זיך געפונען אין אַ מצב פון גייסטיקע ראַנגלענישן, פון קאַמף מיט זיך אַליין, האָבן זיך צו אונדז דערטראָגן אָפּקלאַנגען פון דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד. די מויערן פון דער אַלטער וועלט האָבן נאָך מער אָנגעהויבן זיך שפּאַלטן.

אין יענע טעג האָב איך געלערנט אין אַ ישיבה אין וואַרשע און איך בין געווען גוט אינפאָרמירט וועגן אַלץ וואָס עס קומט פאָר ביי מיינע שול־חברים, ביי יהושע פּיראָוויטש, ביי מ.ש. באָראָווסקי און אַנדערע. מיר האָבן זיך געפּלעגט טרעפן ביים פאָריסאָווער רבין אין אָטוואָצק, אָדער בעת איך בין געקומען קיין פאָריסאָוו צו מיין זיידן ר׳ פנחס.

איין מאָל, זייענדיק אין פאָריסאָוו, האָט מיין חבר יהושע מיך איינגעלאַדן אויף אַ צוזאַמענטרעף פון יינגלעך מיט מיידלעך מיט חנהטשען בראש. צו יענער צייט, און נאָך דערצו אין פאָריסאָוו, איז אַזאַ צוזאַמענטרעף פון אַ העכסט רעליגיעזער יוגנט געווען אַ געוואַגטער שריט. מיך אַליין כאָטש כ׳בין נאָך געווען אַ ישיבה־בחור און געלעגן אין גאַנצן אין לערנען, האָבן דעמאָלט שוין געמאַטערט אָן אַ שיעור פּראָבלעמען, און איך האָב נישט געפונען קיין באַשייד, קיין ענטפער אויף אַ סך פראַגעס.

ז׳ער צוזאַמענטרעף

נישט ווייט פון עק פון רבינס גאַס זענען געשטאַנען עטלעכע סטאָדאָלעס וועלכע האָבן געדינט פאַר אַ סך פון אונדזער שטעטלשער יוגנט אַן אָרט וווּ מען האָט געקאָנט זיך אויסהיטן — ווען מען האָט געדאַרפט — פון אַ בייז אויג. טאַקע דאָרט, איז, אין איינעם אַן אָוונט, פאָרגעקומען אונדזער צוזאַמענטרעף. צו ערשט האָבן מיר, אַ גרופע חברים, סתם אַזוי שפּאַצירט איבער דער גאַס. אַ חוץ מיר זענען דאָרט געווען: יהושע באָראָווסקי, יאָסל יענטשמיען, אהרן זיגלמאַן, יחזקאל רבקה וועלוועלס די בעקערין, און שלמה באָראָווסקי. אין גאַנצן באַזונדער, און מכלומרשט אויך אָן שום כוונה האָבן שפּאַצירט חנהטשעביילע און רחל גלאַטשטיין, חיה דזשיאַלאָווסקי און רחל לאה, רבקה וועלוועלס טאָכטער.

מיר האָבן גוט נאָכגעקוקט צו מען זעט אונדז נישט, ערשט דערנאָך זענען מיר אַריין אויפן אָפּגערעדטן אָרט.

מען האָט מיך באַקענט מיט חנהטשען און אַנדערע מיידלעך. מיר האָבן זיך געגעבן די הענט. וואָלט געווען ליכטיק אַרום אונדז, וואָלט מען אַוודאי געזען ווי איך בין אין גאַנצן געוואָרן פאַררויטלט, פּשוט דערפאַר, ווייל עס איז ביי מיר געווען דאָס ערשטע מאָל ווי איך האָב געגעבן אַ פרוי די האַנט.

בעתן באַקענען זיך מיט חנהטשען, האָט זי מיר געזאָגט, אַז אונדזער פריינדשאַפט קומט אונדז בירושה, ווייל ביידנס עלטערן זענען געווען גוטע חברים, און אויך ווייל ביידע זענען מיר אייניקלעך פון שוחטים. דערביי האָט זי באַמערקט, אַז אונדזער וועג, דער וועג פון דער גרופּע דאַרף זיין: תורה און וויסן, אָט אַזוי ווי דער רמב״ם האָט עס ביי זיך אַליין צונויפגעפּאָרט. און נאָך האָט זי מיר דעמאָלט געזאָגט: אַוודאי וועלן זיין אַזעלכע וואָס וועלן אונדז דערפאַר שיקאַנירן, אָבער מיר דאַרפן נישט מורא האָבן, ווייל דער אמת איז מיט אונדז.

אויף דעם צוזאַמענטרעף האָט יהושע דעם מורה הוראהס ציטירט געלייענטע ביכער, געשטעלט פראַגעס און חנהטשע האָט געענטפערט, באַלויכטן די אַרויסגעבראַכטע פּראָבלעמען. פון אירע ענטפערס און אויפקלערונגען זענען מיר פיל זאַכן געוואָרן קלאָר און איך האָב נישט אויפגעהערט צו באַוואונדערן איר לאָגיק און טיפן פאַרשטאַנד.

דער דאָזיקער אָוונט איז געבליבן איינגעקריצט אין מיין זכרון. ערשטנס, צוליבן דירעקטן צוזאַמענטרעף מיט חנהטשע ביילען און צווייטנס, ווייל ער איז געווען פאַר מיר אַ ווענדפונקט אין מיין גייסטיק לעבן.

אויף דעם צוזאַמענטרעף איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז איך וועל זיין דער פאַרבינדלער צווישן דער גרופּע און דער „ברעסלער" ביבליאָטעק אין וואַרשע (נאַוואָליפּיע 5). יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק האָב איך געדאַרפט אַרויסגיין צו די פורן וואָס זענען געשטאַנען אויף פראַנציסקאַנער 31, אָפּנעמען די, דורך

מיינע חברים, צוגעשיקטע ביכער צום טוישן און איבערגעבן פאַר זיי אַנדערע, גענומענע אין דער ביבליאָטעק. איך האָב מיין אויפגאַבע דערפילט בשלימות און — אַליין פון דעם געניאָסן. צו יענער צייט האָב איך געלערנט אין דער ישיבה אויף געגשאַ 45 צוזאַמען מיט שמחהלע קאַפּאַטאַ, (צבי קאַפּאַטאַס ברודער) און געשלאָפן זענען מיר אין אַ גרויס קאָנפעקציע־געשעפט (אויף דלוגאַ 12) פון אַכט ביי נאַכט ביז אַכט אין דער פרי. מיר האָבן דעריבער געהאַט גענוג צייט סיי צוצוגרייטן די שיעורים פאַר דער ישיבה און סיי אַדורכצולייענען די ביכער.

ביז די זאַך האָט זיך אויפגעדעקט...

אַ לאַנגע צייט האָט דער ענין מיט די ביכער זיך געפירט אָן שום מכשול. די פורמאַנעס פון שטעטל האָבן זיי געפירט אַהין און צוריק און באַקומען דערפאַר באַצאָלט. נאָר אַזוי ווי „סוף גנב לתליה", האָט אויך די זאַך מיט אַ מאָל געפּלאַצט. אין איינעם אַ טאָג האָט דער פורמאַן אַריינגעלייגט, על־פי־טעות, אַ גאַנץ פעקל ביכער וואָס איז געווען אַדרעסירט צו מאיר שלום באָראָווסקי, אין אַ זאַק סחורה וואָס איז געשיקט געוואָרן צו יוחנן ראַטבליט. ווען יוחנן האָט אָפּגענומען זיין סחורה און דאָרט געפונען דאָס פעקל, האָט ער זיך נישט געפוילט, עס אויפגעפּאַקט און דערזען פאַר זיך אַ שלל פון „טריפהנע" ביכער, צווישן זיי אַ בוך וועגן יידישע משומדים, אַפּטריניקעס פון יידישן פאָלק. פאַרשטייט זיך, אַז די ביכער זענען שוין נישט דערגאַנגען צו באָראָווסקין, זיי זענען אָנגעקומען צום רב און דער סקאַנדאַל איז געווען נישט קיין קליינער. מיין זיידע ר' פנחס האָט נאָך דעם זעלבן פרייטיק, אין מקווה, זיך דערוווסט פון דער גאַנצער מעשה און וועגן מיין שייכות צו דעם. יוחנן ראַטבליט האָט אים דערציילט דערוועגן און ווייזנדיק אים מיין בריוועלע וואָס איז געלעגן אין פעקל, געטשעפּעט מיט אים: נו, זע, פנחס, וואָס דיין אייניקל לערנט דאָרט אין דער ישיבה. ער פאַרנעמט זיך מיט שיקן שמד־ביכער קיין פאַריסאָוו.

איך האָב גלייך באַקומען אַ בריוו פון זיידן אין וועלכן ער האָט מיך געבעטן איך זאָל תשובה טאָן און אָפּקערן פון די שלעכטע וועגן כל זמן עס איז נאָך צייט.

אין שטעטל האָט דער טומל נישט אויפגעהערט. אין די קרייזן פון אגודת ישראל האָט מען נישט געוווסט וואָס צו טאָן, ווי אַזוי צו רעאַגירן: ראַדיקאַל אָדער מעסיק. פון דעם וואָס עס איז געשען איז מען אין מזרחי און אין קולטור־פאַראיין געווען שטאַרק צופרידן און מען האָט זיך געפרייט מיטן דורכפאַל אין דער אַגודיסטישער מחנה. פאַריסאָווער חסידים האָבן מיט פאַרבי־טערונג אויפגעוויזן ווי וויט גערעכט עס איז זייער רבי און די פאַריסאָווער שיטה בכלל וואָס שייך חנוך און יידישקייט.

וואָס אָן אמת האָט מען נאָך פריער געמורמלט אין שטעטל וועגן קאָנטאַקט

וואָס ווערט אָנגעהאַלטן צווישן חברים פון צעירי אגודת ישראל און מיידלעך פון דער אַגודיסטישער פרויען־אָרגאַניזאַציע, כאָטש קיין קאָנקרעטע באַווייזן דערויף זענען נישט געווען. אָבער אַצינד, נאָך דער מעשה מיט די ביכער, האָבן אַלע רייד אָנגעהויבן באַקומען ממשותדיקן זין.

אין אַ געשפּרעך מיט אהרן גלאַטשטיין האָט חנהטשע אויפגעקלערט, אַז דאָס בוך „משומדים" וועגן וועלכן יוחנן ראַטבליט האָט אַזוי געהעצט די בעלי־בתים אין שטעטל, ברענגט גאָר אַרויס די נעגאַטיווע זייטן פון די אַפּטריניקע און עס מאַכט גאָר נישט אויס אויב מען לייענט אַזאַ בוך בבחינת „ודע מה שתשוב". זי האָט געטענהט, אַז יעדע העצע קעגן דער יוגנט, קאָן נאָר ברענגען דערצו, אַז די אַגודיסטישע יוגנט זאָל פאַרלאָזן די באַוועגונג און אַוועק אין אַנדערע לאַגערן. איר שטעלונג איז אָנגענומען געוואָרן דורך די אגודה־אינסטאַנצן און עס איז, פאַרלויפיק, געבליבן ביים אַלטן.

אָבער נישט אויף לאַנג. וואָרעם די שטעטלשע יידן האָבן נישט געקאָנט און נישט געוואָלט פאַרגעסן וואָס עס איז געשען. אין רעזולטאַט דערפון האָבן עלטערן געוואָרנט זייערע קינדער נישט צו קומען אין קאָנטאַקט מיט די וועלכע געהערן צו דער גרופּע וואָס איז אַראָפּ פון וועג. אַנדערע האָבן אויך אויפגעהערט צו שיקן זייערע קינדער אין בית יעקב און אין „בנות אגודת ישראל" און חנהטשעביילע האָט אָנגעהויבן שפּירן, אַז דער רודער פאַלט אַרויס פון אירע הענט.

חנהטשע ביילע און אין פּאַטער יוסף זינדל

ביז דעמאָלט איז חנהטשע ביילעס קאָנטאַקט מיט איר פּאָטער געווען זייער אַ לויזער. זי האָט געהאַלטן, אַז ער איז שולדיק אין דער צעשיידונג מיט דער מאַמען וואָס זי האָט געהאַט ליב און צו וועלכער זי איז די גאַנצע צייט געווען אידעיש נאָענט. אבער ווי נאָר איר גייסטיקע וועלט אַליין האָט זיך אָנגעהויבן וואַקלען, האָבן די בריקן צווישן חנהטשען און איר פּאָטער אָנגעהויבן זיך דערנעענטערן. זי האָט דאַן געשריבן צו אים וועגן אירע איבערלעבענישן און בכלל אָנגעהויבן פילן אַ נאָענטקייט צו אים. יוסף זינדל האָט אַרויסגעפילט פון איר שרייבן, אַז זיין טאָכטער הייבט אָן אַרויפקומען אויפן ריכטיקן וועג, האָט ער זי נישט אָפּגעשיקט גלייך צו זיינע ראַדיקאַלע אידעען, נאָר געהייסן איר לייענען שפּינאָזאָס ווערק. חנהטשע האָט זיך אַריינגעלאָזט אין שפּינאָזאָס געדאַנקען־וועלט און אפילו אַליין אָנגעשריבן אַ געהילפס־בוך א.נ. „עטיודן" צו שפּינאָזאָס „די עטיק" פאַר לייענערס וואָס קענען נישט אַזוי לייכט אויפנעמען זיין פילאָזאָפיע און אַריינדרינגען אין איר.

שפּינאָזאָס ווערק זענען באַהאַנדלט געוואָרן דורך חנהטשען און די חברים פון דער גרופּע. מען האָט דאָס געטאָן שריפטלעך, אָדער בעת צוזאַמענ־טרעפן. די אַרויסגעבראַכטע אויספירונגען האָבן נאָך מער צוצעטרייסלט זייער

וועלט־באַנעם און בעיקר האָט צו דעם גורם געווען דער „טראַקטאַט” וועלכער האָט מיט זיין רעליגיע־אויפפאַסונג ממש אונטערגעגראָבן דעם יסוד און צו־צעריסן די נשמה פון דעם דעמאָלט נאָך גלייביקן יוגנטלעכן.

חנהטשע אַליין האָט זיך איינגעבראָכן און מיט איר — די גאַנצע גרופע. אַלע צוזאַמען האָבן פאַרלוירן דעם גייסטיקן באָדן הינטער די פיס. גראָד דעמאָלט איז אין די הענט פון דער גרופע אַריינגעפאַלן שאָפּנהויערס „די חכמה פון לעבן”, פול מיט פעסימיסטישע אַנשויונגען, און דאָס האָט נאָך מער דעפּרעסירט די חברה.

עפּעס איז געווען אַזוי אומעטיק אויפן האַרצן. אין די אויגן פון דער גרופע וואָס איז געוואָרן אַזוי שטאַרק באיינפלוסט פון שאָפּנהויערס פילאָזאָפיע, האָט די וועלט אויסגעזען אַזוי שלעכט, אָן גליק און אָן פרייד.

אין יענע טעג האָט חנהטשע פאַרפאַסט אַ ליד וואָס בלויז סטראָפן זענען געבליבן ביי מיר אין זכרון און זיי זאָגן עדות וועגן דעם שווערן געמיט וואָס האָט באַגלייט די גרופע:

— — — „אין סאַהאַראַ ווו מען וואַנדערט,
אין דעם מדבר־שיינעם לאַנד
טרעפט אַ מאָל: מען ווערט פאַרוווּנדערט
בליקנדיק אויף פוסטן העלן זאַמד
אַט זענען שעפסן, סטאַדעס גאַנצע
און דעם פאַסטעך זעסטו קלאָר
מיינסט, אַלץ איז אמת, אַלץ איז וואָר —
ס'אַ ליגנט, ס'אַ ליגנט, פוסטער טרוים
מדבר האָט קיין שעפסן, קיין פאַסטעך, קיין בוים.
אַזוי איז אויך דאָס לעבן
דיר דאַכט: גייסט זיכער אויף דער בריק
און מיט דיר — פולע הויפנס גליק
מיינסט אַלץ איז אמת, אַלץ איז וואָר
נאָר ניין, ס'אַ ליגנט, ס'אַ ליגנט
נישטאָ קיין גליק —
פוסטער טרוים”.

אין רעזולטאַט פון גייסטיקן צוזאַמענבראָך, האָט חנהטשע פאַרלוירן די שפּראַך מיט די רעליגיעזע קינדער. אהרן גלאַטשטיין און די „פּני” פון די גערער חסידים אין שטעטל האָבן געהאַט נישט מער ווי צו באַשטעטיקן, אַז די בית־יעקב שולע אין פּאַריסאָוו, עקזיסטירט נישט מער, און אַז חנהטשע איז נישט מער זייער לערערין.

— — — און אַז דער שלאַבאַן איז געוואָרן אַוועקגענומען, איז דער וועג געוואָרן אין גאַנצן פריי... חנהטשע איז מיט שנעלע טריט געגאַנגען פון

איין עקסטרעם צום צווייטן, פון אגודת ישראל — ביז צום קאָמוניזם. דער רוב פון איר גרופּע האָט געטאָן דאָס זעלבע וואָס זי...

צו דער וועלט פון גערעכטיקייט...

די אַרבעטסלאָזיקייט און דער אַנטיסעמיטיזם אין פּוילן האָבן געצוווּנגען דעם אונטערוואַקסנדיקן יידישן דור און אויך עלטערע, זיך צו פאַרטראַכטן וועגן די וועגן און אופנים צו לעזן אַזעלכע שטייגער פּראָגעס. אַ טייל האָט געזען די לעזונג אין ציוניזם, אין האָבן אַן אייגענע יידישע היים. חנהטשע האָט געהאַלטן, אַז דער ציוניזם איז אין שטאַנד בלויז צו לעזן די נאַציאָנאַלע פּראָגע, אָבער נישט די אַנגעווייטיקטע סאָציאַלע פּראָבלעמען פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט. נאָר דער קאָמוניזם קאָן דאָס באַווייזן — האָט זי פאַרזיכערט. אויב אַזוי, האָט חנהטשע זיך אַריינגעוואָרפן, מיטן גאַנצן ברען, מיט לייב און לעבן, אין די אָרעמס פון קאָמוניזם. און אַז זי פלעגט זיך טרעפן מיט איר חברה האָט מען געזונגען:

— — — „פון פּאַלעסטינע לויפן יאַטן
די ערד איז פּוסט און וויסט
און אינעם לאַנד פון די ראַטן
טיילט מען ערד אומזיסט".

עס האָט נישט לאַנג געדויערט און חנהטשע איז אַרויסגעטרעטן אין פאַריסאָווער קולטור־פאַראיין מיט אַ ציקל רעפעראַטן אויף סאָציאַל־וויסנ־שאַפטלעכע טעמעס.

אין יענע שטורמישע טעג פון איר לעבן האָט חנהטשע אַנגעהאַלטן אַן ענגערן קאָנטאַקט מיטן פאָטער, אָבער זי האָט, ווי פריער, שטאַרק ליב געהאַט איר פרומע מוטער און דערפאַר האָט זי, זייענדיק אין שטעטל, זיך געמוזט צוימען מיט אירע מעשים. טאַקע צוליב דעם האָט זי שפּעטער פאַרלאָזט פאַריסאָוו און זיך איבערגעטראָגן קיין וואַרשע. זי האָט אָנגעהויבן אַרבעטן און פאַרדינען און איז געוואָרן מיטגליד אין וואַרשעווער טעקסטיל־פאַראיין. דאָרט האָט מען שנעל זיך דערקענט אויף איר און זי איז געוואָרן אַ פאַרוואַלטונגס־מיטגליד אין דער ביבליאָטעק „דאָס לעבן" [„זשיטשיע"], אויף דזשיעלנאַ 32, וואָס איז געשטאַנען אונטערן איינפלוס פון דער לינקער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג אין וואַרשע. שפּעטער איז חנהטשע געוואָרן אַ מיטגליד אין מוראַנאָווער ראַיאָן קאָמיטעט פון „מאָפּר" (אַ קאָמוניסטישע אָרגאַניזאַציע צו העלפן פּאָליטישע אַרעסטירטע). חנהטשע וואָלט אַוודאי געוועזן דערגאַנגען ביז צום העכסטן שטאַפּל פון דער פּאַרטיי־היעראַרכיע ווען זי וואָלט נישט אין צווישן געוואָרן אַרעסטירט און אויך ווען נישט וואָס די פּוילישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז דורך מאָסקווע פאַרהאַנגען געוואָרן ביז צום אויסבראָך פון קריג, אין יאָר 1939.

חנהטשע האָט חתונה געהאַט מיט יאָסל יענטשמיען פון פאַריסאָוו ועלכער

האָט מיטגעמאַכט מיט איר דעם וועג — פון דער אַגודיסטישער באַוועגונג ביז צום קאָמוניזם. זיי האָבן געוווינט אין וואַרשע, אויף אַגראַדאָווע גאַס און עס איז זיי געבוירן געוואָרן אַ טעכטערל.

אין דער צווייטער וועלט־מלחמה — ביי די רוסן

ווען עס איז אויסגעבראָכן דער קריג, זענען חנהטשע און יאָסל אַוועק קיין ביאַליסטאָק, צו די רוסן.

אין איינעם אַ טאָג בין איך אַהין אָנגעקומען מיט מיין פרוי און קינד און מיר האָבן זיי אויפגעזוכט. זיי האָבן געוווינט ביי אַ ביאַליסטאָקער ייד, וועלכער האָט געפירט אַ טריקאָטאַזש פאַבריק און יאָסל יענטשמיען צוזאַמען מיט אונדזערס אַ בשותפותדיקן חבר חיים ישראל פון וואַרשע האָבן ביי אים געאַרבעט אין שיכטן. איך בין געווען אויף צרות ווייל איך האָב נישט געפונען קיין אַרבעט ביים פאַך. ביז היינט צו טאָג פאַרגעס איך נישט דעם פאַקט, אַז יאָסל און דער צווייטער חבר האָבן מיר אָפּגעטרעטן, יעדער איינער — אַ טאָג אַרבעט, אַזוי, אַז עס איז מיר דערמעגלעכט געוואָרן, כאָטש בדוחק, צו עקזיסטירן.

אָבער פאַר חנהטשען איז ביאַליסטאָק נאָך נישט געווען דער ריכטיקער מוסטער פון קאָמוניזם. דאָ, אין די מערב־געביטן פון ווייסרוסלאַנד, שטעלט די סאָוויעטן־מאַכט אירע ערשטע שריט — האָט זי געטענהט — מען דאַרף דעריבער זיך איבערטראָגן דאָרט אַהין ווו דער קאָמוניזם איז שוין פאַרוואָרצלט.

אין איינעם אַ טאָג איז אין ביאַליסטאָק פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַ מעלדונג וועגן אַ רעגיסטראַציע צו פאָרן קיין סאָוויעט־רוסלאַנד. חנהטשע איז געלאָפן זיך פאַרשרייבן. די רעגיסטראַציע איז געווען קיין מאַגניטאָגאָרסק. חנהטשע האָט נאָך נישט געוווסט געגנוי ווו דאָס איז, אָבער וואָס איז דען אייגנטלעך געווען די נפקא מינה ווו די שטאָט געפינט זיך? אומעטום ווו עס הערשט דער פּראָלעטאַריאַט דאָרט איז גוט, ווייל דאָרט איז די גערעכטיקייט, די גלייכהייט פון אַלעמען, דאָרט הערשט סאָציאַלער יושר, אאַז״וו.

חנהטשע האָט אונטערגעשריבן אויף אַ קאָנטראַקט ווו עס איז געווען אויסגערעכנט וואָס זייער אַרבעט וועט זיין אין מאַגניטאָגאָרסק, וויפל עס וועט זיין דער פאַרדינסט, די גרייס פון דער וווינונג, א״אַנד. זי האָט געשפירט, אַז איר גרויסער חלום ווערט פאַרווירקלעכט און עס איז נישט געווען קיין גרענעץ צו איר פרייד.

אין מאַגניטאָגאָרסק

ווען חנהטשע איז אָנגעקומען קיין מ. — דער גרויסער אינדוסטריעלער צענטער וואָס איז אויפגעקומען נאָך דער רוסישער רעוואָלוציע און וועגן וועלכן מען האָט אין ראַטן־פאַרבאַנד געשריבן לידער, פּאָעמעס און ראָמאַנען — איז זי געווען „אין זיבעטן הימל״. אין אַ בריוו צו אונדז קיין ביאַליסטאָק האָט

זי געשילדערט ווי וואַרעם מען האָט זיי אויפגענומען בעת זייער אָנקומען אויפן נייעם פלאַץ. זי האָט אויך אונדז געשריבן מיר זאָלן קומען קיין מ. ווו מיר וועלן זיך האַלטן צוזאַמען.

נאָך יענעם בריוו האָבן מיר שטאַרק מקנא געווען חנהטשען מיט איר פאַמיליע און אויך אַנדערע וועלכע האָבן זוכה געווען און זענען אַוועק לעבן אין אמתן גן־עדן פון דער סאָוויעטישער ווירקלעכקייט.

(אין יענע טעג האָב איך זיך געפונען אין ביאַליסטאָק מיט מיין פרוי אסתר — אַ טאָכטער פון אלקנה אשלאק ז״ל פון וואַרשע (געוווינט אויף סטאווקי 7), אירע צוויי שוועסטער און אונדזער טאָכטער. מיר האָבן נאָך נישט געקאָנט זיך רירן אין וועג אַריין, ווייל איך האָב געוואַרט אויפן שווער וועלכער איז צוריקגעגאַנגען קיין פוילן ברענגען די שוויגער און נאָך צוויי שוועסטער. ער איז לײדער מער נישט צוריקגעקומען און די דאָרט־געבליבענע האָבן געטיילט דעם גורל פון אַנדערע יידן).

נאָך אַ געוויסער צייט, האָבן מיר באַקומען פון חנהטשען נאָך אַ בריוו. איך האָב אים געלייענט, און נישט געגלייבט, אַז דאָס איז אירס אַ בריוו, אַז זי האָט אים געשריבן. איך האָב געקערט דאָס פאַפיר פון איין זייט אויף דער צווייטער, געטראַכט, אַז עס מוז דאָ זיין עפּעס אַ מיספאַרשטייעניש, אַ טעות, אַ בייזער חלום. אָבער ניין. עס איז געווען חנהטשעס האַנטשריפט, איר שפּראַך, איר סטיל.

„אויב איר קאָנט נאָך טאָן אויף צו בלייבן אויפן אָרט — האָט זי געשריבן — טוט עס, פאָרט נישט ווייטער, אויב איר ווילט, אַז אייער קינד זאָל בלייבן לעבן. אונדזער קינד לעבט נישט מער. ווען מיר האָבן אינטערוועניִרט ביי דער נ.ק.וו.ד. וועגן דעם מאַסנהאַפטן אויס־שטאַרבן פון די קינדער צוליבן קלימאַט און צוליב די באַדינגונגען, האָט מען זיך אויסגעלאַכט פון אונדז״.

און אין המשך פון בריוו איז דאָרט געווען געשריבן:

„אויך יחזקאל (פירער פון דער יוגנט אין וואַרשעווער טעקסטיל־פאַראיין) איז געגאַנגען אינטערוועניִרן ביי דער נ.ק.וו.ד. און בעטן מען זאָל אונדז אַלע איבערשיקן אויף אַ צווייט אָרט מיט אַ גרינגערן קלימאַט, ערשטנס, ווייל דער פון מאַגניטאָגאָרסק ווירקט שלעכט אויף די קינדער, און צווייטנס, ווייל די דירעקציע אין מ. פירט נישט אויס די פונקטן פון קאָנטראַקט וואָס מיר האָבן געחתמעט אויף אים, באַזונדערס וואָס שייך דער גרייס פון דער וווינונג. נאָך דעם ווי ער האָט אויסגערעכנט אַלע שוועריקייטן, האָט איינער פון די נ.ק.וו.ד. אים געפרעגט: „טי טשטאָ זדיעלאַל וו׳פּאַלשע (וואָס האָסטו געטאָן אין פוילן?)?״ יחזקאל האָט געענטפערט: „יאַ ראַבאָטאַל״ (איך האָב געאַרבעט). „פּאַדאַוואַי טוואָיו רוקו״ (דערלאַנג מיר דיין האַנט) — האָט דער ענקאַוודיסט צו אים

געזאָגט, און נעמענדיק זי אַזוי אין זײַנער — זיך אָפּגערופן: „ניעט, טי ניע ראַבאָטאַל, טי וואַראָוואַל" (ניין, דו האָסט נישט געאַרבעט, דו האָסט געגנבעט). אַ ווײַלע דערנאָך האָט דער זעלבער אים אַ פרעג געטאָן: „סקאָזשי, טי קאַקאָי נאַציי?" (וואָסער נאַציאָנאַליטעט ביסטו?). „יעווריי" — האָט יחזקאל גאָר נישט אויסבאַהאַלטן פון אים. דער ענקאַווודיסט האָט דערויף אַזוי זיך צוגעזינגען און אויסגעצויגן דאָס איינציקע אַרויס־געבראָטע וואָרט: פ—אַ—נ—י—אַ—ט—נ—אַ (פאַרשטענדלעך). יחזקאל האָט געפילט ווי מען וואָלט אים דורכגעשטאָכן מיט אַ מעסער, אָבער נישט בלויז דעם גוף, נאָר אויך די נשמה, און נישט בלויז זײַנע, נאָר אויך — פון די אַלע יידישע מענטשן וואָס האָבן אָפּגעגעבן זייער לעבן אויפן מזבח פון דער רעוואָלוציע און פון די אידעאַלן אין וועלכע מען האָט אַזוי געגלייבט".

און חנהטשע ענדיקט איר בריוו מיט די ווערטער:

„און אַז כ'גיי אַזוי איבער די גאַסן פון מאַגניטאָגאָרסק און איך קוק אויף דעם רויך פון די קוימנס ווי זיי פאַרשווינדן פון אויג, זע איך אויך אין זיי דאָס פאַרשווינדן פון מיינע גרויסע אידעען און חלומות".

דער לעצטער עטאַפּ: חנהטשעביילע קערט זיך צוריק צום מקור?

חנהטשע און יאָסל האָבן סוף־כל־סוף זיך אַרויסבאַקומען פון מאַגניטאָגאָרסק ווו זיי האָבן איבערגעלאָזט אַ זיס קינד אין קבר, און אויסגעריסענע אידעאַלן. זיי זענען געפאָרן נענטער צו די אַמאָליקע פויליש־רוסישע גרענעצן און האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין באָברויסק (ווייסרוסלאַנד). אָבער נאָך איידער זיי האָבן באַוויזן אויפצושטעלן פאַר זיך אַ פרישע נעסט, זענען די היטלער־האָרדעס באַפאַלן רוסלאַנד, האָבן באַשיט אירע שטעט מיט פייער און שוועבל, און בעת איינער אַ מערדערישער באָמבאַרדירונג פון די דייטשן איז חנהטשע, לויפנדיק מיט הענט אויפגעהויבענע צום הימל, געפאַלן אַ טויטע.

ווי מען דערציילט, האָט חנהטשע ביילע, נאָך פאַר איר אומקומען, תשובה געטאָן. יעדן פרייטיק פאַר־נאַכט האָט זי געצונדן ליכט. זי האָט אויך געזוכט אַ וועג אומצוקערן זיך צום אַלטן מקור, ווי עס זאָגט דער פסוק: „יתמו חטאים ורשעים עוד אינם".

— — — חנהטשע ביילע האַלשטאָק איז געווען זייער אַ באַגאַבטער מענטש. פול מיט וויסן, מיט אינטעלעקט. טראַגיש־דראַמאַטיש איז געווען איר לעבן און אויף אַ טראַגישן אופן איז זי אומגעקומען.

* *
*

פון די אויסגערעכנטע מענטשן אין דער דאָזיקער באַשרייבונג, זענען, אַ חוץ אהרן זיגלמאַן, אַלע געווען אין דער נעץ פון קאָמוניזם אין וועלכן מען

האָט אַזוי ערלעך געגלייבט. פון זיי אַלע לעבן אין ישראל: אהרן זיגלמאַן, י. יענטשמיען און דער שרייבער פון די דאָזיקע שורות. אין אַמעריקע לעבט רחל גלאַטשטיין (יענטשמיען). אַ גאַנצע עפּאָכע איז פאַרביי. אַן עפּאָכע פון גייסטיקן געראַנגל ביי דער יידישער יוגנט וואָס האָט אויך נישט אויסגעמיטן די רעליגיעז־דענקענדיקע יוגנטלעכע. אַ גרויסער טייל פון דער אָ יוגנט איז געוואָרן פאַרכאַפּט פון דעם לאָקנדיקן און אַזוי פיל צוזאָגנדיקן קאָמוניסטישן אידעאַל. האָט מען פאַרלאָזט דעם אייגענעם ווייגאַרטן און זיך געפרייט מיט פרעמדן. זענען אָבער געקומען אַזעלכע צייטן וואָס האָבן אַלץ צוצעטרייסלט, איינגעבראָכן וועלטן און גלויבנס. אויך די איינצלנע פון חנהטשע ביילעס גרופּע וואָס זענען געבליבן לעבן האָבן פאַרלאָזט זייער נעכטיקע וועלט, זייער נעכטיקן גלויבן, זענען „אויסגעהיילט” געוואָרן, פאַרבינדנדיק זיך פון דאָס ניי מיט לייב און לעבן מיטן גורל פון יידישן פאָלק, פון יידישן לאַנד און מיט די היסטאָרישע־נאַציאָנאַלע ווערטן פון דער אייגענער אומה.

מאיר פיינזין (ז״ל)

די פרנסות פון פּאָריסאָווער יידן

דער גרעסטער טייל פון די פאַריסאָווער יידן זענען געווען בעל־מלאָכות: שוסטערס, שטעפּערס, שניידערס, סטאָליערעס און שמידן. דאָס שטעטל האָט אויך פאַרמאָגט אַ שערער, אַן אַקושערקע, אַ יידישן פעלדשער און צען בעל־עגלות.

די בעל־עגלות אין פאַריסאָוו

די בעל־עגלות האָבן, צום מיינסטן, געצויגן חיונה פון די יידישע סוחרים וואָס פלעגן פירן דאָרפישע אויסאַרבייטונגען קיין וואַרשע, און צוריק פון דאָרט — סחורות פאַר די שטעטלשע קרעמערס.

אין די ערשטע צייטן, מיט אַ סך, אַ סך יאָרן צוריק, איז דאָס אַרויספאָרן פון שטעטל געווען פאַרבונדן מיט גרויס איינשטעלעניש. פאַריסאָוו איז געלעגן ווייט פון אַ באַן־סטאַציע. די צען קילאָמעטער וואָס האָבן אַרויסגעפירט צום וואַרשעווער טראַקט, האָבן זיך געצויגן דורך געדיכטע וועלדער ווו באַנדיטן האָבן שטענדיק געלאָקערט אויף די דורכפאָרערס, און נישט איין מאָל — זיי באַפאַלן און באַרויבט.

אין יענע צייטן האָט אַ רייזע קיין וואַרשע געדויערט אַ גאַנצע נאַכט. יידישע פלייש־און בהמה־סוחרים, פלעגן, אין שבת־צו־נאַכט, גלייך נאָך הבדלה,

זיך גרייטן אין וועג אַריין. אַנדערע סוחרים האָבן זיך אַרויס געלאָזט מיט די בעל־עגלות, קיין וואַרשע זונטיק נאָך מיטאָג. שטענדיק פלעגן די בעל־עגלות אַרויספאָרן צוזאַמען, וועלנדיק, אַזוי אַרום, אויסמיידן באַנדיטישע אָנפאַלן אויף זיי. נישט איין מאָל פלעגן באַראַבעוועטע סוחרים זיך אומקערן פון וועג צוריק קיין פאַריסאָוו, אָנלאָדן פרישע סחורה, און ווידער זיך לאָזן אין סכנהדיקן וועג אַריין.

די בעל־עגלות וואָס זענען געפאָרן אין ווייטן וועג, האָבן געהאַט זייער אַ שווער לעבן. בלויז צוויי נעכט אין דער וואָך — דינסטיק און פרייטיק — זענען זיי געשלאָפן אין דער היים.

עס זענען אויך געווען בעל־עגלות וואָס האָבן באַדינט דאָס שטעטל גופא. זיי האָבן געפירט וואַסער, געברענגט האָלץ פון וואַלד, אַדג״ל. אַזאַ פורמאַן האָט געהאַט אַ בידנע פערדל, און אָפט מאָל האָט ער געדאַרפט אַליין אונטערשטופן דעם וואָגן כדי אַרויסצוקריכן פון זאַמד, אָדער בלאָטע. דער מאַטעריעלער מצב פון דעם שטייגער בעל־עגלות איז געווען אַ סך ערגער פון די וועלכע זענען געפאָרן קיין וואַרשע.

שוסטערס און שניידערס

שוסטעריי איז געווען דאָס פאַרשפרייטסטע פאַך ביי די פאַריסאָווער בעל־מלאכות. מייסטנס האָבן די שוסטערס געאַרבעט פאַר די פויערים פון די אַרומיקע דערפער. די שטיוול וואָס דער שוסטער האָט אויסגעאַרבעט פאַר זיי האָבן געדאַרפט זיין גרויס און שטאַרק. פון די צוויי מעלות איז דער פויער געווען צופרידן.

די שוסטערס אַליין האָבן זיך איינגעטיילט אין צוויי קאַטעגאָריעס: איינע, די מער פאַרמעגלעכע, וועלכע האָבן אָנגענומען באַשטעלונגען פון פויערים ביי זיך אין דער היים, און איינע — די וואָס זענען געגאַנגען איבערן דאָרף, האָבן דאָרט אָנגענומען אַרבעט, און זי אויסגעפירט אויפן אָרט, ביים פויער.

די דאָרפישע שוסטערס האָבן געהאַט אַ שווער לעבן: זיי זענען אויפגעשטאַנען פרי, האָבן שנעל „אַריינגעכאַפּט" דאָס דאַווענען אין שטוב, עפּעס איבערגעביסן, און גלייך זיך אַרויסגעלאָזט אין וועג אַריין מיט אַ זאַק אויף די פלייצעס אין וועלכען עס האָבן זיך געפונען די אַרבעטס־כלים און די סחורה. אַ דאָרפס־שוסטער האָט געהאַט צו גיין, לפחות, אַ צען קילאָמעטער, ווייל די פויערים פון די נעענטערע דערפער, האָבן אַליין „געטראָפן" אין שטעטל אַריין, צו די בעסערע בעל־מלאָכות...

דער שוסטער וואָס איז געגאַנגען אין דאָרף אַריין, האָט געאַרבעט אָן אָפּרו: געענדיקט ביי איין פויער די אַרבעט, איז ער גלייך געלאָפן צו אַ צווייטן.

דער יידישער שוסטער האָט זיך געפילט פרעמד אין דער דאָרפישער

כאַטע, וואָס איז, על־פּי־רוב, געווען באַהאָנגען מיט הייליקע, קריסטלעכע בילדער. בעת דעם פּויערס טעכטער זענען געזעסן ביי די שפּינרעדער און געשפּינט פֿאָדעם און פֿלאַקס, איז דער יידישער בעל־מלאָכה געזעסן פֿאַררוקט אין אַ ווינקל און האָט געטאָן זיין אַרבעט. שפּעט אין אָוונט האָט ער אַוועק־געלייגט די אַרבעטס־כלים, אויסגעזוכט פֿאַר זיך אַ פּאַסיק אָרט ווו צו קאָנען זיך אָוועקשטעלן און דאַווענען מעריב. נאָך דעם האָט ער אַרויסגענומען פֿון זאַק אַ שטיקל טרוקן ברויט, און אָפּגעגעסן דאָס „מאַלצייט״. אויף אויסגעשפּרייטן שטרוי האָט ער אַוועקגעלייגט דאָס בינטל אויסגעמאַטערטע ביינער, און אַזוי איז ער דורכגעשלאָפֿן די נאַכט.

על־פּי־רוב האָט דער פּויער באַצאָלט פֿאַר דער אַרבעט פֿון יידישן בעל־מלאָכה, מיט אייגענע פּראָדוקטן, ווי: קאַרטאָפֿל, מעל, גרויפּן, אדג״ל. דער יידישער שוסטער האָט געשלעפּט צו זיך אַהיים די פּראָדוקטן און מיט דעם, געדאַרפֿט באַצאָלן אין שפּייזגעוועלבל, אין לעדער־געשעפֿט, און אויך דעם מלמד, צי, די מלמדים, וואָס האָבן געלערנט מיט זיינע קינדער. ס׳רוב האָט דער פֿאַרדינסט נישט געסטייעט אויף צו דעקן די אַלע הוצאות, אָבער דאָך האָט מען זיך אַן עצה געגעבן. מען האָט גענומען אויף באָרג, אויף משכנות (אויף לייכטערס, צי אויף דעם גאָלדענעם זייגער מיט דער „דיביסקע״ (קייטל) וואָס מ׳האָט נאָך געהאַט פֿון דער חתונה, אדג״ל). ערגער איז געווען דעם שוסטער וועלכער האָט גאָרנישט געהאַט צו פֿאַרמשכונען. אַזאַ שוסטער האָט געלעבט אין גרויס דחקות, אין נויט, און כסדר אויסגעקוקט אַ ישועה פֿון הימל, אַ נס וואָס זאָל געשען גאָר פּלוצלינג...

די יידישע שניידערס

אין אַ בעסערן מצב זענען געווען די שניידערס אין שטעטל. ס׳רוב פֿון זיי, האָט געאַרבעט אין דער היים, אויף באַשטעלונג. עס זענען געווען אַזעלכע וואָס האָבן אַפֿילו געהאַט ביי זיך סחורות און מען האָט געקאָנט לאָזן זיך אויפֿנייען אַ מלבוש מיט דער סחורה פֿונעם שניידער. חתנים און כלות האָבן ביי אַזעלכע שניידערס געקאָנט באַשטעלן זייער גאַנץ אויסשטייער. אויך פֿאַרמעגלעכע פּויערים פֿון די נאָענטע דערפֿער פֿלעגן קומען צו אַזעלכע יידישע שניידערס און נייען ביי זיי מלבושים.

אַ קליינע צאָל שניידערס זענען געגאַנגען נייען אויפֿן דאָרף. דאָס האָבן געטאָן די ווייניק קוואַליפֿיצירטע בעל־מלאָכות. זיי האָבן גענייט פֿאַר נישט פֿאַרמעגלעכע פּויערים וועלכע האָבן געטראָגן מלבושים פֿון זייער אייגן, פּרימיטיוו אויסגעאַרבעטן שטאָף. צו אַזאַ שניידער פֿלעגט דער פּויער קומען מיט זיינס אַ וואָגן, נעמען אים מיט דער ניימאַשין, ווי אויך דעם געהילף זיינעם, און זיי אַוועקפֿירן צו זיך אין דאָרף. על־פּי־רוב פֿלעגט אַזאַ שניידער אָפּזיצן אויפֿן דאָרף אַ גאַנצע וואָך, און אומקערן זיך אַהיים ערשט אויף שבת.

יידישע שניידערס פלעגן אויך אַרויספאָרן אין דער אומגעגנט, אויפנעמען באַשטעלונגען פון פויערישע פאַמיליעס, און אויספירן די אַרבעט ביי זיך אין דער היים, אין שטעטל. אַזאַ ארבעט פלעגט דער שניידער נישט אָנהייבן אָן „האַנטגעלט״.

די יידישע שניידערס אין פאַריסאָוו האָבן, פאַרהעלטענישמעסיק, פאַרדינט נישט שלעכט און געלעבט בכבודיק. זיי האָבן נישט געאַרבעט, ווי די שוסטערס, ביז שפעט אין דער נאַכט. זיי זענען אויך פאַררעכנט געווען צו די בעסערע באַלעבאַטים אין שטעטל.

אין פאַריסאָוו זענען אויך געווען יידישע שניידערקעס. זיי האָבן גענייט וועש פאַר באַלעבאַטישע הייזער. אין די שפעטערע צייטן האָבן זיי גענייט אויבערהעמדער פאַר די „פאַצעטישע״ בחורים אין שטעטל, אויסשטייערס פאַר כלות און קליידער פאַר יונגע פרויען. צו זיי זענען אויך געקומען רייכע פויערים באַשטעלן מלבושים און וועש פאַר זייערע טעכטער וועלכע האָבן זיך געגרייט צום „שלוב״.

בוי־טישלערס

דאָס רוב בוי־טישלערס אין שטעטל האָבן געאַרבעט פאַר פאַריסאָווער באַלעבאַטים וועלכע האָבן פאַר זיך געשטעלט הייזער, אָדער, רעמאָנטירט אַלטע בנינים. זיי האָבן אויך פאַרריכט טירן און פענצטער, באַזונדערס אין האַרבסט־צייט, בעת מ׳האָט געוואָלט זיך באַוואָרענען פאַר די ווינטערדיקע קעלטן און פרעסט. פון צייט צו צייט, פלעגט אויך צופאַלן אַ דאָרפיש שטיקל אַרבעט. אין אַזאַ פאַל פלעגט אַ יידישער בוי־טישלער אַרויספאָרן אויפן דאָרף, און מיטנעמען מיט זיך, אַ חוץ טלית־און־תפילין, אַ גאַנצע ווירטשאַפט, ווי: טעפלעך, שיסלען און געשיר. לעבן דעם פלאַץ וווּ ער האָט געבויט די „כאַלופע״, האָט דער יידישער בוי־טישלער אויפגעשטעלט פאַר זיך אַ קיכל, און אויף דעם געקאָכט אַ ביסל געקעכץ. ביי אַזאַ אַרבעט אויפן דאָרף, פלעגט אַ בוי־טישלער זיין באַשעפטיקט כמעט אַ גאַנצן זומער. ער פלעגט אַהיימקומען אויף שבתים, מיטברענגען אַ ביסל געלט פאַר די באַדערפענישן פון דער פרוי, און גלייך נאָך שבת צוריקפאָרן אויפן דאָרף.

מעבל־סטאָליערעס

די געציילטע מעבל־סטאָליערעס אין שטעטל האָבן געהאַט אַרבעט, בעיקר, פאַר אַ חתונה פון אַ באַלעבאַטישער משפחה. דאָס באַשטעלטע מעבל פאַרן יונגן פאָרפאָלק איז באַשטאַנען פון אַ פאָר בעטן און אַ טיש. ביי די גאָר פאַרריכטן אַלט מעבל. פון דעם אַלעם האָבן זיי נישט געהאַט קיין גרויסע „גליקן״ פּוּנעם פאַך און מיט פרנסה איז ביי זיי גאָר נישט געווען אַזוי לייכט.

סוחרים אין שטעטל

פּאַריסאָוו איז געווען אַנדערש פון אַ סך יידישע שטעטלעך אין פּוילן מיט דעם וואָס די צאָל יידישע סוחרים איז ביי אונדז געווען אַ קליינע. די פּאַרמעגלעכע צווישן זיי, זענען געווען די שניטקרעמערס. זייערע געוועלבער זענען שטענדיק געווען פול מיט סחורות. איין מאָל אין חודש איז אַזאַ סוחר געפאָרן איינקויפן שטאָפן. דאָס הויפּט־לייזעכץ איז געווען אין די מאַרק־טעג, און פאַר די חגאות (קריסטלעכע פייערטעג).

גוט אָוועקגעשטעלט זענען אויך געווען די עטלעכע אייגנטימערס פון די „כל־בו" געשעפטן אין שטעטל, אין וועלכע מ'האָט געקאָנט באַקומען וואָס דאָס האַרץ האָט נאָר געגלוסט: פון אַ קינדער־העמדל ביז אַ גאָלדן זייגערל.

די באַקאַליי־און געבעקס־קרעמערס האָבן געהאַט שוואַך פּרנסה, און געפירט אַ שווער לעבן. אָפט מאָל, האָבן זיי געמוזט אָנקומען צו אַ גמילות־חסד כדי צו קאָנען אויסקויפן זייערע סחורות.

מייסטערס און געזעלן

ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה האָבן די פּאַריסאָווער יידישע בעל־מלאָכות זיך געטיילט אויף מייסטערס און געזעלן. אין סעזאָן איז נישט געווען לייכט צו באַקומען אַן אַרבעטער. אַ בעסערער פאַכמאַן האָט נישט געוואָלט אַרבעטן ביי יענעם. איינער וואָס האָט התונה געהאַט, האָט גלייך זיך געקויפט אַ מאַשין, אָדער, גענומען זי אויף אויסצוצאָלן, און אָנגעהויבן אַרבעטן זעלבסט־שטענדיק. אַ שוסטער האָט געקאָנט אויסקומען אָן אַ מאַשין. מיט גאַנץ קליינע הוצאות, האָט ער געקאָנט זיך איינאָרדענען אַ וואַרשטאַט.

ווי אַזוי מ'האָט זיך „איינגעהאַנדלט" אַרבעטער...

אסרו־חג סוכות, באַלד אין דער פרי, האָבן די געזעלן זיך געזאַמלט אויפן מאַרק, און געוואַרט, אַז די מייסטערס זאָלן זיי „נעמען" צו אַרבעט. אין יענער צייט האָט דער מאַרק געדינט ווי אַ „פּראָפעסיאָנעלער־פאַראיין", און אויך ווי אַן „אַרבעטס־פאַרמיטלונגס־צענטער". די מייסטערס האָבן שוין געקענט די געזעלן, און אויך געוווסט ווער פון זיי ס'איז מער קוואַליפיצירט אין פאַך, און ווער — ווייניקער. אויפן מאַרק איז מען דורכגעקומען ועגן לוין וואָס מען האָט געצאָלט לויט דער וואָך.

עס זענען אויך געווען „זמן" אַרבעטער: אָנגעדונגענע פון פסח ביז סוכות, און פון סוכות ביז פסח. על־פּי־רוב זענען דאָס געווען יונגע יינגלעך וואָס האָבן נאָר וואָס געהאַט געענדיקט זייער לערן־תקופה. די „זמן" אַרבעטער זענען געווען אָנגעדונגען מיט עסן און שלאָפן, און האָבן באַקומען, ווי אַ צולאָג, אַ קליינע סומע געלט.

אַזוי ווי עס זענען נישט געווען צופיל קוואַליפיצירטע אַרבעטער, האָבן די מייסטערס זיך געריסן איבער דעם גוטן בעל־מלאָכה, אויסגעדונגען אים פאַר

אַ גרעסערער שכירות. אויף דעם באָדן פלעגט קומען צו שטרייטן, און אפילו צו געשלעגן צווישן די מייסטערס.

די מייסטערס פלעגן נעמען די אַרבעטער אויפן „זמן" און אויך געהילפן מיט דער הסכמה פון די עלטערן. יעדער איינער פלעגט אַוועקגיין צו טאַטע־מאַמע פון דעם יונגן אַרבעטער און געבן זיי צו פאַרשטיין, אַז נאָר ביי אים וועט זייער זון זיך אויסלערנען גוט דאָס פאַך, און במילא, וועט ער שפּעטער בעסער פאַרדינען.

אויף אַן ענלעכן אופן פלעגן עלטערן אָפּגעבן צו אַ בעל־מלאָכה, זייערס אַ צען־עלף יאָריק יינגל — נאָר וואָס אַרויסגענומען פון „חדר" — כדי צו לערנען אים אַ פאַך. אַ לערנייינגל איז אָפּגעגעבן געוואָרן אויף דריי יאָר. אָבער, למעשה, האָט ער די ערשטע צוויי יאָר מער געטאָן פאַר דער באַלעבאָסטע, ווי געלערנט די מלאָכה...

די סאָציאַלע באַדינגונגען פונעם אַרבעטער

מייסטערס און געזעלן זענען דורכגעקומען וועגן אַרבעטס־לוין, אָבער וועגן די אַרבעטס־שעהען האָט מען נישט גערעדט. אין סעזאָן האָט מען געאַרבעט זעכצן־אַכצן שעה אין מעת־לעת. אָפט מאָל — גאַנצע נעכט.

דער סעזאָן האָט געדויערט ביז חנוכה. ווי נאָר די אַרבעט האָט זיך אָפּגעשטעלט, איז דער בעל־מלאָכה געזעסן לענגער אין בית־המדרש, האָט זיך נישט געאיילט אַהיימצוגיין. אין אַזעלכע טעג איז אין שטעטל געוואָרן אַ „סעזאָן" פאַר מגידים און דרשנים וועלכע פלעגן אַראָפּקומען אין שטעטל אַריין, און אין אַ פראָסטן, וואָכנדיקן טאָג, דרשהנען אין בית־המדרש, צווישן מנחה און מעריב. זייער „סעזאָן" האָט אָנגעהאַלטן ביז פורים. דעמאָלט האָט ווידער זיך געמאַכט אַ ביסל אַרבעט, און מען האָט געדאַרפט זיך אָפּנעמען פאַר די חדשים ווען מען איז געזעסן אָן אַ „שטאָך" אַרבעט, און מ'האָט אַ ביסל צוגעהונגערט.

אין די אַ פאַר־פסח־טעג, זענען די בעל־מלאָכות ווידער געזעסן ביי דער אַרבעט ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין, ווייל אַ חוץ אַלעם, האָט מען געדאַרפט אַריינברענגען דעם יום־טוב אין שטוב, און דאָס איז געווען פאַרבונד־ מיט פיל באַדערפענישן, מיט גרויסע הוצאות און מען האָט עס גאָר נישט געקאָנט אויסטראָגן אַזוי לייכט...

אריה קופּערבוים

די פּאַריסאָווער אָרעמקייט

דאָס רוב יידישע בעל־מלאָכות אין פּאַריסאָוו האָבן געלעבט זייער אָרעם. גאַנצע משפּחות האָבן געוווינט אין איין צימער אין וועלכן עס האָט זיך אויך געפונען דער וואַרשטאַט וואָס האָט פאַרנומען דעם סאַמע אויבנאָן — ביים פענצטער.

אויף דער נאַכט, ווען מ'האָט געדאַרפט גיין שלאָפן, פלעגט אין אַזאַ עטוב פאַרקומען אַ גאַנצע איבערקערעניש. די געלעגערס האָט מען „געגרייט" אויף טישן, אויף בענק, און אפילו אויפן „פּיעקעליק".

ווען די בעל־מלאָכות, האָבן געהאַט אַרבעט, זענען זיי אויפגעשטאַנען פיר פאַר טאָג. ביז ס'איז געוואָרן גרויסער טאָג, האָט מען באַוויזן אויסצוענדיקן אַ שפּאַר ביסל אַרבעט.

דער יידישער בעל־מלאָכה אין פּאַריסאָוו, פלעגט, אין רוב גענומען, גיין אין דער פרי צום דאַווענען אין בית־המדרש אַריין. אהיימקומענדיק, האָט שוין געוואַרט אויף אים אַ פרישטיק וואָס איז, על־פּי־רוב, באַשטאַנען פון ראַזאָווע ברויט, געקויפט ביי גיטל שלמהלעס, דער בעקערין, און אַ טעפל קאַווע, געמישט מיט ציקאָריע. נאָכן פרישטיק, האָט מען זיך צוגעזעצט צום וואַרשטאַט, און אַזוי אָפּגעאַרבעט אַ גאַנצן טאָג. פאַר נאַכט, איז מען ־ווידער געלאָפן אין בית־המדרש אַריין צו מנחה־מעריב. דאָרט האָט מען געכאַפּט אַ שמועס מיט אייגענע מענטשן וועגן די מאַרק־טעג אין די שכנותדיקע שטעטלעך, און אויב האָט אין בית־המדרש גראָד זיך געפונען אַ סוחר פון וואַרשע, האָט מען זיך באַמיט געוויר צו ווערן פון אים ווי עס האַלטן דאָרט די פּרייזן...

אַ פּאַריסאָווער מאַרק־טאָג

זעלבסטשטענדיקע, יידישע בעל־מלאָכות אין שטעטל, פלעגן אַרויספאָרן עטלעכע מאָל אין דער וואָך, מיט זייערע אויסגעאַרבעטע סחורות, אויף מערק, אין די אַרומיקע שטעטלעך. אין פּאַריסאָוו אַליין איז פאָרגעקומען אַ מאַרק איין מאָל אין צוויי וואָכן, אין דינסטיק. דאָס גאַנצע שטעטל האָט אויסגעקוקט אויף דעם טאָג, עס פלעגן אויך אָנקומען סוחרים און בעל־מלאָכות פון דער געגנט.

אויפן מאַרק זענען נישט געווען קיין ספּעציעלע אָרדענערס, אָבער פון קדמונים אָן, איז געווען איינגעשטעלט אַ סדר וועלכן מ'האָט שטרענג אָפּגעהיט: די בעל־מלאָכות און הענדלערס האָבן זיך אויסגעשטעלט לויט זייער באַשעפטיקונג: שניידערס, שוסטערס, בעקערס, זריעה־סוחרים, זייף־הענדלערס — יעדער פאַך און האַנדלס־צווייג — אויף אַ באַזונדערן פלאַץ. באַזונדערע ערטער האָבן

פאַרנומען די אויבס־סוחרים, הענדלערס מיט עופות, אייער און פוטער, פערד און בהמות־הענדלערס.

במשך דעם גאַנצן מאַרק־טאָג האָט דאָס שטעטל געקאָכט און געזידט. די הויפּט קונים זענען געווען די פויערים פון די אַרומיקע דערפער וועלכע האָבן געבראַכט צום פאַרקויפן פון זייער דאָרפישער פּראָדוקציע. די קראָמען אין שטעטל זענען געווען פול מיט פויערים, אַזוי אויך די טיי־און־ביר־הייזער.

די באַציונגען צווישן דער דאָרפישער באַפעלקערונג און דעם יידישן ציבור אין פאָריסאָוו זענען געווען גוטע. יאָרן לאַנג האָט מען נישט אַרויס־געשפירט קיין שנאה צו יידן מצד דעם פוילישן פויערטום. אפילו אין די צייטן ווען מ׳האָט אין פוילן פיקעטירט יידישע געשעפטן, האָט די אָרטיקע און אַרומיקע קריסטלעכע באַפעלקערונג עס נישט געטאָן אין פאָריסאָוו. אויב עס האָבן זיך אַ מאָל יאָ באַוויזן פיקעטניקעס, זענען זיי געווען אַראָפּגעבראַכט, „לויטן באַפעל״, פון דער פרעמד.

צבי קאַפּאָטאַ

דאָס שטעטל פאָריסאָוו — ווי איך האָב עס געזען

אין יאָר 1914, גלייך נאָכן אויסבראָך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, בין איך, צום צווייטן מאָל, געקומען קיין פאָריסאָוו.

עס איז גראָד געווען אין מיטן טאָג, און איך האָב, אויף די גאַסן, נישט אָנגעטראָפן זיך אויף קיין מענטשן. בלויז אין מיטן מאַרק זענען געזעסן עטלעכע אויבס־הענדלערקעס, מיט לאַנגע, שמאָלע קוישן, געפלאָכטענע פון האָלץ, פול מיט פרוכטן און גרינס. און אַזוי ווי אויפן מאַרק זענען נישט געווען קיין קונים, האָבן די אויבס־הענדלערקעס, צו ביסלעך געדרעמלט, און די קעפּ זייערע זענען צוגעפאַלן צו די קוישן צו.

אין מיטן מאַרק האָב איך געזען אַ הילצערנע קירך־געביידע. זי איז געשטאַנען אַרומגערינגלט מיט יידישע הייזקעס, און עס האָט אויסגעזען ווי זיי, דווקא זיי, וואָלטן זי געהיט...

די קריסטלעכע באַפעלקערונג — אַ מינדערהייט אין שטעטל — האָט זיך קאָנצענטרירט בעיקר, אין סוף פון דער וואַרשעווער גאַס. אַ גאַנץ קליינע צאָל קריסטן האָט געוווינט אויך אויף אַנדערע גאַסן.

די שול און דאָס בית־המדרש

צו דער פּאַריסאָווער פּראַכטפולער שול האָבן אַראָפּגעפירט זיבן טרעפּ — ווי עס שטייט געשריבן אין תהלים, (קאַפּיטל ק״ל): „ממעמקים קראתיך ה׳״.

לעבן דער שול איז געשטאַנען דאָס בית־המדרש — אויך אַ געמויערטער בנין. דאָ האָט מען אַ גאַנצע וואָך געדאַוונט און געלערנט. פון בית־המדרש אַרויס האָט טאָג און נאַכט זיך געטראָגן אַ זיסער גמרא־ניגון און זיך געשפּרייט איבערן שטעטל.

שבת און יום־טוב האָט מען אויך געדאַוונט אין שול. צוגעטשעפּעט צו דער מזרח־וואַנט, האָט דאָ געהאַנגען דער כסא של אליהו. ווען עס איז אויסגעקומען צו מאַכן אַ ברית אין יום־כיפור, איז דאָס קינד געמל׳ט געוואָרן אין שול, און דער סנדק אין דעמאָלט געזעסן אויף דער שטול וואָס מען האָט, צו דעם צוועק, אַראָפּגענומען פון דער וואַנט.

הינטערן בית־המדרש, און אַנטקעגן דער שול, איז געשטאַנען אַ געמויערטער בנין אין וועלכען עס האָבן זיך געפונען: די מקווה און די באָד. דאָרט האָט אויך געוווינט דער בעדער הערשל ראַבינאָוויטש (הערשל פּאַטענע). ער איז געווען שמש אין דער קהילה. נאָך הערשלען איז אשר בער באַראָווסקי געוואָרן בעדער און שמש. אשר בער האָט דאָרט געוווינט מיט זיינע קינדער: יחיאל, וועלוול, מאיר שלום, שלמה, און די טאָכטער חנה, וועלכע וווינט היינט אין בראַזיל.

פרייטיק, פאַר ליכט־צינדן איז דער קהילה־שמש געגאַנגען איבער די גאַסן פון שטעטל און גערופן „אין שול אַריין״, „אין שול אַריין״. גלייך נאָך דעם, האָבן אויף די גאַסן זיך באַוויזן יידן, אָנגעטוענע אין ייִדענע קאַפּאָטעס, מיט שטריימלעך אויף די קעפּ, ווייסע זאָקן — אַרויפגעצויגענע אויף די הויזן, און אין האַלבע שיך מיט גומי אין די זייטן. דאָס זענען געווען די „פּני״ פונעם שטעטל. אַנדערע זענען געגאַנגען צום דאַוונען אין שוואַרצע כאַלאַטן, אין קיילעכדיקע, טוכענע היטלען, די שיך, צי די שטיוול — אויסגעפּוצט, אָפּגע־גלאַנצט. „עמך״ האָט געדאַוונט אין שול, צי אין בית־המדרש, חסידים — יעדער אין זיין שטיבל, און נאָך אַנדערע — ביים רב פון שטעטל.

יידישע פרנסות אין פּאַריסאָוו

אין מיטן דער וואָך האָט דער פּאַריסאָווער ייד שווער געהאָרעוועט אויף פּרנסה. דעריבער זענען נישט געווען קיין יידן וואָס זאָלן, סתם־אַזוי, זיך דרייען אין די גאַסן. בלויז בעת מנחה־מעריב האָט מען, זיצנדיק אין בית־המדרש, זיך פאַרגונען צו כאַפּן אַ שמועס וועגן דעם וואָס עס טוט זיך אין שטעטל, און וואָס מען הערט אין דער גרויסער וועלט, וכדומה. שפּעטער האָט מען געקאָנט די זעלבע יידן טרעפן צוריק ביים וואַרשטאַט, ביי דער אַרבעט.

די יידישע קהילה אין פאַריסאָוו, האָט צו יענער צייט, געציילט אַ דריי הונדערט משפחות. דער רוב פון זיי — בעל־מלאָכות, איבער הויפּט: שוסטערס און שטעפּערס, אויך סטאָליערעס, איין טשעשלער, צוויי דאַך־באַשלעגערס, צוויי קאָוואַלעס, און איין קירזשנער. עס זענען אויך געווען שפּייזקרעמערס, תבואה־און־לעדער סוחרים, פערד און פיך־הענדלערס, עופות און אויבס־הענדלערס.

די פורמאַנעס

די פורמאַנעס אין שטעטל זענען געווען געטיילט אין צוויי גרופּעס. איין גרופּע האָט געפירט מענטשן צו דער פּילאַווער סטאַציע וואָס האָט זיך געפונען אַ צען קילאָמעטער פון שטעטל. זעקס, פון די צען קילאָמעטער זענען געווען ברוקירט מיט שטיינער. און פיר קילאָמעטער האָט זיך געצויגן זאַמדיקער וועג. זומער, זענען די רעדער אַריין טיף אין די זאַמדן, און ווינטער, האָבן זיך דאָרט געשאַפן טיפע בלאָטעס. נישט איין מאָל פלעגן די פאָרערס דאַרפן אַראָפּגיין פון די וועגענער און זיך לאָזן צופוס די זאַמדיקע פיר קילאָמעטער, ווייל די פערד פון די יידישע פורמאַנעס זענען געווען שוואַך און זיי האָבן קוים געשלעפּט דעם ליידיקן וואָגן...

פורמאַנעס פון דער צווייטער גרופּע האָבן געפירט סחורות קיין וואַרשע, און געברענגט פון דאָרט נייטיקע זאַכן פאַר דעם פאַריסאָווער מסחר. די פורמאַנעס פון דער ליניע האָבן מער פאַרדינט, ווייל זיי האָבן אַליין אַ ביסל צוגעהאַנדלט. זיי האָבן אויך — אין אַ יריד־טאָג — אויפגעקויפט אייער און הינער ביי די פויערים און אַוועקגעפירט זיי קיין וואַרשע.

פאַריסאָווער בעל־מלאָכות

ס׳רוב פון די שטעטלדיקע בעל־מלאָכות זענען געווען פרומע יידן. זיי האָבן נישט פאַרפעלט צו קומען אין דער פרי און פאַר נאַכט דאַווענען אין בית־המדרש אריין. דער גרעסטער טייל פון די בעל־מלאָכות איז באַשטאַנען פון שוסטערס. אַ חשוב אָרט האָבן צווישן זיי פאַרנומען די שטיוול־מאַכערס, וואָרעם אָן שטיוול איז נישט מעגלעך געווען צו גיין ווינטער אין די בלאָטעס, און זומער — אין די זאַמדן (די הויפּט דאַגה פאַרן אָנקומען פון ווינטער איז געווען: אָנגרייטן אַ ביסל האָלץ, טאָרף, אָדער קוילן צום באַהייצן די וווינונג, און אַ פּאָר שטיוול אויף די פיס).

דער יידישער אַרבעטנדיקער ציבור אין פאַריסאָוו, די בעל־מלאָכות און סוחרים, זענען געווען, ווירטשאַפטלעך, אָפּהענגיק פון דער אַרומיקער, קריסט־לעכער, פויערישער באַפעלקערונג. די גאַנצע יידישע פּראָדוקציע, און דער מסחר בכלל, האָבן זיך געשטיצט אויפן דאָרף, אויף דער נישט־יידישער באַפעלקערונג, און אויף די מאַרק־טעג אין פאַריסאָוו און אין די שכנותדיקע שטעטלעך. נאָך דער ערשטער וועלט מלחמה האָט פאַריסאָוו נאָך מער אויס־

געבריייטערט אירע אָפּזאַץ־מערק אין וואַרשע גופא, און אויך — אין אַנדערע טיילן פון פוילן.

די יידן אין פּאַריסאָוו האָבן געאַרבעט פון זונאויפגאַנג ביז האַלבער נאַכט. אַפילו מינדעריעריקע קינדער וועלכע האָבן נאָך געדאַרפט גיין אין „חדר", האָבן צוגעהאָלפן זייערע עלטערן אין דער אַרבעט. אָן דעם, איז שווער געווען אַרויס צו ציען פרנסה פאַר דער משפחה, בפרט, דאָרט ווו עס זענען שוין געווען עטלעכע קינדערלעך אין שטוב.

אין מאַרק־טעג

יעדן צווייטן דינסטיק איז אין פּאַריסאָוו געווען אַ מאַרק־טאָג. ווען אַ בעל־מלאָכה, צי אַ הענדלער, האָט געוואָלט פאָרן אין אַ שכנותדיק שטעטל אויף אַ מאַרק־טאָג, איז ער אויפגעשטאַנען דריי פאַר טאָג. פויערים מיט פערד־און־וואָגן האָבן אָוועקגעפירט די מאַרק־שטייערס קיין גאַרוואָלין, קיין סאָבין, קיין לאַטאָוויטש, אָדער קיין סטאָצק. נישט איין מאָל איז אויסגעקומען דעם בעל־מלאָכה צו ענדיקן זיין אַרבעט אין וואַרשטאַט אַ זייגער איינס ביינאַכט, און דריי פאַר טאָג, איז ער שוין געשטאַנען אויף די פיס, כדי ווידער זיך איינצושפּאַנען אין עול. אין אַ פראָסטיקער ווינטערנאַכט האָט מען אַרומגעוויקלט די פיס מיט אַניצעס, אַרויפגעצויגן אויף זיי אַ פאַר שטיוול, אָנגעטאָן אַ וואַרעמע בורקע, און זיך אַרויסגעלאָזט אין וועג אַריין. דערנאָך איז מען אַ גאַנצן טאָג אָפּגעשטאַנען ביים שטענדער, און פאַרקויפט די מיטגעבראַכטע סחורה. נישט איין מאָל איז אַ בעל־מלאָכה צוריקגעקומען אַ היים אָן אַ גראָשן פדיון. דעמאָלט איז געווען שווער אויפן האַרץ און ליידיק אין דער טאַש. מען האָט נישט געהאַט צו באַצאָלן די חובות אין די קראָמען, אָדער, די שטעפערס פאַר זייער אַרבעט, און אין שטוב איז נישט געווען פאַר וואָס צו קויפן אַפילו דאָס נייטיקסטע.

די באַלעבאָסטעס אין זייער שטוב־אַרבעט

די פרויען פון די פּאַריסאָווער תושבים זענען געווען באַשעפטיקט נישט ווייניקער פון זייערע מענער. זיי האָבן געדאַרפט האָדעווען די קינדער, קאָכן געקעכץ פאַרן גאַנצן געזינדל, און וואַשן וועש פון דער וואָך (אויב די מאַמע האָט נישט געוואַשן יעדע וואָך, איז אויף שבת נישט געווען וואָס איבערצוטאָן, און וואָסער שבת וואָלט דאָס געווען, אָן פרישע, אויסגעוואַשענע וועש?). חוץ דעם איז דאָס רייניקן די ווינונג געווען אַ שווערע אַרבעט, ווייל דער גרעסטער טייל ווינונגען אין פּאַריסאָוו איז באַשטאַנען פון איינצלנע צימערן אין וועלכע עס האָבן געוווינט גאַנצע משפחות. אַ חוץ דעם האָבן זיך נאָך דאָרט געפונען: דער וואַרשטאַט, אָדער די אַרבעטס־מאַשין.

דאָס מעבל אין אַזאַ ווינונג איז באַשטאַנען פון אַ טיש, צוויי לאַנגע

בענק, און עטלעכע טאַבורעטקעס. אין אַ סך שטובן האָט זיך נאָך אויך געפונען אַן אַלטע שטול, ספּעציעל פאַרן ראש־המשפחה. עס זענען אויך געשטאַנען צוויי בעטן. אויף אַ דריט בעט איז, על־פּי־רוב, נישט געווען קיין פּלאַץ. דער טאַטע איז געשלאָפן מיט די ייִנגלעך, און די מאַמע — מיט די מיידלעך. בדרך כלל, צו צוויי דריי נפשות אין אַ בעט. לעבן דער מוטערס בעט איז כמעט שטענדיק געשטאַנען אַ הילצערן וויגעלע, און אין דעם —אַ זויגלינג. אויב דאָס קינד האָט אין מיטן דער נאַכט געוויינט, האָט די מאַמע עס געוויגט, באַרויקט, כדי עס זאָל נישט אויפוועקן דעם פאַרהאָרעוועטן טאַטן.

„כאַלופּניקעס"

עס זענען געווען אין שטעטל בעל־מלאָכות וועלכע האָבן נישט געהאַט קיין אייגענע געלט־מיטלען איינצוקויפן רוי־מאַטעריאַל. די דאָזיקע האָבן גענומען אַהיים אַרבעט פון די סוחרים, אָדער פון מער פאַרמעגלעכע בעל־מלאָכות. די היים־אַרבעטער, אָדער ווי מען האָט זיי גערופן: „כאַלופּניקעס", האָבן געלעבט אין אַן ערגערן מצב ווי די זעלבסטשטענדיקע בעל־מלאכות. דער אַרבעטס־געבער האָט שטענדיק געהאַט אַ ביסל פּראָדוקטן אין שטוב וואָס ער האָט איינגעקויפט ביי די פּויערים, און דער „כאַלופּניק" האָט דאָס געמוזט קויפן פאַר זיין שכירות, אַזוי אַז עס איז אים אויסגעקומען טייערער. אַ חוץ דעם האָט ער אויך נישט באַקומען זיין שכירות צו דער צייט און ער האָט נישט געהאַט קיין געלט צו קויפן די נייטיקע שפּייז־זאַכן. דער כאַלופּניק איז געווען אָפּהענגיק פון דער צאָל אַרבעט וואָס ער האָט באַקומען פונעם אַרבעטס־געבער. אויב דער לעצטער האָט געהאַט באַשעפטיקונג פאַר זיך מיט די קינדער און עס איז אים נאָך געבליבן אַן עודף פון אַרבעט, האָט ער אַרויסגעגעבן די רעשט פאַר דעם „כאַלופּניק", ווען נישט, — האָט דער לעצטער זיך אַרומגעדרייט אַרבעטסלאָז, און זיין הויזגעזינד האָט פּשוט געהונגערט. דער ייִדישער „כאַלופּניק" האָט דעריבער געבעטן צו גאָט, אַז עס זאָל אַ סך רעגענען, עס זאָלן זיין בלאָטעס און פּויערים זאָלן דאַרפן קויפן אַזוי פיל שטיוול, אַז עס זאָל זיין אַרבעט אויך פאַר אים.

הערש בער דער קאַמאַשן־שטעפּער

אין פּאַריסאָוו איז געווען אַ קאַמאַשן־שטעפּער וועלכן מ'האָט גערופן: הערש בער ראַזען. ער איז געווען אַ זון פון דעם אַשעצקער מלמד. אַ הויכער, אַ דאַרער, מיט לאַנגע הענט און לאַנגע, ריזיקע פינגער. אין סעזאָן, ווען ס'איז געווען אַרבעט, האָט רויזע זיין ווייב, אָנגעגרייט אויף שבת געהאַקטע פיש, אַ גוט טשאָלנט מיט אַ פעטן קוגל, און אַנדערע גוטע זאַכן. ווען דער סעזאָן האָט זיך געענדיקט, און ס'איז מער נישט געווען קיין אַרבעט, האָט מען ביי הערש בערן אַ ביסל צוגעהונגערט. הערש בער איז געווען בטבע אַ גרויסער

שתקן. ער האָט אויך נישט פאַרטראָגן, אַז מען האָט צו אים גערעדט. איין מאָל האָב איך אים געפרעגט הלמאַי ער לעבט אַזוי פאַרשלאָסן אין זיך, אין שטענדיקער שווייגעניש. הערש בער האָט מיר געענטפערט: „און אויב איך וועל שוין יאָ רעדן, וועט מיר עפּעס דערפון אַרויסקומען? וועט מיר ווער אַרויסהעלפן?".

אין סעזאָן, האָט הערש בער געאַרבעט וויפל די כוחות האָבן אים נאָר דערלויבט. אָפט מאָל — גאַנצע טעג און נעכט. שטענדיק האָט ער געהאַלטן אַ פּאַפּיראָס צווישן די ליפּן (הערש בער האָט געררייכערט די ביליקסטע פּאַפּיראָסן און צו דעם נאָך געטיילט זיי אין דרייען) און געאַרבעט. אין די טעג ווען עס איז נישט געווען קיין אַרבעט, האָט ער געבעטן אַ פּאָר „צי", ווייל אויף צו קויפן סיגאַרעטן, האָט ער נישט געהאַט קיין געלט.

הערש בער איז געווען אַ גוטער פּאַכמאַן. ווען מען האָט אים דערפאַר גערימט, פלעגט ער אָפּענטפערן: „נו, דערפאַר ליג איך טאַקע טיף אין דער אדמה".

זיין משפּחה איז באַשטאַנען פון דריי זין און איין טאָכטער, אַלע — פאַרקרענקטע. איין זון האָט געהאַט די ענגלישע קרענק. טאַטע־מאַמע האָבן דערפון געהאַט אַ סך צער. איין מאָל, ווען הערש בערס ווייב איז געקומען אַ היים פון כל־נדרי, האָט זי געטראָפן דאָס קראַנקע יינגל ליגן אין אַזאַ מצב, אַז זי האָט אַזש ספּאַזמאַטיש אויסגעשריגן: „גאָט, העלף מיר, אָדער אַהין, אָדער — אַהער".

שמחת־תורה, דעם זעלבן יאָר, האָט הערש־בער טאַנצנדיק מיט דער ספר־תורה אין די גאַסן פון שטעטל, גערופן אין גרויס עקסטאַז: „אַ רפואה שלימה פאַר מיין נפתלין! „אַ רפואה שלימה פאַר מיין נפתלין!" דאָס וואונדערלעכע פון דעם איז געווען וואָס נפתלי איז טאַקע געזונט געוואָרן... ער איז אויס־געוואַקסן אַ געזונטער שטאַרקער בחור. פרומע יידן האָבן אין דעם געזען אַ נס פון הימל און אויסגעטייטשט דאָס געשעעניש מיט דעם וואָס הערש בער, מיט זיין פשוטער אמונה אין גאָט, האָט, אין זכות פון זיין פרייען זיך מיט דער תורה, אויסגעפועלט אין הימל אַ רפואה פאַר זיין קראַנקן זון.

* *
*

הערש בערס איינציקע טאָכטער האָט זיך אַ מאָל געשפּילט מיט קינדער און באַקומען אַ קלאַפּ אין רעכטן אויג. ביי הערש בערן האָבן זיך נישט געפונען קיין געלט־מיטלען צו היילן דאָס אויג ביי דאָקטוירים, נו, איז עס טאַקע פאַרנאַכלעסיקט געוואָרן, ביז דאָס מיידל האָט אויפגעהערט צו זען.

אין אַזעלכע באַדינגונגען האָבן געלעבט אַ סך אָרעמע פאַמיליעס אין שטעטל. טאָמער איז עפּעס געשען מיט קינדער און עס איז נישט געווען מיט

וואָס זיך צו העלפן, זענען אויסגעוואַקסן קאַליקעס אויפן גאַנצן לעבן. זיי אַליין זענען געווען אומגליקלעך און האָבן פאַרשאַפט די עלטערן און דער משפחה שטענדיקן צער.

סוחרים און קרעמערס

אין שטעטל זענען געווען שפייזקראָמען אין וועלכע מען האָט געקאָנט באַקומען וואָס מען האָט נאָר פאַרלאַנגט, אפילו אויך באַקליידונג און שוכוואַרג.

צוויי אַזעלכע גרויסע געשעפטן האָבן געהערט צו צוויי פּאָריסאָווער בעלי־בתים. איינס — צו בנימין קאַסמאַן, און איינס — צו מאיר „מלחמה׳לע״. די דאָזיקע צוויי יידן זענען אין שטעטל פאַררעכנט געוואָרן צו די גרויסע גבירים.

בכלל האָבן אָבער די פּאָריסאָווער הענדלערס און קרעמערס געאַרבעט שווער אויף פרנסה, און קוים געקאָנט פירן אַ נאָרמאַל, באַלעבאַטיש לעבן.

דאָס יידישע לעבן אין ערשטן וועלט־קריג

נאָכן אויסבראָך פון ערשטן וועלט־קריג, האָבן אַ סך יידן אין שטעטל געליטן פון הונגער און נויט. די אַרבעט אין די וואַרשטאַטן האָט זיך אָפּגעשטעלט. די פאַרבינדונג מיט וואַרשע, לאָדזש, און אַנדערע טיילן פון פוילן און רוסלאַנד, אין געוואָרן איבערגעריסן. דער לעבנס־סטאַנדאַרט פון דער יידישער באַפעלקע־רונג האָט שטאַרק אַראָפּגענידערט. דער פחד פאַר די רוסישע זעלנער איז געווען זייער גרויס. איבערהויפּט, האָט מען מורא געהאַט פאַר די צווילדעוועטע קאָזאַקן, דעמאָראַליזירטע נאָך די גרויסע מפּלות אויף די פראָנטן.

ווען דאָס רוסישע מיליטער האָט אָפּגעטרעטן, האָבן אַ סך יידישע משפחות איינגעפּאַקט זייער ביסל אַרעמקייט, אויף געדונגענע, צו דעם צוועק, וועגענער, און זענען אַנטלאָפן פון שטעטל. מען האָט אויך מורא געהאַט, אַז די אָפּטרעטנדיקע זעלנער וועלן אונטערצינדן דאָס שטעטל, אַזוי ווי זיי האָבן געטאָן אין די ערטער פון וואַנען זיי האָבן זיך צוריק געצויגן.

חסידים און פרומע יידן האָבן געלעבט אין האָפענונג, אַז אין זכות פון די גוטע יידן, דעם ייד הקדוש׳ס קינדער, וועמעס ביינער עס רוען אין אוהל, אויפן בית־הקברות, וועט דאָס שטעטל אויסגעהיט ווערן פון אַל דאָס בייז. דאָס רוסישע מיליטער איז טאַקע אַוועק, און דאָס שטעטל איז געבליבן גאַנץ...

געציילטע מינוטן פאַר׳ן אָפּטרעטן פון רוסישן מיליטער פון פּאָריסאָוו, זענען צוויי קאָזאַקן אַריין צו אונדז אין געוועלב, און האָבן געוואָלט ראַבירן. מיין פאָטער וועלכער האָט באַהערשט די רוסישע שפּראַך, האָט זיך געבעטן ביי זיי, אַז זיי זאָלן דאָס נישט טאָן. אין דעם מאָמענט האָט איין קאָזאַק אַרויסגעכאַפּט זיין בלאַנקע שווערד און זיך געוואָלט וואַרפן אויפן טאַטן. מיר, די קינדער, האָבן געמאַכט אַ געוואַלד. מיין מוטער האָט זיך אַ שטעל געטאָן

צווישן דעם קאָזאַק און דעם טאַטן, און זי איז אויסגעבראָכן אין אַ יאָמערלעך געוויין. די קאָזאַקן האָבן גאָרנישט געטאָן דעם טאַטן, אויך נישט געראַבעוועט, און זענען אַוועק.

די דייטשן אין פּאַריסאָוו

ווען די דייטשן זענען אַריין קיין פּאַריסאָוו, האָבן זיך אָנגעהויבן נייע צרות. זיי האָבן איינגעפירט אַ קאַרטן־סיסטעם אויף פּראָדוקטן. דאָס שטיקל שוואַרצע ברויט האָט מען באַקומען מיט שווערער מי. די צוטיילונג איז געווען אַזאַ נישטיקע, אַז ס׳איז געווען אוממעגלעך דערפון צו לעבן. אַנדערע פּראָדוקטן, ווי אויך מעדיצינען איז כמעט נישט געווען צו באַקומען. מען האָט געזוכט וועגן ווי אַזוי אַריינצוברענגען אין שטעטל אַ ביסל שפּייז פון הויז־געזינד, אָבער די דייטשן האָבן שטאַרק באַוואַכט דעם אַריינפאָר קיין פּאַריסאָוו. אין אַ מאַרק־טאָג, האָבן דייטשע וואַכלייט געזוכט אין פויערישע וועגענער, און געפינענדיק וואָסערע עס זאָלן נישט זיין דאַרפישע פּראָדוקטן, האָבן זיי צוגענומען די סחורה, און גוט אָנגעשלאָגן די פויערים. ביי אַזאַ מצב האָט זיך אַנטוויקלט אַ שמוגל פון שפּייזוואַרג. מען האָט זיך אַרויסגעלאָזט איבער דערפער, אויפגעקויפט פּראָדוקטן און דורך אומוועגן, זיי אַריינגעגנבעט אין שטעטל.

אַריינגעשמוגלטע תבואה האָט מען מיט פּרימיטיווע מיטלען געמאָלן אויף בוידעמס, צי בחדרי־חדרים. אָפּמאָלן אַ פּערטל קאָרן האָט געדויערט אַ האַלבן טאָג, ווייל מען האָט אַלץ געטאָן מיט דער האַנט. דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבן די שוועריקייט פון אויסבאַקן דאָס מעל. דייטשע פּאַטרולן פלעגן אַרומגיין ביי נאַכט איבערן שטעטל, און אויסקיקן פון וועלכער שטוב עס טראָגט זיך אַ רויך פון קוימען, און דאָרט אַהין אַריינגיין. טרעפנדיק מענטשן אין מיטן באַקן, פלעגן זיי צונעמען דאָס ברויט, און נאָך דערלאַנגען גוטע קלעפּ. שפּעטער האָבן זיי זיך צוגעוווינט צו נעמען „כאַבאַר" און ס׳איז געוואָרן אַ ביסל לייכטער. דערפאַר אָבער, איז דאָס ברויט געוואָרן טייערער, און אָרעמע אַרבעטס־מענטשן אין שטעטל האָבן נישט אַזוי גרינג געקאָנט צוקומען צו אַ שטיקל ברויט.

וואָס לענגער די מלחמה האָט זיך פאַרצויגן, אַלץ ערגער איז געוואָרן דער מצב. יידן אין שטעטל האָבן זיך דערנערט מיט שוואַרצע אַרבעס — אַ מאַכל פאַר פערד. פון געמאָלענע גריקע (גרעטשענע מעל) האָט מען געבאַקן קוכנס אין שוואַרצע בעקנס, אונטערגעגאָסן מיט זשעפּאַק־אייל. די שלעכטע דערנערונג האָט געבראַכט צו אַ טיפוס עפּידעמיע. יונגע, געזונטע מענטשן זענען אַוועק פון דער וועלט. אין שטעטל איז נישט געווען קיין דאָקטער און נישט קיין מעדיצינען צום היילן.

די דייטשן האָבן אויפגעשטעלט אַ פּאַרע־באָד אין דאָרף גלאַסקאָוו —

קנאַפּע פינף קילאָמעטער פון פּאַריסאָוו — און געצוווּנגען די ייִדן צו פאָרן אַהין מיט זייער בעטגעוואַנט אויף דעזינפעקציע. דאָרט האָבן די דייטשן געשניטן די בערד ביי עלטערע ייִדן. די האַרצרייסנדיקע סצענעס ביים שניידן די בערד, קאָן איך נאָך ביז היינט נישט פאַרגעסן.

איך אַליין בין געפאָרן אין באָד צוזאַמען מיט מיין זיידן, מרדכי יצחק קאָרנפעלד. דעם טאַטן האָב איך שוין דעמאָלט נישט געהאַט. הערנדיק דאָס געוויין פון מיין זיידן, האָב איך אַזוי אָנגעהויבן צו יאָמערן, אַז דער דייטש האָט זיך דערשראָקן און נישט געריר׳ט דעם זיידנס באָרד. דריי חדשים שפּעטער איז דער זיידע קראַנק געוואָרן אויף אַ טיפוס, און איז געשטאָרבן, אין עלטער פון 73 יאָר.

שלמה גאָלדשטיין

אַ טאָג לעבן אין שטעטל

מיט באַגינען, האָט זיך געשטעלט אַ באַוועגונג אויף די גאַסן און געסעלעך פון שטעטל. ייִדן מיט זעקלעך אונטערן אָרעם, האָבן זיך אַוועק־געלאָזט איבער שכנותדיקע דערפער עפּעס איינהאַנדלען: ווער — אַ קעלבעל, צי אַ שעפּסעלע, און ווער — אַ קערצל תבואה, אָדער עפּעס אַנדערש. שפּעטער, האָט מען געקאָנט זען ווי שוסטערס, שניידערס, פאַרלאָזן דאָס שטעטל, גייען צופוס, אָדער פאָרן אין די דערפער אַריין.

עס זענען אויך געווען פרויען וואָס פלעגן אַרויסגיין אין דערפער אַריין מיט קוישן זיסוואַרג, צי געבעקס. אַוועקגייענדיק פון דער היים, האָבן זיי, על־פּי־רוב, געלאָזט זייערע קינדער אויף הפקר, און בלויז גוטע שכנים האָבן אַכטונג געגעבן אויף זיי, „געכאַפּט" אַ בליק אין שטוב אַריין.

דערנאָך האָבן זיך געעפנט די קראָמען, צו ערשט — די געבעקס־געוועלבער פון וועלכע עס האָבן זיך געטראָגן אָנגענעמע ריחות פון פרישע ברויט און פרישע זעמל. אין דער זעלבער צייט זענען ייִדן געגאַנגען צום דאַווענען, אָדער האָבן זיך אומגעקערט אַהיים שוין געדאַוונטע. בעל־מלאָכות האָבן זיך צוגעזעצט צו זייערע וואַרשטאַטן, און קינדער זענען פריידיק און טומלענדיק, געלאָפן אין די „חדרים" אַריין, צי אין די שולעס.

ייִדישע מאַרק־זיצערקעס האָבן אויסגעשטעלט זייערע טישלעך מיט אויבס, גרינצייג, אָדער צוקער־געבעקס, און געוואַרט אויף קונים. זומער פלעגן זיי

זיצן אונטער דער הייסער זון און גוט צושוויצן. ווינטער, אין די קעלטן, פלעגן זיי זיך וואַרעמען איבער אַ „פּייערטאָפּ" מיט גליענדיקע קוילן. די דאָזיקע פרויען האָבן שווער פאַרדינט זייער שטיקל ברויט.

אין מיטן מאַרק זענען געשטאַנען די בעל־עגלות. זומער — מיט וועגענער. און ווינטער — מיט שליטנס. זיי האָבן שטענדיק אויסגעקוקט, געוואַרט, אַז עס זאָל עמעצער אַ רוף טאָן צו פאָרן צו דער סטאַציע, קיין פּילאַווע, אָדער וווהין עס זאָל נישט זיין, אַבי עפּעס צו פאַרדינען.

אַרום האַלבן טאָג, האָבן די דאָרפגייערס אָנגעהויבן צוריקקומען. איינער האָט געשלעפּט אַ קעלבל, אַ שעפּסל, און איינער — כּל מיני פּראָדוקטן. די וואָס האָבן באַוויזן צו מאַכן „בעסערע געשעפטן", זענען געקומען צו פאָרן מיט דער סחורה אָנגעלייגט אויף אַ פּויעריש וועגעלע.

אויך די פרויען וואָס האָבן זיך געשלעפּט איבער די דערפער, זענען געקומען צוריק באַלאָדנט מיט פּעק, מיט פּראָדוקטן. מידע און פאַרמאַטערטע, האָבן זיי זיך געשלעפּט איבער די געסעלעך, און ווי נאָר זיי זענען אַהיימגעקומען האָבן זיי גענומען אָפּקאָכן עפּעס עסן פאַר די קינדער, צי פאַר די שטוב מענטשן.

און ווען דער אָוונט איז צוגעפאַלן...

אין די פאַרנאַכטן פון זומערדיקע טעג, פלעגן שכנים זיך אויסזעצן פאַר זייערע שטובן, אויף די שטיינער. און אַנדערציילן זיך מעשיות וועגן אַלץ אין דער וועלט, און דער עיקר, וועגן דעם וואָס עס טוט זיך ביי אַנדערע...

מנחה־צייט, האָבן פרומע יידן זיך אַוועקגעלאָזט אין בית־המדרש אַריין. פּאַריסאָווער יידן האָבן זייער ליב געהאַט אַ בעל־דרשן. בפרט אַזאַ וואָס האָט געקאָנט נעמען דאָס האַרץ מיט גוטע משלים. איז אַזאַ איינער געקומען אין בית־המדרש אַריין, האָבן מויל און אויערן זיך אָנגעשטעלט צו הערן די „פּערלדיקע רייד" וואָס האָבן מחיה נפשות געווען...

נאָך וועטשערע, ווען די עלטערע זענען געגאַנגען שלאָפן, האָט יונגוואַרג, באַזונדערס אין זומער־נעכט, נאָך לאַנג פאַרבראַכט אויסער דער שטוב, פול געמאַכט די געסעלעך און די שפּאַציר־וועגן, געוואָלט פאַרגעסן, אַז צו מאָרגנס דאַרף מען ווידער אויפשטיין און אָפּהאָרעווען אַ טאָג...

אהרן זיגלמן

המלמדים בעיירתנו

ספרנו המוקדש לזכר עיירתנו שהושמדה על ידי הצוררים הנאצים ועוזריהם, מתפקידו לשמש ראי, בו ישתקפו החיים היהודיים על כל גוניה.

ברצוני, איפוא להציג מעל דפי־הספר את המלמדים שלנו, את אלה שהרביצו בנו תורה, ושבבתיהם, היינו, כל ילדי העיירה, מבלים את ימי־נעורינו, ולומדים...

בסקירה שלפנינו אשתדל לשרטט בקוים קצרים את טיבם ודמותם של המלמדים בעיירתנו, בתקופה שעדיין חייתי בפוריסוב. כדי לעשות זאת, חייב אני לפני כן לחלק את המלמדים בעיירה לפי קבוצות. הראשונה, ואליה משתייכים המלמדים שהורו „אלף־בית" עד לידיעת התפילות; השנייה, שמלמדיה לימדו: תפילה, חומש והתחלת לימוד גמרא; השלישית, ואליה השתייכו מלמדים שפתחו לפני תלמידיהם את ים־התלמוד על מפרשיו. בין האחרונים היו כאלה שהעזו ללמוד עם תלמידיהם גם פרק נ"ך.

מלמדים טובים היו נלקחים לבעלי־האחוזות שבסביבה, ואף למקומות מרוחקים. שם הם היו לומדים רק עם ילדיהם של בעל־האחוזה היהודי — ה„אידישער פריץ". מלמד כזה קיבל שכר־לימוד הגון וסעד על שולחנו של בעל־האחוזה ומשפחתו. פעמיים או שלוש פעמים במשך „הזמן" („זמן" תופף תקופה של ששה חודשים, היינו: מאחרי סוכות עד פסח, או מפסח עד לימים־הנוראים), היה נוסע לביתו, לראות את בני־משפחתו. חייה של אשת מלמד שהועסק בחוץ לא היו כלל קלים, כי היא היתה צריכה לדאוג לחינוכם של הילדים הנמצאים בלי השגחת אבא, לטפל בכל צרכיהם וגם לנהל את משק־הבית.

בדרך כלל, היו נשותיהם של המלמדים מעמיסות על עצמן עול נוסף: חיפוש מקור־פרנסה עצמי כדי להקל עליהם את כלכלת המשפחה. מקור כזה היווה — הצבת דוכן ביום השוק ומכירת דברי סידקית לאיכריות, כגון, מטפחות־ראש, סיכות, מסרקות, וכדומה. אך, הואיל ושוק זה היה מתקיים בעיירתנו רק פעם בשבועיים, היו הן יוצאות לשווקים שהתקיימו בעיירות הסמוכות.

היו גם מלמדים שביום השוק היו עוזרים לנשותיהם במכירת סחורותיהן. ביום זה היו משחררים את הנערים מלימודיהם, והללו היו אסירי־תודה להם בשל יום חופש שזכו בו. תלמידים מבוגרים לא הלכו בטל ביום השוק. רובם היו עוזרים להוריהם. יצאו מכלל זה הצעירים שלמדו אצל מלמדי־דרדקי. הם לא זכו „מן ההפקר", והיו נשארים ב„חדר" בין אם למדו, ובין אם לא למדו.

ר׳ וולוול מלמד

ר׳ וולוול התגורר בחדר אחד, בחצר ביתו הגדול של דודי ר׳ ישעיה שטיינבלט. אשתו הנכה, הינדה, היתה תמיד רתוקה למיטה. תדיר היתה מחזיקה בידיה — לרפואה — שתי צפרים משונות. אנחנו, הילדים, היינו יושבים על משטח נמוך, על יד מיטתה, מקשיבים לאנחותיה, ואגב זאת, משתעשעים בשתי הצפרים שלה.

ר׳ וולוול, יהודי בא בימים, לימדנו „אלף־בית", וגם קריאה בסידור־התפילה. היה לו בן נשוי שהשתתף במלחמת העולם הראשונה. כתום המלחמה, מיד אחרי שובו של הלה מן הצבא, חלה ר׳ וולוול והלך לעולמו ובנו ירש את כס־המלמדות שלו.

ר׳ חיים לייב

את ר׳ חיים לייב, מלמד התינוקות קראו בעיירה: „חיים לייב קנייפער" (חיים לייב הצובט), משום שהיה רגיל לצבוט את תלמידיו. הלצות שונות הלכו בעיירה על חשבון צביטותיו של ר׳ חיים לייב. הלצים היו מספרים שר׳ חיים לייב אוהב דווקא לצבוט את אחיותיהם של תלמידיו הבאות לקבל את אחיהן חזרה הביתה...

אחרי מלחמת העולם הראשונה, עזב ר׳ חיים לייב את העיירה, ועבר לגור באוטבוצק.

ר׳ יאנקל חנה צירלס

בתקופה שלמדתי אצלו הוא כבר היה בגיל די גבוה. שמנמן, בעל זקן רחב ועבה, ששערותיו התחילו מכסיפות. לאחד מבניו קראו ברוך אשר, והבת היחידה שלו היתה נשואה לר׳ יצחק סולדאט — מלמד אף הוא.

ר׳ יאנקל התגורר בדירה אחורית, כשהחזית של אותו בית היתה מופנית לככר השוק. דירתו היתה תמיד נקיה. הילדים שלמדו אצלו נהנו מאויר צח.

המלמד מאושאצק

שמו היה יעקב יוסף רוזן, אך רבים מתלמידיו לא ידעו את שמו הפרטי, ולא את שם המשפחה שלו. כשהיו שואלים איזה תלמיד שלו אצל מי הוא לומד, היה משיב: אצל האושאצקר. מוצאו היה מעיירה אושאצק הסמוכה לסאבין, שע"י הנהר ויסלה.

היו לו שלושה בנים ובת־אחת נשואה. שמו של הבן הבכור היה — הירש בר. בן אחד שלו מת מטיפוס במלחמת העולם הראשונה.

האושאצקר גר עם משפחתו בביתה של משפחת שידלוביצקי. בקירבתם גר החזן ר׳ אברהם שמואל רייכמאן. שכנות זו הביאה לכך שבתו של החזן,

רויזה, והירש בר, בנו של האושאצקר, התאהבו זה בזו, התחתנו והקימו משפחה בישראל.

ר׳ אברהם וולוולס (רודניצקי)

ר׳ אברהם התגורר בחצר ביתו של דודי — ר׳ איצ׳ה מאיר „לעבעדיקער״. אצלו למדו הילדים חמשה חומשי תורה. על אף היותו קפדן (ולא מעט — בשל מצבו הכלכלי הרעוע), היה מלמד טוב והילדים אהבוהו.

לקראת ל״ג בעומר, היה ר׳ אברהם מכין לתלמידיו רובים, קשתות וחרבות, ויוצא עמהם לשדות הנרחבים שהקיפו את העיירה. לשם יצאו מחנות־מחנות של ילדים יהודיים וערכו ביניהם מלחמות, לפי כל כללי „האיסטרטגיה״ המלחמתית...

המחנה שניצח במלחמה, נכנס לעיירה בתרועת־נצחון, הוביל עמו שבויים ושלל מלחמתי שכלל כל הכלי־זין של המנוצחים.

פעם, העניש ר׳ אברהם אחד מתלמידיו הבכירים שסרח ועשה מעשה שלא ייעשה. המלמד השכיב את התלמיד על כסא, כשארבעה תלמידים מחזיקים אותו בידיו וברגליו. ר׳ אברהם הוריד לו את מכנסיו למטה והילקהו על אחוריו החשופים עשר מלקות. צעקותיו של הנער הגיעו עד לב השמים. התלמידים רעדו מפחד, ולא הוציאו הגה מפיהם. ואף־על־פי־כן, אהבנו, כאמור, את ר׳ אברהם, משום שידע ללמד היטב את הפרשה ולתת תוכן רב ללימודו.

למעשה היתה סיבה נוספת שבגללה רצינו ללמוד אצל ר׳ אברהם — הקירבה לגן עצי־הפרי של החובש פיונטקובסקי. בימות הקיץ, היינו הראשונים שטעמו את טעמם של הפירות שאך בשלו. השכלנו להערים על השומרים ועל הכלבים שנטרו את הגן. תמיד מצאנו לנו פירצות ואפשרויות להתגנב לתוך הגן ולקטוף פרי. לא אחת היינו שולחים מרגלים לתור את המקום המתאים לחדירה, ואת העץ שפריו בשל.

ר׳ אברהם וולוולס עזב באחד הימים את המלמדות שלא סיפקה אותו, התחיל נודד על פני עיירות פולין, ולא ידענו מה הביאו לכך.

בביתו נשארו 5 ילדים: שתי בנות ושלושה בנים: שרה, רחל לאה, משה הבכור, וולוול, ומאיר שלום. על שכמה של רבקה אשתו, שגם לה קראו רבקה וולוולס, נפל העול לדאוג לקיום המשפחה ולחינוך ילדיה. היתה זו אשה פיקחית מאוד. בביתה קיימה רבקה מאפיה ופירנסה את ילדיה. לא ידוע לי אם נותר מישהו ממשפחה זו בחיים. קרובי־משפחה שלהם היו הבורובסקים העשירים שהתגוררו בוורשה.

ר׳ הירש לייב

היה חסיד גור. נשא לאשה בת של אחת המשפחות המיוחסות בעיירה והובטח לו „אייביקע קעסט״. שנים רבות ישב ולמד בבית־מדרשו של

הרב, ר׳ אברהמלה. ברם, כשהמשפחה גדלה, וצריך היה לכלכלה, נוכח לדעת, אחרי נסיונות וכשלונות בצידם, כי לא למסחר נוצר.

אותה עת התגורר ר׳ הירש לייב בדירה, בעליית־גג, בביתו של הפולני מאַטרא, מול בית־המדרש. כשהמצב הכלכלי בבית נעשה קשה יותר, פנה ר׳ הירש לייב למלמדות.

ברם, לא שיחק לו מזלו בבחירת התלמידים. אלה שלמדו אצלו, לא מצאו עמו שפה משותפת. אף ירדו לחייו. פעם, בצאת ר׳ ה.ל. לרגע מן החדר, לקח אחד התלמידים את השוט וגזרו, לעיני שאר חבריו, לחתיכות. ר׳ ה.ל. דרש שיגלו לו מי עשה את הדבר, איים על כולם, — והעלה חרס. פעם אחרת קרה ור׳ הירש לייב נרדם בשבתו ליד השולחן. התלמידים הדביקו את זקנו בשעווה אל השולחן וכשהתעורר, מצא עצמו מחובר אליו. העונשים הקולקטיביים שר׳ ה.ל. הטיל על תלמידיו לא הועילו. הם המשיכו ללחום ברבם בכל האמצעים, ואף העזו, פעם, להכניס מסמרים לכסא וכיסוהו בכרית שעליה רגיל היה לשבת. מלחמה זו נמשכה עד ש„קבוצת־הלוחמים״ עזבה את ה„חדר״. הצרות שידע מהתלמידים המאיסו על ר׳ ה.ל. את המקום, ועבר לגור באוטבוצק, וכאן, התגשמה בו האימרה: „משנה מקום משנה מזל״. באוטבוצק הלך שמו לפני כמחנך טוב וכתלמיד־חכם. התפרנס בכבוד עד פרוץ מלחמת העולם הראשונה, ואז חזר לפוריסוב כדי להמשיך במלמדות.

ר׳ יוסל דוד בורובסקי

ר׳ יוסל דוד התגורר עם אשתו וילדיו בביתם המשותף של חיים יוסל בקר וזלמן פרבר ומשפחותיהם, שהיו יורשיהם של אהרן וחיה אסתר בקר.

כמלמד, היה בעל אופי חלש. לא הקפיד על דברים חיצוניים ולבושו היה תמיד מרושל. גם לר׳ יוסל דוד לא שיחק מזלו בבחירת התלמידים. אחד כזה, יצחק, בנו הצעיר של ר׳ מנדל הגבוה („דער הויכער מענדל״), היה מטיל אימה על תלמידי ה„חדר״ והפריע בלימודים. נער זה היה בעל־שרירים חזקים וחסון בגופו. בשבתו בחדר, היה מספר סיפורי־זוועה, והתלמידים היו מקשיבים לו ברתת ובזיעה. כן טען שיש לו קשרים עם כוחות שלא מעלמא הדין...

בערבי־חורף, בעת שהתלמידים היו שבים לבתיהם מה„חדר״, היה יצחק מתחפש, מתחבא בסימטה, ומזנק לפתע לעבר תלמיד כלשהו, מכבה את פנסו, חוטף אותו ובורח. הילד הנבהל, היה צועק וקורא לעזרה.

יצחק הגבור, היה חלש בלימודים. היה נעדר ימים שלמים מן ה„החדר״. הרבי היה מזמין את אביו שיטיף לו דברי־מוסר, אך, גם מכות שהיה ממטיר עליו לא הועילו.

ר׳ יוסל דוד היה בעל מזג טוב. רגיל היה לשחרר את תלמידיו בשעת ההפסקה למשחקים בחצר שהיתה רחבה מאוד.

ר' יצחק סולדאט

קראו לו „סולדאט" משום ששירת בצבא הקיסר הרוסי ואף השתתף במלחמת רוסיה־יפן. כאמור לעיל, היה חתנו של ר' יאנקל חנה צירלס — אף הוא מלמד בעיירה.

גבר תמיר היה ובעל זקנקן צהבהב. מבטו היה באמת כשל חייל. היה חשוך־בנים. התגורר יחד עם אשתו, בעליית־גג, בביתו של ר' הרשל „פאַטענע". אשתו עסקה במסחר־זוטא, בעומדה עם דוכן ביומא דשוקא. חדרם היה תמיד נקי להפליא. למרות קפדנותו, אהבו הילדים ללמוד אצלו. את התלמידים שפיגרו או התעצלו בלימודיהם, הזהיר כי יפתח להם את הראש במפתח מיוחד שהביא עמו מהמלחמה, ישטוף להם את המוח ויחזירנו אחר כך למקומו הנכון...

תלמידיו שמעו ממנו סיפורים רבים על המלחמה ועל שרותו בצבא.

ר' מנשה סאבינר

ר' מנשה הגיע לפוריסוב מסאבין בעת מלחמת העולם הראשונה. בני־העיירה מצאו עבורו תלמידים ובכך נתאפשר לו להתקיים. אחדים מתלמידיו עדיין חיים עמנו בארץ.

ר מנשה היה חסיד פוריסוב־קלושין. התפלל בשטיבל שלנו. היה לו בן בגילי.

ר' יעקב הירש אברהמלה ברוכס

ר' יעקב הירש נשא לאשה את בתו של אברהמלה ברוכס (גולדברג) (קראו לו בשם מלא, משום שבעיירה היו יהודים רבים בשם יעקב הירש).

השתייך לדור המלמדים הצעירים שהתחתנו בעיירה, ובהיותם ללא מקצוע, וללא סיכוי לפרנס משפחה שהיתה גדלה משנה לשנה — היו למרביצי־תורה.

אומרים עליו שהיה מלמד טוב, ונוח לבריות. זקנקן צהוב עיטר את פניו. גורלו — כגורל העדה הפוריסובאית שהובלה לטרבלינקי. היתה זו דרכו האחרונה וממנה לא חזר.

* *
*

בחלק זה של הסקירה אתעכב על המלמדים המובחרים ששמם הלך לפניהם בפוריסוב ומחוצה לה, ושידיעתם בש"ס ובפוסקים היתה רבה. הלא הם: „ר' יוסל דער מורה־הוראה'טעס", דודי ר' אברהם אלעזר, ואבי ז"ל, ר' שלמה זלמן, שהיה ידוע תחת השם ר' זלמן פרבר, על שום שבביתנו ניהלנו בית־מלאכה לצביעת חוטי־פשתן וצמר בשביל איכרי הסביבה. כן יוזכר פה ר' שלום סנוקר



ר׳ יעקב צבי בורנשטין
ר׳ יעקב הירש באָרנשטיין, הי״ד

שהגיע לפוריסוב בשנים שלאחר מלחמת העולם הראשונה, והיה בעלה השני של חנה מאלי, בתו של ר׳ שמואל לייזר.

בתקופה ההיא עדיין היה מקובל שיהודי עשיר אשר רצה לתת לבניו חינוך טוב וידיעות רחבות יותר בתורה, היה מושיב בביתו מלמד בעל־שם. כך למשל, היה אבי ז״ל המחנך של שני בניו של הגביר ר׳ שאול גרפשטיין, סוחר־יערות מצליח, שהתגורר בעיירתנו עד שנת 1908. אחרי שהנ״ל עבר לוורשה, היה אבי ז״ל במשך שלוש שנים מלמד יחיד אצל בעל־האחוזה ר׳ אברהם לייב רדזימינסקי, בנו של ר׳ זלמן מרדזימין.

(ר׳ אברהם לייב רדזימינסקי היה גיסו של המורה־הוראה שלנו דאז ונמנה עם חסידיו של הרבי ר׳ יהושע אשר מפוריסוב־קלושין).

ברם, התקופה של מלמדים מיוחדים אצל העשירים חלפה בימינו. תלמידי הכמים מובהקים שיכלו לשבת על כסא־רבנות ולשמש בקודש, לא הגיעו, למעמד זה, משום שלעתים לא הועילו הידיעות הרבות כי אם יתרונות אחרים והם: היחוס, ההשתייכות החסידית, וכדומה. מלבד זאת, היו תלמידי־חכמים רבים שהעדיפו להיות תלויים יותר, מבחינת פרנסה, בחסדי בעל־בית אחד, או בעלי־בתים אחדים, מאשר — בקהלה שלימה. אנשים מסוג זה, כשהתקשו לפרנס את משפחותיהם, היו באין־ברירה, למלמדים.

עם פרוץ המלחמה העולמית הראשונה, נשאר אבי ז״ל בעיירה, ועסק במלמדות. בשובי, בימים, ההם, מהישיבה בשדלץ, הביתה, הצטרפתי לשבעת התלמידים של אבי מורי ולמדתי ממנו תורה.

ר׳ אברהם אלעזר

דודי, ר אברהם אלעזר, היה תלמיד־חכם ובעל מוח חריף. בעיירה העריכו מאד את פיקחותו, ולא אחת שימש בורר בסיכסוכים בין סוחרים, או שותפים.

התגורר בחצר־בית בודד שקיבל בירושה מסבי, ר׳ אהרן בקר. בבית זה גידל את יוצאי חלציו: שתי בנות וחמשה בנים: יוכבד וחנה גולדה, יוסף (בנו, בן־ציון, חי בארץ), יעקב (בתו, חיה, מתגוררת עם משפחתה בחיפה). מיתר הבנים — שלמה, יהושע אהרן, לא נשאר זכר, כי ניספו בשואה.

ר׳ אברהם אלעזר היה ידוע כמלמד טוב. היתה לו גישה מיוחדת לתלמידיו. במלמדות עסק עד לפטירתו. דודתי, רבקה רחל, עזרה לו בפרנסת הבית, ע״י אפיית לחם למכירה.

דודי היה בעל־שיחה, והתלמידים אהבו את שנינות אמרותיו. היה גם עובר לפני התיבה ומתפלל בקול ערב. גם בנו, יהושע, היה בעל קול ערב ונאה, ולפני שהתפקר, היה שר בשטיבל זמירות בסעודה־השלישית של שבת־קודש.

,,ר׳ יוסל דער מורה הוראה׳טעס״

נמוך קומה היה. רחב־כתפיים, ובכלל — בעל גוף מוצק. עור פניו היה כהה ושערות זקנו העבה — שחורות כפחם. גם עיניו היו שחורות, ובלטה מהן פיקחיות רבה. אשתו ובנותיו היו דווקא בלונדיניות. הם התגוררו בבית שירשו מהמורה־הוראה, והוא גבל עם ביתו של דודי, ר׳ אברהם אלעזר, מול בית־המדרש. בביתם היתה גם חנות, והיו זמנים שניצלוה למכירת ממתקים ומשקאות קלים.

ר׳ יוסל לימד בחורים אחרי גיל בר־מצווה, ורק כאלה, שיכלו להבין אותו ואת שיטת לימודו. קפדן היה ודרש מתלמידיו שילמדו יסודית, ובעמקות. עקשן היה ואנשים התקשו להזיזו מדעה שנראתה לו כנכונה.

תכופות היינו רואים אותו בבית־המדרש מתווכח בלהט בסוגיה בתלמוד. עיניו היו אז נוצצות, בורקות. בויכוח כזה היו נערמים על השולחן ספרים רבים. אברכים שהיו לומדים בבית־המדרש היו מצטרפים לויכוח והיו נוצרות כיתות כיתות. אלה נטו לדעתו של ר׳ יוסל, אלה לצידו של ר׳ זלמן פרבר, ואלה — לתלמיד־חכם אחר. ויכוח כזה היה יכול להימשך, לפעמים, שעות רבות, ולא אחת היו נשותיהם של המתווכחים באות להיוודע מה קרה לבעליהן.

ר׳ יוסל היה חוקר ומעמיק במחשבותיו. היו לו דעות משלו בשאלת הציונות, עסק בפוליטיקה, וידע על המתרחש בתנועת הפועלים העולמית. את דעותיו בשאלות רבות לא הביע בפומבי. רק המקורבים אליו ידעו על אהדתו

לציונות ועל יחסו החיובי לספרות המודרנית החדשה. יותר משהיה גלוי, היה נסתר. אף אותו היו לוקחים כמתווך בסכסוכים, או כנציג בדין־תורה לפני מרא־דאתרא.

ר׳ שלום סנוקר

כשחנותה של מאלי, אשתו, לא יכלה לפרנס עוד את משפחתה, נעשה ר׳ שלום למלמד. היה אדם בעל לב טוב, אוהב שיחה, מכבד את הבריות. למדן מופלג היה. אבי ז״ל היללו מאוד, באומרו עליו שהוא שוחה בחופשיות גמורה בים־התלמוד. שניהם היו נפגשים בבית המדרש, או בעת שתיית־קפה־חם, בשבת בבוקר, אצל ר׳ שמואל אלעזר, או אצל ישראל איסר זילברשטיין ומתחדדים בדברי־תורה.

ר׳ שלום היה מתהלך בבית־המדרש הלוך ושוב ומהרהר באיזו סוגיה. תוך כדי הליכה, היה תופס מישהו, משלב ידו בידו ומשתף אותו בהרהוריו, מדבר ומדבר, מותיב ומפרק, ולא היה מניח את השותף לשיחה, או את המקשיב לדבריו, עד שהשליח־ציבור התחיל להתפלל.

יהודי יקר היה. אהבוהו אהבת־אמת. לתלמידיו ידע להסביר את פרקו בלימוד בצורה אבהית, בפשטות. מי שלא הבין דבר־מה, לא התבייש לשאול אותו פעם ופעמיים, כי תמיד היה משיב בנחת, באהבה, וברצון.

— — — כן, כאלה הם היו. הם לא לימדונו ספרות יון העתיקה, ולא את ספרות העולם החדשה. „בסך־הכל״, לימדונו להיות יהודים ובני־אדם. הם נטעו בנו אהבה לעם ישראל ולערכיו הרוחניים. השקיעו בנו ממיטב כוחם ומרצם. עשו את מלאכתם באמונה וביושר וראו בעבודתם — עבודת־קודש.

— — — בעוצמי את עיני, הנני רואה אותם — את מלמדי העיירה שלנו, בחדריהם הצרים, במרתפים או בעליות־גג, בכל העוני שלהם, בצרותיהם, ואני תמה ושואל את עצמי: מנין שאבו אנשים אלה מידה כה גדולה של מסירות נפש? כיצד החזיקו מעמד. גידלו בנים, כלכלו את משפחותיהם, כשמצבם הכספי היה כה רע, כה דל?

אכן, דורות עוצבו על ידיהם, אבות ובנים, אבות ובנים...

עלינו לכבד, איפוא, את זכרם למען ידעו בנינו כיצד הוריהם התחנכו, על מה עמלו, ומה היה תוכן חייהם — התוכן שהבטיח לנו קיום לאומי־רוחני בפזורה, בין הגויים, על אדמת פולין, שם חיינו וגם נהרגנו.

אריה קופערבוים

די חברה-קדישא אין די פריערדיקע יאָרן

אין יאָר 1915, זענען בראש פון דער חברה־קדישא אין שטעטל געשטאַנען די גבאים: אלי ראָזן („אלי פּאַרבער"), משה גאָלדבערג, אברהם שעפּס׳ס — דער אלאָרניק, משה ברוכס און יצחק יהושע קופּערבוים. שפּעטער זענען צוגעקומען: דוד פּייווס (לאַטאַוויצקי), שמואל גאָלדבערג — פאַבריקאַנט פון צוקערלעך, פּנחס שוחט, פּרץ שניידער (קאַץ), שמאי שליווקע (דער שניידער) און אַנדערע.

די חברה־קדישא איז געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט דער קהלה־לייטונג אין שטעטל, אָבער זי איז געווען זעלבסטשטענדיק אין איר אַרבעט. דאָס ביוראָ פון דער חברה־קדישא האָט שטענדיק זיך געפונען ביים הויפּט־גבאי.

ווען עס איז עמעצער אין שטעטל געשטאָרבן, האָבן די נאָענטסטע קרובים גלייך וועגן דעם מיטגעטיילט דעם הויפּט־גבאי. ביי אים האָט מען ערלעדיקט אַלע נויטיקע ענינים וואָס זענען געווען פאַרבונדן מיט ברענגען דעם מת צו קבורה, און באַזונדערס — דעם ענין פון דער קרקע. גלייך נאָך דעם האָט דער גבאי געלאָזט רופן — לויט דער ריי — עטלעכע פון דער חברה־קדישא און די האָבן שוין געמאַכט אַלע צוגרייטונגען צו דער לוויה און קבורה.

די חברה־קדישא האָט דורכגעפירט די טהרה אין דער שטוב ווו דער מת האָט זיך געפונען. פּרץ שניידער האָט גענייט די תכריכים פאַרן מת און איינער פון דער חברה האָט צוגעגרייט דעם ארון.

יעדע לוויה פלעגט פאַרבייגיין דאָס בית־המדרש. שטעטלשע יידן פלעגן מאַסנווייז באַגלייטן יעדן נפטר און מיטגיין ביז דער בריק. די חברה קדישא האָט שוין געזאָרגט דערפאַר, אז אויפן בית־עולם, ביי דער קבורה, זאָל שטענדיק זיין אַ מנין יידן, מען זאָל קאָנען זאָגן קדיש.

ביי דער חברה־קדישא איז געווען אַ מנהג, אַז די וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט דער לוויה, האָבן, אומקערנדיק זיך פון בית עולם, אָפּגעטרעטן ביים הויפּט־גבאי און דאָרט געטרונקען אַ גלעזל בראָנפן מיט פאַרבייסעכץ.

איין מאָל אין יאָר פלעגט פאָרקומען די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון דער חברה. דער הויפּט־גבאי פלעגט אָפּגעבן אַ באַריכט און אויפן אָרט פלעגט געוועלט ווערן אַ נייער גבאי, אָדער מען פלעגט באַשטעטיקן דעם אַלטן. אַזאַ פאַרזאַמלונג פלעגט שטענדיק זיך ענדיקן מיט אַ ברייוחדיקער סעודה בעת וועלכער מען פלעגט נישט זשאַלעווען קיין ביסל משקה.

מאיר פיינזין (ז״ל)

נאָך דער ערשטער וועלט-מלחמה

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט שטאַרק זיך געענדערט דאָס קולטורעלע און געזעלשאַפטלעכע לעבן פון די יידן אין פאַריסאָוו. איבער הויפּט איז פון דער ענדערונג געטראָפן געוואָרן די רעליגיעזע באַפעלקערונג. קינדער פון פרומע שטובן האָבן אָנגעהויבן באַהערשט צו ווערן פון נייע, פּראָגרעסיווע שטרעמונגען. אין רעזולטאַט דערפון איז אין אַ סך הייזער אין שטעטל געקומען צו אַ שטרייט צווישן עלטערן און קינדער. ביי געוויסע פאַמיליעס האָט עס דערפירט צו דעם, אַז טאַטעס האָבן געגייט קינדער צו פאַרלאָזן די שטובן, אויב זיי וועלן זיך נישט אומקערן פון זייערע „שלעכטע וועגן״. מענער האָבן זיך געקריגט מיט זייערע פרויען וועלכע האָבן, ווי מאַמעס, חס געהאַט אויף זייערע קינדער, און נישט געלאָזט זיי אַרויסטרייבן פון שטוב.

דער „קולטור־פאַראיין״

אַ גרופּע יונגע מענטשן, ווי: גרשון רובין, דינה פנחס שוחטס, אברהם שמואל קאָכען, אורי ראַבינאָוויטש (הערשל פּאַטענעס זון) און נאָך אַנדערע, האָבן אָרגאַניזירט די ערשטע קולטור־אינסטיטוציע אין שטעטל



אורי ראַבינאָוויטש
און זיין שוועסטער שבע קופּערבוים.
שבע קופּערבוים לעבט אין ישראל



רחל גאָלדבערג און נעמי כהן.
ביידע טעטיקע מיטגלידער אין
קולטור־פאַראיין

אונטערן נאָמען „דער קולטור־פאַראיין”. אַלע צוגרייטונגען צו דער עפענונג פון דער אינסטיטוציע זענען געמאַכט געוואָרן בסוד, ווייל מען האָט מורא געהאַט פאַר שטערונגען. ווי נאָר דער פאַראיין איז געעפנט געוואָרן, האָבן יוגנטלעכע אָנגעהויבן קומען אַהין, לייענען צייטונגען, ביכער און הערן פאָר־לעזונגען. צווישן די זענען אויך געווען קינדער פון פרומע עלטערן. די רעליגיעזע יידן אין שטעטל האָבן אַ נאָמען געגעבן דעם „קולטור־פאַראיין” — „דאָס טומאהלע”. זיי זענען געווען שטאַרק פאַרביטערט צוליב דער גרויסער הצלחה פון דער דאָזיקער פרייער אינסטיטוציע. וועלנדיק עפעס טאָן קעגן איינפלוס פון „קולטור־פאַראיין” אין שטעטל, זענען פרומע יידן זיך צונויפגעקומען אויף אַ באַראַטונג ביים פאָריסאָווער רב. נאָכן אויסהערן ווי די זאַך האַלט, האָט דער קלוגער רב פעסטגעשטעלט, אַז אויב די „יונגאַטשעס” האָבן אַן אָפיציעלע דערלויבעניש פון דער מאַכט צו פירן די אינסטיטוציע, איז נישטאָ וואָס צו טאָן. עס דאַרפן בלויז די טאַטעס „נעמען” שטרענג זייערע קינדער, נישט לאָזן זיי גיין אַהין, ווייל אַנדערש וועט מען זיי נישט אַריינלאָזן אין בית־המדרש. זיי דאַרפן אויך וויסן — האָט דער רב אָנגעזאָגט — אַז אַן אָנשטענדיקע משפחה וועט נישט וועלן זיך משדך זיין מיט אַ בחור, צי אַ מיידל וואָס קומט רחמנא־ליצלן אַהין אַריין.

נאָך אַ שטיקל צייט, האָט די מלחמה צווישן עלטערן און קינדער זיך אַ ביסל איינגעשטילט. אַ טייל קינדער האָבן זיך טאַקע צוריקגעהאַלטן פון צו קומען אין „קולטור־פאַראיין”, בלויז דערלויבט זיך צו נעמען דאָרט אַ בוך, אָדער אַ צייטונג. פון דער אַנדערער זייט, האָבן אויך עלטערן זיך געבראָכן, און נישט וועלנדיק פאַרלירן אין גאַנצן זייער השפעה אויף די קינדער — אָוועקגעקוקט, געמאַכט זיך נישט זען ווי זיי גייען אין דער „טומאהלע” אַריין זיך אָנלייענען דאָרט מיט פרייע ביכער, אָדער אויסהערן, ווער ווייס, וואָסערע רעפעראַטן.

דער פראָפעסיאָנעלער פאַראיין און דער קאַמף קעגן די באַלעבאַטים

די אָרגאַניזאַטאָרן פון פראָפעסיאָנעלן פאַראיין אין פאָריסאָוו זענען געווען: ישראל קאַרמאַן, הערש אַסיפּ, אפרים שימעל, זלמן אביגדור האַנדווערג, מאַטושעוויטש, א"אַנד. נישט האָבנדיק נאָך קיין לאָקאַל, איז די ערשטע באַראַטונג פאָרגעקומען אין אַ וואַלד, צוויי קילאָמעטער פון פאָריסאָוו. די פאַרזאַמלונג איז גערופן געוואָרן לויט אַלע כללים פון קאָנספּיראַציע; מ'האָט נישט דערציילט ווו ס'איז דאָס אָרט פון דער פאַרזאַמלונג, נאָר געהייסן אַרויסגיין אויפן שאָסיי, ווו „עמעצער” וועט שוין אָנווייזן דעם וועג. צו דער פאַרזאַמלונג זענען גערופן געוואָרן נאָר יוגנטלעכע און די צום מייסטן באַוווסטזיניקע אַרבעטער. מ'האָט זיי געזאָגט, אַז אויף דער פאַרזאַמלונג וועט

מען זוכן אַ וועג ווי אַזוי צו צווינגען די מייסטערס צו פאַרקלענערן די אַרבעטס־שעהען פון די אַרבעטער, און העכערן זייער לוין.

אין אַ שבת בייטאָג, נאָכן עסן, זענען די גערופענע צו דער פאַרזאַמלונג — צוואַנציק מאַן בערך — זיך צונויפגעקומען אין וואַלד, ביי סטאַריוואָלי. דער חבר ישראל קאַרמאַן האָט געשילדערט די ביטערע לאַגע פון דעם פאַריסאָווער אַרבעטער וועלכער איז הפקר און שוצלאָז, אין דער צייט ווען אין אַנדערע שטעטלעך זענען שוין די אַרבעטער אָרגאַניזירט, און האָבן דערגרייכט גוטע סאָציאַלע אַרבעטס־באַדינגונגען. אויף דער פאַרזאַמלונג זענען אויך אויפ־געטרעטן הערש אָסיפּ, און אַנדערע אָנוועזנדיקע יוגנטלעכע אַרבעטער.



ישראל קאַרמאַן — מיטגרינדער פון פראָפעסיאָנעלן פאַראיין אין פאַריסאָוו

אין רעזולטאַט פון דער דאָזיקער אָפּגעהאַלטענער פאַרזאַמלונג, איז געגרינדעט געוואָרן דער פראָפעסיאָנעלער פאַראיין אין פאַריסאָוו. די אַקטיוויסטן האָבן צונויפגעזאַמלט געלט אויף צו קאָנען אַדורכפירן די לעגאַליזאַציע פון פאַראיין. נאָך דעם האָט מען אויך געשאַפן געלט אויף אַ לאָקאַל, וואָס האָט שפּעטער זיך געפונען אויף דער וואַרשעווער גאַס.

באַלד נאָכן אָרגאַניזירן דעם פאַראיין, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער איז באַהערשט דורך די לינקע (קאָמוניסטן). אין צווישן, האָט דער פאַראיין אָנגעהויבן אָרגאַניזירן אַלע פאַכן. נאָכן פאַרשטענדיקן זיך מיט דער צענטראַלע אין וואַרשע, איז געשאַפן געוואָרן אַ סעקציע פון שוסטער־אַרבעטער — דאָס אַנטוויקלסטע פאַך אין שטעטל.

די ערשטע אַלגעמיינע מיטגלידער־פאַרזאַמלונג פון פראָפעסיאָנעלן פאַראיין איז אַדורך זייער פייערלעך. די חברים קאַרמאַן און אָסיפּ האָבן אָפּגעגעבן טעטיקייטס־באַריכטן. עס איז אינטערעסאַנט דער פאַקט אַז בעתן זינגען דעם „אינטערנאַציאָנאַל" האָבן די רעליגיעז־געשטימטע חברים נישט אַראָפּגענומען די היטלען. האָבנדיק פאַרשטענדעניש פאַר זייער אויפפירונג, האָט מען נישט רעאַגירט אויף דעם.

די קולטור־טעטיקייט פון פראָפעסיאָנעלן פאַראיין

אַן אויסגעוויילטע קולטור־קאָמיסיע האָט געזאָרגט פאַר דער גייסטיק־קולטורעלער אַנטוויקלונג פון די חברים פון פאַראיין. אַזוי ווי עס זענען געווען מיטגלידער וואָס האָבן נישט געקאָנט אַליין לייענען אַ צייטונג, האָט מען, אין די אָוונטן, פאַר זיי פאָרגעלייענט אַרטיקלען פון דער פרעסע. אַ ביסל שפּעטער, זענען אויך איינגעאָרדנט געוואָרן אָוונט־קורסן פאַר חברים, און מ׳האָט זיי געלערנט לייענען און שרייבן, ווי אויך — געשיכטע און ליטעראַטור. עס איז אויך געשאַפן געוואָרן אַ ספּאָרט־סעקציע פאַר יוגנטלעכע און עלטערע ספּאָרט־לערס.

אַזוי אַרום, האָט דער פראָפ. פאַראיין נישט בלויז געזאָרגט פאַר דער אויסבעסערונג פון די סאָציאַלע באַדינגונגען פון יידישן אַרבעטער אין פאָריסאָוו, נאָר אויך — פאַר אויפהייבן זיין קולטורעלן ניוואָ.

די דערגרייכונגען פון פראָפעסיאָנעלן פאַראיין

די ערשטע אַקציע וואָס דער פראָפעסיאָנעלער פאַראיין אין פאָריסאָוו האָט אונטערגענומען, איז געווען דאָס אויסגלייכן דעם לוין פון די לעדער־אַרבעטער. ביז דעמאָלט האָט יעדער מייסטער געצאָלט זיין אַרבעטער וויפל ער האָט געוואָלט. אין אַ „שטילער״ צייט, ווען ס׳איז נישט געווען גענוג אַרבעט, האָט דער מייסטער איינגערעדט זיין געזעל, אַז ער האַלט אים ביי דער אַרבעט נאָר פון רחמנות וועגן...

דער פראָפעסיאָנעלער פאַרא־יין האָט אונטערגענומען דעם קאַמף פאַר אויסגלייכן די לוינען. אין אָנהייב האָט ער זיך אָנגעטראָפן אויף אַ ווידערשטאַנד אויך מצד די גוט־באַצאָלטע אַרבעטער, די אַזוי גערופענע „יחסנים״. זיי זענען נישט געווען גרייט איינצושטעלן זיך און צו קעמפן פאַר דעם שלעכט־באַצאָלטן אַרבעטער. נאָך עטלעכע פאַרזאַמלונגען אין פראָפ. פאַראיין, איז מען בייגעקומען די שוועריקייט. עס איז באַשלאָסן געוואָרן צו פאָדערן אַ לוין־העכערונג פון אַ האַלבן זלאָטי אויף אַ פאָר שטיוול, אָדער שיך. אין דער זעלבער צייט זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן די שטעפער־אַרבעטער (דאָס פאַך איז געלעגן אויס־שליסלעך אין יידישע הענט). אַזוי אַרום איז אויסגעמיטן געוואָרן פון די מייסטערס די מעגלעכקייט אַרויסצוגעבן אַרבעט, אין פאַל פון אַ שטרייק, פאַר די פוילישע שוסטערס וועלכע האָבן זיך באַנוגנט מיט קלענערע לוינען, ווייל זיי האָבן געצויגן זייער חיונה, בעיקר, פון זייערע פעלדער.

דער פאַראיין האָט צוגעשיקט זיינע פאָדערונגען צו די מייסטערס. איינע פון זיי איז געווען, אַז דאָס צונעמען און אָפּזאָגן אַרבעטער זאָל געמאַכט ווערן נאָר דורך דער פאַרמיטלונג פון פראָפ. פאַראיין. די ווענדונג צו די אונטערנעמערס איז פאַרענדיקט געוואָרן מיט אַ דראָונג, אַז אין פאַל פון נישט

נאָכגעבן די פאָדערונגען, וועט אױסגערופן ווערן אַ שטרייק פון די לעדער־אַרבעטער אין שטעטל, און די אַרבעט־געבערס וועלן דאַרפן באַצאָלן פאַר דער גאַנצער שטרייק־צייט. די אונטערנעמערס האָבן מורא געקריגן, זענען נאָכגעקומען די פאָדערונגען פון פאַראיין, און דער מצב פון אַלע לעדער־אַרבעטער אין שטעטל האָט זיך שטאַרק פאַרבעסערט.

די דאָזיקע ערשטע אַקציע פון פאַראיין האָט געהאַט אַ שטאַרקע מאָראַלישע ווירקונג אויף די אַרבעטער אין שטעטל, און עס זענען צוגעקומען פרישע מיטגלידער. עס איז אויך געשטיגן די צאָל פאַך־סעקציעס אין פאַראיין, צווישן זיי — די סעקציעס פון נאָדל־און־בעקער־אַרבעטער.

דער פּראָפ. פאַראיין האָט אָנגעהויבן אַרומנעמען וואָס מער אַרבעטס־צווייגן און אויך אָנגעהויבן זאָרגן פאַר די ברייטערע מאַסן פון דער אַרבעטער־שאַפט. אַזוי, למשל, האָט דער פאַראיין באַוואָרנט, אַז די „כאַלופּניקעס" וועלכע האָבן אַליין אָנגעהערט צום פאַראיין, זאָלן נישט אויסנוצן די געזעלן וואָס אַרבעטן ביי זיי, און עס איז פעסטגעשטעלט געוואָרן די הייך פון די לוין־פּראָצענטער וואָס עס דאַרף באַקומען דער געזעל וואָס אַרבעט ביים „כאַלופּניק" פאַר דעם מייסטער וועגן.

אַ דאַנק דעם פאַראיין איז אויך פאַרבעסערט געוואָרן דער מצב פון די „זמן" אַרבעטער — די יוגנטלעכע, וועלכע זענען געווען ווי פאַרשקלאַפט צו זייערע ברויט־געבערס, פון פרי ביז שפּעטן אָוונט. דער פאַראיין האָט אָפּגעשאַפט דעם באַגריף „זמן" אַרבעטער. עס איז איינגעשטעלט געוואָרן אַ נאָרמאַלער לוין־אָפּצאָל און אַ נאָרמאַלע אַרבעטס־צייט פאַר דעם יוגנטלעכן אַרבעטער, צי לערן־יינגל. די מאַמעס פון די אַרבעטנדיקע קינדער זענען געווען דאַנקבאַר דעם פאַראיין פאַר די סאָציאַלע דערגרייכונגען.

אויך די פראַגע פון דער צאָל אַרבעטס־שעהען אין טאָג איז געלעזט געוואָרן אָן שטרייטן. די מייסטערס האָבן אָנגענומען די פאָדערונגען פון פאַראיין, און דער פּרעסטיזש זיינער ביי דער אַרבעטער באַפעלקערונג איז נאָך מער געשטיגן.

פּוילישע שוסטערס אין יידישן פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין

אויך די פּוילישע שוסטערס האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין יידישן פּראָפ. פאַראיין. זיי האָבן געזען וואָסערע סאָציאַלע דערגרייכונגען עס האָט אַ דאַנק אים צו פאַרצייכענען דער יידישער אַרבעטער, און זיי האָבן זיך געוואָנדן צום פאַראיין וועגן איינגלידערן זיי אין אים. דער גרעסטער טייל פון די פּוילישע שוסטערס זענען געווען באַשעפטיקט ביי יידישע אונטערנעמערס וועלכע האָבן גערעכנט, אַז פאַר זיי וועט דער פאַראיין זיך נישט איינשטעלן. אָבער דער פאַראיין, וועלנדיק אויך אויסמיידן די געפאַר, אַז דער פּוילישער שוסטער זאָל נישט פאַרקאָנקורירן דעם פרייז פון זיין יידישן חבר, און אים נישט אַרויס־

שטויסן פון דער אַרבעט, האָט איבערגעגעבן די יידישע אונטערנעמערס די פאָדערונגען פון די פוילישע שוסטערס און פאַרלאַנגט פאַר זיי די זעלבע סאָציאַלע באַדינגונגען פון וועלכע עס געניסט דער יידישער שוסטער.

די שוסטער־מייסטערס האָבן, אין אָנהייב, זיך געבונטעוועט. זיי האָבן אפילו געפלאַנט אויפצושטעלן אַ פאַרבאַנד פון אַרבעטס־געבערס וואָס זאָל זיך קעגנשטעלן די כסדרדיקע פאָדערונגען פון די אַרבעטער. אָבער לבסוף האָבן זיי מסכים געווען נאָכצוקומען די פאָדערונגען פון די פוילישע אַרבעטער און דער פראָפ. פאַראיין איז אַרויס מיט אַ פרישן נצחון.

די אַלע דערגרייכונגען פון דעם שוסטער־אַרבעטער, האָבן נישט געבראַכט קיין שאָדן דער פראָדוקציע. פאַרקערט, די וואַרשטאַטן האָבן אָנגעהויבן אַרויס־געבן בעסערע אַרבעט. עס זענען געקומען סוחרים פון פאַרשידענע שטעט און האָבן איינגעקויפט שוכוואַרג אין פאָריסאָוו. די גאַנצע שוך־פראָדוקציע האָט אויפגעבליט.

אין דער זעלבער צייט האָט דער פראָפ. פאַראיין אויסגעברייטערט זיין טעטיקייט. אַ דאָקטער וואָס האָט זיך באַזעצט אין פאָריסאָוו איז געקומען צום פאַראיין מיט אַ פאָרשלאַג צו אָרגאַניזירן אַ „קראַנקן־קאַסע" פאַר די אַרבעטער, פאַרלאַנגענדיק בלויז אַ קליינעם אָפּצאָל. דער פאַראיין האָט אָנגענומען דעם פאָרשלאַג, און אַ גרויסע צאָל אַרבעטער האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין דער „קראַנקן־קאַסע".

עס איז אויך אָרגאַניזירט געוואָרן אַ דראַמאַטישער קרייז וועלכער האָט אויסגעפירט פאַרשידענע איינאַקטערס, און געשטעלט פאָרשטעלונגען. דער דראַ־מאַטישער קרייז האָט באַזוכט אַרומיקע שטעטלעך.

אויך די ספאָרט־סעקציע ביים פאַראיין האָט זיך שיין אַנטוויקלט. זי האָט אנטייל גענומען אין פאַרמעסטן מיט גרופעס פון אַנדערע שטעטלעך, און געשפילט מיטן פוילישן „סטזשעלעץ" פון פאָריסאָוו וועלכער איז שטענדיק באַזיגט געוואָרן דורך די פאָריסאָווער יידישע פוטבאָליסטן.

דער קאָמוניסטישער איינפלוס אויף די פאָריסאָווער שוסטערס

נישט געקוקט דערויף וואָס דער עקאָנאָמישער מצב פונעם אָרגאַניזירטן אַרבעטער האָט זיך געבעסערט נאָך דעם ווי עס האָבן זיך געביטן זיינע סאָציאַלע באַדינגונגען, איז ער אָבער נאָך אַלץ נישט געווען קיין „געהויבענער". די אָרעמקייט אין שטעטל איז נאָך אַלעם געווען זייער גרויס. אין רעזולטאַט דערפון, איז די יוגנט לייכט אַרונטערגעפאַלן דער השפעה פון קאָמוניזם, בפרט, ווען זיינע אידעען־טרעגערס זענען געווען, די, דורך די אַרבעטער, באַליבטע פאַראיין־טוערס. טאַקע זיי האָבן געשאַפן די אומלעגאַלע קאָמוניסטישע פאַרטיי אין שטעטל, אויפגעשטעלט אַ „פיאָנערן" אָרגאַניזאַציע פאַר קינדער און אַ

יוגנט־גרופע „מאָפּר", וועמעס אויפגאַבע עס איז געווען צו העלפן פּאָליטישע אַרעסטירטע.

די קאָמוניסטישע פּאַרטיי אין פּאַריסאָוו וואָס איז באַשטאַנען פון בלויז יידן, האָט אויך געשיקט אַגיטאַטאָרן אין די נאָענטסטע דערפער, און אויפ־געשטעלט „קעמערלעך" צווישן די אַרבעטער־פּויערים. די אַגיטאַטאָרן האָבן פאַרשפּרייט אומלעגאַלע ליטעראַטור. בעת קאָמוניסטישע אַקציעס און פייערונגען, פלעגן אַרויסגעהאָנגען ווערן רויטע פענער מיט קאָמוניסטישע לאָזונגען. יעדן ערשטן מאַי, האָבן די אַרבעטער אין פּאַריסאָוו זיך געזאַמלט אין די גאַסן, זענען געווען יומטובדיק אָנגעטאָן, און האָבן נישט געאַרבעט. די קאָמוניסטישע טעטיקייט אין שטעטל איז געפירט געוואָרן אין פּראָפּ. פּאַראיין. עטלעכע מאָל זענען דאָרט אפילו פּאַרגעקומען רעוויזיעס און אַרעסטן. נישט געקוקט דערויף איז געלונגען איינצוהאַלטן די לעגאַליטעט פון פּאַראיין ביזן אויסבראָך פון קריג, אין יאָר 1939.



אַ גרופע פּאַריסאָווער יוגנטלעכע: 1) ירחמיאל פּיראַטאָוויטש, 2) יאָסל בעקער, 3) מאיר קאָסמאַן (אומגעקומען), 4) הערש מלעטשקאָוויטש. 5) שלמה דודקעוויטש (אומגעקומען), 6) משה באַראָווסקי, 7) משה גוטריימאַן (אומגעקומען) 8) הערשל פּאָסקלינסקי (אומגעקומען).

אהרן זיגלמאן

אין דער פאַרגאַנגענהייט

(בינטלעך זכרונות)

אונדזער אַמאָליק שטעטעלע פּאָריסאָוו וואָס ליגט אין צענטער פון פּוילן — 50 ק״מ פון וואַרשע — איז אין אָנהייב פון צוואָנציקסטן יאָרהונדערט לאַנג געבליבן גלייכגילטיק צו אַלץ וואָס האָט פּאַסירט אין דער גרויסער וועלט, און אין דער יידישער געזעלשאַפט. אָפּקלאַנגען פון פּאָליטישער אויפוואַכונג זענען צו איר נישט דערגאַנגען. אַ לאַנגע צייט זענען אין שטעטל נישט אויפגעשטאַנען קיין פּאָליטישע, געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס, — אויך נישט די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע.

אין שטעטל איז נישט געווען קיין עלעמענטאַרע יידישע שול, אויך נישט — קיין ביבליאָטעק. וועגן אַ צייטונג האָט קיינער נישט געחלומט.

חסידים, תורה־לערנערס, בעל־מלאָכות, קרעמערס — פון זיי האָט זיך צונויפגעשטעלט די יידישע געזעלשאַפט אין פּאָריסאָוו. אַ שטעטל, אָן גרויסע עשירים, אָן מענטשן מיט פרייע פּראָפעסיעס. אַ שטעטל, ווו מענטשן האָבן געלעבט באַשיידן און אָן פּרעטענסיעס. זייער לעבנס־שטייגער — טראַדיציע פון עלטערן, פון דור־דורות. די יוגנט וואָס איז אונטערגעוואָקסן האָט ממשיך געווען צו גיין אין די אויסגעטרעטענע וועגן: תורה־לערנען, אָדער — אין וואַרשטאַט. אויף דעם באָדן איז אַרומגעגאַנגען אין שטעטל אַ ווערטל: „אַ קנאַק מיט דער גמרא, אָדער — מיט דער ביימש".

די צענטערן פון יידישן לעבן אין שטעטל זענען געווען: דאָס בית־המדרש פון רבין, און דאָס שטעטלשע בית־המדרש.

דער „חדר" איז געווען די עלעמענטאַרע שול פון יידישן קינד אין שטעטל, און די ישיבה וווהין ער איז אַוועק לערנען, אָדער דאָס בית־המדרש — די מיטל־שול.

אַלע יידישע קינדער אין שטעטל האָבן געלערנט אין „חדר". אַפילו דער אָרעמסטער פון די אָרעמסטע האָט געשפּאָרט ברויט פונעם מויל, און געשיקט זיין קינד אין „חדר" אַריין, געצאָלט דעם מלמד פאַרן לערנען מיט זיין קינד.

די איינציקע בראָשור פון וועלכער דער יידישער יוגנטלעכער האָט, אין יענע צייטן, געלערנט שרייבן אַ בריוו און חשבון, איז געווען „בלאָשטיינס בריוונשטעלער" (אַזאַ מין „כל־בו" וואָס האָט געגעבן „בילדונג" און אַלגעמיינע ידיעות). מען איז דעריבער, אָן שום ספק, שולדיק אַ דאַנק דעם מחבר פון

„בריוונשטעלער" פאַר מזכה זיין מיט עלעמענטאַרן וויסן אַ סך יידישע שטיבער — אויך ביי אונדז אין שטעטל.

די אויסבילדונג פון דער טאָכטער

אין יעדער משפחה האָט דער פאָטער געזאָרגט, אַז די זין זאָלן דערוואַרבן תּורה־וויסן. און די מאַמע ווידער האָט געדאַגהט פאַר דער אויסבילדונג פון דער טאָכטער. בדרך כלל האָט אַ מיידל אַליין זיך געלערנט, אָדער איז געגאַנגען צו דער פרוי וואָס האָט געלערנט מיט מיידלעך. ביי איר האָט אַ פּאַריסאָווער טאָכטער זיך אויסגעלערנט לייענען אין סידור. מער האָט מען נישט געדאַרפט. עס איז פאַר יעדן געווען קלאָר, אַז אַ פרוי דאַרף נישט וויסן צו פיל, אַז ס'איז גענוג פאַר איר צו קענען דאַווענען.

מענטשן וועמעס עקאָנאָמישער מצב האָט דערלויבט, האָבן געשיקט זייערע טעכטער צו אַ ספּעציעלן לערער וועלכער האָט געלערנט שרייבן יידיש, די פיר פונקציעס פון חשבון ווי אויך אָנשרייבן אַן אַדרעס אין דער לאַנדס־שפּראַך.

אין פּאַריסאָוו איז געווען אַ ייד מיטן נאָמען מאָניש (זיין פאַמיליע נאָמען איז אונדז נישט געווען באַקאַנט). ער איז געווען אַ לערער און האָט געלערנט בלויז מיט מיידלעך.

דער יידישער „חדר"

אין „חדר" האָט זיך אָנגעהויבן דאָס לעבן פון יידישן קינד. ווען אַ יינגעלע איז אַלט געוואָרן דריי יאָר, האָט דער פאָטער אים געברענגט אין „חדר" אַריין. מען האָט דאָס קינד אַוועקגעזעצט ביים טיש, און „אַ מלאך" האָט פּלוצלינג אַראָפּגעוואָרפן „פון הימל" זיסוואַרג, גלייך אויפן טיש אַרויף, וואָס דער רבי האָט צעטיילט צווישן די קינדער. נאָך דעם, האָט דער פאָטער צוריקגענומען זיין קינד אַהיים, און עס געבראַכט אין אַ יאָר אַרום — אָבער שוין כדי עס איבערצולאָזן, אויף אַן אמת, אין „חדר" עס זאָל דאָרט לערנען תּורה.

דער „חדר" איז אויך געווען די וווינונג פונעם מלמד און זיין משפּחה, און איז באַשטאַנען פון איין צימער וואָס האָט געדינט ווי די קיך, דער עס־צימער, שלאָפצימער, און אויך — דער צימער אויפצונעמען געסט...

על־פּי־רוב, האָבן אין אַזאַ „חדר" געלערנט, בערך, 25 קינדער. זיי זענען געזעסן צונויפגעדריקט, ווייל אַ סך פּלאַץ איז נישט געווען. לעבן פענצטער זענען געשטאַנען: אַ טיש, צוויי בענק און די שטול פון מלמד.

ווינטער, האָט מען „אָנגעהאָנגען" נאָך אַ פּאָר פענצטער, זיי הערמעטיש פאַרמאַכט, אַזוי, אַז אַ ביסל פרייע לופט איז אַריין אין צימער נאָר דעמאָלט ווען מען האָט געעפנט די טיר. עס איז דעריבער גאָר נישט קיין וווּנדער וואָס

די קינדער האָבן אויסגעקוקט די וואַרעמע זומער־טעג, ווען זיי האָבן געקאָנט אַרויס אין הויף, לעבן „חדר", און זיך שפּילן.

די לערנצייט אין חדר איז געשטיגן מיטן אונטערוואַקסן פונעם תלמיד. זומער — ביז זונפאַרגאַנג, און ווינטער — ביז אַ זייגער אַכט, ניין, ביינאַכט. אין יענע יאָרן איז אין שטעטל נאָך נישט געווען קיין עלעקטריע, און די גאַסן זענען נישט געווען באַלויכטן מיט לאַמטערנעס. יעדער טאַטע האָט דעריבער פאַרזאָרגט זיין קינד מיט אַזאַ לעמפּל אין וועלכן עס האָט געברענט אַ ליכטל, און אָפּגעהעלט פאַר איִם זי׳ געדיכטע נאַכט־פינצטערניש וואָס האָט אים מיטבאַגלייט אַהיים.

מען פאָרט אַוועק לערנען תורה

טאַטעס וואָס האָבן נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט צו צאָלן פאַרן מלמד, זענען געצייט געווען אַוועקצושיקן זייערע קינדער לערנען תורה אין דער פרעמד, אין ישיבות, אָדער אין תלמוד־תורה׳ס. אָרעמע קינדער האָבן, שוין אין די יונגע יאָרן זייערע, געפילט דעם טעם פון גלות. יעדער תלמיד אין דער ישיבה האָט געגעסן „טעג" ביי בעלי־בתים אין שטעטל. אויב „ביידע צדדים" זענען געווען צופרידן פון זיך, האָט דער תלמיד געקאָנט בלייבן עסן אין דער שטוב במשך אַלע יאָרן פון זיין אויפהאַלטן זיך אין דער ישיבה. אין די דאָזיקע קינדער איז, אויף אַן אמת, מקויים געוואָרן דער פסוק „פת במלח תאכל ומים במשורה תשתה".

ווען אַ יינגל איז געוואָרן בר־מצוה

ווען אַ יידיש יינגל איז אַלט געוואָרן 13 יאָר, איז ער געשטאַנען פאַר זײַער ברירה: לערנען תורה, אָדער אַ מלאָכה. ווען אַ טאַטע אַ בעל־מלאָכה האָט געזען אַז זיין יינגל ציט נישט צו „אביי ורבא", האָט ער גלייך, נאָכן אָפּזאָגן דעם „ברוך שפטרני", אים אַריינגענומען צו זיך אין וואַרשטאַט, אָדער אים אָפּגעגעבן צו אַ מייסטער לערנען אַ מלאָכה. און אַזוי ווי שוסטעריי, שטעפעריי, אָדער שניידעריי, זענען געווען די פאַכן מיט וועלכע פאָריסאָוו איז געווען „געבענטשט", זענען קינדער וועלכע זענען נישט געבליבן ביי תורה־לערנען געוואָרן, ווי זייערע טאַטעס, שוסטערס, שניידערס, שטעפערס, אַאַז"וו.

אונדזערע חכמים האָבן געזאָגט „פשוט נבילה בשוק ואל תצטרך לבריות" („צי אָפּ אַ נבילה אין מאַרק, אַבי נישט צו דאַרפן אָנקומען צו מענטשן"). די פאָריסאָווער יידן האָבן גוט געוווּסט דעם באַטייט פון דעם וואָרט: זיי האָבן, אין די זעקס אַרבעטס־טעג שווער געהאָרעוועט, פון פרי ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין, יעדער איינער אין זיין פאַך, כדי נישט דאַרפן, חלילה, אָנצוקומען איינער צום אַנדערן.

נייע ווינטן בלאָזן, אָבער אין פאַריסאָוו איז שטיל...

פאַריסאָווער יוגנטלעכע האָבן געלערנט אין ישיבות, אין פוילן און אין ליטע. ווען זיי זענען געקומען אַהיים אויף יום־טוב, האָבן זיי מיטגעבראַכט ידיעות וועגן די ענדערונגען וואָס קומען פאָר אין יידישן לעבן אין דער וועלט און אין פוילן גופא. אין פאַריסאָוו האָט מען דערוייל נישט פאַרויסגעזען קיין שום ענדערונגען. דער רב, דער רבי און זיינע חסידים האָבן געהאַט די שליטה אויפן ציבור. דאָס לעבן האָט זיך דאָ געפירט אָן אויפטרייסלונגען, די יוגנט האָט נישט רעוואָלטירט. די עלטערע מענטשן וואָס פלעגן קומען קיין וואַרשע, אָדער אין אַנדערע שטעט, האָבן זיך נישט אינטערעסירט מיט דעם וואָס עס געשעט אויף דער יידישער גאַס. זיי האָבן געוואָלט אויסמיידן פרעמדע איינפלוסן. עס איז זיי געווען ליבער צו לאָזן ווייטער זייערע שטיבער אונטער דער השפעה פון די רביים, פון דער טראַדיציע, פון וואָס זיי זענען געווען זייער צופרידן.

דעם רבינס „הויף"

די גאַס האָט אָפיציעל געטראָגן דעם נאָמען פון דאָרף באַראַוויע, אָבער סיי יידן און סיי נישט־יידן, האָבן זי גערופן „דעם רבינס גאַס". אויף דער אַ גאַס האָבן געוווינט: דער פאַריסאָווער רבי, דער רב, און דער מורה־הוראה. דאָ האָבן זיך געפונען: די גרויסע שול, דאָס בית־המדרש, די מקווה און די באָד. דורך דער גאַס האָט מען געפירט נפטרים צו זייער אייביקער רו.

דעם רבינס „הויף" האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ גאַנצע מלוכה: משמשים, משרתים, און דעם רבינס מקורבים, וואָס האָבן געהאַלטן די השגחה איבערן הויז.

עס זענען דאָ געווען חסידים וואָס האָבן קיין מאָל נישט פאַרלאָזט דעם רבינס „הויף", ווייל דעם רבינס הויז איז געווען זייער הויז. אַזוי זענען אויך געווען חסידים וואָס האָבן זיך אויפגעהאַלטן אין „הויף" גאַנצע חדשים, נישט געאיילט זיך אַהיימצופאָרן, ווייל זיי האָבן געוואָלט זיך געפונען נאָענט פון רבין.

דעם רבינס בית־המדרש איז געווען נאָענט פונעם צימער אין וועלכן ער האָט געוווינט. אין זיין בית־המדרש האָבן געלערנט יונגע־לייט און בחורים — פאַריסאָווער חסידים. דאָ האָט פאַקטיש זיך אויסגעפורעמט דאָס גייסטיקע געשטאַלט פון יונגן דור אין שטעטל. און בפרט פון די פאַריסאָווער חסידים. נאָר די השפעה פון רבין האָט זיך נישט באַגרענעצט צו זיינע חסידים אַליין. זי האָט אויך אַרומגענומען אַנדערע ברייטע קרייזן.

ווען דער רבי פלעגט אַרויסגיין, פאַר פסח, נעמען „מים־שלנו" פון טייך, צו באַקן מצה־שמורה, אָדער ווען ער איז געגאַנגען צו „תשליך", פלעגן אים באַגלייטן מאַסן מענטשן, יידן און אויך נישט־יידן.

דער „הויף" איז שטענדיק געווען פול מיט מענטשן, און בעיקר — אין שבתים און אין ימים־טובים. חסידים פלעגן קומען קיין פאַריסאָוו צום רבין, ווער — כדי צו קריגן פון איש אַ ברכה, אָדער צו פרעגן ביי אים אַן עצה, בעטן אַ הילף אין אַן עת־צרה, און ווער — כדי אַריינצוזאַפּן אין זיך פון דער גייסטיקער אַטמאָספער, און פאַר איין וועג, פאַרגעסן אייגענע, גשמיותדיקע זאָרגן. דאָס קומען פון די פרעמדע חסידים קיין פאַריסאָוו איז געווען אַן אָנגעזעענער פרנסה־קוואַל פאַר אַ סך שטעטלשע יידן.

דאָס דאַווענען אין רבינס בית־המדרש איז געווען אַ גרויסע איבערלעבונג. דעם רבינס תפילות האָבן אַריינגעדרונגען אין די ביינער, ברענגענדיק אָפט מאָל צו גשמיותדיקער אויסגעטועטקייט. די מורא פאַרן רבין, וואָס איז געקומען פון ליבשאַפט צו אים, און דער גלויבן, אַז ער איז אַ צדיק גמור, האָבן געבונדן דעם חסיד, נשמהדיק, מיטן רבין.

שבת נאָכן דאַווענען, האָט יעדער איינער זיך געשטופּט צו זאָגן דעם רבין „גוט שבת", און גליקלעך איז געווען דער, וועלכער האָט געהערט פון רבינס מויל אים צוריק־זאָגן „גוט־שבת".

טאַטעס האָבן געבראַכט זייערע קינדער צום רבין, אין זיין בית־המדרש אַריין. דאָ האָבן זיי איינגעזאַפּט אין זיך חסידישן שטייגער וואָס איז געוואָרן אַ טייל פון זייער גייסטיקער וועלט, די וועלט פון וועלכער מ'האָט נישט געקאָנט, אפילו אין שפּעטערע יאָרן, זיך באַפרייען, ווייל זי האָט באַגלייט ווו נאָר מען האָט זיך געקערט...

שבת אין שטעטל

יעדער ייד אין שטעטל, אפילו דער פּשוטסטער, האָט זיך באַמיט צו געניסן פון שבתדיקער מנוחה, און פון שבתדיקער קדושה. יעדער איינער האָט געזאָרגט, אַז אויך זיינע קינדער זאָלן זיין אַרומגענומען מיט דער אַטמאָספער פון הייליקן שבת. דעריבער האָבן עלטערן מיטגענומען זייערע קינדער אין די בתי־תפילה, ווו זיי האָבן געזאָגט תהלים, אָדער מעביר געווען די סדרה, צי סתם אַריינגעקוקט אין אַ ספר, אַבי נישט מבזבז צו זיין קיין צייט.

ווי שוין געזאָגט, זענען אין שטעטל נישט געווען אַ סך רייכע יידן, אָבער אָפּילו די וועלכע האָבן שווער געאַרבעט אויף פרנסה, און מיט ברויט איז נישט געווען אַזוי בריווח, האָבן פון דעסט וועגן זיך אָנגעשטרענגט, געטאָן אַלץ, אַז אויפן שבתדיקן טיש זאָלן זיין ווייך אויף קידוש, פיש און פלייש. און נישט בלויז דאָס. אַ פאַריסאָווער ייד האָט זיך שטענדיק באַמיט — צי ער האָט געקאָנט, אָדער נישט געקאָנט — צו האָבן אַן אורח אויף שבת.

נו, האָט מען טאַקע געקאָנט דערקענען, אין אַ פרייטיק־צו־נאַכטס, אַ יידישע שטוב אין שטעטל. ליכט און געזאַנג און אַ זיס קול פון תורה־לערנען

האָבן אַרויסגעשפּאַרט פון יידישע שטיבער, געשפּרייט זיך איבער די שטעטלשע גאַסן, געהויבן זיך צום הימל...

די מחלוקת

דער אַלטער פאַריסאָווער ר׳ב, ר׳ אברהמלע סטאַשאָווער, איז נפטר געוואָרן אין יאָר תרע״ב. מיט זיין פטירה איז געקומען אַ סוף צו דער חסידישער אידיליע וואָס האָט געהערשט ביז דעמאָלט אין שטעטל. מען האָט געדאַרפט אויסקלייבן אַ פרישן רב. די גערער חסידים, צו וועלכע דער גרויסער נפטר האָט צוגעהערט, האָבן פאַרלאַנגט, אַז עס זאָל בלייבן „סטאַטוס־קוואָ״, דאָס הייסט, אַז דער קומענדיקער רב זאָל אויך זיין אַ געררער חסיד. זיי זענען געווען אין דער מיינונג, אַז ר׳ אברהמלעס זון, ר׳ יהושע אשר, אָדער ווי מען האָט אים גערופן: ר׳ יהושיעלע, קאָן פאַרנעמען דעם פאָטערס פּלאַץ. אַזוי האָבן אויך געהאַלטן די „עמך״־יידן פון פאַריסאָוו וועלכע האָבן שטענדיק געצויגן אויפן רבס זייט. אויך דער געררער רבי האָט געגעבן זיין הסכמה צו ר׳ יהושיעלעס קאַנדידאַטור.

דאַקעגן האָט דער פאַריסאָווער רבי ר׳ יהושע אשר, דער זון פון רבין ר׳ מאיר שלום (מחבר פון ספר „נהר שלום״) געהאַלטן, אַז ר׳ יהושיעלע וועלכער האָט ביז דעמאָלט זיך פאַרנומען מיט מסחר, קאָן נישט גענוג לערנען כדי צו קאָנען פסקענען שאלות פון איסור והיתר. דער רבי האָט פאָרגעלייגט פאַר אַ רב זיין ברודער, ר׳ שמואל מרדכי, דערקלערנדיק, אַז בלויז אויף אים אַליין וועט ער זיך פאַרלאָזן אין אלע ענינים וואָס זענען פאַרבונדן מיט אַ שטעטלשן רב.

אויף דעם באָדן איז אין שטעטל אויסגעבראָכן אַ גרויסע מחלוקת, וואָס האָט אָנגעהויבן חרוב מאַכן דאָס רויקע לעבן צו וועלכן מען איז געווען געוווינט אין פאַריסאָוו. דאָס דאַווענען אין שול איז אָפט מאָל געשטערט געוואָרן, און די שנאת־חינם האָט געפלאַקערט. נאָך דעם ווי די קאַלאָביעלער חסידים זענען צוגעשטאַנען צו דער מיינונג פון די געררער חסידים לטובת ר׳ יהושיעלען, האָט דער רבי אַרויסגעצויגן ענדגילטיקע מסקנות, און אין איינער אַ נאַכט, אין פרילינג פון יאָר 1913, האָט ער מיט דער גאַנצער פאַמיליע פאַרלאָזט פאַריסאָוו, און איז אַריבער וווינען קיין אָטוואָצק.

צוזאַמען מיטן רבין האָבן פאַרלאָזט דאָס שטעטל אַ סך יידישע פאַמיליעס וואָס זענען געווען פאַרבונדן מיטן הויף. אין רבינס הויף איז געוואָרן שטיל. אָבער, דווקא די שטילקייט האָט געעפנט די אויגן פון אַ סך וואָס האָבן זיך אַרומגעזען, צו וואָס די מחלוקת האָט דערפירט.

נאָך אַ שטיקל צייט זענען עטלעכע פאַריסאָווער בעלי־בתים אַריבער־געפאָרן צום רבין, קיין אָטוואָצק, און האָבן אים געבעטן צוריקצוקומען אין שטעטל אַריין, אָבער זיי האָבן גאָר נישט אויפגעטאָן. דעם רבינס הויף איז

געשטאַנען ליידיק. קיינער איז אַהין נשיט אַריינגעקומען. די יוגנט וואָס האָט פריער געהאַט זיך קאָנצענטרירט אַרום רבין, געלערנט אין זיין בית־המדרש, געוועו אונטער זיין השפעה, איז אַוועק, אין מרחקים, לערנען תורה.

און אַזוי איז אַוועקגעקומען די לעבנספרייד אין שטעטל. אַ סך עלטערן האָבן אָנגעהויבן דאגהן וועגן דער דערציונג פון זייערע אונטערוואַקסנדיקע קינדער, אָן דער השפעה פון רבינס הויף. מענטשן האָבן זיך אַרומגעדרייט מיט דער אילוזיע, אַז סוף־סוף וועט דער רבי נאָך צוריקקומען, און אַלץ וועט זיין ווי געוועו. אָבער, אין איינעם אַ טאָג, אסרו־חג שבועות, איז קיין פּאָריסאָוו אַראָפּגעקומען אַ גרופּע אַרבעטער וועלכע האָבן צעלייגט די הילצערנע הייזער פון רבינס „הויף", זיי פאַרלאָדנט אויף וועגענער, און איבערגעפירט זיי קיין אָטוואָצק (בלויז איין בנין האָט מען איבערגעלאָזט פאַר דעם פּאָריסאָווער שטיבל). אין אָטוואָצק האָט מען די צענומענע הייזער אויפגעשטעלט אויפן פאָריסאָווער פאָרמאַט, לעבן דער ווילע וואָס מען האָט געקויפט פאַרן רבין.

און אין שטעטל גופא... די באַפעלקערונג איז געוועו איינגעטיילט אין צוויי לאַגערן: איינער — די מערהייט, וועלכע האָט געשטיצט דעם נייעם רב, ר' יהושיעלען, און איינער — די מינדערהייט, וואָס האָט אים באַיקאָטירט. גערער און קאָלאַביעלער חסידים האָבן מיט אַלע זייערע שאלות זיך געוואָנדן צום רב און צום שוחט ר' ישראל מרדכי. דאַקעגן האָבן די פּאָריסאָווער חסידים זיך געוואָנדן מיט יעדן ענין צום מורה־הוראה ר' ישראל ישעיה פּיראָוויטש, און האָבן געגעסן פון פלייש, געשאָכטן דורך ר' פנחס שוחט. די דאָזיקע איינטיילונג האָט געצוווּנגען די שטעטלשע קצבים מודיע צו זיין שטענדיק זייערע קונים ביי וועמען דאָס פלייש איז געוואָרן געשאָכטן.

מיט דער צייט האָט די וווּנד זיך פאַרהיילט. צעקריגטע משפחות האָבן זיך איבערגעבעטן. דער קאָלאַביעלער רבי איז אָפטער געקומען באַזוכן פּאָריסאָוו. די פּאָריסאָווער חסידים האָבן זיך צוגעפּאַסט צום נייעם מצב. יעדן ערב יום־טוב זענען זיי געפאָרן, מיט זייערע משפחות, צום רבין, קיין אָטוואָצק. אַ טייל פון זיי, האָבן דאָרט געדונגען דירות, און געעפנט אכסניות, איינגעלאַדן צו זיך די חסידים וואָס פלעגן ביי זיי איינשטיין קומענדיק קיין פּאָריסאָוו, צום רבין.

— — — פאַר מיינע אויגן גייען פאַרביי בילדער פון מיינע יוגנט־יאָרן. אָט זע איך דעם רבינס בתי־המדרש. מיר, די קינדער, זיצן אויף די טרעפּ דורך וועלכע דער רבי גייט אַדורך פון זיין צימער, אין בית המדרש אַריין, צום דאַווענען. מיר זענען שטאַרק געריהרט פון דעם וואָס מיר געפינען זיך נאָענט פון רבין. אָט שפּרייזט ער אַזוי פון זיין אָרט ביז צום עמוד פון בעל־תפילה. אַ שטילקייט הערשט דעמאָלט אין בית־המדרש, מען הערט בלויז דעם אָפּקלאַנג פון רבינס טריט.

אין מיין זכרון איז זשטאַרק איינגעקריצט די פרייילעכקייט פון אַ פּורים

ביים רבין. אויפן טיש שטייען שלמה זלמן בראַטשטיין, מאָטל שמחהס און שמואל זיינוול פון ראַדזימין. אַלע דריי מאַכן לוסטיק דעם עולם מיט זייערע „דרשות" און גלייכווערטלעך.

ראש־השנה און יום־כּיפּור האָט דער רבי געדאַווענט אין שול, און עס פלעגט נישט זיין גענוג פּלאַץ פאַר אַלע שטעטלשע חסידים און פון דער פרעמד צוגעקומענע.

איך געדענק אויך דעם רבינס שיינע סוכה. נאָכן דאַווענען פלעגן די חסידים זיך אויסשטעלן אין צוויי שורות און באַגלייטן דעם רבין אין סוכּה אַריין מיט אַ נייעם מאַרש.

ווייטע טעג... אַמאָליקע יאָרן... זיי פילן אויס מיין גאַנצע נשמה, און דערמאָנען מיר ווייטע קינדער־יאָרן.

ערב דער ערשטער וועלט־מלחמה

די לעצטע יאָרן פאַרן אויסבראָך פון ערשטן וועלט־קריג, אין יאָר 1914, האָבן זיך נאָך נישט געמערקט קיין ממשותדיקע ענדערונגען אין יידישן לעבן אין פאַריסאָוו. דער יונגער דור איז נאָך אַלץ געגאַנגען אין שפּאַן, האָט אויסגעלעבט זיך טראַדיציאָנעל. אַ סך יוגנטלעכע האָבן אויסגעוואַנדערט פון שטעטל. ווער — אין ישיבות אַריין, און ווער — אין אַרבעטס־צענטערן. געווען אַזעלכע וואָס זענען געפאָרן קיין וואַרשע זוכן דאָרט מזל אין לעבן. ווען די לעצטע פלעגן קומען אַהיים אויף אַ יום־טוב, צי אין אַפּרוטעג, האָט מען אין זיי דערקענט די השפּעה פון דער גרויסער שטאָט. זיי האָבן זיך באַמיט צו מאַכן אַן איינדרוק מיט זייער לבוש, פריזור, און האַלטונג. ס'איז דאָך עפּעס נישט קיין קלייניקייט — מען קומט דאָך פון וואַרשע... אויך די ישיבה־תלמידים זענען נישט געווען די אייגענע, ווי בעתן אַרויספאָרן פון שטעטל. זייער געדאַנקען־האָריזאָנט האָט זיך אויסגעברייטערט, נייע ווערטן האָבן אַריינגעדרונגען אין זייער באַוווסטזיין, דווקא אין דער ישיבה, ביי דער גמרא...

דער מסחר און די מלאָכה

אין יענער צייט האָט דער קליינהאַנדל אין שטעטל זיך באַזירט אויף די פאַרבינדונגען מיט דער אַרומיקער דאָרפישער באַפעלקערונג. די פּויערים זענען געווען די הויפּט־קונים ביי די סוחרים אין שטעטל, און די מערהייט פון זיי זענען געווען יידן.

ווען עס איז פאָרגעקומען דער ביילים־פּראָצעס אין רוסלאַנד, האָט אויף פּוילישער ערד זיך געפירט אַן אַנטיסעמיטישע קאַמפּאַניע קעגן יידן. זי האָט אָבער נישט געהאַט קיין שום ווירקונג אויף דעם פּויערטום פון דער אומגעגנט, די דאָרפס־מענטשן האָבן ממשיך געווען צו קויפן ביי יידן, און די יידן ווידער

האָבן ביי זיי געקויפט פון זייער דאָרפישער פּראָדוקציע. אויך די בעל־מלאָכות האָבן געצויגן זייער פּרנסה פון דער ארומיקער, נישט יידישער באַפעלקערונג, און פון עקספּאָרטירן זייער אייגענע אויסאַרבייטונג קיין וואַרשע און קיין רוסלאַנד.

די שטעטלשע יידן האָבן, ווי שוין דערמאָנט, נישט געהאַט קיין גרויסע אַספּיראַציעס. זיי זענען געווען באַשיידן אין זייערע שטרעבונגען. יעדער איינער איז געווען אַ „שמח בחלקו". בלויז איין זאַך האָבן זיי געוואָלט — אַז די קינדער זאָלן ווייטער גיין אין די אויסגעטרעטענע וועגן פון די טאַטעס און זיידעס.

אויך ביים אַרבעטער־קלאַס האָט דערווייל זיך נישט געמערקט קיין שום אויפוואַכונג וואָס זאָל אַ טרייסל טאָן מיט דעם אַלטן סדר. כאָטש אין די אַרומיקע ישובים, האָבן שוין די אַרבעטער געהאַלטן מלחמה פאַר זייערע רעכט, און — אַפילו געהאַט צו פאַרצייכענען וויכטיקע, סאָציאַלע דערגרייכונגען. ביי אונדז, אין פּאַריסאָוו, האָט דער בעל־מלאכה נאָך געאַרבעט פון פרי ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין, און קנאַפּ פאַרדינט. דאָס לערניינגל האָט אָפּגעאַרבעט ביים בעל־הבית גאַנצע דריי יאָר אָן אַ גראָשן פאַרדינסט. קיינער האָט נישט געוואַגט זיך אַקעגנצושטעלן, צו רעוואָלטירן.

אין דער ישיבה, אין שעדלעץ

אין יאָר 1911, בין איך געפאָרן לערנען תורה אין אַ ישיבה אַריין, קיין שעדלעץ. צוזאַמען מיט מיר, זענען אויך געפאָרן מאיר אשר באָרנשטיין — דאָס אייניקל פון ר׳ אברהם משה נירנבערג, דער אייגנטימער פון אַן אייזן־געשעפט, און שלום קורצהאַנד, אהרן מאירטשעס זון (אַגב, שלום, און זיינע צוויי ברידער, יעקב און מרדכי, געפינען זיך אין לאַנד). אין דער ישיבה האָבן מיר געהערט צו די גאָר יונגסטע תלמידים (מאיר אשר איז געווען אַ יתום, און ווען ער איז מיט אונדז מיטגעפאָרן לערנען אין דער ישיבה, האָט ער איבערגעלאָזט אין דער היים זיין מאַמע, אַן אלמנה מיט קליינע קינדער), און עטלעכע פּאַריסאָווער יידן וואָס האָבן דאָרט געוווינט, האָבן זיך מיט אונדז פאַראינטערעסירט און אונדז געהאָלפן. ר׳ ישראל גוטמאַרגן, אַן אָנגעשטעלטער ביי אַ פּאָדריאַטשיק פון פלייש פאַרן רוסישן מיליטער וואָס האָט סטאַציאָנירט אין שעדלעץ, האָט זיך מיט אונדז ספּעציעל אָפּגעגעבן. ער האָט זיך דעמאָלט נישט פאָרגעשטעלט, אַז אינטערעסירנדיק זיך מיט מיר, העלפט ער זיין צוקונפטיקן איידעם. דעם מאַן פון זיין טאָכטער, וואָס איז דעמאָלט אַלט געווען גאַנצע דריי יאָר...

אַן עראָפּלאַן אויפן הימל

אין זומער 1914, דער לעצטער זומער פון מיין לערנען אין שעדלעץ, בין איך געווען אַן עדות פון אַ גרויס וווּנדער: אַן עראָפּלאַן איז געפלויגן אויפן הימל, איבער דער שטאָט שעדלעץ. נאָך דעם האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ פּלאַץ, אויסער דער שטאָט. טויזנטער מענטשן האָבן איבערגעריסן די אַרבעט, אָדער געשלאָסן די געשעפטן, און זענען אַוועק אָנקוקן דעם עראָפּלאַן און דעם פליער.

אַ סך וואָכן דערנאָך האָט מען נישט אויפגעהערט צו רעדן וועגן דעם וואָס די אויגן האָבן געזען, ביז, אין איינעם אַ טאָג, אין חודש אויגוסט, 1914, האָט די דאָזיקע פּאַסירונג אָפּגעטרעטן איר אָרט אַ צווייטער, נאָך מער וויכטיקער געשעעניש — דעם אויסבראָך פון קריג צווישן דייטשלאַנד און רוסלאַנד. אין שטאָט האָט מען גלייך אויסגעקלעפּט מעלדונגען וועגן דער מלחמה. צו מאָרגנס זענען געשלאָסן געוואָרן אַלע לערן־שולן. די בנינים פון דער ישיבה זענען רעקווירירט געוואָרן פאַר די מאָביליזירטע וואָס זענען אָנגעקומען פון דער גאַנצער געגנט. צווישן דער באַפעלקערונג איז אויסגעבראָכן אַ פּאַניק. מען האָט אָנגעהויבן זאַמלען און אָנגרייטן שפּייז. די באַנען זענען גלייך פאַרנומען געוואָרן דורכן מיליטער. ישיבה־תלמידים פון דער פרעמד האָבן געזוכט וועגן ווי אַזוי צו קומען צוריק אַהיים. אויפן דריטן טאָג פון דער מלחמה, בין איך, צוזאַמען מיט מאיר אשרן און שלומען, אָנגעקומען צוריק קיין פאַריסאָוו.

„פּריזיוואָניקעס" אין נאָרמאַלע צייטן

די פליכט צו שטעלן זיך צו מיליטער־דינסט אין רוסלאַנד, איז שטענדיק אויסגעפאַלן אין האַרבסט. אין דער קרייז־שטאָט גאַרוואָלין איז געזעסן אַ קאָמיסיע וואָס איז באַשטאַנען פון מיליטער־לייט, ציווילע דאָקטוירים, אַ מיליטערישער דאָקטער, און אַ קרייז־אָפיציר. עס זענען געווען „עסקנים" וואָס האָבן געהאַט „קאָנטשאַפט" מיט מיטגלידער פון דער קאָמיסיע און זיך פאַרנומען מיט באַפרייען „פּריזיוואָניקעס" פון מיליטער.

די „פּריזיוואָניקעס" האָבן זיך געפּייניקט, זענען אויף געווען נעכט, האָבן אַלץ געטאָן כדי אָפּצונעמען פון דער וואָג. במשך אַ חודש צייט האָבן זיי איבערגעקערט דאָס שטעטל. אין די נעכט האָבן זיי זיך אַרומגעדרייט אויף די גאָכן, אַרויסגעשלעפּט ברען־מאַטעריאַל פון פּריוואַטע און געזעלשאַפטלעכע מאַגאַזינען, און מיט דעם געהייצט דעם אויוון אין בית־המדרש ווו זיי האָבן געפלעגט פאַרברענגען, זאָגן תהלים, לערנען, צי סתם אָפּרוען נאָך לאַנגע מאַרשן.

די פּריזיוואָניקעס" פלעגן קומען צו פאַרמעגלעכע יידן אין שטעטל

און פאַרלאַנגען געלט פאַר דער בשותּפותדיקער קאַסע וואָס זיי האָבן געפּלאַנט אָרגאַניזירן כּדי צו העלפן נויטבאַדערפטיקע חברים וואָס האָבן אויך געדאַרפט זיך צושטעלן צו דער קאָמיסיע. ווען עמעצער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו געבן פאַר דער קאַסע, האָט מען אויף דער נאַכט, אַראָפּגענומען ביי יענעם, טירן, צי לעדן, און אויב מען האָט זיי נישט אויסגעלייזט במשך דריי טעג — האָט מען איינגעהייצט מיט זיי דעם אויוון אין בית־המדרש.

די רוסישע פּאָליציי האָט זיך נישט אַריינגעמישט אין אַזעלכע ענינים. זי האָט געוווסט, אַז אַזוי פירן זיך „פּריזיוניקעס" אומעטום: זיי זענען פריילעך און לאָזן זיך ווילגיין. זי האָט גאָר נישט געוואָלט טאָן קעגן די וואָס גרייטן זיך צו דינען זיין מאַיעסטעט — דעם צאַר...

אין דער אמתן, זענען זייער וויניק יידישע „פּריזיוונ־קעס" אָנגענומען געוואָרן אין צאַרישן מיליטער. דער רוב פון זיי פלעגט באַפרייט ווערן.

די ערשטע וועלט־מלחמה

מיטן אויסבראָך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, אין 1914, האָט מען אָנגעהויבן מאָביליזירן רעזערוויסטן און אויך די יאָרגענג וואָס האָבן געדאַרפט זיך צושטעלן צו מיליטער־דינסט. יידישע יוגנטלעכע אין שטעטל זענען אַרום־געגאַנגען באַזאָרגט, באַזונדערס, די ישיבה־תּלמידים, וועלכע האָבן אין נאָרמאַלע צייטן געטאָן אַלץ כּדי נישט צו גיין אין מיליטער צוליב רעליגיעזע טעמים (שוועריקייט פון אָפּהיטן כּשרות, יידישקייט, אאַז"וו), און האָבן נאָך מער מורא געהאַט פאַר דעם אין מלחמה־טעג. האָט מען ווידער געטאָן „מעשים" צו בלייבן אין דער היים. אַ סך האָבן זיך אויסגעלייזט, און דעם צאַרס מיליטער האָט אויף זיי מוותּר געווען...

פּאַריסאָוו נעמט אויף פּליטים

ווען דער פראָנט האָט זיך דערנענטערט קיין וואַרשע, זענען קיין פּאַריסאָוו אָנגעקומען יידישע פּליטים פון די יעניקע שטעטלעך, פון וואַנען די רוסן האָבן אַרויסגעטריבן יידן צוליבן חשד, אַז זיי זענען נישט געטריי דעם צאַר. פּאַריסאָווער יידן האָבן זייער וואַרעם אויפגענומען זייערע היימלאָזע ברידער, אַריינגענומען זיי אין די אייגענע וווינונגען וואָס זענען גאָר נישט געווען אַזעלכע גערוימע...

אין שטעטל האָט זיך אָרגאַניזירט אַ הילפס־קאָמיטעט פאַר די פּליטים און געזאָרגט פאַר אַלע זייערע באַדערפענישן. אַ טייל פון די פּליטים האָט זיך איינגעלעבט אין שטעטל, און זיי זענען געבליבן וווינען אויך נאָך דעם קריג.

די עסטרייכער און די דייטשן

די רוסן זענען אָפּגעטרעטן אין בהלה. אויף זייער אָרט זענען געקומען די עסטרייכער. שטעטלשע יידן האָבן לייכטער אָפּגעאָטעמט, זענען אַרויס זיי מקבל פּנים זיין, און האָבן גערעדט מיט זיי „מאַמע־לשון". נישט מער וואָס די שמחה האָט נישט לאַנג געדויערט. די עסטרייכער האָבן פאַרלאָזט פּאַריסאָוו, און אויף זייער אָרט זענען געקומען די דייטשן.

די דייטשע אָקופּאַציע האָט גורם געווען צום איבעררייס פונעם עקספּאָרט פון דער פּראָדוקציע פון פּאַריסאָווער בעל־מלאָכות, און עס איז פאַרלוירן געגאַנגען דער הויפּט־אָפּזאַץ־מאַרק אין רוסלאַנד. דאַקעגן האָט זיך אַנטוויקלט דער האַנדל. יידן זענען געגאַנגען איבער דערפער, האָבן אַהינגעפירט פאַרשידענע סחורות און אויפגעקויפט לאַנדווירטשאַפט־פּראָדוקטן, און אַנדערע פויערישע אויסאַרבייטונגען. שניידערס און שוסטערס זענען אַרויס אַרבעטן אין דערפער, און האָבן אויך אַהיימגעבראַכט פאַרשידענע פּראָדוקטן. מען האָט אויך געשמוגלט סחורות קיין וואַרשע, און פון איר.

די געזעלשאַפטלעכע אויפוואַכונג אין פּאַריסאָוו (געראַנגלען און מלחמות צווישן דורות)

עפּעס האָט זיך אַ ריר געטאָן אין רעזולטאַט פון די מלחמה־יאָרן. קיין גרויסע אויפטרייסלונגען זענען נישט געשען, אָבער מען האָט שוין געוווסט צו דערציילן, אַז עס זענען פאַראַן שטיבער אין שטעטל וווהין עס קומט אַריין אַ צייטונג, און ווו מען לייענט פרייע ביכער.

און נאָך...

אין שטעטל האָבן זיך פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז עפּעס געשעט מיט די בחורים וואָס האָבן זיך אומגעקערט פון די ליטווישע ישיבות. אין איינעם אַ טאָג האָט מען זיך דערוווסט, אַז ביי יחיאל מיכלען אין שטוב איז פאָרגעקומען אַ צונויפטרעפונג, און עס איז געגרינדעט געוואָרן אַ „מזרחי" אָרגאַניזאַציע. עס איז אויך באַוווסט געוואָרן, אַז די גרינדערס זענען בחורים וואָס האָבן געלערנט אין בריסק, וואַרשע, לודמיר, א"אַנד ערטער. מען איז אויך געוויר געוואָרן, אַז צווישן די גרינדערס פון „מזרחי" געפינען זיך עלטערע און יונגע חסידים פון פּאַריסאָווער־אַטוואָצקער רבין. צווישן די דאָזיקע: יהושע שידלאָוויצקי, מאיר יוסף — אשר קאָזלאָווערס זון, יהושע ברים, און יחיאל מיכל. אין שפּיץ פון דער אָרגאַניזאַציע איז געשטאַנען דער ציוניסטישער אידעאַליסט ר' בעריש מרוועקע.

דאָס זענען געווען די ערשטע אויפשטענדלערס קעגן די אָנגענומענע פּרינציפּן פון יידישן שטייגער לעבן אין פּאַריסאָוו, די ערשטע וועלכע האָבן געבראָכן די „כינעזישע מויער" וואָס איז געווען אַזוי שטאַנדהאַפטיק במשך

דורות. צו זיי זענען צוגעשטאַנען נאָך יונגע און עלטערע פּאַריסאָווער יידן, כאָטש זיי האָבן נאָך דערווייל נישט געוואַגט מודה צו זיין אין דעם בפרהסיא.

די ידיעה וועגן גרינדן די „מזרחי" אָרג. האָט זיך שנעל פאַרשפּרייט אין שטעטל און האָט אַרויסגערופן אַ שטאַרקע צערודערונג ביי די רעליגיעזע יידן. גערער חסידים זענען געפאָרן צום רבין זיך שואל עצה זיין מיט אים וואָס צו טאָן. דער פּאַריסאָווער רבי האָט גלייך באַפוילן צו דערווייטערן פון שטיבל די יעניקע וועלכע זענען אַוועק צו דער „מזרחי", כדי די רעשט חסידים פון שטיבל זאָלן נישט קומען מיט זיי אין באַרירונג(דער פּאַריסאָווער רבי, איז ווי באַקאַנט, געווען אויך אַ קעגנער פון אגודת־ישראל, ווי פון יעדער רעליגיעזער פּאָליטישער אָרגאַניזירונג). די גערער חסידים זענען צוריקגעקומען פון זייער רבין מיט אַ החלטה נישט צו באַנוצן זיך מיט קיין חרמות און דער־ווייטערונגען, נאָר גרינדן אַן אגודת־ישראל אָפּטיילונג אין פּאַריסאָוו, און אַ „צעירי־אגודת־ישראל" פאַר יוגנטלעכע. עס האָט נישט געדויערט לאַנג און די צוויי רעליגיעזע פּאַרטייען האָבן אָנגעהויבן זיך צו באַקעמפן. דאָס געזעל־שאַפטלעכע לעבן אין שטעטל האָט אויפגעוואַכט. עס זענען אַראָפּגעקומען פּאַרשטייערס פון באַוועגונגען, רעדנערס, אאַז"ו. אַלע האָבן געוואָלט געווי־נען וואָס מער מיטגלידער, סימפּאַטיקערס פאַר זייערע אידעען, אָדער אונטער־נעמונגען.

די „קלובן"...

נאָך דעם ווי די „מזרחי" האָט זיך איינגעבירגערט אין שטעטל האָט זי געעפנט אַ קלוב. דאָרט אַהין זענען אויך געקומען מיידלעך. די חסידים האָבן אויסגערופן אַ מלחמת־מצוה קעגן דער „מזרחי" און קעגן די וואָס האָבן אָנגעהויבן קומען אין קלוב אַריין. טאַטעס פלעגן קומען צו לויפן אין „מזרחי" קלוב, און טרעפנדיק דאָרט זייערס אַ טאָכטער, פלעגן זיי אויסשלאָגן די שויבן, אָדער צעברעכן וואָס עס איז נאָר געקומען אונטער דער האַנט. די זעלבע מלחמה האָבן עלטערן געפירט קעגן זין וואָס האָבן דאָרט פאַרבראַכט — אַ מלחמה, ענלעך צו דער וואָס מען פירט קעגן מיסיאָנערן וואָס פירן איבער פון גלויבן.

און אינטערעסאַנט: דער רוב פון די ערשטע גרינדערס פון „מזרחי", מיטן אויסנעם פון עטלעכע, האָבן נאָך אַ קורצער צייט זיך געפונען אין דער קאָמוניסטישער מחנה... נישט געקוקט דערויף האָט די באַוועגונג פון דאָס ניי זיך אָרגאַניזירט. חברים פון דער נאָענטער געגנט זענען איר געקומען צו הילף. אַ גרופּע יוגנטלעכע האָט שפּעטער געגרינדעט די „צעירי־מזרחי" אָרגאַניזאַציע וואָס האָט אָפן גערופן צו חלוציזם, און צו עליה קיין ארץ־ישראל. גאָר אַקטיוו איז געווען מאיר קאָסמאַן ז"ל וועלכער האָט זיך איבער־געגעבן דער יוגנט־באַוועגונג פון „מזרחי" מיט לייב און לעבן.

קעגן דער אַ רעליגיעז־נאַציאָנאַלער יוגנט־באַוועגונג אי״ז אויפגעשטאַנען דאָס פרומע יודנטום אין פאַריסאָוו. די חסידים און די אגודת־ישראל האָבן געפירט קעגן איר אַ מלחמה אָן פשרות. די אגודה האָט געוווסט, אַז אין רעזולטאַט פון די גייסטיקע ענדערונגען אין יידישן ציבור, וועלן די צעירי־מזרחי מסוגל זיין אויסצושפרייטן אירע פליגלען איבער די בעסטע זין און טעכטער פון יונגן דור. רעכענענדיק זיך מיט דער מעגלעכקייט, האָט אויך די אגודת־ישראל געעפנט אַ קלוב פאַר אירע יוגנטלעכע, פאַרשטייט זיך — בלויז פאַר יינגלעך. זיי האָבן דאָרט עוסק געווען אין אָרגאַניזאַציאָנעלע ענינים, געלערנט שיעורי־תורה (אין שפּעטער יאָרן — דף היומי), אאַז״ו. אַ דאַנק דעם, האָט די אגודה באַוועגונג צוריק אָפּגעווונען אַ טייל פון איר יוגנט.

,,דאָס טומאהלע״

אַ נייע צרה האָט געטראָפן דער רעליגיעזער עדה אין שטעטל. דער יידישער „קולטור־פאַראיין״ האָט געעפנט אַן אומפּאַרטיישן קלוב מיט קרייזן פאַר יידישער ליטעראַטור, און אויך אַ ביבליאָטעק. אין שפּיץ פון קלוב זענען געשטאַנען מענטשן וואָס האָבן שוין געהאַט באַוויזן זיך צו דערווייטערן פון ציוניזם. דער קלוב האָט צוגעצויגן יוגנטלעכע פון אַלע שיכטן.

די פרומע יידן האָבן געזען אין דעם קלוב, און אין זיין טעטיקייט, אַ גרויס, גייסטיק אומגליק. זיי האָבן דעם קלוב אַ נאָמען געגעבן „דאָס טומאהלע״. די אגודה האָט געפירט איר קאַמף קעגן „מזרחי״ פון איין זייט, און קעגן „קולטור־פאַראיין״ פון דער צווייטער זייט.

אין צעירי־אגודת־ישראל

אין מיינע יוגנט־יאָרן בין איך געווען אַ חבר אין דער צ.א.י. אָרגאַניזאַציע און איך האָב געהאַלטן מלחמה, צוזאַמען מיט אַנדערע, קעגן „די שטורמערס פון דער מויער״, קעגן די וואָס זענען אַרויס „לתרבות־רעה״.

איך געדענק: אין שטעטל אַריין איז איין מאָל אַראָפּגעקומען אַ רעדנער פון „קרן־היסוד״ און ער האָט זיך געגרייט צו האַלטן אַ רעפעראַט, שבת נאָכן עסן, אין בית־המדרש. מיר, די חברים פון צ.א.י. האָבן באַשלאָסן נישט צו לאָזן רעדן דעם ציוניסטישן שליח. מיר האָבן עס אַזוי אָרגאַניזירט, אַז שבת נאָכן עסן זענען מיר אַלע זיך צונויפגעקומען אין בית־המדרש און האָבן אָנגעהויבן לערנען מיט גרויס התלהבות, הויך אויפן קול, גאָר נישט ווי געוויינטלעך... נו, דער רעדנער האָט שוין נישט געהאַלטן זיין רעפעראַט...

אָבער, מען האָט אונדז דערפאַר אָפּגעצאָלט... אין איינעם אַ וואָכנטאָג, איז אַראָפּגעקומען קיין פאַריסאָוו אַ רעדנער פון אגודת־ישראל, און האָט

געדאַרפט, נאָך מעריב, האַלטן אַ רעפעראַט אין בית־המדרש. מען האָט אים אָבער אַזוי געשטערט, אַז מיר האָבן געמוזט זיך אַריבערטראָגן אין רבס בית־המדרש אַריין, און דאָרט האָט דער רעדנער פאַרגעזעצט זיין רעדן.

די תקופה איז געווען די שענסטע אין דעם לעבן פון דער יוגנט אין פּאַריסאָוו. זי האָט אַריינגעגעבן חיות דעם יונגן דור, נאָך דעם ווי דאָס לעבן אין שטעטל איז לאַנג לאַנג געווען, געזעלשאַפטלעך, פאַרגליווערט.

און עלטערן ווילן דורכויס דערהאַלטן די ראַמען

אין יענע ברויזנדיקע טעג האָט מיט מיר פּאַסירט אַ פאַל. אין איינעם אַן אָוונט, בין איך געווען איינגעלאַדן אויף אַ צוזאַמענטרעף מיט אַ חבר פון סטאָצק. מיר איז נישט געווען באַקאַנט דער ציל פון דער באַגעגעניש. אָבער אַזוי ווי מיינע נאָענטע חברים זענען אויך געווען איינגעלאַדן, בין איך אַוועק אויף דעם צוזאַמענטרעף. דער חבר פון סטאָצק האָט געגעבן צו פאַרשטיין ווי ווייט וויכטיק עס איז פאַר דער ציוניסטישער באַוועגונג אין פאַר ארץ־ישראל, אַז די יוגנט אָרגאַניזאַציע פון „מזרחי" — די צעירי־מזרחי, זאָל זיך אַנטוויקלען, און צוציען וואָס מער חברים. ער האָט דעריבער פאַרלאַנגט, אַז די פּאַריסאָווער רעליגיעזע יוגנט זאָל זיך אָנשליסן אין דער אַ באַוועגונג. ווען דער גאַסט האָט געהאַלטן אין מיטן רעדן, האָט פלוצלינג זיך געעפנט די טיר, און מיין שוועסטער איז אַריינגעקומען. זי האָט מיר געזאָגט, אַז די מאַמע איז שווער קראַנק, זי ליגט אין בעט און שפייט מיט בלוט. איך בין אַרויס, און שנעל געלאָפן אַ היים. דאָרט האָב איך געטראָפן די מאַמע אַ ליגנדיקע אין בעט, און לעבן איר — אַ טעפל פול מיט בלוט. איך בין צו נענטער צו איר, און דעמאָלט האָט די מאַמע גענומען מיין האַנט אין אירע, און מיט אַ שוואַך קול, מיך געבעטן איך זאָל איר צוזאָגן, כל־זמן זי לעבט נאָך, אַז איך וועל נישט צושטיין צו די פושעים וואָס זענען זיך צונויפגעקומען אין דער שטוב פון וואַנען איך קום אַצינד. איך האָב צוגעזאָגט מיין מאַמען וואָס זי האָט פון מיר פאַרלאַנגט, און עס איז איר גלייך בעסער געוואָרן... צו מאָרגנס איז זי אויפגעשטאַנען פון בעט ווי קיין מאָל גאָר נישט, און האָט געטאָן איר שטוב־אַרבעט.

ערשט אין אַ יאָר אַרום האָט מיר מיין שוועסטער דערציילט, אַז די גאַנצע מעשה מיטן בלוט וואָס די מאַמע האָט, כלומרשט, געשפּיגן, איז געווען אויסגעטראַכט, און אַז אין טעפל וואָס איז געשטאַנען לעבן איר בעט, האָט זיך געפונען רויטע פאַרב, ענלעך צו בלוט...

יאָ. די עלטערן זענען גרייט געווען אַלץ צו טאָן, אַבי איינצוהאַלטן זייערע קינדער אין דער טראַדיציאָנעלער ראַם. זיי האָבן געוואָלט, אַז זיי זאָלן נישט לייגן קיין אַכט אויף די נייע ווינטן וואָס בלאָזן און שאַטן דער

נשמה. אָבער, אַ סך, גאָר אַ סך פון יונגן דור, האָבן נישט געוואָלט מער הערן דערפון, זענען געגאַנגען מיטן שטראָם, האָבן זיך דערווייטערט טויזנטער מיילן פון די עלטערנס וועגן...



אַ גרופּע יוגנטלעכע, טעטיקע אין געזעלשאַפטלעכן לעבן אין פּאַריסאָוו (צווישן זיי צוויי לאַסקעראָווער). זייערע נעמען: 1) רבקה אָסיפּ, 2) צפורה זיגלמאַן, 3) אברהם וואָלף, 4) חנה לאה קאַפּאָטאַ, 5) זלמן אביגדור האַנדווערג, 6) אברהמטשע פון לאַסקעראָוו, 7) שלמה קופּערבוים, 8) אַ לאַסקעראָווערין.

אַלץ ענדערט זיך...

און דער תהום וואָס האָט זיך געשפּרייט איז געוואָרן אַלץ טיפער און טיפער. אין שטעטל האָט מען געוווסט צו דערציילן, אַז אין „טומאהלע" טאַנצן בחורים מיט מיידלעך, ממש אַזוי ווי שקצים און שיקסעס. מען האָט אויך דערציילט, אַז זיי עסן דאָרט טריפות, אַפילו חזיר, אאַז"וו. אין אַ סך שטובן האָבן עלטערן געוויינט איבער דעם אַראָפּקייקלען זיך פון זייערע קינדער אין וויסטן תהום אַריין, אָבער זיי האָבן גאָר נישט געקאָנט טאָן כדי צו ענדערן דעם מצב.

אין צווישן, זענען פאָרגעקומען וויכטיקע געשעענישן אין דער וועלט: די דייטשן זענען געוואָרן באַזיגט; אין רוסלאַנד איז אויסגעבראָכן אַ רעוואָלוציע; פּוילן איז געוואָרן פריי און אָפּהעניק. דער אַרבעטער־קלאַס אין דעם לאַנד האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, האָט באַקומען מאַכט. די אַלע דערשיינונגען האָבן באַווירקט אונדזער געזעלשאַפטלעך לעבן. אין שטעטל האָט זיך געשאַפן

אַ פּראָפעסיאָנעלער פאַראיין וואָס איז געשטאַנען אונטער דער השפעה פונעם „בונד". עס האָבן זיך אָרגאַניזירט סעקציעס פון פאַרשידענע אַרבעטער.

און אויך די קאָמוניסטן...

אין שטעטל איז אויפגעשטאַנען אַ געהיימע, אונטערערדישע קאָמוניסטישע פאַרטיי. נאָך דער מלחמה האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין איר שפּיץ שטייען: יהושע, אברהם אלעזר שידלאָוויצקיס זון, מאיר יוסף, אשר קאָזלאָווערס זון, יהושע ברים, מ. שליווקע, א"אַנד.

די באָלשעוויקעס אין שטעטל

די באָלשעוויקעס זענען בסך הכל געווען אין שטעטל דריי טעג. אָבער זיי האָבן זיך גוט איינגעקריצט אין זכרון. זיי האָבן נישט געראַבעוועט, נאָר אויסגעליידיקט די יידישע געשעפטן, באַצאָלנדיק פאַר סחורות מיט געלט וואָס זיי האָבן געשוירן פון בויגנס־פּאַפּיר וואָס האָבן נישט געהאַט קיין שום ווערט. אין די דריי טעג האָט זיך אָרגאַניזירט אַ סאָוויעטישע מאַכט. די קאָמיסאַרן פון מיליטער האָבן געהאַלטן פייערדיקע רעדעס לטובת דער רעוואָלוציע. יידישע יוגנטלעכע זענען געוואָרן מיטגעריסן, האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין די באָלשעוויסטישע רייען, און איבערגענומען די ציווילע מאַכט אין זייערע הענט.

מיטן אָפּטרעטן פון דער רויטער ארמיי זענען געוויסע יידישע יוגנטלעכע מיטגעגאַנגען מיט איר. זינט דעמאָלט האָט מען זיי מער נישט געזען אין פּאָריסאָוו. שפּעטער זענען נאָך אָנגעקומען פון זיי בריוו, פון רוסלאַנד. אָבער ווען דער סטאַלינישער טעראָר איז געוואָרן שטאַרק, איז איבערגעריסן געוואָרן דער קאָנטאַקט.

זענען זיי פאַרשטומט געוואָרן און עד היום ווייסט מען אפילו נישט ווו זיי זענען אַהינגעקומען, וואָס עס איז מיט זיי געשען.

מאיר מוקובוצקי

סבי ר׳ יוסל מורד בצאר...

על גדותיו של שפך גדול אשר הקיף כעשרה דונם אדמה בשווידרצ׳יזנה, עמדה טחנת־מים של ר׳ יוסל מוקובוצקי. תחילה, החזיקה בחכירה, ואחר כך — היה לבעליה.

עם הזמן היה גם ר׳ יוסל בעליהם של 100 דונם אדמה עם אגמים אהדים בהם גידל קרפיונים.

בעת ההתקוממות הפולנית

בשנת 1863, בעת ההתקוממות הפולנית נגד השלטון הצארי, עבד ר׳ יוסל, בהיותו עדיין בחור, אצל בעלי־אחוזות, בסביבת פוריסוב. ר׳ יוסל היה אדם בריא ומלא מרץ. הרוזנים הפולנים נתנו אמון בו והכניסוהו בסוד פעילותם המחתרתית.

יהודים פוריסובאים ישישים ידעו לספר שאחד מתפקידיו של ר׳ יוסל היה — להפיץ בכל הסביבה הוראות סודיות מהפכניות וגם ספרות אנטירוסית. את המסמכים היה מוביל בכדים של חלב, או במקטרת הארוכה שלו. לעתים היה ר׳ יוסל בא, במיוחד בערבים, אל הרבי מפוריסוב, נותן „שלום״, ונשאר ללון בבית־המדרש שלו, על ספסל. בטרם עלה השחר כבר לא היה שם.

אחרי כשלון ההתקוממות הפולנית סידר ר׳ יוסל לעצמו משק כפרי. כפי שמספרים, קיבל תעודה לפיה הורשה לו לנסוע בארבעה סוסים „נאַשפיץ״, כדרך נסיעתם של רוזנים פולניים. הוא לא ניצל מעולם את זכותו זו, והיה בא לפוריסוב בעגלה כפרית, כשהמגלב בידו...

ר׳ יוסל השתייך אדמיניסטרטיבית ללאטוביץ׳, אך היה קשור בכל נימי נפשו בפוריסוב, ובקהלה היהודית עלה.

ר׳ יוסל היה מרבה לתרום לצרכי העיירה שלנו. פעם, כשהופיעו סדקים בקירות בנין בית־הכנסת והיה צורך לתקנם (קופתה של הקהלה היתה אותה עת ריקה), נתבקש ר׳ יוסל על ידי הרבי מפוריסוב לבצע את התיקון על חשבונו ובכספו. ר׳ יוסל תיקן את בית־הכנסת, העמיד שני עמודים עבים מן היסוד ועד לגג הבנין.

ר׳ יוסל מוקובוצקי נפטר זקן ושבע־ימים והובא לקבורה בבית־העלמין בפוריסוב.

יוסף פּאַסקלינסקי / תל־אביב

קריסטן דערמאָרדן די אייגנטימערס פון דער יידישער קרעטשמע אין פּאָריסאָוו

איך בין דאָס איינציקע לעבנגעבליבן אייניקל פון ר׳ זלמן יאָסל פּאַסקלינסקי און זיין פרוי, וועלכע זענען דערמאָרדעט געוואָרן, אין יאָר 1895, דורך שטעטלדיקע קריסטן.

מיין זיידע האָט דעמאָלט געהאַלטן די קרעטשמע וואָס איז געשטאַנען ביים ראָג פון דער וואַרשעווער גאַס. ווי עלטערע פּאָריסאָווער יידן האָבן דערציילט, האָט דער קרעטשמע־בנין זיך אויסגעטיילט פון אַלע אַנדערע הילצערנע הייזער אין פּאָריסאָוו מיט זיין אויסערלעכן אויסזען און בוי־סטיל. דאָס איז געווען אַ לאַנגער, גענוג ברייטער בנין פון פעסטע, הילצערנע בעלקעס, מיט אַ משופּעדיקן הויכן דאַך, געדעקט מיט שינדלען. די קרעטשמע האָט געהאַט גרויסע פענצטער, און אַ גאָר ברייטע אַריינגאַנגטיר, אין פראָנט. איבער איר איז געהאָנגען אַ שילד וואָס האָט מיט „קידוש־לבנה״ אותיות, גערופן, אין רוסיש און אין פויליש, אַריינצוקומען אינעווייניק און דערקוויקן דאָס האַרץ מיט געשמאַקע מאכלים.

מיין זיידע וועלכער איז געווען באַקאַנט, אין דער גאַנצער אומגעגנט, אונטערן נאָמען „זלמן יאָסל פון דער קרעטשמע״, האָט געשטאַמט פון אַ משפּחה וואָס האָט, ווי עס זיך משער צו זיין, געהערט צו די ערשטע יידישע תושבים אין פּאָריסאָוו.

ר׳ זלמן יאָסל איז געווען אַ הויכער, אַ קרעפּטיקער. זיין קורץ בערדל, איז אין די שפּעטערע יאָרן זיך צעוואַקסן אין דער ברייט, און איז אויך געוואָרן לענגער. אויף דער עלטער האָבן זיך אריינגעכאַפּט אין דער באָרד זיינער אַ ביסל גרויע, זילבער־האָר, אָבער דאָס איז ביי אים נישט געווען קיין סימן פון אַלטקייט. פאַרקערט, ר׳ זלמן יאָסל איז אין די עלטערע יאָרן געוואָרן נאָך מער רירעוודיקער, פול מיט ענערגיע. זיינע אויגן האָבן געלויכטן מיט אַ געזעצטער פּיקחות — ממש אַ זעלטנהייט.

מיט די זעלבע מעלות איז אויך געווען געבענטשט זיין פרוי, דאָבע.

דאָס פאָרפאָלק האָט גאַנצע 24 שעה אין מעת־לעת געהאַלטן אָפן די קרעטשמע, גרייט אויפצונעמען די בעל־עגלות און זייערע פּאַסאַזשירן וואָס פלעגן קומען פון ווייטע וועגן און האָבן געוואָלט אָפּרוען אַ שעה־צוויי. דערביי האָבן זיי שוין געפלעגט אונטערלענען דאָס האַרץ מיט אַ הייסער זופּ, צי מיט אַ גוטן טרונק בראָנפן און פאַרבייסעכץ.

איין מאָל, אין אַ ווינטער־נאַכט, איז דאָס שטעטל אויפגעציטערט געוואָרן פון אַ שוידערלעכער פּאַסירונג אין דער קרעטשמע. אין דער זעלבער צייט, איז אין צווייטן ווינקל פון פּאַריסאָוו גראָד פאָרגעקומען אַ חתונה, און דאָס גאַנצע שטעטל האָט דאָרט פאַרברענגט (דער חתן איז געווען, דער אַלעמען באַקאַנטער הערשל מעך, און די כלה — רייזל). פּלוצלינג, זענען מענטשן געקומען צולויפן מיט אַ געוואַלד: „יידן ראַטעוועט! אַן אומגליק אין קרעטשמע!" מענטשן זענען אַרויס אין גאַס אין די חתונה־מלבושים און האָבן געזען ווי פייער־פלאַמען טראָגן זיך צום הימל. זיי האָבן געבושעוועט פון דער זייט פון ר׳ זלמן יאָסלס קרעטשמע.

ערשט נאָכן פאַרלעשן דאָס פייער, האָט זיך, אין דער האַלב פאַרברענטער קרעטשמע אַנטפּלעקט אַ שרעקלעך בילד: דאָס פּאָרפאָלק, ר׳ זלמן יאָסל און זיין ווייב, דאָבע, זענען געלעגן טויט אויף דער ערד. אַלע סימנים האָבן באַוויזן, אַז זיי זענען דערהרגעט געוואָרן מיט אַ שטיק אייזן. עס איז קלאָר געווען, אַז די באַפאַלענע האָבן געשטעלט אַ ווידערשטאַנד מיט גלעזער און פלעשער, וואָרעם זיי זענען געווען צעקאַליעטשעט איבערן גאַנצן קערפּער. ערשט נאָך דעם ווי זיי זענען שוין געווען טויט, האָבן די מערדערס אונטער־געצונדן די קרעטשמע. אין זלמן יאָסלס האַנט האָט מען געפונען אַ קנאָפּ פון מלבוש פון איינעם פון די רוצחים. אויך דאָס האָט עדות געזאָגט, אַז דאָס פּאָרפאָלק האָט געפירט אַ שווערן געראַנגל מיט די איבערפאַלערס און נישט געוואָלט זיך אונטערגעבן. דער דאָזיקער קנאָפּ האָט, משמעות, אויך געהאָלפן אַנטדעקן די מערדערס — צוויי שטאָטישע קריסטן, מיטן נאָמען סאָראָקאַ (איינער פון די סאָראָקעס, וואַרשיינלעך, זייערס אַן אייניקל, האָט געוווינט אויף דער גאַרוואָלינער גאַס).

אין דער לויה פון זיידן מיט זיין פרוי, האָט זיך באַטייליקט אַ ריזיקער עולם — אויך ספּעציעל געקומענע פון אַרומיקע שטעטלעך. אויך די פּויליש׳ע באַפעלקערונג האָט אויסגעדריקט איר טיפן צער, און פון איר זייט — זיך באַמיט צו באַרויקן די יידן אויף ווען ס׳איז אָנגעפאַלן אַ גרויסער פחד.

דער פּראָצעס פון די צוויי גויים איז פאָרגעקומען אין שעדלעץ, און זיי זענען פאַרמשפּט געוואָרן צו לעבנסלענגלעכער קאַטאָרגע אין סיביר.

אויף דער מצבה פון פּאָרפאָלק וואָס איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אויפן פּאַריסאָווער בית־עלמין, זענען געווען אויסגעקריצט די ווערטער „הנאהבים והנעימים בחייהם ובמותם לא נפרדו".

אויפן אָרט פון דער קרעטשמע, איז שפּעטער אויפגעבויט געוואָרן די פייער־לעשער רעמיזע, און לעבן איר — דער הויכער, 5—4 שטאָקיגער הילצערנער טורעם, אויף וועלכן די פייער־לעשערס פלעגן אַרויפקלעטערן, בעת אַ שריפה, כדי זיך צו אָריענטירן פון וואַנען דאָס פייער קומט. אָבער די

קרעטשמע איז נישט פאַרגעסן געוואָרן. עלטערע מענטשן פלעגן ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן דערציילן וועגן איר, און אין איין וועגס, דערמאָנען דעם שוידער־לעכן מאָרד איבער מיין זיידן מיט זיין פרוי.

ר׳ זלמן יאָסל האָט איבערגעלאָזט פיר זין: אהרן לייביש — אַ בית־מדרש ייד, וואָס האָט זיין גאַנץ לעבן שווער געהאָרעוועט ווי אַ בעל־עגלה. ער האָט געוווינט אין רבינס גאַס. דער צווייטער זון: שמואל — אַ סטאָליער — אַ פאַך, אין וועלכן פאַריסאָוו האָט, צו יענער צייט זיך ווייניק דערין געניטיקט. ער איז דעריבער אַרויסגעפאָרן קיין וואַרשע (פראַגע), און האָט דאָרט געפונען באַשעפטיקונג. דער דריטער זון, שמשון („שאמשאלע״, האָט מען אים גערופן) איז געווען זייער פאָפולער אין שטעטל. צוזאַמען מיט זיין פרוי פעסע, האָט ער איז דעריבער אַרויסגעפאָרן קיין וואַרשע (פראַגע), און האָט דאָרט געפונען זיך אַריינכאַפן אַהין אויף אַ גלעזל טיי, דערציילן זיך מעשיות פון אַמאָל, און שמועסן פאָליטיק.

דעם לעבנס שטייגער פון זיינע עלטערן, האָט איבערגענומען דער יונגסטער זון, זעליג. ער האָט געעפנט אַ שענק אין מארק, אין ראָג פון רבינס גאַס. זי איז געווען שטאַרק אָנגענומען ביי דער קריסטלעכער באַפעלקערונג אין שטעטל, און אין דער גאַנצער אומגעגנט. פויערים וואָס זענען געקומען קיין פאַריסאָוו, אַז זיי האָבן געוואָלט אַ גוטן טרונק בראָנפן, אָדער אַ געשמאַקן קופל ביר, האָבן זיי געזאָגט „אידזשיעמי דאָ זעליגאַ״ („מיר גייען צו זעליגן״).

די שענק וואָס האָט זיך געפונען נאָענט פון רבינס הויף, איז אויך געווען אַן אָרט ווו חסידים, געקומענע צום רבין, האָבן זיך געפילט גאָר היימיש, געגעסן דאָרט אַ מיטאָג כשר למהדרין, און טאַקע מיט אַ פערטל גענזנס, אָדער אַ קאַלט גלאָז ביר מיט אַרבעס, און אַ געבראָטן פיפיקל ווי אַ צולאָג.

שבת און יום־טוב איז דער האַנדל ביי ר׳ זעליגן געפירט געוואָרן אויף „קוויטלעך״. ר׳ זעליג האָט געהאַט אַ חוש פאַר בוכהאַלטעריע. ער האָט געהאַט אַ דיק בוך מיט „קעשנקעס״ אויף די בלעטער, איבער וועלכע עס האָבן פיגורירט די נעמען פון זיינע חסידישע קליענטן. אין די „קעשנקעס״ זענען געלעגן קוויטלעך אויף וועלכע עס איז געווען אָנגעשריבן: „אַ גלאָז ביר״, „אַ טרונק בראָנפן״, „אַ צובייס״, אדג״ל. דאָס זענען געווען די שבתדיקע קוויטלעך, צוגעגרייטע אין דער וואָכן, פאַר די חסידים וואָס פלעגן אַריינקומען אין שבת עפעס טרינקען, צי עפעס עסן. נאָך שבת האָט מען געמאַכט אַ חשבון. מען האָט געצאָלט במזומן, און וואָס מען איז געבליבן שולדיק, איז פאַרשריבן געוואָרן אין אַ צווייט בוך ווּעמעס בלעטער עס זענען געווען פאַרפלעקט פון שטענדיקן מישן, אַהין און צוריק.

אויף די עלטערע יאָרן האָט ר׳ זעליג חתונה געמאַכט זיין זון משה חיים

און אים איבערגעגעבן די שענק (דאָס איז געווען דער צוגעזאָגטער נדן). ר׳ זעליג איז געוואָרן אַ היימישער לערער. פּאַריסאָווער יוגנטלעכע האָבן זיך געלערנט ביי אים שרייבן, חשבון, און לשון־קודש.

משה חיים, צוזאַמען מיט זיין ווייב רויזעלע, האָבן „מאָדערניזירט" די שענק. פּאַריסאָווער יידן זענען ווייטער געקומען אין ר׳ זעליגס שענק אַריין. אויך די קריסטן זענען, נישט געקוקט אויף דער אַנטיסעמיטישער אַגיטאַציע נישט צו קויפן ביי יידן, געקומען אין שענק אַריין עפּעס אָפּעסן, כאַפּן אַ טרונק בראָנפן. זיי האָבן נאָך געדענקט משה חיימס טאַטן, און שטענדיק, ווען זיי האָבן געוואָלט אַריינגיין אין שענק, האָבן זיי געזאָגט, איינער צום צווייטן: „אידזש׳עמי דאָ זעליגאַ".

יחיאל רייכמאַן / ישראל

א מת-מצוה

(אַמאָליקע פּאַסירונגען)

אין יאָר 1911, סוף ווינטער־צייט, אין אַ פאַרנאַכט, איז פּלוצלינג געוואָרן אַ רעש אין שטעטל. מ׳האָט געפונען אַ טויטן ייד ביי די סלופּעס פון דער בריק וואָס איבערן טייך. ווי עס האָט אויסגעזען, האָבן די וואַסער־כוואַליעס פאַרשלעפּט דעם גוף פון ערגעץ־ווו, און ער האָט זיך פאַרהאַלטן ביי די סלופּעס. קיין פּרטים וועגן טויטן זענען נישט געווען, אָבער די יידישע קהילה אין פּאַריסאָוו האָט גלייך איינגעאָרדנט די לוויה, און דאָס גאַנצע שטעטל האָט באַגלייט דעם מת־מצוה צו זיין אייביקער רו אויפן פּאַריסאָווער בית־עולם.

נאָר די יידן אין פּאַריסאָוו האָבן נישט גערוט. זיי האָבן פאַרלאַנגט פון דער פּאָליציי זי זאָל פאָרשן די זאַך און זיך דערוויסן ווי אַזוי דער ייד איז אומגעקומען.

נאָך אַ צייט, האָט מען זיך דערוווסט, אַז דער ייד, אַ מדינה־גייער, איז געווען אויפן וועג קיין פּאַריסאָוו, און אַזוי ווי עס איז געווען סוף־ווינטער, און דער שניי האָט געטייעט, זענען די ריוועס פון ביידע זייטן וועג געווען פאַרגאָסן מיט וואַסער וואָס האָט געשטראָמט מיט אימפּעט. בעת דער ייד איז אַזוי געגאַנגען דעם סכנהדיקן וועג, האָבן זיך באַוויזן צוויי שקצים, רייטנדיקע אויף פערד. זיי האָט זיך פאַרגלוסט אַ „שפּיל" צו טאָן מיטן ייד, און זיי האָבן אים אַריינגעשטופּט

אין שטראָמיקן וואַסער. דער ייד איז דערטרונקען געוואָרן, און דאָס וואַסער האָט אים פאַרשלעפּט, אַזש ביז צום פאַריסאָווער בריקל.

די מערדערישע שקצים זענען דורך דער פּאָליציי נישט געכאַפּט געוואָרן.

לוויות און אויסלייז־געלט

נאָך צוויי לוויות זענען געבליבן איינגעקריצט אין מיין זכרון. ווען עס איז געשטאָרבן די מאַמע פון ר׳ יצחק מענדל גאָלדמאַן — דער פּריץ פון פּשאַנקע, האָט מען געטיילט צדקה־געלט. יעדן אַ האַלבן רובל. אויך איך האָב באַקומען אַזאַ זילבערנע מטבע.

באַלד נאָך דעם, איז געשטאָרבן ר׳ ישראלקע — ר׳ יצחק מענדלס פאָטער. בעת זיין לוויה האָט מען געטיילט „אויסלייז־געלט״ אַ רובל. די קינדער פון מיין חדר, זענען געגאַנגען פאַר דער עגלה פונעם נפטר, און האָבן געזאָגט פּסוקים פון תהלים.

אריה קופּערבוים / ישראל

דייטשע זעלנער דערשיסן יאָסל וויעטראַטשניקס זון

(זכרונות פון דער ערשטער וועלט־מלחמה)

איין קילאָמעטער הינטער פאַריסאָוו, האָבן געוווינט צוויי יידישע משפּחות. די ברידער: הערשל און יאָסל וויעטראַטשניק. זיי האָבן זיך פאַרנומען מיט פעלד־אַרבעט, און געהאַט אויך אַ ווינטמיל (אַ וויאַטריק).

אין יאָר 1915, ווען דאָס דייטשע מיליטער איז אַריין קיין פאַריסאָוו, זענען עטלעכע מיליטערישע רייטערס געקומען אין דער מיל אַריין און האָבן פאַראָרדנט גלייך אָפּצושטעלן די אַרבעט. אינעווייניק, האָט זיך געפונען דער יונגער מלך, יאָסלס זון, וועלכער האָט נישט געהערט וועגן דער פאַראָרדענונג, און אפשר — אַזוי האָט מען זיך דעמאָלט משער געווען — נישט פאַרשטאַנען גענוי וואָס די דייטשן האָבן באַפעלט. ער האָט געלאָזט די מיל אין גאַנג, און די ווינט־פליגלען האָבן זיך באַוועגט.

די דייטשע מיליטער־לייט, האָבן באַמערקט פון דער ווייטנס, אַז די מיל איז ווייטער אין גאַנג. זיי האָבן זיך גלייך אומגעקערט, זענען אַריין אין דער מיל, האָבן אַרויסגעפירט דעם יונגן מלך אין אַ נאָענט וועלדל, און אים דאָרט

דערשאָסן. די טרויעריקע ידיעה איז גלייך אָנגעקומען אין שטעטל אַריין, און האָט אַרויסגערופן ביי די יידן גרויס פאַרביטערונג. זיי האָבן אָבער מורא געהאַט אַרויסצוגיין צום וועלדל און ברענגען דעם הרוג צו קבר־ישראל.

מיין פאָטער איז אַריין צו אונדזער שכן, פאַגאַנאָווסקי — אַ קריסט, ביי וועמען עס האָט זיך אויפגעהאַלטן דער דייטשער מיליטערישער שטאַב, און האָט געבעטן ביי דעם הויפט־אָפיציר אַ דערלויבעניש צו ברענגען דעם מת אין שטעטל אַריין, און טאָן אים זיין רעכט. נאָכן באַקומען די דערלויבעניש, זענען עטלעכע יידן אַוועק מיט אַ וואָגן צום וועלדל און האָבן געבראַכט דעם מת. נאָך אין זעלבן טאָג האָט מען אים קובר געווען אויפן פאַריסאָווער בית־עולם.

מלך יאָסלס איז דעמאָלט אַלט געווען 20 יאָר, און דאָס גאַנצע שטעטל האָט באַוויינט זיין פריצייטיקן, טראַגישן טויט.

אהרן זיגלמן

בפולין העצמאית

מלחמת העולם הראשונה הטביעה את חותמה על החיים החברתיים היהודיים בפולין וגם על חייה של עיירתנו הקטנה — פוריסוב.

בימים ההם הגיע לעיירתנו יהודי אחד בשם יהודה אלי׳ ופתח בית־ספר ללימודי חול. בבי״ס זה למדו יחד בנים ובנות. הם שרו שירי־פועלים, שירי־אהבה ושירי־ציון.

דבר זה הוציא את החרדים בעיירה משלוותם. הללו היו רגילים לניגון־הגמרא הפורץ לו מבית־המדרש, מה„שטיבלעך" החסידיים, לזמירות של שבת וחג המסורתיים, לניגונים של „החצר" הפוריסובאית וכדומה. אבל, שירי־חול שיהדהדו בחוצות פוריסוב, וזאת, מתוך כתליו של בי״ס, בו לומדים בנים ובנות יחדיו? הם הכריזו איפוא, מלחמה נגד בית־הספר ונגד האיש שהביא לפוריסוב את „התרבות הזרה". המלחמה התנהלה ללא פשרות, ולצערם הגדול של היהודים האלה — ללא כל תועלת, כי גלי ההתקדמות זרמו בקצב מהיר למדי ולא ניתן היה עוד לעצרם.

שני מקרי־חרם שהייתי מעורב בהם

בהיותי עדיין חבר ב„צעירי־אגודת־ישראל", החלטנו פעם להעלות על הבמה מחזה בשם „דוד וגלית". בתקופה ההיא למדתי ב„שטיבל" של חסידי־פוריסוב־אוטבוצק. הדבר לא היה בגדר סוד, ולכן סיפרנו לכולם שהננו מתכוננים להציג את המחזה הנ"ל בפורים הקרוב. תחילה עסקנו בהכנות ואחרי כן התחלנו לבצע חזרות לקראת ההצגה עצמה. שבועיים לפני פורים הודיעו לנו חסידי־פוריסוב על התנגדותם לכך, שאנחנו, צעירים מן ה„שטיבל", וחסידי־הרבי, נשתתף בהצגה. כן הודיעו לנו שהרבי עצמו מתנגד בתוקף למעשנו זה, ועל כן עלינו להפסיק את ההכנות לקראת ההצגה. תשובתנו היתה שהיות ובמשך כל החורף לא הודיעו לנו על התנגדות כלשהי לעצם ההצגה ולהשתתפותנו בה, לא נבטלה שבועיים לפני מועד ההצגה. על אף האיומים, השתתפנו בהצגה שעברה בהצלחה. ברם, נתנו את הדין. בליל־הסדר, בעת תפילת־מעריב, הודיע הגבאי, שלפי פקודת הרבי עלינו לעזוב את ה„שטיבל". את הפקודה מלאנו בלי אומר ודברים. עזבנו את ה„שטיבל" ולא חזרנו עוד אליו. החסידים נכחו לדעת כי שגו בצעדם הקיצוני. כעבור שבועות מספר שידלונו לחזור ל„שטיבל" — ולא רצינו. הרגשנו טוב בבית־המדרש, שם התפללנו וגם למדנו. הפסקנו



קבוצת צעירים מפילווה

אַ גרופּע פּילאַווער יוגנטלעכע, צווישן זיי — יאָסל פּאַסקלינסקי פון פּאַריסאוו. זייערע נעמען: 1) הענעך קלייטמאַן, 2) יאָסל פּאַסקלינסקי, 3) יהושע טוגנטמאַן, 4) מאיר קלייטמאַן, 5) בערל טוגענטמאַן, 6) חיים פון פילאַווע, 7) יאָסל טוגנטמאַן, 8) מאיר טוגנטמאַן.

לנסוע לרבי, ולא הועילו ההפצרות של ההורים, של קרובי־משפחה, או ידידים. בלהט־נעורים התמסרנו עתה לעבודה למען „אגודת־ישראל", וניתקנו את עצמנו יותר ויותר מהחסידות הפוריסובאית שעל ברכיה התחנכנו וגדלנו.

והמקרה השני...

ביום ששי אחד עשיתי בוורשה כדי לקנות סחורה בשביל הורי. בהגיעי לתחנת הרכבת בפראגה, ניגשתי לקופה וביקשתי כרטיס לפילווה. נתתי לקופאי שני זהובים (זלאָטי) במטבעות־כסף, והלה, בלוקחם לידו, קבע, כי אחד מהם מזוייף. הוא קרא לשוטר שערך חיפוש בבגדי, וכשלא מצא אצלי כסף מזוייף נוסף, ערך דו"ח שיגרתי, משטרתי, ושיחררני.

בינתיים יצאה הרכבת לדרכה ונאלצתי לחכות לשניה שזמן צאתה מוורשה היה מאוחר מדי כדי שאוכל להגיע הביתה לפני כניסת השבת. אף־על־פי־כן, החלטתי לנסוע ברכבת המאוחרת עד לפילווה מתוך כוונה לשבות שם. והנה הופיעו, לפתע, שני יהודים פוריסובאים (יוסף רייכמן ואברהם פרץ קופרבנד) שרצו, כמוני, להגיע הביתה. הואיל והם היו מבוגרים ממני בהרבה, אמרתי לי שאעשה מה שהם יעשו. הצטרפתי אליהם ונכנסנו לרכבת. בדרך, החליטו השניים כי כאשר יגיעו לפילווה, ישכרו כרכרה ובנסיעה מהירה, יגיעו, כך חשבו, עד לטראמביק, שם ישארו אצל ר' נטע „דער פאַקער". הם לקחו אותי עמם וכשהגענו לטראמביק כבר החשיך היום. הורדנו את החבילות, נכנסנו אל ר' נטע הלז וסיפרנו לו כל אשר ארע לנו. אילו היינו נשארים בטראמביק כפי שתיכננו קודם, היינו חוסכים לנו צרות, אך ר' נטע זה יעץ לנו לגשת לאחוזה היהודית באוברומב. שמענו בקולו. הגענו לשם כשהיה כבר ממש חושך, כלומר — שבת ללא כל ספק. באחוזה נאמר לנו כי אנו יכולים להמשיך וללכת לפוריסוב, כי הרי תמיד הולכים בשבת מאוברומב לפוריסוב, ואין איסור בכך. הלכנו, איפוא, לפוריסוב ובהיכנסנו לעיירה, כבר הלכו יהודים חזרה מבית־המדרש, אחרי קבלת־שבת. עוברים ושבים הבחינו בנו, ולמחרת היתה העיירה כולה למרקחה. כולם דיברו על אהרן ר' זלמנס ועל יוסף „דעם חזנס" שחיללו את השבת.

למחרת השבת הזמין אליו הרב דמתא יהודים מפילווה ושאלם אודות זמן בואה של הרכבת מוורשה, והללו העידו שאילו באמת היינו רוצים למנוע חילול שבת, חייבים היינו להישאר ולשבות בפילווה. ההסברים שלנו לא נתקבלו על ידי הרב והוא פסק שעלינו לעלות על הבימה בבית־המדרש, בשעת התפילה, להכות על חטא־חילול שבת, ולהצהיר בפומבי, כי לא נעשה עוד כדבר זה. אנחנו לא קיבלנו עלינו את פסק־הדין. אף הודענו כי לא נקבלנו. מצבי שלי היה בכי רע. בימים ההם עדיין התרכז כל עולמי בתוך כתלי בית־המדרש, שם למדתי, שם התכנסו כל חברי, וכל הפעילות הפוליטית יצאה ממקום זה.

משפחתי שהיתה אדוקה מאוד, סבלה מהמצב שאליו נקלעתי. קרובי לחצו עלי שאקבל את הדין, ברם, לא נכנעתי להם. מאידך, הודיע הרב שאם לא נקבל את פסק־דינו, יחרים אותנו, יודיע שאסור להתפלל עמנו יחד. משלא נכנענו גם לאיום זה, הכריז גבאי־בית־המדרש, בליל ראשון של חג השבועות, לפני תפילת ערבית, שלפי פקודת הרב דמתא, אסור להתפלל בחברת שלושת האנשים שחיללו את השבת ומסרבים לקבל עליהם את פסק־דינו. כל המתפללים פנו לנו עורף, נכנסו לעזרת־נשים (הנשים לא היו באות להתפלל בליל החג) והתפללו שם. עזבנו את בית־המדרש ולא באנו עוד להתפלל בו. אך, הואיל וכל בית־תפילה בעיירה קיבל את ההודעה של הרב בדבר האיסור להתפלל בחברתנו, נאלצנו להתפלל ביחידות. לאמיתו של דבר, היה לי, אישית, קשה לשאת בחרם. אף־על־פי־כן החזקתי מעמד חודשיים ימים. תוך פרק זמן זה פעלו קרובי אצל הרב דמתא וביקשוהו כי ירכך במקצת את העונש שהטיל עלי. אחרי משא־ומתן, הסכים הרב להצעת פשרה לפיה עלי לבוא בשבת בבוקר לבית־המדרש ולהודות, לפני אומרי־תהלים הנמצאים שם אותה שעה, על החטא שחטאתי.

עשיתי לפי ההצעה המוסכמת והחרם בוטל.

הצעירים עוקרים לוורשה

המצב הכלכלי בעיירתנו היה קשה למדי. צעירים עזבוה, עברו לוורשה, ביקשו ללמוד מקצוע ולהתפרנס. כן היו כאלה שבגלל פעילותם הפוליטית־המחתרתית והעויינת לשלטון הפולני, נאלצו לעזוב את העיירה. רובם עברו לוורשה הבירה, שם מצאו כר נרחב להמשך הפעילות.

המקצוע הנפוץ ביותר ברחוב היהודי, היה, בימים ההם — סריגה („טריקאָטאַזש"). מקצוע זה לא דרש תקופת־לימוד ארוכה יחסית. כן היתה אפשרות לקבל עבודה מיד אחרי גמר הלימוד. רבים מבין חובשי־בית־המדרש, השתלמו במקצוע זה. בחורים אלה, יוצאי־עיירתנו, השתלבו מהר בחיי־העבודה, הצטרפו לאגודות המקצועיות והיו פעילים בהן. כן הצטרף כל אחד ואחד למפלגה פוליטית שהיתה קרובה ללבו ולהלך מחשבתו ועשה למענה.

בקרב חברי הייתי היחיד שנתפסתי ל„פועלי־ציון". בשנת 1929, נרשמתי ב„החלוץ", בוורשה, ונשלחתי להקים ארגון זה בעיירתנו פוריסוב. המאורעות בארץ־ישראל השפיעו עלי השפעה ניכרת והחלטתי לעזוב את פולין ולעלות ארצה. בתקופה זו הכרתי את צפורה גוטמורגן, מפוריסוב — בת־זוגי בעתיד — שהיתה אז חברה ב„פרייהייט", בוורשה. היא התגוררה אצל אחותה ששם משפחתה היה אַקרמן. בביתה היו מתכנסים בני־העיירה מן החוג הציוני שהתגוררו זמנית בוורשה. בלילות־שבת היינו יוצאים לראות הצגה, או לשמוע הרצאה, ויכוח פוליטי או ספרותי, וכדומה, ואילו בשבת בבוקר, היינו הולכים להתפלל, או לשמוע ניגון אצל חסידי־מודזיץ.

ההכנות ל„הכשרה" ולעליה

שלוש שנים עשיתי בעיר־הבירה. חוג החברים שלי היה מורכב מצעירים שהשתייכו ל„מזרחי", או ל„פועלי־ציון". בינתיים נתהדקה החברות ביני ובין צפורה גוטמורגן והחלטנו לעלות יחד לארץ. בימים ההם היו קיבוצי־ההכשרה מלאים עד אפס מקום. מאידך, היו צעירים שעקב סגירת שערי־הארץ על ידי הממשלה הבריטית, ובגין ישיבתם הארוכה בקיבוצי־ההכשרה, ללא תקווה לעליה קרובה — באו לכלל יאוש.

פניתי למרכז ה„החלוץ" שישלחוני להכשרה, אך שם היתנו עמי תנאי שאחזור לפוריסוב לחדש את פעילות הסניף, ורק אחרי כן יאפשרו לי לצאת להכשרה, למרות שאין עליה והקיבוצים מלאים. קיבלתי את הדין. חזרתי הביתה והתחלתי לפעול בקרב הנוער המקומי למען הרעיון הציוני וליציאה להכשרה על ידי ה„החלוץ" הכללי.

הידיעה כי אני וצפורה גוטמורגן החלטנו לצאת להכשרה ולעלות יחד ארצה, היכתה גלים בעיירה. יהודי פיקח, ר׳ לייזר קיפרבוים, אמר לי בזו הלשון: „שהנך מנהל תעמולה לעליה לארץ ישראל, אפשר עוד להבין, אבל שתתכונן בעצמך לעלות, זוהי כבר טפשות, ואני, בטעותי, אמרתי תמיד שבחור פיקח אתה".

(דרך אגב, ר׳ לייזר לא זכה לעלות ארצה, נהרג בתאונה שארע בביתו. ברם, בנו, אברהמלה, מצעירי „מזרחי", עלה ארצה מיד אחרי. הלה זכה והעלה את אמו, חוה, ז"ל. אחר כך עלה אחיו, מאיר, ז"ל עם רעייתו, בת־שבע, שתבדל



אַ פֿאַמיליע־בילד צום אָפּפֿאָר פֿון מאיר און שבע קופּערבוים קיין ארץ־ישראל, אין יאָר 1934. מאיר איז געשטאָרבן אין יאָר 1967 אין ישראל

לחיים טובים. כן הגיעו שני אחיו, ניצולי השואה, אריה ושלמהלה, עם משפחותיהם, והם חיים עמנו בארצנו הריבונית).

בביתי סבורים אחרת...

אמי זכרונה לברכה היתה מן הנשים הקנאיות בעיירה. אם הרבי מתנגד לעליה לארץ־ישראל, הרי ברור שזה אשר כן עולה לשם, עובר עבירה שאין גדולָה הימנה. היא ניסתה להשפיע עלי שאסתלק מתוכניתי, שאבטלנה. אך, כאשר ראתה שדבריה אינם נותנים תוצאות, הזמינה לפוריסוב את אחי הבכיר, ברל, ששימש אז שו״ב בקהילת דרילטש, ע״י ראדום. אחי היה חסיד קַנאי, בעל בעמיו, מקובל על כל המשפחה. גם בשבילו היה צו של הרבי בבחינת גזירה שאין להרהר אחריה, וחייבים לקיימה. בשיחה שקיימנו הסכים עמי שאין עתיד ליהודים בפולין ועל כן יש צורך לעזוב את הארץ הזאת. הוא הביע את נכונותו לעזור לי להגר לקנדה, שם יש לו ידידים, אבל — לארץ־ישראל? לית מאן דכר שמיה. בשוחחו עמי, פלט ביטוי חריף נגד העליה לארץ־ישראל. הפסקתי לדבר עמו ועזבתי את הבית. לא חזרתי הביתה עד שנודע לי שיצא את העיירה.

למחרת חג השבועות, ב־1930, עזבתי את פוריסוב ויצאתי לקיבוץ־ההכשרה ע״ש בר בורוכוב, בסוחדניוב. זה היה הקיבוץ הראשון של קיבוצי־בורוכוב בפולין. חברתי צפורה, יצאה לסמינר של „פרייהייט״. רק אחרי חג הסוכות הצטרפה אלי, להכשרה.

עם קבלת 350 הסרטיפיקטים הראשונים (אחרי מאורעות 1929), אישרו אותנו לעליה, על אף ששהינו בהכשרה, יחסית, זמן קצר למדי.

אנו מתחתנים לפני העליה ארצה

בינואר 1930, חזרנו לעיירה עם האישור לעליה ארצה. הודענו להורים שהחלטנו להתחתן בטרם נעלה. הואיל ותאריך העליה נקבע ל־25 בחודש מרס של אותה שנה, היה צורך להחיש את החתונה, וקבענו אותה לחודש פברואר. חתונתנו התקיימה בוורשה, כדת וכדין ולפי מנהגי־ישראל. כל „השבע־ברכות״ נערכו בבית־אחותה של צפורה, בוורשה. אחר כך שבנו לעיירה כדי להיפרד מבני־משפחה, ידידים, וחברים לדעה.

אבי ז״ל כאילו עומד בצד...

מטעמים שלו, לא התערב אבי ז״ל בכל הענינים שהיו קשורים בחתונה שלנו ובעלייתנו ארצה. ערב עזיבתנו את העיירה ברך את שנינו, ביקש ממני לקיים את מצוות התורה שכל יהודי מצווה לקיימן. כן מסר בידי את הספר „אורח־חיים״ למען אדע כיצד לחיות... אציין כאן שעדיין בשנות 1925,

בתקופת העליה הגדולה מפולין (עליית גרבסקי), אמר לי אבי ז״ל שאילו היה צעיר בשנים, וכן אילו עמדו לו הכוחות הנפשיים, היה עולה ברגל לארץ־ישראל. בלבו היה שלם עם צעדי, אלא שהתנגד לדרך שבחרתי לי. כן אני בטוח, שאילו הייתי נשאר במסגרת של „המזרחי״, היה אף שמח בכך שבנו זכה להגשים את החלום שהוא עצמו לא הצליח להגשימו.

מאחי, ברל, לא נפרדתי לפני עלייתי, ומאז התקרית עמו, לא ראיתיו עוד. כן לא נפרדתי מאחותי הבכירה וממשפחתה. כולם התנגדו לעלייתי ארצה, בהתאם לקו של הרבי.

— — — רכבת פולנית הביאה אותנו לרומניה. שם עלינו על אניה שהפליגה מקונסטנציה לחיפה — לארץ המיוחלת.

עולם חדש נגלה לפנינו. עולם שדרש קרבנות, התמסרות, ובעיקר — ויתורים אישיים בלי סוף... הצטרפנו לעולם שכולו יצירה גדולה ושמו — קיבוץ. עולם של בנין־הארץ, של יסורים ושל שמחה. עולם שמילא את חיינו תוכן שלא ידענוהו עד כה.

וכך הגענו מבית־העולים בבת־גלים לקבוצת השדה בראשון לציון. משם — לקיבוץ שדה נחום בעמק בית־שאן, ואח״כ — ליפעת, אשר בעמק־יזרעאל. היו אלה תחנות מעניינות בחיים החדשים, בחיים שהתחדשו בשבילנו.

* *
*

— — — חברים רבים היו לי בעיירת מולדתי. קשת רחבה של צעירים, חברים לדעה ולויכוח. מעטים מהם נשארו בחיים. מעטים נשארו מאותם חובשי־בית־המדרש שיחד עברנו כברת דרך ארוכה. יחידים עלו ארצה לפני השואה, והשאר... לבי נצבט בקרבי, בהיזכרי בכל אלה שיכלו לחיות עמנו, על אדמת ארצנו היקרה שנגאלה, שהשתחררה מעול זרים — ולא זכו.

מאיר פיינזין (ז״ל)

רעליגיעזע און פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס

די עלטסטע אינסטיטוציעס אין שטעטל זענען געווען: „חברה־תהלים״, „הכנסת־אורחים״, „הכנסת־כלה״, און „ביקור־חולים״.

די „חברה־תהלים״ האָט געהאַט אַן אייגן מקום־קדוש, ווו יידן פלעגן, זיך צונויפקומען און זאָגן צוזאַמען תהלים.

ביז עס איז געשאַפן געוואָרן די „הכנסת־אורחים" אין שטעטל, האָבן וואַנדערנדיקע יידן, אָפּשטעלנדיק זיך אין פּאַריסאָוו, גענעכטיקט אין בית־המדרש, אויף די האַרטע בענק. אָנגעקומענע פרויען, פלעגן, זומער־צייט, נעכטיקן אין „עזרת נשים" און אין ווינטער, האָבן זיי געדאַרפט אָנקומען צו גוטהאַרציקע מענטשן, זיי זאָלן זיי אַריינגעמען צו זיך אויף איבערנעכטיקן, ווייל אין „עזרת־נשים" איז נישט געווען געהייצט, און עס איז פשוט געווען זייער קאַלט צו שלאָפן.

מיט דער שאַפונג פון דער „הכנסת־אורחים" אין שטעטל, האָט די לאַגע אין גאַנצן זיך געביטן. די חברה האָט אויסגעהאַלטן אַ צימער אין וועלכן עס זענען געשטאַנען בעטן מיט ריין בעטגעוואַנט. ווינטער איז דאָס צימער געווען באַהייצט. דער אָרעמער נעונדניק איז אויך באַזאָרגט געוואָרן מיט אַ ביסל וואַרעמעס.

* *
*

די „הכנסת־כלה" האָט זיך פאַרנומען מיט דער פּאַריסאָווער אָרעמקייט. עס זענען געווען משפחות וועלכע האָבן געדאַרפט חתונה מאַכן קינדער, און נישט געהאַט פאַר זיי דאָס מינדסטע. אַזוי זענען אויך געווען יתומות וועלכע האָבן זיך געהאָדעוועט ביי קרובים, צי ביי אָרעמע מענטשן, און נישט האָבנדיק קיין שום מאַטעריעלע מעגלעכקייטן, האָבן זיי נישט געקאָנט טראַכטן וועגן חתונה האָבן. זיי צו הילף איז געקומען די „הכנסת־כלה" אין שטעטל. די חברה האָט געזאָרגט פאַר צוגרייטן אַן אויסשטייער פאַר דער כלה, געהאָלפן דינגען אַ וווינונג, אאַז"וו. אַלץ וואָס די חברה האָט געטאָן איז געהאַלטן געוואָרן בסוד. אירע עסקנים זענען געקומען צו משפחות וואָס האָבן זיך גענייטיקט אין זייער הילף, אויסגעפרעגט זיך וועגן אַלץ וואָס זיי דאַרפן, און, בשתיקה, כדי די כלה, אירע אַפּוטרופּסים, אָדער עלטערן, זאָלן נישט פאַרשעמט ווערן, האָט מען אַריינגעבראַכט דאָס נייטיקסטע, און אויך געזאָרגט פאַר דעם, אַז די איינגעאָרדנטע חתונה זאָל אויסזען לייטיש. צו דעם צוועק זענען, אין אַזאַ פאַל, פאַרבעטן געוואָרן חשובע באַלעבאַטים פון שטעטל.

* *
*

די „חברה ביקור־חולים" האָט דערפילט אין שטעטל אַ זייער וויכטיקע שליחות. מיטגלידער פון דער חברה האָבן נישט בלויז געוואַכט ביים קראַנקן, נאָר אויך געהאָלפן מיט פאַרשידענע מיטלען.

אין שטעטל, איז, כידוע, נישט געווען קיין דאָקטער, נאָר אַ פעלדשער. אַ ליאַדע קרענק האָט זיך פאַרשלעפּט וואָכן און חדשים. די חברה האָט געהאָלפן, ווו עס איז נייטיק געווען, מיט געלט און מיט ברענגען אַ דאָקטער פון דער פרעמד.

די יידישע קליינהענדלערס און בעל־מלאָכות אין פאַריסאָוו האָבן געשאַפן אַ גמילות־חסדים קאַסע וואָס האָט אַרויסגעגעבן אָנפּראָצענטיקע הלוואות. דער גרונט־קאַפּיטאַל פון דער קאַסע איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן פון געלט־סומעס וואָס עס האָבן געגעבן די מער פאַרמעגלעכע באַלעבאַטים.

די קאַסע האָט מיט אירע קליינע הלוואות דערמעגלעכט די עקזיסטענץ פון אַ סך אָרעמע סוחרים און בעל־מלאָכות וועלכע האָבן נישט געהאַט גענוג געלט צו פירן זייער מסחר, אָדער, אויף איינצוקויפן מאַטעריאַלן פאַר זייערע אַרבעטס־וואַרשטאַטן. די איינציקע באַנק וואָס פאַריסאָוו האָט פאַרמאָגט, האָט געגעבן הלוואות אויף משכנות, אָדער אויף וועקסלען מיט גוטע זשיראַנטן. אַן אָרעמער בעל־מלאָכה האָט דאָרט קיין הלוואה נישט געקאָנט באַקומען, ווייל ער האָט נישט געהאַט וואָס צו פאַרזעצן, אָדער — ווער עס זאָל פאַר אים זשירירן. ער האָט אָבער יאָ געקאָנט קריגן אַ הלוואה אין דער גמילות־חסדים־קאַסע, ווייל די בעל־מלאָכות און קליינע סוחרים האָבן קעגנזייטיק זיך געהאָלפן. איינער האָט זשירירט פאַרן צווייטן. אַזוי אַרום האָט די אָנפּראָצענטיקע קאַסע געבראַכט פיל נוצן פאַר די, וועלכע האָבן זיך געראַנגלט פאַר זייער קיום.

אברהם אָסיפּ / קבוצת דגניה ב׳, ישראל

זכרונות פון אַ פאַרגאַנגענער וועלט

אין פאַריסאָוו זענען געווען אַ סך חסידים־שטיבלעך, ווי: אָטוואָצקער, קאָלאָביעלער, קאָזשעניצער און אַנדערע. אָבער די אַלע שטיבלעך זענען געווען אָפן נאָר אין שבתים און אין ימים־טובים. אַ גאַנצע וואָך זענען זיי געווען כמעט ווי פאַרמאַכט. דאָס גערער שטיבל איז געווען אָפן אַ גאַנצע וואָך, ביי טאָג און ביי נאַכט. דאָרט האָבן געלערנט אפילו נישט קיין גערער חסידים. צווישן די גערער חסידים אין פאַריסאָוו האָבן זיך געפונען באַקאַנטע תלמידי־חכמים, און לומדי־תורה.

דאָס גערער שטיבל איז געווען אַן אָרט ווו עלטערע חסידים און יונגע־לייט האָבן זיך אויסגעלעבט אין חסידישער פריילעכקייט, בבחינת „נגילה ונשמחה בישועתו״. אַ מלווה־מלכה אין גערער שטיבל פלעגט זיך אָפט פאַרציען ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין, און דעמאָלט פלעגן מאָדזשיצער, צי גערער ניגונים אָפּהילכן אין שטעטל.

אין גערער שטיבל פלעגן אָפּט פאַרקומען סעודהלעך. דאָ — אַ יאָרצייט פון אַ רבין, דאָ — אַ סיום פון אַ מסכתא, אָדער גאָר סתם אַ ראש־חודש סעודהלע. זיצנדיק אין שטיבל, האָבן די יידן פאַרגעסן אין זייערע דאַגות, אין שטייערן, און אין אַנדערע צרות. בעלי־מדרגות האָבן אין אַזעלכע שעהען פון פאַרברענגען צוזאַמען, געוואָלט זיך אויפהייבן איבער דער וואָכעדיקייט אין וועלכער מען איז געזונקען מחוץ דעם שטיבל, און זיי האָבן זיך מחיה געווען מיט דער מעגלעכקייט צו קענען אַריינקוקן אין זיך, אין דער אייגענער נשמה, און מאַכן אַ חשבון־הנפש, זען ווי מען האַלט אין דער וועלט...

דאָס זענען געווען מינוטן פון גייסטיקער הנאה פאַר שטיבל־יידן. מינוטן פון „הנה מה טוב ומה נעים שבת אחים גם יחד״.

פאַר מיינע אויגן גייען אויף עטלעכע טיפּן פון יידן אין גערער שטיבל, אַזוי ווי כ׳האָב זיי געזען, אָדער געקענט.

ר׳ משה חיים יאָסלס

נאָך איידער ער איז געוואָרן באַקאַנט אונטערן נאָמען „ר׳ משה חיים יאָסלס״, האָט ער איינגעפירט אין גערער שטיבל דעם מנהג צו לערנען יעדן טאָג, צווישן מנחה־מעריב, דעם דף־היומי וואָס איז געשאַפן געוואָרן דורכן גרינדער פון ישיבת־חכמי־לובלין — הרב מאיר שפּיראָ זצ״ל. צו דעם שיעור פון דף־היומי האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן עטלעכע מנינים יידן. ר׳ משה, וועלכער האָט געזאָגט דעם שיעור, איז אַליין געווען אַ גרויסער בקי אין ש״ס און פוסקים.

ר׳ משה איז געווען אַ הויכער און ברייטבייניקער, האָט געהאַט אַ געל בערדל און אַ צעקנייטשט פּנים. ער איז שטענדיק געווען בשמחה, אויפגערוימט, און האָט געפלעגט זאָגן: „ברוך ד׳ יום יום״. ר׳ משה איז געווען שטאַרק באַליבט ביי אַלעמען.

ר׳ שלמה יהודה

אין גערער שטיבל איז געווען אַ ייד וועלכן מען האָט גערופן: ר׳ שלמה יהודה. סיי זומער און סיי ווינטער, פלעגט ער אויפשטיין גאָר פרי צו עבודת־הבורא. ר׳ שלמה יהודה איז שטענדיק געווען דער ערשטער אין שטיבל, און האָט געהאַט די „חזקה״ אײנצוהייצן דאָס אייוועלע און צוגרייטן די קאַווע. טוענדיק דאָס, פלעגט ער שטענדיק צוברימען אַ חסידיש זמרל. ווען אַלץ איז שוין געווען פאַרטיק, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט לערנען, הויך, אויפן קול, און דער ניגון האָט אַרויסגעוואָנדערט ווייט־ווייט איבערן שטעטל.

איין מאָל, אין אַ קאַלטער ווינטערנאַכט, איז אַראָפּ אַ געדיכטער שניי און ווינטן האָבן אַלץ אונטערגעהויבן. ר׳ שלמה יהודה האָט נישט גערעכנט

זיך מיט דעם, נאָר איז, ווי שטענדיק, אַוועק אין שטיבל אַריין לערנען תורה. אַז מען האָט אים צו מאָרגנס געפרעגט: „הייתכן? ווי גייט מען אַרויס אין גאַס אין אַזאַ וועטער?״ האָט ער געענטפערט: „די הייליקע נביאים האָבן געזאָגט, אַז מען דאַרף דינען דעם אייבערשטן „ברגש״. די ראשי תיבות פון „ברגש״ זענען: ברקים, רעמים, גשמים, שלגים. אַ ייד דאַרף פאַר גאָר נישט זיך שרעקן, חוץ פאַרן רבונו־של־עולם״.

ר׳ שלמה יהודה, דער פרומער גערער חסיד, האָט געלעבט אין דחקות, איז געווען אַ מסתפק במועט — אַבי נישט אָנצוקומען, חלילה, לידי בשר ודם.

שלום ריקער

אין גערער שטיבל איז געווען אַ קליין דאַר יידעלע, וועמען מען האָט גערופן: שלום ריקער, אָדער — דער קליינער שלום.

אין מיטן העלן טאָג, ווען מענטשן זענען געווען באַשעפטיקט, יעדער ביי זיין אַרבעט, ביי מסחר, האָט מען דעם קליינעם שלום געקאָנט טרעפן אין גערער שטיבל ביי אַ „חידושי־הרי״ם״, אָדער — „שפת־אמת״.

ווען דאָס קליינע, שוואַכע מענטשעלע, האָט געדאַוונט, האָט מען געקאָנט מיינען, אַז אַלץ אַרום אים קערט זיך איבער, ממש „כל עצמותיו תאמרנה״. שלום איז געווען נישט בלויז דער עילוי פון שטעטל, נאָר האָט אויך געשמט ווי אַ בעל־מידות־טובות, און האָט מקיים געווען דעם „ואהבת לרעך כמוך״ מיט לייב און לעבן.

די הכנסת-אורחים אין פאַריסאָוו

צוויי פאַריסאָווער יידן: ר׳ נחום לערמאַן (ר׳ נחום דער בלעכער) און ר׳ שמואל לייזער פאַרמאַן, האָבן גענומען אויף זיך די זאָרג פאַר היימלאָזע יידן, וואָס פלעגן קומען זיך אויפהאַלטן אין פאַריסאָוו. די צוויי ערלעכע עסקנים האָבן איינגעטיילט צווישן זיך די פונקציעס: ר׳ נחום האָט פאַר־זאָרגט די אורחים מיט שלאָפן, און ר׳ שמואל לייזער — מיט עסן. די דאָזיקע צוויי יידן האָבן אַרויסגעוויזן גרויס מסירת־נפש פאַר דער מצווה פון הכנסת־אורחים, פאַרנאַכלעסיקנדיק זייערע פריוואַטע עסקים.

ר׳ נחום און ר׳ שמואל לייזער האָבן שפּעטער אויפגעשטעלט די הכנסת־אורחים אין שטעטל (אַ שטוב מיט בעטן און בעטגעוואַנט). בעת דעם שווערן ווינטער, אין יאָר 1929, ווען אין אַ סך פאַריסאָווער שטובן האָט אויסגעפעלט הייץ־מאַטעריאַל, איז ר׳ נחום לערמאַן, געגאַנגען פון שטוב צו שטוב און האָט געבעטן אַ ביסל האָלץ, קוילן, צי טאָרף, פאַר דער הכנסת־אורחים.

די היימלאָזע וועלכע זענען פאַרבליבן אין שטעטל אויף אַ שבת, צי יום־טוב, האָבן באַקומען „קוויטלעך" צו בעלי־בתים ווו זיי האָבן געגעסן די סעודות.

אויך אין אַ וואָכנטאָג זענען היימלאָזע יידן וועלכע האָבן זיך אויפגעהאַלטן אין הכנסת־אורחים, פאַרזאָרגט געוואָרן מיט עסן.

דאָס יידישע פאָריסאָוו האָט שטאַרק אָפּגעשאַצט די איבערגעגעבענע אַרבעט פון די צוויי יידן, און שטענדיק זיך וואַרעם אָפּגערופן אויף זייערס אַ רוף נאָך הילף.

אריה קופערבוים

מיינע מלמדים

ר׳ חיים לייב

מיין ערשטער רבי איז געווען ר׳ חיים לייב, אָדער ווי מ׳האָט אים גערופן אין שטעטל: חיים לייבעלע „דער קנייפער". דער רבי האָט געוווינט אין אַ קליין, פינצטער געסל. דער „חדר" איז באַשטאַנען פון איין צימער אין וועלכען עס האָבן זיך געפונען צוויי בעטן און אַ טיש מיט אַ לאַנגער באַנק. ר׳ חיים לייב איז געווען אַ בייזלעכער ייד, געהאַט אַ גרויסע, שוואַרצע באָרד, און לאַנגע פיאות. שטענדיק האָט ער געהאַלטן דעם קאַנטשיק אין האַנט.

ווען איך בין אַלט געוואָרן פינף יאָר, האָב איך אָנגעהויבן לערנען חומש. דעם שבת פון דער דאָזיקער וואָך האָט דער טאַטע געמאַכט אַ „קידוש". כמעט די גאַנצע משפחה איז געקומען אויפן קידוש. מ׳האָט מיך פאַרהערט אַ פּרשה חומש און איך האָב זי געזאָגט „ווי אַ וואַסער".

יצחק סאָלדאַט

מיין צווייטער מלמד איז געווען יצחק סאָלדאַט. ביי אים האָב איך אָנגעהויבן לערנען גמרא. מ׳האָט אים גערופן „סאָלדאַט", ווייל ער האָט זיך באַטייליקט אין דער רוסיש־יאַפּאַנישער מלחמה. יצחק סאָלדאַט האָט נישט געהאַט קיין קאַנטשיק, אָבער מ׳האָט מורא געהאַט בלויז פאַר זיין קוק, ווייל ער האָט ליב געהאַט גוט אָנצודרייען די אויערן. ביי אים האָט דער „חדר" שוין אויסגעזען אַ ביסל לייטישער: די בעטן און דאָס קיך־ווינקעל זענען געווען פאַרהאָנגען מיט ליילעכער. יצחק סאָלדאַט האָט זיינע תלמידים געלערנט אויך שרייבן און אַ ביסל רוסיש.

אין איינעם אַ טאָג, אין יאָר 1914, בעת מיר זענען געזעסן און האָבן געשמאַק געלערנט גמרא, האָט זיך צו אונדז דערטראָגן אַ טומל פון דער גאַס. דער רבי איז אַרויס און באַלד האָט ער זיך אומגעקערט אָן ערנסטער. ער איז צו צום טיש, אַ קוש געטאָן די גמרא, און פאַרמאַכנדיק זי, זיך געוואָנדן צו דער ווייב: יענטע, גיב אַהער דעם רוקזאַק, פאַק איין דאָס נייטיקסטע, וואָרעם, איך גיי אין מלחמה. צו אונדז, זיינע תלמידים, האָט ער זיך געוואָנדן בזו הלשון: זייט געזונט, גייטס אַהיים און זאָגטס תהלים, אַז איך זאָל בשלום צוריקקומען, וועלן מיר דעמאָלט ווייטער לערנען.

אברהם מאיר דער גמרא־מלמד

אין דער מלחמה־צייט, האָט מען מיך אָפּגעגעבן צו דעם לאָמען אברהם מאיר, דער גמרא־מלמד. זיין „חדר" האָט זיך געפונען אין אַ שמאָל, לאַנג געוועלב. פון פאָרנט איז עס געווען אַ קרעמל פון ליכט וואָס זיין זון חיים יהושע האָט געהאַלטן, און טיפער אַריין, איז געווען דער „חדר". דאָרט זענען געשטאַנען: איין טישל און עטלעכע בענק. די ייִנגלעך זענען געזעסן שטאַרק צונויפגעדריקט. אברהם מאיר האָט געהאַט גאָר אַ וואַזשנעם קאַנטשיק. ער איז געווען געפלאָכטן פון זעקס לעדערנע פּאַסיקלעך. איין מאָל, ווען דער רבי איז אַוועק דאַווענען מנחה, האָבן מיר זיך נוקם געווען אין קאַנטשיק און אים צעשניטן אויף קליינטשיקע שטיקלעך. ווען דער רבי איז צוריקגעקומען פון דאַווענען און האָט געזען וואָס מיר האָבן אָפּגעטאָן, האָט ער געשריגן, זיך געבייזערט און — לסוף שטיל געוואָרן. קיין נייעם קאַנטשיק האָט ער שוין נישט געמאַכט.

ר' אברהם אלעזר שידלאָוויצקי

מיין לעצטער און סימפּאַטישער מלמד איז געווען ר' אברהם אלעזר שידלאָוויצקי. זיין וווינונג איז באַשטאַנען פון צוויי צימערן: אין איין צימער איז געווען דער „חדר", און אין צווייטן, האָט זיין ווייב, די רביצין רבקה רחל, געפירט אַ בעקעריי. די רביצין האָט ליב געהאַט איר מאַנס תלמידים, ווייל מיר האָבן איר געהאָלפן אַריינטראָגן דאָס האָלץ וואָס אַ האָלצהעקער, אַ גוי, האָט אָנגעהאַקט.

אויך דער רבי, ר. אברהם אלעזר, איז געווען אַ מזג טוב. ער האָט זיך קיין מאָל נישט געבייזערט אויף אונדז. געלערנט האָט ער מיט אונדז כסדר איין גמרא — בבא מציעא. פון תנ"ך האָט ער מיט אונדז געלערנט שמואל און מלכים. ער האָט אויך אונדז געלערנט שפּילן שאָך און „דאַמקע".

בעת דער דייטשער אָקופּאַציע האָב איך אויפגעהערט צו לערנען אין חדר. ווען די מלחמה האָט זיך געענדיקט, איז מיין רבי, יצחק סאָלדאַט, צוריק־

געקומען אַ גאַנצער, אַ געזונטער. אין שטעטל איז געווען אַ שמחה. ער האָט געמאַכט אַ „קידוש״, איינגעלאַדן אַ ביסל באַלעבאַטים, געוועזענע תלמידים, און דערציילט מעשיות וועגן דער מלחמה, און אויך ווי אַזוי מ'האָט אַראָפּ־געוואָרפן דעם צאַר ניקאָליי.

מלך פּאָסקלינסקי

אַ חתונה אין שטעטל

אַ יידישע חתונה אין פּאָריסאָוו האָט מסתמא אויסגעזען ווי יעדע יידישע חתונה אין אַנדערע שטעטלעך. פון דעסטוועגן ווילט זיך דאָ דערמאָנען ווי אַזוי עס האָט אויסגעזען אַזאַ יידישע שמחה אין אייגענעם שטעטל.

פאַר דער חופה, האָבן די געסט, צוזאַמען מיטן חתן און די מחותנים, פאַרברענגט ביי געדעקטע טישן מיט משקה און צובייס. כלי־זמרים האָבן געשפּילט, און הערשעלע סאַבינער האָט באַזונגען, געזאָגט בדחנות מיט אַ טרויעריקן ניגון, אַז עס האָט אַזש אָנגענומען ביים האַרץ, און דערפירט מענטשן צו פאַרגיסן טרערן.

אין דער זעלבער צייט, איז די כלה מיט אירע געסט, געזעסן אין אַ צווייט הויז, וווּ עס האָבן געברענט בליצלאָמפּן, און אַלץ אַרום האָט אָנגעזאָגט, אַז אַ חתונה קומט פאָר אין שטעטל. אין אַ ווינקל, אויף אַן איבערגעקערטער באַליע, איז געווען אַוועקגעשטעלט אַן אויסגעבעטע שטול, אויף וועלכער עס איז געזעסן די כלה, אַן אויסגעפּוצטע און אויסגעשלייערטע. אַרום איר, זענען געשטאַנען יונגע אויסגעצוואָגענע מיידלעך, און האָבן געקוקט אויף דער כלה, ווער מיט שעמעוודיקע בליקן, און ווער — מיט קנאה.

נאָכן „אָפּשפּילן״ דעם חתן, איז הערשעלע בדחן, אַריבער צו דער כלה אין שטוב, אין באַגלייטונג פון די כלי־זמרים: הערש־לייב, שמחה חיים, און יהודה מיט זיין זון, ווו זיי האָבן „אָפּגעשפּילט״ דער כלה. דער בדחן האָט געזאָגט גראַמען, און אַרויסגערופן אַ שטאַרק געכליפּעריי ביי די פרויען.

כמנהג פּאָריסאָוו, פלעגט אַ חופה פאָרקומען לעבן דער שול. די אונטער־פירערס פלעגן ברענגען דעם חתן איינגעהילט אין אַ טלית און „ווייסע חברה״ האָבן געהאַט אַ חזקה צו שטעכן דעם חתן מיט שפּילקעס בעת ער איז געשטאַנען אונטער דער חופה. ווינטער, אַז דער חתן האָט געטראָגן שווערע מלבושים

און ס׳איז שווער געווען צוצוקומען מיט די שפּילקעס, האָט מען אים באַוואָרפן מיט הויפּנס־שניי. נאָך דעם ווי דער חתן האָט צעבראָכן דאָס אונטערגעלייגטע גלאָז, האָט יונגוואַרג אויסגערופן אויפן קול „מאַלאַדיעץ״, און דעמאָלט האָבן אַלע זיך געווונשטן „מזל־טוב״.

צוריק פון דער חופּה איז דער עולם געגאַנגען טאַנצנדיק און זינגענדיק. כלי־זמרים האָבן צוגעשפּילט, און דאָס גאַנצע שטעטל האָט מיטגעלעבט די שמחה. בעת דעם פרייליכן מאַרש איבער די גאַסן, פלעגט די מחותנתטע, מיט אַ געפלאָכטענעם קוילעטש אין די הענט, זיך אַוועקלאָזן אין אַ טענצל אַ קעגן חתן־כלה. ווייבער האָבן געפּאַטשט מיט די הענט, און איינע האָט געווונטשן דער אַנדערער, עס זאָל זיין אין אַ מזלדיקער שעה.

גלייך נאָך דער חופּה, פלעגט דער עולם זיך צונויפקומען ביי דער כלה אין שטוב, ווו עס זענען געשטאַנען געגרייטע טישן. חתן־כלה זענען אין צווישן, פאַרשוווּנדן געוואָרן אין חדר־יחוד, און ווען זיי זענען צוריקגעקומען, איז דער עולם שוין געווען אין מיטן דער סעודה. דער בדחן האָט אַצינד ווידער געזאָגט גראַמען, געפלאָכטן זיי מיט וויצן, און די כלי־זמרים האָבן אָפּגעשפּילט יעדן גאַסט באַזונדער, און באַקומען „אין דער טאַש אַריין״.

אין די שפּעטערע צייטן, האָט שוין געפלעגט פּאַסירן, אַז יינגלעך און מיידלעך האָבן זיך דערלויבט צו טאַנצן צוזאַמען. די כלי־זמרים האָבן גענומען באַצאָלט פון די פּאָרלעך פאַר יעדן טאַנץ.

אין פּאָריסאָוו איז געווען אַ גוי, וועמען מ׳האָט גערופן „דער רויטער שייגעץ״. דער פאַרשוין איז געווען אַ גברן און אַ הפקר־יונג וועלכער פלעגט אָנוואַרפן אַן אימה אויף יידן, און זיי אָנטאָן געברענטע צרות. דער דאָזיקער גוי האָט געהאַט אַ חזקה צו קומען אויף יידישע חתונות, און דאָרט באַלע־באַטעווען. ער פלעגט אָנווייזן וועמען מיט וועמען עס דאַרף טאַנצן. קיין שום בחור. אָדער מיידל, האָבן נישט געוואָגט ווידערצושפּעניקן דעם „אויסוואָל״ פון „רויטן שייגעץ״, ווייל דעמאָלט וואָלט די גאַנצע שמחה געקאָנט צעשטערט ווערן.

נאָר, סיי ווי, איז אין אַ חתונה־נאַכט געווען לעבעדיק אין שטעטל. אין מיטן דער סעודה, ווען דער עולם איז שוין געווען אַ ביסל בגילופנדיק, האָט הערשעלע בדחן זיך אַוועקגעשטעלט אויף אַ בענקל, דאָס זיידענע היטל זיינס — פאַררוקט אין אַ זייט, און מיט אַ חזנישער שטימע, אויסגערופן דרשה־געשאַנק פאַר חתן־כלה.

— — — אַזוי האָט מען זיך געלאָזט ווילגיין אַ גאַנצע נאַכט, פאַרגעסנדיק, אַז צו מאָרגנס איז אַ וואָכעדיקער אַרבעטס־טאָג, מיט אַלע צרות פון אַ גאַנץ יאָר. אַלץ האָט געטאַנצט, אַלץ האָט געזונגען, אַלץ האָט זיך געפרייט. גאָרנישט קיין קלייניקייט — אַ חתונה אין שטעטל...

שלמה באָראָווסקי

דער ערשטער פוטבאָל-מעטש אין שטעטל

איך בין אַלט געווען פערצן יאָר, ווען איך האָב בייגעוווינט — זייענדיק גראָד צו גאַסט אין פאַלעניץ — אַ פוטבאָל־מעטש פון יוגנטלעכע. איך בין אַהיימגעקומען אַ באַגייסטערטער און איך האָב גלייך צונויפגערופן אַ באַראַטונג פון עטלעכע חברים וועגן אָרגאַניזירן אַ ספּאָרט־גרופּע. מיר האָבן באַשלאָסן צו קויפן אַ באַלעם, נאָר אַזוי ווי ער האָט געדאַרפט קאָסטן עלף זלאָטעס, האָבן מיר צווישן זיך צוזאַמענגעשטעלט די סומע. נאָך דעם, זענען מיר, מאיר זילבערשטיין און איך, אַוועק צופוס קיין גאַרוואָלין און האָבן דאָרט געקויפט דעם באַלעם.

מיר האָבן אויסגעקליבן פאַר זיך אַ פּלאַץ הינטער מלכלס שטוב און אָנגעהויבן זיך טרענירן אין פוטבאָל־שפּיל. אין אַ צייט אַרום האָבן מיר זיך פאַרשטענדיקט מיט אַ גאַרוואָלינער יידישער גרופּע פוטבאָל־שפּילער — אָנגעפירט דורך אַ געוויסן לאַנגער — און זיי פאַרגעלייגט אַראָפּצוקומען קיין פּאַריסאָוו אויף אַ פאַרמעסט מיט אונדז. זיי האָבן מסכּים געווען צו אונדזער פּראָפּאָזיציע, בתנאי מיר זאָלן זיי אַראָפּברענגען מיט אַ פור קיין פּאַריסאָוו. מיר האָבן געמוזט צונויפנעמען גראָשנס ביי די עלטערן און באַצאָלן פאַר אַ פור וואָס זאָל זיי ברענגען פון גאַרוואָלין.

דער פאַרמעסט צווישן אונדז און דער גאַרוואָלינער גרופּע איז פאָר־געקומען אין אַ שבת. מורא האָבנדיק אַריינצופאָרן אין שטעטל אין שבת, זענען די פוטבאָליסטן פון גאַרוואָלין אַראָפּ פון וואָגן הינטערן שטעטל, און אַריינגעקומען צופוס. מיר האָבן אויך מורא געהאָט פאַר די חסידישע קרייזן אין שטעטל און אין דער לעצטער מינוט האָבן מיר געטוישט דעם שפּילפּלאַץ, אַוועקלאָזנדיק זיך אויף די פּאָדכאַינעס. דער ערשטער פוטבאָל־פאַרמעסט אין פּאַריסאָוו איז געשפּילט געוואָרן אין גרויס שפּאַנונג, און האָט זיך געענדיקט מיטן רעזולטאַט 1:2, לטובת די גאַרוואָלינער.

נאָך אונדז האָט זיך אָרגאַניזירט אין שטעטל אַ קריסטלעכע יוגנטלעכע פוטבאָל־מאַנשאַפט. נאָך אַ געוויסער צייט, האָבן זיי אונדז אַרויסגערופן אויף אַ פאַרמעסט. דער מעטש איז פאָרגעקומען אויפן בהמה־מאַרק, אין אַ זונטיקדיקן טאָג. נישט געקוקט אויף זייער ברוטאַלן אופן פון שפּילן, האָבן מיר אָפּגעהאַלטן אַ נצחון: דער מעטש האָט זיך געענדיקט מיטן רעזולטאַט 1:3 לטובת דער יידישער גרופּע.

נאָך דעם פאַרמעסט איז צו אונדז געקומען אשר אָסיפּ פון פּראָפעסיאָנעלן

פאַראיין אין פאַריסאָוו און האָט אונדז פאַרגעלייגט זיך איינצוגלידערן אין פאַראיין. מיר האָבן דערצו מסכים געווען, און דער פאַראיין האָט אויפגעגייט פאַר אונדז עלף פאַר הויזן צום שפּילן (שוואַרצע הויזן און רויטע פּאַסן). שפּעטער, האָט אשר אסיפ אויך געווירקט אויף אונדז מסכים צו זיין, אַז צו דער גרופּע זאָלן צוקאָאָפּטירט ווערן עטלעכע עלטערע חברים פון פאַראיין, ווייל, מיר זענען נאָך צו יונג — אַזוי האָט ער געהאַלטן — אַליין אָנצופירן מיט אונדזערע ענינים. די צוקאָאָפּטירטע חברים זענען געווען: משה מאָטל גוטריימאַן, משה אהרן באָרנשטיין, אהרן וויינשטיין (ישראל סענדערס זון), משה חוה רייזלס (דעם פאַמיליע נאָמען געדענק איך נישט).

די ערשטע שפּילערס פון אונדזער גרופּע זענען געווען:

מאיר זילבערשטיין (ישראל איסרס זון) וועלכער לעבט היינט אין אויסטראַליע; יהושיע און דוד פּאַפּיער — צוויי ברידער, וועלכע זענען אומגעקומען אין דער לעצטער מלחמה; לייבישל גוטקינד — אומגעקומען אין דער מלחמה; אברהם לאַטאָוויצקי (געשטאָרבן); יידל קופּערהאַנט (יידל האַצמאַך); משה אשר ראובנס (קלושינסקי?); באָמע גאָלדשטיין און שלמה באָראָווסקי. די נעמען פון נאָך צוויי שפּילערס געדענק איך נישט.

אין יאָר 1930, האָב איך פאַרלאָזט דאָס שטעטל, די פוטבאָל־גרופּע האָט ווייטער עקזיסטירט אין די ראַמען פון פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין אין פאַריסאָוו.

* *
*

פיש לכבוד שבת

יעדן פרייטיק און ערב־יום־טוב, ווען אין דרויסן איז נאָך געווען גוט טונקל, האָט איבער די גאַסן פון שטעטל געשפּאַנט ישראלקעלע דער פישער, וועמען מען האָט אויך גערופן „מצבה־קריצער", ווייל ער איז געווען דער איינציקער מצבה־קריצער אין שטעטל. ישראלקעלע איז דעמאָלט געגאַנגען צום מאַרק־צו, און ווי זיין שטייגער, כסדר צוגעהוסט, פשוט, דערפאַר, ווייל ער האָט שטענדיק געהאַלטן די ליולקע אין מויל, און נישט אויפגעהערט צו רייכערן.

ווען ישראלקעלע איז אָנגעקומען אויפן מאַרק, האָט ער גלייך אויפגעשטעלט זיין וואָג, און זי גוט אויסגעפּראָבירט, כדי חלילה נישט צו געבן קיינעם אַ פאַלשע וואָג.

צו הילף איז אים געקומען זיין שותף ישראל־אשר. צוזאַמען, האָבן זיי אויפגעשטעלט גרויסע באַליעס, אָנגעפילט זיי מיט וואַסער, כדי, ווי נאָר די סטאַריוואָליער און גאַזדער פויערים וועלן אָנקומען מיט די פיש, זאָל מען זיי קאָנען גלייך אַריינלאָזן אין באַליעס מיט וואַסער.

נאָך דעם ווי דאָס אַלץ איז שוין געווען צוגעגרייט, האָט ישראלקעלע גענומען די ליולקע אין האַנט, זי גוט אויסגערייניקט, אָנגעשטאָפּט מיט טאַבאַק, גענומען רייכערן און ווי זיין טבע — אויך צוהוסטן.

אַ ביסל שפּעטער, זענען אָנגעקומען די פויערים מיט די לעבעדיקע פיש. די פעסער וואָס זענען גשטאַנען אויף די וועגענער זענען געווען אַרומגענומען מיט שטיקער פויערישע לייוונט, כדי די פיש זאָלן, אויפן וועג, נישט מאַכן „ויברח". די פויערן האָבן איבערגעקערט די פעסער אין די באַליעס אַריין, און די פיש — ווי זיי וואָלטן זיך מחיה געווען מיט דער ליכטיקער שיין — האָבן אָנגעהויבן אַרומלויפן אין די באַליעס ווי צעבאַלעוועטע.

עס האָט נישט לאַנג געדויערט, און עס האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן פּאָריסאָווער יידישע בעל־הביתטעס מיט קיישלעך אין די הענט. די, האָט געוואָלט אַ גרויס פישל און די — גאָר גרויסע פיש. איינע האָט געבעטן קליינע פישלעך און אַן אַנדערע — גאָר קליינע. ישראלקעלעס קליינע הענטלעך זענען כסדר אַרומגעלאָפן אין וואַסער, ווי זיי וואָלטן דאָרט אַרומגעשווומען. זיי האָבן דאָרט געזוכט די פּאַסיקע סחורה פאַרן קונה, אַרויפגעלייגט זי אויף דער וואָג, און פון דאָרט זי אַריינגעשליידערט אינעם קיישל פון דער בעל־הביתטע.

ישראלקעלעס מסחר האָט אַזוי אָנגעהאַלטן ביזן האַלבן טאָג אַריין. דערנאָך, אַז די שותפים האָבן זיך אַרומגעזען אַז עס קומען נישט מער קיין קונים, האָבן זיי פאַרשטאַנען, אַז דאָס שטעטל איז שוין פאַרזאָרגט מיט פיש לכבוד שבת, צי יום־טוב, און זיי האָבן אָנגעהויבן איינפּאַקן אַלע זייערע זאַכן. ישראלקעלע האָט מיט זיך גענומען דאָס קעסטעלע מיטן געלייזטן געלט, די וואָג, און זיך געלאָזט אַהיים צו זיך, אין רבינס הויף, ווו ער האָט געוווינט. פאַרבייגייענדיק יידישע שטיבער, זענען צו אים דערגאַנגען געשמאַקע ריחות פון זיך קאָכנדיקע פיש, און ער האָט געהאַט דערפון אַ הנאה, ווי ער וואָלט געהאַט אַ חלק אין די שבתדיקע, צי יומטובדיקע סעודות פון אַלע יידן אין שטעטל...

שלמה גאָלדשטיין

מיינע שבתים

פרייטיק אין דער פרי האָט אונדזער שטעטל געביטן זיין אויסזען. אויפן מאַרק, זענען, מיט באַגינען, שוין געשטאַנען די יידישע פיש־סוחרים, הענדלערס מיט אויבס, פלייש און עופות, און האָבן געוואַרט אויף די ערב־שבתדיקע קונים. אַ ביסל שפּעטער האָט מען געהערט האַקן פיש, שטויסן צימרינג און פעפער — אַלץ לכבוד שבת. פאַריסאָווער פרויען האָבן געהאַלטן פאַר אַ מצוה אַליין צו באַקן חלות. באַלעבאָסטעס האָבן זיך געאיילט צוצוגרייטן פרי דאָס טשאָלנט, און אריינברענגען דעם שבת אין שטוב וואָס פריער.

ווען די מענער זענען אַהיימגעקומען פון מקווה, אויסגעצוואָגענע און אויסגעבעזעמטע, מיט צעקעמטע בערד און אַראָפּהענגענדיקע פיאות, פון וועלכע עס האָט נאָך געטריפט דאָס מקווה־וואַסער, האָבן זיי שוין געטראָפן זייערע שטובן אויסגעשיט מיט פרישן זאַמד. באַלד דערנאָך האָט זיך באַוויזן דער שול־שמש, וועלכער האָט, מיט איין האַנט אונטערגעלייגט אונטערן אויער, גערופן יידן צו גיין אין שול אַריין.

נאָך דעם ווי די מאַמע האָט געבענטשט ליכט, אויסוויינענדיק זיך דערביי גאַנץ גוט, זענען מיר אַוועק מיטן טאַטן צו קבלת־שבת. ביז דער חזן האָט זיך געשטעלט דאַווענען, און בעת די הפסקות, האָבן יידן זיך דורכגעשמועסט. אַ גאַנצע וואָך איז מען געווען פאַריאָגט, מען האָט זיך נישט געטראָפן, איז אַצינד געווען אַ גוטע געלעגנהייט צו דערציילן זיך, איינער דעם אַנדערן, וואָס עס איז פאַרלאָפן במשך אַ פאַרגאַנגענער וואָך.

מיין טאַטע, דער קליינער פנחסל — ווי מען האָט אים גערופן — האָט צוריקקומענדיק פון דאַווענען, אויפגענומען די מלאכים — די הייליקע שבת־געסט, מיט אַ ברייטן „שלום עליכם". ביים טיש, בעת דער סעודה, האָבן אַלע קינדער מיטגעזונגען זמירות, און אין שטוב איז געווען יידישלעך־פריילעך.

דער טאַטע פלעגט אויפשטיין שבת פאַר טאָג, און אַוועקגיין לערנען אין בית־המדרש אַריין. שטענדיק האָט ער מיטגענומען מיט זיך עטלעכע שטיקלעך צוקער, צו דער טיי וואָס די יידן האָבן דאָרט געטרונקען. דער טאַטע האָט פאַרברענגט ביים לערנען שיינע שעהען. דערנאָך איז ער צוריקגעקומען, גענומען דעם סידור, און איינער פון די קינדער האָט אים נאָכגעטראָגן דעם טלית אין אַ „חברה" אַריין ווו ער האָט געדאַווענט און איז געווען גבאי.

„עונג־שבת" אויף אונדזער שטייגער...

ביים שבתדיקן טיש, ווען דער טאַטע האָט געענדיקט זינגען זמירות,

האָבן מיר, די קינדער, געזונגען אונדזערע לידער. דער טאַטע האָט אונדז גאָרנישט געזאָגט. מיר האָבן, פאַרשטייט זיך, געפילט זיך נאָך פרייער ווען טאַטע־מאַמע האָבן, נאָך דער סעודה, איינגעדרעמלט, און מיר זענען אַוועק, יעדער איינער, וווהין נאָר ער האָט געוואָלט.

פרייטיק־צו־נאַכטס, נאָך דער סעודה, האָבן יונגע בחורים און מיידלעך, אָנגעפילט די גאַסן און געסלעך אין שטעטל. דערנאָך איז מען אַריין אין די האַלב־צוגעשלאָסענע סאַדע־וואַסער־געוועלבלעך, געטרונקען עפעס, געשפילט אין דאָמינאָ, צי אין שאַך.

שבת אין דער פרי, פלעגט די זעלבע יוגנט, באַלאָדנט מיט ביכער און צייטונגען, אָדער מיט אַ פוטבאָל, זיך אַרויסלאָזן צום וועלדל וואָס האָט זיך געפונען נישט ווייט פון שטעטל. דאָרט האָט יעדע גרופע פאַרברענגט אויף איר שטייגער. מען האָט אויך געלייענט צוזאַמען, דיסקוטירט, און געזונגען לידער.

נישט ווייט פון שטעטל איז פאַראַן אַזאַ בערגל וואָס האָט אין אונדזערע אויגן דעמאָלט אויסגעזען ווי דער העכסטער באַרג... אין די שבתים, האָבן מיר דאָרט געפלעגט זיך אַרויפדראַפּען אויפן שפּיץ באַרג, און דערנאָך זיך אַראָפּקייקלען אין טאָל אַריין. אַ סך זענען דאָרט געזעסן גאַנצע שעהען און האָבן געלייענט. עס זענען דאָרט געשטאַנען ביימער אויף וועלכע עס זענען געוואַקסן ווילדע ניס. מיר האָבן געריסן די ניס און געגעסן.

ווינטערצייט, האָבן מיר געפלעגט, אין אַ פרייטיק־צו־נאַכטס, פאַרברענגען אויפן פאַרפרוירענעם טייכל, גליטשן זיך אויפן גלאַנציקן אייז און זיך באַוואַרפן מיט קוילן שניי.

אונדזערע יוגנטלעכע פאַרוויילונגען זענען, מיינסטנס, פאָרגעקומען אין די פרייטיק־צו־נאַכטסן, אָדער — שבת, נאָכן עסן. שבת פאַר נאַכט, ווען איך פלעג אַהיימקומען אַ מידער, האָב איך, כמעט שטענדיק, געטראָפן מיין מאַמען אַ זיצנדיקע איבערן טייטש־חומש, אָדער איבער אַ תחינה וואָס זי האָט פאָרגעלייענט פאַר אונדזער שכנטע טויבע רחל. נאָכן געבן מיר עסן, האָט זי אויפגעמישט דאָס בלעטל וואָס זי האָט געהאַט פאַרקנייטשט ווי אַ סימן, און ווייטער פרום געלייענט.

אריה קופּערבוים

די ימים-נוראים אין אונדזער שטעטל
(זכרונות פון אַ חרוב געוואָרענער היים)

גלייך אין די ערשטע טעג פון חודש אלול האָט מען דערשפּירט דאָס דערנענטערן זיך פון די ימים־נוראים. יידן אין שטעטל האָבן אָנגעהויבן גיין אויף קבר־אָבות. גאַנצע משפחות, יונג און אַלט, האָבן זיך אַוועקגעלאָזט אויפן „גוטן־אָרט", זענען געגאַנגען פון קבר צו קבר פון נאָענטע און טייערע, און האָבן געבעטן, אַז זיי זאָלן „דאָרט", אויפן עולם־האמת, זיך מיען פאַר זיי.

אין די דאָזיקע טעג איז אויפן פּאַריסאָווער בית־עולם געווען „לעבעדיקער" ווי אין שטעטל גופא. מענטשן האָבן אַריינגערעדט אין די קברים, זיך „אויסגעשמועסט" מיט די טויטע, געפרעגט ביי זיי עצות וועגן שידוכים און אַנדערע ענינים, אָדער באַקלאָגט זיך, הלמאי זיי זענען אַוועק פון דער וועלט און האָבן נישט דערלעבט צו פירן אַ קינד צו דער חופה. פון די קברים אַרויס איז נישט געקומען קיין ענטפער, אָבער דאָך איז מען אַוועק צופרידן, געטרייסט, און פול מיט גלויבן, אַז מ'האָט עפּעס אויסגעפּועלט. אויפן וועג צוריק פון קבר־אָבות, האָבן מענטשן זיך איבערדערציילט ווי אַזוי זיי האָבן זיך „אויסגעטענהט" מיט די קברים, פּונקט אַזוי ווי מען דערציילט זיך וועגן אַ באַזוך ביי עלטערן, קרובים, אָדער באַקאַנטע.

אין חודש אלול איז מען באַזונדערס געגאַנגען צום אוהל פון די גוטע־יידן. אַ סך זענען געקומען פון דער פרעמד. אַלע צוזאַמען האָבן געבעטן ביי די צדיקים זיי זאָלן זיין פאַר זיי מליצי־יושר אויף יענער וועלט.

די שמשים גרשון פעלמאַן און אשר בער באַראָווסקי האָבן אָפּגענומען „קוויטלעך" פון די באַזוכערס אין אוהל פון די צדיקים. דער פּאַריסאָווער חזן ר' אברהם שמואל איז אַרומגעגאַנגען — לויט באַשטעלונג — צווישן די קברים, אין אוהל, און מיט זיין שיין קלינגענדיק קול געמאַכט אַ „אל מלא רחמים". גאַנץ חודש אלול, און די טעג צווישן די ימים־נוראים, זענען געווען ביי אים „הויך־סעזאָן".

די סליחות־וואָך

די פּאַקטישע ימים־נוראים־שטימונג האָט זיך אָנגעהויבן אין דער סליחות־וואָך. מוצאי־שבת, נאָך האַלבער נאַכט, האָט דער שמש זיך אַרויסגעלאָזט איבערן שטעטל מיט זיין לאַמטערן, געגאַנגען פון שטוב צו שטוב, אָנגעקלאַפּט דריי מאָל מיט זיין הילצערנעם האַמער און גערופן: „יידן, שטייט אויף צו סליחות".

עס האָט נישט לאַנג געדויערט, און מענער און פרויען זענען אַרויס פון די שטובן, און האָבן זיך געלאָזט צום בית־המדרש צו וואָס האָט זיך געטובלט אין ליכט, ווייל אַלע בליצלאָמפּן זענען געווען אָנגעצונדן.

דער חזן האָט אָנגעהויבן זאָגן סליחות מיטן טראַדיציאָנעלן ניגון, און אַז ער האָט גענומען אויסוויינען דעם „הנשמה לך והגוף שלך", האָט זיך דערטראָגן אַזאַ געכליפּעריי פון דער ווייבער־שול, אַז ס'האָט אַזש אַלעמען אַרומגעכאַפּט אַ פּחד פאַר דעם מלך־המלכים וואָס זיצט אין הימל און משפּט.

ראש־השנה און יום־כיפור

ערב ראש־השנה האָבן פּאָריסאָווער יידן אָוועקגעלייגט אַלע זייערע עסקים און זיך גענומען מכין זיין צו די פּאָרכטיקע טעג. חסידים, וואָס זענען געפאָרן צו אַנדערע רביים, האָבן איינגעפּאַקט אין זייערע רענצלעך די יום־טובדיקע מלבושים, דעם טלית, און דאָס קיטל, און זיך געאיילט אין וועג אַריין. אַנדערע זענען געלאָפן צו יאַנקל שערער זיך אָפּשערן און גלייך דערנאָך — אין מקווה אַריין, כדי צו זיין ריין און געלייטערט ווען דער יום־טוב וועט אָנקומען.

פּאָריסאָווער בעל־הביתטעס, ווי בכלל יידישע פרויען, האָבן אין ערב ראש־השנה געהאַט אַ סך צו טאָן: איינצוקויפן לעבעדיקע קאַרפּלעך — צו האָבן אַ לעבעדיק, גוט יאָר; האָניק — כדי באַשאָנקען צו ווערן מיט אַ זיס יאָר; גרויסע ליכט — כדי זוכה צו זיין צו אַ ליכטיק יאָר, און געפלאָכטענע חלות, אין פאָרעם פון אַ לייטער — אַ רמז, אַז די תפילות זאָלן אַרויף גלייך אין הימל.

ראש־השנה ביינאַכט, און אַזוי ביידע טעג יום־טוב, איז דאָס גאַנצע שטעטל געווען אַרומגענומען מיט אַ יידישער הייליקייט. אַפילו קריסטן האָבן זיך אָפּגעהאַלטן פון פאָרן איבער די גאַסן פון שטעטל.

אין בית־המדרש האָט ר' אברהם שמואל האַרציק און זיס געדאַוונט, אויס געוויינט דעם „בראש השנה יכתבון" און אַלע האָבן מיטגעוויינט, מיטגעקרעכצט און מיטגעזיפצט. און וואָס איז דען געווען אַ וווּנדער? מ'האָט דאָך מורא געהאַט פאַרן גזר־הדין, און מ'האָט געוואָלט אָפּשרייען דאָס שלעכטע...

— — — ערב יום־כיפור, יידן איילן זיך צו מנחה פאַרן פאַרפאַסטן. צוריקקומענדיק, עסט מען שנעל די סעודה־מפסקת. דער טאַטע טוט אָן דעם ווייסן בליאַנקעדיקן קיטל און אויף אים — דעם גרויסן טלית. די מאַמע צינדט מיט גרויס געוויין, די הייליקע יום־כיפור־ליכט, בעט ביים רבונו־של־עולם אַ גוט קוויטל פאַר איר גאַנץ הויזגעזינד. מיטן טלית איבערן קאָפּ בענטשט דער טאַטע יעדעס קינד באַזונדער. שכנים און שכנות קומען אַריין, אַלע מיט פאַרוויינטע אויגן, און מען ווינטשט זיך אַ גוט געבענטשט יאָר.

נאָך דעם לאָזט מען זיך אַוועק אין שול צו כל־נדרי. די שול איז פול

מיט מתפללים. דאָרט זיצן צוזאַמען גאַנצע משפחות. אַזוי אויך אין דער ווייבער־שול. מיט אַ דערשטיקט געוויין זאָגן די מענער „תפילה זכה״, און די פרויען — די תחינות, געשריבענע אין עברי־טייטש. די אָן אַ שיעור ברענענדיקע נשמה־ליכט פאַרשפרייטן אַ מאָדנע אימה.

און דעמאָלט... דעמאָלט דערהערט זיך די שטים פון חזן וועלכער הייבט אָן זאָגן כל־נדרי און אַלעמענס הערצער ציטערן אויף. אַלץ איז זיך מייחד מיטן באַשעפער פון דער וועלט, מיט דעם וואָס משפט אַלע ברואים און אַלע יצורים, מיט דעם, אין וועמעס האַנט עס ליגט דער „מי לחיים״, און חלילה דער „מי...״

אין יענע ווייטע צייטן האָבן די פאַריסאָווער יידן פאַרגעשטעלט מיט זיך, אַ פרומע גאָטספאַרכטיקע עדה.

מאיר פיינזין (ז״ל)

סוכות און שמחת־תורה

גאָר פריילעך איז געווען אין שטעטל אין די סוכות־טעג, און באַזונדערס אין שמחת־תורה. גלייך מוצאי־יום־כיפור, האָט מען פרייער אָפּגעאָטעמט. עס איז אַוועק די שווערע ערנסטקייט פון די פנימער, און ווי נאָר מען האָט אָנגעהויבן זיך פאַרען ביים אויפשטעלן די סוכות, האָט עפּעס אַלעמען אַרומגענומען אַ פרייד.

מיטן אויפשטעלן די סוכות און מיט די „דאגות״ וועגן אַן אתרוג, זענען פאַרביי די עטלעכע טעג ביז יום טוב, און ווען אַלץ איז שוין געווען פאַרטיק, ס׳איז געוואָרן ערב יום־טוב פאַר נאַכט, איז מען אַוועק צום דאַווענען, ווער, אין שול אַריין, ווער, אין בית־המדרש אַריין, און ווער — אין די חסידים־שטיבלעך. ערשט דאָרט, אין די בתי־תפילה, האָט מען דערשפּירט דעם אָנהייב פון „זמן־שמחתנו״. מען האָט זיך געטראָפן מיט „געסט״, געקומענע אויף יום־טוב: קינדער וואָס האָבן געאַרבעט אין דער פרעמד, אין גרויסע שטעט; אויסגעגעבענע זין, און טעכטער, וואָס זענען מיט זייערע אייגענע פאַמיליעס געקומען צו טאַטע־מאַמע, צו שווער און שוויגער.

ווען די מענער זענען נאָך געווען ביים דאַווענען, האָבן די באַלעבאָסטעס, שוין אַ ביסל אויסגערוטע, נאָך דער שווערער האַרעוואַניע פון אַריינברענגען דעם יום־טוב אין שטוב, און אין דער סוכה, זיך אויסגעפוצט אין יומטובדיקע קליידער, און געוואַרט אויפן צוריקקומען פון די מענער און קינדער.

אין פוילן האָט אָפט מאָל גערעגנט אין סוכות. פלעגט פּאַסירן, אַז יידן צוריקגעקומענע פון דאַווענען, האָבן וואָס שנעלער געוואָלט מקיים זיין די מצוה פון זיצן אין סוכה, און — נישט געקאָנט, טאַקע צוליבן רעגן. פלעגט מען אַזוי וואַרטן און וואַרטן, נישט וועלן מוותר זיין, און סוף־כל־סוף זיך אַריינכאַפּן אין סוכה, זאָגן די אושפיזין, מאַכן קידוש, און נעמען עסן די סעודת יום־טוב. נישט איין מאָל פלעגט טרעפן, אַז דורכן סכך, ווי געדיכט ער זאָל נישט זיין אָנגעלייגט, פלעגט גאָר „ברויוח" אַריינרינען, טאַקע גלייך אין דער קאָכעדיקער יויך...

אין יעדער סוכה, זענען, על־פי־רוב, געזעסן עטלעכע משפחות, נאָענטע שכנים. נו, טאַקע דערפאַר, האָבן די באַלעבאָסטעס זיך באַמיט נישט צו פאַר שעמען זייערע מענער, און דערלאַנגט פּאָרציעס, וואָס, נאָרמאַל, ביי זיך אין שטוב, האָט מען זיך עס נישט פאַרגונען...

דער ייד מיטן אתרוג

דעם ערשטן טאָג סוכות, זענען קינדער פרי אויפגעשטאַנען. זיי האָבן געוווסט, אַז עס דאַרף קומען דער ייד מיטן אתרוג און לולב. ער וועט זיי געבן צו בענטשן, און זיי וועלן קאָנען עפעס עסן. מאַמעס האָבן געזאָרגט דערפאַר, אַז די קינדער זאָלן דעמאָלט זיין יומטובדיק אָנגעטאָן, און דער עיקר — זיי זאָלן שוין האָבן געוואַשן די הענטלעך, אַנדערש וועט דער ייד זיי נישט געבן דעם אתרוג צו בענטשן.

דער אַ ייד מיטן אתרוג איז אַזוי געגאַנגען פון שטוב צו שטוב. אומעטום, ווו נאָר ער איז אַריינגעקומען, האָט ער, מיט ציטער, געעפנט דאָס פודעלע אין וועלכן ס'איז געלעגן דער אתרוג, און אַזאַ אָנגענעמער ריח איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען איבער דער שטוב. דער ייד האָט נישט געטרויט אַ קינד צו האַלטן אַליין דעם אתרוג, האָט ער אונטערגעהאַלטן די פרי מיט זיין האַנט, און געזאָגט מיטן קינד די ברכה „על נטילת לולב".

אין דער זעלבער צייט, האָבן אויך די פרויען געבענטשט אתרוג, און זיך געפילט ווי מיטבאַטייליקטע אין דער גרויסער, חשובער מצווה.

דעם צווייטן טאָג יום־טוב, ווען די מענטשן זענען שוין געווען מער אויסגערוט, האָט די סעודה אין דער סוכה געדויערט לענגער. איין שכן האָט מכבד געווען דעם צווייטן מיט אַ טרונק בראָנפן, מיט ביר, און אַנדערע גוטע זאַכן. מ'האָט געטרונקען „לחיים", טאַקע, איין מאָל און נאָך אַ מאָל, און מענטשן זענען געוואָרן פריילעך, אויפגערוימט, אַנדערע — אַ ביסל שיכורלעך. פון אַלע סוכות האָבן זיך געטראָגן יידישע געזאַנגען, חסידישע ניגונים, און אַ פריילעכקייט האָט זיך געשפרייט איבערן גאַנצן שטעטל.

אין חול המועד

פּאָריסאָווער יידן האָבן נישט געאַרבעט אין חול־המועד, נישט אויסגעטאָן

די יומטובדיקע מלבושים. בלויז די בעל־עגלות זענען געווען די איינציקע וואָס האָבן געאַרבעט אין זייער פאַך: געשפּאַנט פערד און וואָגן, און געפירט די „חול־המועדניקעס" — ווערמען, קיין וואַרשע און ווערמען, צו קרובים אין די נאָענטע שטעטלעך, אַ יונגן בחור וואָס האָט געדאַרפט פאָרן „שויען" (זען) אַ כלה, אָדער אַ מיידל — אַ געשדכנטן חתן.

אַ גרויסע מעלה האָבן געהאַט די וועגענער פון די פאַריסאָווער יידישע בעל־עגלות אין די חול־המועד טעג: זיי זענען געווען אויסגעפּוצט, און טאַקע אויך רייגער פון אַ גאַנץ יאָר. די פורמאַנעס האָבן געוווּסט, אַז די חול־המועד־געסט זענען אָנגעטאָן אין בעסערע מלבושים, דאַרף מען זיי געבן אַן אויסגערייניקטן וואָגן...

הושענות פאַר יידן אין שטעטל

אַ ביסל יונגוואַרג, און אויך דערוואַקסענע, האָבן פאַרזאָרגט דאָס שטעטל מיט הושענות אויף הושענא־רבה. כדי צו ברענגען די ריכטיקע הושענות, האָט מען געדאַרפט גיין אַזש 10 קילאָמעטער. פאַרמעגלעכע באַלעבאַטים וואָס האָבן געקאָנט באַצאָלן אַ גוטן פּרייז, האָבן אָפּגעוואַרט די הושענות־סוחרים, און גלייך ווי נאָר זיי זענען אָנגעקומען אין שטעטל אַריין, האָבן זיי אויסגעקליבן פאַר זיך די שענסטע סחורה, וואָס זיי האָבן געוואָלט. אויך דער פאַריסאָווער רבי האָט געשיקט זיין שמש ער זאָל פאַר אים אויסקלייבן דאָס שענסטע און דאָס בעסטע פון די הושענות. נאָר דער ריכטיקער מסחר האָט זיך ערשט געשטעלט הושענא־רבה, באַלד אין דער פרי. דעמאָלט האָט יעדער פאַריסאָווער־ייד איינגעהאַנדלט הושענות פאַר זיך, פאַר ווייב און קינדער, אַלע זאָלן האָבן וואָס צו שלאָגן...

אין שמחת־תורה

אין שמחת־תורה האָט איין גרויסע פרייד־כוואַליע זיך געטראָגן איבערן שטעטל. אומעטום, אין יעדן שטיבל, אין בית־המדרש, אין דער שול, און ביים רבין אין הויף, האָט מען זיך געפרייט מיט דער תורה. איין חברה וואָס האָט געדאַרפט ספרי־תורה פאַר אירע מענטשן, האָט אויסגעבאָרגט ביי אַ צווייטער. אומעטום, האָט מען פאַרקויפט עליות, „חתן־תורה" און „חתן־בראשית", צי „מפטיר" אויף אַ גאַנץ יאָר. אומעטום, האָט מען זיך אויך געגרייט צו קידושא־רבה׳ס, צו סעודה׳לעך...

גרויס איז געווען די פרייד פון די קינדער בעת די הקפות. אַלע האָבן געהאַלטן פענער אין די הענט און אין יעדן פאָן האָט געשטעקט אַ רויט עפּעלע אין דער שפּיץ מיט אַ ברענענדיק ליכטעלע. אומעטום, האָבן יידן, אַלט און יונג, געטאַנצט מיט דער תורה, אַלץ איז געגאַנגען אין קאַראַהאָד.

צניעותדיק אָנגעטאָן, פלעגן די פרויען, יונגע און עלטערע, זיך שטופּן

אין די פאָדערשטע צימערן פון די בתי־תפילה כדי בעסער צו זען די טאַנצנדיקע יידן. די גבאים פלעגן ליאַרעמען: „נשים, אין דער זייט״, אָבער זיי, די נשים, האָבן זיך נישט גערירט פון אָרט, געוואָלט אויך מיטלעבן די פרייד פון אַלע יידן מיט דער תורה.

שמחת־תורה בייטאָג, האָבן חסידים געמאַכט פריילעך אין שטעטל. אין די טליתים, זענען זיי געגאַנגען פון שטוב צו שטוב, פון איין „היימישן״ צום אַנדערן, און אויסגעליידיקט די שענקלעך, אַרויס גענומען מאכלים פון די אויוונס, און דערנאָך צוזאַמען געגעסן און געטרונקען, געלאָזט זיך ווילגיין, געטאַנצט און געזונגען, פאַרטריבן אַלע זאָרגן, געוואָלט פאַרגעסן אין אָנקומענדיקן ווינטער, און אמתדיק זיך געפרייט מיט דער תורה.

* * *

דער שמש פון בית-המדרש צינדט חנוכה-ליכט
(זכרונות פון קינדער־יאָרן)

ערב חנוכה איז דאָס לערנען אין חדר אונדז קיין מאָל נישט געגאַנגען אין קאָפּ אַריין. אומגעדולדיקע, האָבן מיר אויסגעקוקט, אַז די שעהען אין חדר זאָלן וואָס שנעלער פאַרביי, עס זאָל ווערן נאַכט און מיר זאָלן קאָנען גיין אין בית־המדרש אַריין, בייזיין ביי חנוכה־ליכט־צינדן פון גרשון דעם שמש („גרשון גלעזער״).

איינער אַזאַ ערב חנוכה איז ביי מיר געבליבן איינגעקריצט אין זכרון. איך האָב נאָך דעמאָלט געלערנט ביי ר׳ שלום שאַץ אין חדר, אַדער ווי מען האָט אים גערופן „שלום חנה מאליס״.

(אַגב, מיין רבי, ר׳ שלום, איז געווען אַ קליין, דאַר יידל, מיט אַ שטיקל הויכע פּלייצע, געהאַט אַ בלייך, לענגלעך פּנים און אַ שפּיציק בערדל. ר׳ שלום איז נישט געווען סתם אַ מלמד, נאָר טאַקע אַ תלמיד־חכם, מיט סמיכות אויף רבנות, און מיר, זיינע תלמידים, האָבן געהאַט פאַר אים שטאַרק דרך־ארץ. ר׳ שלום האָט ליב געהאַט אַ קלוג וואָרט, אַ גוטן אויפטו. „אַ ייד דאַרף זיך פאַרזאָרגן מיט אַ ביסל תורה — פלעגט ער זאָגן — אַנדערש איז ער געגליכן צו אַ הוילן פאַס״).

אין יענעם ערב חנוכה, וועגן וועלכן איך וויל דערציילן האָט דער רבי אַרויסגעשפּירט, אַז דאָס לערנען קריכט אונדז נישט אין קאָפּ אַריין, האָט ער נישט לאַנג געטראַכט און אונדז אָפּגעלאָזט פרי אַהיים. ווי נאָר מיר זענען

אַרויס אויף דער גאַס, האָבן מיר זיך אָפּגעשמועסט, אַז מיר טרעפן זיך באַלד אין בית־המדרש כּדי צו פאַרכאַפּן גוטע פּלעצער ביים פענצטער ווו דער שמש צינדט חנוכּה־ליכט.

אַ פאַרסאַפּעטער, בין איך געקומען צו לויפן אַהיים און צוגעשטאַנען צום טאַטן, אַז ער זאָל וואָס שנעלער אָוועק מיט מיר אין בית־המדרש אַריין. מיין טאַטע ע״ה, האָט וואָס אַן אמת, נישט געטראַכט נאָך צו גיין אין בית־המדרש אַריין, ווייל עס איז נאָך געווען צו פרי, אָבער ער האָט מיר צוליב געטאָן, און איז מיט מיר אַוועק אַהין.

איך געדענק נאָך ביז היינט, אַז ווען מיר זענען אַרויס פון שטוב, האָט גוט געשנייעט, און מיר האָבן זיך גלייך איינגעהילט אין ווייסן.

אין בית־המדרש האָט מיך אַרומגענומען אַ יומטובדיקע שטימונג. די אויוונס זענען געווען גוט געהייצט, און אַרום זיי, האָבן זיך געוואַרעמט עלטערע יידן און זיך מחיה געווען. אין אַלע מעשענע הענגל־לייכטערס האָבן געברענט ליכט. פון מינוט צו מינוט האָט דאָס בית־המדרש זיך אָנגעפילט מיט יידן פון אַלע שיכטן.

מיר, די קינדער, זענען געשטאַנען אויף די טישן, און האָבן געוואַרט, אַז גרשון דער שמש זאָל שוין אָנהייבן זיך פאַרען אַרום די חנוכּה־ליכט.

און אָט איז ער שוין צוגעקומען נישט ווייט פון אונדז, אָנגעטאָן אין אַן אַרומגעגאַרטלטן כאַלאַט, פון הינטער וועלכן עס האָט זיך אַרויס געזען אַ דיקער וואַטענער שפּענצער. גרשון האָט אָנגעצונדן אַ ליכטל, אַריינגענומען עס צווישן די פינגער פון איין האַנט, און פאַרשטעלט מיט דער צווייטער, כּדי די יונגע „חברה" זאָל עס נישט קאָנען פאַרלעשן. אָבער, ווי נאָר ער האָט זיך דערנענטערט צום טיש, האָט איינער פון אונדז, אַ פלינק יינגל, געגעבן אַ שטאַרקן בלאָז, און פאַרלאָשן דאָס ליכטל. גרשון האָט נאָך אַ מאָל אָנגעצונדן דאָס ליכטל, און ווידער האָט עמעצער פון אונדז עס פאַרלאָשן. דערביי האָבן אין חלל פון בית־המדרש זיך געטראָגן קולות, ווי פון אַן איינגעשטודירטן כאָר:

„ער גייט",
„ער צינדט",
„ער לאַדעוועט",
„ער קאָן נישט".

צום סוף, האָבן אונדזערע פאָטערס ביי אונדז געפועלט, אַז מיר זאָלן דעם שמש לאָזן אָנצינדן די חנוכּה־ליכט.

נאָך חנוכּה־ליכט־צינדן אין בית־המדרש, איז מען געגאַנגען אַהיים. אין אַ סך יידישע שטובן האָבן שוין געברענט חנוכּה־ליכטלעך, און זייער אָפּשיין האָט אַריינגעלויכטן אין אָוונטדיקן חלל.

נאָך דעם ווי דער טאַטע האָט געצונדן חנוכה־ליכט, האָט די מאַמע גענומען רייבן קאַרטאָפל, און אויסבאַקן לאַטקעס.

אין אונדזער הויז, זענען די קינדער שטענדיק אַוועק צום שכן יוסף סאַנעלעס, און האָבן דאָרט זיך צוגעקוקט ווי אַזוי ער הוילט אויס לעכער אין קאַרטאָפל, גיסט אַריין אין זיי אייל, ציט אַרויס פון אַן אַלטן בגד פיצלעך וואַטע, און מאַכט פון זיי קנייטלעך צו בענטשן חנוכה־ליכט. בעת יוסף האָט געמאַכט די ברכות, האָבן מיר פרום נאָכגעזאָגט „אמן", און זיך איינגעקוקט אין די פלעמעלעך וואָס האָבן זיך געריסן פון די קאַרטאָפל־לעכער און געוואָרפן אַ שיין אויף די טונקעלע ווענט פון קליינעם שטיבל.

ווען מיר זענען געקומען צוריק אין שטוב, האָבן מיר זיך אויסגעזעצט אויף דער פאַדלאָגע, און גענומען שפּילן אין דריידלעך, וואָס מיר האָבן אַליין געמאַכט פון פאָדעם־קלעצלעך וואָס אונדזער שכן בערל דער שניידער האָט אונדז געגעבן.

* *
*

היינט, איז אונדזער אַמאָליקע היים מער נישטאָ. ס'איז נישט פאַראַן מער דאָס בית־המדרש, און — נישט די חדר־קינדער וואָס זאָלן זיך זאַמלען אויף די טישן, און וואַרטן, אַז דער שמש זאָל צינדן חנוכה־ליכט...

בלויז זכרונות זענען געבליבן. ליבע זכרונות פון אַ לעבן וואָס איז חרוב געוואָרן, פון אַ לעבן וואָס וועט זיך מער נישט אומקערן...

צבי קאַפּאָטאַ

אונדזער שול

אין דער פּאַריסאָווער שול האָט מען געדאַווענט נאָר שבת און יום טוב. זי איז געווען שיין אַרכיטעקטאָניש געבויט. דער קיילעכיקער סופיט איז געווען באַדעקט מיט פּרעכטיקע מאָלערייען: אַ לייב, אַן אָדלער, אַ הירש, און לוויים וואָס שפּילן אויף פאַרשידענע מוזיק־אינסטרומענטן. די מאָלערייען האָבן ביז דער לעצטער צייט נאָך אויסגעזען פריש, כאָטש זיי זענען שוין אַלט געווען מער פון הונדערט יאָר.

אין די ייִנגלשע יאָרן האָבן מיר זיך אָנדערציילט וועגן דער שול

פאַרשידענע מעשיות. אַזוי, למשל, האָבן מיר „געוווסט" גענוי, אַז די נשמות וואָס האָבן, רחמנא־ליצלן, נישט קיין תיקון אויף יענער וועלט, קומען נאָך צוועלף ביי נאַכט אַראָפּ אין שול אַריין, און בעטן פאַר זיך אַ תיקון ביים רבונו־של־עולם. דערפאַר האָט מען מורא געהאַט צו גיין שפּעט ביי נאַכט לעבן דער שול, און, אַז ס׳איז אויסגעקומען דאָרט פאַרבייצוגיין, האָט דאָס האַרץ אונדז גוט געקלאַפּט פאַר שרעק.

אַ „שד", צי אַ ליילעך אויפן פּלויט?

איין מאָל איז מיר אויסגעקומען אַהיימצוגיין נאָך צוועלף ביי נאַכט. אַזוי ווי מיר האָבן געוווינט אין קאַלאַביעלער רבינס הויז, האָב איך געדאַרפט פאַרביי גיין די שול. פּלוצלינג, האָב איך דערזען ווי עפּעס אַ ווייסע זאַך באַוועגט זיך אויפן פּלויט פון דער שול. הגם איך האָב נישט געגלייבט אין זעם, אַז מתים קומען ביי נאַכט אין שול אַריין, האָט אָבער דאָך די ווייסע באַוועגלעכע זאַך מיך געשראָקן. איך האָב נישט געוווסט ווו זיך אַהינצוטאָן. און אַזוי ווי איך האָב נישט געוואָלט צוריקגיין, בין איך געשטאַנען און האָב געוואַרט, געוואָלט זען צי דער „ווייסער" וואָס באַוועגט זיך אויפן פּלויט וועט נישט אָנהייבן אַראָפּקריכן צו מיר. אַזוי שטייענדיק, האָט זיך מיר אָנגעהויבן דאַכטן, אַז דער וואָס געפינט זיך אויפן פּלויט שאָקלט זיך, ווי ער וואָלט גאָר געדאַוונט. אין איינעם אַ מאָמענט, האָב איך זיך אָנגענומען מיט קוראַזש, און געלאָפן, געוואַרנט, זיך דערנענטערט צום פּלויט, און... דערזען אַ ווייס ליילעך וואָס איז דורך עמעצן אויפגעהאָנגען געוואָרן צום טריקענען...

אין דער אמתן, האָט מיך יונגערהייט אויך געשראָקן דאָס פאָדערהויז פון דער שול. דאָרט איז געשטאַנען דאָס „טהרה־ברעט" וואָס האָט מיך געשראָקן מיט טויט, מיט לוויות. ווען איך האָב געקוקט אויפן ברעט האָט זיך מיר געדאַכט אַז עס שטייט אַזוי און וואַרט אַז עמעצער זאָל אוועק פון דער וועלט, און מ׳זאָל אויף אים טאָן זיין רעכט. עס איז דעריבער גאָר נישט קיין וווּנדער, אַז ס׳איז פאַר מיר געווען אַן אָפּקומעניש דאָרט אַדורכצוגיין.

* *
*

ביים אַריינקומען אין שול, אויף דער לינקער זייט, איז געווען אַ קליין שולעכל. דאָרט האָבן פאַריסאָווער יידן געדאַוונט בהשכמה. זייער חזן איז געווען נחום שטעפער, אַן אָרעמער בעל־מלאָכה. נאָך אַ וואָך שווערער האָרעוואַניע, אַז ס׳איז געקומען שבת־קודש, און נחום שטעפער האָט זיך געשטעלט פאַרן עמוד און זיך אויסגעטענהט מיטן רבונו־של־עולם, איז נישט געווען זיינס גלייכן אויף דער וועלט. אַלע זיינע וואָכעדיקע צרות זענען דעמאָלט ביי אים פאַרגעסן געוואָרן, ממש, אַוועקגעקומען. אַזאַ פּשוטער ייד ווי נחום שטעפער, האָט אין זיין דאַוונען זיך דערהויבן צו עפּעס העכערס, און מיט־

געהויבן מיט זיך די תפילות פון זיינס גלייכן — „עמך״ יידן, ווי ער, האָרע־פּאַשנע יידן, און ערלעכע ביז גאָר.

נחום שטעפּער איז אין די ימים־נוראים געווען בעל תפילה ביי די יידישע סאַדאָווניקעס, וועלכע האָבן, צוליבן ווינטער־אויבס וואָס איז נאָך נישט געווען צום אַראָפּנעמען, געמוזט בלייבן אין די סעדער.

נחום האָט געהאַט דריי זין און אייניקלעך. אַלע זענען אומגעקומען.

חיה שידלאָוויצקי־באָראָווסקי

אָט אַזוי האָב איך זיך געלערנט...

ווען איך בין אַלט געוואָרן זיבן יאָר, האָב איך אָנגעהויבן גיין אין דער פּאָלק־שול. איך האָב דאָרט געהאַט אַ סך אויסצושטיין. יעדן טאָג, ווען איך בין אַוועק אַהין, האָט מיין מאַמע מיר אָנגעזאָגט נישט צו ענטפערן, אויב עמעצער וועט מיך טשעפּען, און, אַז איך זאָל בכלל אויסמיידן יעדן שטרייט מיט די קריסטלעכע שילערינס. איך האָב אָבער געהערט צו די טיפּן וואָס האָבן נישט ליב געהאַט צו פאַרשווייגן, אויב מען האָט מיך באַליידיקט, בפרט, אויב דאָס איז געקומען דערפאַר, ווייל איך בין אַ יידישע. איך האָב טאַקע שטענדיק אָפּגעענטפערט אויף יעדער פּראָוואָקאַציע, און הערנדיק דאָס וואָרט „זשידובקאַ״, בין איך גרייט געווען צו געבן קלעפּ.

אפילו ווען איך האָב נאָך נישט געגוג פאַרשטאַנען אין יידישע נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען, האָט מיך שוין שטאַרק געאַרט, הלמאי אַלע פעלקער האָבן זייערע אייגענע לענדער, אייגענע היימען, און בלויז מיר, די יידן, האָבן עס נישט. די אַ טראַכטענישן האָבן מיך, שפּעטער געבראַכט צו די ציוניסטישע קרייזן אין שטעטל ווו מיר האָבן דיסקוטירט איבער נאַציאָנאַלע יידישע פּראַגעס.

מיינע לערערס

מיין באָבע שרה „קאָזאַק״ האָט שטאַרק געזאָרגט פאַר מיר און מיך אויך געשיקט לערנען צו אלי פאַרבערס פרוי. אין איינעם אַ טאָג, ווען איך בין געגאַנגען אַהיים פון דער רביצין, איז אָנגעפאַרן אַ רוסישע ראַזוויעדקע רייטנדיק אויף פערד (דאָס איז געווען אין דער צייט פון דער רוסישער אינוואזיע). איך האָב זיך שטאַרק דערשראָקן, און כ׳בין דערנאָך געלעגן קראַנק עטלעכע וואָכן. זינט דעמאָלט, בין איך מער נישט געגאַנגען לערנען צו אלי פאַרבערס פרוי. נאָך דעם האָט מען מיך געשיקט לערנען צו זעליג פּאָסקלינסקי, דעם

לערער. אָבער זיין אופן פון לערנען, באַזונדערס, דאָס באַנוצן זיך מיט די בריוונשטעלערס, איז מיר נישט געפעלן געוואָרן, און איך האָב איבערגעריסן ביי אים די לימודים.

דער לערער יידל עליע פון זשעלעכאָוו

פון זשעלעכאָוו איז געקומען צו פאָרן אַ לערער מיטן נאָמען יידל עליע. אויב איך בין זיך נישט טועה, איז זיין פאַמיליע־נאָמען געווען סרעברניק. ער האָט געעפנט אין פאָריסאָוו אַ פריוואַטע שולע ווו מען האָט געלערנט פאַר אַ באַשטימטן אָפּצאָל. איך בין אַוועק לערנען צו אים. אַלץ וואָס איך קען, שטאַמט פון דעם לערער. ער האָט שווער געאַרבעט אויף זיין שטיקל ברויט, און זיך באַמיט אַריינצוברענגען וויסן אין די קינדער.

אין מיין זכרון איז פאַרבליבן דאָס ערשטע לידל וואָס ער האָט אונדז אויס־געלערנט:

„אונטער אַ קליין ביימעלע
זיצן יינגעלעך צוויי
זיי רעדן פון אַ מיידעלע
קיין זאַך קימערט זיי״.

איך האָב געהאַט אַ סך רעספּעקט פאַר דעם לערער סרעברניק, ווייל אַ דאַנק אים האָבן אַ סך יידישע קינדער זיך אויסגעלערנט שרייבן און לייענען.

העניאַ קאַראַש־שליוואַקאַ / ישראל

מיין שטעטעלע פאָריסאָוו

(זכרונות)

זעקס יאָר בלויז האָב איך זיך געהאָדעוועט אין מיין ליב שטעטעלע פאָריסאָוו. זעקס קינדערישע יאָרן וואָס האָבן זיך שטאַרק איינגעקריצט אין מיין זכרון, נישט צום פאַרגעסן.

דערנאָך, האָבן מיינע עלטערן זיך אַריבערגעקליבן קיין וואַרשע און מיך אָפּגעריסן פון אַלעם וואָס איז מיר געווען אַזוי טייער און ליב. מיך האָט אָבער שטאַרק געצויגן צו דער פּאָשוויענטנער גאַס, צום גלחס פעלד, ווו איך האָב זיך מחיה געווען מיט דעם גרינעם שמעקעדיקן גראָז, און מיט די פעלד־בלימעלעך וואָס האָבן אָנגעפילט דעם חלל מיט אַזעלכע אָנגענעמע ריחות. מיך האָט אויך געצויגן צו די אַלע קינדער, צו מיינע קוזינען, מיט וועלכע איך האָב געפּלעגט

זיך שפּילן, און אין יריד־טעג — אַרומלויפן מיט זיי צווישן, און אונטער די וועגענער, אַרום די סטראַגאַנעס, און ווו נישט?

זייענדיק אין וואַרשע, האָב איך זיך געפילט ווי אַ פויגל ביי וועמען מען האָט אונטערגעהאַקט די פליגלען און צוגענומען ביי אים זיין לעבעדיקע צאַפּלדיקייט. מיינע עלטערן האָבן דאָס געזען און זיי האָבן מיר דערלויבט, צו פאָרן, בעת די זומער־וואַקאַציעס, אויף אַ חודש קיין פּאָריסאָוו. איך האָב אויפגעלעבט, זיך געפרייט מיט אַלע קינדער וועלכע איך האָב געקענט, מיטן שטעטעלע גופא, מיט אַלע מיר באַקאַנטע ווינקעלעך זיינע, און איבער הויפּט מיט מיין באַבעשי — „די הויכע גאָלדע" — וועלכע איך האָב געהאַט אַזוי ליב.

נאָך דער חודש אין פּאָריסאָוו איז שנעל פאַרביי. איך האָב זיך אומגעקערט אַהיים צו די עלטערן, צו דער שולע. איך האָב געוויינט, געבענקט צו מיין אַלטער היים, אָבער מיינע עלטערן האָבן באַשלאָסן צו באַגיין זיך מיט מיר שטרענגער, און זיי האָבן מיך נישט געלאָזט מער פאָרן קיין פּאָריסאָוו, וווהין עס האָט מיך געצויגן זייער שטאַרק.

עס זענען פאַרביי יאָרן און איך האָב נישט פאַרגעסן מיין געבוירן־שטעטל. צוויי יאָר פאַרן אויסבראָך פונעם קריג, אין יאָר 1937, האָב איך ווידער באַזוכט פּאָריסאָוו, אָבער שוין ווי אַ דערוואַקסענע. אַצינד האָב איך שוין געקוקט אויף אַלץ מיט ניכטערע בליקן. קודם־כל האָט זיך מיר געוואָרפן אין די אויגן דער אויסזען פון מיין קוזין יאָסל („דאָס קעפל" — ווי מען האָט אים גערופן), וועלכן איך האָב געהאַט געלאָזט נאָך אַ חדר־ייִנגל, מיט אַ יידיש היטל אויפן קאָפּ, און געטראָפן — אַ בחור, אַ קעמפער פאַר אַ בעסערן מאָרגן פאַר דעם אַרבעטער־קלאַס. איך האָב אויך געזען ווי פּאָריסאָווער משפחות, שוסטערס, שניידערס, קאַמאַשן־מאַכערס, און אַנדערע, האָרעווען שווער אויף אַרויסצוציען חיונה.

צו יענער צייט איז אונדזער פּאָריסאָוו געוואָרן באַקאַנט צוליב אַ פּראָצעס פון צוויי יוגנטלעכע פון שטעטל וועלכע זענען פאַרמשפּט געוואָרן צו עטלעכע יאָר תפיסה פאַר אַנטי־מלוכהשער טעטיקייט. די מוטער פון איין פאַרמשפּטן, האָט נאָכן פּראָצעס באַקומען אַ האַרץ־אַטאַק, און איז געשטאָרבן.

נאָך אויסבראָך פון קריג, אין יאָר 1939, האָט מיין באַבע „די הויכע גאָלדע", געבאַקן ברויט פאַר די פּליטים וואָס זענען געקומען צו לויפן קיין פּאָריסאָוו. איין מאָל, אין פעברואַר 1940, האָט זי, נאָך אַ טאָג אַרבעט, מיד און אויסגעמאַטערט, פאַרגעסן אויפצורוקן דעם שיבער, און זי איז, צוזאַמען מיטן מאַן, פאַרטשאַדעט געוואָרן. דאָס איז געווען אַ גרויסע טראַגעדיע, אָבער אויך אַ חסד פון הימל. זיי האָבן נישט געדאַרפט דערנאָך מיטמאַכן דעם יסורים־דיקן וועג צום טויט — דעם וועג פון זייערע קינדער, אייניקלעך, שוועסטער און ברידער, און אַנדערע פּאָריסאָווער יידן.

מאיר פיינזין (ז״ל)

די„קאָזע״ אין פּאַריסאָוו

אין פּוילן האָבן יידן ווי קריסטן אָנגערופן אַ תּפיסה מיטן נאָמען „קאָזע״. פון וואַנען עס שטאַמט די דאָזיקע באַצייכענונג פאַר אַ תּפיסה, איז מיר נישט באַקאַנט. פאַר אָפּטאָן אַ שלעכטע זאַך, פלעגן מאַמעס דראָען זייערע קינדער און זאָגן: „באַלד וועט מען קומען דיך צונעמען אין דער „קאָזע״ אַריין״.

אין פּאַריסאָוו האָט די „קאָזע״ זיך געפונען ביי דער פּוילישער גמינע, און איז געווען אין רשות פון דעם „פּאָטשטער״ (בריוון־טרעגער) וועלכער האָט זיך געפירט מיט דער „קאָזע״ מעשה־באַלעבאָס. ער האָט געהאַלטן די שליסלען פון דער „קאָזע״, און, אַז ער איז געגאַנגען אין גאַס, האָבן זיי געקלונגען אין זיין האַנט און אים צוגעגעבן חשיבות.

די „קאָזע״ איז באַשטאַנען פון איין צימער מיט נאַרעס צום שלאָפן. נישט ווייט פון סופיט, האָט געשטעקט אַ קליין פענצטערל. אַ גאַנצע וואָך איז די „קאָזע״ על־פּי־רוב, געשטאַנען ליידיק. בלויז אין אַ מאַרק־טאָג, ווען די פּויערים פלעגן זיך אָנטרינקען און זיך צוטעשלאָגן, האָט די „קאָזע״ אַריינבאַקומען „געסט״. דער איינציקער פּאָליציאַנט וואָס האָט געהיט די אָרדענונג אין שטעטל, האָט זיי אַהין אַריינגעפירט, און נאָך אַ טאָג־צוויי, זיי באַפרייט. די „קאָזע״ האָט זיך, אַזוי אַרום, כסדר אויסגעליידיקט און געהאַט פּלאַץ אויפצונעמען פרישע „געסט״.

יעקב (בצלאל) סטאַדאָלסקי — אַ יידישער דיכטער פון פּאַריסאָוו

אין בוך „המשך אַנטאָלאָגיע״ פון אַמעריקאַנער יידישער דיכטונג (1918—1943), צוזאַמענגעשטעלט פון משה שטאַרקמאַן און אַרויסגעגעבן דורכן פאַרלאַג „המשך״ ניו־יאָרק, אין יאָר תש״ה, 1945, זייט 104, לייענען מיר דאָס ווייטערע:

„יעקב (בצלאל) סטאַדאָלסקי, זון פון אברהם ס.; געב. דעם 17טן מערץ, 1890, אין פּאַריסאָוו, אַמאָליקע שעדליצער גובערניע, פּוילן. געקראָגן אַ טראַדיציאָנעלע יידישע דערציאונג און זיך באַקענט מיט דער רייכער אַלטער יידישער קולטור. אין דער פריסטער יוגנט אַוועק קיין



יעקב (בצלאל) סטאַדאָלסקי

פאַריז און געוואָרן אַקטיוו אין דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג. אונטער דער השפעה פון דר. ח. זשיטלאָווסקיס ווערק געוואָרן אַ יידישער נאַציאָנאַליסט. זיין ערשט יידיש ליד, אַ „פאַריזער נאָקטורן" איז אין אַ דייטשער איבערזעצונג געדרוקט געוואָרן אין דייטשן זשורנאַל „די נויע מענטשן", אַרויסגעגעבן פון אַ גרופע דייטש־יידישע אינטעלעקטואַלן. 1912 געקומען קיין אַמעריקע. 1918 דעביוטירט אין „אַנהויב". צוגעשטאַנען צו די „אינזיכיסטן". זיך באַטייליקט אין: אינזיך, קערן, 1925, 1926; געווען מיט־גרינדער און מיט־רעדאַקטאָר פון „ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט" („אינאיינעם מיט י. ליבמאַן, מ.י. חאַימאָוויטש און חיים קאַנטאָראָוויטש). 1944 רעדאַקטירט חודש־זשורנאַל „מיר" (אינאיינעם מיט וויליאַם אייבראַמס און מעינקע קאַץ). געווען שותף פון פאַרלאַג „גראַהאַר־סטאַדאָלסקי". אין בוכפאָרם: „אירליכט" פאַרלאַג גאָב", 1933; „ליכט פאַר די לאָדנס", פאַרלאַג „בידערמאַן", 34 זייטן, 1938; ד"ר. חיים זשיטלאָווסקי", 1941, 46 זז".

וועגן סטאַדאָלסקיס דיכטונג און וועגן אים אַליין שרייבט מיכל ליכט אין „ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט", מערץ 1940,15 אונטערן קעפּל: „עטלעכע באַמערקונגען וועגן יעקב סטאַדאָלסקי":

„...ריידנדיק וועגן סטאַדאָלסקין אַלס חסיד, ווערט בשום אופן נישט פאַרשטאַנען קיין ראַסאָווער קולטורעלער אַטאַוויזם... זיין חסידות איז נישט דער פּראָדוקט פון אַבערגלויבערישן פאָרמאַליזם און דערפאַר איז עס שוין במילא נישט עקספּלואַטאַציע־קוואַל און לחלוטין אָפּגעשיידט פון קונצנמאַכערישע זשעמאַנסטוועס.

סטאַדאָלסקי וואָס האָט זיין נחת־רוח געפונען צווישן אַ גרופּע דיכטער וואָס אונטערשטרייכט — ווער מער, ווער ווייניקער — אינטעלעקטואַלקייט (פאַרשטייט זיך, קאָמבינירט מיט דיכטערישער סענסיביליטעט) איז אורשטאַמלעך אַ קוואַל פון חסידות פאַר דעם ברויזנדיק איינגעהילטן קינסטלערישן וואָרט. ער האָט פאַר זיך געפונען אַ מיטל וואָס איז ניט בלויז אַן אויסוועג, נאָר אַן ענדגילטיקער, כאָטש ווינציק — וואַריאירטער, אינסטרומענט פאַר פאַראייביקן חסידות מיט, ניט מטלטלים פון פשטות און לויזער פאָעטישער טראַדיציע אין אונדזער שפּראַך־באַגריף, ניט מיט זינגען, טאַנצן און שפּרינגען ווי אַ פאָעטישער באַק, נאָר אין איינקלאַנג מיט דער מאַניפעסטירונג פון זיין ליד אויף אַ שטייגער וואָס איז וועזנטלעך פאַסיק פאַר אַ דיכטער פון דעם פּערמאַנענטן און אימאַנענטן, קורץ — פון נעכטן, און מאָרגן און אַמאָליקן".

מיר וועלן דאָ ברענגען עטלעכע סטאַדאָלסקיס לידער אָפּגעדרוקטע אין דער דערמאָנטער אַנטאָלאָגיע (זייטן 106—109, 425—423):

דער ווילנער גאון

אין ווילנע, דער שטאָט,
געוווינט האָט אַ גאון,
געשמט איבער דער וועלט: —
„דער ווילנער גאון".
געווען איז ער אַ ייד, אַ חריף —
אַ זעלטענער מוח;
אין שטעל — הויך;
די פּאָזע געווען וואָס צו זען.
געווען אין ענטפער שאַרף,
אין פּראַגעס — באַטייט,
זעלטן האָט מען געקאָנט טרעפן
זיין גאַטונג
אין לויף פון אַ לעבנס צייט.
ווען אין זיין בכבודיקער האַלטונג
פלעגט ער — פון זיין וואוינונג,
יעדן טאָג אין שול אַריינגיין,
פלעגן קינדער — צו זיין עונג,
אין אַ כרובים־געזאַנג זיך
פאַרגיין:

— דער ווילנער גאון גייט!
— דער ווילנער גאון גייט!
פלעגט דער „גוטער ייד", אין מיט
פון זיין וועג, אָפּשטעלן זיינע
געמאָסטענע טריט,
זיך איינהערן, מיט גרויס תענוג
צו דעם כרובים — געזאַנג;
מיט אַ פנים — פאַרטרונקען
אין קוועלן,
פלעגט ער אַ יידיש קינד
אָפּשטעלן, —
זיין פנים האָט געשיינט פון אַ
כבודיקן בזיון:
— קינד מיינס, קינד מיינס,
וויל נאָר וועסטו אויך זיין
אַ גאון.

* *
*

אויף דעם יינגלס געהער,
האָט דער אַנעקדאָט,
פון רב אברהמס ליפּן
ווי אַ חתימה אויף אַ געבאָט,
געלייגט זיך אויף זיין וואַכיקן
זכרון.

מיט יאָרן האָט ער זיך צעבליט,
צעצווייגט,
אויסגעוואַקסן, אין פאַרנעם,
געשטייגט,
ביז אידייע־פיקס, ביז שגעון;
— וויל נאָר, וויל נאָר,
וועסטו אויך זיין אַ גאון.

א בעטהאָוון סאָנאַטע

לבנה־פינגער — שפּילן אַ בעטהאָוון סאָנאַטע —
ווי וואַכיק באַוועגט זיך דיין מוזיקאַלישער געדאַנק אין מיר
אין פולן איינקלאַנג מיט מיין ברויזנדיקן ווילן —
אָ, תליון־פינגער, וואָס שפּילן
בעטהאָוונס האַרץ אויף שליסלען מאַטע — — —
— עפן אויף פון דיין לייכטורעם — די טיר,
— שפּוך חמתך! אויף דער דרויסנזייט,
הענגט דער „מילך־וועג" — אַ סוואַסטיקע,
און די לבנה — אַ הענקער־האַק אויף איר: —
צו וועלכן קאָנטינענט זאָל איצט אונדזער גייסט זעגלען?!
מאַרקס איז אַן אונדזעריקער!
אין קאָנצענטראַציע־לאַגער — דייטשלאַנד —
מייסטער, האָט דאָס גאַנצע גייסטיקע לעבן איינגעדאַרט?
אין קאָנצענטראַציע־לאַגער — דייטשלאַנד —
ווי פילן זיך די גייסטער: —
שוברט, שומאַן און מאָצאַרט?
שוואַרץ איז די נאַכטיקע וויסטאַ,
אויטאָמאַטישע פייער־אויגן
צעשניידן איר
אויף מאָרגס צעפּאַלמעסטע שטיקער;
דער מלחמה־גאָט —
ליגט אויף איר זונה־טראַכט — שיכור!
דורך מיין וויסט פענצטער,
איז די נאַכט — אַ שוואַרצע פאָן.
איר געלער עמבלעם —
אַן איינגעדאַרטער קאָפּ,
און צוויי קנאָכן — אין אַ קרייץ,
פון אַ צעטרענצלטן יעזוס־סקעלעט;
אויף גאָלגאָטע־דערנער
וואַכן גייסטער אין אַ מאַרטער־בעט: —
„גרויסער מייַנסטער!"
ניט דיין ניינטער סימפאָניע־פרייד
זינגט איצט די בלוטנדיקע מענטשהייט.

גוט שבת !

אשת חיל מרת פריידע
איז געוואָרן פרום און רעליגיעז דערצויגן.
זי האָט געוואוסט חומש, רש״י,
אַ דימענטיג פייער פלעגט אויפלייכטן
אין אירע שעמעוודיקע יידישע אויגן,
בשעת זי האָט זיך איינגעהערט צו איר מאַן ניגונדיק זיין גמרא.

חסידיש — אָרים — האָט זי זיך באַצויגן,
צו אברהמען, ווי צו אַ שררה.
זי וואָלט ניט פאַרלאַנגט, לויט קיין שום סברא,
ווי די פרוי פון בן דוסהס :
פאַר חיונה, פאַר שבת, פאַר שלוש־כוסות,
דעם גאָלדענעם פוס פון אברהמס שטול,
באַשטימט פאַר אים אין גן־עדן. — — —

אין ליבע, אין פאַרערונג,
קאָן מען מאַכן קידוש אויף ברויט פיסנעם ;
און די מלכת־שבת קאָן זיין ליכטיק, ליב,
אַפילו ביי גראָשענע ליכטלעך פיר —
ס׳עפנט זיך די טיר :
איר אברהם שפאַצירט, שפאַנט,
מיט אַ מלאך ביי איטלעכער האַנט...
(זיין וואָכעדיקייט האָט איצט אַ שבתדיקן זינען,
זיין פנים איז באַלויכטן מיט דער שיין פון דער שכינה...)

„שלום עליכם, מלאכי השרת״,
זינגט אַ כאָר מתיקות ניגונדיק ;
„לויבט דעם טאָג, וואָס האָט געגעבן
דעם מענטשן זין, תענוג, פון רו.
לויבט דעם הייליקן שבת !
זינגט זיין לויב דערפאַר,
ווייל אין זיין רשות
גלייכט ער אויס דעם האַר מיט דעם קנעכט ;

אַזוי אַרום פעסטשטעלט ער,
אויף אייביק, צווישן מענטש און מענטש
די יידישע מאָראַלע רעכט !״
,,שלום עליכם, מלאכי השרת״,
זינגט אַ כאָר מתיקות ניגונדיק ;

,,גאָט איז פאַרטיק געוואָרן מיט זיין אַרבעט,
וואָס ער האָט געטאָן, אין זעקס טעג,
און אויפן זיבעטן האָט ער גערוט,
און געהייסן דיך און דיין פאַרמעג רוען״.

אברהמס פנים שיינט,
און פון דערהויבנקייט הויבט עס אָן צו בליען ;
די מלכה־שבת לאָזט זיך, גנעדיק, אַראָפ
און נעמט מיט פאַרליבטע הענט אַרום זיינע קניען.
איר מלכותדיק פנים, אין באַגייסטערונג, צו אים נעמט זיך ציען ;
אירע אויגן מיט אַזאַ אָפנבאַרקייט שטראַלן,
אירע קאַרשן־ליפן צעעפנט,
ווי ביי אַ פאַרליבטער בלום די פעטאַלן :

,,קוש מיך מיט די קושן
פון דיין ליב מויל״.
פון ערגעץ — פון איבעראַלן —
קומט מוזיק פון געטלעכע מוזיקאַלן,
קוואַלט אַ כאָר ווי לבנה־אינספירירטע קוואַלן :
,,לכה דודי לקראת כלה
פני שבת נקבלה״.

אהרן זיגלמן

חתונה בעיירה

רוב יהודי העיירה, להוציא את בעלי־היכולת המועטים, התקשו להשיא בן או בת שהגיעו לפרקם. לילות נדודי־שנה עברו על הורים כאשר בתם בגרה ולא נמצא עבורה בן־זוג, או כאשר לא היו להם האמצעים הכספיים הדרושים להוצאות־חתונה.

בימים ההם, היו הורי־הכלה חייבים לתת לחתן נדוניה מכובדת. כן היתה עליהם הדאגה לקיומם של בני־הזוג, לפחות, לשנים הראשונות אחרי הנשואין. בשביל רבים היה נטל זה בבחינת „קריעת ים סוף״. נלקחו הלוואות, בריבית, או בלי ריבית, ולאורך ימים רבים רבץ העול של תשלום חובות.

ואף־על־פי־כן, חיפשו ההורים, תמיד, בשביל בנם, או בתם, בן־זוג או בת־זוג, ממשפחה מכובדת; נערה שתהיה אשה כשרה וצנועה ועקרת־בית טובה („כבודה בת מלך פנימה״), או בחור, שיהיה בן־תורה ובעל טוב לאשה, אותה יכניס לביתו שלו ובמחיצתה יחיה.

* *
*

בימים ההם, היו ההורים בוחרים את החתן, או את הכלה לילדיהם. הצעירים עצמם לא נשאלו, ודעה לא היתה להם בענינים אלה. ההתקשרויות נעשו באמצעות שדכן, וכשהכל היה כבר מוכן, המחותנים באו לידי הסכם, נקראו העלם והעלמה למסיבת ארוסין. החתן והכלה לא היו נפגשים ולא ראו זה את זו עד לחופה (במקרה ונתאפשרה להם פגישה כזו, נעשה הדבר בחשאי, דאגו לכך שאיש לא יראם, ובעיקר — שהדבר לא יוודע ברבים).

בתקופה שבין הארוסין והחתונה, תקופה שארכה בדרך כלל שנה אחת, עסקו שני הצדדים בהכנות לחתונה. נתפרו המלבושים (ה„ויפראַוועס״) והוכנו המגורים. את הדירה, יותר נכון, את החדר, לקחו, על־פי־רוב, סמוך לדירתם של הורי־הכלה. כשהאמצעים הכספיים של אלה היו דלים, היקצו הללו בשביל הזוג, חדר, בתוך דירתם שלהם.

* *
*

כל חתונה בעיירה היתה בשביל תושביה שמחה גדולה וחויה ממדרגה ראשונה. השמחה היתה מתחילה כבר בשבת שלפני החתונה — שבת העליה לתורה (ה„אויפרופן״). בבוקר מוקדם היו ידידיו וחבריו של החתן יוצאים לביתו ומלווים אותו בדרכו לבית־המדרש. בקריאת התורה נקרא החתן ל„מפטיר״. בגומרו את הברכה שלאחר הקריאה, היו הנשים, בעיקר, מבין המשפחה, משליכות

על ראשו של החתן אגוזים, צימוקים וממתקים. הילדים שהתאספו סביבו, היו מיד פושטים על הקרקע ואוספים את הדברים הטובים.

אחרי התפילה, היה נערך בבית־החתן קידוש למוזמנים, ואחרי הסעודה היו חבריו באים לביתו ומשמחים אותו עד הערב. משבת זו ועד לכתו לחופה, לא הלך החתן ביחידות לאף מקום, שמרו עליו.

חתן שהגיע לחתונתו מעיירה אחרת לפוריסוב, היה תמיד מלווה חברים־שושבינים. משום־מה היה אצלנו מנהג, שבהגיעם לעיירה, היו מסובבים שבע פעמים את ה„ראטהויז" (בית הועד המקומי) שעמד במרכז העיירה. צעירי־פוריסוב היו יוצאים לקבל את פני האורחים ומביאים את החתן לבית, בו נשאר, עד שקראוהו לכסות את פני הכלה („צום באַדעקן").

ביום החתונה עסק החתן בלימוד תורה, בתפילה, וצם עד לחופה. חבריו היו מבלים עמו ומשמחים אותו. לפני שהמחותנים היו באים לקחת את החתן לכיסוי פני הכלה, היה מופיע אצלו הבדחן ועמו — להקתו. אחר כך היו מלווים את החתן במנגינות לבית, בו ישבו הכלה ושושבינותיה. הבדחן היה נותן פקודות לקהל, לחתן ולכלה, הדריך בכל מעשה ומעשה. במקרה והכלה היתה יתומה, היו בפיו דברים שהרעידו לבבות. צעקות ובכיות היו נשמעות מרחוק. נשים היו מתעלפות מרוב התרגשות, והכלה היתה מתייפחת מרה.

* *
*

לפני החופה היו הרב והחזן יושבים בחדר צדדי ומכינים את הכתובה. לא פעם היתה היציאה לחופה מתעכבת עקב סכסוך בין המחותנים על רקע של אי־קיום הבטחות שניתנו. בדרך כלל היו משתדלים לסיים ריב כזה בפשרה ויוצאים לחופה כאילו לא קרה מאומה.

כל חופה נערכה בעיירתנו בחצר בית־הכנסת, וההליכה לחופה דמתה למעין תהלוכה חגיגית. בראשה הלכו ה„כלי־זמרים" וניגנו מנגינות מתאימות, מסורתיות.

לאחר החופה, חזר הזוג החדש — בליווי שירה וזימרה — לבית, בו נערכה הסעודה, כשהשמחה אופפת את העיירה כולה.

בעת הסעודה השתדל הבדחן להפגין את יכולתו; שימח את המחותנים, את הזוג הצעיר, ואת הקהל כולו.

בעיירתנו היו מזמינים לחזנות את הרשלה סוביניר (מעיירה סובין). להקתו היתה מורכבת ממנגנים יוצאי גרוולין וז'ליכוב. יהודי זה היה מומחה גדול במקצועו. נמוך־קומה היה, בעל זקנקן שחור ועינים שחורות. פיו של הרשלה סובינר היה מפיק מרגליות. גדלותו היתה גם בכך שהשכיל תמיד להתאים את תוכניתו לכל ציבור שלפניו הופיע. הרשלה ידע „לשבור" לבבות ולהביא, אף גברים, לדמעות.

בסביבה שלנו לא היו לו מתחרים (שמו הלך לפניו בקונגרס פולין

כולה) ומי שעמד לערוך חתונה, היה דואג, בעוד מועד, להשיג את הרשלה, „לשריין" אותו ליום החתונה.

בעלי־יכולת, וכן חסידים, היו, על פי רוב, מעכבים את הרשלה ולהקתו עד אחרי השבע־ברכות שלמחרת החתונה.

הנני דולה מזכרונותי מקרה מסויים שקרה במשפחתנו. הדבר היה כשנה לפני פרוץ מלחמת העולם הראשונה. והמעשה שהיה כך היה: אחת מבנות המשפחה שלנו, בתו היחידה של השו"ב דק"ק יוזפוב, סרבה, אחרי החופה, לגזוז את שערות ראשה (כידוע, היו אז מגלחים אצל הכלה את כל שערותיה, בין אם הסכימה לכך, ובין אם לא רצתה בזאת). על אף הלחץ הגדול מצד מקורבים, ובעיקר מצד אמו של החתן שתיכנע ותנהג ככל בת־ישראל, עמדה הכלה במריה. התנהלו שיחות־פיוס, מתווכים ניסו לפשר בין הצדדים, אך ללא הצלחה, כי כל צד עמד בשלו. לבסוף, הציעה הכלה פשרה: היא תגזוז לה כמה סנטי־מטרים משערותיה, ותבטיח שלא תלך בגילוי ראש. בדלית־ברירה ויתרה המחותנת על דרישותיה, ובשעה מאוחרת ניגשו לסעודת „שבע־ברכות".

במשפחתנו היה זה המאבק האחרון בין דורות. מאז לא גילחו עוד אצל כלה שערות ראשה. גם המנהג שההורים יבחרו חתן או כלה לילדם, מבלי שהצעירים יחוו קודם דעה, או, מבלי שיראו זה את זו, בטל. מלחמת העולם הראשונה שפרצה, שמה קץ לכך. רוחות חדשות החלו מנשבות בעולם והגיעו גם לעיירתנו, שינו את מראה החברתי, ואת הלך־המחשבה אצל רבים מהדור הצעיר.

יאַנקל ביאַלוברודה (ביאלע)
לאָס אַנדזשעלאָס, קאַליפאָרניע

פאָריסאָוו מיין לעבנס-קוואַל

אונדזער שטעטל פאָריסאָוו איז פאַר מיר שטענדיק געווען און איז פאַרבליבן מיין לעבנס־קוואַל. דאָ בין איך אויפגעוואַקסן, דאָ האָב איך זיך דערצויגן און אַריינגעזאַפּט אין זיך ליבשאַפט צו יידישקייט, צום פאָלק און באַזונדערס — צו אייגענע שטעטלשע יידן. שטענדיק און ביי יעדער געלעגנהייט וואַרעם איך זיך אין די אָנגענעמע דערמאָנונגען פון די קינדער־יאָרן, פון די חדר־צייטן, דערמאָנונגען וועגן חברים און פריינד מיט וועלכע איך האָב זיך אַזוי גוט אויסגעלעבט.

פאַריסאָוו איז ביי מיר פאַרבליבן אַ סימבאָל פון יידישקייט וואָס האָט געשפּרייט אירע פליגלען איבער דער גאַנצער אומגעגנט, איבער פאַלעניץ און אָטוואָצק, איבער קאַרטשעוו און אַנדערע ישובים באַוווינטע פון יידן. עס שטייען מיר פאַר די אויגן: דער פאַריסאָווער רבי, זיינע חסידים, דאָס בית־המדרש, די שול, די קולטור־אינסטיטוציעס — אַלע אַ צירונג פאַר דער פאַריסאָווער יוגנט. און עס קומען אויפן זכרון די רעפּעראַטן פון די אַראָפּ־געקומענע אין שטעטל אַריין פּרעלעגענטן און עס דערמאָנט זיך מיט וואָסער גיריקייט אונדזער יוגנט האָט געשלונגען יעדעס וואָרט, יעדן נייעם געדאַנק, ווייל אַזוי פיל האָט זי געוואָלט וויסן וועגן ליטעראַטור, קונסט און אַנדערע גייסטיקע לערעס.

מיר דאַרפן נישט פאַרגעסן: אונדזערע שטעטלשע יידן האָבן געפירט אַ שווערן קאַמף פאַרן שטיקל ברויט, פאַר פרנסה. אַלץ האָט געלעבט פון פויער. פאַר אים־וועגן האָט דער פאַריסאָווער ייד צוגעגרייט שטיוול, שיך, שניטוואַרג, אַנטועכץ, זאַלץ און צוקער און וואָס נישט? אויף אַלץ האָט די פרנסה געדאַרפט סטייען — אויף קינדער צו לערנען, קליידן זיי און שפּעטער — חתונה מאַכן...

זע איך נאָך היינט ווי פאַריסאָווער יידן לויפן אויפן דאָרף אַרויס עפּעס איינהאַנדלען, כדי צו פאַרדינען אויף חיונה. איינער ברענגט שפּייזפּראָדוקטן, איינער — פּרוכטן און איינער שלעפּט גאָר אַ קעלבל אויף די פּלייצעס, אָדער שטופּט עס אונטער. ער מאַכט דעם וועג צופוס פון דאָרף, ווייל וואָלט ער גענומען אַ פור, אַ וועגעלע, וואָלט גאָר נישט געבליבן, וואָלט געוואָרן אויס ריווח, אויס פאַרדינסט...

אַזוי האָבן פאַריסאָווער יידן געלעבט — שווער, אָבער געמיטלעך, אין קעגנזייטיקער פריינדשאַפט, שותפים צו פרייד, און חלילה — אויך פאַרקערט.

ווינטער איז גוט געווען אין שול. דער אויוון איז געווען גוט אָנגעהייצט, איז מען געזעסן אַרום אים און מען האָט זיך געוואַרעמט, געשמועסט וועגן דעם וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט און אינעם שטעטל גופא. יונגע בחורים זענען געזעסן אַרום טישן און האָבן געלערנט תורה מיט אַזאַ זיס־נאָגנדיקן ניגון, אַז עס האָט אַזש צוצענומען...

דערמאָנט מען זיך אין שול, קומען אויפן זכרון בילדער פון די סליחות־טעג אין שטעטל ווען מען פלעגט אויפשטיין פרי און איילן אין בית־המדרש אַריין, צו מנין, בילדער פון שמחת־תורה־פרייד אין שטעטל — זכרונות נישט פאַרגעסלעכע.

איז געקומען דער טאָג פון חורבן, פון אויסראָטונג און האָט נישט איבערגעלאָזט קיין זכר פון דעם אַלעם. אונדזערע טייערסטע זענען אומגעבראַכט געוואָרן און די על־פי־נס — ניצול געוואָרענע לעבן ווי אינוואַלידן, אָפּגעהאַקטע לעבנס.

איז כאָטש איין טרייסט פאַראַן — אונדזער קרוין, אונדזער שטאָלץ — די מדינת ישראל. דאַרפן מיר אַלע פאַריסאָוועד אין דער וועלט שאַפן בריקן פון קעגנזייטיקער ליבשאַפט צו זיך, ליבשאַפט צום עבר, און דורך דעם ספר־יזכור שמידן די קייט פון אונדזער פאַריסאָוועד טראַדיציע פון ערלעכקייט און מענטשלעכקייט, פון צוגעבונדנקייט צו אַלץ וואָס איז יידיש, באַזירט אויף ליבשאַפט צו ישראל, צו ירושלים און פאַר איין וועגס שוין זאָרגן און טאָן פאַר יידישער זיכערקייט, פאַרן שלום פון יידישן פאָלק און פון יידישן לאַנד.

חלק שלישי

דורות ומשפחות,
אישים ודמויות

★

דריטער טייל

דורות און משפחות,
פערזענלעכקייטן און געשטאלטן

אהרן לאַנדאַו (ז"ל) ישראל

ר׳ יצחק מענדל גאָלדמאַן — דער פריץ פון פשאַנקע

גאָר נאָענט פון פאַריסאָוו האָט זיך געפונען דער יידישער „הויף": פשאַנקע. שטייענדיק ביים עק פון דער וואַרשעווער גאַס, האָט מען פון דער ווייטנס, געקאָנט זען אַ ריי בנינים פון רויטע ציגל, און צוויי הויכע קוימנס וואָס האָבן זיך געריסן אין חלל אַריין. פון צייט צו צייט האָט פון דאָרט זיך דערטראָגן, אַזש ביזן שטעטל, אַזאַ הילכיקער פייף פון דער בראָנפן־פאַבריק (די „גאָזשעלניע") וואָס האָט געקאָכט ספירט. דאָרט האָט זיך אויך געפונען די ביר־ברויעריי. ביידע פאַבריקן זענען געווען אַרומגערינגלט מיט בנינים וואָס האָבן זיך געשפרייט איבער גרינע פעלדער און לאָנקעס, און פאַרכאַפּט דאָס אויג מיט זייער שיינקייט און פילפאַרביקייט.

די ירושה

ר׳ יצחק מענדל גאָלדמאַן און זיין שוועסטער פייגע רבקה, האָבן איבערגענומען דאָס פאַרמעגן בירושה פון זייער פאָטער ר׳ ישראלקע — איינער פון די איינגעפונדעוועסטע תושבים אין פאַריסאָוו. ר׳ ישראלקעס פאָטער — ר׳ מאיר, האָט געהערט צו די עלטסטע יידן אין דער אָנהייב־געשיכטע פונעם שטעטל.

ר ישראלקע האָט געהאַט אַ דערלויבעניש צו האַלטן די „פּראָפּינאַציע", וואָס עס האָט געהייסן: האָבן די רעכט צו פאַרקויפן אַלקהאָל־געטראַנקען אין דער גאַנצער אומגעגנט.

אין סוף פון נײַנצנטן יאָרהונדערט האָט די צאַרישע רעגירונג מבטל געמאַכט די דערלויבעניש, און צוגענומען ביי ר׳ ישראלקען די „פּראָפּינאַציע". די געוועזענע אייגנטימערס פון דעם זכות האָבן באַקומען אַ פאַרגיטיקונג. פאַר ר׳ ישראלקען איז אָנגעקומען אַ מיטטיילונג פון פעטערבורג, אַז ער באַקומט נײַנציק טויזנט רובל. זיינע ידידים, קריסטן און יידן, האָבן אים אויפגעוויזן באותות ובמופתים, אַז די פאַר אים באַשטעטיקטע סומע איז נישט גענוג, אַז זי האָט געדאַרפט זיין גרעסער. ר׳ ישראלקע איז אַריבערגעפאָרן קיין גער, צום „שפת־אמת" און אויף זיין פראַגע וועגן אָנגעבען אַ תביעה קעגן דער רעגירונג און פאַרלאַנגען אַ גרעסערע סומע, האָט ער באַקומען פון רבין אַ

קורצע, אָבער קלאָרע תשובה: „און מיט דעם געלט וואָס דו וועסט באַקומען, קען מען נישט מצליח זיין?" ר' ישראלקע האָט געטאָן ווי דער רבי האָט אים געזאָגט און גענומען די ניינציק טויזנט רובל.

אַגב, איז אינטערעסאַנט, אַז עס זענען געווען מענטשן וועלכע האָבן געהאַט קליינע פּראָצענטער אין דער דערמאָנטער דערלויבעניש וואָס די רעגירונג האָט צוגענומען, און עס זענען פאַר זיי באַשטעטיקט געוואָרן קליינע סומעס געלט. די דאָזיקע מענטשן האָבן זיך פאַרבונדן מיט אַדוואָקאַטן, פאַרפירט אַ פּראָצעס קעגן דער רעגירונג, און — אָדער זיי האָבן אין גאַנצן פאַרשפּילט זייער חלק, אָדער די פאַרגיטיקונג פאַר זיי איז אַ סך פאַרקלענערט געוואָרן.

ר' ישראלקע איז משדך זיינע קינדער צווישן זיך אַליין

ר' ישראלקע האָט חתונה געמאַכט ביידע קינדער און דערלעבט צו זען פון זיי אייניקלעך. די שנור זיינע, שרהטשע, ר' יצחק מענדלס ווייב, איז געווען די טאָכטער פון טשעקאַטשינער רב, און דער איידעם — פייגע רבקהס מאַן — ר' אברהמלע ראָזנבלום, איז געווען אַ ייד אַ למדן, אַן איש תם וישר, שטענדיק אַרומגעגאַנגען ווי אויסגעטאָן פון דער גשמיותדיקע וועלט. די געשעפטן זענען אים ווייניק אָנגעגאַנגען. ער האָט זיך פאַרלאָזט אויף זיין שוואָגער ר' יצחק מענדל גאָלדמאַן וועלכער האָט זיי טאַקע ברייט געפירט און אויך אַנטוויקלט.

עטלעכע יאָר פאַרן אויסבראָך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, איז ר' ישראלקע שוין געווען אַ זקן. די עלטסטע צוויי אייניקלעך: פישל, ר' יצחק מענדלס, און מלכה, פייגע רבקהס, זענען אַלט געווען צו פיר־פינף יאָר ווען ר' ישראלקע האָט פאַרעפנטלעכט זייערע עלטערן, דאָס הייסט: זיינע אייגענע קינדער, זיי זאָלן זיך משדך זיין צווישן זיך. מעגלעך, אַז ער האָט דערביי געהאַט אַ כוונה, אַז דאָס גאַנצע עשירות וואָס ער האָט געהאַט איבערצולאָזן, זאָל בלייבן אין דער אייגענער משפחה.

פאַרויספילנדיק, אין איינעם אַ טאָג, אַז דער סוף רוקט אָן, האָט ער צוגערופן יצחק מענדלען און פייגע רבקהן צו זיין בעט, און זיי געהייסן שרייבן תנאים מיט די קינדער. מען האָט פאַרזאָרגט אַ מנין יידן, צוגעפירט צום בעט ביידע אייניקלעך, וואָס זענען, ווי שוין געזאָגט, צוזאַמען אַלט געווען ביי אַ צען יאָר, און מען האָט געשריבן תנאים, געבראָכן טעלערס, און געטרונקען „לחיים". דער זיידע האָט געווונטשן מזל־טוב און זיך אָפּגעזעגנט מיט דער וועלט.

דער פּשאַנקער „הויף" איז נישט געווען אָפּגעשלאָסן: עס איז דאָרט שטענדיק געווען פול מיט יידן און יידענעס. איינער איז געקומען קויפן תבואה, און

איינער — פיש פון די פשאַנקער אָזערעס, אָדער אַ קעלבל אויף שבת, פאַר די פאַריסאָווער בעלי־בתים. מען איז אויך געקומען צו ר׳ יצחק מענדלען זיך אַן עצה האַלטן מיט אים, אָדער בעטן אים ער זאָל זיך משתדל זיין ביי מלכות אין אַן עת־צרה, אַ טובה טאָן אין אַ רעגירונגס־אַמט. חוץ דעם איז מען געקומען קיין פשאַנקע נעמען אַ נדבה. עס האָבן זיך דאָרט אַרומגעדרייט יידן מיט בערד — משולחים פון כל מיני ישיבות, ווי אויך ווייבער מיט טיכלעך אויף די קעפ וואָס זענען אַראָפּגעקומען זאַמלען פאַר הכנסת־כלה, צי פאַר אָרעמע קימפּע־טאָרינס. די אַלע אורחים האָט אין פשאַנקע גאָרנישט געפעלט. עס איז דאָרט געווען צו שלאָפן און צו עסן. פלעגן טאָקע יידן אָפּזיצן אַזוי אין הויף גאַנצע טעג, און קיינער האָט ביי קיינעם נישט געפרעגט: ר׳ ייד, ווי לאַנג ?...

אין די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען דאָס יידישע פאַריסאָוו האָט געלעבט אין דחקות, זענען אין פשאַנקע געווען אויפגעשטעלט גרויסע קיכן — מילכיקע און פליישיקע — און ס׳האָבן דאָרט געגעסן דורכגייענדיקע מלחמה־געליטענע, צי סתם וואַנדערערס.

אין יענער צייט האָט ר׳ יצחק מענדל פונאַנדערגעבויט דעם פשאַנקער הויף, אויפגעשטעלט די בראָנפן־פאַבריק, פאַרזאָרגט די ברויעריי מיט אַ „סלאָ־דאָווניע״, ווו מען האָט פראָדוצירט, פון גערשטן, דעם מאַלץ פאַר דעם ביר וואָס מען האָט אויסגעאַרבעט. עס זענען אויפגעשטעלט געוואָרן גרויסע אַגראַר־בנינים, שענערע ווי אין די אַרומיקע פריצישע הייף.

דאָס לעבן אין פשאַנקע

די פרויען־בעל־הביתטעס אין פשאַנקע: פייגע רבקה און איר שוועגערין שרהטשע, ר׳ יצחק מענדלס פרוי, האָבן געפירט זייער לעבנס־שטייגער, יעדע איינע אויף איר אופן. שרהטשע איז געווען אַ יושבת־אוהל, האָט נישט געשפּילט די ראָלע פון אַ „דזשעדזשיטשקע״. דאַקעגן איז פייגע רבקה געווען אַן אשת־חיל. איר האָט מען געזען אומעטום. זי האָט אויך געפירט אַ טעטיקייט צווישן דער פאַריסאָווער באַפעלקערונג.

* *
*

אין פשאַנקע איז געפירט געוואָרן אַ שטרענג, פרום־יידיש לעבן. אַ גאַנץ יאָר האָבן זיך דאָרט געפירט צוויי באַזונדערע קיכן: אַ מילכיקע און אַ פליישיקע. ערב פסח איז דאָרט געווען אַ גאַנצע איבערקערעניש. אויף די אַכט טעג פסח, האָט מען אויפגעשטעלט אַ נייע קיך פון ציגל וואָס מ׳האָט אָפּגעהיט, אויפן בוידעם, פון יאָר צו יאָר. אין פשאַנקע האָט מען אין פסח נישט גענוצט דאָס וואַסער וואָס

איז געפלאָסן פון די קראַנען. מען האָט פריער אָנגעפילט מער פון אַ צוואַנציק מעסער מיט וואַסער, זיי אַוועקגעשטעלט אין אַ ספּעציעל שטיבל וואָס האָט זיך געפונען לעבען דער קיך, און זיי פּאַרדעקט מיט ווייסע ליילעכער.


אין פריערדיקע צייטן האָט מען אין פשאַנקע געוואַשן ערב פסח די אייער ביים סטאַוו. שפּעטער האָט מען די חומרה מבטל געמאַכט, אָבער אַנדערע חומרות האָבן ווייטער אָנגעהאַלטן.

יעדעס יאָר, פאַר פסח, האָט דער הויף־משרת, פעליקס, געבראַכט פון פשאַנקע קיין פּאַריסאָוו קאַרטאָפל צו פאַרטיילן צווישן דער אָרעמער באַפעל־קערונג.

* *
*

ר׳ יצחק מענדל גאָלדמאַן איז לאַנגע יאָרן געווען ראש־הקהל אין פּאַריסאָוו און די יידישע באַפעלקערונג האָט אים ליב געהאַט. זיין לבוש איז נישט געווען אַנדערש פון דעם אָנגענומענעם אין יידישן שטעטל: אַ לאַנגע קאַפּאָטע, אַ טוכן היטל, אַ פּאָר שטיוול. אַ פיר קאַנטיק בערדל האָט באַשיינט זיין העל פנים. דער הויכער שטערן, דורכגעאַקערט מיט טיפע קנייטשן, האָט עדות געזאָגט וועגן זיין פקחות. זיינע אויגן האָבן אויסגעדריקט גוטסקייט און מילדקייט וואָס האָבן אַרויסגערופן סימפּאַטיע צו אים, און אויך דרך־ארץ.

אין גאַנג פון יאָרן, האָבן אין פשאַנקע זיך אויסגעבילדעט צוויי „דינאַס־



אַ הכשרה־פונקט אין פשאַנקע אויפן נאָמען פון אגודה־פירער רבי יעקב ראָזנהיים

טיעס״ וועלכע האָבן פאַרנומען דעם געמויערטן פּאַרטער־בנין וואָס איז דורך אַלעמען אָנגערופן געוואָרן: „דער הויף״. אין דעם בנין האָבן געוווינט ר׳ יצחק מענדל מיט זיינע פינף קינדער, און ר׳ אברהמלע מיט זיינע דריי קינדער. דער בנין איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַ שלל פון גרינס, הויכע סאָסנעס און דיקע טאָפּאָליעס. הינטערן בנין האָט זיך געצויגן אַ פּרעכטיקער אויבס־גאָרטן, פול מיט בלוימען, עפל און באַרנעס, און אפילו ביימער מיט וועלשענע ניס. יעדעס יאָר פלעגט אַ ייד פון דער סביבה נעמען אין פּאַכט דעם סאָד.

יידישע משפחות אין פשאַנקער הויף

אין פשאַנקער הויף האָבן געלעבט יידישע משפחות.

דער אַלטער פּאַקער ר׳ חיים בער האָט פאַרן שטאַרבן איבערגעגעבן זיין פונקציע דעם איידעם זיינעם. ער האָט יעדן טאָג געפירט די מילך פון פשאַנקע קיין פּילאַווע.

ר׳ וועלוול ליכטער, אָדער פשוט, וועלוול קאָוואַל, האָט געפירט די שמידעריי. זיינע צוויי זין, גרשון און יאַנקל, האָבן אים געהאָלפן אין דער אַרבעט.

ר׳ אברהם קערמאַן — „דער קליינער ראובעלע״, איז געווען דער מושל אין דער ברויעריי. ער איז געשטאַנען ביי דער אַרבעט צוזאַמען מיט די פּויערים, האָט געוואַשן פלעשער, אָפּגעצויגן ביר, אאַז״וו.

דער הויפּט פון אַלע אַרבעטער אין פשאַנקע איז געווען ר׳ מענדל דינער — „דער הויכער מענדל״, און אין די שפּעטערע יאָרן — „דער ווייסער מענדל״. ער האָט אָנגעהויבן זיין „קאַריערע״ אין פשאַנקע נאָך ביי ר׳ ישראלקען, בעת ער האָט געפירט די „פּראָפּינאַציע״. ר׳ מענדל איז געווען דער איש־מהימן אין די וואַלד־געשעפטן וואָס ר׳ ישראלקע האָט געפירט. ער איז אויך געווען אַ גרויסער „מומחה״ אין טרינקען ריינעם ספּירט, און ביי דעם איז ער געבליבן ביזן סוף פון זיין לעבן... ר׳ מענדל איז געווען אַן אָפּטער איינגייער ביי די משפחות אין הויף, און אים האָט מען אָנגעטרויט די אינטימסטע פאַמיליע־סודות. אויף די עלטערע יאָרן האָט ר׳ מענדל באַקומען אַ רענטע פון דער פּוילישער רעגירונג. דער „הויף״ האָט אים אַ ביסל צוגעשטיצט, און ער האָט במנוחה זיך אויסגעלעבט זיינע יאָרן, חתונה געמאַכט בכבוד די קינדער. ר׳ מענדל איז געשטאַרבן קורץ פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה. די אַלטע בת־שבע, זיין ווייב, איז ביזן סוף געבליבן אין פשאַנקע.

חתונות אין פשאַנקער הויף

אין יאָר 1922, איז געוואָרן געפּראַוועט די גרויסע חתונה פון די צוויי קינדער וואָס זענען פאַרקנסט געוואָרן ביים טויטן בעט פון זייער זיידן ר׳ ישראלקע. מיט דער חתונה האָט געקאָכט אין דער גאַנצער געגנט. אַלע שכנישע פּריצים האָבן אויסגעבאַרגט קיין פשאַנקע זייערע בריטשקעס און קאַטשן צו

ברענגען די געסט פון דער באַן־סטאַציע אין פילאַווע. דער גרויסער פּלאַץ פאַרן בנין איז געווען אויסגעפּוצט און באַלויכטן מיט קאָלירטע לעמפּעלעך. אין דער האַלע פון פאַבריקס־בנין זענען געווען אויסגעשטעלט טישן פאַר אַ גרויסער צאָל געסט. דער הויפּישער בנין איז געווען באַשטימט נאָר פאַר מיוחסים: רבנים, רביים, און חשובע לייט פון די „הויכע פענצטער". אין אַלע אַנדערע ווינקלען פון הויף זענען געווען אויסגעשטעלט טישן פאַר אָרעמעלייט. הונדערטער הונדערטער מענטשן האָבן זיך געפרייט מיט דער שמחה פון די יידישע פריצים — אַ ברודער און אַ שוועסטער, וואָס האָבן חתונה געמאַכט זייערע קינדער צווישן זיך אַליין...

* *
*

די צווייטע גרויסע חתונה אין פשאַנקע איז פאָרגעקומען אין יאָר 1925. געווען איז דאָס די חתונה פון ר׳ יצחק מענדלס עלטסטע טאָכטער, מלכה ליבע — אַ באַחנט מיידל, מיט אַ פאָר שיינע שוואַרצע אויגן — מיט דעם זיבעצן יאָריקן דוד שלמה מאָרגנשטערן, דעם ווישקאָווער רבס יונגסטן זון, אַ בחור אַ ירא־שמים, און שוין ביי דעם עלטער אַ למדן מופלג. צווישן די געסט זענען געווען די גרעסטע רביים און רבנים. גאַנצע זיבן טעג האָט מען געפראַוועט „שבע־ברכות". שבת זענען געפּראַוועט געוואָרן „רבישע טישן". דער יונגער דוד שלמה האָט געזאָגט תורה און שטאַרק אויסגענומען ביי די מבינים.

אין יאָרן אַרום, נאָך דער פּטירה פון לאָמאַזער רבין, האָט דער ווישקאָווער רב איבערגענומען דאָס רביסטווע. פון אַלע זיינע קינדער האָט ער אויסגעקליבן דוד שלמהן איבערצוגעבן אים דאָס כסא־הרבנות אין ווישקאָוו. די יינגע מלכה ליבע איז געוואָרן ווישקאָווער רביצן, און ר׳ יצחק מענדל איז דערפון געווען שטאַרק צופרידן. אַ סך נחת האָט ער אָבער פון זיי נישט געהאַט. עס זענען אַוועק יאָרן און דאָס פּאָרפעלק האָט נישט געהאַט קיין קינדער. ערשט צוועלף יאָר נאָך דער חתונה, איז ביי זיי געבוירן געוואָרן אַ יינגל, אָבער עטלעכע טעג נאָכן ברית, איז עס אַוועק פון דער וועלט.

די יינגע טאָכטער, חנהטשע, אַ וווּיל מיידל, מיט אַ פאָר פלאַמענדיקע, גרויסע, בלויע אויגן, און אַ בלאָנדן קאָפּ האָר, איז שוין נישט געגאַנגען אין די פרומע דרכים פון טאַטע־מאַמע. ר׳ יצחק מענדל האָט פאַר איר אויסגעזוכט אַ חתן וואָס זאָל פּאַסן פאַר אים, האָט אָבער חנהטשע נישט געוואָלט חתונה האָבן מיט אַזאַ מאַן. ר׳ יצחק מענדל, דער תקיף, האָט אונטערן דרוק פון זיין טעמפּעראַמענטפולער טאָכטער, זיך איינגעבראָכן און געמוזט זוכן אַ מער פּאַסיקן בחור פאַר איר, ביז ער האָט געפונען אַזאַ איינעם אויף וועלכן חנהטשע איז באַשטאַנען. דער דאָזיקער בחור איז געווען אַן אייניקל פון ר׳ אברהמלע טשעכאַנאָווער און פון דער ביאַלער דינאַסטיע — אַ בחור וואָס האָט אַ מאָל געטראָגן גרויסע, לאַנגע פּיאות, און איז געוואָרן מאָדערן...

דער גייסטיקער און מאַטעריעלער קריזיס אין פּשאַנקע

דער קאָמפּראָמיס אויף וועלכן ר׳ יצחק מענדל איז געצווונגען געוואָרן איינצוגיין, איז אויסגעפאַלן אין דער זעלבער צייט ווען אין פּאַריסאָוו האָט די פּראָגרעסיווע יידישע יוגנט פאַרשטאַרקט איר טעטיקייט און געפונען פאַר זיך נייע פאָרמען פון אויסלעבן זיך, אַזוי אין ציוניסטישע, ווי אין סאָציאַליסטישע קרייזן.

אין דער זעלבער תקופה האָבן די געשעפטן אין פּשאַנקע אָנגעהויבן אַראָפּגיין. ר׳ יצחק מענדל האָט זיך אַריינגעדרייט אין אַ שווערן אַקציז־פּראָצעס וואָס די פּוילישע רעגירונג האָט געפירט קעגן אים און וועלכער האָט זיך געצויגן אַ פינף־זעקס יאָר. ר׳ יצחק מענדל האָט אַרויסגעוויזן אויסערגעוויינלעכע תחבולות און ממש גאונישע אויפטועו אין זיין קאַמף פאַר געווינען דעם פּראָצעס. עס האָט אים אָפּגעקאָסט אָן אַ שיעור געלט. דער באַשולדיקונגס־אַקט האָט געהאַלטן עטלעכע הונדערט זייטן מאַשין־שריפט. עס זענען אויפגעטרעטן הונדערטער עדות, צווישן זיי — אַ סך נישט יידן. כמעט אַלע האָבן זיך באַמיט צו פאַרגרינגערן די באַשולדיקונג, אָדער זי פולקום אָפּצוואַרפן.

ר׳ יצחק מענדל האָט טאַקע געוווּנען דעם פּראָצעס, אָבער די עטלעכע יאָר וואָס דער פּראָצעס האָט אים באַשעפטיקט האָבן שטאַרק משפיע געווען לרעה אויפן עקאָנאָמישן מצב פון פּשאַנקע — אַ מצב וואָס האָט שוין אַזוי אָנגעהאַלטן ביזן גרויסן חורבן וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיטן אויסבראָך פון דער מלחמה, אין יאָר 1939.

אין דער תקופה פון שווערן מאַטעריעלן קריזיס אין פּשאַנקע, איז אויך שוואַכער געוואָרן דאָס תקיפות פון ר׳ יצחק מענדלען אין קאַמף קעגן די פרייע עלעמענטן אין פּאַריסאָוו, אַ קאַמף וואָס ער האָט געפירט במשך יאָרן אַלס ראש־הקהל פון שטעטל. זיין שטוב אַליין איז געשטאַנען אונטערן צייכן פון גייסטיקן געראַנגל פון קאַמף פאַר אַנדערע לעבנס־פאָרמען — אַ קאַמף וועלכן ער האָט שוין בשום אופן נישט געקאָנט בייקומען.

יעדעס קינד און זיין וועלט

ר׳ יצחק מענדלס עלטערע קינדער האָבן חתונה געהאַט יונגערהייט, אָבער ווען די צוויי ייִנגערע זין: אברהם מאיר און ישראל שמעון זענען געוואָרן ראוי לחופה, איז אים שוין נישט אַזוי לייכט אָנגעקומען זיי אויסצוגעבן. אברהם מאיר האָט נישט געהאַט קיין גרויסע געשעפטלעכע אַספּיראַציעס. ער האָט זיך באַנוגנט מיט דעם וואָס די הויפישע דינערשאַפט האָט אים טיטולירט „פּאַניע דזשעדזשיצו". ישראל שמעון האָט געקאָנט גוט לערנען און געפלעגט מיט אַ זיס קול זינגען זמירות ביים שבתדיקן טיש.

ביידע זין האָבן זיך אָנגעהויבן פאַראינטערעסירן מיט דער הויף־ווירט־שאַפט, ערשט נאָך דעם ווי זייער עלטערער ברודער, פישל, האָט זיך דערוויטערט

פון „הויף״, איז אַוועק שטודירן קיין קראָקע, כדי שפּעטער אַהיימצובברענגען אַ דיפּלאָם ווי אַ כעמיקער.

פישל איז טאַקע שפּעטער געוואָרן דער ביר־מייסטער אין פשאַנקע. אָפט מאָל פלעגט ער צופאָרן קיין וואַרשע אין דער גרויסער ברויעריי „האַבערבוש און שיעללע״, און דאָרט זיך פאַרפולקומען אין פאַך. פישל האָט נושא חן געווען ביי איינעם פון די טעכנישע דירעקטאָרן — אַ געוויסער גאָשטשינסקי — וועמען ער האָט, צו אַ געוויסער געלעגנהייט, געשיקט אַן אָריגינעלע מתנה: אַ קליין פויעריש וועגעלע אויף רעדער — אַ זעלטענע אַרבעט פון וועלוול קאָוואַל. די פריינדשאַפט מיט גאָשטשינסקין האָט פישלען געהאָלפן אין די שווערע מלחמה־טעג, אפילו אויך נאָך דער אויסזידלונג פון די פאָריסאָווער יידן (און דאָך איז ער, ליידער, נישט געבליבן לעבן).

צוויי טעכטער פון פשאַנקער הויף

ווערן באַשולדיקט אין קאָמוניזם

ר׳ אברהמלע ראָזנבלום, דער שוואָגער פון ר׳ יצחק מענדל גאָלדמאַן, איז, ווי שוין דערמאָנט, געווען אויסגעטאָן פון דער וועלט, נישט געמישט זיך אין די פשאַנקער געשעפטן, און אויך נישט אין קיין אַנדערע וועלטלעכע ענינים. ער איז געווען אַ יושב אוהל. דערפאַר אָבער זענען זיינע צוויי טעכטער: מלכה און יהודית געווען שטאַרק „פאַרנומען״ מיט דער וועלט, האָבן געוואָלט זי אויס־בעסערן...ביידע טעכטער פלעגן גאַנצע וואָכן נישט זיין אין דער היים, נאָר קומען, ווי געסט, אויף שבת. זיי האָבן געהאַט אַ וואַרעמע באַציונג צו זייער באַשיידענעם פאָטער, אָנגעטאָן אים כבוד, רעספּעקטירט, כאָטש זייער וועלט אין וועלכער זיי האָבן זיך אויסגעלעבט איז געווען אַ גאַנץ אַנדערע ווי זייער מאָטנס. זיצנדיק ביים שבתדיקן טיש, פלעגן זיי מיטזינגען זמירות, און דער טאַטע האָט זיך מיט זיי אָפּגעגעבן ווי מיט קליינע קינדער.

אין איינעם אַ טאָג איז פשאַנקע געוואָרן אויפגעטרייסלט: עס איז אָנגעקומען אַ ידיעה, אַז ביידע שוועסטער: מלכה און יהודית, זענען אַרעסטירט געוואָרן אין וואַרשע פאַר קאָמוניסטישער טעטיקייט (אין אָנהייב איז געהאַלטן געוואָרן בסוד די סיבה פון זייער אַרעסט, אָבער עס האָט נישט לאַנג געדויערט. און די זאַך איז אַלעמען באַקאַנט געוואָרן).

ר׳ יצחק מענדל האָט „איינגעריסן״ וועלטן, געוואָלט עפּעס אויספועלן ביי „נאטשאלסטווא״ פאַר זיין שוועסטערס קינדער. פייגע רבקה, איז אַרומ־געגאַנגען אַ צעטראָגענע, האָט נישט געוווּסט וואָס צו טאָן, און ר׳ אברהמלע, זייער טאַטע, האָט זיך נאָך מער פאַרשלאָסן אין זיין וועלטל, געזען אין דער געשעעניש אַ שטראָף פון הימל.

אין אַ קורצער צייט אַרום איז פּאָרגעקומען דער פּראָצעס פון די צוויי מיידלעך. די יונגערע, יהודית, איז אַרויס פריי, און דער עלטערער, מלכּה, האָט מען צוגעפּסקנט צוויי יאָר טורמע. די אַמנעסטיע וואָס איז פּאַרעפּנטלעכט געוואָרן צום צוואַנציקסטן יאָרטאָג פון אומאָפּהענגיקן פּוילן, אין יאָר 1938, האָט געעפנט פאַר מלכּהן די טויערן פון דער תפיסה אין וועלכער זי איז געווען פאַרשפּאַרט.

ביידע שוועסטער האָבן פאַרלאָזט די היים, זענען אַוועק שטודירן דענטיסטיק. שפּעטער, האָבן זיי געעפנט אין וואַרשע אַן אייגענעם דענטיסטישן אַנשטאַלט. ווען דער פאָטער זייערער, ר׳ אברהמלע, איז געוואָרן קראַנק און האָט געדאַרפט כסדרדיקע הילף פון דאָקטוירים, איז ער אַריבערגעפירט געוואָרן צו זיינע טעכטער. זיי האָבן אים אָפּגעגעבן די פאַראַדנע שטוב און פאַררוקט דעם דענטיסטישן וואַרשטאַט אין אַ ווינקל. די קינדער האָבן אים אַרויסגעוויזן האַרציקע איבערגעגעבנקייט.

ווען די דאָקטוירים האָבן אויפגעגעבן יעדע האָפענונג אים צו ראַטעווען, האָט מען ר׳ אברהמלען צוריקגעבראַכט קיין פּשאַנקע וווּ ער איז געשטאָרבן דעם ערשטן יוני 1939. גאַנץ פּאַריסאָוו און יידן פון דער סביבה האָבן זיך באַטייליקט אין זיין לוויה.

אַ טיפּ פון אַ פּשאַנקער...

אַ ספּעציעלער טיפּ, צוגעפּאַסט פאַר דער לאַנדווירטשאַפט, איז געווען אלעזר, פייגע רבקהס בן־יחיד, אַ קרעפּטיקער בחור. אלעזר האָט אַזוי לאַנג געציפּט דאָס שוואַרצע, בחורישע בערדל זיינס ביז עס איז זיך צוצעוואַקסן בלויז אַרום זיינע פולע באַקן. ער האָט געהאַט אַ גוטן קאָפּ, געקאָנט די „דראָבנע אותיות", אָבער די גמרא האָט אים נישט געצויגן, נאָר דווקא דאָס פעלד. אלעזר איז געווען „אויסגעקאָכט" מיט די פּויערים אין דער סביבה, האָט געקענט יעדעס פערד וואָס האָט זיך געפונען ביי עמעצן אין שטאַל, גערעדט מיט די פּויערים אויף זייער שפּראַך און דערפאַר האָבן זיי אים זייער ליב געהאַט. די פּויערים האָבן אויך נישט געהאַט פאַר אים קיין סודות, אפילו דעמאָלט, ווען זיי האָבן פאַרשאַפט אַ שאָדן די פּשאַנקער פעלדער. „אלעזר — טאָ סוואָי כלאָפּ", ער וועט נישט פאַרמסרן פאַרן פריץ" — פלעגן זיי אָפן זאָגן יעדן איינעם.

אין פּשאַנקער וואַלד האָבן זיך אַ מאָל אויפגעהאַלטן ציגיינער. אלעזר האָט מיט זיי געשלאָסן קאָנטשאַפט. איין מאָל האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט אין אַ פערד־געיעג מיט אַ יונגן ציגיינער און געוווּנען דעם געוועט. דער אָ פאַקט איז לאַנג נישט פאַרגעסן געוואָרן אין דער סביבה. די גויים האָבן באַוווּנדערט די גבורה פון „פאַן לאַזער".

* *
*

כאָטש זיין פאַרמעגן איז געווען גרויס, האָט ר׳ יצחק מענדל געהאַט אַ שווער לעבן, בפרט, אין די לעצטע יאָרן פאַר דער מלחמה. לאַנגע יאָרן איז דאָרט אָנגעגאַנגען אַ וויכוח מכוח די „60״ און „40״ פּראָצענט פונעם פאַרמעגן. ר׳ יצחק מענדל האָט געטענהט, אַז אים קומט 60% און דער שוועסטער פייגע רבקהן — נאָר 40%. אָבער קיין מאָל האָט מען זיך נישט אויסגעחשבונט... דעם ענדגילטיקן חשבון האָבן שפּעטער געמאַכט די נאַצישע באַנדיטן, און נאָך זיי — די סטאַליניסטישע ווירטשאַפט, וואָס איז איינגעפירט געוואָרן אין באַפרייטן פּוילן.

אָבער נאָך פריער, אין די גוטע צייטן, פלעגן אַ מאָל איינצלנע ידידים זיינע איינטענהן מיט ר׳ יצחק מענדלען: „וואָס טויגן דיר די אַלע קלאַפּאָטן, וואָס וועט דיר ארויסקומען פון דעם אַלעם? פאַרקויף דעם מאַיאָנטיק מיט „האַק און פּאַק״, און טראָג זיך איבער קיין ארץ־ישראל״.

ר׳ יצחק מענדל איז געווען אַ ייד וואָס האָט געגלייבט אין שיבת־ציון, און נישט ליב געהאַט זיך אַריינצולאָזן, אויף דער טעמע, אין אַ וויכוח. פלעגט ער בלויז מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן ענטפערן: „קיין ארץ־ישראל? אַוודאי, אם ירצה השם, אַז משיח וועט קומען״...



צום אָפּפאָר פון י. קאַפּמאַן קיין ארץ־ישראל

צבי קאַפּאָטאַ


ר׳ אברהם שמואל רייכמאַן — דער פּאַריסאָווער חזן

צום ערשטן מאָל האָב איך געהערט ר׳ אברהם שמואלן דאַווענען אין ראש־השנה, אין יאָר 1912, און כ׳בין געוואָרן שטאַרק באַגייסטערט. איך אַליין האָב נאָך פריער געהאַט געזונגען אין כאָר, ביים קאַלושינער חזן און שוין געהאַט אַ שטיקל באַגריף וועגן נגינה און חזנות, אָבער אַזאַ דאַווענען ווי ר׳ אברהם שמואלס האָב איך נאָך נישט געהאַט געהערט.

איך געדענק, אַז סיי ר׳ אברהם שמואל און סיי דער קאַלושינער חזן האָבן געהאַט געלע בערד, און יענעם ראש־השנה אין פּאַריסאָוו, גלייך נאָכן דאַווענען, האָב איך זיך אָפּגערופן צו מיין פאָטער ז״ל, אַז ווי עס זעט אויס, האָבן אַלע גוטע חזנים געלע בערד.

יעדעס וואָרט וואָס איז אַרויס פון ר׳ אברהם שמואלס מויל איז געווען מלא טעם, און דאָס גאַנצע דאַווענען זיינס האָט אַריינגעדרונגען טיף אין דער נשמה. די קונסט פון זיין דאַווענען איז באַשטאַנען אין קענען זיך אויפהייבן פון דער נידעריקסטער אָקטאַווע ביז דער העכסטער — אַ זעלטנהייט אַפילו ביי גוט קוואַליפיצירטע זינגערס.

דער פּאַריסאָווער חזן איז געווען אַ תלמיד־חכם. ווען נאָר מען איז פאַרבייגעגאַנגען פאַר זיין שטוב, האָט מען אים געקאָנט הערן לערנען, און דערביי



דער חזן ר׳ אברהם שמואל רייכמאַן

אַזוי זיס זיך צוזינגען. עס איז אויך געווען זייער אָנגענעם פאַרבייצוגיין, פאַר זיין פענצטער, אין אַ שבת, און הערן אים זינגען זמירות.

ווינענדיק אין שכנות מיט ר׳ אברהם שמואלן, פלעג איך זיין אַן אָפטער איינגייער ביי אים אין שטוב. מיט דער צייט האָט ער מיך אַיינגעלאַדן מיט־צוזינגען מיט אים. ער איז געווען אַ גרויסער קפדן אין נגינה.

אין יאָר 1915, האָט ר׳ אברהם שמואל מיך אויסגעלערנט אַ נייעם ניגון צו די „יעלה׳ס״ פון דער „כל־נדרי״ תפילה. יום־כיפור ביי נאַכט, אין מיטן דאַווענען האָב איך בעתן צוהעלפן אים זינגען די „יעלה׳ס״, פלוצלינג געקריגן, פון אים אַ שטאַרקע מיטן עלנבויגן, מסתמא, ווייל מיין צוהעלפן איז אים נישט געוואָרן געפעלן. פון פאַרדרוס, האָב איך אויפן אָרט אויפגעהערט מיטצוזינגען און אים מער נישט צוגעהאָלפן. צו מאָרגנס האָט ר׳ אברהם שמואל מיך איבערגעבעטן און איך האָב ממשיך געווען מיטצוהעלפן אים אין די תפילות.

אין יאָרן אַרום, ווען איך האָב שוין נאָך מער זיך אויסגעקענט אין זינגען און געוווסט אָפצושאַצן זיין פרעכטיקן טענאָר, זיין געפיל אין נגינה, האָב איך מיר געשטעלט די פראַגע: פאַר וואָס עפעס איז אַזאַ טאַלאַנט געבליבן פאַרשטעקט אין אַזאַ קליין שטעטעלע ווי פאַריסאָוו?

זיין זון יחיאל רייכמאַן, וועלכער ווינט אין תל־אביב, האָט מיר אויפ־געקלערט די זאַך: דער פאַריסאָווער רבי, ר׳ אברהמלע, האָט אים נישט אַוועק־געלאָזט פון שטעטל, צוזאָגנדיק אים, אַז אויך אין פאַריסאָוו וועט ער האָבן פרנסה.

ר׳ אברהם שמואל האָט געהאַט אַ פענאָמענאַלן זכרון. יום־כיפור האָט ער מזכיר געווען אַלע נפטרים, שוכני־עפר אויפן פאַריסאָווער בית־עולם. ער איז אויך געווען דער מסדר־קדושין אין פאַריסאָוו, אַ גוטער בעל־קורא, און בכלל — די רעכטע האַנט ביי ר׳ אברהמלען, און אויך ביי ר׳ יהושע אשרלען.

אויף דער עלטער איז ער געווען אַ סגי־נהור. בלינדערהייט, האָט ער אין די ימים־נוראים געדאַוונט פאַרן עמוד.

ר׳ אברהם שמואל איז נפטר געוואָרן ד׳ ניסן תרצ״ו. די לוויה זיינע איז פאָרגעקומען אין פרייטיק, האָט מען נישט געהאַלטן קיין הספדים, אָבער מען האָט געמאַכט הקפות מיטן נפטר אין דער גרויסער שול.

ר׳ אברהם שמואלן האָט מען קובר געווען צפונדיק פון אוהל, וווּ עס האָבן גערוט די ביינער פון דריי פאַריסאָווער צדיקים.

מאיר מאַקאַבאַצקי

חרב—לאת / ישראל

דריי דורות יידישע מילנערס

אויף די ברעגעס פון אַ גרויסן אויסגוס וואָס האָט פאַרנומען אַ צען מאָרגעס ערד, אין שווידערטשיזנע, איז געשטאַנען די וואַסער־מיל וואָס מיין עלטער־זיידע, ר׳ יאָסל, האָט געהאַלטן, צו ערשט — אין אַרענדע, און דערנאָך — ווי זיין אייגנטום. דאָס וואַסער וואָס האָט געטריבן די מיל, האָט געשטראָמט פון נאָענטן טייכל, שווידער, וואָס נעמט זיין אָנהייב, דריי קילאָמעטער צפונדיק פון פאַריסאָוו.

מיט דער צייט איז דער זיידע אויך געוואָרן אַ באַזיצער פון הונדערט מאָרגעס ערד מיט עטלעכע קליינע אָזערעס אין וועלכע עס האָבן זיך געהאָדעוועט קאַרפּן.

אין דער פּוילישער „פּאָווסטאַניע".

אין יאָר 1863, בעת דער פוילישער „פּאָווסטאַניע" (אויפשטאַנד) קעגן דער צאַרישער מאַכט, האָט דער עלטער־זיידע, דעמאָלט נאָך אַ בחור, געאַרבעט ביי פּריצים אין דער פאַריסאָווער געגנט. שפּעטער האָט ער באַאַרבעט אַ שטיק באָדן וואָס ער האָט גענומען אין אַרענדע. זייענדיק אַ געזונטער און אַרבעטזאַמער מענטש, האָט ער געוווּנען צוטרוי ביי די פּריצים, און זיי האָבן אים אַריינגעצויגן אין דער קאָנספּיראַטיווער, אונטערערדישער אַרבעט פון די „פּאָווסטאַנצעס".

אַלטע, פאַריסאָווער יידן, האָבן געוווּסט צו דערציילן, אַז איינע פון ר׳ יאָסלס וויכטיקע מיסיעס אין יענער צייט איז געווען: צו פאַרשפּרייטן, אין דער גאַנצער געגנט, געהיימע אינסטרוקציעס און לאָזונגען קעגן דער צאַרישער מאַכט. די דאָקומענטן האָט ער געפירט אין קאַנען פון מילך, אָדער אין זיין לאַנגער ליוולקע. אָפט מאָל פלעגט דער עלטער־זיידע אַריינפאַלן — אין אַן אָוונט — צום פאַריסאָווער רבין, אָפּגעבן „שלום־עליכם", איבער־נעכטיקן אין בית־המדרש אויף אַ באַנק, און נעלם ווערן מיט באַגינען.

נאָכן דורכפאַל פון דער „פּאָווסטאַניע", האָט ר׳ יאָסל זיך איינגעאָרדנט אַ גאַנצע דאָרפישעווירטשאַפט. ווי מען דערציילט, האָט דער אַלטער ר׳ יאָסל, באַקומען אַ דאָקומענט לויט וועלכען עס איז אים געגעבן געוואָרן די רעכט צו פאָרן מיט פיר פערד „נאַשפּיץ", אָבער ער האָט עס קיין מאָל נישט

אויסגענוצט. ער פלעגט קומען קיין פּאַריסאָוו אויף אַ פּשוט, פּויעריש וועגעלע, וואָס ער אַליין פלעגט טרייבן מיט דער בייטש...

דער עלטער־זיידע, הגם, ער האָט מיט זיין פאַדמעגן געהערט, אַדמיניס־טראַטיוו, קיין לאַטאָוויטש, האָט, אין זיין פּריוואַט, יידיש לעבן, זיך איינגעגלי־דערט אין דער פּאַריסאָווער קהילה וועלכע האָט זיך מיט אים געגרייסט. ער איז אויך געווען אַ בן־בית ביי די רבנים וואָס האָבן געוווינט אין פּאַריסאָוו. ווען אין די ווענט פון דער פּאַריסאָווער שול האָבן זיך באַוויזן שפּאַלטן, און די קאַסע פון דער קהילה איז געווען ליידיק, האָט דער פּאַריסאָווער רבי זיך געוואָנדן צו ר׳ יאָסלען ער זאָל אויף זיין חשבון מאַכן דעם רעמאָנט. פאַר דעם עלטער־זיידן איז דעם רבינס וואָרט געווען אַ הייליק געזעץ, און ער האָט טאַקע אויף אייגענע קאָסטן אונטערגעמויערט די צוויי ריזיקע זאַלן, פון פונדאַמענט ביז צום דאַך.

די ירושה גייט איבער צום זון

דער עלטער־זיידע איז געשטאָרבן אַ זקן, און געקומען צו קבורה אין פּאַריסאָוו. ער האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך צוויי זין און דריי טעכטער. איין זון איז אַוועק קיין וואַרשע, און די טעכטער זענען נאָכגעגאַנגען זייערע מענער. בלויז ר׳ יאָסלס צווייטער זון, ר׳ אפרים זלמן, האָט זיך באַזעצט אין שווידערטשיזנע און פאַרגעזעצט דעם לעבנס־שטייגער פון זיין פאַרשטאָרבענעם פאָטער. וואָס אַן אמת, האָט אַרום שווידערטשיזנע זיך אַנטוויקלט אַ זעלבסט־שטענדיק יידיש־קהילהדיק לעבן, אָבער ר׳ אפרים זלמנען האָט געצויגן קיין פּאַריסאָוו, וו ער האָט זיך געפילט היימישער, וו עס האָבן געוווינט רביים, און וו ער האָט, אויפן בית־הקברות, אין שכנות מיטן אוהל, געהאַט ליגן זיינע עלטערן.

ר׳ אפרים זלמן גייט אין טאַטנס וועגן

וווינענדיק אויפן דאָרף, האָט ר׳ אפרים זלמן געפירט אַ שטרענג יידיש לעבן. זיין פּנים, באַוואָקסן מיט אַ שוואַרץ־געדיכטער באָרד, האָט אַרויסגערופן צו אים דרך־ארץ מצד די פּויערים וועלכע פלעגן קומען צו אים אָפּמאָלן מעסטלעך תבואה. בעת ער האָט געוויגן זייער תבואה, האָט ר׳ אפרים זלמן געפלעגט צוברימען אַ ניגונדל פון די ימים־נוראימדיקע תפילות, פון צייט צו צייט — זיך פאַרמוחן, און אַזוי בנעימותדיק, גלעטן די באָרד זיינע. זיין ברייטער לאַנגער כאַלאַט און דאָס טוכענע היטל זענען שטענדיק געווען פאַרוויסט. ווען ער איז אַרויסגעפאָרן פון דער היים, האָט ער טייל מאָל אַרויפגעצויגן אויף זיך אַ זשופּיצע וואָס איז געווען קירצער פונעם כאַלאַט וואָס ער האָט געטראָגן הינטער דעם. בעת אַ רעגן, אָדער אַ פראָסט, האָט

ער געטראָגן אַ שווערע, פּויערישע בורקע מיט אַ קאַפּטור וואָס איז איבער־געגאַנגען צו אים בירושה פון זיין פאָטער.

די פענצטער פון ר׳ אפרים זלמנס שטוב זענען נישט געווען אַרומגענומען מיט קראַטן. די שטוב איז שטענדיק געשטאַנען אָפן פאַר אורחים און זי איז טאַקע שטענדיק געווען פול מיט מענטשן, מיט געסט אויף אַ טאָג, אויף טעג, און אפילו — אויף וואָכן. צו עסן איז געווען גענוג, און שטרוי אויסצובעטן אין די אַגראַר־בנינים, האָט נישט געפעלט. פאַרן אַוועקגיין האָט מען נאָך באַקומען פון ר׳ אפרים זלמנען עפּעס געלט, אָדער אַ ביסל מעל, צי קאַשע, אַריינגעשיט אין אַ זעקעלע.

כאָטש שווידערטשיזנע ליגט אַ ביסל ווייט פון פּאַריסאָוו, האָבן פּאַריסאָווער יידן זיך געשפּירט ביי ר׳ אפרים זלמנען אין הויז גאָר היימיש. ווען מען האָט געדאַרפט אַרויספאָרן מיט אַן אָנגעלאָדענע פור סחורה אויף אַ יריד, קיין שעניצע, מינסק, אָדער לאַטאָוויטש, האָט מען נישט געמוזט וואַרטן ביז פאַר טאָג, נאָר מען איז אַרויסגעפאָרן פון שטעטל אָנהייב נאַכט, מ׳האָט זיך אָפּגעשטעלט אין שווידערטשיזנע, ביי ר׳ אפרים זלמנען, אויסגעשפּאַנט די פערד, און מען איז אַריין צום בעל־הבית כאַפּן אַ שמועס, צוואַרטן, אָדער טרינקען אַ גלאָז וואַרעמעס.

שניט־צייט, פלעגן פרומע יונגע־לייט פון אַרומיקע שטעטלעך קומען צו אים שניידן טרוקענעם ווייץ, גלייך פון פעלד אַראָפּ, אויף מצה־שמורה. די בינטלעך ווייץ זענען געוואָרן געהיט ביי ר׳ אפרים זלמנען אין אַ ספּעציעל אָרט. בעתן פאָרען זיך אַרום דעם אָפּגעהיטענעם ווייץ אויף פסח, איז ר׳ אפרים זלמן געווען אָנגעטאָן אין יומטובדיקע מלבושים, האָט ממש געשיינט, געקוואָלן פון נחת, און שמייכלענדיק, צוגעברימט: „לשנה הבאה בירושלים״. פאַר פסח האָט מען ביי ר׳ אפרים זלמנען געכשרט די מיל, און עס איז דאָרט געווען זייער היימלעך, פול מיט עכטער יידישער שמחה.

דער פּראָפעסיאָנעלער פאַראיין און ר׳ אפרים זלמן קומען אַדורך...

איין מאָל, אין יאָר 1936, פאַר פסח, איז צו ר׳ אפרים זלמנען אַראָפּ־געקומען אַ דעלעגאַציע פון פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין אין פּאַריסאָוו וועלכע איז באַשטאַנען פון: מאיר ישראל איסרס, יידעלע, און מאיר מאַרסקי אין דער שפּיץ. זיי האָבן געפאָדערט, אַז די כשר־געמאַכטע מיל אויף פסח, זאָל באַשעפטיקן יידישע אַרבעטערס צום מאָלן דאָס מעל, אויב נישט, האָבן זיי געדראָט, וועט קיין שום פּאַריסאָווער בעקער נישט נעמען דאָס יומטובדיקע מעל זיינס אַפילו אויף „פּראָסטע מצות״. ר׳ אפרים זלמן איז צוגעגאַנגען צום ענין מיט סוחרישער פּיקחות. ער האָט זיי געענטפערט: „גוט, זאָל זיין ווי איר זאָגט, אָבער ווו האָט איר די פאַכלייט?״ ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן,

האָט דער פאַראיין נישט געהאַט קיין איינציקן יידישן מיל־אַרבעטער, און די גאַנצע מעשה האָט זיך פאַרענדיקט מיט דעם וואָס ר׳ אפרים זלמן האָט געגעבן אַ סומע געלט פאַרן פאַראיין, און דער טומל האָט זיך איינגעשטילט. ר׳ אפרים זלמן האָט דערנאָך דערציילט ווי אַזוי ער האָט זיך אַרויסגעדרייט פון די „רעוואָלוציאָנערן״, אָבער אין בית־המדרש, האָבן אַלע יידן געטענהט, אַז דער סאָרט „מעות־חיטין״ פאַרן פאַראיין, האָט אים געקאָסט אַ שיינע מטבע...

יעקב הערש — דער זון, בויט אַ קאַשעמיל

ביי ר׳ אפרים זלמנען האָבן זיך אויפגעהאָדעוועט פיר זין און דריי טעכטער. אין יעדן איינעם פון זיי האָט ער איינגעוואָרצלט ליבשאַפט צו ערד־אַרבעט און צו אַלץ וואָס איז פאַרבונדן מיט לאַנדווירטשאַפט.

ווען ר׳ אפרים זלמן האָט איבערגענומען בירושה די מיל פון זיין פאָטער ר׳ יאָסל, האָט זי געאַרבעט מיט גרויסע הילצערנע רעדער וואָס האָבן זיך געדרייט אין שטראָמיקן וואַסער. זיין זון, יעקב הערש, האָט שוין דעמאָלט געהאַט אַ חוש פאַר טעכנישן פראָגרעס. ער האָט געפועלט ביי זיין פאָטער אויסצוטוישן די טרייבקראַפט אויף אַ טורבינע. אין רעזולטאַט פון דעם איז געוואָרן „ליהודים היתה אורה״. אין אַלע אַרומיקע געביידעס, איז אָנגעצונדן געוואָרן עלעקטרישע ליכט וואָס האָט אין יענע צייטן אַרויסגערופן התפעלות, און ס׳איז ממש געווען „גאָטס־וווּנדער״.

יעקב הערשן איז אָנגעקומען שווער צו פאַרלאָזן שווידערטשיזנע מיט דער גאַנצער טעכניק אין וועלכער ער האָט זיך דאָרט אויסגעלעבט. אָבער ווען ער האָט חתונה געהאַט, איז ער אַריבער ווינען קיין פאָריסאָוו.

ביי אים זענען געבוירן געוואָרן צוויי קינדער: יהודיתל און מאירל. און טאַטע־מאַמע זענען מיט זיי געווען גליקלעך. פרנסה האָט מען געצויגען פון דער קאַשעמיל און מען איז געווען צופרידן.

צוויי אומגליקן אין שטעטל

אין איינער אַ נאַכט, אין יאָר 1920, בעת די רוסישע אַרמיי האָט זיך אויפגעהאַלטן אין פאָריסאָוו, זענען שיכורע זעלנער באַפאַלן יעקב הערשס וווינונג. זיי האָבן אויפגעבראָכן די טיר און זיך אַריינגעריסן אינעווייניק. יעקב הערשס פרוי, אַ פיזיש־שוואַכע, האָט באַקומען אַ שווערן אַטאַק. קורץ נאָך דער געשעעניש, זעכצן טאָג אין אלול, אין יאָר תר״פ, איז זי אַוועק פון דער וועלט, אַלט זייענדיק קוים 25 יאָר. דאָס גאַנצע שטעטל האָט זי באַגלייט צו איר אייביקער רו.

אין דער זעלבער צייט איז געשען אַ צווייטער שוידערלעכער פאַל, און אויך אין הויז פון יעקב הערש קאַשע־מאַכער. אין דעם אַ הויז האָט זיך געפונען אַ

קליין, שמאַל געוועלבל וואָס האָט געהערט צו דער אַלטער מאַגנושעווערס טאָכטער. זי האָט דאָרט פּאַרקויפט נאַפט און פאַרשידענע „סמאַרעס״. אין יענער צייט איז נאַפט געווען געמישט מיט בענזין. די סוחרטע האָט זיך שטענדיק באַרימט, אַז זי ווייסט גוט ווי אַזוי זיך צו באַגיין מיט איר סחורה. אַבער איין מאָל האָט פּאַסירט און דער נאַפט וואָס האָט זיך געפונען אין געוועלבל, האָט זיך אָנגעצונדן, און נאָך איידער די אַלטע האָט באַוויזן צו מאַכן אַ געוואַלד, איז זי שוין געווען אַרומגענומען אין פלאַמען, און פאַרברענט געוואָרן. אויך די הילצערנע הייזקע איז אין גאַנצן אַוועק מיטן רויך, און יעקב הערש קאַשע־מאַכער איז געבליבן אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ.

דער דאָזיקער פאַל וואָס האָט פּאַסירט קורץ נאָך דעם אומגליק מיט יעקב הערשס פרוי, האָט אויפגעטרייסלט דאָס שטעטל. אָפּגעהיטענע פרויען זענען געוואָרן נאָך פרומער. גאָטס־פּאַרכטיקע יידן האָבן גערופן סופרים צו זיך אין די שטובן, זיי זאָלן איבערקוקן די מזוזות. מען האָט מורא געהאַט צו רעדן אָפן וועגן די שרעקלעכע פּאַסירונגען, האָט מען בלויז זיך געשושקעט אויפן אויער, און געגעבן זיך אָנצוגעהערן, אַז וואָס עס געשעט אין שטעטל איז אַוודאי אַ „טועכץ״ פון „יענע לייט״, ס׳הייסט: פון שדים, רחמנא־לצלן.

יעקב הערש בויט פון דאָס ניי אַ נעסט

ר׳ אפרים זלמן האָט שטאַרק איבערגעלעבט דאָס אומגליק פון זיין זון, יעקב הערש, וועלכער איז געבליבן אַליין מיט צוויי פּיצלעך קינדער, און אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ. האָבנדיק גרויס אָנזען ביי די אַרומיקע פּריצים, האָט ער ביי זיי באַקומען געהילץ און פאַרזאָרגט דעם זון מיט בוי־מאַטעריאַל, און מיט געלט. יעקב הערש האָט אויפגעשטעלט פאַר זיך, אויפן מאַרק, אַ געבויטע הייזקע און איינגעאָרדנט, אין הויף, די קאַשעמיל.

אַ ביסל שפּעטער האָט ר׳ אפרים זלמן געזאָרגט דערפאַר, אַז די צוויי קינדער זאָלן אַריינבאַקומען אין שטוב אַ גוטע מאַמע. יעקב הערש האָט חתונה געהאַט צום צווייטן מאָל, מיט אַ שוועסטערן־טאָכטער, רייזל, פון יאַבלאָנגע. יעקב הערשס שטוב האָט אויפגעלעבט. צו יהודיתלען און מאירלען זענען, מיט דער צייט, צוגעקומען נאָך פיר קינדערלעך.

יעקב הערשס פרישע קאַשעמיל

די קאַשעמיל וואָס יעקב הערש האָט אויפגעשטעלט, איז נישט געווען סתם אַ מילעכל. ער אַליין איז געווען דער פּלאַנירער, און אַליין — דער בויער. וואָכן לאַנג האָט ער געמייסטרעוועט, געקלאַפּט און געמאָסטן. מענטשן האָבן אים באַוואונדערט, און אויך אַ ביסל אויסגעלאַכט. דער גאַנצער בנין מיט די קעמערלעך אינעווייניק, האָבן געמאַכט דעם איינדרוק פון „נחס תיבה״.

יעקב הערש האָט אָבער געטאָן דאָס זייניקע: געבויט און געסטראָיעט, און פאַרטיק געמאַכט זיין מיל לויט אייגענע „אינזשענירסקע" פּלענער...

אַ נייער פאַבריק־צענטער איז צוגעקומען אין שטעטל. פויערים האָבן געבערענגט זעקלעך תבואה און זיי האָבן אַליין אָפּגעמאָלן די סחורה ביי די „מלינקעס" וואָס יעקב הערש האָט איינגעאָרדנט ביי זיך. פאַר דער דערלויבעניש צו באַנוצן זיך מיט די „מלינקעס", האָבן די פויערים געצאָלט פון מעסטל, אַזוי ווי עס האָט זיך געפירט אין דער וואַסערמיל.

נאָך דעם ווי די מיל האָט שוין געאַרבעט, האָט יעקב הערש צוגעבויט אַ וואַרשטאַט און ער אַליין האָט אויסגעאַרבעט קליינע ווינטמילעכלעך צום פאַרקויפן. די דאָזיקע מילעכלעך זענען שטאַרק צונויץ געקומען די פויערים אין זייער ווירטשאַפט.

בכלל, האָט יעקב הערש געהאַט „גאָלדענע הענט". איז ביי עמעצן קאַליע געוואָרן דער וואַנטזייגער, האָט מען נישט געדאַרפט זוכן עמעצן פון דער פרעמד וואָס זאָל קומען אים פאַרריכטן. עס האָט קיינער נישט געקאָנט אַזוי שנעל געפינען די רפואה, ווי יעקב הערש קאַשע־מאַכער.

* *
*

יעקב הערש איז געווען אַן אָפּטער איינגייער ביים פאַריסאָווער רבין. ווען דער רבי איז אַוועק קיין אַטוואָצק, האָט ער גאַנץ אָפט זיך אַריבערגעכאַפּט אַהין אויף שבת. יעקב הערש איז געווען אַ גוטער מענטש, האָט ליב געהאַט צו טאָן אַ טובה, און נאָך מער — בסתר, אַז מען זאָל דערפון נישט וויסן און נישט רעדן. ער פלעגט נישט איין מאָל שיקן זיינס אַ קינד מיט אַ ביסל קאַשע אין אַ שטוב אַריין און דאָס קינד האָט עס געדאַרפט אַזוי אַוועקלייגן, אַז מען זאָל נישט באַמערקן ווער עס האָט געבראַכט די קאַשע.

דער פרומער קאַשע־מאַכער האָט אויך ליב געהאַט די גמרא. ווינטערצייט, גאָר פרי, פאַרן אַוועקגיין אין בית־המדרש אַריין, פלעגט ביי אים אין שטוב שוין זיין ליכטיק. יעקב הערש איז דעמאָלט געזעסן ביי אַ גמרא און האָט שטיל געלערנט, אָדער אַריינגעקוקט אין אַן אַנדער הייליק ספר.

יעקב הערש האָט געשטרעבט דערצו, אַז זיינע קינדער זאָלן קאָנען לערנען. זיין עלטסטער זון מאירל, איז אַ לאַנגע צייט געזעסן אין בית־המדרש און האָט דאָרט געלערנט. שפּעטער, האָט דער טאַטע מורא געהאַט אַז ער זאָל נישט „קאַליע" ווערן, האָט ער אים געשיקט קיין קאַלושין, וווּ ער האָט געלערנט גאַנצע צוויי יאָר. אָבער עס האָט נישט געהאָלפן. מאירלען האָט געצויגן צו דער גרויסער וועלט, האָט ער פאַרקירצט די פּיאהלעך, איז אַוועק קיין וואַרשע, און דאָרט געוואָרן אַן עלעקטראָ־מעכאַניקער.

און אַזוי איז אַלץ אונטערגעגאַנגען...

אין צווישן זענען אַפּגעלאָפן יאָרן. איין יאָר נאָכן צווייטן.

סוף זומער 1939. שיינע, ליכטיקע טעג...

ס'איז אויסגעבראָכן די צווייטע וועלט־מלחמה. אַ בייזער צאָרן האָט, אומעטום, זיך אויסגעגאָסן אויף יידן.

אין שווידערטשיזנע האָט זיך ווייטער געפּירט דיווירטשאַפט. יידן פון דאָרף שעניצע זענען געקומען אַהין און האָבן זיך באַזעצט אין די אַגראַר־בנינים פון ר' אפרים זלמן. מען האָט געברענגט קאַרטאָפל פון פעלד, און מעל איז אויך געווען, האָט מען געבאַקן ברויט און געקאָכט עסן אין עמערס. די גרויסע סטאָדאָלע איז געוואָרן פאַרוואַנדלט אין אַ בית־המדרש, און די יידן האָבן דאָרט געדאַוונט אין ראש־השנה און אין יום־כיפור.

עס האָט אָבער נישט לאַנג געדויערט, און ר' אפרים זלמן, דעמאָלט שוין אין די אַכציקער, האָט דערשפּירט, אַז דער באָדן ברענט אונטער די פיס, און ער האָט, צוזאַמען מיט זיין ווייב, און די פליטים וואָס זענען ביי אים געווען, פאַרלאָזט שווידערטשיזנע. ער האָט איבערגעלאָזט אַלץ אויף הפקר, און איז אַוועק צו די קינדער קיין אָטוואָצק.

דער לעצטער ברית אין פּאָריסאָוו

יעקב הערש האָט נאָך אַ שטיקל צייט געפירט זיין ווירטשאַפט אין פּאָריסאָוו. זיין זון מאיר איז אַוועק קיין ראַטנפאַרבאַנד. אין יאָר 1940, האָט יעקב הערש חתונה געמאַכט זיין טאָכטער יהודית, און אַריינגענומען צו זיך אַן איידעם אויף קעסט, אַ לערנער פון מינסק־מאַזאָוויעצק. ביים פאַרפאַלק איז דערנאָך געבוירן געוואָרן אַ ייִנגעלע, און דער ברית איז פאָרגעקומען אין די גאָר לעצטע טעג פאַר דער אויסזידלונג.

לעבנגעבליבענע פון דער אויסראָטונג, וועלכע זענען געווען אויפן ברית, דערציילן וועגן דער טרויעריקער שטימונג וואָס האָט באַגלייט דעם ברית־מילה. מען האָט זיך געוווּנטשן צו דערלעבן אַ סך נחת פון דעם ניי־געבוירענעם ייִנגעלע. כאָטש מען האָט שוין גוט געשפּירט אַז עס רוקט אָן אַ פינצטערע כמאַרע. אויף אַלעמענס פנימער איז געלעגן אַ טרויער וועלכן מען האָט נישט געקאָנט באַהאַלטן. האָט מען זיך מכלומרשט געפרייט, און די טרערן האָבן געשטיקט.

דאָס איז געווען דער לעצטער ברית אין פּאָריסאָוו.

פון דער גאַנצער משפחה, דריי דורות יידישע מילנערס אין פּאָריסאָווער געגנט, איז געבליבן בלויז איין שריד — דער שרייבער פון די שורות, אַ זון פון יעקב הערש מאַקאָבאָצקי, דער קאַשע־מאַכער. אין יאָר 1945, בין איך אַרויס פון ראַנטפאַרבאַנד, און — דורך דייטשלאַנד, פראַנקרייך און טשעכאָ־סלאָוואַקיי — זיך דערשלאָגן, אין יאָר 1947, קיין ארץ־ישראל.

איך האָב זיך באַטייליקט אין דער באַפרייונגס־מלחמה, און שפּעטער, אין דער שוין זעלבשטענדיקער מדינת־ישראל, אויפגעשטעלט אַ דאָרפס־ווירטשאַפט אויף די פעלדער פון חרב־לאת, נישט ווייט פון חדרה.

אהרן זיגלמן

אישים ופעליהם

ר׳ בריש מרובקה

בני־דורנו לא הכירו את אביו של ר׳ בריש — ר׳ לייביש מרובקה. הוא היה סוחר־יערות ידוע, פיקח, טוב־לב וישר. שנים רבות היה פרנס־קהלה נכבד ומקובל על הציבור כולו. ידע את שפת־המדינה והשכיל לייצג היטב את בעיות הקהלה היהודית לפני הרשות הלא־יהודית.

ר׳ בריש, בנו יחידו, הלך בדרכו. אף הוא היה לדמות מרכזית בציבור הפוריסובאי. קיבל חנוך תורני וגם חילוני — דבר שלא היה מקובל בעת ההיא, בעיירתנו. מסיבה זו היה ר׳ בריש מעין יוצא דופן. בביתו, על שולחנו, היה לעתים מונח ה„מורה־נבוכים" ובספרייתו — ספרי־הגות חילוניים.

ר׳ בריש ידע על בוריין רוסית, פולנית, גרמנית ועברית. היה היחידי בעיירה שהעתון הציוני „הצפירה" היה נמצא בביתו, ואפשר לומר, בלי פקפוק, שבימים ההם היה ר׳ בריש היחידי בעיירה שקרא עתון יומי. ר׳ בריש התכתב בעניני־ציונות עם נחום סוקולוב ז"ל, ולשבחו ייאמר, כי בשעתו היה היחיד שהעז להצהיר בפומבי כי ציוני הוא.

דרכו לא היתה סוגה בשושנים. אי־הליכתו בתלם, עוררה עליו את רוגזם של המנהיגים הרוחניים הדתיים בעיירה, כגון: הרב דמתא, והרבי, שהשפעתם על כל הציבור היתה, בזמן ההוא, בלתי־מעורערת. אך הוא, ר׳ בריש, לא נרתע, המשיך בדרכו.

על אופיו החזק תעיד העובדה דלקמן: כשאביו, ר׳ לייביש, נפטר, ביקש ר׳ בריש להתפלל לפני התיבה, ולא נתאפשר לו. פשוט, הודיעו לו שאם לא ייכנע ולא יתנהג כפי שנוהג כלל־ישראל בעיירה, דהיינו, אם לא יחדל לטפל בזקנו, ואם לבושו לא יהיה כשל שאר בני־העיירה, לא יינתן לו להתפלל לפני התיבה. ר׳ בריש לא נכנע, ויתר על תפילה כשליח־ציבור, ואמר „קדיש", כיתומים אחרים, או כבעלי „יאָרצייט" שלא ניגשו לתיבה. התנהגותו זו

זיכתה אותו בשם „אפיקורוס" ר"ל. גם דבר זה לא השפיע עליו, המשיך בדרכו הוא, ולא שם לב לחיצים שכוונו כלפיו.

ר' בריש היה מתפלל קבוע בבית־המדרש. מקומו הקבוע היה ב„מזרח", ע"י החלון, משמאל לארון־הקודש. כל השנים התפלל האיש בשעה קבועה. בעת התפילה אפשר היה לספור כל מלה שיצאה מפיו. זאת לא היתה תפילה שיגרתית, אלא שירה, ותענוג היה לעמוד בקירבתו ולהקשיב לתפילתו המתרוננת.

בימים שלפני מלחמת העולם הראשונה היה עדיין ר' בריש בודד במערכה. לא היה לו מגע עם הדור הצעיר, אשר לא חיפש קשר עם ה„אפיקורוס" ר"ל. רק אנשים שהיו צריכים לכתוב בקשה לשלטונות, או איזה מכתב בשפת המדינה, נכנסו אליו הביתה. ר' בריש עשה זאת ברצון, כי מטבעו, נכון היה תמיד לעזור לזולת.

לאחר פרוץ המלחמה ב־1914 וכניסת הגרמנים לעיירתנו, היה למליץ אצל שלטונות־הכיבוש למען בני־העיירה. בימים ההם החלו בני־הנוער מוצאים את דרכם לביתו של ר' בריש. בחורי־ישיבה ואחרים חשו בתמורות המתפתחות בחברה והתעוררו לקראת שינוי פני־החיים. הם מצאו בו את ה„מורה־דרך" המסוגל ללמדם פרק בחיים החדשים, וביתו נהפך לבית־ועד בשביל צעירים אלה. ממנו שמעו על הספרות המודרנית, על האידיאות השונות של התקופה, ועל הציונות.

אשתו שהיתה בת למשפחה חסידית, ובעצמה אדוקה מאוד, לא השלימה עם פעילותו בקרב הנוער. היא גילתה את שמותיהם של הצעירים הלומדים אצל בעלה בספרים החיצוניים, למען ייענשו על ידי הוריהם ואחרים. ברם, ר' בריש לא התחשב בכך. בעיירה גברה הפעילות הציונית והוא היה ל„פטרון" של הפעילים והדריכם בכל. בהיותו חשוך־בנים, ראה בהם את ילדיו הרוחניים.

בהיווסד הבנק להלוואה וחסכון בעיירה, הועמד בראשו. אכן, ידעו כי אין אדם יותר מתאים ממנו לניהול מפעל ציבורי ופיננסי זה. ברם, למעשה, לא נתנה לו עבודה זו סיפוק וגם לא פרנסה.

בשנות השלושים עבר לגור ללודז, שם דרו הורי־אשתו. בעיר הגדולה מצא תעסוקה שהלמה את מעמדו (בעוזבו את פוריסוב השאיר את ביתו בידי ארגון הנוער הציוני).

* *
*

ר' בריש היה אוהב ציון ורק סיבות משפחתיות־אינטימיות מנעו בעדו מלעלות ארצה. האיש שראה חזונו מתגשם, ושמח שבני־נוער פוריסובאים יוצאים להכשרה ומתכוננים לעלות ארצה — לא זכה לחיות בתוך המציאות החדשה בארץ־האבות, אליה שאף ולמענה פעל.

אלה שזכו לעבוד במחיצתו מזכירים לטובה את הימים ההם, כי הרבה למדו ממנו וחייבים לו רבות.

יהא זכרו ברוך.

ר׳ אברהמקה

ר׳ אברהמקה לא היה זקוק לכינוי כלשהו — כפי שהיה מקובל בעיירתנו — כדי שידעו לזהותו. השם הפרטי שלו הלך לפניו בעיירה ובקרב מאות חסידים שהיו באים ממרחקים אל הרבי, לפוריסוב.

ר׳ א. היה נמוך קומה, צנום ובעל זקנקן דליל. היו לו עינים פקחיות וטובות, ובעל מבטים חודרי־לב. היה גדול בתורה, בחסידות ובמעשים טובים, ויחד עם זאת — ענו גדול.

ר׳ אברהמקה נמנה עם הסועדים על שולחנו של הרבי. בכל שבת, בעת עריכת ה„טיש״, היה שר בקול ערב מאוד לפני הרבי והחסידים. היה גם מלחין וחיבר ניגונים שהושרו ב„חצר״ ובקרב קהל החסידים. מדי פעם הטיל עליו הרבי לחבר ניגון חדש ל„אשת חיל מי ימצא״. חסידי פוריסוב ותיקים זוכרים עדיין מניגוניו הרבים שר׳ א. חיבר.

המלחין הנודע יוהכין סטוצ׳בסקי הנציח אחד מניגוניו ל„אשת חיל״ בחוברת הניגונים החסידיים שהוציא בדפוס. כותב השורות האלה מסר למלחין את הניגון הזה.

כשהרבי עזב את פוריסוב והעתיק את מקומו לאוטבוצק, הלך גם ר׳ א. בעקבותיו ושכר לו דירה בקירבת חצרו של הרבי.

כל בניו של ר׳ א. שרו יפה. בנו בכורו ישראלקה התחתן עם בתם של ר׳ שאולקה וחיה פסה ונשאר לגור בעיירה. ישראלקה היה עובר לפני התיבה בשבת ובחג.

הבן השני של ר׳ א. מאיר, היה בן־גילי וחברי ולעתים היה בא לעיירה לבקר אצל הורי אמו (ר׳ יצחק יעקל ופרל מירל) ואז הביא עמו ניגונים חדשים מבית־הרבי שלנו, או משל הרבי ממודזיץ. בהזדמנויות כאלה היינו לומדים את הניגונים מפיו של מאיר.

כשהמשב״ק ר׳ חיים יצחק הלך לעולמו, קבע הרבי את מאיר, בנו של ר׳ אברהמקה, לממלא מקומו. היה במינוי זה משום כבוד גדול למאיר שהיה עדיין צעיר בימים והיו אחרים מבוגרים ממנו, שראו עצמם ראויים ומועמדים לאיצטלה זו.

ר׳ יצחק יעקל, סבו של מאיר, היה חסיד גור. הוא ואשתו פרל מירל, החזיקו חנות מכולת זעירה והיו מכינים יין מזוקק לקידוש. כל מי שרצה לקנות יין טוב לקידוש בא לחנותם. הזקנים זכו לראות בחייהם נכדים ונינים מהבת היחידה שלהם — אשתו של ר׳ אברהמקה, ונפטרו בשיבה טובה.

לא ידוע לי אם נשאר שריד מכל משפחת ר׳ אברהמקה. נראה שכולם הלכו למשרפות.
השם ינקום דמם.

אברהם פרץ דזיאלובסקי ובני־ביתו

מוצאו של א.פ. דזיאלובסקי ממשפחה ידועה בקרב חסידי גור ובעולם של מסחר הטכסטיל בוורשה. איידל אשתו היתה בתם הבכירה של ישעיה ושרה כריידל שטיינבלאט.

א.פ. פתח בפוריסוב חנות גדולה לבדים, מעין „כל־בו״. בחנות זו ניתן היה להשיג בדים מכל הסוגים: כותנה, משי, צמר, קטיפה, ובתוך אלה — בדים מעולים לחליפות.

א.פ. עשה את מרבית ימי־השבוע בדרכים, בוורשה ובלודז, לשם היה נוסע כדי לקנות את אשר נחוץ לו ללא מתווכים. הוא ניהל את ביתו ביד רחבה וגם בתקיפות. לקח חלק פעיל בחיי הציבור בעיירה. איידל אשתו ניהלה את העסק שלהם במקום והיתה חנוונית מצויינת.

בתם פרל לאה נישאה לבחור שאף הוא היה חסיד גור והיה לומד בשטיבל של חסידי גור בעיירה. לפרל לאה היתה פינה בחנותם של הוריה ומכרה סידקית וכל הדרוש לצרכי חייטות. מנדל, בעלה, היה פעיל באגודת ישראל בעיירה. במרוצת הימים עברו לגור בוורשה.

דוד דזיאלובסקי, בנם של א.פ. ואיידל (קראנו לו „דווצ׳ה״), נמנה עם המייסדים של ה„צעירי־אגודת־ישראל״ בעיירה. עד לנישואין שלו עזר להורים בבית־המסחר שלהם. נשא אשה, בת למשפחה מכובדת בסובולב. אף הם עברו לגור בוורשה. יחד עם מרדכי יבלונקה, מקרובי המשפחה, ניהלו חנות לבדים ברחוב גנשה.

דוד נפטר בגיל צעיר ממחלת לב.

אליהו, הילד השלישי בבית א.פ. (קראו לו אלי׳ „פלאַם״ על שום הכתם האדום הגדול שעל פניו שהיה לו מלידה), התחתן עם נערה (שמה היה חוה) מקרובי משפחת גולדמן הידועה. הם השתכנו בגרבולין.

יצחק, הבן הרביעי של א.פ. ואיידל, היה צהוב־שיער, נמוך קומה ושמנמן. היה בן־גילי וחברי. למדנו יחד ב„חדר״, בשטיבל ובבית־המדרש. פעלנו יחד בצ.א.י. יחד עזבנו את שורות האגודה ולמדנו פרקי ציונות מפיו של ב. מרובקה. שנינו עזבנו את העיירה כדי לעשות חיל בוורשה הבירה. יצחק פנה לפקידות ואני — למלאכה. המשכנו לבקר יחד במוסדות התנועה הציונית, לשמוע הרצאות, וכו׳. גרנו יחד בדירה אחת.

יצחק היה ציוני בכל נימי נפשו. השתייך לתנועת „על המשמר״ ונמנה עם חסידיו הנלהבים של יצחק גרינבוים. עם זאת לא היה מסוגל להפוך את

ציונותו לשפת המעשה ולעלות ארצה. פחד מעבודה פיסית ומחום ושמש שעור גופו לא סבלם.

„אתה מחוסן — היה אומר לי תכופות — הנך איש עבודה, ואני מפונק, איני מסוגל לעבוד עבודה קשה". לא הצלחתי לשכנעו כי יצטרף אלי להכשרה ולעליה ושיעקור את פחדו מלבו.

יצחק היה בחור מוכשר. ידע את הלשון העברית ואת הספרות העברית החדשה.

י. לא רצה ליפול בידיהם הטמאות של הנאצים ועל כן שם קץ לחייו. קפץ מגג בנין ונהרג במקום.

* * *

במשפחת א.פ. דזיאלובסקי היו עוד ארבעה ילדים: משה, חיה, מנחם ורחלה — בת זקונים נחמדה.

משה נשאר בוורשה. מנחם מת בצעירותו. חיה התחתנה עם שמואל אלי' גוטריימאן, בנו של מרדכי דודס.

ראש המשפחה, אברהם פרץ, נפטר לפני פרוץ מלחמת העולם השניה. יתר בני־המשפחה, עם אמם איידל, הובלו לתאי־הגזים ונספו, כשאר קרבנות הרצח של הגרמנים.

הי"ד.

מוטלה שמחהס (גולדצווייג)

מוטלה היה דמות ידועה ואהובה על תושבי העיירה. כן היה מקובל על קהל חסידי פוריסוב שהיו באים לרבי לשבת, או לחג.

עד היום לא ידוע לי אם השם הפרטי „שמחה" התייחס לאביו, או לאביה של חוה אשתו, שאף לה קראו „חוה שמחהס".

היה להם בן יחיד איצ'ה והם גרו בבית ע"י חצרו של הרבי, בדירה בעלת שני חדרים.

חוה היתה מומחית לאפיית עוגות וכל בעל־שמחה בעיירה שבביתו לא נאפו עוגות, היה מזמין אותן אצל חוה, ובמיוחד „טורטים" גדולים, אפויים בתבניות־פח ארוכות, וקראו להם „החתונה־לעקעך". דברי המאפה של חוה, במיוחד עוגיות־הביצים, היו לשם דבר בכל בית בעיירה.

בביתם של מוטלה וחוה, עמד דוד גדול ומבריק מנחושת והוא היה תמיד מלא מים רותחים לתה. בימי קיץ היינו באים לקנות אצלם קומקום מים חמים. בימים ההם, לפני מלחמת העולם הראשונה, לא היו עדיין אצלנו „פרימוסים" לבישול. את האוכל היו מבשלים על „כיריים" שהיו מורכבים משתי לבנות מרוחקות זו מזו מרחק מסויים ועליהן — ברזלים. את הסירים היו מעמידים על הברזלים כשמתחתם אש בוערת. אין איפוא כל פלא שהאנשים

לא רצו לטרוח, בפרט בימי קיץ לוהטים, ולהרתיח מים בבית ולשתות תה שהיה ספוג עשן, כשתמורת שתי פרוטות אפשר היה לקנות אצל מוטלה וחוה קומקום מים רותחים, צלולים וטובים. בביתם אפשר היה גם לשתות כוס תה כשהתמצית היא מהפירמה „ויסוצקי" המפורסמת, בתוספת עוגה או עוגות, מעשה ידי חוה.

*   *
*

דירתם, אף שלא היתה מרווחת, הצטיינה בנקיון להפליא. אמנם הריהוט בחדרים היה דל (מיטות פשוטות, מזרונים מקש), אך כלי המיטה הבריקו מלובן. בחדר אחד בהק הקיר מכלי־נחושת רבים שהיו תלויים עליו.

ביום שוק, כשיהודים מהסביבה הגיעו, לפנות בוקר, לעיירתנו, הרי הם נכנסו לבית מוטלה לשתות כוס תה מהביל, או כוסית יין־שרף, בטרם ילכו לבית־המדרש להתפלל. בשובם משם, יכלו לטעום מגת דג־כבוש, ושוב — כוס תה, או כוסית ספירט.

גם החסידים אהבו את מטעמיה של חוה מוטלה שמחהס. בימים ההם נמנעו יהודים רבים מלעבור מפתן של בית־מרזח, כי הדבר לא היה לכבודם, אבל אצל מוטלה שמחהס הם הרגישו את עצמם כמו בבית, בפרט כשהחברה שם היתה לא זו של בית־מרזח, אלא יהודית־בעלי־בתית.

*   *
*

מוטלה היה פיקח, ונעים־הליכות. נמוך קומה היה. ואילו אשתו חוה — גבוהה הרבה ממנו. חוה היתה אשה יפה ובנם היחיד, איצ'ה, היה דומה לה.

מ. ידע לחרוז חרוזים ואמרות שנונות היו תמיד שגורות בפיו. הלצותיו על חשבון הכלל והפרט היו מפורסמות. בימינו אנו היה ודאי נחשב לסטיריקן מוכשר.

מוטלה היה אחד משלושת החסידים הפוריסובאים (שלמה זלמן בראטשטיין, מוטלה שמחהס ושמואל זיינוול מראדזימין) אשר ביום פורים היו מופיעים בחצרו של הרבי ובנוכחותו היו משמחים את קהל החסידים והמוני הנאספים באמרותיהם ובחרוזיהם שלא נשכחו זמן רב.

בשטיבל או בבית־המדרש בעיירה היה מוטלה תמיד מוקף צעירים ומבוגרים שהיו צמאים לשמוע ממנו אמרה שנונה, הלצה, וכדומה.

מ. לא האריך ימים. לא זכה להשיא את בנו יחידו שכה אהב.

איצ'ה למד בשטיבל ובבית־המדרש. נשא לאשה את רחלה קופרבוים היפה, בתו של משה יצחק יהושעס. העיירה שמחה לבחירה זו וראתה בהם זוג מתאים ונחמד. אחרי מות אביו, היה איצ'ה עוזר לאמו וקיים בכל נפשו את מצוות כיבוד אם.

המשפחה נספתה בשנות השואה הטרגיות.

„גיטל הגדולה" ונכדיה

בשם זה קראו לה כל בני־העיירה, וכן — אנשי הסביבה הכפרית שבאו אל החנות שלה. כשהכרתיה, לא היתה כבר אשה צעירה. חושבני, שהתקרבה אז לגיל ששים. היתה גבהת־קומה, בעלת גוף מוצק ועינים פיקחיות. שביס נאה כיסה את ראשה.

„גיטל הגדולה" היתה אחותו של ר' מנדל דינר. אותו כינו בעיירה „מנדל הגבוה" („דער הויכער מענדל"). אגב, ר' מנדל עבד כל ימי חייו באחוזה בפשונקה, והיה האיש הנאמן של בעלי האחוזה — ר' יצחק מנדל גולדמן, ואחותו פייגה רבקה.

„גיטל הגדולה" היתה אלמנה. המזל לא האיר לה פנים. לשתי בנותיה מתו בעליהן והן נשארו עם חמשה יתומים: שני בנים ושלוש בנות (רבקה ואחיה שלום מבת אחת, שמואל, דבורה וליבהלה מהבת השניה). גיטל אספה את היתומים אל ביתה ודאגה להם בכל, קיימה וחינכה אותם. העיירה כולה העלתה על נס את פעלה של גיטל ואת מאמציה למען היתומים.

בתקופה ההיא עברה גיטל לגור בסביבה שלנו. שכרה דירה וחנות בצד המזרחי של כיכר־השוק, בשכנות של חיים גולרסקי. גיטל עסקה במכירת בדים וסידקית. הלקוחות העיקריים שלה היו הכפריים מהסביבה. שמואל ושלום היו בני־גילי. רבקה היתה המבוגרת ביותר ביניהם. בחורה פיקחית, בעלת תפיסה מהירה והתמצאה היטב בבעיות פוליטיות וחברתיות, כלליות ויהודיות. בזמן ההוא התעוררה העיירה מקפאונה. הנוער התחיל להתעניין בבעיות החברה, ואף נתפס, בהתלהבות, לפעילות בשטחי־חיים שונים. לא כל בית בעיירה היה פתוח לפני הנוער התוסס, והפגישות של בנים ובנות נערכו בחשאי. ראויה, איפוא, לציון העובדה שביתה של „גיטל הגדולה" היה פתוח לפנינו. היתה זו רבקה ששיכנעה את סבתה שאין כל רע בכך, אם כמה בחורים הנמנים עם חובשי בית־המדרש והינם חברים של נכדיה, יתכנסו בביתה. לאחר מכן החלו גם לבוא לביתה כמה בנות מאותן המשפחות וגיטל הטובה השלימה גם עם עובדה זו. כך נפגשו בנים ובנות שנפשם חשקה בהיכרות הדדית, בחילופי־שיחות, וכדומה. במשך הזמן נהפך ביתה של גיטל לבית־ועד של עסקנים ועסקניות צעירים שנמשכו אחרי הרעיון הציוני — דבר שבא בתחילה לביטוי, ע"י ההצטרפות לתנועת „המזרחי".

* *
*

אחרי מותה של „גיטל הגדולה", עבר ניהול הבית והחנות לידיה של רבקה. הילדים שהספיקו בינתיים לגדול, עזרו לה בכל.

רבקה היתה בעלת לשון שנונה. הדפה כל החיצים שהופנו כלפיה מצד החרדים. לבסוף, נכחו אלה לדעת שלא תצמח כל תועלת מההתקפות עליה כי לא תירתע ולא תיכנע. אכן, רבקה נשארה נאמנה לדרכה.

בתקופה יותר מאוחרת התחתנה. אחיה, שלום, עבר לגור בוורשה.

השואה הגדולה לא פסחה על בית זה, כשם שלא פסח על העדה היהודית כולה בפוריסוב. רק שריד אחד ממשפחה זו נותר בחיים. זוהי ליבהלה הצעירה, הנמצאת עתה בארץ, ונישאה לבנו של ברק הסנדלר.

ראויה משפחה זו, שתרמה בימים ההם רבות להפצת הרעיון הציוני בעיירתנו, שננציח אותה בספר הזכרון שלנו.

ר׳ אהרן מאירצ׳ס קורצהנד — כורך הספרים

ר׳ מאירצ׳ה מורסקי היה דמות ידועה בעיירתנו. נמוך־קומה היה, שמנמן וכפוף במקצת. מאלי בתו היתה דואגת לו בכל ואפשר לומר עליה כי קיימה את מצוות־עשה „כבד את אביך״, ממש, בכל נפשה.

ר׳ מאירצ׳ה — הכרתיו, כשהיה כבר איש זקן, בא בימים — ביקש לשלם למאלי כגמולה, וחיפש עבורה בעל, בר־אוריין, מחובשי בית־המדרש. הוא שם עינו בבחור צעיר מגרבולין, בשם אהרן קורצהנד שעשה ימים כלילות בתורה, ובעזרת שדכן נעשה השידוך. אהרן קורצהנד ומאלי התחתנו, ור׳ מאירצ׳ה הזקן הבטיח לזוג הצעיר „אייביקע קעסט״ למען יוכל חתנו להמשיך ולעסוק בתורה מתוך הרחבה. ר׳ מאירצ׳ה קיים את אשר הבטיח. עד סוף ימיו עסק במסחר ופרנסה לא חסרה לו. את כל הכנסותיו מסר לבתו ולחתנו. ר׳ מאירצ׳ה נשא ונתן עם איכרי־הסביבה ולהם היה אמון בלתי־מוגבל ליהודי זה שהיה ישר מאוד בעסקיו.

ר׳ מאירצ׳ה נפטר בשיבה טובה וראה נחת אצל בתו מאלי שילדה וגידלה ארבעה ילדים: שלושה בנים ובת יחידה.

הכרתי היטב את משפחת ר׳ אהרן קורצהנד. נמניתי עם באי־ביתו, יען כי בנו, שלום, היה חברי. למדנו יחד בחדר, ישבנו יחד על המדרגות, בבית־המדרש של הרבי, כדי לראותו צועד אנה ואנה בשעת התפילה, וכן למדנו יחד בישיבה, בשדלץ.

בימים ההם, גרה משפחת ר׳ אהרן, בביתו של דודי, ר׳ אברהם אלעזר שידלוביצקי, בשכנות עם ר׳ יוסל „דער מורה־הוראה׳טעס״.

* * *

ר׳ אהרן התפרנס מכריכת ספרים. היה בעל־מקצוע ששמו הולך לפניו. קפדן ודייקן היה בעבודתו. סגולתו זו היתה ניכרת בספרים הכרוכים שיצאו מתחת ידיו.

תחילה לא ידעתי, ורבים לא ידעו, כיצד הגיע ר׳ אהרן למקצוע זה, אך מאוחר יותר נודע לי כי למד את המקצוע בקלושין. עצם התעסקותו בכריכת ספרים, במקום להיות למלמד תינוקות, היתה מעין חריגה מן המקובל. אך,

בין כך ובין כך, היתה הבחירה טובה, כי ר׳ אהרן היה כורך הספרים היחיד בעיירה והתפרנס כהוגן. הכומר המקומי היה שולח אליו ספרים לכריכה, ולהבדיל, החסידים שהיו באים לרבי מפוריסוב, היו מביאים אליו ספרי־קודש שונים וסידורים קרועים לכריכה ולהדבקה. לאחר שר׳ אהרן תקנם, נראו כחדשים וניתן היה להמשיך ולהתפלל, או ללמוד בהם.

* *
*

את עבודת הכריכה היה ר׳ אהרן עושה בחדרו הקטן ששימש לו בית־מלאכה וגם חדר־שנה. בניגוד לחסידי־פוריסוב — אוהבי קפה חריף — היה ר׳ אהרן מומחה להכנת תה חזק. בחדרו הקטן היו נמצאים: קומקום, כלי עם סוכר, וכפית כפולה שלתוכה היו שמים עלי־תה להרתחה. לפעמים, היה ר׳ אהרן מכניס אותי לחדרו הקטן ומכבדני בתה חזק שהיה מכין עבורי.

עתות, היה ר׳ אהרן מתפנה מעבודתו, ונותן לנו, לבנו שלום ולי, שיעור בגמרא. דבר זה היה לנו לתענוג גדול, כי נהנינו מאוד מכל מה שלמדנו מפיו.

* *
*

המחלוקת המפורסמת בענין ממלא־מקום אחרי ר׳ אברהמלה סטשובר זצ״ל, ויציאתו של הרבי מפוריסוב לאוטבוצק, כתוצאה ישירה ממחלוקת זו, גרמו לכך שרבים בעיירה אבדו את פרנסותיהם וביניהם — גם ר׳ אהרן קורצהנד. החסידים לא באו עוד לפוריסוב, ולא הביאו עמם את ספריהם הקרועים לכריכה. מצבו הכלכלי של כורך הספרים היחיד בעיירה נעשה קשה ביותר. יעקב, בנו הבכור, בחר לו, על דעת עצמו, מקצוע: היה לשוליה אצל אחד הנגרים בעיירה. שלום, שהיה אז בן תשע שנים, הצטרף אלי ואל מאיר בורנשטין ז״ל, ושלושתנו עברנו לשדליץ ללמוד בתלמוד־תורה, לפני כניסתנו לישיבה עצמה.

* *
*

אחר כך באה מלחמת העולם הראשונה. נאלצנו להפסיק את לימודינו בישיבה ולשוב הביתה. כבני־נוער אחרים, נרתמנו, גם אנחנו, לעזרת ההורים שנאבקו על מציאת מקורות־מחיה. בעת הכיבוש הגרמני, היינו, שלום ואני, יוצאים לכפרים, קונים מצרכים שונים ומוכרים אותם. חורף אחד הצטנן שלום באופן חמור. למשך חדשים רבים רותק למיטה. בקומו ממיטת־חוליו, פנה אף הוא, כאחיו יעקב, ללימוד נגרות.

כתום המלחמה, סידרו להן, אשתו של ר׳ אהרן ובתם רחל, דוכן עם סידקית, אותו היו מציבות בשוק, ביומא דשוקא. מרדכי, הצעיר במשפחה, המשיך אותה שעה ללמוד תורה. בעת השלטון הפולני, נסע לוורשה, לישיבה ועדיין המשיך לעסוק בתורה לשמה. באחד הימים הצטרף לתנועת „תורה ועבודה״, למד מלאכת הסריגה והכשיר עצמו לעליה לארץ־ישראל.

שלושת הבנים עולים לארץ־ישראל

יעקב הבכור, הצטרף לתנועת פועלי־ציון־ימין, ובשנת 1924, עלה עם אשתו ובתו הצעירה לארץ־ישראל. התיישב בירושלים, בה חי עד עצם היום הזה.

מרדכי, שישב בוורשה, דאג לעתיד הוריו. התעניין במצבם של כורכי־הספרים בעיר־הבירה, ונוכח לדעת כי אפשר למצוא בה פרנסה במקצוע זה. הוא שכר דירה בשביל ההורים, ובשנת 1926, העתיקו אלה מקומם לוורשה, שם השתפר מצבם הכלכלי. בשנת 1929, בעצם ימי־המאורעות, עלה מרדכי לארץ־ישראל. כאן היה לטייח, ובמקצוע זה עוסק עד היום.

ב־1933, החליט הבן השלישי, שלום, שאין עוד מקום בשבילו בגולה, ופנה לאֶחיו שיעזרו לו לעלות ארצה ישראל. מרדכי התחייב לפני השלטונות שידאג לפרנסתו של אחיו. הודות למאמציו שהשקיע, הצליח להעלות את שלום עם בני־ביתו (אשה ושתי בנות) לארץ־ישראל.

— — — אכן, זכה ר׳ אהרן קורצהנד ושלושת בניו שאהבו את המלאכה, נשארו בחיים, לא ראו לנגד עיניהם את החרב הנאצית שכרתה ר״ל את יהדות פולין.

שאר בני־המשפחה חלקו את גורל הקהלה כולה: נהרגו ונשרפו, ואין יודעים איה מקום מנוחתם. יהא זכרם של הקדושים ברוך.

צבי קאַפּאָטאַ

משפחות און היימען

דער פּאַריסאָווער מורה־הוראה

דער פּאַריסאָווער מורה־הוראה ר׳ ישראל ישעיה פּיראָוויטש איז געווען אַ למדן־עצום, און דערביי — אַ גרויסער ענוו. קומענדיק אין בית־המדרש אַריין, פלעגט ער קיין מאָל נישט אַרויפגיין צו דער מזרח־וואַנט, נאָר בלייבן שטיין, אונטן, ביי דער טיר. ער איז אויך קיין מאָל נישט געווען אָנגעטאָן אין רבנישן לבוש, האָט בלויז געטראָגן אַ הויך, זיידן היטל.

דער מורה־הוראה האָט געהאַט צוויי טעכטער און אַ זון, יהושע. איין טאָכטער איז געווען אַ קאַליקע. דער מורה־הוראה איז פרי אַוועק פון דער

וועלט, און האָט נישט זוכה געווען צו פירן, אפילו איין קינד צו דער חופה.

ווען דער מורה־הוראה איז נפטר געוואָרן, איז זיין זון, יהושע, נאָך געווען אַ יונג יינגל. ער איז נישט געפאָרן לערנען אין אַ ישיבה, ערשטנס, ווייל אין שטוב זענען נישט געווען קיין געלט־מעגלעכקייטן, און צווייטנס, ווייל די מאַמע, אַ יונגע אלמנה, האָט נישט געוואָלט אים אָוועקלאָזן פון דער היים. יהושע האָט געלערנט אין בית־המדרש און אויך צוזאַמען מיט פאָריסאָווער חסידים. במשך דער צייט, האָט ער זיך דערוואָרבן אַ סך ידיעות אין ים־התלמוד.

אַ ביסל שפעטער, האָט יהושע אָנגעהויבן זיך צו אינטערעסירן מיט דער אויסערלעכער וועלט, געלייענט אַ סך ביכער, ווי אויך וויסנשאַפטלעכע ווערק, און מען האָט געקאָנט מיט אים שמועסן אויף פאַרשידענע באַלערנדיקע טעמעס.

יהושע איז נישט געקומען אין פראָפעסיאָנעלן פאַראיין, אָבער מען האָט אים געקאָנט טרעפן אין פריוואַטע שטיבער אויף קולטורעלע צוזאַמענקונפטן, ווו ער האָט שטענדיק אָנטייל גענומען אין דיסקוסיעס, אויב אַזעלכע זענען נאָר פאָרגעקומען.

יהושע איז געווען פיזיש שוואַך אַנטוויקלט. ווען די דייטשן זענען אַריין קיין פוילן, אין יאָר 1939, איז ער שוין דעמאָלט געווען נישט קיין יונגער בחור. איך האָב אים פאָרגעלייגט אריבערצוגיין, צוזאַמען מיט מיר און מיין ברודער שמחה־בינעם, די רוסישע גרענעץ. לכתחילה, האָט ער מסכים געווען, איז אפילו געפאָרן מיט מיר צו מיין ברודער, קיין וואַרשע, פון וואַנען מיר האָבן געדאַרפט זיך אַרויסלאָזן אין וועג אַריין. יהושע האָט אָבער גלייך חרטה געקריגן אויפן פּלאַן, געבנדיק אונדז צו פאַרשטיין, אַז ער איז נישט בכוח, פיזיש, מיטצומאַכן דעם וועג ביז צו דער גרענעץ, און אַז ער האָט אויך מורא פאַר די קלעפּ וואָס מען איז עלול צו באַקומען פון די דייטשן, אַנטרעפנדיק זיך אויף זיי.

יהושע, דעם מורה־הוראהס זון, איז אומגעקומען, ווי אַנדערע יידן, אין די שרעקלעכע קאַטאַסטראָפע־יאָרן.

„מאיר מלחמה׳לע"

אין שטעטל האָט מען געהאַלטן, אַז מאיר איז רייך געוואָרן בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, און מ׳האָט אים באַשאַנקען מיטן נאָמען: „מאיר מלחמה׳לע".

ער האָט געפירט אַ „כל־בו" געשעפט. געווען אַ ייד אַ תלמיד־חכם, און אַ גרויסער בעל־צדקה. אַ פאָריסאָווער חסיד. ביי אים אין שטוב זענען פאָריסאָווער חסידים זיך צונויפגעקומען שבת אין דער פרי, און האָבן געטרונקען שטאַרקע, שוואַרצע קאַווע וואָס האָט אַזש פאַרשיכורט.

מאיר איז געווען גאָר אַ נידעריקער, און זיין פרוי: רבקה טעלצע — אַ

הויכע. זיי האָבן געהאַט דריי קינדער, און אַלע זענען במשך אַ קורצער צייט אַוועקגעשטאָרבן פון קראַנקהייטן. דערנאָך זענען ביי זיי געבוירן געוואָרן נאָך צוויי קינדער: אַ זון און אַ טאָכטער. דער זון איז אויסגעוואַקסן אַ שיינער בחור, האָט געלערנט אין אַ ישיבה. דאָרט האָט ער זיך באַפריינדעט מיט אַ חבר וועלכן ער פלעגט מיטנעמען מיט זיך קיין פּאַריסאָוו אויף אַ יום־טוב. דער זעלבער בחור האָט דערנאָך חתונה געהאַט מיט מאירס טאָכטער.

מאירס זון איז שפּעטער געוואָרן אַן איידעם ביים פּאַריסאָווער רב, ר׳ יעקב הערשעלע. די חתונה איז פאָרגעקומען אין אַ פרייטיק, און די שמחה אין שטעטל איז געווען אומגעהייער גרויס.

מאיר און זיין פרוי, זייערע קינדער מיט די פאַמיליעס, זענען אַלע אומגעקומען אין דער לעצטער מלחמה.

משה מרדכי

משה מרדכי איז געזעסן אין גערער שטיבל און האָט דאָרט געלערנט פון אין דער פרי ביז שפּעט אויף דער נאַכט. בעת זיין לערנען, האָט אויף אים ממש גערוט די שכינה — אַזוי געלויכטן האָט זיין אויסגעאיידלט געזיכט. ער איז געווען אויסגעטאָן פון דער וועלט. זיין פרוי האָט געפירט אַ שניטקראָם, און ער האָט זיך נישט געמישט אין „אירע״ עסקים. קיין גרויסער גביר איז ער נישט געווען, פון דעסטוועגן פלעגט ער ביי זיך שטענדיק האַלטן אַ ביסל קליינגעלט, כדי צו קענען טאָן אַ גמילת־חסד. אַז עס האָט אין שטיבל זיך באַוויזן אַן אָרעמאַן, האָט משה מרדכי נישט געוואַרט ביז יענער איז צו אים צוגעקומען, נאָר איז אים אַקעגנגעלאָפן, און האָט אים אַריינגעשטעקט די נדבה אין האַנט.

פון זיצן יומם ולילה אָנגעבויגן אויף דער באַנק און לערנען, האָט משה מרדכי באַקומען אַ דיקן בויך. זיין פרוי האָט געמוזט רעדן מיט פריינד, אַז זיי זאָלן פועלן ביי איר מאַן ער זאָל גיין צו אַ דאָקטער. ווען דער דאָקטער האָט אים געעצהט זיך צו באַגרענעצן מיט עסן, און גיין יעדן טאָג אַ סך שפּאַצירן, האָט משה מרדכי אים געענטפערט אויפן אָרט: „וואָס שייך עסן, בין איך גרייט אייך שוין צו פאָלגן, נאָר, סתם גיין שפּאַצירן, אויפן חשבון פון לערנען תורה — דאָס נישט״.

דער סוף איז געווען, אַז משה מרדכי האָט געמוזט פאָלגן דעם דאָקטער, און מ׳האָט אים געקאָנט זען שפּאַצירן אויסער דער שטאָט, פאַרטיפט אין מחשבות, אָדער לערנענדיק פון אויסנווייניק.

משה מרדכיס ווייב איז געווען אַ טאָכטער פון אַ פּאַריסאָווער יידישן מויערער — אַ פּשוטער, אָבער זייער ערלעכער ייד. דאָס פאָרפאָלק איז געווען

קינדערלאַז, און זיי זענען אומגעקומען צוזאַמען מיט אַנדערע יידן אין די יאָרן פון דער טרויעריקער היטלער־תקופה.

ר׳ ברוך גאָלדבערג און זיינע קינדער

ר׳ ברוך גאָלדבערג האָט געהערט צו אַ משפחה פון למדנים און איז אַליין געווען פון די אָנגעזעענסטע תושבים אין פאָריסאָוו. ווען ר׳ ברוך איז נפטר געוואָרן, האָט מען אים געגעבן דעם שענסטן פּלאַץ אויפן בית־החיים און זיין מצבה איז די ערשטע, מערבדיק פון אוהל.

ר ברוך האָט געהאַט דריי זין (משה, אברהם און יאַנקל) און אויך טעכטער.

משה גאָלדבערג איז געווען די רעכטע האַנט ביים פאָריסאָווער רב, ר׳ אברהמלע. ער איז געווען פון די אָנפירערס פון דער חברה־קדישא אין שטעטל. יום־כיפור אין דער פרי האָט ער געפלעגט זאָגן פאַר עמוד פסוקי־דזמרה. מ. איז נפטר געוואָרן אין טיפן עלטער. זיין פרוי רחלע איז אויך געשטאָרבן אין די גאָר הויכע יאָרן. זיי האָבן געהאַט אַן איינציקן זון איטשע, וועלכער האָט געוווינט אין וואַרשע.

„אברהמלע ברוכס״ (אַזוי האָט מען אים גערופן) איז געווען אַ טייערער ייד, האָט געלעבט פון מסחר. א. האָט געהאַט בלויז טעכטער: פייגע, שרה, לאה און רחל (פייגעס מאַן איז געווען דער באַקאַנטער מלמד אין שטעטל — יעקב הערש.

„יאַנקעלע ברוכס״ איז געשטאָרבן נאָך פאַר דעם קריג. זיין זון שמואל גאָלדבערג איז געווען דאַזאַר און מיטגליד אין דער חברה־קדישא. ש. איז געווען אַ בעל־פרנסה, האָט געהערט צו די אָנגעזעענע יידן אין שטעטל. געהאַט אַן איינציקן זון — חיים. שמואלס ווייב שיינדל, האָט געהאַט גרויס צער פון דעם וואָס זיי האָבן נישט מער פון איין קינד. זי איז פון דעם געוואָרן קראַנק און — געשטאָרבן. זייער זון חיים האָט חתונה געהאַט קיין ריקי און נישט געהאַט קיין קינדער.

אַלע זענען אומגעקומען אין צייט פון די קאַטאַסטראָפע־יאָרן.

ר׳ מרדכי יצחק קאָרנפעלד און זיין שטוב

ר׳ ברוך גאָלדבערג האָט אויך געהאַט אַ טאָכטער שרה טויבע. איר מאַן איז געווען ר׳ מרדכי יצחק קאָרנפעלד — אַ ייד אַ תלמיד־חכם, אַ געראָער חסיד. נאָך דער חתונה איז ער אַריבער וווינען קיין סטראַכאָמין, אַ דאָרף צווישן פאָריסאָוו און לאַטאָוויטש. דאָרט האָט ער געפירט אַ געשעפט און געהאַט פרנסה בריוות. במשך דער צייט האָט ער אויך חתונה געמאַכט קינדער מתוך הרחבה. ווען זיין יונגע טאָכטער שיינדעלע איז אונטערגעוואַקסן און די

עלטערן האָבן זיך אַרומגעזען, אַז זי איז זייער אַ שיין מיידל, איז ר׳ מרדכי יצחק — אַ שטאַרק אָפּגעהיטער ייד — אַריינגעפאָרן קיין פאַריסאָוו, זיך אַן עצה האַלטן מיט ר׳ אברהמלען, דעם פאַריסאָווער רב, וואָס צו טאָן, ווייל ער האָט מורא צו לאָזן די טאָכטער אין דאָרף. לויט ר׳ אברהמלעס עצה, האָט ר׳ מרדכי יצחק שנעל ליקווידירט זיין געשעפט און איז אַריבערגעקומען וווינען אין פאַריסאָוו, ווו זיין שיינדעלע האָט שפּעטער חתונה געהאַט מיט שמואל גאָלדבערגן.

דער מאַטעריעלער מצב פון ר׳ מרדכי יצחקן אין פאַריסאָוו איז, אין אָנהייב, נישט געווען אַזוי גוט און ער איז געוואָרן מלמד, האָט באַקומען צום לערנען די קינדער פון די שענסטע בעלי־בתים אין שטעטל. אָבער ר׳ מרדכי יצחק איז בסך הכל געווען מלמד איין זמן. ער איז געווען צו גוט צו די קינדער און האָט נישט פאַרמאָגט די אייגנשאַפטן פון אַ מלמד און נישט די שטרענגקייט. ער האָט אויפגעעפנט אַ טשיינע, און חסידים וואָס זענען געקומען צום רבין, פלעגן אַריינקומען צו אים טרינקען אַ גלאָז טיי מיט צובייסעכץ. דאָס געשעפט זיינס האָט זיך געפונען פונקט אַקעגנאיבער דעם בית־המדרש, און יידן פלעגן, אין סתם אַ וואָכנדיקן טאָג, נאָך מנחה־מעריב, אָפּטרעטן אין דער טשיינע, טרינקען אַ גלאָז סאָדע־וואַסער און צועסן אַ גוט שטיקל שטרודל, צי אַנדער געבעקס. פון דאָזיקן געשעפט האָט ר׳ מרדכי יצחק געהאַט פרנסה בריווח.

אין די שפּעטערע יאָרן איז ר׳ מרדכי יצחקס ווייב שרה טויבע, געוואָרן פאַראַליזירט. זי איז געשטאָרבן אין חול־המועד פסח, אין יאָר 1916. אַ ניין חדשים שפּעטער, אין פינפטן חנוכה־ליכטל, איז ר׳ מרדכי יצחק נפטר געוואָרן, איבערלאָזנדיק צוויי זין און פיר טעכטער.

דער עלטסטער זון, מענדל (זיין פרוי האָט געהייסן פייגע), האָט אויסגעאַרבעט צוקערוואַרג־זאַכן. ער האָט געהאַט צוויי טעכטער און איין זון (אסתר, חוה און חיים שמחה).

ר׳ מרדכי יצחקס צווייטער זון, מאיר, איז אַוועק קיין וואַרשע. נאָך צוויי יאָר אָפּאַרבעטן ביי יענעם, האָט ער אַליין זיך געעפנט אַ געשעפט פון טאַבאַק און אַלקאָהאָל־געטראַנקען. מאיר האָט געהאַט צוויי טעכטער און פינף זין. ביז דעם קריג האָבן אַלע זיינע קינדער שוין געהאַט אייגענע פאַמיליעס.

אַלע זענען אומגעקומען.

אונדזער שטוב

מיין פאָטער דב יצחק קאַפּאָטאַ ז״ל האָט געשטאַמט פון קאַלושין, פון די אַזוי גערופענע „פּערפּעלעך״. ער איז געווען אַ סקערניעוויצער חסיד. מיין

מאַמע אסתר ברכה איז געווען די עלטסטע טאָכטער פון ר׳ מרדכי יצחק קאָרנפעלד.

דער טאַטע האָט איבערגענומען פון זיין פאָטער די פאַבריק פון טליתים און גאַרטלען וואָס ער האָט געפירט אין קאַלושין. צו יענער צייט איז דער עיקרדיקער אָפּזאַץ מאַרק געווען — רוסלאַנד. ווען עס איז אויסגעבראָכן דער ערשטער וועלט־קריג, איז אָפּגעשטעלט געוואָרן דער גאַנצער מסחר. אין יענער תקופה האָט דער זיידע ר׳ מרדכי יצחק נישט געקאָנט מער פירן אַליין זיין געשעפט, בפרט נאָך דעם ווי די באָבע איז געוואָרן פאַראַליזירט, און ער האָט געבעטן דעם טאַטן, אַז ער זאָל אַריבערקומען קיין פּאָריסאָוו. מיר האָבן זיך אַריבערגעקליבן קיין פּאָריסאָוו, ווו דער טאַטע האָט ליידער, נישט אויס־געלעבט קיין גאַנץ יאָר, אַוועקגייענדיק פון דער וועלט אין יאָר 1915. מיר זענען געבליבן אין שטוב דריי יתומים: מנחם בן־ציון, וועלכער איז דעמאָלט אַלט געווען 15 יאָר, איך אַליין בין אַלט געווען צען יאָר און דער יונגסטער שמחה בינעם — קוים פינף יאָר. נאָכן טאַטנס טויט איז דער מאַטעריעלער מצב אין שטוב געווען זייער אַ שווערער. כדי אונדז צו דערנערן איז די מאַמע געגאַנגען האַנדלען אויפן דאָרף.

אַכט יאָר נאָכן טאַטנס פּטירה, האָט די מאַמע חתונה געהאַט מיטן פּאָריסאָווער חזן ר׳ אברהם שמואל רייכמאַן.

מיין ברודער מנחם בן־ציון האָט חתונה געהאַט מיט רחל טשיבוצקי, אַ טאָכטער פון אַ קאַלושינער פאַמיליע. זיי האָבן געוווינט אין וואַרשע, אויף נאָוואָליפּיע 43. זיי האָבן געהאַט אַ זון דב יצחק און צוויי טעכטער: שרה טויבע און נחמה.

מיין ברודער שמחה בינעם
און אונדזערע בשותפותדיקע איבערלעבענישן

ווען דער טאַטע איז געשטאָרבן, האָט מיין שמחה בינעם, אַ פינף יאָריק קינד, ממש געקלעבט אין מיר, נישט געוואָלט זיין אַליין, נאָר מיט מיר צוזאַמען.

שוין דעמאָלט האָט ער זיך אַרויסגעוויזן ווי אַ שאַרפזיניקער, מיט אַ גוטער און שנעלער תפיסה. נאָך איין מאָל לערנען אין חדר די פרשה פון דער וואָך, האָט ער זי גלייך איבערגעזאָגט אין דער היים.

אין יאָר 1921, ווען איך בין אַוועק קיין וואַרשע, האָט שמחה בינעם נישט געוואָלט פאַרבלייבן אָן מיר אין פּאָריסאָוו. איך האָב אים געמוזט אַראָפּ־נעמען צו זיך קיין וואַרשע, ווו ער איז אַריין לערנען אין דער ישיבה „תורת־חיים", אויף גענשע 43. אין וואַרשע האָבן מיר געהאַט צוויי רייכע פעטערס, אָבער שמחה בינעם האָט נישט געוואָלט זיך אויפהאַלטן ביי זיי, נאָר

געגעסן טעג ביי מענדל „זשאַנדצע". די מאַמע ע"ה, האָט געפלעגט יעדע וואָך שיקן שמחה בינעמען אַ פּאַקעט פון פּאַריסאָוו, איך אַליין האָב אים באַזוכט צוויי־דריי מאָל אין דער וואָך און געזען, אַז עס זאָל אים גאָרנישט פעלן...

דער ראש־ישיבה — אַ קרוב פון לובלינער רב, הרב שאַפּיראָ זצ"ל — האָט פּאָרויסגעזאָגט, אַז שמחה בינעם וועט יונגערהייט באַקומען היתר־הוראה, אַזוי צופרידן איז ער געווען פון זיין שטייגן אין לערנען. אָבער געשען איז אַ ביסל אַנדערש... אין יאָר 1925, האָב איך אַרויסגעפילט אַז מיט שמחה בינעמען קומט עפּעס פאָר, אַז ער מאַכט אַ דורך אַ גייסטיקן קריזיס. איין מאָל, ביי נאַכט, שפּאַצירנדיק גראָד אין זאַקסישן גאָרטן, האָב איך אים באַמערקט זיצן אויף אַ באַנק, לייענענדיק אַ בוך. איך האָב געמיינט, אַז ער האָט מיך נישט באַמערקט, און איך האָב געוואָלט אויסמיידן דעם אומגעריכטן צוזאַמענטרעף. אָבער עס איז שוין געווען צו שפּעט. שמחה בינעם, וועלכער האָט מיך געהאַט באַמערקט, האָט מיך צוגערופן און מיר געוויזן וואָס ער לייענט — איינס פון שפּינאָזאָס ווערק... ביי דער געלעגנהייט, האָט ער מיך דערציילט ווי ער „האַלט" אין דער וועלט, און וואָס עס זענען זיינע אַנשויונגען. נאָך אין זעלבן יאָר איז ער אַרויס פון דער ישיבה. איך האָב אויפגעזוכט מיינס אַ באַקאַנטן, אַן אייגנטימער פון אַ טריקאָטאַזש־פאַבריקל, און יענער האָט אים געגעבן אַרבעט ביי זיך. נאָך איין יאָר, האָט שמחה בינעם שיין פאַרדינט, און ער איז געוואָרן אַ גוט קוואַליפיצירטער טריקאָטאַזש־אַרבעטער.

שמחה בינעם איז געווען אַ שיינער בחור און עס האָט זיך אין אים פאַרליבט זעליק אַלשעווסקיס טאָכטער, חנה לאה (זעליק איז אַלע יאָרן געווען פאַדריאַטשיק, און זיין עקאָנאָמישער מצב איז געווען זייער אַ גוטער). אין יאָר 1928, קורץ נאָך דעם ווי זעליג אַלשעווסקי איז פּלוצלינג געשטאָרבן האָבן זיי חתונה געהאַט. שמחה בינעמס שוויגער, די פרוי אַלשעווסקי, האָט נישט געוואָלט אַריינגעמען אין מאַנס געשעפטן קיינעם פון אירע קינדער, נאָר שמחה בינעמען, מיט וועמען זי איז געבליבן וווינען צוזאַמען, אויף פראַנציסקאַנער 20, אין וואַרשע. זיי האָבן געפירט אַ שיינע פאַבריק פון שוכוואַרג אין פּאַריסאָוו, און פאַרקויפט די אויסאַרבייטונג אין וואַרשע. עס איז זיי זייער גוט געגאַנגען, און זיי האָבן געפירט אַ שיין באַלעבאַטיש לעבן.

שמחה בינעם האָט געהאַט אַ זון — דב זעליג.

* *
*

נאָכן אויסבראָך פון קריג, אין יאָר 1939, זענען מיר ביידע אַריבער די רוסישע גרענעץ, און אָנגעקומען קיין ביאַליסטאָק. דאָרט האָבן מיר זיך אויפגעהאַלטן ביי אַ געוויסן ראַבינאָוויטש, אויף קיאָווסקע 10. מיר האָבן געהאַט דאָס גליק נישט צו דאַרפן זיך וואַלגערן, ווי אַנדערע „בעזשענצעס", אין בתי־מדרשים, שולן, צי, אין אַנדערע קהלשע היימען.

אין ביאַליסטאָק, האָט שמחה בינעם באַקומען בריוו פון זיין פרוי אין וועלכע זי האָט אים מודיע געווען, אַז עס פעלט זיי גאָרנישט, און אַז זי וואָלט שטאַרק געוואָלט ער זאָל זיך אומקערן אַהיים.

אין צווישן האָבן מיר געטראָפן אַ פּאָריסאָווער באַקאַנטן, ישׂראל רובינשטיין, און מיר האָבן אים אַריינגענומען צו זיך. יענער איז געווען קורץ נאָך זיין חתונה, און עס האָט זיך אים שטאַרק געבענקט אַהיים. עס האָט אים אויך נישט געשמעקט דאָס לעבן ביי די סאָוויעטן און ער האָט באַשלאָסן צוריקצופאָרן. דאָס איז געווען פורים־צייט, אין יאָר 1940. מיין שמחה בינעם האָט אויך באַשלאָסן צוריקצופאָרן קיין וואַרשע. איך האָב זיך געבעטן ביי אים, אַז ער זאָל עס נישט טאָן, געגעבן אים צו פאַרשטיין, אַז אויב עס איז אונדז געלונגען צו אַנטלויפן פון מערדערס האַנט, דאַרף מען נישט אַליין אים זיך צוריק איבערגעבן. מיינע תחנונים האָבן נישט געהאָלפן, און ביידע, מיין ברודער און ישׂראל רובינשטיין, האָבן זיך אומגעקערט צום דייטש.

זינט דעמאָלט, האָב איך פון מיין ברודער מער נישט געהערט.

* *
*

צווישן אַלע פאַרפייניקטע פּאָריסאָווער יידן, האָט זיך אויך געפונען מיין טייערע און נישט פאַרגעסלעכע משפחה:

די מאַמע אסתר ברכה וועלכע איז בעת דער אויסראָטונג אַלט געווען 71 יאָר;

מיין פרוי ציפּע; מיין עלטסטע, זעכצן יאָריקע טאָכטער שרה מרים; די יונגערע טאָכטער פריידקע — קוים פערצן יאָר אַלט, און מיין עלף יאָריקער זון דב יצחק;

מיין ברודער מנחם בן־ציון, זיין פרוי רחל און זייערע קינדער:

דב יצחק, שרה טויבע און נחמה.

מיין יונגסטער ברודער שמחה בינעם, זיין פרוי חנה לאה און זייער זון דוד זעליג.

נפתלי בעקער / ישראל, חיפה.

די „בני-אהרן״
(טיפּן און געשטאַלטן פון אַ פּאַרצווייגטער משפחה)

מיט אַ סך יאָרן צוריק האָט דער פּאַריסאָווער תושב ר׳ אהרן בעקער אויפגעבויט, אין דרום־ווינקל פון גרויסן מאַרק, אַ הויז וואָס האָט זיך אויס־געטיילט מיט זיין אויסזען פון אַלע אַרומיקע הייזער. אינעווייניק, איז געווען אַ גרויסער הויף מיט שטאַלן און שפּייכלערס. אַ טייל פונעם הויף איז געווען פאַרבויט מיט נאָך אַ הויז.

אין דער לעצטער צייט איז דער פאָדערטייל פון גרויסן הויז געווען באַוווינט דורך ר׳ אברהם יצחק בעקער וועלכער האָט געפירט אַ סאַנדאַלן־פאַבריק. ר׳ מלך מלאָטעק האָט דאָרט געהאַט זיין בעקעריי. טיפער אין הויף האָט געוווינט ר׳ יאָסל שידלאָוויצקי — אַלע, אייניקלעך פון ר׳ אהרנען.

ר׳ אהרן בעקער

ר׳ אהרן האָט אין זיין הויז פאַרלייגט אַ פאַרבעריי — די איינציקע אין דער גאַנצער געגנט. פויערים פון דער סביבה האָבן געבראַכט צו ר׳ אהרנען אויסגעשפּינטע רוי־מאַטעריאַלען צום פאַרבן, און באַצאָלט דערפאַר גוטע פרייזן.

ר׳ אהרנס ווייב, חיה אסתר, האָט געוווּסט ווי אַזוי זיך צו פירן מיט אַ קונה, און פרנסה איז געווען בשפע. זי איז אויך געווען די גאַנצע טאָגגעבערקע אין דער ווירטשאַפט. טאָקע צוליב דעם האָט ר׳ אהרן געהאַט צייט זיך אָפּצוגעבן מיט כלל־ענינים. ביי אים אין שטוב זענען פאָרגעקומען קהלשע אַסיפות, און דער ציבור האָט אין אים געזען זיין געזעלשאַפטלעכן מנהיג.

אַ דאַנק דער פאַרבעריי, האָט ר׳ אהרן געהאַט ברייטע באַציונגען מיט ז׳ער נישט־יידישער באַפעלקערונג פון דער געגנט. דער רייכער גוט־באַזיצער אָרלאַנד, איז געווען ביי אים אַן אָפטער גאַסט. אין שטעטל האָט מען געוווּסט צו דערציילן, אַז ר׳ אהרן האָט געהאַט אַ גרויסע השפעה אויפן דערמאָנטן פריץ אין זיין החלטה אָוועקצושענקען דער יידישער קהילה אין פאַריסאָוו די פלעצער אויפצושטעלן די שול, די מקווה און דאָס בית־החיים.

חיה אסתר האָט געבוירן פיר טעכטער און איין זון (פריידל, רבקה־רחל, ביילע, דבורה און חיים יאָסל).

יאָרן זענען אָפּגעלאָפן, קינדער זענען אונטערגעוואַקסן, און מען האָט ר׳ אהרנען אָנגעהויבן פאַרשלאָגן שידוכים פאַר די טעכטער. זיין ערשטער

תנאי איז געווען, אַז די קינדער זאָלן נישט פאַרלאָזן פּאַריסאָוו. ווי מען דערציילט, זענען די טעכטער געווען זייער געראָטענע, און ר׳ אהרנס עקאָנאָ־מישער מצב איז געווען אַזעלכער, אַז דער ענין פון געבן נדן, האָט אים נישט גורם געווען קיין ספּעציעלע קלאָפּאָטן.

ר׳ ישעיה שטיינבלאַט

פאַר דער עלטסטער טאָכטער, פריידל, האָט ר׳ אהרן אויסגעקליבן אַ זיידענעם יונגן־מאַן — ר׳ ישעיה שטיינבלאַט.

ווען עס איז געקומען רבקה רחלס ריי חתונה צו האָבן, האָט מען פאַר ר׳ ישעיהן אויסגעבויט דאָס הויז, צפונדיק פון מאַרק, אין שכנות מיט ר׳ ישראלקע גאָלדמאַן, נאָענט פון דער פּאָשוויענטנאַ גאַס. דאָרט האָט ר׳ ישעיה געעפנט אַ שניטגעשעפט. דער יונגער־מאַן וואָס איז פריער געזעסן און האָט געלערנט תורה, איז מיט דער צייט אויסגעוואַקסן אַ פעיקער סוחר. פריידל האָט זיך שטאַרק געטויגט צום עסק, און צוגעצויגן די דאָרפישע קליענטעלע. זיי זענען דערנאָך פאַררעכנט געוואָרן צו די נגידישע משפחות אין פּאַריסאָוו.

ר׳ אברהם אלעזר שידלאָוויצקי

פאַר רבקה רחלען האָט ר׳ אהרן אויסגעקליבן אַ יונגן־מאַן אַ תלמיד־חכם — ר׳ אברהם אלעזר שידלאָוויצקי, וועלכער האָט געהאַט היתר־הוראה. ר׳ אברהם אלעזר האָט געפּרובירט זיין הצלחה אין הורט־האַנדל מיט תבואה, קוילן, א״אַנד. פאַרן צוגעזאָגטן נדן האָט ר׳ אהרן אים געהאָלפן אויסבויען אַ שטוב אין רבינס געסל, קעגן איבער דעם בית־המדרש (אין די לעצטע יאָרן האָט דאָרט געוווינט אהרן שידלאָוויצקי).

אין די שפּעטערע יאָרן, איז ר׳ אברהם אלעזר צוריק אַריין אין הויז אויף פּשיאוליצאַ גאַס, האָט דאָרט געעפנט אַ „חדר״, און איז געווען דער ערשטער אין שטעטל וואָס האָט איינגעפירט דאָס לערנען תנ״ך מיט די קינדער.

בעסערע בעלי־בתים אין שטעטל האָבן געשיקט זייערע קינדער צו ר׳ אברהם אלעזרן. רבקה רחל האָט צוגעהאָלפן אין דער פרנסה, פאַרלייגנדיק אַ שטיקל בעקעריי. אַזוי אַרום האָבן מאַן און ווייב געצויגן פרנסה פון „קמח״ און „תורה״ וואָס זענען געגאַנגען געפּאָרט אונטער איין דאַך.

ר׳ איטשע מאיר „לעבעדיקער״

די דריטע טאָכטער, ביילע, האָט ר׳ אהרן חתונה געמאַכט מיט ר׳ איטשע מאיר קאָנסקי, וועלכן מען האָט אויך גערופן „לעבעדיקער״. ר׳ איטשע מאיר

איז געווען אַ קליין, דאַר יידעלע, אַ פלינקער, און האָט געהאַט אויף זיך אַ פּיקחותדיקן קאָפּ. אין גאַס האָט ער געפלעגט זיך דורכשאַרן, אַנגעטאָן אין אַ לאַנגן, איינגעצויגענעם מאַנטל, און איילן זיך אין בית־המדרש אַריין. דאָרט האָט ער געפלעגט אויסגעפינען פאַר זיך אַ ווינקל און זיך פאַרטיפן אין אַ ספר.

זיין ביילע איז געווען אַ פלינקע סוחרטע. דער פאָטער ר׳ אהרן האָט געהאַלטן, אַז אין מאַרק איז פאַראַן פלאַץ פאַר נאָך אַ שניטגעשעפט, האָט ער אויסגעבויט אַ הייזקע אין שכנות מיט די פיאַנטקאָווסקיס, אין מאַרק, און דאָרט האָט ביילע געעפנט אַ געוועלב און עס געפירט מיט הצלחה.

ר׳ זלמן פאַרבער

דאָס שיינדל אין ר׳ אהרנס שטוב איז געווען די יונגסטע טאָכטער, דבורה. פאַר איר האָט ר׳ אהרן אויסגעפונען אַ חתן פון קאָזשעניץ — אַ זון פון ר׳ בצלאל זיגלמאַן.

צו יענער צייט, זענען ר׳ אהרן און זיין ווייב חיה אסתר, שוין געווען אין די עלטערע יאָרן און זיי האָבן באַשלאָסן צו האַלטן דבורהן און איר מאַן ר׳ זלמנען, לעבן זיך.

צו דער יונגער פאַמיליע זיגלמאַן האָבן געהערט צוויי דרומדיקע צימערן, און אַ האַלבער פלאַץ. שפּעטער, האָט ר׳ זלמן פאַרדונגען זיין וווינונג צו קלמן דעם שניידער, און אַליין האָט ער זיך אַריינגעקליבן מיט דער פאַמיליע אין אַ געדונגענער וווינונג, נישט ווייט פון ר׳ אהרנס שטוב. נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָט ר׳ זלמן זיך אומגעקערט אין ר׳ אהרנס הויז, און זיין פאַמיליע האָט דאָרט געוווינט ביז פאַרן אויסבראָך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

ר׳ זלמן איז געווען אַ גרויסער תלמיד־חכם, האָט געהאַט היתר־הוראה, און ווען דער רב איז נישט געווען אין שטעטל, האָט ער געהאַט רעכט צו פּסקענען שאלות.

חיים יאָסל ר׳ אהרנס

דעם איינציקן זון, חיים יאָסלען, האָט ר׳ אהרן חתונה געמאַכט מיט אַ באַלעבאַטישער טאָכטער פון סאָבין. חיים יאָסל איז געווען געראָטן אין טאַטן. מיט דער צייט האָט ער זיך דערוואָרבן אין שטעטל אַ נאָמען פון אַ שיינעם בעל־הבית. ער איז געבליבן וווינען אין טאַטנס הויז, און האָט געצויגן

פרנסה פון דער בעקעריי וואָס ער האָט דאָרט אויפגעשטעלט. זיין געבעקס איז געוואָרן באַרימט אין שטעטל און איז געקומען אויף שבת־יומטובדיקע יידישע טישן אין שטעטל, און אויף שמחות. חסידישע יידן האָבן געבאַקן מצות נאָר ביים חיים יאָסלען. ווען זיי האָבן געבאַקן ערב פסח־מצות, אָנגעטאָן אין זייד און סאַמעט, האָט חיים יאָסלס בעקעריי אויסגעזען ווי זי וואָלט ערשט אַצינד באַקומען דעם ריכטיקן תיקון, און ווי זי וואָלט אַ גאַנץ יאָר עקזיסטירט נאָר צוליב דעם איינעם, געהויבענעם טאָג...

ר׳ אהרן בעקערס פטירה

ווען ר׳ אהרן בעקער איז נפטר געוואָרן, האָבן אַ סך יידן פון דער סביבה, צווישן זיי, אַ שיינע צאָל רבנים, זיך באַטייליקט אין זיין לוויה. באַלד דערנאָך איז אויך אַוועק פון דער וועלט זיין ווייב, חיה אסתר. זייערע קינדער האָבן באַקומען אין שטעטל דעם נאָמען „בני־אהרן״. זיי האָבן זיך, כמעט אַלע, פאַרוואָרצלט אין פאָריסאָוו, אויסגעבויט זייערע היימען אין פאַרשידענע ווינקלען פון שטעטל. אין דער אַ צייט האָט אָנגעהויבן אויפוואַקסן אַ דריטער דור פון די „בני־אהרן״ — אַ דור וואָס האָט געשפינט דעם פאָדעם פון המשך.

ר׳ ישעיה שטיינבלאַטס שטוב

שטאַרק פאַרצווייגט האָט זיך די שטוב פון ר׳ אהרנס עלטסטן איידעם, ר׳ ישעיה. ער איז געווען אַ טאַטע פון פינף זין און דריי טעכטער. דריי פון די זין האָבן חתונה געהאַט און זענען אַרויסגעפאָרן פון שטעטל. די אַנדערע צוויי: מענדל און נחמן, ווי אויך די טעכטער: איידל, רבקה און צביה, זענען געבליבן ווינען אין פאָריסאָוו.

ר׳ מענדל איז אַ גאַנצע וואָך געווען פאַרהאָרעוועט אין זיין זייף־פאַבריק וואָס ער האָט געפירט אין הילצערנעם הויז, אויפן הויף. ר׳ מענדל האָט זיך נישט אָפּגעגעבן מיט קיין קהלשע ענינים, האָט ער דעריבער פאַרברענגט מער אין בית־המדרש און טאָקע געפלעגט זיך פאַרטיפן אין אַ לומדיש ספר. אין שטעטל האָט מען ר׳ מענדלען געהאַלטן פאַר אַ גרויסן לערנער.

ר׳ נחמן האָט געהאַט אַ שפייזגעוועלבל, און — קנאַפּע פרנסה. די פּאָליצעס זענען דאָרט שטענדיק געווען ליידיק. דערפאַר אָבער האָט ער געפלעגט קריגן צו באַצאָלן אַ סך שטייערן... סעקוועסטראַטאָרן האָבן אָפט באַזוכט זיין שטוב, און אים נישט געלאָזט במנוחה.

ר׳ ישעיהס דריי טעכטער זענען נאָך זייער חתונה־האָבן געבליבן ווינען אין טאַטנס הויז. דער עלטסטער איידעם, ר׳ אברהם פרץ דזשיאַלאָווסקי, איז אָנגעגאַנגען אין שטעטל ווי אַ שטיקל משכיל. ער האָט זיך אויסגעקענט אויף וועלט־פּאָליטיק, און ליב געהאַט צו זאָגן, אומעטום, זיין מיינונג.

ר׳ משה שוחט

ר׳ ישעיהס מיטלסטע טאָכטער, רבקה, האָט חתונה געהאַט מיט ר׳ משה גלאַטשטיין. ער איז געווען שוחט אין שטעטל און האָט פאַרנומען דאָס אָרט פון ר׳ ישראל יצחק שוחט. ר׳ משה האָט געפירט אַ שטוב פון רבנישן שניט, איז געווען באַליבט אין אַלע חסידישע קרייזן.

ר׳ משה איז געווען אַ געלערנטער חסיד. ער איז אויך געווען אַ טייערער בעל־תפילה און האָט געהאַט אַ פּראַקטיקן טענאָר. ווען ר׳ אברהם שמואל רייכמאַן, דער פאַריסאָווער חזן, איז געוואָרן אַ סגי־נהור און האָט נישט געקאָנט מער דאַווענען פאַרן עמוד, האָבן משה שוחט און אברהם לעדערייך פאַרנומען זיין פּלאַץ. ביידע זענען אַמאָל געווען ר׳ אברהם שמואלס צוהעלפּערס. אברהם לעדערייך האָט אין די ימים־נוראים געדאַווענט מוספים אין דער שטאָטישער שול, און ר׳ משה שוחט — אין בית־המדרש.

ר׳ משה איז געווען אַ הויך געוויקסיקער און קרעפטיקער ייד, מיט אַ שיינער, געלער באָרד, געדיכט, און אויך לאַנג צוצעוואַקסן.

ר׳ משה האָט געהאַט אַן איינציקן זון, אהרן. ער האָט זיך משדך געווען מיט בנימין קאַסמאַן וועלכער האָט געהאַט אַן איין־און־איינציקע טאָכטער.

ר׳ יוחנן ראַטבליט

ר׳ איטשע מאיר „לעבעדיקער״ס טאָכטער, שרה, האָט חתונה געהאַט מיט יוחנן ראַטבליט, פון כאַדלע, לעבן לובלין. דער צוגעזאָגטער נדן איז געווען דאָס שניטגעוועלב וואָס די עלטערן האָבן געפירט, און דאָס פאַרפאַלק האָט עס נאָך מער אַנטוויקלט און אויפגעלעבט. ר׳ יוחנן איז געווען אָנגענומען אין שטעטל ווי אַ גוטער בורר. ער איז געווען לאַנגיאָריקער דאָזאָר אין דער קהילה, און דער איינציקער יידישער פאַרטרעטער אין דער פוילישער גמינע. דאָס אינטערעסאַנטע איז געווען וואָס כמעט אַלע יידישע עלעקטאָרן וואָס האָבן געוויילט אין דער גמינע, האָבן אַרויסגעשטעלט די קאַנדידאַטור פונעם לערער ראָזען (פון דער אַלגעמיינער פאָלקשול), וועלכער האָט זיך געהאַט באַזעצט אין פאַריסאָוו, און דווקא, ס׳רוב פוילישע עלעקטאָרן האָבן געשטימט פאַר ר׳ יוחנן ראַטבליט און אים טאַקע אויסגעוויילט. עס קאָן זיין, אַז די פּאָליאַקן האָבן געהאַט אַזאַ רמז פון גאַרוואָלין, און עס איז אויך מעגלעך, אַז די פאַריסאָווער קריסטן האָבן געוואָלט, אַז אין דער גמינע זאָל זיצן אַן אייגענער ייד, פון די שטעטלשע משפחות.

ר׳ יוחנן, מיט זיין שלעכטן פויליש און גוטן יידישן קאָפּ, האָט אָפט מאָל אָפּגערופן אַ גזירה וואָס האָט געלאָקערט אויף אַ ייד אין שטעטל. אַפילו בולטע אַנטיסעמיטן האָבן געהאַט פאַר אים דרך־ארץ, גערופן אים „גאַספּאָדאַזש״. אין שטעטל, צווישן יידן, איז ער שוין טאַקע געבליבן ביים נאָמען: „ר׳ יוחנן גאַספּאָדאַזש״.

ר׳ זלמן פאַרבערס שטוב

שטיל, אָן רעש, האָט זיך געפירט די שטוב פון ר׳ זלמן פאַרבער. זיין ווייב, דבורה, האָט פון שטענדיק אָן אויסגעטראָגן אַלע דאגות פון דערווירטשאַפט, און ער, ר׳ זלמן, איז געזעסן און האָט געלערנט. האָט עמעצן געאַרט אַ שווערע סוגיה אין דער גמרא, איז מען געקומען צו ר׳ זלמנען ער זאָל זי אויפקלערן, געבן באַשייד. זיינע נאָענטע חברים זענען געווען: ר׳ אברהמעלע פון פשאַנקע, ר׳ שאולקע, און אַנדערע קעסט־יונגע־לייטלעך וואָס זענען צוגעקומען אין שטעטל. מענטשן פלעגן אויך קומען צו ר׳ זלמנען זיך אָן עצה האַלטן וועגן אַלץ וואָס מען האָט נאָר געדאַרפט, און באַזונדערס, וועגן קינדער וואָס וואַקסן אונטער, און זוכן פאַר זיך נייע וועגן, ווייל די אַלטע געפעלן זיי נישט... ר׳ זלמן פלעגט פאַר יעדן געפינען אַ טרייסט, אַ גוט וואָרט, און וואָס שייך קינדער — האָט ער געהאַלטן, אַז נישט שטענדיק ווייסן זיי ווייניקער פון זייערע עלטערן....

ביי ר׳ זלמנען אין שטוב זענען אויסגעוואַקסן דריי טעכטער און דריי זין. די עלטסטע, שרה, האָט חתונה געהאַט מיט אַ יונגען מאַן, אַ תלמיד־חכם, אברהם משה אורמאַן, פון מינסק מאַזאָוויעצק. נאָך דעם ווי עס איז ביי דעם פאַר־פאָלק געבוירן געוואָרן דאָס ערשטע קינד — אַ יינגעלע, איז ר׳ אברהם משה, רעכענענדיק זיך מיטן שווערן מצב פון זיין שווער, אָוועק קיין שעדלעץ, ווו ער איז געוואָרן אַ מגיד שיעור אין דער שעדלעצער ישיבה.

דער צווייטער אין שטוב איז געווען דער זון, ישכר דב. ער האָט חתונה געהאַט מיט דער יונגערער טאָכטער פון ר׳ קלמן גרינבערג — אַ שוחט אין יוזעפאָוו. ווען זיין שווער איז געקומען אויף דער עלטער, איז ישכר דב געוואָרן שוחט אויף זיין אָרט (שפּעטער — געווען שוחט אין דרילטש, ביי ראַדאָם). ר׳ ישכר דב איז געווען אַ גוטער בעל־תפילה, געהאַט אַ שיינע, מוזיקאַלישע שטים.

די דריטע אין דער משפחה איז געווען צפורה. זי האָט זיך געלערנט שניידעריי. צפורה האָט חתונה געהאַט מיט אַ זון פון ר׳ ישראל שטערן פון לאַסקעראָוו. די רעשט קינדער: אהרן, יעקב צבי (דער יונגסטער) און רבקה, האָבן עולה געווען, יעדער אין באַזונדערע צייטן, קיין ארץ־ישראל.

ר׳ זלמנס קינדער זענען געגאַנגען אין טאַטנס וועגן, האָבן פאַרגעזעצט דעם שטייגער־לעבן וואָס מען האָט אין זיי איינגעפלאַנצט. דאַקעגן האָט אהרן (אין שטוב האָט מען אים גערופן אהרן בצלאל) אָנגעהויבן פאַרשאַפן עגמת־נפש. צום מייסטן האָט דעם צער אויסגעטראָגן די מאַמע, דבורה. זי האָט געוואָלט האָבן אין שטוב אַ צווייטן ישכר דב, אַ לערנער, אַ ירא־שמים. זי האָט געהאַלטן אין איין וואָרענען איר זלמנען, אַז אַלעמען האָט ער אין זינען, אַלעמען איז ער גרייט צו העלפן, נאָר אויף זיין אייגענעם זון, אויף אהרנען,

גיט ער נישט אַכטונג, זעט נישט וואָס עס טוט זיך מיט אים, פונקט ווי עס האָט אברהם אלעזר נישט געזען וואָס עס טוט זיך ביי אים אין שטוב, און זיין יהושע איז אַוועק, רחמנא־לצלן, מיט די באָלשעוויקעס, און פאַרשוווּנדן לעולם ועד. אַזוי האָט דבורה איינגעטענהט מיט איר מאַן, און ר׳ זלמן האָט זי געפּלעגט אויסהערן — און שווייגן...

אַ מעשה מיט אהרן ר׳ זלמנס...

אין איינעם אַ פרייטיק, האָט אהרן ר׳ זלמנס זיך געפונען אין וואַרשע און פאַרשפעטיקט דעם צוג וואָס האָט אים געדאַרפט אומקערן אַ היים. ער איז אויפגעזעסן אויף אַ שפּעטערן צוג און אָנגעקומען קיין פּילאַווע פאַר ליכטצינדן. מיט דער זעלבער באַן זענען אויך אָנגעקומען יאָסל רייכמאַן, דעם חזנס זון, און אברהם פּרץ קופּערבאַנד. אַלע דריי האָבן גענומען אַ וועגעלע און זענען דערפאָרן ביז טראַמביק. דאָרט האָבן זיי געלאָזט די פּעקלעך ביי גאָטע דעם „פּאַקער״ און זענען אַוועק קיין אַבראַמב. פון אַבראַמב האָבן זיי אַריינגע־שפּאַצירט קיין פאַריסאָוו. ווען זיי זענען אָנגעקומען אין שטעטל אַריין, זענען די בעלי־בתים פּונקט געגאַנגען אַ היים פון קבלת־שבת....

די מעשה איז גלייך באַוווּסט געוואָרן אין גאַנצן שטעטל. ווען דער רב האָט עס דערהערט, האָט ער אַרויסגעגעבן אַ פּסק, אַז מען טאָר די מחללי־שבת נישט מצרף זיין צו מנין, אַזוי לאַנג ווי זיי וועלן נישט עפנטלעך אויסדריקן זייער חרטה אויפן באַגאַנגענעם חילול־שבת.

דער פּסק־דין איז ר׳ זלמנען נישט געפעלן געוואָרן. אים האָט אויך געאַרט וואָס דער רב האָט פאַרלאַנגט, אַז זיין אהרן זאָל אַרויפגיין שבת אויפן באַלעמער, אין בית־המדרש, און, בפני כל עם ועדה, אויסדריקן זיין חרטה איבער דער אָפּגעטוענער זאַך. קיין גרויס שלום־בית צווישן רב און ר׳ זלמנען איז קיין מאָל נישט געווען, אָבער אויך דער רב האָט נישט געוואָלט איבערציִען דאָס שטריקל, און מען איז געקומען צו אַ פּשרה: אין אַ שבת אין־דער־פרי, האָט אהרן מודיע געווען פאַר עטלעכע תהלים־זאָגערס אין בית־המדרש, אַז ער האָט חרטה אויף דעם חילול־שבת וואָס ער איז באַגאַנגען. מיט דעם האָט זיך דער ענין געענדיקט.

ר׳ זלמנס פּטירה

ר׳ זלמן פאַרבער איז נפטר געוואָרן אין דער ערשטער סדר־נאַכט, אין יאָר תרצ״ג, און איז געקומען צו קבורה אין ערשטן טאָג חול־המועד, נאָענט פון אוהל, לעבן זיינע מקורבים, ר׳ אליהו גריצער און ר׳ שלום סאַנאַקער.

חיים יאָסלס קינדער

די פאַרצווייגטע קייט פון ר׳ אהרן בעקערס קינדער שליסט אָפּ דער איינציקער זון זיינער — ר׳ חיים יאָסל. ער איז נפטר געוואָרן אין יאָר

תרע״ה. נאָך אים זענען פאַרבליבן צוויי זין (אברהם יצחק און יהושע) און דריי טעכטער (שרה, חנה רבקה און דבורה). אַלע קינדער זענען נאָך זייער חתונה האָבן, געבליבן וווינען אין פּאָריסאָוו.

ביידע ברידער האָבן געצויגן זייער פּרנסה פון שטעפּעריי. מיט דער צייט, זענען זייערע וואַרשטאַטן זיך פונאַנדערגעוואַקסן, די פּראָדוקציע איז שטאַרק פאַרגרעסערט געוואָרן, און ביידע ברידער האָבן פאַרוואָרפן דעם אַרטיקן מאַרק און אַ סך שטעט אויף די קרעסן מיט זייערע סאַנדאַלן.

ר׳ אברהם יצחק בעקער

ר׳ אברהם יצחק איז געווען אַ געמיטלעכער מענטש. אָפּגעאַרבעט אַ גאַנצן טאָג אין וואַרשטאַט, איז ער פאַר נאַכט אַרויס אין גאַס, פיין איבערגעטאָן, אויסגעפּוצט, דאָס געדיכטע בערדל — שיין פאַרקעמט. וווהין איז אַ ייד אין פּאָריסאָוו געגאַנגען פאַר דער שקיעה? אין בית־המדרש אַריין, צו מנחה־מעריב. דאָרט האָט מען זיך אויך אַ ביסל אָפּגערוט און געכאַפּט אַ שמועס מיט באַקאַנטע. אַהיימגייענדיק פון בית המדרש, פלעגט ר׳ אברהם יצחק, צוזאַמען מיטן ברודער, און אַנדערע באַקאַנטע פון דער בראַנזשע, זיך אַריינכאַפּן צו משה חיים פּאָסקלינסקי אַדורכצורעדן זיך אין געשעפטס־ענינים. ביי דער געלעגנהייט, פלעגט מען צוטרינקען אַ גלאָז ביר, און אַ מאָל אויך פאַרבייסן אַ פּערטל גענזנס וואָס רויזעלע פלעגט דערלאַנגען גלייך פון פענדל אַראָפּ.

פון די אַ צוזאַמענטרעפן פון געשעפטס־מענטשן, האָט זיך שפּעטער פאַרמירט אַ גרופּע בעלי־בתים וועמען עס האָט אויך אָנגעהויבן אינטערעסירן דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן אין שטעטל, שטרעבנדיק עס אַ ביסל צו ענדערן. מיט דער צייט איז די גרופּע פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פּאָליטישער באַוועגונג — די „מזרחי״ אין פּאָריסאָוו.

אין שטעטל זענען די בעלי־בתים וועלכע האָבן זיך געפלעגט טרעפן און אַרומרעדן די שטאָטישע ענינים, געקריינט געוואָרן מיטן נאָמען „דער דיפּלאָמאַטישער קאָרפּוס״. עס איז דערגאַנגען דערצו, אַז בעת די קהילה־וואַלן אין יאָר 1923, האָט די דאָזיקע שיכט באַקומען אַ גרויסע צאָל שטימען, און ר׳ יהושע בעקער איז געוואָרן וויצע־פּרעזעס פון דער קהילה — די צווייטע האַנט פון ר׳ יצחק מענדל גאָלדמאַן.

ר׳ יהושע בעקער

ר׳ יהושע בעקער האָט פאַרלאַנגט, אַז עס זאָלן געמאַכט ווערן ענדערונגען אין דער אָנפירונג פון דער קהילה און אין אַלע אירע טעטיקייטס־געביטן. ער איז אויך געשטאַנען דערויף, אַז עס זאָלן געמאַכט ווערן סאַניטאַרע אויסבעסערונגען אין דער מקווה.

זיינע פאַרלאַנגען האָבן גורם געווען, אַז יידן זענען געלאָפן צום רב, און האָבן געמאַכט אַ „ויצעקו": „היתכן, האָבן זיי געליאַרעמט, ר' אהרנס אַן אייניקל וועט איינפירן אַ רעפאָרמירטע קהילה אין פּאַריסאָוו? אַ מקווה מיט ווייסע וואַנעס?" די חסידישע יידן האָבן געהאַט תרעומות אויף ר' יצחק מענדעלען הלמאַי ער לאָזט זיך אַרומפירן פון אַזעלכע שטייגער מענטשן.

דאָס שטעטל האָט אַזוי לאַנג געקאָכט און געזודערט, ביז עס איז, אין אַ געוויסן טאָג, אָנגעקומען אַ ידיעה פון גאַרוואָלין, אַז די וואַלן צו דער קהילה זענען געפסלט...

פון ר' יהושע בעקערס קורצער טעטיקייט, זענען בסך־הכל געבליבן עטלעכע פיינע, עמאַלירטע וואַנעס אין דער שטעטלשער מקווה...

אין די לעצטע יאָרן

אין די לעצטע יאָרן פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה, איז ר' אברהם יצחק געווען דאָזאָר אין דער קהילה. זיין גאַנג איז געווען אַנדערש ווי דעם ברודערס. ער האָט נישט געזוכט קיין רעפאָרמען, נישט געוואָלט האָבן צו טאָן מיטן רב, און נישט מיט אַנדערע כלי־קודש.

ר' אברהם יצחק איז נאָך געזעסן אין דער קהילה בעת דער דייטשער אָקופּאַציע. ער האָט זיך באַמיט צו שטיין אין דער זייט, נישט געוואָלט האָבן צו טאָן מיט די דייטשן.

אין יענע שווערע טעג, ווען פון איין זייט זענען דערגאַנגען ידיעות וועגן דייטשע מפּלות אויף די פראָנטן אין רוסלאַנד, און פון דער צווייטער זייט — דער גרויסער חורבן פון דער יידישער שטאָט וואַרשע, איז אין שטעטל אַרומגעגאַנגען ר' אברהם יצחקס אַ וואָרט: „מילא, אַז דער דייטש וועט פאַרשפּילן די מלחמה, קאָן זיין, אַז ס'איז אַ זיכערע זאַך, אָבער די מעגאַפּאַנען וואָס וועלן דאַרפן אָנזאָגן די גוטע בשורה, וועט מען דאַרפן אויפשטעלן אויפן בית־החיים, הלוואי כאָטש — אויפן יידן ר' אהרנס בית־החיים, דאָ, אין פּאַריסאָוו".

רעשטלעך פון אַ גרויסער משפחה

דער גרעסטער טייל פון דער פאַרצווייגטער משפחה איז אומגעקומען אין דער טרויעריקער היטלער־תקופה.

פון ר' אברהם יצחקס שטוב זענען געבליבן לעבן בלויז זיינע צוויי זין: נפתלי און יאָסל.

דער שרייבער פון דעם מאמר, אַן אויסגעדינטער פּוילישער זעלנער, איז בעת דעם מלחמה־אויסבראָך, אין יאָר 1939, מאָביליזירט געוואָרן אין דער פּוילישער אַרמיי, און האָט געקעמפט, ביי ווילעלן קעגן די דייטשן. נאָך פינף וואָכן אָפּזיין אין מיליטער, איז ער צוריקגעקומען קיין פּאַריסאָוו, דורכגעשלאָפן

איין נאכט אין דער היים, און אויף צו מאָרגנס, אַוועק, מיטן ברודער יאָסל, קיין רוסלאַנד.

אין רוסלאַנד, זענען מיר פאַרוואַגלט געוואָרן, אַזש ביז די טיפע סטעפּעס פון סיביר. ערשט אין יאָר 1946 האָב איך זיך אומגעקערט קיין פוילן. מיט דער אומלעגאַלער עליה, בין איך אויפגעגאַנגען קיין ארץ־ישראל און כ'האָב אויפגעבויט מיין היים אין חיפה. דער ברודער, יאָסל, האָט אומקערנדיק זיך פון רוסלאַנד, זיך אויפגעהאַלטן עטלעכע יאָר אין פוילן, און ערשט דערנאָך, פון דאָרט עמיגרירט.

צווישן די געבליבענע אייניקלעך פון ר' אברהם אלעזרס שטוב זענען פאַראַן אין ישראל: חיה אסתר באַראָוואָסקי (אין חיפה), און בן־ציון שידלאָוויצקי (אין תל־אביב). אַן אייניקל פון ר' איטשע מאיר „לעבעדיקער" — בן־אריה קאַנסקי, וווינט אין נהריה. עס לעבן אויך אין לאַנד צוויי טעכטער פון יעקב קאַנסקי — ר' איטשע מאירס זון.

ביידע ברידער, אברהם יצחק און יהושע בעקער, זענען ערב דער אויסזידלונג אין פאַריסאָוו, אַוועק אין כיזשינער אַרבעטס־לאַגער.

וועגן אהרן שידלאָוויצקי דערציילט מען, אַז צוזאַמען מיט דער פרוי און צוויי קינדער זיינע, האָט ער אַ לאַנגע צייט געוואַנדערט אַרום דאָרף יוזעפינאַ.

פון דאָרף צו דאָרף האָבן זיך געשלעפּט ר' יוחנן ראַטבליטס ווייב, שרה, מיט איר צדוקן. קיינער פון זיי איז נישט געבליבן לעבן.

מען דערציילט, אַז אויפן וועג קיין פילאַוועּ, האָט ביי יוחנן ראַטבליט אַרויסגעגלאַנצט פון אונטערן מאַנטל, די זילבערנע עטרה פון שבתדיקן טלית אין וועלכן ער איז געווען אָנגעטאָן, און אַזוי איז ער געפאַרן זיין לעצטן וועג...

ביי אַ סך פון די אויסגעזידלטע פּאַריסאָווער יידן — אַזוי דערציילט מען — איז דער גאַנצער „באַגאַזש" באַשטאַנען פון אַ טלית־זאַק אונטערן אָרעם. אויך די צוויי ברידער: מענדל און נחמן ישעיהס האָבן גענומען אין וועג אַריין נישט מער ווי זייערע טליתים. אגב, פון ר' ישעיהס משפחה זענען געבליבן לעבן: חיהלע מאַלווע און איר ברודער שמואלקע וועלכער איז געקומען אין לאַנד אַריין, און דאָ געשטאָרבן. אַ צווייטער ברודער, לייבל, אַ געוועזענער קאַצעטניק, וווינט אין בעלגיע. די טאָכטער פון משה שוחט, רחל, און איר פאַמיליע זענען געווען אין לאַנד און האָבן עמיגרירט קיין אַמעריקע.

אַזוי איז אונטערגעגאַנגען אַ יידיש שטעטל, אַ גאַנצע יידישע עדה, און צווישן זיי אויך די „בני־אהרן". געבליבן זענען בלויז איינצלנע, על פי נס געראַטעוועטע.

נישט מער ווי ברעקלעך און רעשטלעך.

אהרן זיגלמן

משפחתי ובית-הורי

אמי זכרונה לברכה היתה בתם הצעירה של אהרן וחיה אסתר בקר. משפחה זו הסתעפה ובמרוצת הזמן נשאו צאצאיה את השם „בני אהרן". בכינוי זה היו ידועים בעיירה.

הסב והסבתא מצד אמא זכו לראות בחייהם נכדים רבים וגם נינים ושבעי שנים ונחת הלכו לעולמם.

אבי נולד בעיר קוז'ניץ (העיירה של המגיד הקדוש), להוריו בצלאל ומחלה שהיו אנשים פשוטים, אבל יראי שמים גדולים. אבי שלמה זלמן היה בן יחיד להוריו.



ר' שלמה זלמן זיגלמן

סבי בצלאל היה גגן. התפרנס בעיקר, מכיסוי גגות־פח על בתים. היה גם מכין למכירה כלים שונים מפח וסבתי היתה עוסקת במכירתם. הם ראו ברכה בעמל כפיהם והפרנסה היתה מצויה בביתם.

כבר בצעירותו נתגלה אבי כעילוי. למד תורה אצל גדולי הדור שבימים ההם. אבי ידע לכתוב אידיש, לשון־הקודש ורוסית. היה לו כתב־יד להפליא.

בהגיעו לגיל 15 התחילו השדכנים להציע לסבי שידוכים בשביל בנו יחידו. היות וסבי היה חסיד פוריסוב ולעתים לקח עמו את בנו לרבי, החליט להיוועץ בו בענין שידוך מסוים. הרבי שהכיר היטב את ר' אהרן בקר מפוריסוב

וידע שיש לו עוד בת להשיא, הציע לסבי את השידוך הזה. ההצעה של הרבי נתקבלה. בהגיעו לגיל 16 עמד אבי תחת החופה עם דבורה, בתו של ר׳ אהרן וחיה אסתר בקר, וקידש אותה לאשה.

* * *

אבי היה ממעט, בדרך כלל, לדבר, ובמיוחד בעניני חולין. פעם שאלתיו על שום מה הוא ממעט לדבר ועל כך השיב לי שלכל אדם קצובה כמות של מלים לאורך חייו, האדם המרבה לדבר מקצר איפוא במו ידיו את חייו שלו. הוא גם סיפר לי שבשבתות ובחגים לא היה אביו ז״ל מוציא אף מלה באידיש והיה עונה לאנשים בלשון־הקודש.

שמי השלם הוא אהרן בצלאל כשמות שני הסבים מצד אמא ומצד אבא. את הסבתא חיה אסתר לא הכרתי כי נולדתי אחרי מותה. לעומת זאת הכרתי היטב והערצתי את סבתי מחלה, אמה של אבי, אשר התגוררה בביתנו בפוריסוב שנים רבות ונפטרה בתקופת מלחמת העולם הראשונה.

סבי ר׳ אהרן בקר נהג לתת „קעסט״ לכל חתניו ואף פתח להם חנויות בעיירה. כן נהג גם עם אבי. לאחר חתונתו פתח לו חנות במרכז העיירה ומילאה אותה בסדקית וצרכי חייטות. לפי כל הדעות מסוגל היה העסק לתת פרנסה בכבוד, ברם, אבי לא נולד להיות סוחר ולכן לא הצליח במסחר. אמי מצדה מילאה את התפקיד המוטל על אשה והביאה לעולם תשעה ילדים. כבת זקונים אצל הוריה היתה גם נאלצת לעזור להם בבית ובעסק. אותה עת התפרנסו עדיין הסב והסבתא מהמצבעה שלהם בה צבעו חוטי־פשתן וצמר של האיכרים.

עם פטירתם של הסב והסבתא, עסקו הורי במלאכת הצביעה. אחר כך עזב אבי ז״ל מלאכה זו והיה למלמד ולמחנך.

שנים רבות גדלתי בבית מנותק מאבי ועד היום הנני מצטער על שלא זכיתי ללמוד ממנו הרבה תורה ולא ספגתי בתוכי מידיעותיו הרבות בתלמוד ובפוסקים.

במלחמת העולם הראשונה, כשכולנו נרתמנו בעול החיפוש אחר פרנסה למען לאפשר את קיום המשפחה הגדולה, שוב לא היתה לי אפשרות להתמסר ללימוד מסודר ותקין. בימים ההם יכולתי להתפנות ללימוד רק בשבתות. אבי היה מעיר אותי בשעות הקטנות של הלילה, בקיץ — לפני עלות השחר, ובחורף, בכפור — כשהחושך סמיך וכבד והיינו משרכים רגלינו לבית המדרש, או לשטיבל. בהגיענו לשם, היינו כבר מוצאים אבות שהקדימו לבוא עם בניהם ללמוד תורה. אבא היה לומד עמי עד כשעה לפני התפילה, ואז היינו הולכים לביתו של ר׳ ישראל איסר הנחתום ובעל חנות המכולת לשתות כוס קפה ריחני וטעים, חם ומחיה־נפשות. בעת שתיית הקפה, היו החסידים שישבו לפני השולחן, מספרים

סיפורי־מעשיות על אדמו״רי פוריסוב והיו חוזרים על דברי־תורה ששמעו מפיהם.

אבי ז״ל היה לומד בכל שבת פרקי־משניות בחבורות של בעלי־מלאכה והיה גם קורא אצלם בתורה. תקופה מסויימת היה גם מלמד בעיירה דרילטש, מקום בו כיהן אחי כשו״ב והתגורר בביתו שלו.

בעת ההיא החלו מנשבות רוחות חדשות שהגיעו גם לעיירה הרדומה שלנו והשפעתן עלי היתה רבה מאוד.

כאשר אבי היה בא הביתה, היתה אמי, האדוקה מאוד, מתלוננת לפני אבא על גורלה ועל גורל הילדים המופקרים והמושפעים מן הרחוב באין אבא במקום שיטיף להם מוסר. פעם אף סיפרה לו על כך שהנני קורא ספרים חיצוניים חילוניים וכי ספר אחד כזה שרפה במו ידיה לאחר שנאמר לה כי הוא „טריף ופסול״. אבא היה מנחם אותה ומבטל את דבריה באומרו שאין זה אלא מעשה ילדות וכי הוא יודע איזה ספרים „אהרן שלו״ קורא. מאידך חרה לו על שאני מבטל את זמני בקריאת ספרים תחת להתיישב וללמוד דף גמרא. אבא היה בדעה שאם אתחתן ואהיה נתון בעול פרנסה, אעלה חזרה על המסלול ולא יהיה לי פנאי לקריאת ספרים.

ובכל זאת לא שבע אבי נחת ממני, כי הרחקתי לכת. כעת מסוגל אני להעריך כמה סבל גרמתי להורי, ובעיקר לאמי, בשל התנהגותי.

* *
*

אבי היה אדם ישר מאוד. תוכו היה כברו, מכאן שלבו ופיו היו שווים. האמין באדם באשר אלוקים בראו בצלמו ובדמותו. בגלל אמונתו המופרזת בזולת, נכשל במסחר. אף־על־פי־כן לא שמר מעולם טינא בלבו כלפי אנשים שגרמו לו עגמת־נפש.

מעולם לא מש ספר מידיו. ראשו ורובו היה שקוע בעניני רוח, בלימוד. אבא לא רצה להיות תלוי בחסדי ציבור ובדעת ציבור, לפיכך, לא חיפש ולא קיבל משרה ציבורית. על אף המחסור בבית, לא הסכים לקבל את הצעת פרנסי־העיר להיות מורה־הוראה בעיירה. אמי ידעה להעריך את בעלה—אבינו, התייחסה אליו בדרך־ארץ, ואילו אבי השתדל תמיד לשכנעה כי חלקה בעולם הבא אינו פחות משלו. כעת הנני מבין שבשבילו לא היה העולם הזה כי אם פרוזדור שדרכו מגיע האדם לעולם האמת, לחיים עילאיים. לפיכך לא כדאי היה לו להיאבק על הישגים גשמיים, עוברים ונעלמים.

אמי היתה מסורה לבית וגם אשת חיל. זכורני, שפעם, בימי מלחמת העולם הראשונה, תפסוה הגרמנים עם עגלה עמוסה חיטה שקנתה בכפרים והוליכה אותה לעבר פוריסוב. הדבר קרה ביום ששי בצהריים. הגרמנים לא רצו בשום אופן לשחרר את החיטה ולקחו אותה לגרוולין. אמא לא התייאשה, נסעה אחריהם לגרוולין, הצליחה להתייצב לפני קצין המחוז ולהשפיע עליו כי יחזיר לה את

החיטה. ביום שני שלאחר השבת הוציאה אמי את החיטה מן המחסנים הגרמניים בגרוולין.

וכאשר אחי התייצב לביקורת צבאית בגרוולין, בעצם ימי מלחמת העולם הראשונה, נסעה אמי אתו לשם ואחרי מאמצים רבים שיחררה אותו מן הצבא.

עד סוף ימי חייה לא נפלה אמי למעמסה לילדיה. בהיותה כבר אשה זקנה היתה נוסעת לוורשה ולאוטבוצק ועוסקת במסחר. היא קיימה את עצמה עד לתקופת השואה.

יחד עם כולם גורשה מגיטו פוריסוב והושמדה על ידי הצוררים ימ״ש. השם ינקום דמה.

* *
*

אחותי שרה, הבכירה במשפחתנו, התאלמנה לפני מלחמת העולם השניה. בעלה אברהם משה אורמן, יליד מינסק־מאזובייצק, היה תלמיד חכם חריף ושנון, קנאי וחסיד נלהב של הרבי מפוריסוב. הוריו היו אמנם חסידי אלכסנדר, אך הוא, בבואו אלינו, נקשר אל הרבי מפוריסוב בעבותות אהבה חזקים. בכל חג וחג היה בא לפוריסוב, אל הרבי, ואז היתה גם אחותי באה אלינו עם כל ילדיה. בחג הפסח היה גיסי ממונה על הכשרות בחצרו של הרבי ובמטבח, והיה משגיח — הכל בפקודת הרבי — על כל הנעשה שם.



ר׳ אברהם משה אורמן ז״ל



אשתו שרה, הי״ד, נספתה בשואה

בשנים האחרונות התגורר גיסי במינסק־מאזובייצק, עיר מולדתו, ושם נפטר בטרם עת. הספיק להשיא לפני מותו רק בן אחד — מאיר שלום, וכל הנטל נפל על אחותי שהצטרכה לדאוג לקיום ולחינוך ילדיה.

כולם נספו בשואה, לא נשאר זכר מהם.

* *
*

אחי ישכר דוב למד שחיטה עדיין בהיותו בחור. שנה לפני פרוץ מלחמת העולם הראשונה נשא לאשה את בתו של ר׳ קלמן גרינברג, שו״ב בעיירה יוזפוב. כשחותנו לא יכול היה למלא עוד את תפקידו כשו״ב, נכנס אחי לעבוד במקומו. אחרי כן נתקבל כשו״ב בעיירה דרילטש.

אשתו לאה׳לה ילדה לו 8 ילדים. מהמשכורת שקיבל לא היה באפשרותו לקיים את המשפחה וחי בדחקות גדולה. בנו בכורו יעקב צבי למד בישיבה של הרבי מלובוויץ בוורשה ועשה חיל בלימוד התורה. כאביו, היה אף הוא בעל תפילה טוב ובעל קול ערב. יעקב צבי זה היה היחיד שאחי השיאו לפני המלחמה האחרונה.

בשנים האחרונות לפני פרוץ המלחמה האחרונה השתוקק אחי לעלות ארצה, או לפחות לשלוח אליה את בניו, אך שערי הארץ היו נעולים וכולם נשארו בפולין.

אף נפש אחת מבית אחי לא נותרה בחיים. כולם עלו על המוקד.

* *

*

אחותי צפורה נישאה לאברהם שטרן מלאסקרוב. לא היו להם ילדים. צפורה היתה אהובה עלינו מאוד. תמיד שמחנו לבקר בביתה, בו חי הזוג חיים מאושרים.

אף הם נספו בשואה הנוראה.

* *

*

מכל בית אבי נשארו בחיים רק אלה שעלו ארצה לפני השואה, והם:

כותב השורות האלו ואשתו, אחי יעקב צבי, שכמונו, היה בקיבוץ בורוכוב בקלץ לפני עלייתו ארצה. כאן נשא אשה והם חיים בפרדס חנה. אחותי רבקה פריידל עלתה לארץ ע״י נישואין פיקטיביים. כעת שמה בומאן ומתגוררת ברמת־יצחק.

רחל לאה מלעטשקאָוויטש

מיין היים אין וועלכער איך בין אויסגעוואַקסן

מיין היים האָט זיך געפונען ביים ראָג פון די געסלעך: פשיכאָדניע און פיאַסקאָווער. מיינע עלטערן האָבן דאָרט געהאַט אַ יאַטקע. מיין טאַטע, יעקב גוטנאַכט (אין שטעטל האָט מען אים גערופן „יאַנטשע"), איז געווען אַ קצב, אַ קרעפטיקער ייד, מיט אַ פול, געזונט פנים, אַרומגעזיימט מיט אַ צוגעשוירן בערדל. ער איז געווען אַ געמיטלעכער מענטש, האָט פאַרמאָגט סוחרישע פיקחות, געהאַט פאַר יעדן איינעם אַ שמייכל, אַ גוט וואָרט.



יעקב גוטנאַכט, הי"ד.

די וואָכנטעג זענען שטענדיק געווען פאַרנומענע. די רו־טעג: שבת און זונטיק, זענען געווען איינגעטיילט: שבת -- פאַר גאָט, זונטיק — פאַר לייטן. זומער, אין שיינע טעג, איז מען געזעסן גאַנצע שעהען אויף די גרויסע צעהויקערטע שטיינער, אַקעגן אונדזער שטוב. ווינטערצייט, אָדער אין טריבע טעג, איז דער צוזאַמענטרעף פאָרגעקומען ביי אונדז אין שטוב, אָדער, ביים זיידן אברהם דודל — נישט ווייט פון אונדז, אויף דער פשיכאָדניע גאַס. דאָרט, האָבן די פאַריסאָווער קצבים דערציילט, איינער דעם אַנדערן, וועגן אַלץ וואָס איז זיך פאַרלאָפן במשך דער פאַרגאַנגענער וואָך, און זיי האָבן געמאַכט פלענער פאַר דער קומענדיקער וואָך.

אָפט מאָל פלעגט אַוועק אַ שמועס וועגן פנחסל שוחט וואָס האָט צופיל מחמיר געווען, און אַ קועלע איז אַוועק אויף טריף... האָט מען זיך נישט געבונטעוועט, בלויז אונטערגעקרעכצט און צוגעברומט: „וואָס קאָן מען טאָן קעגן אַ רב אין שטאָט, צי קעגן אַ שוחט? מען קאָן נישט זיין קיין תקיף, קיין חכם, אַז גאָט זאָל שומר ומציל זיין"... נאָך דעם ווי מ'האָט שוין געהאָט זיך אויסגעשמועסט וועגן אַלע קצבישע ענינים, האָט מען אָנגעהויבן זיך דערציילן מעשיות וועגן שידוכים חתונות און בריתן, וועגן דעם וואָס עס טוט זיך אין שטעטל, און אויך, אין דער גרויסער וועלט.

דער טאַטע פלעגט אויפשטיין זייער פרי, און מיט טלית־און־תפילין אונטערן אָרעם, לויפן שנעל אין בית־המדרש אַריין דאַווענען בהשכמה. אין טאָג ווען ער האָט נישט געקאָנט זיך ערלויבן צו גיין אין בית־המדרש אַריין דאַווענען, האָט ער, אַ פאַרכמורעטער, זיך אַוועקגעשטעלט אין אַ ווינקל, אין ענגען, נישט צוגערוימטן צימער, און אין געאיילעניש, אַריינגעכאַפּט דאָס דאַווענען. ביז דער טאַטע האָט אָפּגעדאַווּנט, האָט די מאַמע צוגעגרייט פאַר אים דאָס עסן, כדי ער זאָל עפּעס איבערבייסן, איידער ער גייט אַוועק פון שטוב.

די חדרים און די פוילישע „שקאָלע"

איידער די מאַמע איז אַוועק אין יאַטקע אַריין, האָט זי געהאַט געענדיגט אַרבעט אין שטוב גופא. זי האָט געדאַרפט צוגרייטן די יינגלעך אין די חדרים אַריין, און די מיידלעך — אין „שקאָלע". די מאַמע האָט שטענדיק אַכטונג געגעבן, אַז ביים אַרויסגיין פון שטוב, זאָלן די קינדער אויסזען גוט און לייטיש. זי האָט קיין מאָל נישט פאַרגעסן צוצענייען דעם אַ קנעפּל, און דעם צווייטן — צופאַסן אַ מלבוש.

אין שטוב זענען מיר געווען פיר ברידער און צוויי שוועסטער: שמואל־משה, זישע, שבתאי, ירמיהו, און אַ חוץ מיר — די יונגערע שוועסטער מיינע — די באַחנטע שרה. אַז מיר האָבן געדאַרפט אַוועקגיין פון שטוב, איז פאַר יעדן פון אונדז געווען צוגעגרייט זיין פעקעלע מיט עסן. „היט זיך, זונעשי, פלעגט די מאַמע זאָגן צום יינגל וואָס האָט געלערנט ביי חיים לייב „קנייפער", נישט צו כאַפּן אָן איבעריקע פאַרציע, אַזאַ, וואָס טוט צו שטאַרק וויי. צוויי יינגלעך האָבן געלערנט ביי זעליג משה חיימס און ביי יצחק סאָלדאָט. צום נאָענטסטן האָט געהאַט דאָס ברודערל וואָס האָט געלערנט ביי שמועלע פעלצן־מאַכער וועלכער האָט געוווינט אַקעגן איבער אונדז, פענצטער אַקעגן פענצטער. שמועלע האָט פוןביידע מלאכות, פון מלמדות און פון די פעלצן, געהאַט ווייניק ברכות. און כאָטש די רביצן, חיה, פלעגט אים העלפן נייען די פעלצן און מען פלעגט רימען זיין אַרבעט, איז מיט פרנסה ביי אים שטענדיק געווען זייער שוואַך.

איך אַליין האָב אַ לאַנגע צייט געלערנט ביי יהודה עליען אויף דער קאָזלאָווער גאַס. ווען ער האָט זיך באַזעצט אין פּאַריסאָוו, איז ער געגאַנגען איבער די שטובן און געבעטן מען זאָל שיקן די מיידלעך צו אים לערנען. זיין „חדר" האָט, אין יענער צייט, געהייסן אַ פאָרגעשריטענע שול. יהודה עליע איז געווען אַן אָפטער איינגייער ביי אונדז, און די מאַמע האָט אים אַ סך געהאָלפן, צוגערעדט אַנדערע מאַמעס, אַז זיי זאָלן אויך שיקן צו אים זייערע קינדער. מיר האָבן אים שטאַרק ליב געהאַט. שכנים פלעגן צוגיין ביז אונטערן פענצטער פון אונדזער „חדר", און זיך צוקוקן ווי יהודה עליע לערנט די מיידלעך טאַנצן און זינגען. אין פּאַריסאָוו האָט ער נישט ביי אַלעמען זיך איינגעקויפט אַ גוטן נאָמען.

אין דער פוילישער „שקאָלע"

שפּעטער, האָב איך געלערנט אין דער פוילישער מלוכהשער פאָלקשול („שקאָלע"). עס האָבן דאָרט געלערנט נאָך יידישע מיידלעך. מיר האָבן זיך געהאַלטן צוזאַמען און אויך זיך איינגעלעבט מיט די קריסטלעכע שילערס. דאָרט איז פאַרשווּנדן דער אונטערשייד צווישן די קינדער. אויך די לערערס האָבן אונדז גוט באַהאַנדלט און עס זענען געווען פאַלן ווען זיי האָבן געשטעלט פאַר אַ מוסטער די יידישע קינדער וואָס זענען פאַלגעוודיק און פלייסיק ביים לערנען און קומען פיין אָנגעטאָן אין דער שולע אַריין.

נאָכן אַהיימקומען פון דער „שקאָלע", האָבן מיר אין גאַנצן פאַרגעסן אין דער פוילישער גאַס, און זי איז פאַר אונדז פאַרבליבן פרעמד.

די לעקציעס האָבן מיר, די יידישע מיידלעך פון דער פוילישער שולע, געמאַכט, יעדעס מאָל ביי אַן אַנדערער אין שטוב. עס זענען געווען אַזעלכע היימען, ווו די עלטערן האָבן געקוקט מיט ביטול אויף דעם וואָס מיר לערנען אין דער פוילישער „שקאָלע". „פון אייך וועלן אויסוואַקסן געבילדעטע אינזשענירן — האָבן זיי געחוזקט — ווער דאַרף דאָס ?"

נאָר סיי ווי האָבן פּאַריסאָווער יידישע קינדער נישט לאַנג געלערנט אין דער „שקאָלע". אין יעדער היים איז געווען פאַר זיי גענוג אַרבעט: מען האָט געדאַרפט צוהעלפן טאַטע־מאַמע. אַזוי איז אויך געווען ביי אונדז. איך און מיין עלטסטער ברודער ירמיהו, האָבן שוין געהאַט וואָס צו טאָן: ירמיהו איז געגאַנגען מיטן טאַטן אויפן דאָרף און איך האָב געהאָלפן אין שטוב.

אונדזער שטוב

ביי אונדז אין שטוב איז שטענדיק געווען טומלדיק. די מאַמע — שטענדיק פאַרהאָרעוועט. אַפילו זומער, איז אין דער קיך כמעט קיין מאָל נישט אויסגעגאַנגען דאָס פייער. די טיר פון דער שטוב איז געשטאַנען אָפן: כלערליי יידענעס, פאַרהילטע אין פאַטשיילעס, אַדער מיט צעשויבערטע האָר,

זענען געקומען און געגאַנגען. איינע איז געקומען מיט אַ טעפּעלע אין האַנט נעמען אַביסל יויך, אַ פּליגעלע פאַר אַ שוואַכער קימפּעטאָרין, און איינע — פאַר אַ יתום, פאַר אַ קראַנקן פאַר וועלכן ס׳איז נישטאָ ווער ער זאָל אָפּקאָכן אַ ביסל געקעכטס. ביי אונדז אין שטוב האָבן זיך אויפגעהאַלטן יידישע וואַנדערערס, צי סתם־אורחים. ווען דער טאַטע איז גראָד געווען אין שטוב, האָט ער געפלעגט אַ זאָג טאָן צו אַן אורח: „זשאַלעוועט אייך נישט, ר׳ ייד, עסט צו דער זעט״. דערביי פלעגט ער נאָך אַריינשטופּן אין האַנט אַריין אַ שיינע נדבה.

ערב אַ יריד פלעגן אַריינקומען אין שטוב, אַ ביסל פאַראָרעמטע הענדלערס וואָס האָבן געדאַרפט אַ גמילת־חסד. דער טאַטע האָט קיין מאָל קיינעם נישט אָפּגעזאָגט, קיין מאָל אויך נישט געמאָנט, נאָר געוואָרט מען זאָל אים אַריינברענגען אין שטוב. ער האָט גוט געקענט זיינע „געסט״.

אין די נאָכמיטאָג־שעהען האָבן אין אונדזער שטוב זיך באַוויזן פעטערס און מומעס, קצבים און סתם קרעמערס. צוריקגעקומענע פון די דערפער און מידע פון וועג, האָט מען — נאָך איידער מען איז אַריין צו זיך אין שטוב — אָפּגעטרעטן ביי יאַנטשען. דאָ האָט מען געדאַרפט זיך אַן עצה האַלטן, און פאַר איין וועגס — אויך דערכאַפּן דאָס האַרץ מיט אַ טעלער זופּ, צי זיך דערוואַרעמען מיט אַ גלאָז טיי. אַ סך מאָל האָט נאָך ווער פאַרלאַנגט טלית־און־תפילין כדי אַריינצוכאַפּן אַ פאַרשפּעטיקטן שחרית וואָס מ׳האָט נישט באַוויזן צו דאַווענען בעת מען איז אַרויס פרי פון שטעטל.

„שרה קאָזאַק די גוטסטוערין״

צווישן די וואָס האָבן אָפט באַזוכט אונדזער שטוב איז געווען די שכנטע שרה — אלעזר דעם פעלצן־מאַכערס ווייב, וועמען מען האָט אין שטעטל גערופן: „שרה קאָזאַק״. מיטן ברייטן פאַרטעך, דאָס טיכל פאַרוואָרפן איבערן קאָפּ, פלעגט זי אַריינפאַלן אין שטוב מיט אַ געשריי: „יידן, בני־רחמנים, מען טאָר נישט שווייגן, מען דאַרף זיך נישט פאַרקוקן אויף די גבירים וואָס האַלטן פאַרמאַכט די האַנט, איך דאַרף אַ נדבה פאַר אַ — — —״.

דעם נאָמען „שרה קאָזאַק״ האָט איר דאָס שטעטל געגעבן. נאָר נישט חלילה אין שלעכטן זינען. מ׳האָט גאָר נישט געמיינט פוגע צו זיין אין איר, נאָר פאַרקערט, זי האָט דעם נאָמען באַקומען צוליב איר דרייסקייט, צוליבן איינשטעלן זיך פאַר דער פאַריסאָווער אָרעמקייט. פון די יונגע יאָרן אָן, האָט זי שווער געהאָרעוועט אויף פרנסה, געצויגן איר חיונה פון אַ טישל מיט גרינס און פרוכטן אויפן מאַרק. פון שטענדיק אָן האָט זי געהאַט אַ סך געפיל פאַר נויטליידנדיקע, וועמען זי האָט אָפּגעגעבן איר צייט, געזוכט צו העלפן קראַנקע און אָרעמע.

אַזוי, למשל, פלעגט שרה קומען שבת אין דער פרי די ערשטע אין שול אַריין, אויסגעפּוצט אין שבתדיקן קופּקעלע אויפן קאָפּ, און שפּעטער — אַוועק פון שול די סאַמע לעצטע. זי האָט שוין געוווסט מיט וועמען זי דאַרף כאַפּן אַ שמועס כדי געוויר צו ווערן אין וועלכער שטוב עס דערקוטשעט דער הונגער און וועמען מען דאַרף אַרויסהעלפן אין אַ צרה.

יעדן שבת פאַר נאַכט, פלעגט שרה זיך אַרויסלאָזן מיט אַ גרויסן קויש איבער יידישע געסלעך אין שטעטל און צוזאַמענגעמען חלות פאַר אָרעמע, זיי זאָלן נישט דאַרפן הונגערן במשך דער וואָך.

איך דערמאָן זיך: איין מאָל, אין אַ זונטיק, איז שרה אַריינגעפאַלן צו אונדז אין שטוב מיט איר באַוווסטן אויסגעשריי: „יידן, בני רחמנים, מ׳טאָר נישט שווייגן״. דאָס איז געווען איר צווייטער באַזוך ביי אונדז אין זעלבן טאָג. דאָס ערשטע מאָל איז זי געווען ביי אונדז פאַר טאָג, גענומען אַ פּעקל פון שענסטן פלייש; קעלבערנס, רינדערנס, און איז אַוועק דערמיט צו די „גאַספּאַדאַזשעס״ אויפן דאָרף, און צו פּריצים. אָפּגעפּאַרטיקט זיך מיטן האַנדל, איז זי שוין נישט אַרויס צו איר „שטעטל״ אויפן מאַרק, נאָר, אַריין צו אונדז און גענומען דערציילן:

„אַן אומגליק איז געשען ביי יעקב הערש באַראָווסקי, דעם קאַמאַשן־מאַכער. די יונגע ווייב איז אים נעבעך אָפּגעשטאָרבן, צוויי יתומימלעך זענען געבליבן, די קליינע לאהלע און משהלע, אָוואַ, וואַ! וואָס טוט מען, יידישע קינדער? קריגן זיך מיטן רבונו של עולם? וואָס וועט אַרויסקומען? מ׳דאַרף העלפן, מ׳דאַרף״.

שרה קאָזאַק האָט גערעדט מיט אַזאַ תחינה־לשון, און פרויען, שכנטעס וואָס זענען זיך צונויפגעקומען ביי אונדז, האָבן צוּגעקרעכצט און אונטער־געבאָמבלט: „גאָטס רחמנות אויף זיי״. נאָר די קינדער זענען נישט געבליבן קיין פאַרוואָרלאָזטע יתומים. אין סאַמע מיטן שמועס, האָט מיין מאַמע אַ זאָג געגעבן: „צווישן אייגענע זעקס מיילעכלעך, קענען זיך כאַווען נאָך שכנישע קינדער״. די צוויי יתומים זענען אַריינגענומען געוואָרן צו אונדז אין שטוב. די מאַמע האָט זיי געוואַשן און געשפּייזט, נישט אַנדערש ווי די אייגענע קינדער (לאהלע איז נעבעך נישטאָ, און מיט משהן, וועלכער וווינט אין ישראל, אין גבעתיים, האַלטן מיר זיך ביזן היינטיקן טאָג ווי ברידער און שוועסטער).

אברהם יצחק און זיין ווייב פריידל

אונדזערע נאָענטסטע שכנים זענען געווען אברהם יצחק און פריידל. מיין מאַמע און פריידל האָבן אַלע יאָרן זיך געהאַלטן ווי צוויי שוועסטער און זיי זענען געווען שטאַרק זיך איבערגעגעבן. מיר האָבן אַלע געהאַט אַ געפיל פון דאַנקבאַרקייט פאַר אברהם יצחקן. ווען דער טאַטע מיינער האָט געשטעלט

די ערשטע טריט זיינע אין פאריסאָוו האָט אברהם יצחק אים אַרויסגעוויזן האַרציקע פריינדשאַפט. אין יענע ווייטע יאָרן, איז אברהם יצחק איין מאָל צוגעקומען צו מיין טאַטן און אַזוי געזאָגט: „בוי דיר, יאַנטשע, דאָ אַ הייזל, אין ראָג גאַס". דער טאַטע האָט אים אָפּגעענטפערט: „וואָס רעדסטו? פון וואַנען האָב איך געלט דערויף?" אברהם יצחק האָט זיך צעלאַכט און געזאָגט: „זיי נישט קיין שוטה, געהילץ וועסטו באַקומען אויף וועקסלען, און פאַר דער אַרבעט וועסטו שטענדיק האָבן צו באַצאָלן". אברהם יצחק האָט גענומען דעם טאַטן און איז מיט אים אַראָפּגעפאָרן אין טאַרטאַק אַריין, קיין פילעוו, אויס־געקליבן געהילץ און זשירירט דעם טאַטנס וועקסלען.

ווען דאָס געהילץ איז אָנגעקומען, האָט מען זיך געשטעלט בויען די שטוב. דער טאַטע האָט געליטן פון פחד פאַר די חובות, און נישט געוווּסט ווי אַזוי ער וועט פון זיי זיך אויסצאָלן. אברהם יצחק האָט אים באַרויקט און געזאָגט. „זיי נישט קיין קינד, האָסט אָנגעהויבן — וועסטו מיט גאָטס הילף ענדיקן". בעתן בויען, האָט אברהם יצחק זיך געדרייט אַרום די בעל־מלאכות און געקוואָלן פאַר נחת, עלעהיי ער וואָלט געשטעלט אַן אייגן הויז. צו דעם חנוכת־הבית האָט מען געמאַכט אַ גרויסן קידוש. אַלע שכנים האָבן זיך געפרייט וואָס יאַנטשע איז געוואָרן אַ באַלעבאָס פון אַן אייגן הויז אין שטעטל.

אין פריילעכע טעג

פרייטיק נאָך מיטאָג איז שוין ביי אונדז אין יאַטקע נישט געווען וואָס צו טאָן. אפילו באַלעבאַסטעס וואָס האָבן שווער צוזאַמענגעשטעלט די פאַר גראָשן אויף שבת, האָבן, אין דער צייט, שוין געהאַט איינגעקויפט דאָס שטיקל פלייש. אין שטוב איז די מאַמע געווען שטאַרק פאַרפאַרעט, און נאָר מורא געהאַט זי זאָל חלילה נישט מאַכן קיין „שטאָך אין שבת אַריין". דער טאַטע פלעגט נאָך מיטאָג אַוועק אין מקווה, און ווען ער איז צוריקגעקומען, איז די שטוב שוין געווען פול מיט ריחות פון די צוגעגרייטע שבת־מאכלים.

מיינע פעטערס האָבן זיך געפירט, אַז אויף צוריקוועגס פון מקווה, האָבן זיי אָפּגעטרעטן ביי אונדז. אויסגעצוואָגענע און אָפּגעוואַשענע, האָבן זיי אויסגעזען אַנדערש פון אַ גאַנצע וואָך. יעדער איינער פון זיי האָט געהאַט מיט זיך אַ פלעשל ווייַן, צי ספּירט, איינגעקויפט אַהיים, לכבוד שבת. דער זיידע ר' אברהם דודל איז נאָך דער מקווה געזעסן אַן אויפגעפרישטער. ער האָט שטענדיק געהאַט גרייט אַ פּסוק לויט וועלכן עס קומט אויס, אַז די וואָס פאַרזוכן ערב־שבת פון די צוגעגרייטע שבת־מאכלים זענען זוכה צו אַ לאַנג לעבן, און דעריבער דאַרף מען עפּעס טועם זיין און טאַקע פון די פלעשער...

דער פעטער משה פלעגט דער ערשטער עפענען זיין פלעשל, דערנאָך פלעגן אַנדערע פעטערס וועלן באַווייזן, אַז די געטראַנקען וואָס זיי האָבן איינגעקויפט זענען נישט ווייניקער געשמאַק, און דערוואַרעמען אויך די ביינער...

צום פאַרבייסן האָט קיין מאָל נישט געפעלט. די מאַמע פלעגט אַריינקומען מיטן גרויסן קופערנעם ראָנדל, און אונטערדרוקן יעדן איינעם אַ שטיקל פיש מיט הייסע פישויך — ממש, מחיה־נפשות. אַזוי פלעגט מען זיצן ביי אונדז אויפ־געראַמט, פריילעך, ביז עס האָט זיך דערנענטערט די שקיעה און מען האָט געדאַרפט זיך צוגרייטן צו קבלת־שבת.

אויך די פריילעכע חנוכה־אָוונטן אין אונדזער שטוב זענען געבליבן איינגעקריצט אין מיין זכרון. די גאַנצע משפחה פלעגט זיך ביי אונדז צונויפקומען און שפילן אין קוויטלעך. איבער דער גאַנצער שטוב פלעגט זיך, אין די אַ לאַנגע אָוונטן, טראָגן דער ריח פון קנאַקעדיקן „זשעפּאַק״־אייל. דאָס האָט די מאַמע געמאַכט לאַטקעס אויף דער גרויסער, אייזערנער פאַטעלניע און זיי דערלאַנגט צום טיש.

דער עולם איז געווען פאַרטאָן אין קוויטל־שפּיל. אין אַ טיפער קוטשמע פלעגט מען אויסמישן די קוויטלעך, פאַרשריבענע מיט ציפערן, און זיי דערנאָך פונאַנדערטיילן. דאָס שפיל איז שטענדיק געווען באַגלייט מיט פריילעכע אויס־געשרייען. מען האָט אַ סך געלאַכט, גוטמוטיק זיך געקריגט, און פאַרברענגט ביז אין שפּעטער נאַכט אַריין.

* *
*

פורים איז אין אונדזער געסל געווען באַזונדערס פריילעך. קינדער און אויך דערוואַקסענע, פלעגן נאָכלויפן די כלערליי „פאַרשטעלערס״. די אַטראַקציע פון די פורים־שפּילערס איז געווען די „מכירת־יוסף״ פאַרשטעלונג. אַ גאַנץ יאָר איז „טריאַטער״ געווען פאַרבאָטן, דאַקעגן אין פורים, זענען די טירן, אפילו פון חסידישע שטובן, געווען אָפן פאַר די „אַרטיסטן״ וואָס האָבן פאַרגעשטעלט ווי אַזוי יוסף איז פאַרקויפט געוואָרן דורך זיינע אייגענע ברידער...

ווען די שפּילערס זענען אַראָפּגעקומען צו אונדז אין געסל אַריין, האָבן זיי זיך געפילט היימישער, און געשפּילט מיט גרויס פאַטאָס. דער טאַטע מיינער האָט געקוואָלן פון נחת פון זייער שפּילן. ער איז דערביי געווען אָנגעטאָן שבתדיק: אין נייעם טוכענעם היטל, און אין דער יומטובדיקער קאַפּאָטע. ער האָט נאָך געזאָרגט דערפאַר אַז דאָס בערדל זיינס זאָל פריער, דורכן פריזיער, ווערן גוט צוגעפּוצט און שיין אויפגעקעמט.

ביי אונדז אין שטוב, ווי אין יעדער יידישער שטוב אין פאַריסאָוו, איז געווען פריילעך. דער טיש איז געווען אָנגעשטעלט מיט פאַרשידענע געטראַנקען, געבעקסן און פרוכטן פון שלח־מנות וואָס מיר האָבן באַקומען. במשך אַ גאַנצן טאָג זענען אויך ביי אונדז די קינדער געווען פאַרנומען מיט פונאַנדער־טראָגן שלח־מנות צו שכנים און צו משפחה.

בכלל האָט אין פּורים זיך נישט פאַרמאַכט ביי אונדז די טיר. עס זענען געקומען יידן און יידענעס „אויסגעסטראַיעט" אין שבתדיקע בגדים, און האָבן געבעטן נדבות פאַר פאַרשידענע צדקה־אינסטיטוציעס.

אין פּורים זענען מיר אַלע — דאָס גאַנצע בני־בית — געזעסן ביים טיש. די מאַמע, אַ שטראַלנדיקע, אין יומטובדיקן שייטל, האָט אויסגעזען יונג און חנעוודיק, ווי זי וואָלט נאָר וואָס אַפּער פון אונטער דער חופּה.

איז טאַקע געווען פריילעך, אין פּורים, אין אַלע יידישע שטיבער אין פּאַריסאָוו, פריילעך אין גאַנצן שטעטל.

דאָס אַנטי־יידישע שחיטה־געזעץ אין פּוילן

אין לעצטן פּורים, פאַרן מלחמה־אויסבראָך, אין יאָר 1939, איז פאַרשטערט געוואָרן די יידישע פריילעכקייט. אין פּוילישן סיים איז די מיניסטערשע, פּרוי פּריסטאָר, אַרויסגעטרעטן קעגן דער יידישער שחיטה, און האָט פאָרגעלייגט אַ געזעץ וואָס זאָל באַשרענקען, ביז מינימום, די שחיטה פון בהמות לויטן יידישן דין.

די שלעכטע בשורה איז אָנגעקומען קיין פּאַריסאָוו. די יידישע קצבים זענען זיך צונויפגעקומען, האָבן זיך אויסגעזעצט אויף די צעהויקערטע שטיינער אַרום מרדכי דודס הויז, כדי דורכצורעדן דעם ענין. זיי זענען געווען באַזאָרגט וועגן זייערע פּרנסות, וועגן זייער עקזיסטענץ, און האָבן דערביי זיך געטרייסט און געהאָפט, אַז גאָט אין הימל וועט נישט דערלאָזן, אַז מיליאָנען יידן זאָלן געצוווּנגען ווערן צו עסן, הלילה, טריפות.

פאַר פּסח אין דורכן גאַנצן פּוילישן יידנטום אויסגערופן געוואָרן אַ שטרייק נישט צו עסן במשך צוויי וואָכן קיין פלייש. די צעהויקערטע שטיינער אַרום מרדכי דודס הויז זענען יעדן פאַרנאַכט געווען באַזעצט דורך די יידישע קצבים פון פּאַריסאָוו. זיי האָבן דאָרט אַזוי פאַרבראַכט ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין. יעדער באַזונדער, און אַלע צוזאַמען, האָבן זיך באַמיט צו באַווייזן, אַז דער שטרייק וועט האָבן אַ גרויסע השפּעה אויפן פלייש־האַנדל אין פּוילן. יוחנן ראַטבליט האָט אויפגעוויזן באותות ובמופתים, אַז דאָס געזעץ וועט נישט אויסגעפירט ווערן. ער האָט אויך איבערגעגעבן אַז די קריסטלעכע פלייש־סוחרים וועלכע האָבן ביז יעצט שיין פאַרדינט פון דער יידישער שחיטה, האָבן דערלאַנגט אַ פּעטיציע צום פּרעזידענט, און פאַרלאַנגט מען זאָל נישט פאַרווערן די יידישע שחיטה.

איין מאָל, אין אַ פאַרנאַכט, האָבן זיך צוגעזעצט צום קצבים־עולם דער אַלטער שאולקע און יאָסל וואַסערניס — דער גרויסער קעלבער־סוחר פון גאַרוואָלין. שאולקע האָט אָרעקגעלייגט אַ גאַנצע דרשה, געגעבן צו פאַרשטיין, אַז די פּריסטאָראָווע איז נישט מער ווי אַ דייטשער שפּיאָן וואָס וויל פאַרטושן די

קעפ פון די פאַליאַקן, אַז זיי זאָלן נישט אין זינען האָבן די אייגענע גרענעצן, און זיך פאַרנעמען בעסער מיט יידן. ער האָט געמאַכט אַ פאַרגלייך מיט דעם בייליס־פּראָצעס פאַרן אויסבראָך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, און צום סוף האָט ער אויסגעפירט, אַז מען דאַרף נישט זיין געפאַלן ביי זיך, אַלץ וועט זיך אויסלייטערן, און די ישועה וועט קומען. ר׳ שאולקעס ווערטער האָבן געהאַט אַ געהעריקע השפּעה אויף די קצבים, און זיי האָבן לייכטער אָפּגעאָטעמט, געזען די ישועה פאַר די אויגן...

מ׳האָט טאַקע נישט געדאַרפט לאַנג וואַרטן אויף איר. גאַר אומגעריכט איז צו אונדז אַריינגעקומען דער פּאָליציי־קאָמענדאַנט וואָיעוווּדקע און איבער־געגעבן דעם טאַטן אויפן אויער, אַז עס איז אָנגעקומען אַ פּאַפּיר פון סטאַראָסטע און דאָרט איז געשריבן, שוואַרץ־אויף־ווייס, אַז כאָטש דער סיים האָט אָנגענומען אַ געזעץ קעגן דער יידישער שחיטה, וועלן די אָרטיקע מאַכט־אָרגאַנען קוקן דורך די פינגער בעת מען וועט עובר זיין און שעכטן פלייש אויף כשר.

דער טאַטע האָט גלייך געשיקט נאָך אַ פלעשל ספּירט. מ׳האָט געטרונקען „לחיים״ און די שטימונג ביי די קצבים איז געוואָרן אַ הייטערע.

פאַר פאָריסאָוו זענען באַשטימט געוואָרן פיר קאָנצעסיעס צו פירן כשרע יאַטקעס. עס האָבן זיי באַקומען: מיין פאָטער, הערש נאָטע בערס, דעם טאַטנס צווייט ברידער, מאיר און יידל. אָבער קיין איינער פון די קצבים וואָס האָבן נישט באַקומען אַזאַ קאָנצעסיע איז נישט געבליבן אָן פּרנסה. די „קאָנצעסיאָנערן״ האָבן געמאַכט שותּפות מיט די אַנדערע קצבים. דער טאַטע האָט צוגענומען פאַר שותּפים: יאַנקל חיימס און וועלוול חנה יהודיתעס. אַלץ האָט זיך צוריק געפירט ווי אַ מאָל. אויך מיט דער פּאָליציי איז מען דורכגעקומען אויף אַ גוטן אופן. פאַר זיי איז דאָס נייע געזעץ גאָרנישט שלעכט געווען. זיי האָבן געמאַכט שותּפות מיט די אַנדערע קצבים. דער טאַטע האָט צוגענומען וואָס די קצבים האָבן סיי ווי געפּלעגט זיי צאָלן.

מיין אייגענע משפּחה־נעסט

ר׳ אשר זעליג וואַסערבראָט האָט געהערט צו די אַלטע, איינגעזעסענע פאָריסאָווער תּושבים. ער האָט געהאַט אַ ברודער אליהו־שמעון וואָס האָט געפירט די פאַכט פון מילך־האַנדל אין דאָרף קאָלאָניעס, הינטער פאָריסאָוו. אליהו שמעון איז געווען אַ שיינער מענטש, הויך געוויקסיק, מיט אַ שפּיציק בערדל. ער האָט געפירט אַ ברייטע שטוב. זיין ווייב, אַ ליטווישע באַלעבאָסטע, האָט אויסגעהאָדעוועט ניין קינדער, און אַלע האָבן מיטגעאַרבעט מיט די עלטערן. זיי האָבן צעשיקט מילכוואַרג איבער דער גאַנצער אָטוואָצקער ליניע.

אליהו שמעון האָט געהאַט אַן אָפענע האַנט, געהאָלפן אָרעמע, און שטאַרק געשטיצט דעם ברודער אשר זעליג מיט די יתומים, וואָס זענען

געבליבן נאָך זיינס אַ יונג פאַרשטאָרבענעם זון, הענעך, האַלטנדיק זיי ווי אייגענע קינדער.

אליהו־שמעון וואַסערבראָטס היים איז אויך געווען אַ סטאַנציע אויף אָפּצורוען זיך פאַר יידן וואָס פלעגן גיין איבער די דערפער און קומען אין יענער געגנט. דער זיידע ר׳ אברהם דודל (דעם טאַטנס פאָטער), וועמעס האַנדל ס׳איז געווען, בעיקר, אויף די קאָלאָניעס, איז געווען אַן אָפטער איינגייער ביי אליהו־שמעונען און האָט זיך שטאַרק באַפריינדעט מיט אים. ער האָט אויך צוגעשטעלט פלייש פאַר דער שטוב. דאָרט, האָט דער זיידע געטראָפן הערשלען, ר׳ אשר זעליגס אייניקל, וועלכער איז אים שטאַרק געפעלן געוואָרען, און אים געזען ווי אַ פּאַסיקן חתן פאַר מיר. עס האָט נישט לאַנג געדויערט און צוויי אַלט־איינגעזעסענע פּאַריסאָווער תושבים זענען געוואָרן מחותנים. איך האָב חתונה געהאַט מיט הערשלען, און, קורץ פאַרן אויסבראָך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָבן מיר באַגליקט אונדזערע עלטערן און זיידעס מיט אַ זונעלע, און אים אַ נאָמען געגעבן הענעך — נאָך הערשלס יונג פאַרשטאָרבענעם פאָטער. דאָס קינד איז געווען אַ פרייד און אַ טרייסט פאַר דער גאַנצער משפחה. אָבער דאָס איז געווען אונדזער לעצטע פרייד ערב דעם גרויסן חורבן וואָס האָט אָנגערוקט, ערב דער טראַגישער תקופה פון יידישער אויסראָטונג אויף פוילישער ערד.

יאָסל בראַטשטיין (בת־ים)

ר׳ פנחס שו״ב (צוקערמאַן)

די גמרא זאָגט: הכל שוחטין ושחיטתן כשרה. אָבער אין די צייטן וועגן וועלכע עס שרייבט זיך דאָ, איז נישט געווען אַזוי לייכט צו ווערן אַ שוחט אין אַ יידיש שטעטל. יעדער שוחט קאַנדידאַט האָט קודם כל געדאַרפט אַדורכמאַכן אַ קורס ביי אַמטירנדיקע שוחטים און דערנאָך אַדורכגיין בחינות ביי אָנגעזעענע שוחטים און רבנים. וואָס מער אונטערשריפטן אויפן היתר־שחיטה עס האָט דער קאַנדידאַט אָנגעזאַמלט, אַלץ גרעסער זענען געווען זיינע שאַנסן אָנגענומען צו ווערן ווי אַ שוחט אין אַ שטעטל וווּ עס איז געוואָרן פריי אַ פּלאַץ (אַזאַ שאַנס האָט זיך געמאַכט ווען אַ שוחט איז געקומען אויף דער עלטער, אָדער ווען אַ שוחט איז נפטר געוואָרן). אויף אַ פריי געוואָרענעם פּלאַץ זענען על־פּי־רוב געווען עטלעכע קאַנדידאַטן, און כדי אויסגעוויילט צו ווערן זענען שטענדיק געווען נאָך „פאַקטאָרן" וואָס האָבן דעציצירט.

אַזוי אַרום איז במילא שווער געווען פאָרויסצוזען צי עס וועט טאַקע אויס־געקליבן ווערן דער אַממייסטן אַנטשפּרעכנדיקער קאַנדידאַט...

פלעגן יידן מיט היתר־שחיטה אין טאַש וואַרטן און וואַרטן אויף אַ פרייען פלאַץ, און אַ סך מאָל — זיך נישט דערוואַרטן. אַזאַ פאַל איז געווען אין פאַריסאָוו: ר׳ שלמה יהודה ז״ל, דער איידעם פון מאיר יאָסל דער אָלאַרניק, האָט געהאַט אַלע מעלות צו קענען ווערן אַ שוחט (געהאַט היתר־שחיטה). ער האָט אַ סך יאָרן געוואַרט אַז עס זאָל ערגעץ ווו פריי ווערן אַ פלאַץ, און נישט האָבנדיק דערווייל פון וואָס צו לעבן, איז ער געוואָרן מלמד און — שוין נישט אַוועק פון דעם, געמוטשעט זיך ביזן אומקום.

אין אונדזערע צייטן זענען מער נישט אַנטשטאַנען קיין נייע יידישע ישובים אין פוילן. אין די אַלטע ישובים, אין יעדער שטאָט און אין יעדן שטעטל זענען געווען שוחטים לויט דער באַדערפעניש פון אָרט. איז דעריבער נישט געגנוג געווען נאָכצוקומען די אַלע פאָדערונגען פון קהל כלפּי דעם קאַנדידאַט, ווי: האָבן גוטע רעפערענצן, קענען גוט לערנען, זיין אַן ערלעכער ייד כדי קהל זאָל קאָנען זיך פאַרלאָזן אויף אים אין ענינים פון איסור והיתר, האָבן אַ גוטע שטימע, זיין אויך אַ מוהל, א.דגל. דער שוחט־קאַנדידאַט האָט געדאַרפט אויך געהערן צו די חסידים צו וועלכע עס האָט געהערט דער שוחט וואָס האָט באַפרייט דעם פלאַץ. אויף אַזאַ אופן זענען די שאַנסן אַנצוקומען אַלס שוחט אין אַ יידיש שטעטל געווען זייער באַגרענעצטע און בלויז אין אויסנעם פאַלן האָט געקאָנט געשען, אַז אַ קאַנדידאַט אָן אונטערשטיצונג פון אַ שטאַרקן צד זאָל אָנגענומען ווערן אַלס שוחט. זיינע מעלות האָבן שוין טאַקע געדאַרפט זיין אויסערגעוויינלעכע.

אַ שטוב פון שוחטים

ר׳ שמואלקע, דער שוחט פון שעניצע האָט געשטרעבט, אַז אַלע זיינע זין זאָלן זיין, ווי ער, שוחטים. זיין עלטסטער זון אברהם הערש איז געווען מידזנער שוחט. דער מיטלסטער — אהרן, איז געווען שוחט אין ווענגעראָוו, דער יונגסטער זון אלי׳ איז שפּעטער געווען שוחט אין שעניצע. איז גאָר קיין וווּנדער נישט אויב ער האָט געוואָלט אַז אויך זיין זון פנחס זאָל ווערן שוחט. האָט פנחס טאַקע געפאָלגט דעם פאָטער זיינעם, געלערנט שחיטות, אָבער ביי זיך אין האַרצן האָט ער געהאַט באַשלאָסן צו טאָן אַלץ און נישט צו זיין קיין שוחט. ער האָט געהאַט דערצו געגנוג סיבות. פנחס איז געווען אַ גרויסער ירא־חטא און ער האָט נישט געוואָלט נעמען אויף זיך צו פּסקנען אין שאלות פון כשר און טריף. ער פלעגט זאָגן, אַז כשר מאַכן, חלילה, וואָס עס דאַרף זיין טריף איז דאָך אַ גרויסע עבירה, אָבער עס איז אויך נישט קיין קליינע עבירה היזק צו מאַכן, חלילה, על־פּי־טעות, געלט אַן אָרימען קצב און טריף

מאַכן וואָס עס דאַרף זיין כשר על פי הדין. אַ חוץ דעם האָט ער פון דער נאַטור פיינט געהאַט צו זיין אָפּהענגיק פון עמעצן, נישט געוואָלט קיינעמען חנפנען און נישט פאַרטראָגן ווען מען האָט אים מחניף געווען. ער האָט געוווסט, אַז אויב וועט ער ווערן שוחט, איז ער עלול צו פאַרלירן זיין אומאָפּהענגיקייט.



ר׳ פנחס שו״ב ז״ל

דער זיידע נעמט זיך צו אַנדערע מלאכות...

נאָך זיין חתונה מיט שרה מיכלען, די טאָכטער פון זיין ברודער אברהם הערש, האָט ר׳ פנחס אָפּגעוואָרפן כל מיני פאָרשלאָגן צו קאַנדידירן אַלס שוחט אין פאַרשידענע פריי געוואָרענע פלעצער. ער האָט גענומען האַנדלען מיט ליכט אויף שבת, מיט הייוון, איז געוואָרן אַ ווײַן־ציער און דערנאָך אויך — מלמד. די גאַנצע צייט האָבן די אַלע עסקים אים נישט געגעבן קיין פרנסה און ער האָט געלעבט אין גרויס דחקות. שוין ווען עס איז ביי אים געבוירן געוואָרן דאָס ערשטע קינד זיינס איז געווען זייער ביטער מיט פרנסה, ממש — באו מים עד נפש. גראָד אין דער צייט איז אין פאַריסאָוו געוואָרן פריי אַ כלאָץ פאַר אַ שו״ב און דער זיידע האָט, באין ברירה און אָן ווילן, דערלאַנגט זיין קאַנדידאַטור. ער האָט גערעכנט, אַז אַזוי ווי ער איז נישט קיין פאַריסאָווער און אויך נישט קיין גערער חסיד וועט ער אַוודאי נישט דורכגיין. אָבער געשען איז אַנדערש. קעגן זיינע פאַראויסזעונגען איז ער דאָך באַשטימט געוואָרן אַלס שוחט אין פאַריסאָוו.

מיט „עמך" צוזאַמען

ר' פנחס האָט געגרינדעט אַ „חברה־תהלים" פון בלויז „עמך" יידן, אַרבעטער און בעלי מלאכות, מערסטן טייל — דאַוונערס פון קליינעם שולעכל ביי דער גרויסער שול. יעדן שבת, צוויי שעה פאַר מנחה, האָט ער דאָרט געלערנט מיט די יידן די פרשה פון דער וואָך און זומער — אויך פרקי אבות. עס זענען אַפילו געווען יודעי־ספר וואָס האָבן אַהין זיך אַריינגעכאַפּט צו הערן דעם זיידן לערנען און אויסטייטשן די פרשה. די דאָזיקע „עמך" יידן האָבן נישט איין מאָל אונטערגעהאַלטן דעם זיידן ווען ער האָט זיך געפונען אין אַ עת־צרה.

ווי געזאָגט, איז דער זיידע געווען אַ גרויסער ירא־שמים, האָט זיך געפירט ווי געהויבענע חסידים. אָבער צו קיין רבין, איז ער, צוליב זיינע טעמים, נישט געפאָרן. ער האָט אויך נישט געוואָלט זיך אַנגאַזשירן אין אַ וועלכן עס איז חסידישן צד אין שטעטל, איז ער בלויז איין מאָל אין יאָר, אויף אַ שבת, געפאָרן צום אַלעקסאַנדערער רבין און איז אַזוי אַרום געווען דער איינציקער אַלעקסאַנדערער חסיד אין פאָריסאָוו.

צוליב זיין התנהגות האָט ער גענאָסן פון חסד פון אַלע שיכטן אין שטעטל און ווייל ער איז אויך געווען אַ שטאַרקער מחמיר און מען האָט געהאַט צוטרוי צו אים, האָבן די וועלכע האָבן געוואָלט עסן גלאַט כשר פלייש פאַרלאַנגט פון די קצבים פון ר' פנחסעס שחיטה.

אַ איש האמת

דער זיידע איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַ גרויסער אָרעמער משפחה, וועמען ער האָט שטענדיק געדאַרפט העלפן. ער איז דערצו געווען אַ גרויסער בעל־צדקה. ביי זיין שבתדיקן טיש איז שטענדיק געזעסן אַן אורח, און אַזוי אויך אין מיטן דער וואָך.

ער איז אויך געווען אַ מודה על האמת. איך געדענק ווי איין מאָל איז דער זיידע אַריינגעקומען פון הויף מיט אַ געשאָכטן עוף אין האַנט און זיך געוואַנדן צו דער פרוי צו וועלכער דאָס עוף האָט געהערט: זייט־זשע מוחל, וויפל האָט אייך געקאָסט די הון? באַקומענדיק דעם ענטפער, האָט ער געהייסן דער מומען (דעם זיידנס צווייטע פרוי — י.ב.) באַצאָלן דאָס גאַנצע געלט, ווייל ער איז נישט געווען זיכער צי ער האָט דאָס עוף דערשאָכטן צו דער צייט. ער האָט בעסער געוואָלט באַצאָלן פאַרן עוף איידער צו זיין אין א ספק, אַז ער איז חלילה מאכיל טריפות.

די באָבע גייט פון דער וועלט

איין מאָל איז די באָבע געוואָרן שווער קראַנק אויף גאַלשטיינער. דער זיידע האָט זי אַוועקגעפירט קיין וואַרשע אויף אַן אָפּעראַציע און נאָך דריי

וואָכן איז ער צוריקגעקומען אַהיים אָן דער באָבען. עס איז אים נישט געווען צו דערקענען. אַריינקומענדיק אין שטוב האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ נידעריק בענקעלע און געוויינט און געביטערט, אַז הימלען האָבן זיך געקאָנט עפענען פון זיין געוויין. דער זיידע האָט אויסגערעכנט אַלע מעלות טובות פון דער באָבען, געשילדערט איר צדקות און דערציילט וואָס ער האָט אַלץ געטאָן פאַר איר געזונט ווערן, וויפל תעניתים ער האָט געפאַסט, און, אַז ער האָט אַלע אירע קליידער און צירונג מנדר געווען פאַר גוטע צוועקן. דער זיידע איז געווען שטאַרק צעבראָכן און אין איינער אַ קריטישער מינוט, האָט ער געלאָזט פאַלן אָן אויסדרוק כלפּי דעם הימל און איז גלייך פאַרשטילט געוואָרן. דער זיידע האָט זיך מאָמענטאַל פאַרענדערט, אַזוי דערשראָקן האָט ער זיך פאַר דעם אַרויסגעזאָגטן וואָרט. ער האָט אויסגעזען פאַרצווייפלט, פאַריאושט. ער האָט זיך פאַרשטעלט דאָס פּנים מיט די הענט און איך האָב אויך אַזוי געטאָן כדי נישט צו קוקן אין זיידנס זייט. דער זיידע האָט געוווסט, אַז איך האָב געהערט זיין פאַרצווייפלטן אויסרוף, האָט ער מיר שפּעטער געזאָגט, אַז ער דאַרף תשובה טאָן, ווייל ער איז נכשל געוואָרן. אַ מענטש דאַרף מצדיק זיין דעם דין און נישט האָבן קיין טענות צום הימל. פון דעמאָלט אָן ביזן סוף פון זיין לעבן האָב איך נישט געזען דעם זיידן קיין פריילעכן, אפילו נישט אויף שמחות ביי קינדער.

דעם זיידנס קינדער

דער זיידע האָט געהאַט פיר טעכטער (אויך דאָס וואָס ער האָט נישט געהאַט קיין קדיש, ווייל די באָבע האָט אים נישט געבוירן קיין זון, האָט דעם זיידן גורם געווען נישט ווייניק צער). די עלטסטע טאָכטער טעמא ז״ל, איז געווען מיין מוטער. ער האָט גענומען פאַר אַן איידעם ר׳ שלמה זלמן בראַטשטיין פון לאַסקעראָוו, אַ זון פון אַ מיוחסדיקער־משפּחה. אַלע האָבן אים מקנא געווען מיט דעם איידעם. איז אָבער געווען אַ צרה, אַז צו וואָס מיין טאַטע האָט זיך גענומען איז אים נישט געגאַנגען. במשך פון איין יאָר נאָך דעם קעסט־עסן איז פון נדן גאָר נישט געוואָרן. די קינדער יאָסל און רחל האָבן זיך דערצויגן ביים זיידן ר׳ פּנחס און ביי דער באָבע מרים פון לאַסקעראָוו. ווען די מאַמע איז געוואָרן אַלט 35 יאָר איז זי קראַנק געוואָרן אויף צוקער. מען האָט זי געקאָנט ראַטעווען נאָר מיט אינסולין, אָבער צוקומען צו דער רעצעפּט האָבן געקאָנט נאָר רייכע מענטשן. האָט די מאַמע זיך אָפּגעמוטשעט עטלעכע יאָר און איז געשטאָרבן. איך בין דעמאָלט אַלט געווען זעכצן יאָר.

דעם זיידנס צווייטע טאָכטער, העניע, האָט חתונה געהאַט מיט נחום קויפמאַן וועלכער איז געווען שו״ב אין סאָבין. עס האָט נישט לאַנג געדויערט און די מומע העניע איז געשטאָרבן פון אַ קייזער־שניט ביים געבוירן דאָס צווייטע קינד. דער זיידע ע״ה האָט גענומען דאָס קינד צו זיך.

די דריטע טאָכטער, מנוחה, איז געווען זייער אַ געלונגענע, קלוג, און

שיין. זי האָט זיך אויסגעלערנט מאַכן שייטלען פאַר פרומע ווייבער און האָט אַריינגעבראַכט אַ צוגאָב־פּרנסה אין זיידנס שטוב. דער זיידע האָט געהאָפט צו דערלעבן פון איר אַ סך נחת. יעדן טאָג, ווען איך בין געקומען פון „חדר", האָב איך געמוזט לערנען מיט מנוחהן די פּרשה פון דער וואָך און אויף שבת האָט זי געקענט די פּרשה נישט ערגער פון מיר. דער זיידע האָט געזוכט פאַר איר אַ לייטישן שידוך, אַ בחור אַ לערנער און פון אַ יחוסדיקער שטוב. צום סוף האָט ער איר פאַרקנסט פאַר משה יצחק פאָקשיוויקע פון סטאָצק, אַ בחור אַ עילוי, אַ שיינער און אַ הויכער, פון אַ גוטער משפּחה, כאָטש זייער אַן אָרעמע.



חיימטשע שטיינבלאָט, מנוחהס צווייטער מאַן



מנוחה שטיינבלאַט, ר׳ פנחס שוחט׳ס טאָכטער, הי״ד

איך געדענק, אַז אויף די ימים־טובים האָט דער זיידע געשיקט דעם חתן אָנגענומענע חתן־מתנות (אַ גאָלדענעם זייגער, אַ בשמים־ביקסל, אַ.דגל.) און דער חתן האָט נאָך יעדער דערהאַלטענער מתנה צוריקגעשיקט דעם זיידן אַ פּשטל. דער זיידע איז פון דעם געווען זייער צופרידן, אָבער די כלה — נישט אַזוי שטאַרק... דערפאַר פלעגט דער זיידע אַליין קויפן מתנות פאַר דער כלה־ווענן.

מנוחהס חתונה איז געווען באַגלייט מיט אַ שווערער איבערלעבונג און עס זענען געווען אַזעלכע וועלכע האָבן אין דעם געזען סמנים פון אַ באַפאַרשטייענדיק אומגליק. געוויינטלעך האָבן די מחותנים מיטן חתן געדאַרפט אָנקומען אין שטעטל אַריין צו דער חתונה אָנהייב אָוונט. אָבער עס איז אַדורך אַ שעה נאָך אַ שעה פון דער חתונה־נאַכט און זיי האָבן זיך נישט באַוויזן. געקומען זענען זיי ערשט נאָך צוויי ביי נאַכט, און דאָס ערשט נאָך דעם ווי מען האָט, פון פאַרצווייפלונג, אַרויסגעשיקט צוויי וועגענער קיין סטאָצק זיי ברענגען. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז צוליב דער שניי־זאַווערוכע זענען פאַרשיט געוואָרן די שאָסייען און אַז די וועגענער וואָס האָבן געפירט די מחותנים מיטן

חתן האָבן געשטעקט אין מיטן אַ פעלד און נישט געקאָנט זיך אַ ריר טאָן. און כאָטש עס האָט זיך דאַך אַלץ געענדיקט ווי עס באַדאַרף צו זיין, האָט די פּאַסירונג איבערגעלאָזט אַ שווערן איינדרוק אויף דער כלה און די געסט. מנוחה האָט אין דער נאַכט פאַרגאָסן טייכן טרערן און זי איז געווען שטאַרק פאַרצערט. קען זיין, אַז עס איז געווען אַ גרונט דערויף.

משה יצחק, איר מאַן, איז קראַנק געוואָרן אויף אַן אויער, ווייזט אויס פון פאַרקילונג אין יענער ווינטער־נאַכט ווען די וועגענער זענען געשטאַנען פאַרשיטע אין שניי, אין מיטן פעלד. די קרענק איז אָבער אויך געפלעגט געוואָרן כדי צו קענען באַפרייט ווערן פון מיליטער. צוויי יאָר נאָך דער חתונה איז משה יצחק געשטאָרבן. מנוחה איז געבליבן אַן אלמנה מיט אַ קינד פון אַ יאָר.

די יונגסטע טאָכטער דינה

די צרות וואָס ר׳ פנחס האָט געליטן פון די ערשטע דריי טעכטער זענען ווי גאָר נישט געווען אין פאַרגלייך מיטן צער וואָס ער האָט אויסגעטראָגן פון דער יונגסטער טאָכטער — דינה. די צרות פון איר זענען געווען באַגלייט מיט גייסטיקן בזיון.


עס איז געווען די ענדע פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. שטורמישע ווינטן האָבן גענומען טרייסלען די אַלטע יסודות. די אָקטאָבער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד האָט גענומען אויסשפּרייטן איר השפּעה אויף דער וועלט. די סאָציאַלע צוזאָגעכצן האָבן געלאָקט, די אָנגעזאָגטע פריינדשאַפט און ברודערלעכקייט ביי דער אַלגעמיינער מענטשן־משפּחה האָבן געפאַנגען די הערצער פון דער יוגנט. אָפּקלאַנגען פון דעם אַלעם זענען דערגאַנגען אויך קיין פּאַריסאָוו. אין יענע טעג האָט מען זיך איבערגעגעבן אויפן אויער, אַז מאיר יאָסל, אשר קאָזלאָווער און יהושע ברין זענען אָנגעשטעקט פון באָלשעוויזם, און, אַז זיי שטייען אין קאָנטאַקט מיט עלקע צלאָוועס און מיט דינהן, פנחס שוחטס טאָכטער.

דינהס געזעלשאַפט

פון עלקע גלאַטשטיין ביז דינהן איז געווען בלויז אַ שפּרונג. אַלץ וואָס עלקע האָט געטאָן עפנטלעך: געקומען אין פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין אויף רעפעראַטן, געלייענט וועלטלעכע ליטעראַטור, אאַז״וו. — דאָס אַלץ האָט דינה געמוזט טאָן באַהאַלטענערהייט. עלקע האָט שוין געזאָרגט דערפאַר, אַז אַלץ וואָס זי הערט, לייענט און ווייסט, זאָל דערגיין צו דינהן. דינה האָט טאַקע געשלונגען די ביכער ביי טאָג און ביי נאַכט און זי האָט מיט איר וויסן איבערגעיאָגט אַלע פּאַריסאָווער מיידלעך.

מיט דער צייט איז זי געוואָרן די צווייטע האַנט פון גרשון רובין — איינער פון די גרינדערס פון פּראָפ. פאַראיין אין פּאַריסאָוו. גרשון רובין איז

געווען אַ שוועסטערן־זון פון אַ רייכן וואַלד־סוחר אין בענדין, מענדל דאַמב — אַן אָנגעזעענער אַלעקסאַנדערער חסיד. גרשון איז אַנגאַזשירט געוואָרן דורכן פעטער זיינעם אָנצופירן מיט די טאָרף־פעלדער פון גאַלכלאַנקע, הינטער פאָריסאָוו. אַליין אַ רבנישער זון, אַ בר אורין מיט אַ פייערדיקן קאָפּ איז ער גאָר פאַרכאַפּט געוואָרן פון די לינקע סאָציאַלע אידייען און האָט פאַרלאָזט זיין פריערדיקן לעבנס־גאַנג (כאָטש ער איז נאָך דעמאָלט געווען לאַנג געקליידעט, געטראָגן אַ יידיש היטל און אין שבת געטראָגן אַ זיידענע קאַפּאָטע...).



גרשון רובין, זיין פרוי דינה — ר׳ פנחס שוחט׳ס טאָכטער, און זייער קינד משהלה, הי״ד



אברהם שמואל קוכען

צו דער חבריא האָבן אויך געהערט נאָך פאָריסאָווער יוגנטלעכע. אורי ראַבינאָוויטש, דער זון פון הירשל „פאַטענע״ וועלכער איז פרי אַוועק פון בית־המדרש, אָנגעהויבן אַרבעטן און געוואָרן אַ פרעציזער מעכאַניקער. געווען פון גרשון רובינס פריינד, האָט אַ סך געלייענט און אַ סך געוווּסט...

אברהם שמואל, דער זון פון יצחק מאירן נח הערשס איז געווען אַ גוטער לערנער. גרשון רובין האָט אים אַרויסגעפירט פון בית־המדרש, גענומען אונטער זיינע פליגלען. א.ש. איז געוואָרן אַ פריזיער.

אָט די גאַנצע גרופּע האָט געגרינדעט דעם קולטור־פאַראיין — די אינסטיטוציע וואָס האָט אַרויסגערופן אַזוי פיל קעגנערשאַפט מצד דעם רעליגיעזן ציבור אין שטעטל. אין פאָריסאָוו האָט מען געוווּסט וועגן ד׳ינהס „גוטע״ מעשים, אָבער צו ר׳ פנחסן איז עס נישט דערגאַנגען, ווייל מען האָט נישט געוואָלט מצער זיין דעם פיל געליטענעם, אָנגעזעענעם ייד.

אַ מעשה מיט ר׳ פנחס לייכטערס

איין מאָל האָט דער דראַמקרייז פון קולטור־פאַראיין געשפּילט שבת־צו־נאַכטס טעאַטער אין דער שאָפּע פון די פייער־לעשער. אין איינער אַ סצענע האָט מען פאָרגעשטעלט אַ פרוי וואָס צינדט ערב־שבת־ליכט. באַלד דערנאָך

איז געוואָרן אַ רעש אין שטעטל. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין דער שאַפּע האָט מען געשפּילט טעאַטער מיט ר׳ פּנחס שוחטס לייכטערס...

אַצינד האָבן זיך שוין אָפּגעפּונען יידן וואָס זענען געלאָפן גלייך צו ר׳ פּנחסן מיט אַ גֶעוואַלד: „ביי אייך אין שטוב, ר׳ פּנחס, ברענט אַ פייער, און איר ווייסט גאָר נישט? מען האָט אייערע לייכטערס מטמא געווען אין דער שאַפּע. פון אייער שטוב שפּרייט זיך אַ פייער איבערן גאַנצן שטעטל״ — האָבן די יידן געשטורעמט.

עס איז נישט שווער זיך פאָרצושטעלן וואָס עס האָט זיך דערנאָך געטאָן אין זיידנס שטוב. פון איין זייט — זיין שווערע איבערלעבונג, און פון דער צווייטער זייט — דינהס צער צוליבן אָנטאָן דעם טאַטן אַזוי פיל עגמת־נפש און בזיון. אַ צייט לאַנג האָט דינה נישט געקאָנט קומען צו זיך, ווייל עס איז איר שווער געווען צוצוקוקן זיך צום זיידנס צער. אַ צייט איז זי אויך טאַקע נישט געקומען צו די חברים, פון מורא פאַרן זיידנס געזונט.

דער זיידע אַליין איז גערופן געוואָרן צו די בני־העיר מיטן רב בראש און מען האָט פון אים פאַרלאַנגט צו טאָן עפּעס קעגן דער מגיפה. די זאַך האָט זיך אַ ביסל איינגעשטילט מיט ווען וואָס דינה איז אַוועקגעפאָרן קיין וואַרשע אויף אַ פּאָר וואָכן צו אַ מומען. נאָך אַ קורצע צייט איז זי צוריק געקומען און איז געוואָרען די כלה פון... גרשון רובין מיט וועלכן זי האָט חתונה געהאַט און זיך איבערגעצויגן קיין וואַרשע.

צו יענער צייט, האָט ר׳ פּנחס שו״ב נאָך געקלערט לפּחות צו האָבן נחת פון די אייניקלעך, און איבערהויפּט פון עלטסטן זון פון זיין טאָכטער טעמע — דער שרייבער פון די דאָזיקע שורות וועלכער האָט געלערנט אין דער באַוווסטער וואַרשעווער מתיבתא, אויף שוויענטא יורסקע 18. צום סוף איז אויך דער חלום זיך צערונען. אויך יאָסל קויפמאַן, העניעס זון, איז אַ ביסל „קאַליע״ געוואָרן. ער האָט זיך אָנגעשלאָסן אין „מזרחי״ און איז אַוועק קיין ארץ־ישראל.

אין די דרייסיקער יאָרן זענען צו ר׳ פּנחסן דערגאַנגען ידיעות פון ירושלים, אַז מנוחה און בלימע — מיינע צוויי שוועסטער, גייען אין זיינע וועגן, און אַז ווען ער וואָלט געווען נאָענט פון זיי וואָלט ער אַוודאי געשעפּט פון זיי אַ סך נחת. אָבער אַזוי ווי דאָס זענען געווען ידיעות פון גאָר ווייט, האָבן זיי פאַרלוירן פון זייער וואַגיקייט, האָבן נישט געברענגט דעם זיידן גענוג טרייסט פאַר די צרות וואָס אַרום אים...

ביי די אַלע איבערלעבונגען און ליידן, איז דער זיידע, ווי אַ ייד — אַ חסיד, נישט אַריינגעפאַלן אין עצבות, האָט אַלץ אויפגענומען באהבה. ער פלעגט פון צייט צו צייט קומען קיין וואַרשע וווּ עס האָבן געוווינט זיינע צוויי טעכטער דינה און מנוחה, און שפּעטער — זיינע חתונה געהאַטע אייניקלעך — רחל און דער שרייבער פון די דאָזיקע שורות. קומענדיק קיין וואַרשע

פלעגט דער זיידע ברענגען מתנות און האָט אויך געשטיצט מיט געלט, נישט מאַכנדיק קיין אונטערשייד צווישן די וואָס גייען אין זיינע וועגן און די — וואָס האָבן זיי פאַרלאָזט. אַז מען האָט אים געפרעגט: „הייתכן?" האָט ער געענטפערט: „מיר ווייסן נישט ג—טס וועגן, זיינע חשבונות, כל ישראל יש להם חלק בעולם הבא".

מיר האָבן ליב געהאַט דעם זיידן ווייל מיר האָבן אין אים געזען אַ גרויסע פערזענלעכקייט, פול מיט מענטשן־ליבע. מיר האָבן געהאַט מיטגעפיל מיט זיינעליידן, מיט זיינע שווערע נסיונות.

— — — מען האָט מיר דערציילט, אַז דער זיידע איז פאַר דער אויסזידלונג פון געטאָ קראַנק געוואָרן אויף אַ טיפוס און איז געשטאָרבן. ער האָט געהאַט דאָס גליק צו קומען צו קבר־ישראל.

מנוחה און איר מאַן חיימטשע שטיינבלאַט, דינה, איר מאַן גרשון און זייער זון משהלה — זענען אומגעבראַכט געוואָרן דורך די דייטשע באַרבאַרן און זייערע פאַררעטערישע מיטהעלפערס אין וואַרשעווער געטאָ. ישעיה דער זון פון מנוחה און חיימטשען איז אומגעקומען אַרויסגייענדיק פון לאַגער. מיין שוועסטער רחל, איר מאַן דוד גוטריימאַן און זייער טעכטערל טעמעלע, זענען אומגעקומען אין פינסקער געטאָ.

פון ר' פנחס שוחטס אייניקלעך זענען געבליבן לעבן:
יאָסל בראַטשטיין, דער זון פון טעמע, וווינט אין בת־ים;
בלומע לעדערמאַן, מיין שוועסטער, וווינט אין ירושלים;
מנוחה גראָסמאַן ז"ל, מיין שוועסטער, געשטאָרבן אין ירושלים;
יאָסל קויפמאַן, זון פון העניע, וווינט אין ראשון־לציון;
חיהלע, מנוחהס טאָכטער, וווינט אין חיפה:
לייבל, מנוחהס זון, וווינט אין בעלגיע.

אברהם בן יעקב קופּערבוים / כפר הרואה

אַ באַלעבאַטישע פּאַריסאָווער משפחה

מיין זיידע, ר׳ יצחק יהושע קופּערבוים, דער לאַנג יאָריקער דאָזאָר אין דער פּאַריסאָווער קהילה, איז געווען אַ באַלעבאַטישער ייד, האָט געהאַט אַ סך אָנזען, און איז געווען פּאָפּולער אין שטעטל. ער איז געווען דער אייגנטימער פון עטלעכע הייזער וואָס האָבן געבילדעט דעם גאַנצן ווינקל־קנופּ ביי דער גאַרוואָלינער גאַס.

אויפן ריזיקן ליידיקן פּלאַץ, נאָענט צום מאַרק, האָט זיך פאַרמירט די „צענטראַל־סטאַציע״ פון כלערליי פורן וואָס האָבן אַנגעהאַלטן דעם פּאַרקער מיט דער באַן־סטאַציע אין פּילאָווע. דאָרט פלעגן זיך אויך אָנפאָרן פויערישע וועגעלעך וואָס האָבן מיט זיך מיטגעברענגט „זשעפּאַק״ און פּראַסטע אויסצוקלאַפּן אייל אין דער אָליאַרניע וואָס האָט זיך געפונען, זייט לאַנגע צייטן, אין דער פּאָסעסיע פון די קופּערבוימס.

אין די לעצטע צייטן, פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה, זענען שוין געווען ווייניק מענטשן וועלכע האָבן נאָך געדענקט ר׳ יצחק יהושען אַליין, אָבער דער נאָמען זיינער האָט נאָך געדינט ווי אַ סימבאָל פון יידישער אָרבעט־זאַמקייט און באַלעבאַטישקייט.

די משפחה צעצווייגט זיך

ביי די קופּערבוימס האָט אָנגעהאַלטן אַ טראַדיציע לויט וועלכער עס האָט זיך געדאַרפט געפינען אין הויף, פאַר קינדער, און אויך פאַר אַ גרויסן טייל אייניקלעך, אַ ווינקל צום וווינען, און דאָס — לפּחות אין די ערשטע צייטן נאָך זייער חתונה־האָבן. כדי דאָס צו דערמעגלעכן, האָט מען צוגעבויט פליגלען ביי די זייטן פון הויז, אויפן חשבון פון הויף, וועלכער איז וואָס־אַמאָל געוואָרן ענגער.

ר׳ יצחק יהושע האָט איבערגעלאָזט דריי זין, און אַלע האָבן געלעבט אין פּאַריסאָוו.

דער עלטסטער זון, ר׳ אברהם דוד, האָט אַרויסגעצויגן פּרנסה פון זיין חלק אין דער אָליאַרניע. ער איז געווען אַ תלמיד־חכם, אָבער ער האָט זיך נישט „באַוויזן״ מיט זיין קענטעניש. פון די יונגע יאָרן אָן, איז ער געווען אויסגעטאָן פון „עולם־הזה״, פלעגט אָפּט פאָרן צום גערער רבין. במשך די יאָרן, האָט זיך זיין שטוב אויסגעפילט מיט קינדערלעך: דריי זין און פינף טעכטער, איידעמעס, שנורן און אייניקלעך.

דער שטילינקער, און פון „עולם־הזה" אויסגעטוענער, ר׳ אברהם דוד וועלכער איז אַ גאַנצע וואָך געווען פאַרהאָרעוועט אין דער איילפאַבריק, צוזאַמען מיט די זין און איידעמעס, האָט, ווי נאָר עס פלעגט אָנקומען דער שבת אַרויפציען אויף זיך אַ גאָר אַנדערע צורה. ביים שבתדיקן טיש, אַרום און אַרום די קינדער זיינע, האָט ר׳ אברהם דוד אויסגעזען ווי אַ מלך אין זיין גאַנצער פראַכט.

אין שבתדיקן טאָג האָט ר׳ אברהם דוד אַרויסגעוויזן שטאַרקן אינטערעס פאַר די קינדער, און פאַר דער גאַנצער משפחה. ער האָט ספעציעל ליב געהאַט איינצוטענהן מיט די קינדער און אויספרעגן זיי פון דער סדרה. ווער עס האָט געוווסט גוט צו ענטפערן, האָט זיך פאַרדינט ביי אים אַ ליבלעך קניפל אין באַק. גלייך נאָך דעם איז געקומען אַ באַפעל פאַר דער ווייב זייבער אויס־צוטיילן פאַר יעדן גוטן ענטפער אַ קיכעלע, אַן עפעלע, צי אַנדערע גוטע זאַכן. צום גוטן פעטער און זיידן, ר׳ אברהם דוד, האָבן, דעריבער, יעדן שבת נאָכן עסן געצויגן אַ צוויי טוץ אייניקלעך פון די קופערבוימס וואָס האָבן געוווינט אין פאַריסאָוו.


ר׳ משה גייט זיך זיין וועג...

אַ קאָנטראַסט צו אברהם דודן איז געווען זיין ברודער, ר׳ משה קופערבוים. ער איז געווען אַ מענטש וואָס האָט שטאַרק מדקדק געווען, אַז זיינע מלבושים זאָלן ליגן ווי געהעריק אויף זיין שיינער פיגור, און זאָלן זיין ריין און אויסגעפוצט. זיין קליין, קיילעכיק פנים איז געווען באַוואַקסן מיט אַ טונקל־בלאָנדער־באָרד, וואָס האָט געמאַכט דעם איינדרוק, אַז פון צייט צו צייט „פאַרעט" זיך דאָרט אַ שערל און גלעט צו די האָר און די וואָנצעס. ר׳ משה איז געגאַנגען איבערן שטעטל מיט אַ שטעקלע וואָס האָט געהאַט אַ זילבערן הענטל. זיין גאַנג איז געווען שטענדיק אַ געלאַסענער, ווי ער וואָלט קיין מאָל נישט געהאַט וואָס זיך צו איילן.

ר׳ משהן איז, ווייזט אויס, צו ענג געווען די גאַרוואָלינער גאַס, האָט ער פאַר זיך אויפגעבויט אַ הייזל אין מזרח־טייל פון מאַרק, און דאָרט געעפנט אַ לעדערגעוועלב. אין געשעפט האָט מען אים תמיד געטראָפן מיט אַ ספר אין האַנט, אָדער פירן אַ שמועס מיט אַ ייד פון זיין שטייגער, איבער וועלט־זאַכן, און אויך, איבער אַן אַרטיקל — נישט מער און נישט ווייניקער — אין „הצפירה". זיין ווייב, לאה׳לע, איז געווען ענלעך צו אים אין כאַראַקטער; אַ רויקע און געזעצטע פרוי. אויך זייערע קינדער זענען געווען שטילע, באַשיידענע, אַ ביסל זיך געלערנט, דערוואָרבן פאַכן, געווען „צו גאָט און צו לייט".

ר׳ לייזער קופערבוים — פון די ראשי־הקהל אין פאַריסאָוו

דער דריטער זון, מיין טאַטע ע״ה, ר׳ יעקב אלעזר, אָדער, ווי מען האָט אים גערופן אין שטעטל: ר׳ לייזער, איז געווען איינער פון די חשובסטע דאָזאַרעס אין דער קהילה, גבאי ראשון אין דער חברה־קדישא, און גבאי פון דער שול. זיין הויכע, גלייכע פיגור, די שמאָלע לאַנגע באָרד, שיטער צעוואַקסן, דורכגעפלאָכטן מיט אַ ביסל גראָע האָר, זיינע מילדע אויגן, גרייטע, תמיד צו שמייכלען, און די זיכערקייט פון אַ בעל־נסיון — האָבן אַרויסגערופן צו אים דרך־ארץ מצד יידן, און אויך מצד קריסטן מיט וועלכע ער איז געקומען אין קאָנטאַקט.



ר׳ לייזער קופערבוים ז״ל



זיין פרוי, חוה ז״ל

פאַקטיש איז מיין פאַטער געווען דער ראש־הקהל אין פאַריסאָוו, ווארעם דער „אָפיציעלער״ פרעזעס פון דער קהילה — ר׳ יצחק מענדל גאָלדמאַן, דער פריץ פון פשאָנקע, האָט געהאַט אַזוי פיל געשעפטן, אַז ער האָט נישט געהאַט געצייט ציט זיך אָפצוגעבן מיט די לויפנדיקע קהילה־ענינים. איז טאַקע דער גאַנצער עול פון די אַלערליי קהלשע דאַגות געלעגן אויפן קאָפּ פון מיין טאַטן. אַזוי, למשל, האָט ער איבערגעבויט די הייזלעך אויף דער גאַרוואָלינער גאַס און די אַלע שטיבלעך און קעמערלעך וואָס האָבן געהערט צו דער קהילה. דער טאַטע האָט נישט געדאַרפט צו דעם קיין אינזשעניר, ער איז אַליין געווען דער פאַכמאַן, האָט דורכגעפירט אַלע רעמאָנטן אין די קהלשע אַנשטאַלטן, און זיי האָבן גאָר ווייניק געקאָסט.

„נאָר נישט קיין עקזעקוטאָר"

דער טאַטע האָט געפּלעגט פאַרזאָרגן מיט הייצונג די מקווה, די שול, דאָס בית־המדרש, און אויך געטראַכט וועגן אָרעמע שטובן וואָס לעבן אויף קצבה, אַז דער ווינטער זאָל זיי נישט צו פיל דערקוטשען. נישט תמיד איז געווען געננוג געלט פאַר די אַלע הצטרכותן אין אַזעלכע פאַלן פלעגט דער טאַטע כאַפּן אַ שמועס מיט ר׳ יצחק מענדלען, און זיך באַקלאָגן: „דו ביסט דאָך ראש־הקהל, אויף דיר דאַרף ליגן דער עול צו זאָרגן עס זאָל זיין געלט אין דער קאַסע, נו, זאָלן מיר עפּעס זען". נאָר טאָמער האָט עמעצער פון די דאָזיקע פאַרגעשלאָגן, אַז מען זאָל איבערגעבן דעם פּוילישן שטייעראַמט אויפצומאַנען, דורך עקזעקוציעס, די פאַרלעגענע עטאַט־חובות, האָט ר׳ יצחק מענדל זיך אויפגעקאַכט, איז אַריין אין כעס און געשריגן: „האַ? דער שטייעראַמט זאָל אויפמאַנען ביי יידן? הייתכן? חוקת הגוים? חס מלהזכיר"! עס איז אַלעמען גוט באַקאַנט געווען, אַז ר׳ יצחק מענדל האָט פיינט געהאַט בתכלית השנאה עקזעקוטאָרן, ווייל זיי זענען אים נישט ווייניק דערגאַנגען די יאָרן, האָבן אים אָנגעטאָן צרות אין זיין פּשאַנקע...

(אין די גוטע צייטן, ווען פּשאַנקע איז געווען „אין די פעדערן", און געלט האָט דאָרט נישט געפעלט, האָט ר׳ יצחק מענדל ארויסגעהאָלפן דער קהילה מיט אַ הלוואה, און געפּועלט ביי די דאָזיקע און עטלעכע בעלי־בתים, זיי זאָלן אויך אַזוי טאָן. שפּעטער, ווען דער מצב איז געוואָרן ערגער, האָט די קהילה געדאַרפט אונטערשרייבן וועקסלען און די דאָזיקע האָבן אויף זיי געחתמעט).

וואָס טוט מען מיטן פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין?

ווען דער פּראָפעסיאָנעלער פאַראיין האָט אָנגעהויבן פירן אַ טעטיקייט אין שטעטל, איז אויסגעבראָכן אַ שטרייט צווישן מיין טאַטן און ר׳ יצחק מנעדל גאָלדמאַן. די רעליגיעזע דאָזיקע האָבן געזוכט אַן עצה ווי אַזוי נישט צו דערלאָזן, אַז דער פאַראיין זאָל זיך פאַרוואָרצלען אין פּאַריסאָוו. דער שטרייט צווישן די „פּני" פון דער קהילה איז געווען: ווער עס דאַרף זיך שטעלן אין דער שפּיץ פונעם קאַמף קעגן דעם „טומאהלע". מען האָט אָפּגעהאַלטן אַסיפות ביים רב אין שטוב. מען איז זיך צוזאַמענגעקומען מיט שיינע בעלי־בתים און מען האָט נישט געקאָנט אַדורכקומען צווישן זיך. ר׳ יצחק מענדל גאָלדמאַן האָט געזאָגט צום טאַטן מיינעם: „דו, לייזער, ביסט אין שטאָט, דו האָסט דעם „פאַראיין — דאָס טומאהלע" לעבן זיך, הינטער דער נאָז, נעם צונויף אַ פּאָר בעלי־בתים, און מאַך אַן עק מיט דעם!" דער טאַטע ווידער, האָט געטענהט: „לא כן, דאָס איז נישט קיין וועג. דו, ר׳ יצחק מענדל

קומסט אין דער גרויסער וועלט, האָט השפעה אין די „הויכע פענצטער", ליגט אויף דיר דער חוב צו טאָן וואָס מען דאַרף"...

נאָר אין צווישן איז דער פּראָפעסיאָנעלער פאַראיין זיך צעוואַקסן, האָט צוגעצויגן וואָס מער בחורים און מיידלעך, און זיין השפעה איז געשטיגן פון טאָג צו טאָג.

אַ קבלת־פנים פאַר אַ בישאָף

איין מאָל, אין אַ פאַרנאַכט, עס האָט געמוזט זיין אין יאָר 1930, אָדער 1931), צווישן מנחה און מעריב, זענען ר' יצחק מענדל און מיין טאַטע, געזעסן אין בית־המדרש און אָנגעקוואָלן איינער פון אַנדערן. עס איז זיי פאַרגעשטאַנען אַ גרויסער כבוד. איין מאָל אין אַ צענדליק יאָר האָט געטראָפן, אַז אַ גרויסער בישאָף איז געקומען באַזוכן דאָס שטעטל. אין אַזאַ טאָג פלעגן זיך אָנפאָרן קיין פאַריסאָוו טויזנטער פוילישע וועגעלעך כדי אויפצונעמען מיט כבוד דעם בישאָף. אַ יידישע דעלעגאַציע פלעגט אויך אַרויסגיין מקבל־פנים זיין דעם גאַסט. אויך דאָס מאָל האָט די קריסטלעכע באַפעלקערונג זיך געגרייט וואָכנ־לאַנג צום קבלת־פנים. דאָס זעלבע אויך — די יידישע קהילה מיט אירע „פני" בראש.

אין טאָג פון פאַרויסגעזעענעם באַזוך, האָבן אַ פּאָר אָנגעזעענע בעלי־בתים זיך אָוועקגעשטעלט ביים ווינקל פון דער גאַרוואָלינער גאַס און אָפּגעוואַרט די פּראָצעסיע וואָס האָט זיך געצויגן אין שטעטל אַריין. פאַרויס, מיט געצייל־טע טריט, האָט געשפּרייזט דער בישאָף אין זיין פּאַטריאַרכאַלן לבוש, באַצירט און באַהאָנגען מיט קרעלן און קירכע־עמבלעמען, דער קאָפּ באַדעקט מיט אַ קיילעכדיק אויסגעשטריקטן רויטן קאַפּושאָן. דער בישאָף האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי דער יידישער דעלעגאַציע, און אין דעם מאָמענט האָבן די יידן מיט די לאַנגע בערד, און צווישן זיי, מיין טאַטע, מיט אַ ספר־תורה אין האַנט, געמאַכט עטלעכע טריט פאָרויס, אַנטקעגן דעם בישאָף. ביי דער געלעגנהייט האָט ר' יצחק מענדל באַגריסט דעם חשובן גאַסט אין אַ שיינער פוילישער שפּראַך. פון אַ זילבערנער טאַץ האָבן די יידן דערלאַנגט דעם בישאָף ברויט מיט זאַלץ. ביי אַ פייערלעכער שטילקייט וואָס האָט געהערשט אַרום און אַרום, האָט דער המון זיך צוגעקוקט צו דער מערקווערדיקער צערעמאָניע, און באַזונדערט, צו דעם, ווי דער בישאָף פאַרנייגט זיך פאַר דער ספר־תורה.

נאָכן גאַנצן ספּעקטאַקל, האָט די יידישע דעלעגאַציע ווידער זיך געטראָפן אין בית־המדרש און דאָרט פרייער אָפּגעטעמט. ר' יצחק מענדל און מיין טאַטע זענען געזעסן צוזאַמען, און האָבן פון זיך אַליין אַ הנאה געהאַט. אַלץ איז אַדורך בשלום. זיי האָבן נישט געהאַט איבער וואָס צו שטרייטן...

מיין טאַטנס הויז

די אַחריות פאַר דער גאַנצקייט פון דער געבליבענער ירושה פון ר׳ יצחק יהושען האָבן אַלע קינדער אַנגעטרויט מיין פאָטער ע״ה, וועלכער איז געבליבן טריי די התנהגותן פון זיין פאָטער.

מיין טאַטע, אַ סוחר, און „פאַבריקאַנט״ האָט אָבער נישט געקאָנט זיך פירן אין גאַנצן ווי זיין פאָטער האָט זיך געפירט. דער זיידע ע״ה איז פרייטיק נאָך צוועלף ביי טאָג שוין געגאַנגען אָנגעטאָן אין דער זיידענער זשופיצע. צו דער צייט האָט ער שוין געהאַט אויפגעלייגט דאָס ווייסע בלאַנקענדיקע טישטעך אויפן טיש, צוגעדעקט די חלות, פאַרשטעקט די ליכט אין די זילבערנע לייכטערס, און אָנזאָגנדיק די קינדער זיינע, אַז ביי אים איז שוין שבת, האָט ער געפלעגט זיך אָוועקזעצן לערנען, צו מעביר זיין די סדרה. מיין פאָטער, דער קהל־מענטש, האָט נישט געקאָנט דאָס באַווייזן. די קהלשע ענינים האָבן אים צוגענומען אַ סך צייט, אפילו אין פרייטיק־טעג.

דערפאַר אָבער האָט אונדזער פרומער פאָטער אָפּגעהיט יידישקייט אויף זיין שטייגער: ער פלעגט אויפשטיין ביי נאַכט און אָפּריכטן „חצות״, און מיט באַגינען, זיך אָוועקלאָזן אין בית־המדרש אַריין עפּעס לערנען, אַריינקוקן אין ספרים, דאַוונען בציבור, און אין דער היים — אַכטונג געגעבן, אַז די קינדער זאָלן גיין אין די אויסגעטרעטענע וועגן פון די פריערדיקע דורות...

יעדן פרייטאָג־צו־נאַכטס, זענען ביי אונדז זיך צונויפגעקומען „אנשי שלומנו״ — פאַריסאָווער חסידים. זומער האָט מען געטרונקען קאַלט סאָדע־וואַסער פון באַלאָן און געשמועסט חסידות. יידן, מידע פון אַ גאַנצער וואָך האָרעוואַניע, פלעגן איינשלאָפן זיצנדיקביים טיש. אַרום איינס ביי נאַכט, פלעגט ר׳ הערשל ראַבינאָוויטש (הערשל פאַטענע) אָנקלאַפּן אין פענצטער־לאָדן און וועקן צו עבודת־הבורא.

די מאַמע — אַן עזר כנגדו

אונדזער מוטער, חוה, איז געווען אַן אשת־חיל. זי האָט אויפגעהאָדעוועט איין טאָכטער און פינף זין (מאיר, אריה, שלמה, אברהם, און יצחק־יהושע). פאַרנומען מיט דער שטוב־ווירטשאַפט, איז זי אָבער אויך געווען שטאַרק באַהאַוונט אין טאַטנס עסקים, געווען זיין „רעכטע האַנט״, און ער האָט געקאָנט זיך פאַרלאָזן אויף איר. די מאַמע האָט צוגעהיט די אָליאַרניע, געזאָרגט, אַז די באַלאָנען אין סאָדעוואַסער־פאַבריקל זאָלן שטענדיק זיין קאַלט, און געהאַט נאָך צייט אַליין אָנצופירן מיט אַ זאָקן־פאַבריקל וואָס זי האָט איינגעאָרדנט אין גאָרטן, אין איינער פון די ביי־געביידעס. אין דעם פאַבריקל האָבן געאַרבעט עטלעכע מיידלעך.

ווען די „זאַקן־פּראָדוקציע" איז שפּעטער פאַרקאָנקורירט געוואָרן דורך לאָדזשער פאַבריקאַנטן וועלכע האָבן געאַרבעט מאַדישער און ביליקער, איז די מאַמע נישט געבליבן זיצן מיט פאַרלייגטע הענט. אין פראָנט פון הויז, צום מאַרק־צו, האָט זי געעפנט אַ רעסטאָראַן און זי האָט זיך דערוואָרבן אַ גרויסע קליענטעלע. שפּעטער, האָט איר יינגסטער זון, יצחק יהושע, געהאַט דאָרט אַ דעליקאַטעסן־געוועלבל, און מען האָט דאָרט תמיד געשפּילט אין דאָמינאָ...

קינדער גייען זיך זייערע וועגן...

נישט פון אַלע זין האָט דער טאַטע געהאַט דעם נחת וואָס ער האָט געוואָלט. ער האָט חתונה געמאַכט די עלטסטע צוויי זין: מאירן און אריהן, און זייער באַלעבאַטישער דרך אין לעבן איז דעם פאָטער געווען צום האַרצן, דאַקעגן, האָבן שלמה און דער שרייבער פון די שורות אָנגעהויבן גיין זייער אייגענעם, באַזונדערן, גאַנג, יעדער זיין וועג... דער טאַטע האָט געהאַט אָפענע אויגן, געזען וואָס עס טוט זיך, און נישט געפונען די רפואה פאַר דער מכה...

אַזוי, למשל, איז שלמה געוואָרן אַ גאַנצער טוער, נישט ערגעץ אַנדערש, ווי נאָר אין פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין... אפילו געהאַלטן אַזעלכע דרשות פון וועלכע זיינע חברים האָבן שטאַרק געהאַט אַ הנאה. דער טאַטע, איז לכאורה, געווען צופרידן וואָס זיין זון איז אַ גערעטענער, און נעמט אויס ביים עולם, אָבער צו וואָס קאָן דאָס אַלץ דערפירן? איז עס אַזוי פשוט, — האָט ער געהאַלטן — אַז זיינס אַ זון זאָל קומען אין „טומאהלע" אַריין, און נאָך זיין דאָרט אַ גאַנצער פירער, רחמנא לצלן?

און וואָס שייך מיר, איז דער טאַטע אויך נישט געווען צופרידן. איך בין גאָר געוואָרן אַן אַריינגייער צו ר' בעריש מרוווקע — אַ שטוב, וואָס חוץ אַלע אַנדערע „צרות" האָט זיך דאָרט אויך געפונען דער „מורה־נבוכים". וואָס איז מסוגל — אַזוי האָט דער טאַטע געהאַלטן — „אָפּצוסמען" יינגע פרומע קינדער...

ביי ר' בעריש מרוווקע אין שטוב האָב איך אויך איינגעזאַפּט אין זיך ליבשאַפט צו ציון און ציוניזם וואָס דער טאַטע האָט נישט גערן עס געזען. אין דער זעלבער צייט האָט די מאַמע בעיקר, געהאַט עגמת נפש פון שלמהס דרכים, דאַקעגן, האָבן איר נישט געאַרט מייגע אידייען וועגן ארץ־ישראל — דאָס הייליקע לאַנד וועגן וועלכן זי האָט אַזוי פיל זיך אָנגעלייענט און אָנגעלערנט אין דער „צאינה ראינה".

מיט אַ סערטיפיקאַט קיין ארץ־ישראל

ווען איך בין אַלט געוואָרן 18 יאָר, איז מיר געלונגען זיך צו דערשלאָגן צו אַ סערטיפיקאַט אין דער, דעמאָלט, נאָך גאָר יונגער אָרגאַניזאַציע „הפועל־

המזרחי". מוצאי־שבועות, תר"ץ, אין יאָר 1930, האָב איך זיך געזעגנט מיטן שטעטל און עולה געווען קיין ארץ־ישראל. פאַר מיין אַוועקפאָרן, איז די גאַרוואָלינער גאַס געווען פול מיט מענטשן וועלכע זענען געקומען באַוווּנדערן דאָס ייִנגל פון 18 יאָר וואָס פאַרלאָזט דעם טאַטנס שטוב, און פאָרט קיין „פאַלעסטינע". דער טאַטע, האָט זיך פאַרמאַכט אין שטוב, נישט געוואָלט זען דעם אַנגעלויף פון מענטשן, און נישט דאָס אַלץ וואָס האָט זיך געטאָן הינטער זיין פענצטער. פון גרויס פאַרביטערונג האָט ער זיך נישט געזעגנט מיט מיר.



אַ גרופּע יוגנטלעכע געזעגענען זייער חבר אברהם קופערבוים צו זיין עולה־זיין קיין ארץ־ישראל, אין יאָר 1930.

יענע נאַכט האָט דער טאַטע געפילט, אַז ער דאַרף זיך פאַר עמעצן אַראָפּרעדן פון האַרץ און ער איז צוגעלאָפן צו זיין ידיד, דעם חסיד, זלמן פאַרבער. יענער האָט אים געטרייסט, און אויסגערעדט, זאָגנדיק אים, אַז ער אַליין האָט נישט ווייניקער חרפות פון זיין אהרנען...

אַ באַלאָן רייסט אויף און דער טאַטע קומט אום

אין יאָר 1932, פונקט אין ראש־חודש אלול, תרצ"ב, האָט ביי אונדז פּאַסירט אַן אומגליק וואָס האָט אויפגעטרייסלט דאָס גאַנצע שטעטל. אין פאַבריקל האָט אויפגעריסן אַ באַלאָן וואַסער, און דער טאַטע איז געפאַלן טויט אויפן אָרט. די טרויעריקע ידיעה האָט זיך בליצשנעל פאַרשפּרייט אין שטעטל.

צו דער לויה זענען זיך אָנגעפאָרן פאַריסאָווער חסידים און רבנים פון אַ סך שטעט. מען האָט דעם טאַטן ע"ה קובר געווען אין שכנות פון זיידן ר' יצחק יהושע.

די מאַמע קומט קיין ארץ־ישראל

ווען די טרויעריקע ידיעה וועגן פּלוצלינגדיקן טויט פון מיין טאַטן איז אָנגעקומען צו מיר. קיין ארץ־ישראל, האָב איך אָנגעהויבן „איינלייגן וועלטן" ביי דער בריטישער מאַכט אַרויסצובאַקומען אַן עליה־דערלויבעניש פאַר דער מאַמען. מען האָט פאַרלאַנגט פון מיר גאַראַנטיעס, אַז איך בין אין שטאַנד אויסצוהאַלטן מיין אַלטע מוטער. סוף־כל־סוף האָב איך זיך איינגעשאַפּט די נייטיקע פּאַפּירן, און אין יאָר 1936, איז די מאַמע געקומען, מיט מזל, קיין ארץ־ישראל.

איך האָב אַראָפּגענומען די מוטער צו זיך, קיין כפר־הרואה וואָס האָט זיך דעמאָלט אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען. מיינע קינדער האָבן זייער ליב געהאַט די באָבע, און האָבן איר אָפּגעגעבן כבוד. די מאַמע האָט אין כפר־הרואה ממש אויפגעלעבט. יונגע כוחות האָבן זיך דערוועקט אין איר. זי האָט געאַרבעט אין מושב ווי אַ דערציערין, און זייער אַ סך אויפגעטאָן, געוואָרן פּאָפּולער, און באַליבט אין גאַנצן דאָרף. פרויען האָבן, אין שבת, אַנגעקוואָלן פון איר לייענען פאַר זיי די „צאינה־וראינה", וואָס זי האָט מיט זיך מיטגעבראַכט.

אין יענע טעג, האָט דער מאַמען אַ סך מאָל אַ ביסל פאַרקלעמט דאָס האַרץ פון מיין האָבן צופיל צו טאָן מיט אַ ביקס און פון דעם וואָס כ'וועד זייער אָפט פאַרפאַלן אויף גאַנצע נעכט, אפילו — אין שבתים, און ימים־טובים. זי האָט געוווסט, אַז דאָס גיי איך אויף שמירה אין די נאָענטע ישובים, און זי האָט אמתדיק געגלויבט, אַז אירס אַ קאַפּיטל תהלים קאָן זייער אַ סך העלפן, אַז עס זאָל מיר חלילה גאָרנישט געשען.

די מאַמע האָט געבענקט נאָך אַלע אירע קינדער און געוואָלט, אַז זיי זאָלן אויפגיין קיין ארץ־ישראל. אָבער בלויז מאיר איז געקומען, אין יאָר 1937.

אין יאָר 1947 (פערצן טעג אין חודש כסלו, תש"ז), פּונקט אין פרייטאָג־צו־נאַכטס, איז די מאַמע אַוועק פון דער וועלט. זי האָט נאָך פריער געהאַט באַוויזן צו צינדן די שבת־ליכט וואָס איך האָב איר צוגעטראָגן צום בעט. שפּעטער, ווען מיר זענען געזעסן ביים שבתדיקן טיש, איז מיין כרוי שרהלע צוגעגאַנגען צום בעט און האָט געטראָפן מיין מוטער אַ טויטע. שטיל און שלווהדיק איז זי אויסגעגאַנגען.

די מאַמע האָט איבערגעלאָזט אַ צוואה אין וועלכער זי האָט פאַרלאַנגט, אַז מען זאָל זי ברענגען צו קבורה אויף די בערג פון ירושלים. אין יענער צייט, איז דאָס איבערפירן זי קיין ירושלים, געווען פאַרבונדן מיט סכנת־נפשות. אויף די וועגן, האָבן, אין מאַסקירטע באַהעלטענישן, געלאָקערט באַוואָפנטע אַראַבער. נישט געקוקט דערויף, האָבן מיר מקיים געווען דער מאַמעס צוואה. זי געבראַכט אין דער הייליקער שטאָט, אַזוי ווי זי האָט געוואָלט, און דאָרט, אויף די ירושלימער בערג, האָבן מיר זי געבראַכט צו אייביקער רו. ביים אָפענעם קבר, האָבן מיר, מאיר און איך, געזאָגט קדיש נאָך דער מאַמען.

יחיאל לערמאַן / תל־אביב

ר׳ נחום בלעכער — דער גבאי פון צוויי אינסטיטוציעס

אין מאַרק,ביים עק פון דער גאַרוואָלינער גאַס, איז געשטאַנען אַ שמאָל הילצערן הייזל וואָס האָט געהאַט פון פאָרנט נאָר איין פענצטער מיט צוויי ברייטע געוועלבטירן. די דאָזיקע טירן זענען אַ גאַנצע וואָך געווען פאַרהאַנגען און פאַרשטעלט מיט בלעכענע קאַנען און עמערס מכל המינים. אין די וואָכעדיקע טעג האָט פון דאָרט זיך געטראָגן אַ געקלאַפּעריי פון האַמער איבער די בלעכענע כלים און דערמאָנט אַלעמען, אַז ר׳ נחום בלעכער וווינט דאָ, און טוט זיין מלאָכה. בלויז ערב־שבת זענען פון דאָרט פאַרשוווּנדן די בלעכענע כלים. דאָס פענצטער איז געוואָרן פאַרהאַנגען מיט אַ ווייס, באַלעבאַטיש פירהענגל און האָט באַקומען אַ לייטישן אויסזען. אַ האַלבע געוועלבטיר איז געבליבן אָפן, ווייל דאָס איז געווען דער איינציקער אַריינגאַנג אין ר׳ נחומס וווינונג וואָס האָט זיך געפונען אין הינטערשטן טייל פון דער הייזקע, און איז באַשטאַנען פון צוויי צימערן מיט אַ קיך.

אין רבינס געסל, קעגן איבער דעם בית־המדרש, האָט געוווינט ר׳ מאיר — דער צווייטער בלעכער אין שטעטל.ביידע בעל־מלאָכות האָבן אויפן זעלבן אופן זיך מפרנס געווען: מען האָט געוואָרט, אַז עס זאָל ווער קומען פאַרריכטן אַ טעפּל, אַ שיסל, אַן עמער וואָס האָט אנגעהויבן רינען, אָדער אַ כלי פון וועלכן עס האָט זיך אָפּגעריסן אַ הענטל. ביידע בלעכערס האָבן אויך אויסגעאַרבעט נייע כלים און אַרויסגעטראָגן זיי צום פאַרקויפן אויפן מאַרק, בעיקר, אין אַ מאַרק־טאָג.

ר׳ נחום איז נישט בלויז אַ בלעכער

וואָס אַן אמת האָט ר׳ נחום נישט געשטעקט ראשו ורובו אין דער בלעכעריי זיינער. ער איז געווען גבאי אין דער חברא־קדישא אין פאַריסאָוו און אויך גבאי פון דער חברה־תהלים. פאַר ביידע חברות האָט ר׳ נחום זיך ממש מוסר־נפש געווען.

ווי זיין פאָטער ר׳ משה אהרן, ווי זיינע ברידער: מענדל דער שטריקמאַכער און אריה, דער פעסטגעבויטער טרעגער, איז אויך ר׳ נחום געווען אַ קרעפּטיקער ייד. זיין פּנים איז געווען באַוואַקסן מיט אַ באָרד וואָס איז זיך צעגאַנגען אין צוויי שפּיצן און האָט געלאָזט אַ ריווח אין דער מיט. איז ווער געקומען צו אים מיט אַן ענין, האָט ער געמעגט האַלטן אין מיטן

קלאַפּן מיטן האַמער אויף זיינע בלעכן, האָט ער אויסגעהערט וואָס מען רעדט צו אים, און פּאַמעלעך געענטפערט, אַ שטייגער ער וואָלט געציילט די ווערטער וואָס ער ברענגט פאַרן מויל. דאָס זעלבע איז אויך געווען, אויב מען איז צו אים צוגעקומען אין בית־המדרש, בעת ער איז געווען פאַרנומען מיט קהלשע ענינים. ר׳ נחום האָט געהאַט געדולד צו יעדן איינעם, אויסגעצייכנט זיך מיט בנעימותדיקער באַנעמונג.

ר׳ נחום ווערט גבאי אין דער חברה־קדישא

ר׳ נחום האָט איבערגענומען דעם אַמט פון גבאי אין דער חברה־קדישא נאָך דעם ווי דער גבאי ראשון, ר׳ לייזער קופערבוים, איז נפטר געוואָרן.

בעת דער יערלעכער סעודה פון דער חברה־קדישא, אין ז׳ אדר, תרע״ט, איז אין דיקן חברה־קדישא בוך, אין וועלכן יעדער חברה־מאַן האָט געהאַט אַ בלאַט מיט זיין נאָמען, צוגעשריבן געוואָרן אין בלאַט פון ר׳ נחום בן משה אהרן לערמאַן, מיט סופריש געכתיבהטע אותיות, פאַרפּוצט מיט תגין (אָרנאַמענטן), דער הויכער טיטול: „גבאי של חברה קדישא קהילת פּוריסוב״.

אַ לעבן פון צדקה און חסד

סיי ווינטער און סיי זומער פלעגט ר׳ נחום בלעכער אויפשטיין באַגינען און אַוועקלאָזן זיך אין בית־המדרש אַריין. ער איז דאָרט פאַרבליבן געננוג לאַנג. דאָס בית־המדרש איז געווען זיין אָפיציעלע ביוראָ. ער האָט אויך געזאָרגט



ר׳ נחום און זיין פאַמיליע, אויף אַ חתונה פון זיינס אַן אייניקל

פאַר די אורחים וועלכע ער האָט איינגעאָרדנט אין הקדש. אַ בעל־דרשן, אָדער סתם אַ בכבודיקער אורח, האָט זיך אויפגעהאַלטן ביי אים אין שטוב. עטלעכע אורחים האָבן שטענדיק גענעכטיקט אין שטיבל וואָס האָט זיך געפונען אין זיין הויף. דאָרט זענען געשטאַנען בעטלעך מיט שעניקעס, קישעלעך און קאָלדרעס. פאַר דער אָרדענונג אין דעם שטיבל האָבן געזאָרגט ר׳ נחום און זיין הויזגעזינד.

פון בית־המדרש איז ר׳ נחום אַרויס פון די סאַמע לעצטע. אַהיימקומענדיק, האָט ער צעהאָנגען איבער די געוועלב־טירן די בלעכענע כלים, אויסגעטרונקען אַ גלאָז טיי און זיך גענומען צו דער אַרבעט. דאָס געקלאַפעריי האָט דאַן אָנגעהויבן פאַרהילכן דאָס גאַנצע ווינקל אַרום זיין געוועלב.

ר׳ נחומס אַרבעטס־טאָג האָט זיך פאַרענדיקט ביי שקיעת־החמה. דעמאָלט איז ער אַוועק אין בית המדרש צו מנחה־מעריב. דאָרט האָט ער ווידער עוסק געווען אין קהלשע ענינים וואָס דאָבן ביי אים, כמעט שטענדיק, פאַרנומען דעם גאַנצן אָוונט.

אין דער חברה־תהלים

ר׳ נחום האָט שטאַרק אָפּגעהיט די חברה־תהלים ווו ער איז געווען גבאי. יעדן שבת פאַר טאָג איז אין בית־המדרש פול געווען מיט „עמך". מען האָט דאָרט געזאָגט תהלים בציבור. ווינטער איז די צאָל תהלים־זאָגערס געווען גאָר אַ גרויסע. יידן זענען געקומען זיך אָנוואַרעמען, און אויסזעצנדיק זיך אַרום די געהייצטע אויוונס, האָבן זיי געשמאַק געזאָגט תהלים.

ר׳ נחום האָט געזאָגט ביים עמוד די ערשטע קאַפּיטלעך. ער האָט אויך איינגעשטעלט דעם סדר פון די תהלים־זאָגערס ביים עמוד. דאָס תהלים־זאָגן האָט זיך פאַרצויגן ביז האַלב ניין אין דער פרי. דעמאָלט האָט די חברה תהלים זאָגערס פאַרלאָזט דאָס בית־המדרש, און, מיטן רבינס גאָסל, אַוועק צו מלך שוסטער וואָס האָט געוווינט אין גרויסן רבישן הויף. דאָרט האָט די חברה־תהלים געהאַט אַ שטיבל צום דאַווענען.

אורחים, שטאָטגייערס וואָס פלעגן זיך פאַרהאַלטן אויף שבת אין שטעטל, האָבן געוווסט, אַז עס איז כדאי זיך צו האַלטן ביי דער חברה־תהלים. נאָכן דאַווענען, זענען די אורחים פאַרטיילט געוואָרן אויף שבת.

שבת־צו־נאַכטס, נאָך הבדלה, פלעגן צו ר׳ נחומען אַריינפאַלן אַ פאָר „חברה־קדישא־לייט" אויף אַ שמועס. אָפט מאָל האָט מען אַרויפגענומען אויפן טיש דאָס קאַסע־בוך ווו עס זענען געוואָרן פאַרשריבן אַלע הכנסות און הוצאות פון דער חברה. מען האָט גערעכנט און גערעכנט, און צום סוף איז מען געקומען צום אויספיר, אַז די בוכהאַלטעריע ווערט געפירט על צד היותר טוב. מען האָט קיין מאָל נישט געהערט, אַז מען זאָל אין שטעטל רעדן שלעכט

וועגן דער „פינאַנץ־ווירטשאַפט" פון דער חברה־קדישא. די חברה־קדישא־לייט האָבן אויך צווישן זיך אַליין געלעבט בשלום, נישט געהאַט קיין סכסוכים.

על־פּי־רוב פלעגט אַזאַ צוזאַמענקונפט ביי ר' נחומען זיך פאַרענדיקן מיט אַ לייטישן טרונק בראָנפן און צובייס — שיריים פון שבתדיקע מאכלים...

ר' נחומס שטוב

ווען ר' נחום איז געקומען אין די פופציקער יאָרן, איז זיין ווייב, חנה, אַוועק פון דער וועלט. ר' נחום, אַ טאַטע פון דריי זין און צוויי טעכטער, האָט שפּעטער חתונה געהאַט צום צווייטן מאָל און ממשיך געווען זיין געזעלשאַפטלעכע אַרבעט, פּונקט ווי פריער.

ר' נחומס דריי זין: ישראל חיים, יחיאל און משה, זענען געווען געזונט געבויטע בחורים און אין זיי איז, פון דער היים אויס, געווען איינגעפלאַנצט ליבשאַפט צו אַרבעט, לויטן כלל „אהוב את המלאכה".

ווי אַ סך יוגנטלעכע אין פּאַריסאָוו, האָבן אויך ר' נחומס זין, נאָכן אויסדינען אין פּוילישן מיליטער, דערפילט, אַז די „וועלט" אין פּאַריסאָוו איז פאַר זיי צו ענג, און זיי האָבן אויסגעוואַנדערט פון שטעטל. אין יענער צייט, האָט אין פּוילן געבושעוועט דער אַנטיסעמיטיזם, און יידן האָבן אָנגעהויבן עמיגרירן. ר' נחום האָט גאָרנישט געהאַט קעגן דעם, אַז זיינע זין זאָלן אויפגיין קיין ארץ־ישראל.

אין יאָר 1923, האָט דער עלטסטער זון, ישראל חיים, זיך אַוועקגעלאָזט קיין ארץ־ישראל. דער מצב אין לאַנד איז געווען אַ שווערער. ישראל חיים האָט נישט אויסגעהאַלטן די נסיונות, און איז צוריקגעקומען קיין פּאַריסאָוו. אַנדערש איז געווען דער גורל פון יינגסטן זון, משה. ער איז געבליבן שטעקן פאַר די טויערן פון ארץ־ישראל. די בריטישע אַדמיניסטראַציע האָט אים נישט אַריינגעלאָזט אין לאַנד. משה האָט זיך פאַרהאַלטן אין סיריע און אין טערקיי מער פון אַ יאָר צייט, און געוואַרט אויף אַ גינציקער געלעגנהייט אַריבערצוגיין די גרענעץ. ער איז אָבער סוף־כל־סוף צוריקגעקומען אין זיין היים־שטעטל.

דער שרייבער פון די שורות האָט זיך געהאַט איינגעאָרדנט אין פּאַלעניץ. געהאַט אַ פרוי מיט צוויי קינדער, געוואָרן דאָרט אַן איינגעפּודעוועטער בעל־הבית און געווען באַשעפטיקט ווי אַ בלעכער ביי בוי־אַרבעט.

אין די דרייסיקער יאָרן האָט דער אַנטיסעמיטיזם באַהערשט אויך די ליניע וואַרשע־אָטוואָצק און אַריינגעדרונגען אפילו אין די רייען פון די פּשוטע אַרבעטער. אַ געוויסן טאָג, בעת איך האָב, צוזאַמען מיט מלך קעסטנבערג (ר' מאיר בלעכערס זון) געאַרבעט אין ראַדאָשטש, האָבן די פּוילישע מויערערס געדראָט, אַז אויב מיר וועלן אַרויף מיט דער בלעך אויפן דאַך, וועלן זיי אונדז אַראָפּוואַרפן. די דראָונגען זענען געקומען פון אַרבעטער מיט וועלכע די יידן

האָבן פון תמיד אָן גוט געלעבט (אין יענער צייט האָבן דאָס רוב פוילישע אַרבעטער געטראָגן ענדעקישע ברוינע מונדירן, באַפוצט מיט מעסערלעך אָנגעהאָנגענע אויף דעם ברוסטקאַסטן).

מען פאָרט קיין ארץ־ישראל

די לופט אין פוילן איז, פון טאָג צו טאָג, געוואָרן אַלץ מער פאַרגיפטעט און מ׳האָט כמעט נישט געקאָנט אַרויסגיין צו אַרבעט מחוץ פון יידישן תחום. אַ גרויסע גרופע יידישע פאַכלייט האָבן זיך צונויפגערעדט, אויסגעאַרבעט נייטיקע פאַפירן מיט סערטיפיקאַטן, און מען האָט זיך געגרייט עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל. העכער טויזנט מאַן האָט געציילט די גרופע יידן פון דער ליניע וואַרשע־אָטוואָצק וואָס האָט עולה געווען קיין ארץ־ישראל. זיי האָבן געטראָפן דאָס לאַנד אין שרעקלעכע אומרוען. אויך די עקאָנאָמישע לאַגע איז געווען אַ שווערע. מענטשן זענען זיך צעפאָרן. צווישן די פאַרבליבענע אין לאַנד זענען געווען ישראל גאָלדבערג און דער שרייבער פון די שורות.

דערציילן מיר מענטשן:

בעת דער דייטשער אָקופאַציע, האָט ר׳ נחום נאָך אַלץ אָנגעפירט מיט דער „אַרבעט״ פון דער חברה־קדישא. ביי יענע באַדינגונגען איז שווער געווען נאָכצוקומען די אַלע באַדערפענישן פון קבורת־המת, אָבער ר׳ נחום האָט זיך נישט איינגעבראָכן, האָט געדינט די יידן פון שטעטל ביזן סוף.

עדי־ראיה דערציילן אויך, אַז אינעם טראַגישן טאָג פון דער אויסזידלונג אין פאָריסאָוו, האָט ר׳ נחום געשפרייזט מיט טריט פון אַ געזונטן מענטש. ער האָט זיך נאָך באַמיט אונטערצוהאַלטן די געפייניקטע מיט אַ גוט וואָרט. אין יענער צייט איז ר׳ נחום שוין געווען אין עלטער פון 76 יאָר, און ער האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ ייד אין די פופציקער...

דריי פּאַריסאָווער וואַסער-טרעגערס

(דערציילט דורך מאיר פיינזין ז״ל)

פּאַריסאָוו האָט געהאַט צוויי צענטראַלע ברונעס פון וואַנען דאָס שטעטל האָט גענומען וואַסער. עס זענען, וואָס אַן אמת, געווען נאָך עטלעכע, אָבער יענע זענען געווען קליינע, און האָבן זיך געפונען אין די ווינקלען פון שטעטל. אַ חוץ דעם, איז דאָרט נישט געווען מיט וואָס אַרויפצוציען דאָס וואַסער.

די צוויי גרויסע ברונעס האָבן געהאַט קאַרבעס מיט קייטן מיט וועלכע מען האָט אַרויפגעצויגן דאָס וואַסער. ביי די דאָזיקע ברונעס איז שטענדיק געווען אַ ריי מיט מענטשן, און אַזוי ווי די וואַסער־טרעגערס האָבן נישט געהאַט קיין צייט איבערצוּוואַרטן די מענטשן, ווייל זיי האָבן דאָך געדאַרפט פאַרדינען אויף חיונה פון טראָגן וואַסער, האָבן זיי אַרויפגעצויגן דאָס וואַסער מיט שטריק. ווינטער, איז דאָס נעמען וואַסער פון די ברונעס געווען ביז גאָר שווער. ווען מ׳האָט אַרויפגעצויגן אַ קובעל וואַסער און אים איבערגעגאָסן אין צווייטן — מיט איין קובעל האָט דאָך נישט געלוינט צו גיין צו דער ברונע — האָט שטענדיק זיך פאַרגאָסן דערנעבן אַ ביסל וואַסער, און פון דעם איז גלייך געוואָרן אייז. צוליב דעם האָט מען אָפט מאָל נישט געקאָנט צוגיין צו דער ברונע, און איינער האָט דעם צווייטן געדאַרפט געבן די האַנט כדי נישט אויס־צוגליטשן זיך. ווינטערצייט פלעגט אויך שווער זיין אָנצובינדן דעם קובעל אין דער קייט פאַרן אַראָפּלאָזען אים אין דער ברונע, און ס׳איז אויך נישט גרינג געווען אויפצובינדן דעם קובעל, ווייל די קייט אַליין פלעגט זיין באַדעקט מיט שטיקער אייז. נישט איין מאָל פלעגט אַ קובעל זיך אָפּרייסן פון דער קייט, אַראָפּפאַלן צוריק אין וואַסער, און מ׳האָט געדאַרפט באַצאָלן פאַר אַרויסנעמען אים פון דאָרט.

עס איז דעריבער נישט שווער זיך פאָרצושטעלן אַז די פּרנסה פון די פּאַריסאָווער וואַסער־טרעגערס איז גאָר נישט געווען אַזאַ לייכטע.

אברהם וואַסער־טרעגער

אברהם איז געווען דער עלטסטער וואַסער־טרעגער אין שטעטל. ער איז געווען אַ שטילער, פרומער ייד. זיין פרוי איז געווען נאָך פרומער פון אים. זי האָט אויך געהאַט אַ שטאַרקע ידיעה אין די „דראַבנע אותיות״.

אברהם וואַסער־טרעגער האָט געוווינט אין אַ בוידעמשטיבל. און זיין ווייב האָט עס געהאַלטן זייער ריין. שבת, פלעגן שכנים, און אויך די באַלעבאָסטע פון הויז, אַרויפגיין צו אַברהמען טרינקען טיי. מ׳האָט געהאַלטן, אַז ביי אים איז די שבתדיקע טיי כשר לכל הדעות.

אברהם האָט געהאַט צוויי זין: חיים און ישראל, חיים איז געווען אַ בלינדער. ישראל האָט זיך געלערנט שוסטעריי. כאָטש עס איז זיי שווער געווען מיט פרנסה, האָבן אברהם און די ווייב אָנגעטאָן די קינדער זייער פיין, באַלעבאַטיש.

חיים איז געווען זייער אַ פאַרשטענדלעכער, האָט געהאַט אַ גוטן זכרון. ער האָט ליב געהאַט אַריינצוקומען אין פראָפעסיאָנעלן פאַראיין וואָס האָט זיך געפונען אין הויף ווו זיי האָבן געוווינט, צוהערן זיך צו אַ פאָרלעזונג, צו אַ רעפעראַט, אד״גל. ער האָט אויך שיין געזונגען, און געקאָנט שפילן פידל. זיין מאַמע האָט שטענדיק באַוויינט דעם ביטערן גורל פון איר שטאַרק געראָטן קינד. ווענדיק חיימען אַ ביסל גרינגער מאַכן די ליידן, האָט זי אים געקויפט עטלעכע הינדעלעך, און ער האָט זיך מיט זיי פאַרנומען, געגעבן זיי צו עסן, צו טרינקען, אאַז״וו. די עופות האָבן זיך צו אים אַזוי צוגעוווינט, אַז ווען חיים פלעגט זיי אַ רוף טאָן, פלעגן זיי קומען צו לויפן, און ממש אַרויפשפרינגען אויף אים.

חיים האָט שטאַרק ליב געהאַט זיינע עלטערן. ער האָט געוווּסט, אַז זיי גיבן זיך די מי אים גרינגער צו מאַכן אין זיין פינצטער לעבן.

אברהם איז למעשה געווען נישט בלויז אַ וואַסער־טרעגער. ער האָט אויך געטראָגן שווערע משאות: זעק מעל פאַר די בעקערס, און סתם געפעק, צי קעלבער, צו די פורן וואָס זענען געגאַנגען קיין וואַרשע. ער האָט אויך אָפגעלאָדנט משאות פון די וועגענער, ווען זיי זענען געקומען קיין פאָריסאָוו צוריק פון וואַרשע און פון אַנדערע ערטער.

אברהם האָט שווער געהאָרעוועט אויף פרנסה און ווייל עס האָט נישט געסטייעט, האָט זיין ווייב אים צוגעהאָלפן, לערנענדיק מיט מיידלעך.

אַ מעשה מיט אברהם וואַסער־טרעגער

איין מאָל, אין אַ מיטן העלן טאָג, האָט אין שטעטל זיך באַוויזן אַ פרעמדער ייד. ער איז געווען שיין אָנגעטאָן און האָט געהאַט אַ כוחרישן אויסזען. דער פרעמדער האָט אַרומגעשפּאַצירט איבער די גאַסן, ביז ער איז צו איינעם און זיך אַ פרעג געטאָן אויף ר׳ אברהם וואַסער־טרעגער. דער פאָריסאָווער האָט דעם פרעמדן גוט אָנגעקוקט, נישט פאַרשטאַנען וואָס אַזאַ שטייגער מענטש דאַרף אברהמען דעם וואַסער־טרעגער, און חוץ דעם, האָט אים געוווּנדערט וואָס ער רופט אים „ר׳ אברהם״. ער האָט געפּראָבירט געוויר צו ווערן ביי דעם פרעמדן ייד וואָס אַזוינס ער האָט צו אברהמען, אָבער יענער

האָט אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז דאָס איז זיינס אַ פּריוואַטע זאַך, און זיין איינציקער פאַרלאַנג איז נישט מער ווי צו וויסן וו ר׳ אברהם ווײנט.

ווען די נאַכט איז צוגעפאַלן איז דער פרעמדער ייד ארויף אין בוידעמ־שטיבל וו אברהם האָט געוווינט. ער האָט דאָרט געטראָפן דעם וואַסער־טרעגערס ווייב און זיך געפרעגט ביי איר אויף איר מאַן, ר׳ אברהמען. ווען זי האָט געהערט ווי אַזוי דער פרעמדער מאַן רופט איר אברהמען, איז זי כמעט ווי צומישט געוואָרן. זי האָט נאָך קיין מאָל נישט געהאַט געהערט, אַז עס זאָל עמעצער אַזוי רופן איר מאַן. זי האָט דעם פרעמדן געזאָגט, אַז איר מאַן איז נאָך נישטאָ פון דער אַרבעט, וויי׳ל ער האָט נאָך נישט געענדיקט טראָגן דאָס וואַסער אין די שטובן אַריין. דער פרעמדער איז שוין נישט אַראָפּ פון בוידעמ־שטיבל ביז אברהם איז אַריינגעקומען. נאָך דעם ווי אברהם האָט געגעבן שלום דעם גאַסט, האָט ער אַראָפּגעוואָרפן די אַרבעטס־בגדים, און עפּעס איבער־געביסן. ערשט דעמאָלט האָט ער געפרעגט דעם פרעמדן וואָס ער דאַרף צו אים. דער פרעמדער מענטש האָט זיך צעוויינט און זיך געוואַנדן צו אברהמען מיט די ווערטער: „הייליקער רבי, טייערער צדיק, בלויז איר קאָנט מיר העלפן, אַ משפט האָב איך, און עס דראָט מיר חלילה פאַרלירן צו גיין מיט דער פאַמיליע, בין איך צו אייך געקומען, רבי, צו אייך. ווייל איר קאָנט אויספועלן פאַר מיר אַ ישועה אין הימל״. אברהם האָט שיעור נישט אַוועקגעחלשט, איז געוואָרן בלייך ווי קאַלעך, און ערשט נאָך דעם ווי ער איז געקומען צו זיך, האָט ער זיך אָפּגערופן: „איר האָט אַ טעות, איך בין נישט קיין רבי, איר האָט פאַרבלאָנדזשעט, איך האָב קיין מאָל נישט געהאַט צו טאָן מיט קיין משפטים, איר דאַרפט גיין צו אַ רבין, און נישט צו אַ וואַסער־טרעגער״.

אָבער דער ייד, האָט, ווייזט אויס, געטראַכט, אַז אברהם וויל זיך פון אים אויסבאַהאַלטן, האָט ער אים דערציילט, אַז ער איז אַ גרויסער געשעפטס־מאַן פון שעדלעץ, גאָר רייך, און אַז אים שטייט פאַר אַ פּראָצעס צוליב וועלכן עס דראָט אים, און זיין פאַמיליע אַ גרויס געפאַר. צוליבן פחד פאַרן משפט האָט ער אויפגעהערט צו קאָנען שלאָפן. נאָר, אין איינער אַ נאַכט האָט זיך אים געחלומט אַ חלום אין וועלכן מ׳האָט אים געזאָגט, אַז ער זאָל אַראָפּפאָרן קיין פאַריסאָוו און אויפזוכן אַ ייד מיטן נאָמען אברהם וואַסער־טרעגער וועלכער איז פון די ל״ו צדיקים, און נעמען פון אים אַ ברכה, ווייל נאָר זיין ברכה קען אים ראַטעווען.

אַז דער פרעמדער ייד האָט געענדיקט דערציילן דעם חלום זיינעם, האָט ער גלייך צוגעגעבן: זאָלט איר וויסן זיין, הייליקער צדיק, אַז איך וועל פון דאַנען נישט אַוועקגיין, כל זמן איר וועט מיר נישט געבן אַ ברכה.

אברהם וואַסער־טרעגער, זעענדיק דעם ייד׳ס צער, האָט אים אָנגעוווּנטשן

אין פשוטע ווערטער, אַז ער זאָל געווינען דעם משפּט, און אַז קיינער זאָל אים נישט קענען טאָן קיין שלעכטס.

דער פרעמדער ייד איז אַוועק אַ צופרידענער. עס האָט נישט לאַנג געדויערט, און ער האָט צוויסן געטאָן אַברהמען, אַז ער האָט געוווּנען דעם משפּט. אין אַ בריוו צו אים האָט ער אויך פאַרגעלייגט מתנות פאַר די קינדער, אָבער אברהם האָט פון דעם נישט געוואָלט הערן.

אין שטעטל האָט מען דערנאָך לאַנג גערעדט וועגן דער מעשה מיט אברהמס ברכה, און מענטשן האָבן נישט איין מאָל זיך אויסגעדריקט: „ווער ווייס? און אפשר טאַקע אַ למד־וואָווניק"?

יאַנקל וואַסער־טרעגער

אברהמס אַ ברודער, יאַנקל, איז אויך געווען אַ וואַסער־טרעגער. יאָרן לאַנג האָט ער זיך געפילט אומגליקלעך צוליב דעם וואָס ער האָט נישט געהאַט קיין קינדער. מיט וועמען נאָר ער האָט זיך געטראָפן, האָט ער זיך געפלעגט באַקלאָגן און אויפווייזן ווי ווייט געשטראָפט ער איז מיט דעם וואָס ער האָט נישט קיין קינד.

אין די שפּעטערע יאָרן איז ביי יאַנקלען דעם וואַסער־טרעגער געבוירן געוואָרן אַ יינגעלע, און די שטוב האָט אויפגעלעבט, איז געוואָרן פול מיט פרייד און גליק.

ווי אַלע אַנדערע יידן פון שטעטל איז אויך די קליינע משפּחה פון יאַנקל וואַסער־טרעגער אומגעבראַכט געוואָרן דורך די דייטשן, צוזאַמען מיט דעם אַזוי אויסגעבעטענעם און אויסגעבענקטן קינד...

מאָטעלע וואַסער־טרעגער

מאָטעלע וואַסער־טרעגער האָט ליב געהאַט צו באַדינען בעיקר, דעם חסידישן קלאַס, דעם רב, די דאַזאָרעס, און זייערס גלייכן. מאָטעלע האָט געהאַט אַ טבע צו גלייבן אַלעמען און אין אַלץ וואָס מ׳האָט אים נאָר געזאָגט, אפילו ווען מענטשן האָבן אין זינען געהאַט בלויז צו שפּאַסן פון אים.

איין מאָל זענען אויף סוכות אָנגעקומען קיין פאָריסאָוו ווינציק גוטע אתרוגים. די עטלעכע שיינע אתרוגים זענען דערגאַנגען צום רב און צו אַנדערע שיינע יידן אין שטעטל. די נישט שיינע אתרוגים האָבן געקויפט די אָרעמערע, און אויך די וואָס האָבן אַרומגעטראָגן אין די שטיבער צו בענטשן.

מאָטעלע האָט געוואָלט בענטשן נאָר אויף אַ „הדר", איז ער אַוועק צום רב, און ביי אים געבענטשט אתרוג. ער איז אַרויס פון רבס שטוב אַ צופרידענער. ווען מענטשן האָבן זיך אָנגעטראָפן אויף מאָטעלען און אים געפרעגט וואָס עפּעס איז ער היינט אַזוי אויפגערוימט און צופרידן, האָט ער

זיי געענטפערט, אַז ער גייט פון רב ווו ער האָט געבענטשט מיטן רב׳ס אתרוג, פונקט ווי אַלע שיינע יידן.

„עס הייבט זיך נישט אָן! האָט איינער זיך צו אים אָנגערופן. דער רב האָט דיר געגעבן דעם אתרוג וואָס די ווייבער בענטשן אויף אים, והראיה, ער האָט שוין אַפילו נישט קיין פיטם״.

מאָטעלע האָט געגלייבט אין דעם וואָס מ׳האָט אים געזאָגט, און ער איז געוואָרן מלא כעס אויפן רב.

„אויב יאָ אַזוי, האָט ער שטייענדיק אין גאַס, אויסגערופן, וועל איך מיטן רב צוזאַמען מער נישט דאַווענען, אין איין מקווה זיך נישט טובלען, און איך וועל אים קיין מאָל נישט מוחל זיין״.

און כך הווה. אַז דער רב איז געקומען אין שול, און מאָטעלע האָט אים דערזען, האָט ער גלייך אויסגעטאָן טלית און תפילין, און איז אַנטלאָפן. אַזוי האָט ער זיך אויך געפירט אין מקווה: ווי נאָר מאָטעלע האָט דערזען דעם רב, האָט ער געכאַפּט זיינע בגדים, זיך אָנגעטאָן, און איז אַוועק.

מאָטעלע האָט לאַנג געפירט זיין שטילע מלחמה קעגן רב, ביז עס איז אויסגעבראָכן די ריכטיקע מלחמה און האָט חרוב געמאַכט אַלץ מיט אַלעמען, די גאַנצע קהילה, חשובע און פשוטע יידן, סוחרים און שניידערס, שוסטערס און וואַסער־טרעגערס.

צבי קאַפּאָטאַ / ישראל

טיפּן און געשטאַלטן

דוד פשאַנקעוויטש — „דער שוואַרצער דוד״

„דער שוואַרצער דוד״ — אַזוי האָט מען אים גערופן — איז געווען אַ שוסטער־אַרבעטער. ער האָט געמאַכט שטיוול. דוד האָט אַרויסגענומען צו זיך אַהיים אַרבעט פון אברהם פרץ קופּערבאַנד, און אויך פון אַנדערע. זומער האָט ער געאַרבעט סאַנדאַלן ביים שרייבער פון די שורות. ווען דער זומער־סעזאָן האָט זיך געענדיקט, האָט ער געדונגען אַ סאַד ביי אַ פּויער פאַר עטלעכע הונדערט זלאָטעס. דוד האָט קיין מאָל נישט געהאַט דאָס גאַנצע געלט וואָס ער האָט געדאַרפט פאַרן סאַד, האָט ער געמוזט אויסבאָרגן זיך געלט ביי באַקאַנטע. זיצנדיק אין סאַד — ביז ראש־השנה — האָט ער אויך געטאָן אין זיין שוסטערשע אַרבעט. דוד איז געקומען אַהיים מיט אַ ביסל ווינטער־אויבס וואָס ער האָט

אַרויפגעלייגט אויפן בוידעם, אין שטרוי, כדי עס זאָל נישט געפרוירן ווערן בעת די קעלטן.

דוד איז געווען אַן ערלעכער, תמימותדיקער אַרבעטער. ער פלעגט גיין דאַווענען אין בית־המדרש אַריין, און אין דער זעלבער צייט, איז ער אויך געווען אַ מיטגליד אין דער פאַרוואַלטונג פון לינקן פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין.

אין יאָר 1933, ווען עס איז אויפגעקומען די טראָצקיסטישע אָפּאָזיציע, איז דוד געווען אַן אָפּאָזיציאָנער. אים איז נישט אַזוי געגאַנגען אין די אידיאָלאָגישע שטרייטן צווישן די סטאַליניסטן און די טראָצקיסטן. אים האָט געאַרט, הלמאי די סטאַליניסטן פאַרגעטערן סטאַלינען, און נאָך מער, ער האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין פאַרוואָס זיי מאַכן פון די דורכפירערס פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע — קאָנטררעוואָלוציאָנערן. דוד האָט אויך נישט געקאָנט פאַרשטיין פאַרוואָס אַ מיטגליד פון דער פּאַרטיי דאַרף זיין אַזוי באַגרענעצט אין אַרויסזאָגן זיין אייגענע מיינונג, און מוז נאָך דערצו אויספירן בלינד יעדן באַפעל פון סטאַלינען.

איך געדענק, אַז מען האָט איין מאָל געלייענט אַ פראַגמענט וועגן סטאַלינען אין וועלכן עס האָט זיך געזאָגט, אַז ער איז העכער פון אַלע הימלען און טיפער פון אַלע ימען. דער אימפולסיווער דוד האָט אויפן אָרט אויסגערופן: „אויב אַזוי, וואָלט שוין געווען צייט, אַז ער זאָל זיך געפינען טיפער פון אַלע ימען". לציס אין שטעטל האָבן אים דערפאַר אַ נאָמען געגעבן „שטורמיסט".

דוד האָט טאָקע שטורמיש געקעמפט פאַר דער זאַך וואָס ער האָט געהאַלטן פאַר ריכטיק.

„דער שוואַרצער דוד" איז געווען באַליבט אין אַלע קרייזן, ביי רעליגיעזע, ווי ביי פּראָגרעסיווע. זיינע ברענענדיקע, שוואַרצע אויגן, האָבן געקוקט מיט פאַרווּנדערונג, ווען מען האָט אים דערציילט צו וואָס היטלער איז אַלץ פעיק און וואָס ס'איז זיין פּראָגראַם לגבי די יידן. ער האָט פשוט נישט געגלייבט דערין, נישט געקאָנט עס משיג זיין.

— — — ביז עס זענען אַריין קיין פּאָריסאָוו די היטלעריסטישע מערדערס, און האָבן ממשותדיק באַוויזן וואָס עס זענען זייערע מעשים. צווישן דער עדה אומגעבראַכטע פּאָריסאָווער יידן, האָט זיך אויך געפונען דער באַליבטער דוד פשאָנקעוויטש — „דער שוואַרצער דוד".

אַ פשוטער מענטש געווען — אַן ערלעכער מענטש געווען.

זאָלן מיר אים דערמאָנען צוזאַמען מיט אַנדערע אומגעקומענע ברידער.

אשר בער דער בעדער

אשר בער וואָס האָט געהאַט די אויפזיכט איבער דער מקווה, איז שטענדיק אַרומגעגאַנגען און האָט געהוסט. ער האָט תמיד געטראָגן מיט זיך

אַ בייטעלע מיט טרינקסאַדע. אַז מ'האָט אים געפרעגט הלמאַי ער נוצט אַזוי פיל טרינקסאַדע, האָט ער געענטפערט: „עס ברענט מיך אויפן האַרצן".

איין מאָל אין חודש פלעגט אשר בער צוגרייטן אַ פאַרע־באָד. גאַנץ קהל פלעגט קומען אין באָד אַריין זיך אויספאַרען. איינער האָט דעם אַנדערן געריבן, און געשמיסן מיט בעזעמלעך. אין באָד איז דעמאָלט געווען כמעט טונקל פון דער פאַרע, אָבער מענטשן האָבן געהאַט אַ הנאה; צוגעשוויצט, אונטער־געקרעכצט, און זיך מחיה געווען...

אשר בער האָט אויך יעדן פרייטיק גערופן די יידן אין שול אַריין. זיין ווייב, די בעדערקע, האָט אים צוגעהאָלפן אין דער פרנסה. זי פלעגט אַרויסגיין אויפן דאָרף עפעס איינהאַנדלען, און זייער שטוב האָבן זיך אויסגעהאָדעוועט זעקס קינדער: ישראל, יחיאל, וועלוול, מאיר שלום, שלמה און חנה זלאַטע (זי לעבט אין ישראל).

מאיר שלום באַראַווסקי

איינער פון אשר בער באַראַווסקיס זין. יונגערהייט האָט ער זיך צוגעכאַפּט צום לערנען און אַריינגעאַרבעט געשמאַק אין אַ בלעטל גמרא. געווען אַ קלוגער און שאַרפזיניקער בחור. ער האָט זיך געמישט אין געזעלשאַפטלעכע ענינים, אָבער נישט אַרויסגעוויזן קיין שום פּאָליטישע טעטיקייט. איז אינטערעסאַנט דער פאַקט, אַז ווען מען האָט אין פּוילן דערמאָרדעט דעם אינערן־מיניסטער פּיעראַצקי, און ביי אונדז אין שטעטל זענען אַרעסטירט געוואָרן דריי יידישע בחורים, איז מאיר שלום געווען צווישן זיי. דריי וואָכן איז ער געזעסן אַרעסטירט אין גאַרוואָלין און — באַפרייט געוואָרן. ביז היינט איז מיר נישט קלאָר וואָסער שייכות מאיר שלום האָט געהאַט מיט פּיעראַצקיס מאָרד, און פאַר וואָס מען האָט אים אַרעסטירט. אָבער דאָס אַרעסטירן אים האָט געבראַכט דערצו, אַז מאיר שלום האָט טאַקע אָנגעהויבן קומען אין די לינקע קרייזן, און זיך אינטערעסירט מיט אַקטועלע פּאָליטישע און סאָציאַלע פּראָבלעמען.

מאיר שלום באַראַווסקי האָט חתונה געהאַט מיט פייגע לאַטאַוויצקי. אין יאָר 1935, האָבן מיר געהאַט שותפות אַ סאַנדאַלן־פאַבריקל אין פאַריסאָוו. שפּעטער האָט ער אויך איבערגענומען די באָד. נאָך דעם ווי מיר האָבן זיך אָפּגעטיילט, האָט מאיר שלום געעפנט אַ שפּייזגעוועלבל אויף דער קאָזלאָווער גאַס.

מאיר שלום איז אומגעקומען מיט זיין פאַמיליע.

בנימין גוטריימאַן — בנימין סערקעס

בנימין האָט געשטאַמט פון אַ קצבישער משפחה. ער האָט אָבער נישט געוואָלט בלייבן ביי דער דאָזיקער פרנסה, און איז געוואָרן אַ שטעפּער. בנימין איז געווען זייער אַ שיינער בחור, נאָר אַ האַרץ ליידנדיקער. ער האָט חתונה

געהאַט מיט רויזע בערטשעס. כאָטש ער איז געווען קראַנק, האָט ער געפירט אַן אייגענעם וואַרשטאַט, און שפּעטער אפילו געפירט אַ סאַנדאַלן־פאַבריק.

בנימין האָט געהאַט אַ זון און אַ טאָכטער, און געפירט אַ שטיל, באַשיידן לעבן.

ער און זיין גאַנצע פאַמיליע זענען אומגעבראַכט געוואָרן דורך די היטלער־מערדערס.

מרדכי דוד גוטריימאַן, דער בהמה־הענדלער

אַ פּאָריסאָווער חסיד, אַ ייד אַ תקיף. געהאַט פיר זין און טעכטער. געווען אַ בעל־פרנסה. איינער פון די זין, שמואל עליע, איז געווען אַן אינטעליגענטער בחור. ער האָט חתונה געהאַט מיט אברהם פּרצס אַ טאָכטער. געווען אַ קאָמאַשן־מאַכער. שמואל עליע האָט סימפּאַטיזירט מיט דער לינקער באַוועגונג, כאָטש ער איז נישט געווען אַקטיוו. די אַנדערע ברידער זענען געווען סוחרים. די גאַנצע משפחה איז אומגעקומען, אַ חוץ איין טאָכטער, וועלכע לעבט אין אַמעריקע.

משה לעווין — „דער בלינדער משה"

משה לעווין איז געווען בלינד אויף איין אויג. צוזאַמען מיט ביידע זין האָט ער געפירט זיין קאָמאַשן־וואַרשטאַט, ווו זיי האָבן געאַרבעט פון באַגינען ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין. אויך זיין ווייב, גיטל, האָט געהאָלפן אין דער פרנסה: זי איז גאַנצע טעג אַרומגעגאַנגען איבער דערפער, צי אויף ירידים, און האָט געהאַנדלט מיט שפּיצן.

די גאַנצע פאַמיליע איז אומגעקומען.

אברהם קאָוואַל (גאָלדשטיין)

אברהמס הייזקע איז געווען די ערשטע אויף דער גאַרוואָלינער גאַס. נאָך פאַר דער הייזקע איז געשטאַנען זיין בודקע ווו ער האָט געאַרבעט, געקאָוועט פערד, פאַרראָכטן וועגענער, אד"גל.

אברהם איז געווען אַן ערלעכער, שטילער מענטש. יעדן באַגינען איז ער געגאַנגען דאַווענען מיטן ערשטן מנין. געהאַט ניין קינדער: זין און טעכטער. צוויי פון זיינע זין — בערטשע און בנימין, האָבן זיך אויסגעלערנט דעם טאַטנס מלאָכה. ווען יידן אין שטעטל האָבן געפּלאַנט אַראָפּצובריינגען צוויי משא־אויטאָס קיין פּאָריסאָוו, האָבן בערטשע און בנימין זיך אויסגעלערנט שאָפערייַ. זיי זענען בכלל געווען די ערשטע שאָפערס אין שטעטל. די יידישע יוגנט אין פּאָריסאָוו האָט אויף זיי געקוקט, ווי אויף מענטשן וועלכע האָבן דערגרייכט אַ הויכן שטאַנד אין לעבן...

בערטשע און בנימין זענען געווען געזונטע, גוטהאַרציקע בחורים. אַז מען האָט געדאַרפט אַ מאָל אַריבערפירן אַ קראַנקן קיין וואַרשע, האָבן זיי עס גערנוויליק געטאָן, אפילו אַן געלט.

איין מאָל, שבת אין דער פרי, איז שאול חנה בריינעס פלוצלינג קראַנק געוואָרן. די פאַריסאָווער דאָקטערשע האָט געזאָגט, אַז מען מוז אים גלייך פירן קיין וואַרשע. נאָך דעם ווי די צוויי ברידער האָבן אַרויסבאַקומען פון רב אַ היתר, האָבן זיי אים געפירט קיין וואַרשע.

אין צייט פון קריג, זענען בערטשע און בנימין שוין געווען חתונה געהאַט. זיי זענען אומגעקומען צוזאַמען מיט זייערע פאַמיליעס.

גאָלדע די אויבס־הענדלערקע

צווישן די פאַריסאָווער אויבס־הענדלערקעס האָט גאָלדע צום מיינסטן זיך אַרויסגעזען. זי איז געווען די דיקסטע צווישן אַלע אירע חברטאָרינס — אויבס־הענדלערקעס. אַרום איר זענען געשטאַנען פולע קוישן מיט אויבס, און לעבן איר — די וואָגשאָל: צוויי געלעכערטע, בלעכענע טעלערס, צוגעבונדן מיט שטריקלעך צו אייזערנע שטענגלעך, מיט אַ צינגל פון אַן אַלט, צעבראָכענער וואָגשאָל. ווי געוויכטער האָבן געדינט „אויסגעוויגענע״ שטיינער. קיינער האָט נישט געצווייפלט אין דער ריכטיקייט פון גאָלדעס וואָג, פונקט ווי מען האָט נישט געספקט אין דער ריכטיקייט פון די וואָגן פון אַנדערע, אויבס־הענדלערקעס אין שטעטל.

גאָלדע האָט געוווינט זייער אָרעם. לעבן די אויסגעשלאָגענע פענצטער־שויבן וואָס זענען געווען פאַרקלעפּט מיט פאַפּירן, איז געשטאַנען אַ טיש, צוזאַמענגעשטעלט פון אַ קאַסטן און איבערגעדעקט מיט אַ טישטעכל. אין ווינקל, אַנטקעגן דעם טישל, זענען געשטאַנען צוויי אַלטע בעטן.

אין דער אָ אָרעמקייט זענען ביי גאָלדען אויסגעוואַקסן דריי זין, נאָטע, אברהם און משה. דער לעצטער איז געווען אַ שוסטער.

הערש יצחק גוטפריינד

הערש יצחק איז געווען אַ קאָלאָביעלער חסיד. געוווינט אויף דער קאָזלאָווער גאַס. געהאַט אַ בעקעריי, און אַ שפּייזגעוועלבל. געאַרבעט שווער און ביטער. ביינאַכט — אין דער בעקעריי, און בייטאָג — אין געוועלבל. זייער אַן אָרנטלעכער מענטש. אַ ייד אַ שתקן. קיין מאָל זיך נישט באַקלאָגט אויף זיין מצב. מענטשן האָבן געהאַט פאַר אים דרך־ארץ. ער איז געווען אַ יודע־ספר, נישט פאַרמיטן קיין טאָג צו לערנען אַ בלאַט גמרא.

הערש יצחק האָט געהאַט פינף טעכטער און צוויי זין. איינער, יוסף, האָט געהאַט אַ גוטן קאָפּ, און דער טאַטע האָט אים אַוועקגעשיקט קיין וואַרשע,

אין אַ ישיבה אַריין. ער האָט דאָרט געלערנט אויף טוואָרדע 4) גאַנצע פיר יאָר. דער שווער אַרבעטנדיקער הערש יצחק האָט אַלץ געטאָן, אַז זיין יוסף זאָל קאָנען זיצן און לערנען (ער איז טאַקע אויסגעוואַקסן אַ חסידישער יונגער־מאַן). דער צווייטער זון, אליי האָט געהאַט אַ סך מלאכות און ווייניק ברכות. זייענדיק אַ מיטגליד אין פראָפעסיאָנעלן פאַראיין, איז אים געלונגען זיך אַריינצובאַקומען אין אַ שטעפער־קאָאָפּעראַטיוו. שפּעטער, אויסלערנענדיק זיך דאָס פאַך, האָט ער אָנעהויבן אַרבעטן פאַר זיך.

אליי האָט געהאַט אַ פרוי (די טאָכטער פון נחמן שייעס) און דריי זין. זיי האָבן געלעבט אין גרויס דחקות, געוווינט אין איין צימערל, ווו עס האָט זיך אויך געפונען דער וואַרשטאַט.

פון הערש יצחקס שטוב האָבן זיך געראַטעוועט בלויז צוויי טעכטער וועלכע לעבן אין ישראל. איינע, פערל, איז געווען מיט איר מאַן אין רוסלאַנד. נאָך דער מלחמה, זענען זיי געווען אין שטוטגאַרט (דייטשלאַנד). פערלס מאַן האָט דאָרט באַקומען אַ האַרץ־אַטאַק און איז געשטאָרבן. אין יאָר 1969 איז פערל געשטאָרבן אין ישראל. די צווייטע טאָכטער, צפורה גאָלדמאַן, וווינט אין חולון. זי האָט שוין חתונה געמאַכט קינדער, און פירט אַ שיין פאַמיליע־לעבן.

שלמה בעל־עגלה

ניין יאָר בין איך אַלט געווען ווען איך בין געקומען צו פאָרן קיין פאָריסאָוו, אויף שבועות, צו מיין זיידן ע"ה. איך בין אָנגעקומען מיט דער באַן קיין פּילאַווע, און פון דאָרט, געדאַרפט פאָרן, מיטן זאַמדיקן וועג, אין שטעטל אַריין.

ווען די מענטשן זענען אַראָפּ פון צוג, זענען שוין געשטאַנען די יידישע בעל־עגלות מיט זייערע בריטשקעס, און האָבן געריסן „לעבעדיקע שטיקער" פון יעדן איינעם וועלכער האָט געוואָלט פאָרן קיין פאָריסאָוו. מיר זענען געפאָרן מיט שלמה „וויעטראַטשניק" (ער האָט געהאַט דעם צונאָמען צוליבן פאָטער וועלכער האָט געהאַט אַ ווינטמיל).

שלמה איז געווען אַ מיטלוואוקסיקער ייד, געהאַט אַ געל בערדל, געווען אָנגעטאָן אין אַ לאַנגער, פאַרפלעקטער קאַפּאָטע, געטראָגן אַ פאָר שוואַרצע יוכטענע שטיוול אויף די פיס, און אויפן קאָפּ — אַ קליין, אָפּגעבליאַקעוועט היטעלע. דער בויך זיינער איז שטענדיק געווען אַרומגענומען מיט אַ שטריק.

שלמה בעל־עגלה האָט שווער געהאָרעוועט, געפלעגט אויפשטיין נאָך האַלבער נאַכט און פירן פאַסאַזשירן צו דער באַן.

פון אמתער מנוחה האָט שלמה געוווּסט נאָר אין שבת. פרייטיק, ווי נאָר ער איז געקומען פון דער באַן, איז ער גלייך אַוועק אין מקווה. צוריקקומענדיק, האָט ער אָנגעטאָן זיין שבתדיקע, טוכענע קאַפּאָטע, און זי אַרומגענומען מיט אַ גאַרטל. אַ סברה, אַז די אָ גאַרטל און דאָס שבתדיקע היטל זיינס — עטוואָס

העכער און ברייטער פון דעם וואָכעדיקן — האָט שלמה נאָך געהאָט פון דער חתונה זיינער. קיין צוויי פאָר שטיוול האָט שלמה נישט פאַרמאָגט, האָט ער אויסגעשמירט די וואָכעדיקע מיט טראָן, זיי זאָלן ווערן אַ ביסל גלאַנציקער און ווייכער. ווען זיין ווייב האָט געצונדן ליכט, האָט שלמה צוגעגרייט דאָס קליינע נאַפּטלעמפּל און געלייגט אַכט אַז דער פלאָם זאָל נישט זיין צו גרויס, עס זאָל נישט אויסנוצן אַ סך נאַפּט...

אין שול, האָט שלמה זיך געזעצט ביים טיש וואָס איז געשטאַנען ביי דער טיר און געדאַוונט שטיל. ער איז געווען פון די ערשטע אַהיימגייערס. נישט דערפאַר ווייל ער האָט זיך געאיילט, נאָר ווייל ער איז געווען מיד און צעבראָכן. דער שבת האָט אים געגעבן כוח אויף אַ גאַנצע וואָך, האָט ער גערוט וויפל עס איז נאָר געווען מעגלעך.

אהרן זיגלמן

ה„שמשים" בעיירה ומשפחותיהם

אנו, ילידי ראשית המאה הנוכחית, זוכרים שני שמשים בעבודתם בקודש: את ר' יענקל בורובסקי ואת ר' הירשל רבינוביץ' („פאַטענע"). את ר' יענקל אנו זוכרים בערוב ימיו, זקנו לבן, שערות שיבה מעטרות ראשו, אך הוא עדיין מתהלך בביטחה, זקוף־קומה, בעל פנים רעננים ולחיים אדומות, וכשהוא מדבר, הריהו מתבל דבריו בהלצה. המקל אמנם לא נשמט מידו והוא ליווהו בכל אשר ילך.

הנני חוזר בהרהורי לימים ההם ואני רואה את ר' יענקל כשהוא צועד לו, בכל יום ששי, לפני שקיעת החמה, בצעדים מדודים ובטוחים ברחובות העיירה, חוצה את הככר הגדולה, מגיע לבתים המערביים שלה, ומכריז „אין שול אַריין" („לבית־הכנסת"). קריאה זו היתה משמשת אות לנשים יהודיות שהגיע הזמן להדליק נרות של שבת קודש.

תפקידיהם של ה„שמשים" ומקור ההכנסה שלהם

על שני השמשים הנ"ל היתה מוטלת האחריות להחזקת בית הכנסת, בית־המדרש, המקווה ובית המרחץ. הם שירתו גם את הציבור בעת שמחות, ליוו את הרב בביקוריו במוסדות בעיירה, וכן בעת סידור חופה וקידושין, ברית־מילה, וכו'.

הירשל השמש היה במיוחד אחראי למקווה ולבית־המרחץ והיתה לו הכנסה מהחזקתם, ואילו לר' יענקל היתה הכנסה נוספת ממכירת שמרים. לחנות יהודית

בעיירה היה אסור למכור שמרים. המכירה הבלעדית היתה בידי שרה אשת ר׳ יענקל השמש.

לשני השמשים היתה גם הכנסה מחתונות שנערכו בעיירה, מלבד התשלום שהיו מקבלים מהמחותנים תמורת הגשת המנות לאורחים.

גם מקומו של החזן לא היה נפקד בכל שמחה שנתקיימה בבית יהודי בעיירה והאורחים היו משלמים לשמשים ולחזן בעד שרותם, אחד המרבה ואחד הממעיט.

* *
*

בערב שבת, בשעות של אחרי הצהריים, היו השמשים, יחד עם בניהם, מכינים את בית־המדרש לקראת שבת. הם היו משפשפים ומנקים את פמוטי הנחושת הענקיים שהיו תלויים בתקרה, שמים בהם נרות, ממלאים את המנורות הגדולות בנפט, מצחצחים את הזכוכיות, מטאטאים את הרצפה הענקית ושמים מפות לבנות על השולחנות הארוכים והכבדים, ובחורף — מסיקים את שני התנורים הגדולים.

אנו, הזאטוטים, בהיותנו בימי ששי אחר־הצהריים פנויים מלימודים ב„חדר", היינו מתגנבים בחשאי לבית־המדרש כדי לחזות בעבודתם של השמשים.

הירשל רבינוביץ׳

הירשל השמש היה טיפוס מעניין: שנון, חריף ובעל זכרון פנומנלי. הוא היה יוצא ונכנס במשרד („הקנצלריה") הגמינה המקומית וידע את כל הכרכים העבים בהם היתה רשומה האוכלוסיה הכללית ובפרט — היהודית. כאשר מזכירה של הגמינה היה מתקשה למצוא, באחד הכרכים, את שמו של תושב יהודי, היה מזמין אליו את הירשל והלה, אף־על־פי שלא ידע קרוא וכתוב בשפת המדינה, היה פותח את הכרך, ולפי הזכרון, היה מוצא את הדף עם הרישום של האיש שהיו מחפשים.

תושב העיירה אשר רצה להוציא בגמינה תעודת לידה או פטירה, פנה להירשל והוא סידר הכל, הביא למזמין את התעודה הדרושה.

באחד הימים עזב הירשל את השמשות, מבלי שיעבירנה לבנו. היא נמסרה לגרשון הזגג, תושב העיירה.

ר׳ יענקל בורובסקי ובניו

ר׳ יענקל השמש החזיק במשרתו עד יום מותו, בשנת תרע"ג. הוא הלך לעולמו שבע ימים ושבע עמל. בחייו הצליח להשיא את בתו היחידה והצעירה בילדיו, אסתר גרינה, לתלמיד חכם צעיר, חסיד גור מעיירה אושצק, ושמו חיים שמחה. תקופה קצרה בלבד היה הזוג סמוך על שולחן הזקנים ולאחר מכן עברו

השניים לאוטבוצק שם רכשו להם חנות. חיים שמחה המשיך ללמוד תורה ולנסוע לרבי מגור. רק בעונה „בוערת", בחודשי הקיץ, כשאוטבוצק התמלאה נופשים מעיר הבירה וממקומות אחרים, היה חיים שמחה עומד בחנות ועוזר לאשתו לשרת את הלקוחות המרובים. ביום בהיר אחד החליט הזוג, שהיה חשוך בנים, לחסל את העסק ולעלות לארץ־ישראל.

* *
*

משפחת ר' יענקל השמש היתה יוצאת דופן בשל השוני באופיים של כל אחד מבניה. כל בן היה עולם בפני עצמו. מאידך היו כולם זקופי־קומה ופיקחים כאביהם. הבת דמתה לאמה ואת פיקחותה ירשה משניהם.

הבן הבכור אָשר בר היה כל ימי חייו תושב העיירה. בצעירותו התחנך אצל הרבי מקלושין, רבי מאיר שלום זצ"ל, וזמן מה אף היה משמשו. לאחר חתונתו בנה את ביתו בפוריסוב. א.ב. למד לאפות כעכים ולביבות מקמח כוסמת וההצלחה האירה לו פנים, התפרנס כהוגן. בבוקר השכם היו עקרות־הבית או בנותיהן עומדות בתור אצלו כדי לקבל כעכים חמים ישר מן התנור. ברם, כאשר פרצה מלחמת העולם הראשונה והיה מחסור בקמח, פסקה האפיה של כעכים ולביבות. האנשים נאלצו לוותר על המותרות ופרנסתו של א.ב. נתקפחה.

(לאשר בר היו חמשה בנים ובת יחידה חנה זלאטה. רצה הגורל וכפי שמכל ילדיו של ר' יענקל נשארה בחיים רק הבת היחידה שלו אסתר גרינה החיה בארץ, כן הינה חנה זלאטה היחידה שנותרה אחרי השואה מכל צאצאיו של אשר בר).

עם פטירתו של ר' יענקל עברה השמשות לבנו בכורו אשר בר. במרוצת הזמן היה לשמש היחיד בעיירה. הוא קיבל לידיו את המקווה ובית המרחץ ועבר לגור בדירה שמקומה היה בבנין המקווה.

א.ב. ידע להתהלך עם הציבור, אהב לספר הלצה וכולם הוקירוהו. הוא נפטר בטרם עת, ממחלה שחלה בה ולא קם עוד ממיטתו. יחיאל בנו קיבל בירושה את השמשות ודאג לקיום המשפחה. היה השמש הצעיר שהעיירה הכירה מעודה והחזיק בה עד לשואה האיומה.

יהושע היה הבן השני של ר' יענקל. הוא בחר במקצוע יהודי מובהק — כובענות והצליח להוציא פרנסה. לאחר נישואיו התיישב בגרוולין הסמוכה והקים משפחה.

אברהם יוסף היה הבן השלישי בבית ר' יענקל השמש. קראו לו „אברהמצ'ה". היה פעיל בימי מהפכת 1905. כאשר הרגיש שהאדמה בוערת תחתיו, היגר לארגנטינה. בארץ זו צבר א. הון רב. לפתע החליט לחזור לפולין. לא. ולאשתו לא היו ילדים. בשובם מארגנטינה רכשו להם בית גדול בוורשה ווילה יפה בפלוניץ. התפרנסו בכבוד וחיו חיי שלווה.

בימים הראשונים לכיבוש וורשה ע״י הנאצים, הוציאו הגרמנים את אברהמצ׳ה ואת אשתו מביתם וירו בהם למוות מבלי שאיש ידע את הסיבה לכך. לא ידוע היכן נמצא קברם.

בנו הרביעי של ר׳ יענקל השמש, ראובן, היה אילם. כאחיו, היה פיקח מאוד וזריז. כשאביו היה עוד בחיים, עזר לו בעבודתו. ראובן למד למלא סיגריות — דבר שהיה מקובל בימים ההם — בטבק, ארז אותן בחבילות בנות 5, 10 ו־20 חתיכות, ומכרן ברחוב ובבית המדרש. התפרנס מזה ואף עזר לאמו האלמנה. הוא מת בטרם עת.

חיים שמחה, הבן החמישי, התבלט במבנהו האטלטי ובהעזותו. היה גברתן. כאחיו, אברהמצ׳ה, היה אף הוא מעורב בפעולות שהיו קשורות במהפכת 1905. בעקבות זאת עזב לזמן־מה את העיירה ושהה בוורשה עד ששקטו הרוחות. בדרך כלל אהב חיים שמחה להיות בכל מקום שיש בו משום סכנה. הגויים בעיירה ידעו כי יש לפחד ממנו ועל כן נמנעו מלהתחיל בריב עם יהודים. חיים שמחה לא סבל קטטות בקרב יהודים עצמם. כל אימת שפרץ איזה ריב־אחים, הרגיעה הופעתו את הנצים. ביומא דשוקא בעיירה, הסתובב ח.ש. בראש מורם ואם איזה גוי שיכור התפרע בבית־מרזח יהודי, הוציאו ח.ש. משם בכוח. כאמור, הטיל ח.ש. את חיתתו על כל הגויים בסביבה והיהודים סמכו עליו, כי מטיבו היה בעל מזג טוב והשתדל לעזור לזולת, לנזקק, ובמיוחד לזה שנעשה לו עוול.

ח.ש. אהב לספר על הרפתקאותיו משנת 1920, עת שברח עם הבולשביקים לרוסיה. בהגיעו עמם עד לחזית של הגנרל וורנגל, אמר לו הממונה עליו, גנרל בצבא האדום: חיים שמחה, אין לך מה לעשות כאן, חזור הביתה. דרך אסטוניה חזר לפולין, ובבואו, לעת ערב של יום קיץ אחד, לעיירה, נכנס ישר לאחיו אשר בר כדי להיוועץ בו מה לעשות, כי ידע ששלטונות פולין יעמידוהו למשפט. מאחיו שמע כי מחפשים אחריו. למחרת, כאשר היה בדרך למספרה, עצרוהו והושיבוהו בבית־המעצר המקומי. לאחר מכן העבירוהו לבית הסוהר המחוזי. במשפט שנערך בשדלץ, נידון, הודות לעדויות טובות של מכרים לא־יהודים, לששה חודשי מאסר בלבד.

לחיים שמחה ולאשתו פייגה מבית גוטריימן היו ששה ילדים: ארבעה בנים ושתי בנות (חיה, שלמה, יחיאל, אסתר, משה ויענקל). בתם הבכירה חיה, התחתנה עם מאיר אקרמן, בנו של משה חיים אקרמן — בעל עסק לעורות לתעשיית נעליים וסנדלים לייצוא.

בתקופת הנאצים נספו רוב בני־המשפחה. חיים שמחה עצמו נורה בידי הגרמנים, בפלניץ, עיר מגוריו. נותרו בחיים שני בניו: שלמה (חי עם משפחתו בארץ) ויחיאל (בארה״ב) ושני נכדים, בניהם של חיה בתו, שהגיעו במלחמת העולם השניה ארצה במסגרת העליה של ילדי טהרן. הם היו במוסדות ילדים של

„המזרחי" והשתרשו בארץ, התחתנו והקימו משפחות. אביהם הגיע אחריהם ארצה, היגר לאמריקה ונפטר בנכר.

משהל, הבן הששי של ר' יענקל השמש, היה המשכיל במשפחה. אחרי החתונה שלו התיישב בעיירה סמוכה לוורשה־אוקינוב. היה פעיל ב„הפועל המזרחי". משהל היה יפה־תואר, אהב להתלבש כיאות, טיפח את זקנו והקפיד מאוד על נקיון בגדיו. בעל נימוסין היה וכל הליכתו אמרה כבוד. בכלל נראה משהל כמי שאינו שייך לסביבה בה גדל והתחנך.

ממשפחתו נשאר בחיים רק בנו דוד, חניך „גורדוניה". דוד ניצל בימי המלחמה ע"י קפיצה מהרכבת שהובילתו למשרפה. הצטרף לפרטיזנים ונלחם במשמידי־עמו. מיד אחרי קום המדינה עלה ארצה עם אשתו אסתר. עתה משרת בנו בצבא הגנה לישראל.

אסתר גרינה ובעלה חיים שמחה

אסתר גרינה, הצעירה בצאצאיו של ר' יענקל השמש ובעלה חיים שמחה, עזבו, כאמור כבר לעיל, את פולין ועלו ארצה ישראל. כשרעיון העליה עלה במוחו, הסתירו חיים שמחה תחילה אף מפני אשתו, בפחדו שלא תסכים לכך. אחר כך התחיל לדבר על לבה עד ששיכנעה להסכים לתוכניתו. זמן מסויים טיפל בהשגת „סרטיפיקט" והדבר לא עלה לו בקלות. סוף סוף הצליח בשנת 1934 לעלות ארצה בתור רב, במסגרתה של אגודת ישראל.

בהגיעם לארץ, ביקרונו חיים שמחה ואסתר גרינה, עת שנמצאנו, אני ואשתי, בקבוצת־שדה בראשון לציון. הזוג התיישב בירושלים וחיים שמחה היה לגובה בישיבת „אהל תורה". בתפקידו זה היה מסייר על פני הארץ ומתרים אנשים למען הישיבה הנ"ל. בתקופה שגרנו בשדה נחום, בעמק, היה חיים שמחה, בהימצאו באיזור, סר אלינו ואז היינו מעלים זכרונות מחיי העיירה.

* *
*

מאז חלפו שנים רבות. הצעירים מטבע הדברים מזדקנים ואילו הזקנים מזדקנים עוד יותר. והנה עלה בי לפתע רצון לעלות ירושלימה ולשאול בשלום חיים שמחה ואסתר גרינה. מצאתים במושב הזקנים המאוחד. הם תחילה לא הכירוני, אך כאשר הזכרתי להם את שמי, נזכרו בי ולשמחתם לא היה גבול.

דיברנו על ענינים שונים ותוך כדי שיחה קולחת שאלתיו על סיבת עלייתו ארצה בימים ההם, אחד ויחיד מבני־משפחתו. תשובתו היתה שלציוני נעשה ב„הדר" עת שלמד את פרשת „לך לך". מאז חשקה נפשו ללכת לארץ שהובטחה ע"י השם לאברהם אבינו ולבניו אחריו.

„אכן, לבי נמשך אחרי ארץ האבות — המשיך חיים שמחה הישיש ואמר לי — ועליתי אליה. עשרות שנים אני יושב בעיר הקדושה, לא נטשתי אותה,

וכעת, בערוב ימי, אני יכול לומר בכל לבי שאני שמח על שעלה בידי להשתחרר בזמן מכבלי הגלות, לראות את הארץ בבנינה ובשגשוגה, במלחמת מעטים נגד רבים ובנצחונותיה.

* *
*

משפחתו של ר׳ יענקל השמש היתה מסועפת וכגורל הקהלה הפוריסובאית כולה, כן גורל משפחה זו: שרידים בודדים נותרו הימנה, אודים מוצלים מאש, והם מזכירים לנו, ככל ניצול אחר, ימים עברו, ימים מפוארים בחיי עיירתנו.

שלמה באָראָווסקי

מיין טאַטע — אַ רעוואָלוציאָנער

מיין טאַטע חיים שמחה, דער זון פון יאַנקל שמש, איז נאָך יונגערהייט אַוועק אויף „קרומע וועגן". ער איז געוואָרן אַ רעוואָלוציאָנער. דער זיידע, זעענדיק דעם טאַטנס „פּירעכץ", איז געווען שטאַרק פאַרצווייפלט. נאָך אַ לאַנגן וויכוח, האָט דער טאַטע מסכים געווען אַריינצוגיין מיטן זיידן צום פאָריסאָווער רב, ר׳ אברהמלע סטאַשאָווער. דער זיידע האָט פאַרמסרט דעם טאַטן פאַרן רבין, און דער רבי האָט געפּרוווט משפיע זיין אויפן טאַטן אַז ער זאָל זיך אומקערן פון זיינע שלעכטע וועגן. אָבער אונטער פיר אויגן, האָט דער רבי געזאָגט צום זיידן, אַז אין דרייסיק יאָר אַרום וועט אויסוואַקסן אַזאַ דור־מענטשן, אַז דער טאַטע וועט שוין דעמאָלט הייסן אַ צדיק (דער טאַטע פלעגט אונדז שטענדיק דערציילן דעם רבינס רייד, און באַוואונדערן זיין נביאות וועגן די קומענדיקע צייטן).

אין 1905, איז דער טאַטע געווען אַן אַקטיווער רעוואָלוציאָנער און האָט דורכגעפירט פאַרשידענע אויפגאַבעס וואָס זענען אויף אים אַרויפגעלייגט געוואָרן. ער האָט אָבער שטענדיק געדענקט, אַז ער איז אַ ייד. ער האָט אויך זיינע קינדער דערצויגן אין דעם גייסט.

מיין ברודער יאַנקל באַקומט קלעפּ פון פוילישע סטודענטן

אין יאָר 1935, האָבן מיר שוין געוווינט אין פאַלעניץ. איין מאָל, אין אַן אָוונט, איז דער ברודער געשטאַנען אויף דער באַן־סטאַציע אין פאַלעניץ בעת ס׳איז אָנגעקומען די עלעקטרישע באַן פון וואַרשע (צוזאַמען מיט אים איז אויך געווען חסדה אלי קאָלטונס אַ זון וועלכער לעבט אין ישׂראל, תל־אביב).

פלוצלינג איז אַראָפּ אַ ייד און האָט געמאַכט אַ געוואַלד, אז מען שלאָגט יידן אין די וואַגאָנען. דער ברודער און חסדה, ביידע, נאָך ייִנגלעך, זענען אַרויף אויף דער באַן און האָבן זיך פאַרמאָסטן מיט די פוילישע סטודענטן־שלעגערס. מיין ברודער האָט באַקומען גוטע קלעפּ, און איז צו דעם נאָך אויך געוואָרן אַרעסטירט...

נאָך דער געשיכטע האָט מיין ברודער געקרענקט אַ געוויסע צייט, און איז געשטאָרבן. מיין מאַמע האָט אים אַלע יאָרן באַוויינט ווי אַ קרבן פון פוילישן כוליגאַניזם.

יהודה אריה מאַנגאָט / ישראל

די משפחה מאַנגאָט

מיין פאָטער מאָטיס (די מאַמע האָט געהייסן פעסע דבורה) האָט זיך פאַרנומען מיט מסחר אויפן דאָרף. ער האָט געהאַנדלט מיט וואָס נאָר עס האָט זיך געלאָזט; געקויפט אַ קעלבל, אַ גרעסערע בהמה, געדונגען אַ סעדל, און אָפט מאָל אויך געבראַנגט פיש אויף שבת פאַר די פאַריסאָווער יידן.

דאָס זעלבע האָבן אויך געטאָן מיינע צוויי פעטערס, דעם טאַטנס ברידער הערשל און נפתלי מאַנגאָט. אַלע צוזאַמען האָבן דעם דאָזיקן מסחר געירשנט פון מיין זיידן יקותיאל ע״ה.

אין שטוב זענען מיר געווען פינף קינדער: פיר זין און איין טאָכטער.

מיין עלטסטער ברודער יעקב הערש, האָט יונגערהייט שטאַרק באַגערט צו לערנען. איין מאָל, אַלט זייענדיק דעמאָלט ניין, צי צען יאָר, איז ער אוועק, נישט דערציילנדיק קיינעם, פון שטוב, צו דער סטאַנציע אין פילאַווע און דאָרט האָט ער זיך אַריינבאַקומען אין אַ צוג, נישט האָבנדיק מיט זיך קיין גראָשן געלט אין טאַש. יעקב הערש האָט זיך אויסבאַהאַלטן אונטער די ברייטע בענק, און איז אַזוי געפאָרן ביז דער שטאָט בריסק. דאָרט איז ער אַראָפּ און האָט זיך אַוועקגעלאָזט צום בריסקער רב, געזאָגט אים, אַז ער וויל בלייבן לערנען אין דער בריסקער ישיבה. דער בריסקער רב האָט אונדז גלייך צו וויסן געטאָן וועגן ברודער, און דער טאַטע איז אַהינגעפאָרן, כדי אים אהיימצונעמען. דער בריסקער רב האָט אָבער געזאָגט דעם טאַטן, אַז אויב אַ יידיש קינד האָט אַזאַ שטאַרקן באַגער צו לערנען תורה, איז כדאי אים איבערצולאָזן אין דער ישיבה. מיין פאָטער איז צוריקגעקומען אַהיים, איבערלאָזנדיק יעקב הערשן אין בריסק.

יעקב הערש פלעגט אַהיימקומען אויף פסח און סוכות און דעמאָלט פלעגט ביי אונדז זיין זייער פריילעך.ביים סדר־טיש פלעגט יעקב הערש, נאָך דעם ווי איך האָב געפרעגט די קשיות, זאָגן אַ פשטל. מיין טאַטע, אַ פּראָסטער ייד, אָבער זייער אַ פרומער און אָפּגעהיטענער, האָט געקוואָלן פון נחת, פון זיין געראָטענעם זון.

בערך אין יאָר 1919, איז יעקב הערש אַהיימגעקומען, איז קראַנק געוואָרן אויף אַ טיפוס און נאָך אַ קורצער צייט — געשטאָרבן.

מיין ברודער יחזקאל, אָדער ווי מען האָט אים גערופן: יחזקאל מאַטיסעס, איז געווען דער בעסטער מענער־שניידער אין שטעטל. ער האָט געניייט פאַר דער אינטעליגענץ פון פּאָריסאָוו. ער איז געווען אַ חבר אין ד׳ער חברה־תהלים, און האָט טאַקע דאָרט געדאַוונט שבת און יום־טוב. ער האָט אויך ליב געהאַט אָנטייל צו נעמען אין קהלשע ענינים. יחזקאל האָט זיך געלאָזט פיל קאָסטן פאַר ווילטעטיקע צוועקן, געהאָלפן אַ נויטבאַדערפטיקן מיט אַ גמילת־חסד, צי מיט עפּעס אַנדערש.

געהאַט אַ פרוי (צפורה) מיט פינף קינדער. .

* *
*

מיין יונגערער ברודער, מאיר שלום, האָט חתונה געהאַט אין פּאָריסאָוו מיט דער טאָכטער פון ברכהלע באָרנשטיין. זי האָט געהייסן רויזע.

זייער זון האָט געהייסן מאַטיס.

* *
*

מיין איינציקע שוועסטער, חיה רבקה, האָט חתונה געהאַט מיט ישראל קאָרמאַן, דער זון פון ראובן („ראובלע״) קאָרמאַן פון פּשאַנקע.

זיי האָבן געהאַט צוויי זין: מאַטיס און משה.

* *
*

בלויז איך אַליין בין, על־פּי־נס, געבליבן לעבן. איך געפין זיך אַצינד אין אַמעריקע מיט מיין פרוי חנה און צוויי זין: מאַטיס און משה.

— — — אַ גרויסע משפחה געווען. זענען אַלע אַוועק קיין טרעבלינקע און פון דאָרט — מער נישט צוריקגעקומען, האָבן געפונען דעם טויט פון די הענט פון דייטשע אכזרים.

כבוד דעם אָנדענק פון די קדושים.

אריה קופערבוים

טאַטעס און קינדער

די גוטריימאַנס אין פאַריסאָוו

כמעט אין יעדן ווינקל פון פאַריסאָוו, אויף יעדער גאַס, האָט געוווינט עמעצער פון דער פאַמיליע גוטריימאַן.

נאָך פון מיינע קינדער־יאָרן, געדענק איך פיר ברידער פון דער פאַמיליע גוטריימאַן, אַלע, שוין אין טיפן עלטער.

דער אַלטער שמעון גוטריימאַן איז געווען דער פאָטער פון משה „בעבליאַק" און יהושיע „פאפיקע" — אַזוי האָט מען זיי גערופן.

אין יאָר 1939, האָבן שמעונס קינדער אַליין שוין געהאַט אויסגעגעבן זייערע קינדער, און דערלעבט צו זען פון זיי אייניקלעך.

דעם אַלטן שמעונס קינדער און קינדס־קינדער האָבן אַלע געוווינט אין פאַריסאָוו, און בעת דער אויסזידלונג, זענען זיי אָוועק צוזאַמען מיט דער גאַנצער פאַריסאָווער עדה קיין טרעבלינקע.

בלויז יהושע גוטריימאַנס צוויי קינדער זענען געבליבן לעבן: אַ טאָכטער דבורה וועלכע געפינט זיך אין ישראל, און אַ זון, יאָסל וועלכער לעבט אין אַמעריקע.

* *
*

דער צווייטער ברודער האָט געהייסן: דוד גוטריימאַן, און זיין פרוי — חיה שיינדל. זייער זון האָט מען גערופן מרדכי דודס. ער איז געווען אַ גרויסער פליישׂ־סוחר. דוד גוטריימאַן האָט געהאַט ניין קינדער; זין און טעכטער. דריי פון די טעכטער האָבן געוווינט אין פאַריסאָוו, און די רעשט — מחוץ פון שטעטל.

דודס שטוב איז געווען אָפן פאַר יעדן וואָס האָט זיך גענייטיקט אין הילף, אין אַ גמילות חסד, צי אין אַן עצה.

מרדכי דודס האָט געהאַט צען קינדער. אין יאָר 1939, האָבן אַלע זיינע קינדער שוין געהאַט אייגענע פאַמיליעס. פון אָט דער גרויסער משפחה איז געבליבן לעבן בלויז די יונגסטע טאָכטער, אסתר רחל, וועלכע איז געווען אין קאָצעטלאַגערן, און וווינט היינט אין אַמעריקע.

אַלע אַנדערע — אומגעקומען.

* *
*

דער דריטער ברודער, דער „שוואַרצער" מאיר, איז געווען אַ קצב. ער האָט געהאַט אַ גרויסע, שוואַרצע באָרד, און שוואַרצע פיאות. מאיר האָט

געהאַט צוויי זין — יאָסל און שמואל. ער האָט אויך געהאַט עטלעכע טעכטער, און פיל אייניקלעך.

* *
*

דער פערטער ברודער, שמואל „פּאַסקלער" (געוווינט אַ סך יאָרן אין דאָרף פּאַסקעל) איז געווען אַ בהמה־סוחר. אין די לעצטע יאָרן — געוווינט אין פּאָריסאָוו. געהאַט זין און טעכטער, און דערלעבט צו זען פון זיי אַ סך אייניקלעך.

אַלע זענען אומגעקומען אין די מלחמה־יאָרן.

שמואלקעלע גוטריימאַן

גערופן האָט מען אים שמואלקעלע, ווייל ער האָט שנעל גערעדט, איז שטענדיק געלאָפן, און — בכלל — אַלץ געטאָן זייער שנעל. צו זיין ווייב מרים פלעגט ער זאָגן: שטעל צו אַ ביסל עסן, איך וועל אַריינלויפן קיין קאָזלאָוו, און גלייך צוריקקומען. ער פלעגט טאַקע אַ לויף טאָן אין דאָרף אַריין, און צוריק־קומענדיק — טרעפן דאָס עסן אָקערשט אָפּגעקאָכט...

שמואלקעלע איז געלאָפן זייער גרינג. ער פלעגט נעמען די שטיוול אויף די פּלייצעס און לויפן. אַז שמואלקעלע האָט געוואָלט גיין קיין וואַרשע, האָט ער געזאָגט: „איך גיי אַ ביסל זיך איבער קיין וואַרשע". אַ גאַנג קיין גאַרוואָלין איז ביי אים געווען ממש אַ שפּילעכל. ער פלעגט אַהין אָנקומען צופוס שנעלער פון אַ פּאָריסאָווער בעל־עגלה מיט זיין פערד און וואָגן...

אין וואַרשע האָט שמואלקעלע געהאַט אַ זון, הערש לייב. זיין ווייב האָט געהייסן שפרה. הערש לייבס צוויי טעכטער לעבן אין ישראל.

שמואלקעלעס צווייטער זון, יאָסל, האָט געוווינט אין פּאָריסאָוו, געפירט אַן אייגן שוך־פּאַבריקל. געהאַט אַ שטוב מיט קינדער.

אַ דריטער זון האָט געהייסן שמעון. זיין פרוי, בלומע, האָט אים געבוירן ניין קינדער. צוויי פון זיי געפינען זיך אין ישראל.

שמואלקעלע האָט געהאַט נאָך קינדער, אָבער זייערע נעמען געדענק איך נישט.

שמואלקעלע גוטריימאַן האָט געהאַט אַ ברודער וועלכן מען האָט גערופן אַברהמלע „שאבּ". אברהמלע האָט געהאַט אַ זון וועמעס פרוי עס האָט געהייסן מרים. זיי אַליין האָבן אויך שוין געהאַט קינדער.

אַ חוץ יאָסלען, האָט אברהמלע „שאבּ" געהאַט נאָך קינדער.

עס איז געווען נאָך אַ משפחה גוטריימאַן: הערשל שטעפּער מיט זיין פרוי חייטשע. זיי האָבן געהאַט צוויי זין: אברהם און וועלוול.

אַלע — אומגעקומען אין די טרויעריקע מלחמה־יאָרן.

יאַשע גוטריימאַן, דער קצב

יאַשע גוטריימאַן האָט אַלע זיינע יאָרן געהאַלטן אַ יאַטקע. ער אַליין, האָט געטרייבערט דאָס פלייש, ווייל ער האָט קיינעם נישט געטרויט די מלאָכה. ער איז טאַקע געווען אַ גרויסער מומחה אין טרייבערן פלייש.

יאַשע קצב פלעגט אַהיימגיין פון שול דער סאַמע לעצטער, ווייל בעתן דאַווענען האָט ער געהאַט אַ טבע איבערצוחזרן יעדעס וואָרט עטלעכע מאָל, כּון מורא טאָמער האָט ער איבערגעהיפּערט ווערטער.

אין די שפּעטערע יאָרן, ווען ער האָט שוין נישט געהאַט קיין כּוח צו אַרבעטן, האָט זיין זון, דער לאָמער משה, איבערגענומען די יאַטקע.

דער לאָמער משה האָט געהאַט 7 קינדער: פיר זין און דריי טעכטער. זיי האָבן געהייסן: יחזקאל, שמאי, אברהם, שלום, ליבע, חנה. דעם נאָמען פון דער לעצטער טאָכטער געדענק איך נישט.

עס זענען געבליבן לעבן: אברהם און שלום. די רעשט — אַלע אומגעקומען.

יאַשע קצב האָט אויך געהאַט צוויי טעכטער: חנה רבקה די קצבטע (איר מאַן האָט געהייסן איטשע בער. די נעמען פון זייערע קינדער געדענק איך נישט) און חיה די היטלמאַכערקע (איר מאַן איז געווען לייבל דער היטלמאַכער). לייבל האָט באַזאָרגט דאָס גאַנצע שטעטל מיט היטלען. זיי האָבן געוווינט אין מיטן מאַרק. געהאַט עטלעכע קינדער.

אַלע זענען אומגעקומען אין צייט פון קריג.

מאיר אהרן גוטריימאַן און זיינע קינדער

אויף דער קאָזלאָווער גאַס, האָט, זיבט לאַנגע יאָרן, געוווינט די משפּחה פון מאיר אהרן גוטריימאַן. אין שטעטל איז מאיר אהרן געווען באַקאַנט אונטערן נאָמען „מאיר אהרן דער בעל־עגלה".

מאיר אהרן פלעגט אויפשטיין זייער פרי, לויפן אין בית־המדרש אַריין דאַווענען, און גלייך נאָך דעם, האָט ער געשפּאַנט דאָס ווייסע פערדל זיינס אין וואָגן, און זיך אַוועקגעלאָזט זוכן אַ פאַרדינסטל. פערד און וואָגן האָבן געגעבן פרנסה, אָבער, נישט ברייוות.

מאיר אהרן האָט געהאַט צוויי זין און צוויי טעכטער: לאָזער, נאָטע, טשאַרנע (איר מאַן איטשע, האָט געאַרבעט מיטן קליינעם פּנחסל אין פילאַווער טאַרטאַק), און מלכה.

לאָזער איז געווען דער איינציקער יידישער סטעלמאַך אין פאַריסאָוו. ער איז געווען באַקאַנט סיי אין שטעטל און סיי אין דער אומגעגנט.

דער צווייטער זון, נאָטע, איז געווען אַ בעל־עגלה. ווי זיין פאָטער, האָט אויך נאָטע זיך באַמיט שטענדיק צו האָבן אַ ווייס פערדל געשפּאַנט אין וואָגן. מיטן פאַרדינטן גראָשן האָט ער זיך געטיילט מיט זיין „פרנסה־געבער": פאַר

זיך אַ ברייטל און פאַר דעם בעל־חיים — אַ זעקל שעטשקע. אויף מער האָט אים נישט געסטייעט. „בלויז אין סידורל איז פאַראַן געבוג „היי" (אותיות „ה") — האָט ער מיט גאַליקן הומאָר זיך אויסגעשמועסט מיט זיין שטומער חיה — אָבער נישט ביי מיר אין שטאָל".

דער שטילער ראובן

נאָטע האָט געהאַט אַ זון ראובן. אין שטעטל האָט מען אים גערופן „ראובן נאָטע מאיר אהרנס".

כאָטש אין שטוב איז קיין מאָל נישט געווען צו עסן צו דער זאַט, האָט נאָטע דער בעל־עגלה נישט געשיקט זיין זון לערנען שוסטעריי, אָדער שטעפעריי, צי אַן אַנדערע מלאָכה. ראובן איז געזעסן יומם ולילה און האָט געלערנט תורה. מ'האָט אים געקאָנט טרעפן אין בית־המדרש, אין גערער שטיבל, צי גאָר ביים שטאָטישן רב. לאַנגע יאָרן איז ראובן געזעסן על התורה ועל העבודה. מיט אַ מאָל האָט מען זיך דערוווסט, אַז ראובן האָט באַקומען היתר־הוראה. פאַריסאָווער יידן האָבן זיך שטאַרק געפרייט מיט דעם, זענען געווען שטאָלץ מיט ראובנען, און האָבן אים אָפּגעגעבן כבוד.

צו יענער צייט איז דער מצב געווען אַזעלכער, אַז עס איז נישט אָנגעקומען לייכט צו קריגען אַ כסא־רבנות. אין צווישן, איז ראובן געוואָרן ראוי לחופה. לויט עמעצנס אַן עצה, איז ראובן געפאָרן קיין וואַרשע, געוואָרן אַ מגיד שיעור אין אַ ישיבה פאַר עלטערע בחורים.

ראובן נאָטעס האָט חתונה געהאַט אין וואַרשע, און מיט דער צייט — געוואָרן אַ טאַטע פון עטלעכע קינדער.

אין צייט פון קריג, איז ראובן אומגעקומען צוזאַמען מיט זיין פרוי און קינדערלעך.

נחמיה דער בעקער און זיין שטוב

ביי ר' אליהו גיטל איטקעס אין הויז, אויפן הויף, האָבן געוווינט עטלעכע יידישע משפחות: משה לעווין — דער שטעפער, מיט זיין פרוי גיטל און פיר קינדער, אליהו דער קצב מיט זיין פרוי שיינדל און פינף קינדער, ברוך אשר מיט זיין פרוי און פיר קינדער, יאַנקעלע שמואל מאירס מיט זיין פרוי און פינף קינדער, און יעקב מרדכי קאסמאַן מיט פיר קינדער.

צווישן די דערמאָנטע שכנים, אין סאַמע מיטן הויף, האָט געוווינט דער אַלטער בעקער נחמיה טוגנטמאַן מיט זיין פרוי. זיי האָבן פאַרנומען צוויי צימערן. אין איינעם פון זיי האָט נחמיה געפירט די בעקעריי.

נחמיה האָט געהאַט פיר קינדער: דריי זין און איין טאָכטער. דער עלטסטער זון, יעקב מרדכי, האָט חתונה געהאַט מיט דער טאָכטער פון חיים דוד קאַץ. ער

האָט געהאַלטן אַ ביר־שענק מיט אַלקאָהאָל־געטראַנקען און צובייסעכץ, און געפירט אַ שיין, באַלעבאַטיש לעבן.

אין צווישן איז יעקב מרדכיס ווייב אַוועקגעשטאָרבן, און אין שטוב ביי אים זענען געבליבן פיר יתומים. ער האָט ווייטער געפירט דאָס געשעפט און פּרנסה איז געווען בשפע. נאָך צוויי יאָר, האָט יעקב מרדכי חתונה געהאַט מיט דער פאַרשטאָרבענער ווייבס אַ שוועסטער. עס זענען אָפּגעלאָפן אַ ביסל יאָרן און אין שטוב זענען צוגעקומען נאָך פיר קינדערלעך. בערך, אין יאָר 1920, איז יעקב מרדכיס צווייטע פרוי געוואָרן שווער קראַנק און נאָך אַ קורצער צייט איז אויך זי געשטאָרבן. די טראַגעדיע איז געווען זייער גרויס. חנה לאה, די עלטסטע טאָכטער, איז געוואָרן די גאַנצע באַלעבאָסטע אין שטוב, האָט געזאָרגט פאַר די יונגערע קינדער, אַכטונג געטאָן, אַז זיי זאָלן זיין לייטיש אָנגעטאָן. נאָך עטלעכע יאָר האָט יעקב מרדכי חתונה געהאַט צום דריטן מאָל, נישט מיט קיין פּאַריסאָווערין און האָט נישט מצליח געווען. דאָס געשעפט, דער גוטער פּרנסה־קוואַל איז פאַר־נאַכלעסיקט געוואָרן און איז כמעט ווי דעראַנגען צו רוין.

נאָכן טראַגישן טויט פון יעקב מרדכין, האָט חנה לאה, זיין עלטסטע טאָכטער, איבערגענומען דאָס געשעפט. זי האָט חתונה געהאַט, געפירט אַ באַלע־באַטיש לעבן. אויך די רעשט קינדער פון יעקב מרדכין האָבן חתונה געהאַט, און אויפגעשטעלט היימען.

אַלע זענען אומגעקומען אין די ביטערע מלחמה־יאָרן.

הערשל נחמיהס

הערשל שענקער, נחמיה דעם בעקערס צווייטער זון, האָט חתונה געהאַט פון סטאָצק. זיין פרוי מעכלי איז געווען אַ טאָכטער פון סטאָצקער שניידער פּלטיאל אגרעס. הערשל האָט געוווינט אין פּאַריסאָוו און געהאַלטן אַ שענק. זי האָט זיך געפונען צוזאַמען מיט דער וווינונג, אין מיטן מאַרק. זיינע שכנים אין הויז זענען געווען: דער אַלטער שניידער שמאי שליוועקע און זיין זון אַלטער מיט דער פרוי ראָכטשע מיט עטלעכע קינדער, פעסע שמאיס מיט איר מאַן מאַריץ און קינדער, יוסף בערגער און זיין פרוי מיט עטלעכע קינדער.

בערך צען יאָר נאָך זייער חתונה האָבן הערשל און מעכלי נישט געהאַט קיין קינדער, און ערשט בערך אין יאָר 1927, האָט מעכלי אָנגעהויבן צו געבוירן. ביז דעם יאָר 1940 האָבן זיי געהאַט צוויי מיידלעך און צוויי יינגלעך, און די עלטערן זענען מיט זיי געווען גליקלעך.

אין יאָר 1942 זענען זיי אַוועק צוזאַמען מיט דער גאַנצער פּאַריסאָווער עדה קיין טרעבלינקע. קיינער פון זיי איז פון דאָרט נישט צוריקגעקומען.

בערל נחמיהס, דער דריטער זון, האָט געוווינט אין פאַלעניץ. זיין פרוי חנהטשע, איז געווען די טאָכטער פון פּאַריסאָווער שול־שמש.

טויבע, נחמיהס טאָכטער, האָט חתונה געהאַט מיט מרדכי צווילעך — דער זון פון בעריש חיימען. אין די לעצטע יאָרן איז מרדכי צווילעך געווען דאָזאָר אין דער פּאַריסאָווער קהילה.

אַלע — אומגעקומען.

אברהם דוד קופּערבוים און זיין הויזגעזינד

מיין עלטסטער פעטער אברהם דוד און זיין פרוי אסתר האָבן נישט געהערט צו די גאָר רייכע מענטשן אין שטאָט, אָבער זיי האָבן געפירט אַ פיין, באַלעבאַטיש לעבן. דער פעטער האָט געצויגן חיונה פון דער אייל־פאַבריק וואָס איז איבערגעגאַנגען בירושה צו אים און צו זיינע ברידער פון זייער פאָטער יצחק יהושע קופּערבוים.

נאָר אויב דער פעטער אברהם דוד איז, ווי געזאָגט, נישט געווען אַזוי רייך אין געלט, איז אָבער זיין רייכקייט באַשטאַנען אין פאַרמאָגן אַכט טייערע און ווילע קינדער, ווי אויך אייניקלעך פון וועלכע ער האָט געשעפּט פולע הויפנס נחת.

שרייבנדיק וועגן פעטער אברהם דוד, דערמאָן איך זיך אין זיין ליכטיקער, פריילעכער שטוב. איין מאָל, אין אַ שבת חנוכה, נאָך דער בייטאָג־סעודה, בין איך אַריין צום פעטער אין שטוב. ער איז געווען אָנגעטאָן אין דעם שבתדיקן, זיידענעם שלאַפראָק און אויפן קאָפּ — אַ בלישטשנדיק, סאָמעטן קאַפּל. ער איז געזעסן ביים לאַנגן טיש, און אַרום און אַרום — זיינע זין און איידעמס. אויפן טיש איז געלעגן אַן אָפענע גמרא שבת און מען האָט עוסק געווען אין ענינים פון חנוכה.

אין צווייטן צימער האָט זיך געטומלט: דאָרט איז געזעסן די מומע אסתר און אַרום איר — טעכטער און שנירן. זיי האָבן געלייענט פון דער „צאינה ראינה" און אין הפסקות — הויך גערעדט. דערנאָך האָט מען געגעסן שבת־אויבס און די קינדערלעך האָבן האַרציק זיך געשפּילט.

דער מומעס יינגסטע טעכטערל, פייגעלע, אַ מיידעלע מיט צוויי בלאָנדע צעפּעלעך, ראָזע בעקעלעך און שיינע בלויע אייגעלעך, האָט צוזאַמענגענומען אַלע קליינע קינדער, דעם פעטערס און דער מומעס אייניקלעך און פלעכטנדיק די הענטעלעך, האָבן זיי געטאַנצט „אַ ראָד און אַ ראָנע". די מאַמעס זענען געשטאַנען אַרום דעם ראָד, האָבן געפּאַטשט מיט די הענט און צו זייער פרייד איז נישט געווען קיין גרענעץ.

ווי געזאָגט, האָט דער פעטער געהאַט אַכט קינדער: דריי זין און פינף טעכטער. אַלע דריי זין און פיר טעכטער האָבן שוין געהאַט, ביז דעם אויסבראָך פון קריג, אייגענע פאַמיליעס.

לייזער, דער עלטסטער זון האָט געהאַט פינף קינדער, שמעון — דריי קינדער, הערצקע — 2 קינדער. רחל און איר מאַן צבי סעגאַל האָבן געהאַט 6 קינדער, שרה און איר מאַן יצחק האָבן געהאַט 4 קינדער, רבקה און איר מאַן משה — 2 קינדער, צירל און איר מאַן ישראל רובינשטיין — איין קינד.

פייגעלע, די מיזינקע איז דאָס געליבטע קינד ביי טאַטע־מאַמע איז ביים אויסבראָך פון קריג אַלט געווען 21 יאָר און איז נאָך געווען פריילידיק.

ווען די דייטשן זענען, אין יאָר 1939, אַריין אין שטעטל, האָט די גאַנצע משפחה געוואָלט זיך האַלטן בײַנאַנד. אין ענגן געטאָ האָבן זיי טאַקע באַקומען איין צימער און אַזוי האָבן זיי געלעבט צוזאַמען, געהונגערט און געליטן, און צוזאַמען זענען זיי געגאַנגען דעם לעצטן וועג צום טויט וועלכן נישט אַלע זענען אויסגעגאַנגען, ווייל אויפן וועג זענען אַ סך פון זיי געוואָרן אויסגעשאָסן.

אזוי פיל יאָרן זענען שוין פאַרביי און איך קאָן נאָך אַלץ נישט פאַרגעסן די שטוב פון מיין עלטסטן פעטער אברהם דוד, זיינע קינדער, די ליכטיקע און פריילעכע שבתים ביי אים אין הויז, און אויפן האַרצן ווערט זייער טרויעריק ווען איך גיב אַ טראַכט וועגן זייערע ליידן, וועגן הונגער פון זייערע קליינע קינדער און וועגן זייער שרעקלעכן אומקום.

אַהרן זיגלמאַן

יעקב יוסף גוטמאַן און זיינע קינדער

יעקב יוסף און זיין ווייב ראָכטשע (די טאָכטער פון משה אהרן און הענדל גאָלדבערג) האָבן געהאַט אַכט קינדער: זעקס טעכטער און צוויי זין. יעקב יוסף איז געווען אַ קאָלאָביעלער חסיד און ער האָט געגעבן זיינע קינדער אַ חסידישע דערציונג.

אַ גאַנצע וואָך איז יעקב יוסף געווען אונטערוועגס און איז אַהיימגעקומען בלויז אויף שבת. זיין ווייב ראָכטשע, אַן איידעלע און האַרציקע פרוי, האָט אַכטונג געגעבן אויף די קינדער, געזאָרגט, אַז זיי זאָלן גיין אין גוטע וועגן.

יעקב יוסף און זיין ברודער איטשע בער זענען געווען באַקאַנט אין שטעטל ווי צוויי גיבורים. ספּעציעל האָט יעקב יוסף זיך אויסגעצייכנט מיט זיין גבורה און יידישן שטאָלץ. אַ דאַנק אים האָבן די גויים אין שטעטל נישט געוואַגט אויפצוהייבן אַ האַנט אויף אַ ייד, ווייסנדיק אַז יעקב יוסף וועט שטענדיק

זיין גרייט זיך אַנצונעמען פאַר אַ יידישער קריוודע. אויך צווישן „אחינו בני ישראל" זענען געוואָרן אויסגעמיטן אַ סך קריגערייען און געשלעגן, ווייל מען האָט געוווסט, אַז יעקב יוסף וועט נישט דערלאָזן עס זאָל איין ייד אויפהייבן אַ האַנט קעגן אַנדערן.



יעקב יוסף גוטמאַנס משפחה: פרוי, קינדער און אייניקלעך

ווען יעקב יוספס עלטסטע טאָכטער חנה ברכה, איז אונטערגעוואַקסן, האָט ער אויסגעזוכט פאַר איר אַ חתן אַ בן־תורה, אַ געראָער חסיד — משה מרדכי פאַרטאָוויטש. נאָך זייער חתונה, האָט יעקב יוסף געעפנט פאַר זיי אַ מאַנופאַקטור־געוועלב אין צענטער פון מאַרק־פּלאַץ, לעבן זייער שטוב. חנה ברכה האָט געפירט דעם מסחר און משה מרדכי איז געזעסן און האָט געלערנט און מקיים געווען בשלימות דעם „והגית בו יומם ולילה".

חנה ברכה פלעגט יעדן אין דער פרי, ממש מיט באַגינען, זיצן לעבן פענצטער מיט אַ סידור אין האַנט און דאַוונען שחרית. אין דער זעלבער צייט האָט משה מרדכי זיך געאיילט אין בית־המדרש אַריין כדי צו לערנען דאָרט אַ בלאַט גמרא פאַרן דאַוונען, אָדער כדי ממשיך צו זיין אַ סוגיה אין וועלכער ער האָט אַריינגעאַרבעט אַ נאַכט פריער.

משה מרדכי און חנה ברכה האָבן נישט געהאַט קיין קינדער. זיי האָבן

שטיל אויסגעטראָגן אין זיך זייער צער און די ליבשאַפט פון איינער צום אַנדערן האָט פאַרדעקט אַ סך פון זייער ווייטיק.

ווי עס האָט מיר איבערגעגעבן יעקב יוספס אייניקל — נחמן קוכן, דער זון פון רבקה לאה און דוד קוכן, וועלכער לעבט אין ישראל, איז אין פאַריסאַוו געווען איינגעפירט, אַז ווען דער רב איז נישט געווען אין שטעטל, האָט משה מרדכי געפּסקנט שאלות אין כשרות פאַר בעלי־בתים, אָדער פרויען, וועלכע זענען צו אים געקומען זיך פרעגן אין אַזעלכע ענינים.

משה מרדכי און חנה ברכה זענען דערשאָסן געוואָרן דורך די דייטשן וועלכע האָבן זיי געפונען אין אַ באַהעלטעניש און מען האָט זיי דערנאָך אַריינגעשליידערט אין אַ ברונע. אויף זיי קאָן מען באמת זאָגן: „הנאהבים והנעימים בחייהם ובמותם לא נפרדו".

די צווייטע טאָכטער, רבקה לאה, איז, ווי איר עלטערע שוועסטער, אויך געווען אַ פרום יידישע קינד. די עלטערן האָבן פאַר איר אויסגעפונען אַ חסידישן בחור — דוד קוכן פון פאַריסאַוו, דער זון פון ר' נח אברהם הערשס. דוד איז געווען זייער אַ שיינער און קלוגער. אויך אַ גערער חסיד. יעקב יוסף האָט פאַר זיי איינגעאָרדנט אַ גאַלאַנטעריע־געשעפט.

ביידע יונגע משפחות האָבן געגעסן „קעסט" ביי יעקב יוספן.

די רעשט פיר טעכטער האָבן אויך באַקומען אַ טראַדיציאָנעלע דערציונג און ד'ערביי — זיך געלערנט שרייבן און לייענען פויליש. די צוויי זין: בן־ציון און מאיר האָבן געלערנט אין חדרים אויך נאָך דעם ווי זיי זענען געוואָרן בר־מצווה.

בן־ציון איז געווען אין מיינע יאָרן און מיר האָבן געלערנט צוזאַמען. ער איז אויך געווען אַ תלמיד פון מיין טאַטן ע"ה. יעדן חודש האָט בן־ציון געבראַכט דאָס מלמדות־געלט פאַרן טאַטן. די דאָזיקע משפחה האָט געהערט צו די ווינציקע וואָס האָבן אַזוי פינקטלעך געצאָלט פאַרן לערנען.

יעקב יוסף און זיין ווייב ראַכטשע האָבן געוווּסט מכבד צו זיין די וועלכע האָבן געלערנט מיט זייערע קינדער. זייער שלח־מנות אין פורים איז געווען אַנדערש פון אַלעמענס. שטענדיק איז צווישן די פאַרשידענע מטעמים אויך געלעגן אַ לייטישע מטבע...

ווי שוין געזאָגט איז ראַכטשע געווען זייער אַ גוטהאַרציקע. פאַרהוילן פון מענטשנס וויסן האָט זי געהאָלפן געדריקטע און נויטבאַדערפטיקע און מקיים געווען דעם „כפה פרשה לעני וידיה שילחה לאביון". עס איז בכלל געווען אַ תענוג צו הערן ווי אַזוי און מיט וואָסער איידלקייט זי פלעגט ריידן מיט איר מאַן און מיט אירע קינדער.

נאָך יעקב יוספס פלוצלינגדיקן און פריצייטיקן טויט איז די משפחה אַריבער וווינען קיין וואַרשע. די יונגסטע טאָכטער חוה איז געווען טעטיק אין דער ציוניסטישער באַוועגונג, אין פועלי־ציון „פרייהייט". זי האָט חתונה געהאַט

מיט אליעזר לעווינסאָן וועלכער איז אויך געווען טעטיק אין דער זעלבער באַוועגונג. חוה און אליעזר האָבן אויסגעוואַנדערט קיין בראַזיל ווו זיי לעבן ביז היינט.

נחמן קוכן און חוה לעווינסאָן מיט זייערע משפחות זענען די איינציקע וואָס זענען געבליבן פון דער גאַנצער צעצווייגטער פאַמיליע גוטמאַן. די רעשט — זענען אומגעבראַכט געוואָרן דורך די היטלער־נאַציס אין די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

חוה גוטמאַן—לעווינסאָן

פון פאָריסאָוו ביז בראַזיל

מיין טאַטע יעקב יוסף גוטמאַן האָט זיך פאַרנומען, דער עיקר, מיט וואַלד־האַנדל אויף דער ליניע וואַרשע־אָטוואָצק. ער האָט אויך געפירט אַ מסחר מיט געשניטן האָלץ. ער פלעגט אַרויספאָרן פון שטעטל זונטיק אין דער פרי און אַהיימקומען ערשט פרייטיק, טרעפנדיק שוין צוגעגרייט אַ שבתדיקע שטוב.

איך געדענק נאָך היינט, ווי אין אַ שיינעם חלום, אַז איין מאָל האָט מיין פאָטער געשיקט נאָך מיר אַ ייד וועלכער האָט מיך אַראָפּגעבראַכט אין אַ וואַלד ווו איך האָב געזען אָן אַ שיעור צוזאַמענגעלייגטע און אָנגעשניטענע האָלץ.

בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט דער טאַטע אויפגעשטעלט קאַמערן מיט האָלץ, טאָרף און קאַרטאָפל פאַר אָרעמע־לייט. אין אונדזער סוכה וואָס איז געווען געבויט ווי אַ שטוב מיט אַ סופיט וואָס פלעגט זיך עפענען, האָט געוווינט אַ היימלאָזע יידישע פאַמיליע.

יידן וועלכע האָבן געוווינט אויף דער ליניע וואַרשע־אָטוואָצק, פלעגן, אָנטרעפנדיק זיך אויף מיינע ברידער און שוועסטער, וועלן מיט עפּעס זיי אָפּדינען פאַר דער גוטהאַרציקייט וואָס אונדזער טאַטע האָט זיי אַרויסגעוויזן.

דער טאַטע ע״ה איז קיין מאָל נישט געבליבן שבת, צי יום טוב, מחוץ דער שטוב זיינער. אַזוי צוגעבונדן איז ער געווען צו זיין משפחה־נעסט. די חסידים וואָס פלעגן קומען פון דער פרעמד קיין פאָריסאָוו צום רבין אויף אַ שבת אָדער יום־טוב, פלעגט ער באַצייכענען ווי „חסידים שוטים״ וואָס פאַרשעמען זייערע אייגענע שבת־יומטובדיקע טישן.

אין אַ פרייטאָג־צו־נאַכטס, נאָכן דאַווענען, פלעגט דער טאַטע וואַרטן אין שול ביז די בעלי־בתים האָבן זיך אויסגעקליבן די אָרעמע־לייט, און וויפל

עס זענען געבליבן פלעגט ער אַהיימנעמען מיט זיך און אַוועקזעצן זיי אויבנאָן, לעבן זיך.

שבת־צו־נאַכט פלעגט דער טאַטע נעמען דעם פורמאַן מיט וועלכן ער פלעגט פאָרן און דורך אים צושיקן דאָס נייטיקסטע פאַר אָפּגעקומענע בעלי־בתים.

אָט די אַ מידות פון גוטסקייט, פון טאָן עפּעס פאַר יענעם, האָבן אונדזערע טאַטע־מאַמע איינגעפלאַנצט אין זייערע קינדער, אויפגעהאָדעוועט זיי אין דעם גייסט.

מיין שוועסטער חנה ברכה איז געווען די פרוי פון משה מרדכי פאַרטאַוויטש. רבקה לאה האָט חתונה געהאַט מיט דוד קוכן פון פּאַריסאָוו, רייזעלע — מיט חיים לעווין. תרצה — מיט עזריאל לעוועגט, און אסתר — מיט חיים געבערהאַלץ, מיין ברודער בן־ציונס פרוי האָט געהייסן מנוחהלע, און דעם נאָמען פון מיין ברודער מאירס פרוי דערמאָן איך זיך נישט ווייל זיי האָבן חתונה געהאַט נאָך מיין אַוועקפאָרן קיין בראַזיל.

מיין שוועסטערן־זון נחמן קוכן איז געבליבן איינער פון צווישן זיבן ברידער און שוועסטער. צוזאַמען מיט זיין פרוי צפורה איז ער געקומען קיין ארץ־ישראל נאָך פאַר דעם קריג.

איך האָב צוויי זין: דער עלטערער הייסט: לייב, נאָך מיין מאַנס פאָטער ר' לייב לעווינסאָן. דער יונגערער טראָגט דעם נאָמען יעקב יוסף, נאָך מיין טאַטן עליו השלום.

במשך די פערציק יאָר וואָס מיר וווינען אין בראַזיל, האָב איך מיט־געאַרבעט אויפן געביט פון יידישער נאַציאָנאַלער דערציונג, און געהאָלפן דער חלוצישער יוגנט־באַוועגונג צו וועלכער איך האָב אַליין געהערט נאָך זייענדיק אין וואַרשע. גאַנץ באַזונדערס האָב איך מיטגעאַרבעט מיט דער „פּיאָנערן־פרויען" אָרגאַניזאַציע וואָס עקזיסטירט אין בראַזיל מער פון צוואַנציק יאָר.

נאָך דער שוידערלעכער אויסראָטונג פון יידן אין אייראָפּע דורך די היטלעריסטישע מערדערס, נאָך דעם ווי מיר זענען אַזוי פאַראַרעמט געוואָרן אין אייגענע משפחות און עס זענען געבליבן בלויז איינצלנע רעשטלעך, פאַריתומטע פון אַלץ און אַלעם, איז פאַר אונדז קיין שום אַנדערע טרייסט נישט פאַראַן ווי נאָר דאָס יידישע לאַנד, די פרייע יידישע מדינה און אונדזערע קולטור־אוצרות וואָס האָבן אונדז באַגלייט במשך אַלע דורות און אין אַלע פייערן.

נאָר די צוגעבונדנקייט צום לאַנד, צום פאָלק, צום אייגענעם עבר, צו די גייסטיק־נאַציאָנאַלע יידישע ווערטן קאָן געבן זין און טרייסט אין לעבן, נאָך דעם שרעקלעכן חורבן וואָס אונדזער דור האָט מיטגעמאַכט.

דאַרפן געבענטשט זיין די וואָס באַמיען זיך, אַז דאָס אַלץ וואָס איז אַ מאָל געווען זאָל נישט פאַרגעסן ווערן.

חיה שידלאָוויצקי—באָראָווסקי

מיין באָבע שרה „קאָזאַק"

דער צונאָמען וואָס די באָבע האָט געטראָגן, האָט נישט געמיינט זי צו באַצייכענען ווי אַ יידענע אָן אשת־חיל אָדער ווי עפּעס אַ שלעכטע פרוי. חלילה. דער צונאָמען האָט אַן אַנדערן יסוד. ומעשה שהיה כך היה: מיין זיידע אברהם אלעזר, אָדער, ווי מען האָט אים גערופן: לאַזער, איז געווען אַ קירזשנער, האָט גענייט פּעלצן. די באָבע וואָס איז געווען מער סוחרטע פון אים, האָט זיי פאַרקויפט. איין מאָל איז די באָבע געפאָרן אויף אַ יריד קיין סטאָצק. דער מאַרק־טאָג איז אַריבער זייער שלעכט, מען האָט גאָרנישט געלייזט. ווען זי האָט געהאַלטן אין מיטן איינפּאַקן די סחורה און זיך געקליבן אַהיימצופאָרן, איז אָנגעלאָפן אַ פּויער און האָט געזאָגט, אַז ער וויל קויפן אַ פּעלץ. די באָבע איז געווען אויפגערעגט צוליבן שלעכטן מאַרק־טאָג און האָט נישט געגלייבט, אַז דער פּויער וועט קויפן דעם פּעלץ. זי האָט סתם אַזוי אַ זאָג געגעבן פאַרן פּעלץ אַ צווייפאַכיקן פּרייז און דער פּויער האָט אַרויסגענומען געלט און באַצאָלט וויפיל די באָבע האָט געוואָלט. אַ סוחר פון דער זעלבער בראַנזשע וועלכער איז דערביי געשטאַנען האָט אַ זאָג געגעבן: „אָט איז אַ יידענע אַ קאָזאַק". זינט דעמאָלט איז די באָבע שוין געבליבן ביי דעם צונאָמען.

דער באָבעס מעשים־טובים

נישט געקוקט אויפן שווערן עול וואָס די באָבע האָט אויסגעטראָגן, האָט זי איר פרייע צייט אָפּגעשענקט דעם באַדערפטיקן. נישט ווייט פון פאַריסאָוו, אין דאָרף גלאַסקאָוו, האָבן זיך געפונען מיליטערישע קאָשאַרן. אויף יום־טוב, אָדער, אויף שבת, ווען יידישע זעלנער פלעגן באַקומען אורלויב, פלעגט די באָבע זיי אַריינבעמען צו זיך אין שטוב. דער באָבעס וווינונג איז בסך־הכל באַשטאַנען פון איין צימער וואָס האָט געהאַט אַ ליימענע פאָדלאָגע. כדי צו האָבן גענוג געלעגערס פאַר די זעלנער, פלעגט זי אָפּקלויפן אין אַ סטאָדאָלע אַריין, ברענגען צו שלעפן אַ פּאַק שטרוי, אויסשפּרייטן עס אויף דער ערד און באַדעקן מיט אַ פלאַכטע. וויפל זעלנער עס האָבן זיך נאָר געקאָנט אויסלייגן אויפן שטרוי, אַזוי פיל האָט זי אַריינגענומען צו זיך אין שטוב.

די באָבע פלעגט זאָגן, אַז אין די קאַרטאָפל און אין מעל וואָס געפינען זיך ביי איר איז שטענדיק פאַראַן די ברכה. זי פלעגט עס אויך געבן צו פאַרשטיין דעם זיידן אין אַ פּשוטער שפּראַך, פול מיט אמונה: „אַז איך נעם אַריין צו מיר אין שטוב יידישע זעלנער אין די ימים־נוראים, צי, אין אַנדערע ימים־טובים, און יידישע קינדער ווערן אַזוי אָרום אויסגעהיט פון עסן טריפות, שיקט מיר גאָט צו אַ ברכה אין אַלץ וואָס איז פאַראַן אין שטוב".

די באָבע איז אויך געווען אַ חברה־קדישא־פרוי. נישט איין מאָל פלעגט פאַסירן: די באָבע קומט פון דאָרף, אַ מידע און אַ פאַרמאַטערטע, עפנט גראָד עט־עצער די טיר און רופט זי: „שרה, ס׳איז דאָ אַ בר־מינן". אין אַזאַ פאַל פלעגט די באָבע אפילו זיך נישט אָוועקזעצן, נאָר גלייך אַוועק לויפן און טאָן וואָס מען דאַרף.

יעדן פרייטאָג־צו־נאַכטס, פלעגט די באָבע — אָנגעטאָן איןברייטן פאַרטעך — זיך אַוועקלאָזן צו שטעטלשע באַלעבאָסטעס, און צונויפנעמען פאַרשידענע מאכלים: אַ שטיקל פיש, אַ ביסל יויך, אַ פליגעלע, און דערנאָך עס צוצעטיילן אין שטובן ווו דאָס איז געווען נייטיק.

מיין באָבע האָט אַ סך געטאָן כדי איינצופלאַנצן אין מיר פון אירע גוטע מידות. איר לעבנס־וועג איז פאַר מיר געבליבן הייליק און טייער.

שרה גיטל קופערבוים

זכרונות פון ווייטער פאַרגאַנגענהייט

יצחק מאיר גראָכאָווסקי ז״ל

ווען מיין פאָטער איז געשטאָרבן, איז מיין מאַמע אסתר חיה דודס, געבליבן מיט פינף קינדער: יהושיע, יעקב שלום, נעמי, איך, און ביילע פערל. דאָס יינגסטע קינד איז דעמאָלט אַלט געווען אַנדערהאַלבן יאָר.

די מאַמע, האָבנדיק דעם שווערן עול אויסצוהאַלטן אירע קינדער, האָט אָנגעהויבן צו גיין איבער די דערפער און האַנדלען מיט פאַרשידענע זאַכן. זי האָט קוים אַרויסגעצויגן חיונה, און מיר האָבן זיך אויסגעהאָדעוועט ביי גאָר שווערע באַדינגונגען.

מיין עלטערע שוועסטער, נעמי, האָט חתונה געהאַט מיט יאָסלען — דער זון פון אברהם מאיר, דער מלמד. זיי האָבן געלעבט אין פאַריסאָוו. יאָסל האָט געאַרבעט ביי שוסטעריי. זיי האָבן געהאַט דריי קינדער, און באַוויזן זיי אויפצוציען ביז צום גיין אין דער שולע.

פון אַלע קינדער אין שטוב, בין איך אליין געבליבן, און האָב חתונה געהאַט מיט אריה קופערבוים.

דער טראַגישער טויט פון אברהם יצחק לעווין

זייענדיק נאָך אַ מיידל פון אַ יאָר 15—16, פלעג איך העלפן דער מאַמען און מיטגיין מיט איר איבער די דערפער. אויפן וועג, פלעגן מיר זיך טרעפן מיט נאָך אַנדערע דאָרפגייערס פון שטעטל, ווי: ראָזע באַראָווסקי, שלום

קורצהאַנט (וווינט היינט אין ישראל, אין שכונת התקווה, תל־אביב), און זיין שוועסטער רחל, תירצה מיראַטיס מיט איר טאָכטער פייגע, די ברידער נח און אברהם יצחק לעווין, און אַנדערע.

בערך אין יאָר 1921, אין איינעם אַ פרימאָרגן, איז אַריין צו אונדז אין שטוב אברהם יצחק לעווין, און האָט אונדז גערופן צו גיין צוזאַמען אין דאָרף. די מאַמע מיינע האָט געהאַלטן אין מיטן דאַווענען, און ווען זי האָט געענדיקט, האָט אברהם יצחק אַרויסגענומען פון בוזעם־טאַש אַ פלעשל בראָנפן, געזאָגט „לחיים" און אַ זופּ געטאָן.

מיר זענען אַרויס פון שטוב און געגאַנגען צוזאַמען ביזן דאָרף סטאַריוואָליע. ביים אַריינגאַנג אין דאָרף, האָבן מיר זיך פאַרקירעוועט אויף לינקס, און אברהם־יצחק איז געגאַנגען גלייך, מיטן באַראָווער וועג.

אַ שעה שפּעטער האָט מען אונדז דערציילט, אַז אין באַראָווער וואַלד האָט מען דערהרגעט אַ ייד. מיר האָבן זיך גלייך אומגעקערט, און ווי נאָר מיר זענען צוגעקומען צום קרייצוועג: סטאַריוואָליע — באַראָווע, האָבן מיר געזען פיל יידן לויפן פון פאַריסאָוו. מיר האָבן זיך דערוווּסט פון זיי, אַז אַ באַנדיט האָט דערהרגעט אברהם יצחקן מיט אַ האַק און צוגענומען ביי אים אַלץ וואָס ער האָט געהאַט מיט זיך.

אברהם יצחק לעווין איז געקומען צו קבורה אַ טאָג שפּעטער, גלייך נאָכן פאַלמעסן אים. ער האָט איבערגעלאָזט אַ פרוי און צוויי קינדער.

די קריסטן פון דאָרף באַראָווע האָבן גלייך נאָכן מאָרד אַליין אויסגעפונען דעם מערדער און אים גוט צוצעשלאָגן, זאָגנדיק דערביי, אַז דער וואָס קאָן היינט דערהרגענען אַ ייד, איז מסוגל מאָרגן צו דערהרגענען אויך אַ קריסט.

דער מערדער האָט שפּעטער באַקומען זיין פסק.

טאָבע זילבערשטיין

אונדזער שטוב

מיין טאַטע איז געווען דער זון פון אפרים יאָסל זילבערשטיין וועלכער איז געווען אַ שטאַרק פרומער ייד און האָט געפירט אַ שיינע יידישע שטוב.

דער זיידע האָט געהאַט דריי זין און איין טאָכטער. מיין טאַטע ישראל חיים איז געווען דער עלטסטער אין שטוב. די פויערים איז שווער געווען צו רופן דעם טאַטן ביי ביידע נעמען, האָבן זיי אים גערופן פאַרקירצט: חיימטשע. אויך אין שטעטל האָבן אַ סך מענטשן אים אַזוי גערופן.

מיין פאָטער האָט ווינטער געלעבט פון שוסטעריי און שיין פאַרדינט. זומער האָט ער געהאַלטן מיט שותפים פרוכטן־סעדער. אַ מאָל — מיט ישראלטשען, אַ מאָל — מיט חיים פייוולען, אָדער, מיט אַנדערע. זיי האָבן געהאַנדלט גרויס, געהאַלטן גרויסע סעדער. יעדן ווינטער איז ביי אונדז געווען אַ סך אויבס און מיר האָבן פון דעם נישט שלעכט פאַרדינט.

מיין פאָטערס משפחה האָט פאַרלאָזט פאַריסאָוו און זיך באַזעצט אין פאַלעניץ. די לעצטע יאָרן פאַרן קריג, זענען מיר אַליין אויך אַריבער אַהין וווינען. בלויז מיין שוועסטער ליבע מיט איר מאַן טוביה זענען געבליבן וווינען אין פאַריסאָוו.

אין יאָר 1939, ווען די דייטשן זענען אַריין קיין פאַלעניץ, האָבן זיי צוגענומען אַלע מענער (עס זענען געבליבן בלויז די וועלכע האָבן זיך אויסבאַהאַלטן). דאָס שטעטל גופא איז געווען פאַרברענט. ווען מיין שוועסטער האָט זיך דערוווסט וועגן דער לאַגע אין פאַלעניץ, איז זי געקומען צו פאָרן צו אונדז, געהייסן אַלץ פאַרפּאַקן און אַריבערפאָרן קיין פאַריסאָוו.

ווען עס זענען צו מיר דערגאַנגען, שוין זייענדיק אין פאַריסאָוו, ידיעות, אַז די יוגנט פאַרלאָזט דאָס שטעטל, בין איך אויך אַוועק וווהין נאָר די אויגן האָבן מיך געטראָגן.

אין אומגעדולד האָב איך, במשך יאָרן, געוואַרט אויף דער ענדגילטיקער מפלה פון היטלער־דייטשלאַנד. איך האָב געלעבט אין האָפענונג זיך צו טרעפן מיט אַ סך פון מיינע נאָענטע אין אַ פרייער און בעסערער וועלט. ליידער האָב איך מיין משפחה און דעם רוב פון מיינע נאָענטע נישט געטראָפן, ווייל זיי זענען געוואָרן אויסגעראָטן.

בלויז מיין שוועסטער ליבע און איר מאַן טוביה האָבן זיך געראַטעוועט. זיי וווינען אין ישראל און האָבן צוויי ליבע קינדער. ביידע דינען אַצינד אין צבא־הגנה לישראל.

מאיר פיינזין (ז"ל)

דוד לאַטאָוויצקי

דוד פּייוועס, לאַטאָוויצקי, אָדער ווי מען האָט אים גערופן „דוד לעפּיק", איז געווען אַ שטאַרק רעליגיעזער ייד. זיין פרוי ביילע גיטל איז אויך געווען זייער פרום. דוד איז געווען אַ שוסטער און האָט געאַרבעט פאַר די פּויערים באַשטעלטע שטיוול. ער האָט שווער געאַרבעט אויף אויסצוהאַלטן זיין פאַמיליע וואָס איז באַשטאַנען פון צען קינדער: ניין זין און איין טאָכטער.

דוד איז געווען אַ חבר אין דער חברה־תהילים, און באַזונדערס אין דער חברה־קדישא. איז ווער געשטאָרבן אין שטעטל, האָט דוד גלייך פאַרלאָזט די אַרבעט, אפילו אין ברענענדיקן סעזאָן, צי אין אַ גרויסן פראָסט, און איז אַוועק זיך מתעסק זיין מיטן נפטר. ער האָט קיין מאָל נישט געלאָזט זיך זאָגן „רב" דוד, ווייל ער האָט זיך געהאַלטן זייער עניוותדיק. דוד לאַטאָוויצקי איז נישט געווען קיין גביר, אָבער ער האָט זיך באַמיט צו העלפן אַ נויטבאַדערפטיקן מיט וואָס נאָר ער האָט געקאָנט. ער האָט אויך שטענדיק זיך באַמיט מקיים צו זיין די מצווה פון הכנסת־אורחים און ליב געהאַט, אַז ביי זיין טיש זאָל זיצן אַן אורח און עסן. עס זענען געווען פאַלן ווען ער האָט אַהיימגעברענגט אויף אַ מאָלצייט צוויי אורחים מיט אַ מאָל. ווען זיין פרוי פלעגט אים זאָגן, אַז זי איז נישט צוגעגרייט מיט קיין עסן פאַר צוויי מענטשן, פלעגט ער איר ענטפערן: „מיר עסן יעדן טאָג, נו, וועלן מיר היינט עסן אַ ביסל ווייניקער".

ווען עס איז אויסגעבראָכן די צווייטע וועלט־מלחמה, האָט דוד לאַטאָוויצקי שוין געהאַט אויסגעגעבן אַלע זיינע קינדער. זיי האָבן נישט געוווינט אין פּאָריסאָוו, אָבער וועלנדיק, אין אַזעלכע טעג, זיין צוזאַמען מיט די עלטערן, האָבן זיי זיך אומגעקערט אין זייער געבוירן־אָרט ווו זיי האָבן געטיילט דעם גורל פון דער גאַנצער פּאָריסאָווער עדה.

בלויז דודס צוויי זין: מאיר און אברהם זענען געבליבן לעבן. אָבער, אברהם, וועלכער האָט שוין געהאַט אַ פרוי און אויפגעהאַלטן זיך, גלייך נאָכן קריג, אין דייטשלאַנד, האָט פּלוצלינג געקריגן אַ האַרץ־אַטאַק און איז געשטאָרבן. אַ צעבראָכענער, און כמעט אַ פאַריאושטער, איז מאיר אַוועק פון דייטשלאַנד קיין אַמעריקע. אַ צייט לאַנג האָט ער נישט געקאָנט קומען צו זיך. שפּעטער איז ער צוריק אַריין אין לעבן, האָט חתונה געהאַט און איז היינט אַ טאַטע פון קינדער.

אין אַמעריקע איז מאיר געווען פון די וועלכע האָבן געהאָלפן גרינדן די פּאָריסאָווער לאַנדסמאַנשאַפט.

רחל גלאַטשטיין—וואַלפיש / כפר סבא

אַ שווערער גורל פון אַ פאַמיליע

בעת דער באָלשעוויסטישער אינוואַזיע אין פוילן, אין יאָר 1920, האָבן רוסישע זעלנער, אויפהאַלטנדיק זיך אין פאַריסאָוו, באַרויבט יידישע סוחרים אין שטעטל. אויך אונדזער געוועלב איז געוואָרן באַרויבט און אויסגעליידיקט. אין דער זעלבער צייט, האָבן באָלשעוויסטישע פּאָליטרוקן אַנטוויקלט אין שטעטל אַ פּראָפּאַגאַנדע פאַר דער קאָמוניסטישער רעוואָלוציע, און גלייכצייטיק זענען זיי אַרויסגעטרעטן שאַרף קעגן אַנטיסעמיטיזם. דערמיט האָבן זיי צוגעצויגן צו זיך אַ סך יידישע יוגנטלעכע. ווען די רוסן האָבן זיך עוואַקוירט פון פאַריסאָוו, זענען געווען יונגע יידישע בחורים וועלכע זענען מיט זיי מיטגעגאַנגען. צווישן די איז געווען דער אינטעליגענטער און באַוווסטזיניקער מאיר יאָסל, דער זון פון אשר קאָזלאָווער. זיינע ערשטע באַגייסטערטע בריוו פון נייעם „פאָטערלאַנד" האָבן געמאַכט אַ גרויסן רושם אויף געוויסע יוגנטלעכע אין שטעטל וועלכע האָבן גענומען זיך גרייטן צו עמיגרירן קיין רוסלאַנד. די ערשטע וועלכע האָט זיך געלאָזט אויף דעם וועג איז געווען מיין שוועסטער עלקע. אָנקומענדיק קיין רוסלאַנד האָט מען ביי איר אַלץ צוגענומען און זי אויך איינגעזעצט פאַר אַריבערגיין אומלעגאַל די גרענעץ. נאָך גרויסע שוועריקייטן, האָט זי זיך דערשלאָגן צו מאיר יאָסלען, און זיי האָבן געלעבט אין מאָסקווע ביז עס האָט זיך אָנגעהויבן דער ווילדער געיעג אויף טראָצקיסטן און אַנדערע, אין יאָר 1936. אין דער אָ צייט, איז מיין שוועסטער עלקע געפאַלן אַ קרבן פון דער סטאַלינישער טיראַניע.

נאָך פריער, אין יאָר 1928, האָט מיין ברודער, משה, וועלכער איז נאָך דעמאָלט נישט אַלט געווען קיין גאַנצע אַכצן יאָר, געלעבט אין גאָר שווערע



משה גלאַטשטיין



רחל גלאַטשטיין



צלאָווע גלאַטשטיין,
איר זון יעקב צבי
און זיין טעכטערל

באַדינגונגען: געווען אַרבעטלאָז, געליטן פון הונגער, און כמעט ווי נישט געהאַט קיין היים. ער האָט באַשלאָסן צו גנבענען די גרענעץ קיין רוסלאַנד און אַריבערקומען צו עלקען וועלכע האָט אים טאַקע באַפוילן אַזוי צו טאָן. נאָך דריי הדשים אָפּזיין אין מאָסקווע, איז ער צוריקגעקומען אַן אַנטוישטער, אַ צעבראָכענער. די פוילישע געהיים־פּאָליציי האָט אים אָבער געהאַלטן פאַר אַן אָנגעהעריקן צו דער קאָמוניסטישער פאַרטיי און נאָך זיין אומקערן זיך פון רוסלאַנד, גענומען אים רודפן, אָפּט אַרעסטירן און פּייניקן. מיט דער הילף פון דער פאַרטיי, איז מיין משה אריבער קיין דאַנציג, ווו ער האָט געלעבט זייער פאַראיינזאַמט, אָן אַ קרוב און אָן אַ גואל און געליטן מאַראַליש.

דעם ערשטן יאַנואַר 1930 איז ער געוואָרן קראַנק, און ביז היינט צו טאָג ווייסט מען נישט ביי וואָסערע אומשטענדן מיין ברודער האָט געפונען דעם טויט אין דאַנציג, אין בליענדיקן עלטער פון נייַנצן יאָר.

די פאַמיליע פון מיין פאָטער יצחק גלאַטשטיין איז געווען באַקאַנט אין שטעטל ווי די אייניקלעך פון פאָריסאָווער שוחט מרדכי אלעזר גלאַטשטיין. מיין פאָטער איז געווען אַ סוחר אויף דער וואַרשעווער גאַס, ער איז יונגערהייט געשטאָרבן, און מיין מאַמע, צלאָווע, איז געבליבן מיט פיר קינדער (עלקע, יעקב הערש, משה, און די שרייבערין פון די שורות). אין יאָר 1920, נאָך דעם ווי די באָלשעוויקעס האָבן פון אונדזער געשעפט אַרויסגערויבט די גאַנצע סחורה, האָט די מאַמע, דעמאָלט שוין אַן אלמנה, נישט געהאַט מיט וואָס צו פירן דאָס געשעפט, און דער מצב אין שטוב איז געווען זייער אַ ביטערער. דעמאָלט איז געקומען מיין מומע ברכה פון ווישעגראַד, און מיך גענומען צו זיך. זי האָט מיך דערצויגן אין רעליגיעזן גייסט, געלערנט מיך שרייבן און דאַווענען, און מיך געשיקט אין אַ בית־יעקב שולע. איך האָבן איר אויך געהאָלפן אין איר געשעפט. מיט דער צייט, בין איך געוואָרן אַ זעלבסטשטענדיקע סוחרטע, געפאָרן קיין וואַרשע איינ־קויפן סחורות, און כ׳האָב זיך דערוואָרבן אַ נאָמען און אָנזען ביי די סוחרים. מיר איז טאַקע געווען נישט שלעכט, אָבער איך האָב שטאַרק געווייטיקט איבער דער שווערער לאַגע פון מיין מוטער, שוועסטער און די ברידער. דער עלטסטער ברודער יעקב הערש האָט געהאַט אַ שווערע יוגנט. אָן אַ טאַטן, האָט ער אַליין זיך געלערנט צו האַלטן אַ פעדער אין האַנט, און שפּעטער, זיך אויס־געלערנט אויף אַ פאַך. יעקב הערש איז געשטאָרבן אין לאַנד, דעם 5־טן יוני 1968. עס זענען געבליבן: זיין פרוי און אַ זון וועלכע וווינען אין תל־אביב.

אין יאָר 1939, בעתן אויסבראָך פון קריג, איז מיין מאַמע, געקומען צו מיר פון פאָלעניץ. זי איז פאַרבליבן אין פאָריסאָוו ביזן גירוש, און האָט געטיילט דעם גורל פון אַלע יידן, אומגעקומענע אויף קידוש־השם.

אַלטער קליימאַן / כפר־סבא

מיין משפחה אין פאַריסאָוו

זייענדיק נאָך אַ יונגער בחור, בין איך אַ מאָל געקומען קיין פאַריסאָוו, אויף אַ באַזוך, צו מיין משפחה — די גלאַטשטיינס. ווען איך בין אַריין אין בית־המדרש און כ׳האָב גערעדט דאָרט מיט מענטשן, האָב איך געזען פאַר זיך ערלעכע, תמימותדיקע יידן.

שפּאַצירנדיק איבער די גאַסן פון שטעטל, האָט מיך אָפּגעשטעלט דער פאַריסאָווער גלח און געבעטן ביי מיר אַ נדבה פאַרן קאָשטשאָל וואָס איז געווען אין מיטן בויען. דער דאָזיקער גלח איז אַרומגעגאַנגען איבער יידישע הייזער און האָט געזאַמלט געלט פאַרן קאָשטשאָל.

אין שטעטל האָט מען מיר אויך דערציילט אַז נישט ווייניק קריסטן קומען צום רבין ר׳ יעקב הערש און בעטן אים ער זאָל מתפּלל זיין זיי זאָלן געהאָלפן ווערן אין זייערע ענינים.

מיין עלטער־פעטער, ר׳ מרדכי אלעזר שוחט, דער פאָטער פון די גלאַטשטיינס אין פאַריסאָוו, איז געווען אַ הויכער, גלייך ווי אַ סאָסנע־בוים און שטאַרק ווי אַ דעמב. אויך זיינע זין: נחמן (האָט געהאַנדלט מיט ברעטער, געווען אַן ערלעכער מענטש) און יצחק (געהאַט אַ גאַלאַנטעריע־געשעפט, געהאָרעוועט שווער אויף פרנסה) זענען געווען הויך־געוויקסיקע און געזונטע. דער דריטער זון, משה, איז געווען העכער פון אַלע. צו ערשט — געווען שוחט אין פאַרשידענע ערטער אין פוילן, און דערנאָך, איבערגענומען בירושה, דעם טאַטנס פּלאַץ און איז געוואָרן שוחט אין פאַריסאָוו.

דער איידעם פון מיין עלטער־פעטער איז געווען דוד לעווין, אַ מלמד. ער איז געווען אַ זעלטן גוטער מענטש.

מאיר שלמה באָרנשטיין / יפו

אַ משפחה פון „עמך" מענטשן

מיין זיידע, דעם טאַטנס פאָטער, משה באָרנשטיין, איז געווען אַ מלמד און אַ שטאַרק פרומער ייד. אין יאָר 1930 איז ער קראַנק געוואָרן און געבליבן אין בעט פיר יאָר ביז ער איז געשטאָרבן. די באָבע מרים האָט נאָכן זיידנס טויט אָנגעהויבן האַנדלען מיט מילכוואַרג און זי האָט זיך דערנערט פון דעם ביזן אויסבראָך פון קריג, אין יאָר 1939.

מיין מאַמעס פאָטער ישראל גינגאָלד איז געווען אַ שוסטער. כמעט אַלע זיינע זין האָבן געצויגן חיונה פון דעם פאַך.

מיין פאָטער שמואל מאַנעס איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1905 און האָט חתונה געהאַט אין יאָר 1923. איך בין געווען דער עלטסטער אין שטוב און נאָך מיר זענען געבוירן געוואָרן נאָך פיר קינדער: צוויי שוועסטער און צוויי ברידער. מיר האָבן געוווינט אויף דעם רבינס גאַס, אין צווייטן הויז פון בית־המדרש.

דער טאַטע איז געווען אַ קאַמאַשן־מאַכער. ער האָט געשטעפּט כאָלעווקעס פאַר שוסטערס.

דער טאַטע האָט געדאַוונט אין קאָזשעניצער שטיבל. ער האָט אויך זיך אָפּגעגעבן מיט געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. ער איז געווען אַ מיטגליד אין פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין און האָט אַנטייל גענומען אין דראַמאַטישן קרייז ביים פאַראיין.

מיין מאַמע רחל האָט געפירט דיווירטשאַפט אין שטוב, געהאָדעוועט די קינדער און אויך געהאָלפן דעם טאַטן אין זיין אַרבעט.

מיין משפחה איז באַשטאַנען פון לויטער „עמך" מענטשן, פשוטע און ערלעכע יידן.

* *
*

קורץ פאַרן אויסבראָך פון צווייטן וועלט־קריג האָבן מיר פאַרלאָזט פּאָריסאָוו און זיך באַזעצט אין שטעטל ראָקיטנע, ראָוונער וואָיעוואָדסטווע. לויטן ריבנטראָפּ־מאָלאָטאָוו־אָפּמאַך, איז ראָקיטנע, ווי אַנדערע טיילן וואָלין, געבליבן אונטער דער הערשאַפט פון ראַטנפאַרבאַנד. דעם 22 יוני 1941 איז אויסגעבראָכן דער קריג צווישן דייטשלאַנד און רוסלאַנד, און מיין טאַטע איז געוואָרן מאָביליזירט דורך די רוסן. ער האָט געדינט אין אַ פּאַנצער־אָפּטיילונג.

לויט ידיעות וואָס זענען צו מיר דערגאַנגען, איז דער טאַטע מיינער געבליבן לעבן ביז נאָך דעם קריג. ער איז געווען פאַרוווּנדעט אין אַ פוס וועלכן

מען האָט געמוזט אַראָפּנעמען. בעת דער אָפּעראַציע האָט ער באַקומען אַ בלוט־פאַרגיפטיקונג און איז געשטאָרבן, אין יאָר 1945.

ווען מען האָט דעם טאַטן מאָביליזירט, אין יאָר 1941, האָב איך אַליין זיך אַוועקגעלאָזט טיפער אין רוסלאַנד, איבערלאָזנדיק די מאַמע מיט די ברידער און שוועסטער אין ראַקיטנע.

אין יאָר 1942, האָט מען מיך מאָביליזירט אין דער רוסישער אַרמיי און איך בין אַוועקגעשיקט געוואָרן אויפן פראָנט. במשך די יאָרן פון קריג האָב איך אָנטייל גענומען אין העפטיקע קאַמפן קעגן די דייטשן.

ביזן יאָר 1957 האָב איך געוווינט אין ראַנטפאַרבאַנד און דאַן האָב איך זיך אומגעקערט, מיט מיין פאַמיליע, קיין פוילן.

זייענדיק אין פוילן האָב איך געזוכט אַ געלעגנהייט זיך אַראָפּצוכאַפּן קיין פּאַריסאָוו. דעם 19־טן אַפּריל 1958, אין אַ זונטיק אין דער פרי, בין איך אַרויסגעפאָרן פון וואַרשע קיין פּאַריסאָוו און אַרום ניין אַ זייגער בין איך שוין געווען אין שטעטל.

אויפן פּלאַץ לעבן קלויסטער איז געווען שטיל און רויק. קיין לעבעדיק נפש האָט זיך נישט געזען אין גאַס. אַלע שטעטלשע גויים זענען געווען אין קלויסטער. איך האָב אויסגענוצט די געלעגנהייט און דורכגעשפּאַצירט די גאַסן פון שטעטל. איך בין צוגעקומען צום אָרט וווּ עס האָט זיך געפונען דער גטאָ. איך האָב דאָרט געזען אַ באַרג מיט ציגל און שטיינער. איך האָב אַליין נישט געפילט, אַז טרערן האָבן מיר אָנגעהויבן רינען איבערן פּנים. אַ וויטיק האָט געשניטן ביים האַרץ. איך האָב מיר געטראַכט: אָט איז געווען אַ יידיש־שטעטל, אַ שפּרודלדיק לעבן, מיט פרומע און פרייע יידן, רייכע און אָרעמע, אַ סך אָרעמע — און געבליבן איז אַ באַרג מיט ציגל און שטיינער!... איך בין אַוועק צום הייליקן אָרט און געזען, אַז אויך די טויטע האָט מען נישט געלאָזט במנוחה, אַז די מצבות זענען געוואָרן אַרויסגעשלעפּט פון די קברים.

אַ זייגער עלף בייטאָג, ווען די גויים האָבן אָנגעהויבן אַרויסגיין פון קלויסטער, האָט מען אין ווינקל פון דער פאָסט־גאַס געעפנט די „גאַסטפאַדע" און איך בין אַריין קויפן פּאַפּיראָסן. ביי אַ טיש זענען געזעסן עטלעכע יונגע שקצים און ווען זיי האָבן מיך דערזען, האָבן זיי מיך געפרעגט אין פויליש:

„וואָס, ייד, ביסט געקומען אַהער זוכן פאַרמעגנס? טראָג זיך אָפּ כל זמן דער קאָפּ איז גאַנץ". לעבן זיי איז געשטאַנען אַ פּוילישער פּאָליציאַנט און האָט געהערט זייערע רייד צו מיר. אָבער ער האָט זיך גלייך אָפּגעטראָגן. גראָד אין יענעם מאָמענט איז אָנגעקומען אַן אויטאָבוס פון גאַרוואָלין. איך בין שנעל אַריין אין אויטאָ און כ'האָב פאַרלאָזט פּאַריסאָוו.

אין יאָר 1960 בין איך מיט מיין פאַמיליע אָנגעקומען קיין ישראל.

ווי מען האָט מיר איבערגעגעבן, איז מיין זיידע ישראל גרינגאָלד

אומגעקומען אויף אַן אכזריותדיקן אופן: אין שטוב צו אים, אויף קאָזלאָווער גאַס, זענען, אין אַ געוויסן טאָג, אין יאָר 1939, אַריין צוויי ס.ס.לייט און האָבן אים באַפוילן אַרויסצוגיין צו אַרבעט. ווען ער איז אָרויס פון שטוב, האָט איינער פון זיי אים געגעבן אַ צייַן בערשטעלע און געהייסן אים מיט דעם רייניקן דעם ברוק. ווען דער זיידע האָט זיך אַראָפּגעבויגן צו דער ערד, האָט איינער פון די צוויי ס.ס.לייט אויסגעשאָסן און אים דערהרגעט.

אין תל־אביב לעבט מיין טאַטנס אַ שוועסטער, פון דער היים — גליקע באָרנשטיין.

עס זענען אויך געבליבן מיין מאַמעס צוויי ברידער: אהרן גינגאָלד, וועלכער וווינט אין מאָסקווע, מיט אַ פרוי און צוויי קינדער, און מאיר שלמה גינגאָלד — אין ישראל.

וועלוול וואַמפּאַן

דאָס הויז און די משפחה

דאָס הויז אין וועלכן מיר האָבן געוווינט איז איבערגעגאַנגען צו אונדז בירושה פון זיידן וועלוול אַלשעווסקי. עס האָבן אין דעם הויז געוווינט זיינע קינדער און אייניקלעך וועלכע זענען דאָ געבוירן געוואָרן, האָבן זיך דאָ דערצויגן. קיין גרויס לוקסוס איז אין דעם הויז נישט געווען. איין טייל האָט געלעבט פון קליין־האַנדל און איין טייל — פון אַרבעט. די אַרבעטער האָבן געהערט צום פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין, האָבן ערלעך פאַרדינט זייער שטיקל ברויט און זענען געווען צופרידן פון דעם וואָס זיי האָבן דערגרייכט.

פרייטיק פאַר נאַכט, צי ערב יום טוב, האָט דאָס הויז באַקומען אַן אַנדערן אויסזען: ס'איז געוואָרן ריין און ציכטיק. ברענענדיקע שבת־צי יום־טוב־ליכט האָבן באַלויכטן דאָס געמיט און ס'איז געוואָרן פריילעך אויפן האַרצן.

אין אַזעלכע מינוטן פלעגט די משפחה זיך צונויפטרעפן אין הויף און מען פלעגט זיך דערציילן מעשיות וועגן אַלץ און אַלעם און וועגן פאַרגאַנגענע דורות, באָבעס און זיידעס, אאַז"וו. די יוגנט האָט אין דער זעלבער צייט געחלומט וועגן דער פאַרווירקלעכונג פון גרויסע אידעען, וועגן אַ צייט ווען עס וועט זיין בעסער און שענער ווי עס איז...

אַזוי האָט געלעבט אַ משפחה פון פשוטע־ערלעכע מענטשן, ביז עס זענען געקומען די היטלעריסטן, די נאַציס, און האָבן צוגעזלט די פרייד, די מנוחה, געטריבן אַלעמען אין געטאָ אַריין און פון דאָרט, נאָך פיין און לייד, קיין טרעבלינקע, ווו אַלע זענען פאַרפייניקט געוואָרן צום טויט.

ווי איך האָב זיך דערוווסט איז מיין ברודער יהושע וואַמפאַן געשטאָרבן אין רוסלאַנד.

מאיר פיינזין (ז״ל)

אַ שטעטל אָן דאָקטוירים...

יאַנקל דער פעלדשער

יאַנקל דער שערער האָט זיך אויך פאַרנומען מיט היילן קראַנקע, און דווקא געהאַט אַ סך דערפאָלג. יאַנקל האָט געשטעלט באַנקעס, געמאַכט לעוואַטיוועס, געגעבן ריצנאייל, ביטערזאַלץ, און שטענדיק געהאַט מיט זיך אַ טערמאָמעטער. קיין מעדיצינען האָט יאַנקל נישט פאַרשריבן, בלויז געגעבן עצות ווי אַזוי זיך נוהג צו זיין מיטן קראַנקן. די פויערים פלעגן אים רופן „פאַניע דאָקטאָר״. זיין פאָפּולאַריטעט איז דערגאַנגען ביז די ווייטסטע דערפער אין דער סביבה. נישט איין מאָל פלעגן פויערים קומען צו אים פון ווייטע מקומות און זיך נאָכפרעגן אין שטעטל אויפן „סטאַראָזאַקאָנני דאָקטאָר״.

יאַנקל „רופא״ פלעגט אָפט מאָל אַרויספאָרן צו קראַנקע אויפן דאָרף. אין אַזאַ פאַל פלעגט ער מיטפירן מיט זיך אַזאַ „סודותדיק״ וואַליזקעלע אין וועלכן ער האָט געהאַלטן ווי עס איז געווען זיך משער צו זיין, אַלע זיינע „מעדיצינישע כלים״.

זיין ערשטע פראַגע וואָס ער האָט געשטעלט אַ קראַנקן, איז געווען, צי ער הוסט, צי ער האָט נישט דעם מאָגן, און וואָס ער האָט געגעסן פאַרן קראַנק ווערן. נאָכן באַקומען דעם ענטפער, האָט ער געשטעלט דעם „דיאַגנאָז״ פון דער קראַנקהייט, און געגעבן זיין מעדיצינישע הילף.

יאַנקל „רופא״ פלעגט באַקומען אַ סך מתנות פון די פויערים וועלכע האָבן דורך דעם געוואָלט אויסדריקן זייער דאַנקבאַרקייט דעם „דאָקטער״ פאַר ראַטעווען זייערע קראַנקע.

דער פוילישער פעלדשער פיאָנטקאָווסקי

אין שטעטל איז אויך געווען אַ פוילישער פעלדשער מיטן נאָמען פיאָנטקאָווסקי. ער האָט געהאַט אַ גוטע באַציונג צו יידישע און נישט יידישע קראַנקע. די רעצעפּטן וואָס ער האָט פאַרשריבן זענען געוואָרן אָנגענומען אין אַפּטייק. ווען זיינע רעצעפּטן האָבן נישט געהאָלפן, האָט ער געשיקט דעם קראַנקן קיין גאַרוואָלין. אין זיין מעדיצינישער פּראַקטיק האָט ער זיך באַנוצט מיט די זעלבע מיטלען מיט וועלכע עס האָט זיך באַנוצט יאַנקל „רופא״.

עלקע די אַקושערקע

עלקע די אַקושערקע, אָדער ווי מען האָט זי גערופן אין פאַריסאָוו: „עלקע קאָזאָק״, איז געווען די איינציקע הייבאַם אין שטעטל. זי האָט אָפּגענומען קינדער סיי ביי יידן און סיי ביי קריסטן.

ווען קיין פּאָריסאָוו איז אָנגעקומען אַ דיפּלאָמירטע אַקושערקע, האָט זי נישט געהאַט וואָס צו טאָן. די געווינערינס האָבן גיכער געוואָלט זיך אָנגעטרויען עלקען, איידער דער דיפּלאָמירטער אַקושערקע.



עלקע די אַקושערקע און אירע אייניקלעך

די פּוילישע מאַכט־אָרגאַנען האָבן זיך אַריינגעמישט און האָבן פאַרבאָטן עלקען אָפּצונעמען קינדער, אָבער — אָן הצלחה. עלקע איז ביזן טיפן עלטער געבליבן די אָנגענומענע אַקושערקע אינעם שטעטל.

אסתר גוטריימאַן—קעניג

זכרונות פון דער היים

סעפטעמבער 1914. אין איינער אַ נאַכט האָט אַ קלאַפּ אין פענצטער־לאָדן מיך אויפגעוועקט פון שלאָף. איך בין דעמאָלט אַלט געווען „גאַנצע" זיבן יאָר. אין יענעם טאָג אין אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה און דער טאַטע ע"ה איז מאָביליזירט געוואָרן אין דער רוסישער אַרמיי.

מיין מאַמע איז דעמאָלט געבליבן מיט פיר קינדער, אָן אַ פּאַך אין האַנט און אָן מיטלען צום מסחר. נישט האָבנדיק קיין אַנדערן אויסוועג, האָט זי גענומען האַנדלען מיט מילך. צו יענער צייט זענען אין פּאַריסאָוו געווען גענוג מילך־הענדלערס און ממילא איז מיט פרנסה נישט געווען אַזוי ל'ייכט.

געדענק איך ווי היינט דעם פאַקט: מיין זיידע שמואל (שמילקע) גוטריימאַן וועלכן מען האָט גוט געקענט אין שטעטל, איז אַוועק מיט דער מאַמען און מיט מיר צו זיינס אַ יוגנט־חבר חיים דוד וועלכער האָט געהאַט אַ שפייזגעוועלב אַנטקעגן דער „טומאה" און ער האָט צו אים אַזוי געזאָגט: „חיים דוד, וואָלט נישט געווען קיין קריג, וואָלט איך נישט געקומען צו דיר מאַנען אַ חוב וואָס האָסט גענומען ביי מיר מיט יאָרן צוריק. נאָר ווייל מיין זון איז מאָביליזירט אין מיליטער, בעט איך דיך, אַז זאָלסט מיין שנור געבן יעדע וואָך אַ פּאַקעט עסנוואַרג אויפן חשבון פון חוב". חיים דוד האָט גלייך באַשטעטיקט דעם זיידנס בקשה און מיר האָבן באַקומען שפייז־פּראָדוקטן וואָס זענען אונדז שטאַרק צונוץ געקומען.

דער טאַטע מיינער איז געווען אין דער מלחמה גאַנצע פיר יאָר. איך דערמאָן זיך ווי היינט: איך בין געלעגן אין בעט מיט אַ צעבראָכענעם פוס און פלוצלינג זענען מענטשן אַריין צו אונדז אין שטוב — ישראל קאַרמאַן איז געווען דער ערשטער — אָנזאָגן די בשורה, אַז דער טאַטע איז אָנגעקומען אין שטעטל, אַז אָט אָט קומט ער אַריין אין שטוב. די גרויסע פרייד און וואָס ס'האָט זיך דעמאָלט אָפּגעטאָן ביי אונדז אין שטוב איז נישט צום באַשרייבן.

דער טאַטע האָט אונדז שפּעטער דערציילט אַלע זיינע איבערלעבונגען אין די קריגס־יאָרן און מיר האָבן נייגעריק זיך צוגעהערט צו אַלע זיינע רייד. די גרעסטע פרייד אונדזערע איז אָבער געווען וואָס מיר האָבן צוריקגעקריגן אַ טאַטן.

גלייך נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָבן מיר זיך איבערגעצויגן קיין וואַרשע. פריינד און קרובים האָבן אונדז אָפּט געפּלעגט באַזוכן. אָן אויסנעם איז געווען מיין זיידע. ער איז נישט געקומען צו אונדז קיין וואַרשע, כאָטש מיין

טאַטע פלעגט יאָ קומען צו אים, קיין פּאַריסאָוו. ביז היינט צו טאָג ווייס איך נישט די סיבה דערפון.

איין מאָל, אין אַ שיינעם העלן טאָג, האָט דער זיידע זיך באַוויזן ביי אונדז אין שטוב, אין וואַרשע. עס איז פאַר אונדז געווען אַ גרויסע איבערראַשונג. ווען דער טאַטע מיינער האָט אים געפרעגט וואָס עס האָט פּאַסירט, האָט דער זיידע געענטפערט: „שאַ, שאַ!, איך בין נישט געקומען צו דיר, נאָר צו מיין אסתרלען". באַלד דערנאָך האָט ער צוגעגעבן: „אסתרל וועט דאָך פאָרן קיין ארץ־ישראל און אַז זי וועט דאָרט געבוירן אַ זונעלע וועט זי אים אַ נאָמען געבן נאָך מיר, ער וועט הייסן שמואל".

ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, האָט דער זיידע זיך דערוווּסט אַז מיין מאַן איז אַוועקגעפאָרן קיין ארץ־ישראל, און דעריבער איז ער ספּעציעל געקומען קיין וואַרשע זיך פאַרזיכערן, אַז ווען עס וועט ביי מיר געבוירן ווערן אַ יינגל זאָל עס טראָגן זיין נאָמען. און אַזוי איז טאַקע געווען. מיין מאַן מיכאל איז געקומען אין לאַנד אריין אין יאָר 1935, און איך — אין 1939. נאָך מיין זיידנס טויט, ווען איך האָבן געבוירן אַ יינגל, האָב איך אים אַ נאָמען געגעבן שמואל, אַזוי ווי דער זיידע האָט געהייסן.

מיינע זכרונות פירן מיך צוריק צו מיין זיידן. בעת זיין פלוצלינגדיקן קומען קיין וואַרשע וועגן וואָס איך האָב אָקערשט דערציילט, האָבן מיר אים אויפגעהאַלטן ביי אונדז עטלעכע טעג, ביז איבער שבת.

דער זיידע האָט אונדז דעמאָלט דערציילט פאַרשידענע מעשיות און איינע פון זיי איז געבליבן ביי מיר אין זכרון:

איין מאָל איז ער געגאַנגען אין שטעטל מיט שאולקען און זיי האָבן גערעדט וועגן פאַרשידענע ענינים. מיט אַ מאָל גיט אים שאולקע אַ זאָג: „שמואל, קענסט מיר אפשר באָרגן עפּעס געלט?" דער זיידע האָט לאַנג נישט געטראַכט, אַרויסגענומען דעם טייסטער און נישט פרעגנדיק אים וויפל ער דאַרף, געזאָגט צו שאולקען: „נעם וויפל דו ווילסט". שאולקע האָט אויף אים אָנגעשטעלט אַ פּאָר אויגן, און דער זיידע האָט נאָך אַ מאָל איבערגעחזרט דאָס זעלביקע: „נעם וויפל דו ווילסט, ווען דו וועסט האָבן וועסטו מיר צוריק־געבן". שאולקע האָט אַרויפגעלייגט זיינע הענט אויף מיין זיידנס קאָפּ און אים געבענטשט.

שפּעטער, ווען דער זיידע איז געפאָרן אויפן יאַריד, האָט ער אויספאַרקויפט אַלע שיך וואָס ער האָט געהאַט מיטגענומען מיט זיך, און נאָך געמוזט נעמען ביי אַנדערע. מיר האָבן געפרעגט דעם זיידן ווען שאולקע האָט אים צוריקגעגעבן דאָס געלט, האָט ער אונדז געענטפערט: „ער האָט מיך געבענטשט, האָב איך נישט געוואָלט ביי אים צוריקנעמען דאָס געלט".

דאָס איז דער איינציקער סיפור־המעשה וואָס איז געבליבן אין מיין

געדעכעניש פון יענע עטלעכע נעכט וואָס מיר האָבן פאַרבראַכט מיטן זיידן אין וואַרשע. מער האָב איך אים נישט געזען. מען האָט מיר דערציילט, אַז דער זיידע איז געשטאָרבן אין שבת, און צו מאָרגנס, ווען די לויה איז פאָרגעקומען, זענען אַלע געשעפטן געווען געשלאָסן.

דער זיידע איז געווען אַ פשוטער מענטש, אָבער — מיט אַ וואַרעם יידיש האַרץ.

טשאַרנע אייכנער

מיין חרובע שטוב

מיין טאַטן האָט מען אין שטעטל גערופן אשר ראובנס. מיין מאַמע האָט געהייסן חנה. מיר זענען געווען אין שטוב זעקס קינדער: פיר שוועסטער (אַחוץ מיר — חיה, אסתר און צירל) און צוויי ברידער: מאיר און משה.

מיין פאָטער איז געווען אַ מאָדערנער מענטש און אין דעם גייסט האָט ער דערצויגן זיינע קינדער. מיר זענען געקומען אין קולטור פאַראיין און מיר האָבן אויך אַנגעהערט צום פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין, צוזאַמען מיט גרשון רובין און זיין פרוי דינה, ישראל קאָרמאַן, אשר און הערש אָסיפּ און נאָך פיל אַנדערע. מיר פלעגן דאָרט זיך טרעפן אויף פאַרזאַמלונגען, פאָרלעזונגען, אאַז״וו. מיר פלעגן אויך שפּילן אין דראַמאַטישן קרייז. די דאָזיקע תקופה איז פאַר אונדז געווען די שענסטע אין אונדזערע יוגנט־יאָרן.

כשהתרמילים על גבינו, בוססנו בחולות. עברנו על פני בית־העלמין הפוריסובאי, והמצבות החשופות־הבהירות דמו אז בעיני לגופות־אדם שעלו מתוך הקברים כדי להיפרד מאתנו, מאלה העוזבים אותם בימים כה סוערים.

נפגשנו במקום שעליו נדברנו מראש. התיישבנו בעגלה ונסענו במהירות, כשלפנינו מטרה אחת: להגיע בהקדם לנהר בוג, לעבור את הגבול ולהימצא בצד הרוסי.

ומעבר לגבול...

בדרכים עקלקלות הגענו למלקין. לפני שעברנו את הנהר בוג נאלצנו למסור לגרמנים את הכסף ואני עם בני־משפחתי זכינו לקבל מהם מכות „יבשות" בלבד. מאושרים, רצנו אל „הפס הנייטראלי" שהפריד בין הגרמנים לבין הרוסים, ברם כאן חיכתה לנו הפתעה בלתי נעימה: הרוסים לא נתנו לנו להתקרב אליהם. מהצד הגרמני הגיעו ללא הרף פליטים יהודים מוכים ושותתי־דם ואף הם לא יכלו, כמונו, להתקדם לעבר שטח הכיבוש הרוסי. ירד הלילה וטרם ידענו מה יעלה בגורלנו. הילדים היו עייפים ואחוזי־שנה. השכבנום על הקרקע, תחת כיפת־השמים וכיסינום, או עטפנום בבגדים שהיו ברשות כל אחד מאתנו. לפתע החל לרדת שלג יבש שהתפשט על האדמה כשטיח לבן. אמהות מודאגות התכופפו מעל ילדיהן למען לא יפול עליהם השלג. בחוסר סבלנות חיכינו לכך שהרוסים ירשו לנו, סוף־סוף, להיכנס לתחומם, ברם רשות זו בוששה לבוא.

עברו ימים אחדים ועדיין נמצאנו תחת כיפת השמים, על אדמת ה„פס הנייטראלי". תוך זמן קצר זה התחילו להופיע קברים שנחפרו לילדים שגוועו מקור ומרעב. לילה אחד מצאנו שביל שלא נשמר על ידי החיילים הסובייטים. אספנו את הילדים והתחלנו במרוצה עד שהגענו לתחנת הרכבת הראשונה בצד הרוסי — זארומב קושצ'יילני. בהגיענו לשם, מצאנו את עצמנו בקרב המון של אלפי אנשים מיואשים ורצוצים שהמתינו לרכבת לביאליסטוק. כשהרכבת הזאת סוף סוף הגיעה, החלה ריצה פרועה אל הקרונות. פרצתי לקרון פנימה דרך החלון והכנסתי דרכו את כל בני־משפחתי.

בהגיענו לביאליסטוק לא ידעתי לאן ללכת. נתחוור לי מיד שאף תמורת תשלום אין להשיג חדר. הרחובות, בתי־הכנסת ובתים ציבוריים אחרים היו מלאים פליטים. לפתע הופיעו משאיות רוסיות שהחלו לחלק לחם. משאיות אלה לקחונו לאיזה כפר בו עמדו דירות ריקות והושיבו בכל בית 3 משפחות. במשך שמונה ימים קיבלנו אוכל וביום התשיעי הופיע אדם שהציג את עצמו כמנהל בית־חרושת גדול באוראל. הלה הציע לנו לצאת לשם לעבודה בתנאים טובים מאוד. החלטתי לנסוע לשם, וכמוני, עשו גם אחרים. אלה שנרשמו לנסיעה קבלו קצת כסף ביד ולפי הוראותיו של מנהל בית־החרושת הנ"ל, נסענו, ביום שנקבע, לביאליסטוק, כדי לצאת משם לאוראל הרחוקה.

בביאליסטוק פגשתי את הפוריסובאים: ישראל רובינשטיין, שמחה בונם

קאַפוטה, שמואל אלי׳ גוטריימאַן ואחרים. הללו אמרו לי כי אין בדעתם כלל להישאר אצל הרוסים וכפי הנראה יחזרו „לצד ההוא״. אכן, הם עשו כפי שאמרו: חזרו לגרמנים, ואנחנו — שלוש משפחות פוריסובאיות: אני ואשתי עם שלושת ילדינו, שלמה קופרבוים ואשתו עם שני ילדיהם ויעקב גוטריימאַן עם אשתו וילדם — יצאנו לאוראַל הרחוקה והבלתי ידועה לנו עד אז.

באוראל הקרה

בראשון בינואר 1940, יצאנו, כאלף איש, מביאליסטוק, ברכבת משא שקרונותיה היו מותאמים לטרנספורטים צבאיים. חמישים ימים וחמישים לילות נסענו ברכבת זו עד שהגענו לאוראל, למקום הנושא את השם: או ואָזאָט אוראַל, ואגון זאַבוד (תאַקיל). במקום זה נמצא בית־חרושת המייצר קרונות־משא בשביל קוי הרכבת הסובייטית.

הקור הגיע לחמישים מעלות מתחת לאפס וכשיצאנו מהקרונות ראינו לעינינו רוסים מבוגרים וצעירים כשהם לבושים פרוות, חבושים כובעים עמוקים ולרגליהם — המגפיים הרוסיים המפורסמים תחת השם „ואליאנקי״. הם חטפו במהירות את הילדים, עטפום בפרוותיהם והכניסום לבית סמוך, לאולם גדול ומחומם מאוד. באולם זה ניגנה תזמורת והרוסים יצאו בריקוד עם ילדינו. בילינו במקום זה במשך כל הלילה, אכלנו, שתינו, ולמחרת קיבלה כל משפחה דירה מרוהטת ומסודרת בכל. העניקו לנו עשרה ימי מנוחה ואחר כך הלכנו לעבודה, כל אחד — במקצועו, או לבנית בתים.

כאמור, היה שם כפור גדול, אך קיבלנו בגדים חמים ולא סבלנו מהקור.

בדצמבר 1940, גרמתי, בגלל אי־זהירות, לתקלה במכונה שלידה עבדתי והנזק היה רב. בבית־המשפט דנוני לשנת מאסר. אסרוני והעבירו אותי למחנה לפושעים חמורים.

במחנה טאַראַ־קולוניה

המחנה הראשון שאליו נשלחתי היה במחוז סברדלובסק וקראו לו טאַראַ־קולוניה. הוא שכן במרחק של קילומטרים אחדים מהעיר טאַראַ ותפס שטח של שני קילומטרים מרובעים. את המחנה הקיפה גדר שהתנשאה לארבעה מטרים. כל חמישים מטרים עמד מגדל בו ישבו שומרים מזויינים. במחנה זה היו כ־12 אלף אסירים: גברים, נשים ואף ילדים. היו כאן מחלקות לענפי־עבודה שונים: נגרות, מסגרות ויערנות. האסירים יצרו ארגזים שהוטענו אחר כך על הקרונות שהמתינו להם. את העץ סיפק לנו יער־עד שהקיפנו. כן עבדו גם במחנה בסנדלרות, בתפרות ובחייטות.

התגוררנו בצריפי־עץ. החדרים היו נקיים והיו בהם כל השרותים, אף מקלטי־רדיו. כל יום קיבלנו עתון. היה גם אולם קריאה ובו ספרים רבים. בערבים יכולנו להיפגש עם אנשים שונים ולשוחח. באולם זה למדו בני־נוער לנגן בכלי־מוסיקה שונים, ואנשים פשוטים יכלו ללמוד קרוא וכתוב.

במחנה פיאצ׳אָראַ

כתום שלושה חדשים העבירוני, יחד עם רבים אחרים, למחנה אחר. 14 יממות נסענו ברכבת עד שהגענו לתחנה האחרונה קאָטלאַש, בה מסתיים לחלוטין קו הרכבת הרוסית. מכאן הלכנו רגלי עד לפיאָצ׳אָראַ (על שם נהר גדול העובר במקום ההוא). התקדמנו עוד מספר קילומטרים והגענו למקום בו ראינו שמים ושלג בלבד. המזון שקיבלנו היה לקוי מאוד ודל. פעם ביום נתנו לנו קצת מים ושני צנימים. ישנו תחת כיפת־השמים, על השלג, והתחממנו ליד מדורות. אחרי כן שוב הלכנו כשלושה ימים, והתעכבנו במקום בו נאמר לנו שכאן אנו נשארים ועלינו להקים בעצמנו אהלים למגורים.

תפקידנו במקום זה היה לסלול רכבת מפיאָצ׳אָראַ לויאָרקוטה — מרחק של 600 ק״מ, בקירוב. במשך שבועות אחדים רוכזו במקום זה כ־100 אלף אסירים. תנאי־החיים היו כאן קשים מאוד. חשופים בפני הקור ורעבים, עבדנו בסיתות אבנים ובחפירת אדמה קפואה. במקום זה נפלו קרבנות רבים, אך הנחת הקו הושלמה...

כאזרחים פולניים...

יום אחד הגיעתנו ידיעה שפרצה מלחמה בין גרמניה לבין רוסיה. מיד אחרי כן באה פקודה אשר קבעה שאלה מן האסירים שהיו עד שנת 1939 אזרחים פולניים, משתחררים. אספונו, נתנו לנו קצת בגדים, שולם לנו תמורת העבודה ושוחררנו. רוב האסירים נסעו, בראש וראשונה, לאתר את קרוביהם או משפחותיהם שמהם נותקו. חזרתי לאוראַל ולא מצאתי את משפחתי במקום בו השארתיה לפני שעצרוני. אחרי מאמצים מרובים איתרתיה. שמחתנו היתה רבה. בפרט, כאשר בפרק זמן שנעדרתי מן הבית גדלה משפחתי בבת שנולדה לי אחרי שעזבתי את אשתי בימי הריונה האחרונים. אשתי סיפרה לי שביום בו אסרוני כדי לשלחני למחנה, תקפוה צירי לידה. הדבר קרה בעת שנפרדה ממני והיתה בדרך הביתה. בעוברה חורשה אחת כרעה לפתע ללדת. השתרעה על פני השלג וקראה לעזרה. בכתה ולא יכלה להרים קולה בשל החולשה. לפתע הופיעה עגלה ובה זוג איכרים. הם אספוה עם הולד והעבירוה לבית־החולים, שם עשו הרופאים מאמצים להציל אותה ואת התינוקת.

בעת שחזרתי מהמחנה פגשתי איפוא בת שגילה היה קצת פחות משנה.

לאחר שהצלחתי להסתדר בעבודה והתחלתי להרוויח יפה, פורסם צו שלפיו היינו חייבים לעזוב את המקום. התחלנו שוב לנדוד והגענו, בראשית ינואר 1942 לטשקנט.

בטשקנט

האקלים בטשקנט היה יותר קל. ירדו שם פתיתי־שלג, אך לא היה כפור. העיר היתה מלאה פליטים חסרי קורת־גג. המונים ישנו תחת כיפת־השמים.

גם אני ומשפחתי היינו במצב דומה. התחלתי איפוא לנדוד ממקום למקום, עד שהתעכבתי בקולחוז קירגיזי במחוז פרונזה, אחרי צ׳קאָלוב. הגענו לשם שבורים ורצוצים. מחציתה של משפחתי נלקחה לבית־החולים ואילו אני ובני התחלנו לעבוד בקולחוז.

חיינו בקולחוז קירגיזי

בקולחוז ניתן לנו מבנה מגורים שהיה מרוחק קילומטר אחד משאר מבני־המשק. מבנה זה, ארבעה קירות היו לו, עשויים מטיט כשעליהם גג עשוי אף הוא מטיט. קיבלנו מהנהלת הקולחוז עגלה מליאה קש שצריך היה לשמש לנו לבישול ולחימום. אמצעי־חימום אחרים כלל לא היו. ליד הדלת חפרנו בור, שמנו עליו מספר אבנים, הצתנו את הקש והתחממנו כנגדו. היות ולא היה לנו אף כלי אחד, לא יכולנו להרתיח את המים שאני ובני סחבנו מן ההרים הסמוכים.

בעת שאשתי וילדי חזרו מבית־החולים, כבר עבדנו, אני ובני, בקולחוז, כטרקטוריסטים, ועשינו הכל כדי להקל עלינו את החיים. העמדתי כיריים בתוך החדר, קשרתי צרורות־קש, הדלקתים וחיממנו את ביתנו. כולנו ישנו על הרצפה שהוצעה בקש. אחרי זמן נמצאה שוב כל משפחתי ואני בתוכה, בבית־החולים ושכבנו בו חדשים אחדים. לאחר שיצאנו את בית־החולים שבנו לביקתה שלנו. מרוענן קצת ומאושש, חזרתי לעבודה.

שנת 1943 היתה בשבילנו הקשה בשנות המלחמה. תמורת ק״ג אחד לחם והפיסת חמאה של מאה גרם, נתנה אשתי טבעת זהב.

בשנה זו נלקחו רבים מיהודי פולין לצבא הרוסי ומספר רב מהם נפלו בחזיתות, במלחמה נגד הגרמנים. ביניהם נפל גם הפוריסובאי, ידידי הבלתי נשכח וחברי הטוב אברהם שמואל קאהן.

* *
*

הודות לעזרתו של הועד הפולני אשר פעל באזורנו והודות לעבודתי, עברנו את כל הקשיים וזכינו לראות בסופה של המלחמה.

ה„רפטריאציה״

— — — ואז התחיל פרק חדש של יסורים וסבל.

רצינו לעזוב, ככל המהר, את רוסיה ולהגיע הביתה, לפוריסוב, לראות מה נעשה אצל היקרים אותם השארנו בימים קשים להם. שמענו ואף קראנו את אשר עוללו הגרמנים ליהודים בשטחים הכבושים, אך לא האמנו כי כל הסיפורים נכונים. סברנו כי מטעמים תעמולתיים חייבים להגזים במעשי־הזוועה של הגרמנים. רצינו לקוות שבבואנו ל„שם״ עדיין נמצא רבים מקרובינו, מיקירינו.

בינתיים הכינותי לי ולמשפחתי את כל המסמכים הדרושים למען נוכל לצאת את רוסיה. פעמים אחדות ביקרתי בועד הפולני ושם פגשתי את בן־עירנו שמואל סוקול שאף הוא התכונן לחזור לפולין.

ב־1 במאי 1946, יצאנו ממקום מגורנו. תזמורת רוסית ליוותה אותנו עד לרכבת, ואזרחים רוסיים נפרדו מאתנו בלבביות.

13 ימים ארכה הנסיעה עד שהגענו לתחנת הרכבת הרוסית האחרונה. בתחנה זו עלו אנשי נ.ק.וו.ד. ולקחו מאתנו את הדרכונים הרוסים. ב־14 במאי, בבוקר, נמצאנו בצד הפולני.

„קבלת פנים" פולנית מסורתית...

שעתיים בלבד נסענו ברכבת בשטחה של פולין העצמאית ומיד זכינו ל„קבלת־פנים חמה מאוד". פשיסטים פולניים עצרו את הרכבת, פרצו לקרונות והחלו לשדוד אותנו ולהכותנו. צעקותינו הגיעו עד לב השמים. לבסוף עזר לנו האלוקים והרכבת החלה לנוע. נשמנו לרווחה, אך בתוך הרכבת היה מספר רב של יהודים פצועים.

בהגיענו לעיר סרנה עצרה הרכבת לזמן יותר ממושך. ישבנו סגורים בתוך הקרונות כי פחדנו להראות את עצמנו בפני הפולנים. לפתע שמע מישהו מאתנו מלה הגויה באידיש. פתחנו את דלת הקרון שלנו ולפנינו ניצב בחור יהודי, תמיר וחסון ורובה לכתפו. הלה סיפר לנו שהיה פרטיזן ביערות וכעת הינו היהודי היחידי בעיר סרנה. הואיל והיה לנו זמן, לקח אותנו הפרטיזן היהודי להורשה סמוכה והצביע לנו על קבר־אחים מגודר שבו, לדבריו, מצויות גופותיהם של כ־30 אלף יהודים ירויים, מסרנה ומהסביבה. יהודי ישיש, חזן ושוחט לשעבר בעיר קטוביץ אשר נסע עמנו מרוסיה, אמר „אל מלא רחמים" והפרטיזן אמר „קדיש".

שבורים ורצוצים חזרנו לרכבת. בפעם הראשונה קיבלנו מושג יותר מציאותי על מעשיהם הרצחניים של הגרמנים והיינו מוכי תדהמה.

מסרנה הגענו לרובנה. פגשנו שם יהודים ושוב הוליכונו לקבר־אחים של כ־24 אלף יהודים שנרצחו על ידי הגרמנים ועוזריהם. את אשר ראינו בעינינו הקפיא את דמנו בקרבנו. שארית התקוה שנשאנו בלבותינו על יקירינו כבתה, נמוגה. עתה נרתענו מפני הפגישה של פנים אל פנים עם החורבן העצמי בעיירת מולדתנו.

בשצ'צ'ין

הרכבת שלנו דהרה בינות יערות ושדות, חלפה על פני כפרים וערים. הנה כבר הגענו ללודז והמשכנו לנסוע. עברנו את תחנת הרכבת פוזנאן הפולנית והמשכנו עד לעיר שצ'צ'ין אשר בשלזיה — אדמת גרמניה שסופחה לפולין. היתה זאת התחנה הסופית במסענו הארוך.

היום הראשון בשצ'צ'ין עבר עלינו בהתרוצצויות. אלה רצו לתפוס דירה גרמנית עזובה ואלה — לועד היהודי המקומי כדי לקבל בגדים, חפצים ומצרכים. בערב, אחרי שסיימתי את כל עניני ויכולתי לפוש קמעה, גמרתי בלבי לא

להמתין זמן רב, ולהקדים ולנסוע, ככל המהר לפוריסוב, כפי שתיכננתי עדיין ברוסיה.

משצ'צ'ין לפוריסוב

בימים ההם היתה נסיעה של יהודי ברכבת פולנית כרוכה בסכנת נפשות, ברם לא שמתי לב לכך. עליתי על רכבת ואחרי נסיעה ארוכה הגעתי סוף־סוף לפילווה. שכרתי עגלה שהיתה נהוגה בידי פולני. העגלה עצמה היתה מוכרת לי ואף יכולתי להיזכר מי היה בעליה. כעבור זמן קצר הגענו לפוריסוב ועגלון עצר במרכז העיירה, במקום בו היו העגלונים היהודיים עומדים עם עגלותיהם.

על חורבות העיירה

ברדתי מהעגלה עמדתי תוהה ומבולבל. עיני היו פקוחות, אך ראיתי הכל כמתוך ערפל. דמיתי בנפשי כי הנה תפתח האדמה את פיה ותבלעני. רעדתי כולי. עם זאת השתדלתי לא לאבד עשתונותי. הבטתי בעגלות שעמדו במרחק־מה ממני ונזכרתי בימים „הרחוקים" — והרי הם לא היו רחוקים כל כך — בהם היו נשים פוריסובאיות רבות באות לכאן עם בניהן כדי להמתין לשובם של בעליהן מוורשה הגדולה ולעזור להם לסחוב את הצרורות שהיו מביאים עמם.

„היכן הם, כולם ?" רציתי לזעוק באמצע הרחוב, „היכן הם, האבות, האמהות ובניהם ?"

שאלתי את עצמי: לאן עלי להיכנס ? אצל מי אני יכול להיוודע את קורות בני־העיירה, ואשר עבר עליהם ?

ראיתי לפני עיירה שרופה. רק בית־המדרש עמד על תלו. רגלי הוליכוני לשם. הדלתות והחלונות היו מכוסים קרשים עבים. ניגשתי ל„עזרת־נשים" ומצאתי את הדלת פתוחה. לפתע הופיע שוטר פולני. הוא שאלני מה מעשי פה. סיפרתי לו שבאתי לחפש את אחי ואת אחיותי, את שארית יהודי העיירה. השוטר פרץ בצחוק, הביט בי כמי שמביט באדם שירד מדעתו. „בעולם הבא" תפגוש אותם, לגלג עלי, אין לך מה לחפש כאן. הצבעתי על הדלת המובילה לבית־המדרש הגדול ושאלתי מה משמש עתה מקום זה. „בית־סוהר" — השיב לי השוטר. ברשותו נכנסתי פנימה ועיני חשכו. לא היה סימן לרצפה ואילו קירות בית־המדרש, ספוגי תורה ותפילה — היו הרוסים.

בבית־המדרש

לבי קונן בקרבי. בדמיוני ראיתי את יהודי העיירה, את בעלי־המלאכה העייפים, הרצים, כעלות השחר, לתפילת בוקר בציבור. נזכרתי בכל אלה שהיו עוזבים את עסקיהם ובאים להתפלל מנחה־מעריב ומתיישבים ליד שולחנות ללמוד.

הנה הם: משה חיים „יוסלס", ר' משה „ברוכס" ור' שמואל לייזר. ליד כל אחד מהם — קבוצת יהודים. זה לומד משניות, זה אומר שיעור בגמרא, וזה — מתוך ספר אחר. הסך הכל הוא שקול התורה נשמע ברמה.

משום מה נזכרתי בתפילתו של ר' אברהם שמואל החזן, בברכת החודש שלו. קול האריה של ר' אברהם שמואל הדהד באזני: „חיים ארוכים, חיים של שלום" — — —

והנה הימים הנוראים בבית המדרש... ר' אברהם שמואל אומר „ונתנה תוקף". „מי יחיה ומי ימות. מי בחניקה ומי בסקילה" — — —

הנני חש שצעקה נכונה לפרוץ מתוך גרוני ולמלא את חללו של בית־המדרש שהפך לבית־סוהר. „מי ימות?" והרי עדה יהודית שלימה נספתה בכל המיתות המשונות! הכל נסקל, נשרף, נהרג ונחנק!

ברחתי משם וירדתי למקום בו עמד בית־הכנסת המפואר שלנו. גויי העיירה והסביבה פירקוהו. סחבו את הלבנים שלו, שדדוהו, לא השאירו זכר...

ימים אחדים בפוריסוב

מכל הסיפורים ששמעתי מפי הפולנים, נתברר לי כי חלקם בטרגדיה שלנו אינו מועט. טיילתי לי ברחובותיה של העיירה, חיפשתי זכר לחיים יהודיים — ולא מצאתי. הייתי עייף, שבור ורצוץ, והתפללתי לאלוקים שיתן לי כוח לזכור ויכולת לרשום את אשר ראיתי והרגשתי ברגעים בהם דרכתי, יהודי אחד ויחיד על אדמת העיירה החרובה — האדמה שספגה לתוכה דם יהודי רב, דם אחים ואחיות.

* *
*

בלכתי ברחוב, פגשתי מכר פולני — וולאדק סירוקיס. הלה סיפר לי על 39 היהודים שנמצאו אחרי הגירוש והוצאו להורג. הוא ראה, בין השאר, את אשר ראובנס ומשפחתו, את יוסל מורסקי ומשפחתו, ואחרים. הוא נפרד אז מהם והם בכו, ביודעם כי מובילים אותם למוות. שלושה ימים אחרי כן מצאו עוד 12 יהודים, ביניהם: אברהם לדרייך ומשפחתו ואברהם יוסף ואשתו. כולם הושלכו לתוך באר ישנה בחצרו של נחום הפחח ונורו למוות. וולאדק הוליכני עד לגדר של בית־הקברות הפולני והצביע על מקום קבורתן של שתי בנותיו של נחמן (גלאטשטיין). כן הראה לי את קברם של ברק דרוונובסקי, מ.ח. פוסקולינסקי ומשה פיאטצקי.

אותו יום פגשתי מכר אחד — מונייק הומנקיס. הלה הזמינני לביתו שהקים על מגרש שהשתייך לאבי וביקשני למכור לו את המגרש ולסדר את כל העניינים המינהליים הכרוכים בכך. רציתי לדעת ככל היותר את אשר קרה ליהודי העיירה ועל כן התעכבתי אצלו ימים אחדים. בביתו של מונייק היתה משרתת זקנה. בוקר אחד, כשמארחי, מונייק ואשתו, יצאו לעבודה בשדה, פתחה הזקנה פיה והחלה לספר לי על חלקם של הפולנים בעיירה בכל הצרות

שנגרמו ליהודים בגיטו ועל מעשי השוד שביצעו בבתיהם אחרי שגורשו מהם. כולם, אמרה, חיים עתה מרכוש יהודי ששדדו. גם בעל־הבית שלה שעמד בראש מיפקדת מכבי־האש בעיירה, לא טמן ידו בצלחת ועזר לגרמנים.

בריונים פולניים מפוריסוב, המשיכה לספר לי, תפסו את שני האחים משה ומאיר קוסמן שבאו מן היער כדי לבקש ממכרים קצת לחם ומסרום בידי הגרמנים. משה איצ׳ה בעל האטליז, היה כל הזמן חבוי אצל פולני אחד בעלית ביתו ושילם לו טבין ותקילין. באחרונה היה חולה ובעת נסיגת הגרמנים, כשהציתו את העיירה, נשרף משה איצ׳ה בתוך הבית בו התחבא.

אצל נוצריה אחת הסתתר ילד אחד ממשפחת גלאטשטיין. לשאלתי מה עלה בגורלו של ילד זה, ענתה לי הזקנה כי הוא איננו עוד בעלמא הדין.

תוך כדי שיחה אמרה לי האשה הזקנה: אתה יודע, אדון קופרבוים, ישנה כאן יהודיה לשעבר, היא חיה בעיירה, אך כבר כנוצריה. שאלתיה היכן אשה זו גרה ואחרי שמסרה לי את כתובתה, סרתי לביתה. האשה הכירתני. דיברנו פולנית יען כי התקשתה כבר לדבר אידית. סיפורה היה קצר: ביום הגירוש, בעת שהלכה אל ככר השוק להתייצב, שמעה פתאום כי קוראים אחריה. אדם בלתי מוכר לה לקחה בזרועו ושאלה: לאן את הולכת? בואי עמי. היא הלכה עם האיש הזר שהינו כעת בעלה. שנתיים ומחצית השנה החביא אותה, הצילה ממוות. עתה היא כבר אמא לילד שילדה לו.

טיול בחוצות העיירה

יצאתי מביתה של האשה ולבי שבור. לא ידעתי לאן אלך. פגשתי גויים מכרים, נכנסתי לבתיהם ואצל כולם ראיתי רהיטים יהודיים, חפצים וכלים יהודיים. מרוב כאב וצער עזבתי את בתיהם.

שרכתי רגלי לאטי ונכנסתי לרחוב של הרבי. נזכרתי בשושלת האדמו״רית שמלכה כאן, בהמוני החסידים שהיו מגיעים לשבתות ולחגים כדי להסתופף בצלו של הצדיק, ועתה שמם הרחוב. חיפשתי את ידידי, את חברי, את כל אחי ואחיות, אדוקים כחילונים, ולא מצאתים, כי לא היו.

עזבתי את הרחוב של הרבי והתעכבתי במקום בו שכנה אגודת התרבות („דער קולטור־פאַראיין״). נזכרתי במייסדיה, הלא הם: גרשון רובין ואשתו דינה, אברהם שמואל קאהן, אריה רבינוביץ׳, נח לוין, יוסלה גוטרמאַן ואחרים. כן נזכרתי בחוג הדרמטי עליו נמנו: שמואל אלי׳ גוטריימאַן, יוסל פיירקוביץ׳, חנה פייגה גוטריימאַן, לאה קויפמן, שבע רייכמאַן, אברהם שמואל קאהן, נח לוין וכותב הטורים האלה.

בעוברי על פני השוק נזכרתי בביתו הגדול והיפה של ר׳ יצחק מנדל גולדמאן, בעל האחוזה של פשונקה שהיה כה אהוב על כולם ונספה יחד עם בני־משפחתו. אכן, היו אלה זכרונות בלבד, ללא כל שייכות עם המציאות המרה, האכזרית.

חורבן בית־העלמין

— — — רגלי הוליכוני אל עברה של פוריסוב. נפשי חשקה לראות את בית־העלמין של פוריסוב לשעבר, את אהלם של צדיקי פוריסוב.

ואוי לעינים שראו זאת!

אף אבן לא נותרה. בהמות רעו על פני משטח אדמה גדול. כל העצים שהיו — נעקרו, והמצבות — כאילו מעולם לא עמדו כאן.

נכנסתי לביתו של שומר בית־העלמין, ומצאתיו יושב במנוחה. הלה הכירני. ממנו שמעתי כי בשנת 1943 באו גרמנים ועקרו את כל המצבות. בעקבותיהם באו איכרים מכפרי הסביבה וסחבון לבתיהם שלהם.

„יהודים נודדים, סיפר לי אגב זאת, ניסו להתחבא בבית־העלמין, אך ביודעי שהגרמנים מבקרים תכופות במקום זה ומחפשים יהודים, יעצתי להם כי ימצאו להם מקומות־מחבוא אחרים. רבים הקשיבו לדברי והסתלקו מכאן, אך מי יודע לאן הלכו?

לילה אחד, המשיך בסיפורו, הופיעה היהודיה רבקה קורץ וביקשה לחפור לה מחבוא מתחת לקבר, ובשמעה את דברי, הלכה לה. גם הירש אוסיפ ביקש להסתתר בבית־העלמין עם כל משפחתו ואחרי שהזהרתיו, פנה לפיינקי".

ה„קדיש" האחרון על בית העלמין

לא יכולתי להקשיב עוד לדיבורו. יצאתי בחפזון את ביתו של שומר בית העלמין לשעבר, נעמדתי בשדה הפתוח ואמרתי „קדיש". נטלתי ידי והסתלקתי מהמקום.

עתה לא חיפשתי עוד אדם. לא היה לי עוד מה לחפש בפוריסוב שלי. חשתי עצמי זר ומיותר במקום בו חיינו, גדלנו, הקימונו משפחות, במקום בו השארתי אחים ואחיות והם עונו, והומתו ואף המתים נושלו ממנוחת הנצח שלהם.

מבטי ננעצו בשמים הרחוקים, כי על האדמה שעליה עמדתי, לא רציתי עוד לראות נפש חיה.

מאיר לאַטאָוויצקי
טוביה מילער

פּאַריסאָוו אונטער דער בלוטיקער מאַכט פון די דייטשן

די לעצטע וואָכן און טעג ערב דעם מלחמה־אויסבראָך צווישן דייטשלאַנד און פוילן, אין סעפּטעמבער 1939, זענען געווען אַ קאָשמאַר פאַר די יידן אין פוילן. מען האָט גוט געוווּסט, אַז מער פון אַנדערע וועלן פון אַ מלחמה ליידן די יידן ווײַל מען דער היטלעריזם און היטלער אַליין האָבן פּאַרויסגעזאָגט — אין פאַל פון זייער נצחון — דאָס סאַמע ערגסטע.

דאָס וואָס די דייטשן האָבן שוין געהאַט באַוויזן צו טאָן מיט די יידן אין דייטשלאַנד גופא, איז גענוג געווען כדי אַנצוואַרפן אַ פּחד אויף די יידן אין פוילן.

די שרעק איז געשטיגן פון טאָג צו טאָג. זי האָט אַרומגענומען אַלע יידישע ישובים אין פוילן, און פאַרשטענדלעך, אויך דאָס יידישע שטעטל פּאַריסאָוו.

סעפּטעמבער 1939

— — — און דער טאָג פאַר וועלכן מ׳האָט זיך אַזוי געשראָקן, איז אָנגעקומען. פרייטיק פאַרטאָג, דעם 1־טן סעפּטעמבער 1939, איז דייטשלאַנד באַפאַלן פוילן. דייטשע עראָפּלאַנען האָבן באָמבאַרדירט שטעט און שטעטלעך. דאָס דייטשע מיליטער האָט דורכגעריסן פּוילישע פראָנטן וועלכע האָבן נישט אויסגעהאַלטן די ערשטע שלאַכטן. כמעט אומגעשטערט, האָבן די דייטשע אַרמייען מאַרשירט איבער די פּוילישע שאָסייען, פאַרנומען שטאָט נאָך שטאָט, געגאַנגען אויף וואַרשע כדי צו דעראָבערן דאָס האַרץ פון דער מדינה.

גלייך אין די ערשטע מלחמה־טעג זענען קיין פּאַריסאָוו דערגאַנגען ידיעות וועגן דעם וואָס די דייטשן טוען אָפּ מיט יידן אין די ערטער ווו זיי קומען אַריין, און יעדן איינעם איז באַפאַלן אַן אימה.

אין שטעטל גופא האָט מען נאָך נישט אַזוי שטאַרק געפילט דעם אויסבראָך פון דער מלחמה. אין די ערשטע טעג האָט מען נישט געזען קיין דייטשן זעלנער. די פּוילישע באַפעלקערונג האָט נאָך אָנגעהאַלטן באַציונגען מיט די יידן — שכנים פון דור־דורות. מ׳האָט נאָך אויך נישט געפילט דאָס אויספאַלן פון שפּייזוואַרג ווייל מענטשן האָבן נאָך אָנגעהאַלטן קאָנטאַקט מיטן דאָרף, מיט דער פויערישער באַפעלקערונג.

אָבער שוין אין יענע טעג, האָבן אָנגעהויבן אָנקומען קיין פּאַריסאָוו

יידישע פליטים פון יענער זייט ווייסל, פון די אַרומיקע שטעטלעך, און באַזונדערס פון גאַרוואָלין, וואָס איז געוואָרן שוידערלעך באָמבאַרדירט און כמעט אין גאַנצן צעשטערט. צוליבן צופלוס פון מענטשן, האָט מען אָנגעהויבן שפּירן אין שטעטל אַ מאַנגל אין ברויט און אין אַנדער עסנוואַרג. אָבער נישט דאָס טייל־ווייזע פעלן פון ברויט האָט געמאַטערט די יידן אין פּאַריסאָוו. די שוידערלעכע שילדערונגען פון די פליטים וועגן די אכזריותדיקע מעשים פון די דייטשן, האָבן שווער געווירקט אויף מענטשן, און מען האָט מורא געקריגן פאַר דעם וואָס עס קען, אָדער וועט געשען אין די קומענדיקע טעג.

די ערשטע דייטשן אין פּאַריסאָוו

דעם 17.9.1939, אין טאָג, ווען די רוסישע אַרמיי האָט איבערגעטראָטן די פּוילישע גרענעץ כדי צו אָקופּירן אַ טייל פון פּוילן — אין הסכם מיטן מאָלאָטאָוו־ריבענטראָפּ־אָפּמאַך — האָט אין שטעטל זיך באַוויזן דער ערשטער פּאַטראָל פון דער דייטשער אַרמיי וואָס האָט מאַרשירט צום טייך בוג.

די דייטשן האָבן גלייך אַרויסגעוויזן ווער זיי זענען און וואָס מ׳קאָן פון זיי דערוואַרטן. זיי האָבן געכאַפּט אין גאַס שמואל גאָלדבערג, דעם צוקערלעך־מאַכער און געריסן ביי אים די האָר פון דער באָרד ביז בלוט. צווישן די יידן אין שטעטל איז געוואָרן אַ בהלה. מען איז אַריינגעלאָפן אין די שטובן און מען האָט זיך אויסבאַהאַלטן. די דייטשן האָבן אַ גאַנצן טאָג אַרומגעשפּאַצירט איבער די ליידיקע גאַסן פון שטעטל, און אָנהייב אָוונט, זענען זיי אַוועק אין דער ריכטונג פון גאַרוואָלין.

יעדע עטלעכע טעג האָבן די דייטשן געמאַכט אַ באַזוך אין שטעטל, געכאַפּט עטלעכע יידן, זיי געפּייניקט, געצוווּנגען זיי צו רייניקן די גאַסן, און — אַוועק. וויסנדיק, בערך, ווען די דייטשן כאַפּן זיך אַריין קיין פּאַריסאָוו, פלעגן די יידן זיך דעמאָלט נישט באַווייזן אין גאַס און אַזוי אַרום האָבן זיי אויסגעמיטן אומזיסטע לייד.

אין די אַ טעג זענען פרומע יידן נאָך געגאַנגען פריי שבת צום דאַווענען, זיי האָבן געטראָגן שבתדיקן לבוש, און זענען געווען צופרידן פון דעם וואָס זיי קאָנען נאָך קומען אין שול און תפילה טאָן, אויסגיסן דאָס האַרץ, פול מיט פחד, פאַרן רבונו־של־עולם.

יידישע יוגנטלעכע לויפן אויף דער רוסישער זייט

צווישן די יוגנטלעכע אין שטעטל האָט זיך געפירט אַן אַגיטאַציע צו אַנטלויפן אויף דער סאָוויעטישער זייט. אַ סך פון זיי האָבן טאַקע אַזוי געטאָן, און פאַרלאָזט דאָס שטעטל. אָבער, נישט וויניק זענען צוריקגעקומען, צעשלאָגענע און באַרויבטע דורך דייטשן אין וועמעס הענט זיי זענען אַריינגעפאַלן, בעתן

דערנענטערן זיך צו דער גרענעץ. נישט געקוקט דערויף, האָבן יוגנטלעכע ווייטער געצויגן צום טייך בוג, כדי אַריבערצוכאַפּן זיך אויף דער סאָוויעטישער זייט.

נישט גרינג איז געווען דאָס שיידן זיך פון קינדער מיט זייערע עלטערן. אין אַ סך שטובן האָבן זיך אָפּגעשפּילט האַרצרייסנדיקע סצענעס. עס זענען געווען עלטערן וואָס האָבן געוויינטיקט צוליב זייער בלייבן אַליין, און אויך, ווייל זיי האָבן נישט געוווּסט, צי זיי וועלן נאָך, ווען עס איז, זען זייערע קינדער פאַר די אויגן. דאַקעגן זענען געווען עלטערן וועלכע האָבן אַליין צוגערעדט זייערע קינדער צו פאַרלאָזן די היים, און טאָן אַלץ כדי צו ראַטעווען זייערע יונגע לעבנס.

פון בריסק וואָס איז געווען באַזעצט דורך די סאָוויעטן, זענען אָנגעקומען די ערשטע גרוסן פון פּאַריסאָווער אַנטלאָפענע. עס האָט געהייסן — לויט די דערהאַלטענע ידיעות — אַז דאָס לעבן אויף דער סאָוויעטישער זייט גייט גאַנץ נאָרמאַל. נישט מער וואָס מען פאַרלאַנגט פון די פּליטים פון פּוילן, זיי זאָלן זיך רעגיסטרירן צו פאָרן אויף אַרבעט טיף אין רוסלאַנד. פון אַ צווייטער גרופּע — צווישן זיי: מאיר מאַרסקי, מאיר באַראָווסקי און יהושיע גאַלאַרסקי — זענען אָנגעקומען נישט אַזעלכע דערמוטיקנדיקע ידיעות. זיי האָבן געטאָן צו וויסן פון בריסק, אַז עס איז דאָרט נישטאָ קיין פּלאַץ ווו דעם קאָפּ אָנצולייגן; אַלע שולן זענען פול מיט פּליטים, און אַ סך שלאָפן, פּשוט, אויף דער גאַס. זיי האָבן אויך מודיע געווען אַז עס איז שווער מיט עסן, און פיל מענטשן ליידן פון הונגער.

אין מאַרץ 1940, זענען מאיר מאַרסקי, מאיר קרופּסקי און חיים גאַלאַר־סקיס זון, צוריקגעקומען קיין פּאַריסאָוו. זייער צוריקקומען, און דאָס אַלץ, וואָס זיי האָבן דערציילט וועגן לעבן אויף דער סאָוויעטישער זייט, האָבן אָפּגעהאַלטן יידן פון פאַרלאָזן דאָס שטעטל, ווו דער מצב איז געוואָרן ערגער פון טאָג צו טאָג. עס איז שווער געוואָרן אָנצוהאַלטן דעם קאָנטאַקט מיט די פּויערים פון דער געגנט, און בלויז דרייסטע און איינשטעלערישע מענטשן, האָבן זיך אַרויסגעריסן אין די נאָענטע דערפער, אויפגעקויפט דאָרט בהמות, תבואה־און־אַנדערע פּראָדוקטן. דאָס אַלץ איז געטאָן געוואָרן אין געהיים און מ'האָט געדאַרפט אויסמיידן זיך אָנצוטרעפן אויף דייטשע מיליטער־לייט, זשאַנדאַרן און פּאָליאַקן.

דער יודנראַט און דער געטאָ

לויטן באַפעל פון דער דייטשער מאַכט איז אין פּאַריסאָוו געשאַפן געוואָרן אַ יודנראַט. ער איז באַשטאַנען פון די פּערזאָנען: אהרן גלאַטשטיין (פּרעזעס), יאַנקל צימליך (פאַרטרעטער), אפרים בעקער, משה חיים פּאַסקאַ־לינסקי, משה קלייטמאַן, שמואל ראָזנבערג, שמואל רויזן, בערעק דרעוונאָווסקי (דער שוסטער), יחיאל באַראָווסקי און וועלוול חנה יהודיתעס.

אין נאָוועמבער 1940, איז געקומען די דייטשע פאַראָרדענונג צו שאַפן אַ געטאָ פאַר יידן אין פאָריסאָוו. די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג האָט געדאַרפט אַריינגעשטופט ווערן אין רבינס גאַס, אין דער פשיאוליצאַ גאַס, און אין איין זייט פון דער גאַרוואָלינער גאַס. אַזוי ווי אין די דערמאָנטע גאַסן האָבן געוווינט פאַליאַקן וואָס האָבן דאָרט געהאַט זייערע ווירטשאַפטן, איז זיי געלונגען אויסצופועלן ביי די דייטשן צו קענען בלייבן ווינען אין יידישן געטאָ וואָס איז נישט געוואָרן אַרומגעצוימט.

דאָס עצם פאַרלאָזן אַלטע איינגעאָרדנטע היימען, קראָמען און וואַרשטאַטן — אַ סך פון זיי, איבערגעגאַנגענע בירושה פון עלטערן — האָט שרעקלעך געווירקט אויף מענטשן, האָט זיי צעבראָכן און ווי געטאָן.

מען איז געלאָפן פון די וווינונגען ווי פון אַ שריפה, כאַפנדיק מיט זיך וואָס נאָר מען האָט געקאָנט. די צעטומלטע, אין בהלה־לויפנדיקע יידן, זענען, כסדר, אונטערגעטריבן געוואָרן דורך די יודנראַט־מענטשן וועלכע האָבן גערופן: „גיכער, גיכער, דער דייטש וועט שיסן".

די בעל־מלאָכות אין שטעטל האָבן, אין אַנהייב, געפלאַנט איינצואָרדענען וואַרשטאַטן אין געטאָ, אָבער די ענגשאַפט איז געווען אַזוי גרויס — 10—15 נפשות אין איין צימער — אַז עס איז נישט געווען ווו עפעס אַוועקצושטעלן. מיטגעשלעפטע פעק פון די אַלטע היימען האָבן זיך געוואַלגערט אין די גאַסן.

צום ערגסטן איז געווען דער מצב פון די בעל־עגלות. זיי האָבן מיט־גענומען אין געטאָ אַריין זייערע פערד און וועגענער, און נישט געהאַט זיי ווו אַוועקצושטעלן. זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז זיי וועלן פון זייער פאַך נישט קאָנען מער ציען קיין פרנסה, ווייל מען טאָר דאָך נישט אַרויסקומען פון געטאָ, אָבער זיי האָבן נישט געוווסט וואָס צו מאַכן מיט די בעלי־חיים וועמען מען האָט דאָך געדאַרפט געבן צו עסן. זיי האָבן גענומען זוכן קונים צווישן די פאַליאַקן אין שטעטל, אָבער די לעצטע, וויסנדיק די לאַגע פון די יידן, האָבן זיך נישט געאיילט צו קויפן, טראַכטנדיק, מסתמא, איי סיי ווי וועט דאָס אַלץ אַריינפאַלן אין זייערע הענט. עס איז געווען אַ צער־בעל־חיים זיך צוצוקוקן ווי די פערד הונגערן אין געטאָ, ביז די אייגנטימער האָבן זיי סוף־כל־סוף פאַרקויפט, כמעט בחינם, מיט די וועגענער זייערע ווי אַ צולאָג.

אַזוי איז אויך געווען דער גורל פון אַנדערע יידישע ווירטשאַפטלעכע אונטערנעמונגען און אויך פון דעם איינציקן יידישן לאַסט־אויטאָ אין פאָריסאָוו. די יידן האָבן באַצייטנס זיך איינגעשאַפט פוילישע שותפים, און די געשעפטן זענען איבערגעשריבן געוואָרן אויף זייערע נעמען, אָדער איבערגעגאַנגען אין זייערע הענט, אַזוי, אַז יידן האָבן אפיציעל און פאַקטיש אויפגעהערט צו זיין באַלעבאַטים איבער זייער אייגן האָב און גוטס.

דאָס לעבן אין געטאָ

אין ענגן געטאָ — אויך גאַרוואָלינער יידן זענען דאָרט געווען אַריינ־געקוועטשט — האָט אָנגעהויבן הערשן אַ שרעקלעכער הונגער. יידן האָבן פאַרקויפט פון זיך וואָס מ'האָט נאָר געהאַט כדי צו קאָנען דערנערן די פאַמיליעס. גרינגער איז געווען דער מצב פון פאַכלייט: שניידערס, שוסטערס און שטעפּערס, וועלכע האָבן געאַרבעט פאַר קריסטן.

פויערים פון די אַרומיקע דערפער זענען געקומען אין געטאָ אַריין צו די בעל־מלאכות, האָבן זיי געגעבן אַרבעט, און געצאָלט מיט פּראָדוקטן. די „גוטע" פּאַליאַקן האָבן אויך אין דעם פאַל אויסגענוצט דעם ספּעציעלן מצב און פאַר דער אַרבעט געצאָלט נידעריקע פּרייזן, וויסנדיק, אַז די געפּלאָגטע יידן וועלן סיי ווי באַשטיין אויף אַלץ.

פון צייט צו צייט פלעגן פאַרשטייערס פון יודנראַט אַרויספאָרן קיין גאַרוואָלין צום דייטשן „קרייז־הויפּטמאַן". נאָר אַזוי ווי מ'האָט שטענדיק מורא געהאַט פאַר נייע גזירות, האָט מען זיך באַמיט נישט צו פאָרן אַהין מיט „ליידיקע הענט".

די יידישע פּאָליציי

די דייטשן האָבן באַפוילן דעם יודנראַט צו אָרגאַניזירן אין געטאָ אַ יידישע פּאָליציי. נאָך עטלעכע באַראַטונגען האָט דער יודנראַט באַשטימט משה חיים פּאַסקאַלינסקין ווי דעם קאָמענדאַנט פון דער פּאָליציי, און ווי זיין פאַרטרעטער — פּינטשע ראָזנבערגן. צו דער פּאָליציי האָבן געהערט: וועלוול לאַגאָס, אשר מאַניעק, נוסקע לאַטאָוויצקי, אלטער לייזער פרידמאַן, מאיר מאַרסקי, בערטשע דעם קאַוואַלס און אייניקע גאַרוואָלינער פּליטים. די פּאָליציאַנטן האָבן באַקומען אַ געוויסן געהאַלט, כאָטש עס זענען אויך געווען אַזעלכע וואָס האָבן געאַרבעט פרייוויליק.

די ערשטע געלט־קאָנטריבוציע

אָן וועלכער ס'איז פאַרשולדיקונג מצד דער יידישער באַפעלקערונג אין פּאַריסאָוו, האָבן די דייטשן אַרויפגעלייגט אויף איר אַ קאָנטריבוציע פון פופציק טויזנט זלאָטעס וואָס מ'האָט געדאַרפט אַריינטראָגן דעם קרייז־הויפּטמאַן, צו אַ באַשטימטן טערמין. דער יודנראַט האָט באַקומען אַ באַפעל אויפצומאָנען די קאָנטריבוציע.

דער הונגער אין געטאָ, איז, ווי שוין דערמאָנט, געווען גענוג גרויס. אפילו די בעל־מלאכות וואָס האָבן געהאַט אַרבעט, האָבן פאַרדינט בלויז אויף צו דערנערן זיך און נישט מער. נאָר ווייל דער פחד איז געווען גרויס, האָבן יידן געגעבן געלט, און די סומע איז געוואָרן צוזאַמענגעשטעלט. מיטגלידער פון יודנראַט האָבן אָוועקגעפירט דאָס געלט קיין גאַרוואָלין, און זיי האָבן פון

דאָרט צוריקגעבראַכט אַ צוזאָג, אַז אין שטעטל וועט זיין רויק און מ׳וועט קאָנען לעבן במנוחה.

אָבער די דייטשן האָבן נישט געוואָלט לאָזן יידן לעבן אין מנוחה. פון צייט צו צייט, זענען ס.ס.לייט אראָפּגעקומען אין שטעטל אַריין, האָבן געכאַפּט יידן, געשלאָגן זיי, און — אַוועק. מיט דער צייט, האָט מען געפונען צו זיי אַ וועג. ווי נאָר זיי פלעגן זיך באַווייזן אין שטעטל, האָט מען זיי אַוועק־געפירט אין אַ שענק, געגעבן זיי דאָרט צו עסן און צו זויפן, אַריינגעשטעקט „לא יחרץ״ געלט, און אויסגעמיטן צרות.

פאַר דעם אַלעם האָט געצאָלט דער אָרעמער, געפּלאָגטער ייד אין געטאָ, ביי וועמען דער יודנראַט האָט געשלעפּט שטייערן. אָפט מאָל, גאָר נישט מיט חסד.

אַ טורמע אין געטאָ

אַ נייער באַפעל פון די דייטשן איז איבערגעגעבן געוואָרן דעם יודנראַט: איינצוּאָרדענען אַ טורמע אין געטאָ. אַזוי ווי עס איז נישט געווען קיין פּאַסיקער בנין צו דעם צוועק, איז געפאַלן דער באַשלוס איבערצואַרבעטן דעם פּאָדערצימער פון דער שול און צופּאַסן אים צו באַדינגונגען פון אַ טורמע. אברהם יצחק בעקער האָט איבערגענומען די אַרבעט, פאַרמויערט איין וואַנט, און איבער־געלאָזט אַן אַריינגאַנג אין דער גרויסער שול דורך דעם אַזוי גערופענעם „קליינעם שולעכל״.

דער אַרבעטס־לאַגער כיזשין

אין אָנהייב 1942, האָבן די דייטשן אויפגעשטעלט אַן אַרבעטס־לאַגער אין דאָרף כיזשין (עטלעכע קילאָמעטער פון פּאַריסאָוו). עס האָט געהייסן, אַז אַזוי ווי דאָס טייכל שווידער נעמט דאָרט זיין אָנהייב, האָבן זיי באַשלאָסן צו רעגולירן דעם גאַנג פון טייכל. צו דעם צוועק האָבן זיי געפאָדערט פון פּאַריסאָווער יודנראַט אַ קאָנטינגענט פון 50 יידישע אַרבעטער טעגלעך. די יידן האָבן געהאַלטן, אַז די דייטשן דאַרפן נישט די אַרבעט גופא און מיינען נאָר זיי צו פייניקן. ביי דער אַרבעט אין כיזשין האָט מען געדאַרפט שטיין ביז איבער דער קני אין וואַסער. ביי דעם איז מען סאַדיסטיש געשלאָגן געוואָרן דורך די אויפזעערס: פאָלקס־דייטשן און אוקראַינער.

נאָך דעם ווי די ערשטע פּאַרטיע פון פופציק פערזאָן וואָס האָט אָפּגעאַרבעט אין כיזשין, איז אַהיימגעקומען צעשלאָגן און מאָראַליש צעבראָכן, איז שווער געוואָרן, אין די קומענדיקע טעג, צונויפצושטעלן דעם קאָנטינגענט אַרבעטער וואָס די דייטשן האָבן געפאָדערט. דער יודנראַט איז אַרויסגערופן געוואָרן צום קרייז־הויפּטמאַן אין גאַרוואָלין און געוואָרנט געוואָרן איינצוהאַלטן די דיס־ציפּלין ביי דער אַרבעט און צו געבן יעדן טאָג די גאַנצע צאָל אַרבעטער וואָס

עס פּאַדערט זיך קיין כּיזשין. דער יודנראַט האָט מיטגעטיילט דער יידישער באַפעלקערונג אין געטאָ וועגן דער באַקומענער וואָרענונג, אָבער עס האָט ווייניק וואָס געהאָלפן. קיינער האָט נישט געוואָלט גיין צו אַן אַרבעט פון וועלכער מען האָט געדאַרפט זיך אומקערן אַהיים אַ צעממיתטער, און מענטשן האָבן אַלץ געטאָן כּדי זי אויסצומיידן.

אין לאַגער ווילגע

אַ צווייטער אַרבעטס־לאַגער איז געווען אין דאָרף ווילגע (בערך אַ 20 קילאָמעטער פון פּאַריסאָוו) וואָס ליגט ביי דער ווייסל. אויך דאָ זענען די באַדינגונגען געווען ביטערע. די יידישע אַרבעטער האָבן פאַרלאַנגט פון יודנראַט מ׳זאָל זיי צושטעלן אַן אויטאָ אָפּצופירן צו דער אַרבעט, ווייל, נאָך דעם ווי זיי קומען אַהין מידע פון גיין צו פוס, קאָנען זיי נישט אַרבעטן מיט דער שנעלקייט וואָס עס פאַרלאַנגט דער אויפזעער און מען קריגט, צוליב דעם, געשלאָגן. דער יודנראַט האָט צוגעשטעלט אַן אויטאָ פאַר די מענטשן. אָבער, דאָרט, אין לאַגער, האָבן די הונגעריקע און אויסגעמאַטערטע יידן נישט אויפגעהערט צו באַקומען געשלאָגן.

אין אַ געוויסן טאָג, האָבן די יידישע אַרבעטער אין ווילגע באַמערקט, אַז מען שטעלט דאָרט אויף ווין־באַראַקן. זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז מען וועט געוויס אַלעמען אָפּשליסן אין לאַגער און זיי וועלן אַזוי אַרום אָפּגעריסן ווערן — ווען די דייטשן וועלן נאָר באַשליסן — פון זייערע פאַמיליעס. אין געטאָ האָבן מענטשן נישט געוואָלט מער זיך צושטעלן צו דער אַרבעט, און די פּאָליציי האָט, לויט דער פאַראָרדענונג פון יודנראַט, אָנגעהויבן צווינגען געוויסע מענטשן אַרויסצופאָרן אויף אַרבעט. די מענטשן האָבן געטענהט, אַז זיי ווילן נישט צוגעשטעלט, זענען ביי נאַכט אַרויסגענומען געוואָרן פון זייערע שטיבער, ווילגע. אָבער די פּאָליציי האָט זיך באַנוצט מיט שטרענגע מיטלען: די מענטשן וואָס זענען באַשטימט געוואָרן צו גיין אויף אַרבעט און האָבן זיך נישט צוגעשטעלט, זענען ביי נאַכט אַרויסגענומען געוואָרן פון זייערע שטיבער, איינגעזעצט געוואָרן אין געטאָ־תּפיסה, און, אין דער פרי, אָפּגעשיקט געוואָרן צו דער אַרבעט.

דייטשן דערשיסן דריי יידן

אין פּאַריסאָוו איז געווען אַ יידישע דאָקטערשע — וואָרכעווקער, און צוזאַמען מיט איר האָט געוווינט אַ געוויסער לעאָן פּיאַטעצקי, אַ לערער פון פאַך. ווען ס׳איז געשאַפן געוואָרן דער געטאָ, און ס׳איז געוואָרן שווער מיט פּרנסה האָט די דאָקטערשע פאַרלאַנגט, אַז מ׳זאָל דעם פּיאַטעצקין — וועגן וועלכן זי האָט געזאָגט, אַז ער איז אירס אַ משפּחה — געבן אַ פּאָסטן. דער דערמאָנטער האָט געוואָלט מ׳זאָל אים געבן דעם אַמט פון פּאָליציי־קאָמענדאַנט. דער יודנראַט האָט דעם פאַרלאַנג אָפּגעוואָרפן.

אין איינעם אַ טאָג, אין אָנהייב מאַי 1942, איז צום קרייז־הויפּטמאַן אין גאַרוואָלין, אָנגעקומען אַ בריוו אין וועלכן עס איז געווען געשריבן — אַזוי האָט מען דערציילט אין געטאָ — אַז די דייטשן וועלכע קומען קיין פּאַריסאָוו צו היטן די אָרדענונג אין שטעטל, שיכור׳ן גאָר ביי דעם קאָמענדאַנט פון דער יידישער פּאָליציי.

אין אַ געוויסן טאָג זענען עטלעכע דייטשן אַראָפּגעקומען קיין פּאַריסאָוו, און האָבן אַרויסגערופן דריי יידן, דערונטער אויך דעם דערמאָנטן פּיאַטעצקי, אין דער פּוילישער פּאָליציי. דאָרט האָט מען זיי אַוועקגעזעצט ביי אַ טיש, און זיי באַפוילן עפּעס אָנצושרייבן. גלייך נאָך דעם האָט מען די יידן אָפּגעשיקט צוריק אַהיים.

אין אייניקע טעג אַרום האָבן ווידער עטלעכע דייטשן זיך באַוויזן אין פּאַריסאָוו, זענען צוגעפאָרן צו דער פּוילישער פּאָליציי און האָבן אַרויסגערופן צו זיך דעם קאָמענדאַנט פון דער יידישער געטאָ־פּאָליציי משה חיים פּאַסקאָ־לינסקין, פּיאַטעצקין, און אַ ייד פון גאַרוואָלין. דער לעצטער האָט באַמערקט צווישן די דייטשן זיינס אַ באַקאַנטן און יענער האָט אים געגעבן אַ ווונק צו אַנטלויפן. אויף זיין אָרט האָט מען געבראַכט בערעק דרעוונאָווסקין. די דריי זענען דורך די דייטשן אַרעסטירט געוואָרן. די פרויען פון פּאַסקאָלינסקי און בערעק זענען אַוועק צום יודנראַט און האָבן געבעטן מען זאָל עפּעס טאָן כּדי צו ראַטעווען זייערע מענער. דער פּרעזעס פון יודנראַט און נאָך צוויי מיטגלידער זענען אוועק אין דער פּוילישער פּאָליציי און האָבן אינטערוועניִרט ביי די זשאַנדאַרן צו באַפרייען די דריי אַרעסטירטע יידן. די דייטשן האָבן צוגעזאָגט, אַז עס וועט זיי גאָרנישט געשען, מען וועט זיי בלויז אַוועקפירן קיין גאַרוואָלין, און דאָרט וועט מען זיי באַפרייען.

גלייך נאָך דעם האָט מען אַרויפגעזעצט די אַרעסטירטע אויף אַ וואָגן, און הינטער זיי, אויף אַ באַזונדערן וואָגן, זענען געפאָרן די דייטשן, צוזאַמען מיטן קאָמענדאַנט פון דער פּוילישער פּאָליציי. דאָס שטעטל איז געוואָרן אויפגעציטערט פון דער געשעעניש. די געוויינען פון די פרויען פון די אַרעס־טירטע האָבן געשניטן דאָס האַרץ. אַ גאַנצן טאָג און אַ גאַנצע נאַכט זענען זיי געשטאַנען לעבן דער פּוילישער פּאָליציי און האָבן דאָרט געוואַרט אויפן אומקערן זיך פון זייערע מענער. זיי האָבן זיך געטרייסט מיט דעם וואָס אויך דער פּוילישער קאָמענדאַנט איז נאָך נישט געקומען צוריק אַהיים.

ערשט צו מאָרגנס, מיטאָגצייט, איז דער פּוילישער פּאָליציי־קאָמענדאַנט צוריקגעקומען קיין פּאַריסאָוו, אָבער — איינער אַליין. די שליחים פון יודנראַט, האָט ער דערציילט: פון פּאַריסאָוו זענען זיי געפאָרן ביז צום וואַלד הינטער טראָמבקי (7 קילאָמעטער פון פּאַריסאָוו, אויפן וועג קיין גאַרוואָלין). דאָרט האָבן די דייטשן באַפוילן די דריי יידן אַראָפּצוגיין פון וואָגן און גיין מיט זיי אין וואַלד אַריין. נאָך דעם ווי יעדער איינער פון זיי האָט דאָרט

אויסגעגראבן פאר זיך א גרוב, האבן די דייטשן זיי דערשאסן. דער קאמענדאנט האט אויך איבערגעגעבן, אז די דריי אומגליקלעכע יידן האבן, פארן דערשיסן זיי, איס געבעטן איבערצוגעבן די יידן פון שטעטל ווו עס געפינען זיך זייערע קברים.

דער טרויעריקער פאל מיט די דריי יידן, האט געמאכט א שווערן איינדרוק אין געטא. מען האט אנגעהויבן באגרייפן ווי ווייט הפקר עס איז דאס יידישע לעבן אונטער די דייטשן, און ווי ווייט מען איז אומבאהיט קעגן בלבולים און סתם־מסירות.

גלייך נאכן בעסטיאלישן מארד וואס די דייטשן האבן אויסגעפירט, האט דער יודנראט באשטימט פינטשע ראזנבערגן ווי דעם קאמענדאנט פון דער יידישער געטא־פאליציי.

א „הכנסת־אורחים" אין געטא

זינט דעם אויסברוך פון דעם קריג, אין יאר 1939, האט ווי שוין געזאגט, אנגעהאלטן א כסדרדיקער צופלוס פון יידן קיין פאריסאוו. שפעטער, האבן יידן פון דער אומגעגנט געפלעגט, אין שאטן פון דער נאכט, ברענגען קיין פאריסאוו זייערע קראנקע און זיי איבערלאזן אויף דער גאס. צוליב דעם האט דער יודנראט באשלאסן צו שאפן א „הכנסת־אורחים" פאר פליטים, און דאס ארט פאר דעם האט מען באשטימט די ווייבער־שול. דאס „הכנסת־אורחים" איז פארזארגט געווארן מיט אלץ וואס אזא אינסטיטוציע פארלאנגט, און אויך מיט א קיך, צו קאנען עפעס אפקאכן. די פליטים וואס האבן נישט געהאט אין געטא קיין קרובים, און נישט קיין ארט ווו דעם קאפ אוועקצולייגן, זענען איינגעארדנט געווארן אין דעם „הכנסת־אורחים־הויז".

די צווייטע געלט־קאנטריבוציע: 100 טויזנט זלאטעס

די דייטשן האבן ווידער ארויפגעלייגט א קאנטריבוציע אויף די יידן פון פאריסאווער געטא. דאס מאל איז די געפאדערטע סומע געווען: 100 טויזנט זלאטעס. די יידן אין געטא זענען שוין געווען גענוג פאראָרעמט און יעדער איינער האט זיך געפרעגט: „פון וואנען וועט מען נעמען אזא סומע"? פון וועמען?" אבער, ווי ביי דער ערשטער קאנטריבוציע, און ווי ביי אנדערע באפעלן, איז פאר יעדן איינעם אין געטא אוועקגעשטעלט געווארן די פראגע: צו וועט מען נישט ברענגען אן אומגליק אויף דער גאנצער עדה, אויב מ'וועט נישט אויספירן דעם באפעל? קען מען נעמען אויף זיך אזא אחריות?

האבן ווידער די מענטשן פון יודנראט, צוזאמען מיט דער יידישער פאליציי, זיך ארויסגעלאזט איבערן געטא. זיי זענען געגאנגען פון שטוב צו שטוב, אפילו צו די ארעמסטע, אפילו צו די וואס זענען אליין אונטערגעשטיצט געווארן דורכן יודנראט, און מ'האט צוזאמענגענומען געלט און גאלד, קידושין

רייפלעך, צירונג און אַנדערע ווערטיקע זאַכן, ביז די סומע איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן. די פאַרשטייערס פון יודנראַט האָבן דאָס געלט איבערגעפירט צום קרייז־הויפטמאַן, און צוריקגעבראַכט אַ גוטע בשורה דער אויסגעמאַטערטער באַפעלקערונג אין פאָריסאָווער געטאָ, אַז פון אַצינד אָן וועט מען שוין קאָנען לעבן גאַנץ רויק.

די דייטשן פאַרלאַנגען דאָס פוטערוואַרג

מען האָט נישט באַוויזן רעכט אָפּצואָטעמען, און גלייך זענען די דייטשן געקומען מיט אַ פרישער פאָדערונג צו דער יידישער באַפעלקערונג אין פאָריסאָוו: אָפּצוגעבן, ביז אַ געוויסן טערמין, דאָס גאַנצע פוטערוואַרג וואָס יעדער איינער פאַרמאָגט. ביי ווען מען וועט נאָכן טערמין געפונען פוטערוואַרג — האָבן די דייטשן געמאָלדן — וועט דערשאָסן ווערן. גרויסע פלאַקאַטן וואָס זענען דורכן יודנראַט אויפגעהאָנגען געוואָרן אויף די יאַטקע־בודקעס, האָבן גערופן די געטאָ־יידן צו ברענגען דאָס פוטערוואַרג וואָס איז אין זייער באַזיץ און אָוועקלייגן עס לעבן די בודקעס. אָבער די יידן אין פאָריסאָוו האָבן נישט פאַרמאָגט קיין טייערע פוטערס און וואָס זיי האָבן געהאַט איז געווען אַלט, און פון לאַנג שוין אויסגעקראָכן.

צום באַשטימטן טערמין זענען אָראָפּגעקומען קיין פאָריסאָוו צוויי דייטשע זשאַנדאַרן און האָבן פאַרלאַנגט פון יודנראַט דאָס פוטערוואַרג. מ׳האָט זיי אויפגעקלערט, אַז די יידן אין פאָריסאָוו זענען פון שטענדיק אָן זייער אָרעם, און זיי האָבן דעריבער געבראַכט נאָר וואָס זיי האָבן געהאַט. די דייטשן, דער־זעענדיק וואָסער „סחורה״ מען האָט זיי געברענגט, זענען געוואָרן אויפגעקאָכט און האָבן געברענט פון כעס. גראָד איז פאַרבייגעגאַנגען אַ פליט פון זשיראַרדאָוו וועלכער האָט זיך באַזעצט אין פאָריסאָווער געטאָ. מיט דעם אויסגעשריי „כאַר וואָס, יודע, האסטו נישט געבראַכט דיין פוטער״, זענען זיי אָרויפגעפאַלן אויף אים און צעשלאָגן ביז בלוט. ווען דאָס בלוט איז אים נאָך גערונען איבערן פנים, האָט דער ייד זיך פאַרענטפערט און געזאָגט אַז ער האָט אין זיין לעבן נישט פאַרמאָגט קיין פוטער, און אַז אויב זיי ווילן, קענען זיי מיטגיין מיט אים אין געטאָ און זיך איבערצייגן צי ער זאָגט ליגנט. אָבער די דייטשן האָט נישט אינטערעסירט צי דער ייד זאָגט אמת, אָדער נישט. זיי האָבן געזוכט אַ קרבן און — אים געפונען. דער ייד האָט האַרצרייסנדיק געוויינט און געבעטן זיך ביי די דייטשן זיי זאָלן אים אָפּלאָזן, אָבער זיי האָבן זיך צו אים נישט צוגעהערט, געהייסן אים גיין עטלעכע טריט, נאָכגעשאָסן און דערהרגעט.

נאָך דעם מערדערישן אַקט, האָבן די דייטשן צוגענומען דאָס פוטערוואַרג און זענען אַוועק.

אַ 15 יאָריק יינגל — אַ קרבן פון דייטשער מערדעריי

אין יעדן מאַרק־טאָג אין פּאַריסאָוו, זענען אַראָפּגעקומען דייטשן און האָבן געהיט, אַז יידן זאָלן נישט אַרויסגיין פון געטאָ און האַנדלען אויפן מאַרק. יידן האָבן טאַקע זיך אויסגעהיט און זענען אין אַ מאַרק־טאָג נישט אַרויס פון זייערע שטיבער.

אין איינעם אַ מאַרק־טאָג זענען עטלעכע דייטשן אַראָפּגעקומען קיין פּאַריסאָוו און געבראַכט מיט זיך אַ 15 יאָריק יידיש יינגל וואָס האָט קוים זיך געהאַלטן אויף די פיס און איז געווען שמוציק און אָפּגעריסן. די דייטשן האָבן אים איבערגעגעבן דעם יודנראַט, פאַדערנדיק אים איינצוזעצן אויף עטלעכע שעה ווייל ער דאַרף דערשאָסן ווערן. פאַרשטייערס פון יודנראַט האָבן גענומען אונטערהאַנדלען מיט די דייטשן וועגן אויסקויפן דאָס יינגל פאַר געלט. די דייטשן האָבן דערצו מסכים געווען, און געהייסן אים דערוויל נאָך האַלטן אין תפיסה.

אַ יידישער פּאָליציאַנט האָט אויסגעפרעגט דאָס יינגל ווער ער איז, פון וואַנען ער קומט און ווי אַזוי ער איז אַריינגעפאַלן אין די הענט פון די דייטשן. פון הונגער איז דעם יינגל נישט געווען מעגלעך אויסצורעדן אַ וואָרט. ער האָט געבעטן עסן. נאָך דעם ווי ער האָט אָפּגעגעסן, האָט ער דערציילט, אַז ער איז אַנטלאָפן פון וואַרשעווער געטאָ ווו ער האָט איבער־געלאָזט זיינע עלטערן. דער הונגער איז דאָרט אַזוי גרויס, אַז ער האָט באַשלאָסן זיך אַרויסצורייסן פון געטאָ, אָנקומען ערגעץ אין אַ דאָרף, זיך אויסבאַהאַלטן ביי אַ פּויער, אָדער זוכן ביי עמעצן אַרבעט. די עלטערן האָבן אים, וואָס אַן אמת, נישט געלאָזט גיין. די מוטער האָט געוויינט ווען ער האָט איר געזאָגט וואָס ער האָט בדעה צו טאָן, און דער פאָטער ווידער, האָט אים געוואָרנט, אַז די דייטשן קאָנען אים נאָך כאַפּן, און דעמאָלט וועט זיין נאָך ערגער. אָבער, וויסנדיק גוט — האָט דאָס יינגל ווייטער דערציילט — אַז ס'איז נישטאָ וואָס צו פאַרלירן, איז ער, אין איינער אַ נאַכט, אַרויס פון שטוב, האָט זיך צוגעשלייכט צו אַ לאָך וואָס ער האָט נאָך פון פריער געהאַט אויסגעקוקט, און איז אַרויס פון געטאָ. אַכט טעג האָט ער אַזוי געוואַנדערט פון אָרט צו אָרט, פון דאָרף צו דאָרף, דאָ געבעטן אַ שטיקל ברויט, און דאָרט — עפּעס אַנדערש, געשלאָפן אויף אַ סטויג היי, אין אַ חזירים־שטאַל, ווו ס'האָט זיך נאָר געלאָזט. אַזוי שלעפּנדיק זיך, שוין אין גאַנצן אָן כוחות, איז ער אָנגעקומען נישט ווייט פון פּאַריסאָוו ווו די דייטשן האָבן אים באַמערקט און פאַרהאַלטן. ער האָט אפילו נישט געפּרובירט צו אַנטלויפן, ערשטנס, ווייל די פיס האָבן אים, צוליבן הונגער, נישט געטראָגן, און צווייטנס — נישט האָבנדיק מער קיין כח זיך צו מאַטערן, איז אים שוין סיי ווי געווען אַלץ איינס וואָס עס וועט מיט אים געשען.

נאָך עטלעכע שעה זענען די דייטשן געקומען אין יודנראַט אַריין נאָך זייער יידישן „משכון.״ מענטשן פון יודנראַט האָבן ווידער גענומען אונטער־האַנדלען מיט זיי. געבעטן זיי צו שענקען דעם ייִנגל דאָס לעבן, פאַרלייגנדיק נאָך אַ מאָל אַ סומע אויסקויף־געלט. די דייטשן האָבן אָבער נישט געוואָלט מער הערן דערפון. אַ יידישער פאָליציאַנט איז אַוועק אין תפיסה, און האָט אָנגעזאָגט דעם ייִנגל די טרויעריקע בשורה. דאָס ייִנגל האָט זיך שטאַרק צעוויינט, און געבעטן, אַז מען זאָל צו וויסן טאָן זיינע עלטערן אין וואַרשעווער געטאָ וואָס עס האָט פּאַסירט מיט אים, ווייל זיי וועלן נישט אויפהערן אים צו זוכן, מיינענדיק, אַז ער לעבט. דאָס ייִנגל האָט, אין געוויין, זיך געבעטן ביים פאָליציאַנט נישט איבערצוגעבן אים אין די הענט פון די דייטשן, אָבער זיין בקשה איז נישט דערפילט געוואָרן. די דייטשן האָבן אים איבערגענומען, און פאַר דער האַנט, אים אַרויסגעפירט פון געטאָ־שטח. יידן פון געטאָ האָבן אים נישט געקאָנט באַגלייטן. בלויז פויערים וואָס זענען געווען אויפן יאַריד, זענען מיטגעגאַנגען זען וואָס עס וועט געשען מיט דעם געכאַפּטן „זשידעק״.

די דייטשע רוצחים האָבן געפירט דאָס ייִנגס ביז נאָך דער בריק. דאָרט האָבן זיי אים באַפוילן צו בלייבן שטיין און איינער פון די צוויי זשאַנדאַרן האָט מיט איין קויל פון זיין ביקס אים דערשאָסן אויף טויט. דאָס דאַרע, איינגעשרומפּענע קערפּערל איז געבליבן ליגן אויפן פעלד, און ערשט ווען די דייטשע באַנדיטן זענען אַוועק, האָבן די פויערים אויסגעגראָבן אַ גרוב און אים דאָרט קובר געווען.

גניבות אין געטאָ, הונגער און טויט

אין געטאָ זענען פאָרגעקומען גניבות. די פאַריסאָוער האָבן געטענהט, אַז נישט זיי גנבענען, נאָר די פליטים, די ווידער — האָבן געטענהט פאַרקערט. ס׳איז שווער געווען צו דערגיין אַ טאָלק, און די גניבות האָבן זיך געמערט פון טאָג צו טאָג. דער יודנראַט האָט פאַרלאַנגט פון פאָליציי־קאָמענדאַנט פינטשע ראָזנבערג אָנצונעמען שטרענגע מיטלען קעגן די גניבות, ווייל אויב די זאַך וועט דערגיין צו דער פוילישער פאָליציי וועט זיין ערגער. דער פאָליציי־קאָמענדאַנט האָט דערקלערט, אַז ער איז אָנמעכטיק קעגן דער פּלאָג. מענטשן הונגערן, האָט ער געטענהט, גנבענען זיי, און עס זענען נישטאָ קיין מיטלען זיי אָפּצוהאַלטן דערפון.

אין צווישן האָט דער הונגער אין געטאָ אָנגענומען שרעקלעכע פאָרמען. מענטשן זענען געווען גרייט צו טאָן אַלץ כדי אַהיימצוברענגען עפּעס עסן פאַר זייערע קינדער. נישט קוקנדיק אויף די סכנות וואָס האָבן געלאָקערט האָבן מענטשן זיך אַרויסגעריסן פון געטאָ אין די נאָענטע דערפער אַריין, כדי עפּעס איינצוהאַנדלען ביי די פויערים, פאַרקויפן פון אייגענע זאַכן, אָדער טוישן אויף פּראָדוקטן. אַנדערע, האָבן, אין טונקעלע נעכט, זיך אַרויסגעלאָזט איבער

פעלדער און אויפגעזוכט קאַרטאָפל, בוריקעס, צי אַנדערע מינים גרינוואַרג וואָס מ׳האָט דאָרט געקאָנט געפינען.

די פויערים האָבן געמאָלדן וועגן דעם דער פוילישער פּאָליציי אין פּאַריסאָוו, באַשולדיקנדיק די יידן פון געטאָ, אין גניבה, אין אָפּליידיקן זייערע פעלדער.

פוילישע פּאָליציאַנטן זענען טאַקע געקומען אין יודנראַט, און האָבן געוואָרנט, אַז אויב די גניבות אויף די פעלדער וועלן נישט אויפהערן, וועלן זיי וועגן דעם מעלדן די דייטשן. נישט האָבנדיק קיין אַנדערן אויסוועג, האָט די יידישע פּאָליציי אָנגעהויבן היטן, אין די נעכט, אַז מען זאָל זיך נישט אַרויסגנבענען פון געטאָ. אָבער צו גרויס איז געווען דער הונגער, אַז מענטשן זאָלן קאָנען בלייבן גלייכגילטיק צו אים. האָט מען זיך פון דעסטוועגן אַרויס־באַקומען פון געטאָ, געלאָזט זיך איבער דערפער, געזוכט און געשניפערט אויף פעלדער, האָבנדיק פאַר זיך איין ציל — אַהיימצוברענגען אַ ביסל שפּייז פאַר די הונגעריקע פאַמיליעס. קיין אַנדערע עצה האָבן די יידן אין געטאָ נישט געהאַט, כאָטש אין אַ סך פאַלן האָט מען דערפאַר באַצאָלט מיטן לעבן.

אָשר קאָזלאָוו הי״ד

באַוואָפנטע פעלקס־דייטשן האָבן געכאַפּט אשר קאָזלאָוון אויף אַ פעלד פון אַ פויער. זיי האָבן אים געבראַכט צו דער יידישער פּאָליציי און געמאָלדן, אַז ער האָט געגנבעט קאַרטאָפל, און דעריבער וועלן זיי אים איבערגעבן די ס.ס. אין דער פּאָליציי האָט מען פאַרשטאַנען, אַז אויב זיי האָבן אים געבראַכט אין געטאָ אַריין און אים נישט איבערגעגעבן גלייך דער דייטשער מאַכט, מיינען זיי אַוודאי צו באַקומען אויסקויף־געלט. זיי האָבן פאַרלאַנגט אַ גרויסע סומע. פון יודנראַט האָט מען געענטפערט אַז אין דער קאַסע איז נישט פאַראַן אַזאַ סומע געלט. ווען די פאָלקס־דייטשן האָבן באַקומען אַזאַ ענטפער, האָבן זיי אַרויסגעפירט קאָזלאָוון הינטער דער שטאָט און אים דאָרט דערשאָסן.

יאָסל פעלזנשטיין הי״ד

יידן פון געטאָ האָבן נישט אויפגעהערט צו גיין איבער דערפער. קינדער זענען געגאַנגען זוכן ברויט פאַר עלטערן. טאַטעס זענען געגאַנגען ברענגען שפּייז פאַר הונגעריקע קינדער. אַזוי למשל, איז יאָסל פעלזנשטיין געקומען צו לויפן פון וואַרשעווער געטאָ אין פּאַריסאָווער „גן־עדן״ אַריין. די דייטשן האָבן אים געכאַפּט אויפן דאָרף ווּהין ער איז געקומען עפּעס איינקויפן פאַר זיין פרוי און דריי קינדער וואָס ער האָט געלאָזט אין געטאָ. ער האָט זיך געבעטן ביי די דייטשן, אַז זיי זאָלן אים שענקען דאָס לעבן, ווייל ער האָט נישט געקאָנט מער זיך צוקוקן צו דער פּיין פון זיין הונגעריקער

פאַמיליע. זיין ווייַנען האָט גאַרנישט געפועלט. די דייטשן האָבן אים צוגעפירט צו אַ בוים און דערשאָסן. אַ פויער וואָס האָט דאָרט גראָד געאַקערט זיין פעלד, האָט שפּעטער קובר געווען דעם דערשאָסענעם ייד, און דערציילט אין פאַריסאָוו וועגן דעם וואָס זיינע אויגן האָבן געזען.

דער טראַגישער טויט פון די צוויי שוועסטערלעך גלאַטשטיין

טראַגיש איז געווען דער טויט פון די צוויי יונגע שוועסטערלעך, די טעכטער פון דעם אַזוי תמימותדיקן און ערלעכן ר׳ נחמן גלאַטשטיין. געווען איז דאָס אין אַ ווינטערדיקן, קורצן פרייטיק, אין חודש טבת.ביידע קינדער זענען אַריין צום פוילישן קאָוואַל אויף דער קאָזלאָוועד גאַס, נעמען ביי אים אַ ביסל אייל. פּלוצלינג, זענען אָנגעפאַרן דייטשן פון גאַרוואָלין, און האָבן באַמערקט די אויסגעדאַרטע קינדער אויף דער קריסטלעכער זייט. די דייטשן האָבן באַפוילן די קינדער צו בלייבן שטיין. ווען זיי זענען צוגעקומען, און האָבן זיך געפרעגט וואָס זיי טוען דאָ, האָבן די קינדער תמימותדיק געענטפערט, אַז זייענדיק שטאַרק הונגעריק, זענען זיי אַריין צו באַקאַנטע קריסטן בעטן עפּעס עסן. די דייטשן האָבן זיך צעשריגן: „איר פאַרפלוכטע, שמוציקע יודען. גלייך וועט איר נישט זיין מער הונגעריק".

די קינדער האָבן זיך געבעטן ביי די דייטשן, צו לאָזן זיי גיין צוריק אין געטאָ אַריין, צו טאַטע־מאַמע. זיי האָבן אויך צוגעזאָגט, אַז מער וועלן זיי שוין נישט אַרויס פון געטאָ. די דייטשן האָבן אָוועקגעפירט די קינדער אין דער פוילישער פּאָליציי. זייער פעטער, אהרן גלאַטשטיין, האָט זיך משתדל געווען אַרויסצוראַטעווען די קינדער, און — גאָר נישט געפועלט. האַרט פאַר ליכטצינדן, האָבן די דייטשן אַרויסגעפירט די צוויי שוועסטערלעך צום צמענטאַזש, אויף דער וואַרשעווער גאַס (צו דער זייט ווו עס זענען פריער געשטאַנען די צוויי ווינטמילן), און זיי דאָרט דערשאָסן.

פּאָליאַקן וועלכע האָבן זיך צוגעקוקט צו דער דייטשער מעדערריי איבער די קינדער, האָבן קובר געווען די קרבנות. זיי האָבן דערנאָך דערציילט אין שטעטל, אַז נאָכן דערשיסן זיי, האָבן די קינדער נאָך אַרויסגעוויזן סימנים פון לעבן, אָבער סיי ווי האָבן זיי גאַרנישט געקאָנט טאָן כדי זיי צו ראַטעווען.

און דאָס לעבן פאָדערט זיך זיינס...

יעדער טאָג האָט געבוירן נייעם פחד, געבראַכט מיט זיך פּיין און לייד, אונטערגעבראָכן יעדעס פּיצל האָפענונג, און דאָך... דאָך האָט מען זיך געריסן צום לעבן, נישט געוואָלט זיך אונטערגעבן.

יונגע בחורים און מיידלעך האָבן זיך געליבט, חתונה געהאַט. זענען אין געטאָ פאָרגעקומען שמחות, טרויעריקע שמחות...

אין חושכדיקן געטאָ האָט מען מישטיינס געזאָגט, געפּראָוועט חתונה־

מאַלצייטן. פאַמיליעס און שכנים זענען זיך צונויפגעקומען, האָבן זיך אויס־געזעצט אַרום טישן וואָס זענען געווען געדעקט מיט דעם וואָס מ׳האָט געקאָנט, צו יענער צייט, באַקומען, און פאַרשטייט זיך, אויך לויט די מאַטעריעלע מעגלעכקייטן פון די מחותנים. געסט און חתן־כלה האָבן זיך אָנגעטאָן אין מלבושים וואָס זענען נאָך פאַרבליבן פון אַמאָליקע גוטע צייטן, און אין וועלכע מ׳האָט אין די געטאָ־באַדינגונגען, נישט געהאַט קיין געלעגנהייט, און אויך נישט קיין חשק, זיך צו באַווייזן.

די חתונות אין געטאָ פלעגן פאָרקומען אויף דער נאַכט, ווען מען איז געווען זיכער, אַז דייטשן וועלן נישט אָנקומען. אַוודאי זענען די חתונות נישט געווען קיין פריילעכע. און ווען אפילו די יוגנט האָט געפּרוווט אויף אַ ווײַלע בלויז זיך פאַרגעסן, איז גלייך געקומען די זאָרג פאַרן מאָרגנדיקן טאָג און האָט אַרויפגעלייגט אַן אומעט אויף פּנימער, האָט פאַרצערט מעגושן.

פרייד און געוויין זענען געגאַנגען געפּאָרט אויף די חתונות אין געטאָ. עס זענען געווען פאַמיליעס ווו עס האָבן שוין געהאַט געפעלט איינצלנע מענטשן — קרבנות פון דייטשע רציחות. האָט מען זיך דערמאָנט אין די וואָס פעלן, און דאָס האַרץ האָט געקלעמט און געוויינט. אויך די עלטערן פון חתן־כלה האָבן געוויינט און געקלאָגט. זיי האָבן דאָך נישט געוווּסט וואָס עס דערוואַרט זייערע קינדער צו מאָרגנס נאָך דער חתונה ווען מען דאַרף זיך גלייך אומקערן צום גרויען, טרויעריקן לעבן, צום כסדרדיקן פּחד פאַר זשאַנדאַרן, פאַר פּאָליאַקן און אַנדערע פיינד וועלכע לאָקערן טאָג און נאַכט אויף יידיש לעבן כדי עס אומצוברענגען.

— — — פרייד — אין אַ ים פון טרויער, פון חשכות, פרייד — אין תוך פון חורבן.

פרייד, וואָס האָט זיך געבאָדן אין ימען פון טרערן, פרייד — אין אַגבליק פון טויט.

אַ יידיש שפּיטאָל אין געטאָ

אין אַ געוויסן טאָג זענען מונדירטע דייטשן אַראָפּגעקומען אין געטאָ אַריין, האָבן אַרומגעשפּאַצירט אין שטעטל, באַזוכט דעם יודנראַט און איבער־געלאָזט אַ פאַראָרדענונג אויפצושטעלן אין געטאָ אַ שפּיטאָל פאַר קראַנקע. פאַר וואָס די דייטשן זענען עפּעס אַזוי שטאַרק באַזאָרגט געוואָרן איבערן גורל פון יידישע קראַנקע אין געטאָ, אין דער צייט ווען אומברענגען אַ יידיש נפש שפּילט ביי זיי אין גאַנצן קיין ראָלע נישט — האָט קיינער נישט געקאָנט פאַרשטיין. דער יודנראַט וועלכער איז גלייך צוגעטרעטן אויסצופירן דעם באַפעל, איז געשטאַנען פאַרן פּראָבלעם ווו איינצואָרדענען דאָס שפּיטאָל. אין ענגן געטאָ איז נישט געווען קיין פּאַסיקער פּלאַץ דערויף. ס׳איז אויפגעקומען דער געדאַנק איינצואָרדענען דאָס שפּיטאָל אין בית־המדרש, אין שכנות מיטן

„הכנסת־אורחים", אין ערשטן מאָמענט האָט מען זיך אָפּגעהאַלטן דערפון, ווייל מען האָט נישט געוואָלט מיט אייגענע הענט צעשטערן דאָס שטיקל מקום פון יידישקייט וואָס איז נאָך פאַרבליבן. אָבער, נאָך דעם ווי מען האָט זיך אַרומגעזען, אַז ס'איז נישט פאַראַן קיין אַנדער אויסוועג, איז באַשטימט געוואָרן איינצוואָרדענען דאָס שפּיטאָל, טאַקע, אין בית־המדרש. במשך געציילטע טעג האָט מען צוזאַמענגעשטעלט די גאַנצע אויסשטאַטונג פונעם שפּיטאָל: בעטן, שעניקעס, ליילעכער, קליינע טישעלעך, שטולן, האַנטעכער אאַז"וו. מען האָט געאַרבעט ביי טאָג און ביי נאַכט. פרויען האָבן געוואַשן, גערוימט און גענייט, און צום באַשטימטן טערמין איז אַלץ געווען אויסגעפּאַרטיקט.

אין איינעם אַ טאָג איז אַראָפּגעקומען פון גאַרוואָלין דער קרייז־הויפּטמאַן, און מיט אים — אַ גאַנצע גרופּע זשאַנדאַרן. די יודנראַט־מיטגלידער האָבן געפירט די דייטשן ווייזן דאָס שפּיטאָל, און ווייזט אויס אַז די איינאָרדענונג און די ריינקייט זענען זיי געפעלן געוואָרן, וואָרעם זיי האָבן קיין שום באַמערקונג נישט געמאַכט, בלויז איבערגעקוקט זיך, און געשמייכלט. איינער פון די דייטשן האָט צעוואָרפן עטלעכע בעטן כדי צו קאָנטראָלירן אויב די ריינקייט איז נאָר אַן אויבנאויפיקע. נאָך דעם ווי זיי האָבן זיך איבערצייגט אַז ס'איז נישט אַזוי, האָט דער קרייז־הויפּטמאַן געמאָלדן, אַז ער וועט, פון צייט צו צייט, אַראָפּקומען קאָנטראָלירן די ריינקייט פון שפּיטאָל. דערביי האָט ער אויך צוגעזאָגט צו שיקן פאַר די קראַנקע שפּייז און מעדיקאַמענטן.

גלייך נאָך דעם, האָט דער יודנראַט געמאָלדן אין געטאָ, אַז ווו נאָר עס זענען פאַראַן קראַנקע מענטשן, קינדער און עלטערע, קאָנען זיי געבראַכט ווערן אין שפּיטאָל אַריין. צו דער אַרבעט אין שפּיטאָל איז אַנגאַזשירט געוואָרן די איינציקע דאָקטערשע אין געטאָ, די פרוי וואָרכעווקער. פון צייט צו צייט פלעגט אַראָפּקומען אַ דייטשער דאָקטער און קאָנטראָלירן די אַרבעט אין שפּיטאָל. מען האָט אויך טאַקע באַקומען אַ ביסל עסן און מעדיקאַמענטן.

מיטן שפּיטאָל האָט אָנגעפירט טוביה מילער, וועלכער איז אויך, נאָך פריער, באַשטימט געוואָרן ווי דער קאָמענדאַנט פון דער יידישער פּאָליציי אין געטאָ.

די דייטשן דערשיסן דעם פּרעזעס פון יודנראַט און זיין פאָטער

אין איינעם פון די יוני־טעג, אין יאָר 1942, זענען עטלעכע דייטשן אַראָפּגעקומען אין יודנראַט מיט אַ באַשולדיקונג קעגן פּרעזעס אַהרן גלאַטשטיין און זיין פאָטער משה, דער שוחט אין שטעטל, אַז זיי פאַרנעמען זיך מיט שעכטן בהמות. זיי האָבן מיטגענומען מיט זיך קיין גאַרוואָלין די צוויי באַשולדיקטע, דערקלערנדיק, אַז מען וועט זיי בלויז אויספאָרשן און גלייך צוריקשיקן. אין יודנראַט האָט מען געהאַלטן, אַז ס'וועט די צוויי מענטשן גאָר נישט פּאַסירן, ווייל אהרן גלאַטשטיין קען זיך גוט מיטן קרייז־הויפּטמאַן

ווען ער האָט שוין געגעבן נישט ווייניק געלט און מתנות. מיט דעם זעלבן מאָטיוו האָבן די מענטשן פון יודנראַט געפרוווט באַרויקן די פרויען פון די אַרעסטירטע וועלכע האָבן נישט אויפגעהערט צו באַוויינען זייערע אַוועק־גענומענע מענער.

משה שוחט און זיין זון אהרן, זענען מער נישט צוריקגעקומען, און עד־היום, ווייסט מען אפילו נישט ווו זיי זענען אומגעבראַכט געוואָרן און ווו זיי זענען געקומען צו קבורה.

אויפן אָרט פון אהרן גלאַטשטיין, איז יעקב צימליך געוואָרן פרעזעס פון יודנראַט.

די דייטשן געפינען פלייש ביי יידישע קצבים און מען קויפט זיך אויס

אין אַ געוויסן טאָג, זענען עטלעכע דייטשן אַריין צום קצב נאָטע גוטריימאַן און האָבן געפאָדערט פון אים דאָס פלייש וואָס ער האָט יענעם טאָג געשאָכטן. נאָטע האָט טאַקע געהאַט דעם טאָג געשאָכטן אַ בהמה און באַהאַלטן דאָס פלייש. אים איז נישט איינגעפאַלן, אַז די דייטשן וועלן מאַכן ביי אים אַ רעוויזיע, האָט ער זיי געזאָגט, אַז ער האָט נישט קיין שום פלייש. די דייטשן האָבן אָבער געזוכט און טאַקע געפונען דאָס געשאָכטענע פלייש. זיי האָבן אים געדראָט גלייך צו דערשיסן. נאָטעס פרוי און קינדער האָבן אָנגעהויבן וויינען און בעטן זיך ביי זיי צו שענקען אים דאָס לעבן. די רוצחים האָבן גענומען דאָס פלייש וואָס זיי האָבן געפונען — כמעט נאָך אַ גאַנצע בהמה — און עס אַרויפגעלייגט אויף נאָטען. די איינגעוווייד האָבן זיי אים געגעבן צו טראָגן מיטן מויל. אַזוי האָבן זיי אים געפירט אין דער פוילישער פּאָליציי אַריין.

נאָטעס פרוי איז געלאָפן צום יודנראַט, האָט דערציילט וואָס עס האָט פּאַסירט און געבעטן צו ראַטעווען איר מאַן. אין יודנראַט האָט מען איר געזאָגט, אַז דער ענין איז אַ קאָמפּליצירטער, ווייל מהאָט דאָ צו טון סיי מיט די דייטשן און סיי מיט דער פוילישער פּאָליציי. צוליב דעם וועט עס אַוודאי דאַרפן קאָסטן אַ סך געלט. נאָטעס פרוי איז אַרומגעלאָפן אין געטאָ, האָט אָפּגעשטעלט יעדן דורכגייער, און יאָמערלעך געבעטן, מ׳זאָל איר העלפן אַרויסראַטעווען דעם מאַן פון אַ זיכערן טויט. יידן האָבן געהאָלפן מיט וואָס נאָר זיי האָבן געקאָנט. מען האָט מורא געהאַט, אַז די דייטשן וועלן צווינגען נאָטען אויסצוגעבן נאָך מענטשן וואָס זענען פאַרמישט אין פליישהאַנדל, און דעמאָלט וועט עס קאָסטן נאָך יידישע קרבנות. חוץ דעם, וועט עס אויך גורם זיין, אַז פויערים זאָלן זיך אָפּהאַלטן פון האַנדלען מיט יידן, און פון צושטעלן שפּייז וואָס פאַרלייכטערט פון דעסטוועגן דאָס לעבן אין געטאָ.

די סומע וואָס די דייטשן האָבן פאַרלאַנגט איז געוואָרן צונויפגעשטעלט.

און צוויי מענטשן פון יודנראַט האָבן עס זיי איבערגעגעבן. נאָטע גוטריימאַן איז באַפרייט געוואָרן, און האָט צוריקבאַקומען דאָס פלייש וואָס די דייטשן האָבן געהאַט ביי אים צוגענומען.

און ווידער אַ מעשה מיט פלייש און 25 שמיץ

ביי דעם קצב יעקב גוטנאַכט האָבן די דייטשן געזוכט פלייש און געפונען דרויב. זיי האָבן גוטנאַכטן נישט אַרעסטירט, נאָר אויפן אָרט אים געגעבן 25 שמיץ אויפן נאַקעטן לייב. די רוצחים האָבן אַזוי צעפּאַסעוועט זיין לייב מיט די שמיץ, אַז דאָס בלוט האָט אַזש געשפריצט פון קערפער ווי פון אַ קראַן.

וואָכן לאַנג האָט יעקב גוטנאַכט נישט געקאָנט זיך אָוועקזעצן.

רעליגיעזע יידן גייען אין זייער וועג

אינעם ים פון צרות און לייד, האָבן פרומע יידן אין פּאָריסאָוו ממשיך געווען זייער לעבנס־שטייגער: אָפּגעהיט, אויף ווי ווייט ס'איז געווען מעגלעך, שבת, כשרות, און זענען געקומען אין שול אַריין דאַווענען בציבור, זיך אויס־וויינען און בעטן ביי גאָט עס זאָל נעמען אַן עק צו די יסורים.

אין ימים־טובים, איבער הויפּט אין ראש־השנה און יום־כיפור, איז די שול געווען פול מיט מתפללים, מענער און פרויען. די געוויינען האָבן זיך דעמאָלט געריסן עד לב־השמים. יידן האָבן געבעטן אויף היטלערס מפלה, אויף אַ נס פון הימל.

נישט געקוקט אויף אַלע צרות, האָט ערגעץ ווו אין האַרץ, נאָך געטליעט אַ ברעקל האָפענונג צו קענען בלייבן לעבן. מען האָט זיך נישט פאָרגעשטעלט אַז די היטלעריסטישע מערדערס גרייטן צו אַ טאָטאַלע אויסראָטונג פון אַלע יידן ווו נאָר זיי האָבן די שליטה איבער זיי.

די דייטשן הייסן שאַפן אַ פייער־לעשער־קאָמאַנדע אין געטאָ

איין מאָל זענען פאַרשטייערס פון יודנראַט צוריקגעקומען פון קרייז־הויפּטמאַן אין גאַרוואָלין מיט אַ באַפעל אויפצושטעלן אַ פייער־לעשער־קאָמאַנדע אין געטאָ. די שוועריקייט פון אויספירן דעם באַפעל איז באַשטאַנען אין צונויפ־שטעלן די אַלע כלים וואָס מען דאַרף האָבן צו לעשן אַ שריפה. דער יודנראַט האָט די אויספירונג פון דעם באַפעל אַרויפגעלייגט אויף טוביה מילער. מ'האָט זיך גלייך געוואָנדן צו אויסגעדינטע זעלנער און די, האָבן זיך גערן אָפּגערופן, ווייל דער וואָס האָט געדאַרפט אָנגעהערן צו דער פייער־לעשער־קאָמאַנדע איז באַפרייט געוואָרן פון גיין אויף צוואַנגס־אַרבעט.

אַ שמיד אין געטאָ האָט פון אַלט אייזן אויסגעקאָוועט העקלעך און האַקעס. סטאָלערעס וועלכע האָבן זיך פאַרשריבן אין דער פייער־לעשער־

קאָמאַנדע, האָבן געמאַכט לייטערס. די גרעסטע שוועריקייט איז באַשטאַנען אין שאַפן וואַסער־פּאָמפּעס און פעסלעך אויף וואַסער. מ׳האָט זיך געוואַנדן צו דער פוילישער פייער־לעשער־קאָמאַנדע און געבעטן ביי איר זי זאָל אויסבאָרגן די נייטיקע מכשירים, אָבער זי האָט עס נישט געוואָלט טאָן. לסוף, האָט מען אויך די כלים זיך איינגעשאַפט, און מען האָט געוואַרט אויף די דייטשן, וועלכע האָבן געדאַרפט אָראָפּקומען קאָנטראָלירן צי מען האָט אויסגעפירט זייער באַפעל. ווען זיי זענען אַראָפּגעקומען קיין פאַריסאָוו, האָבן די יידישע פייער־לעשערס דעמאָנסטרירט פאַר זיי אַ פּראָבע פון לעשן אַ שריפה. צוקוקנדיק זיך צו דעם, האָבן די דייטשן געשמייכלט, און זענען אַוועקגעפאָרן.

די יידן אין געטאָ האָבן לייכטער אָפּגעאָטעמט.

די דייטשן באַפעלן צו לייגן אַ שאָסיי

נישט לאַנג פאַרן ליקווידירן דעם געטאָ, האָבן די דייטשן באַפוילן די יידן אין פאַריסאָוו צו לייגן אַ שאָסיי וואָס זאָל פאַרבינדן דאָס נאָענטע דאָרף גלאַסקאָוו, מיטן שטעטל. מען האָט גוט געוווּסט, אַז די דייטשן מיינען נישט די טובה פונעם דאָרף, ווי נאָר — צו פּייניקן די שוין געווּנג אויסגעמוטשעטע יידן. דער יודנראַט האָט צוזאַמענגערופן די יידן פון געטאָ, און פאַרלאַנגט, אַז אַלע זאָלן זיך צושטעלן צו דער אַרבעט כדי אויסצוזעענדיקן דעם שאָסיי צום טערמין וואָס די דייטשן האָבן אָנגעגעבן. אַלע שיכטן פון דער באַפעלקערונג האָבן זיך געשטעלט צו דער אַרבעט, אָנהייבנדיק פון פאַריסאָווער רב, הרב מאָרגנשטערן, ביז — קליינע קינדער. יעדער איינער האָט געטראָגן צי צוויי שטיינער אַ מרחק פון עטלעכע הונדערט מעטער און עטלעכע קריסטלעכע ברוקירערס האָבן געלייגט דעם שאָסיי. צו דער אַרבעט איז מען אַרויס 6—7 אין דער פרי, און זי האָט זיך געצויגן ביז אַ זייגער דריי נאָך מיטאָג. אַרבעטנדיק אין אַזאַ טעמפּאָ איז דאָס לייגן דעם שאָסיי פאַרענדיקט געוואָרן צום געפאָדערטן טערמין.

משה מאָנק — „יודנעלטסטער" אין פאַריסאָווער געטאָ

נאָענט פון פאַריסאָוו איז געווען אַ גוט אַבראָמב, און זיין אייגנטימער — דער ייד משה מאָנק. אין 9־טן דעצעמבער 1939, איז מ. מאָנק אַרויסגעטריבן געוואָרן פון זיין הויף (אין זעלבן טאָג איז אויך אַרויסגעטריבן געוואָרן פון זיין גוט דער לאַנגיאָריקער פּרעזעס פון דער פאַריסאָווער קהילה — ר׳ יצחק מענדל גאָלדמאַן, וועלכער איז, צוזאַמען מיט זיין פאַמיליע, אַריבער וווינען אין פאַריסאָוו) און די דייטשן האָבן איבערגענומען זיין גאַנץ פאַרמעגן.

צו ערשט, איז מאָנק אַוועק קיין וואַרשע ווו ער האָט געהאַט אַן אייגן הויז. שפּעטער, ווען די לאַגע אין וואַרשע איז געוואָרן שלעכט, איז מאָנק

אַריבערגעקומען קיין פּאַריסאָוו ווו ער האָט בכלל זיך נישט געמישט אין געזעלשאַפטלעכן לעבן.

אין אַ געוויסן טאָג איז מאָנק געקומען אין יודנראַט אַריין מיט אַ פּאַראָרדע־נונג פון קרייז־הויפטמאַן לויט וועלכער ער ווערט דורך אים נאָמינירט ווי דער פּרעזעס פון יודנראַט.

מאָנק האָט איבערגענומען דעם אַמט, און גלייך מודיע געווען וועגן אַ קאָנטריבוציע פון 150 טויזנט זלאָטעס וואָס די דייטשן האָבן ארויפגעלייגט אויפן געטאָ.

די יידישע באַפעלקערונג איז אויפגעציטערט געוואָרן פון דער גזירה. אַלע זענען שוין געווען אויסגעשעפּט פון די גזירות און באַפעלן און אויך אויסגעליידיקט, פון די אַלע געלט אויספּרעסונגען וואָס מען האָט דורכגעפירט ביז דעמאָלט. אָבער עס האָט גאָרנישט געהאָלפן. דער יודנראַט האָט באַשלאָסן אויפצומאָנען די פאַרלאַנגטע סומע. זיינע מענטשן האָבן זיך אַרויסגעלאָזט איבערן געטאָ, און אויף פאַרשידענע אופנים, מיט גוטן און מיט שלעכטן, אַרויסבאַקומען פון דער באַפעלקערונג די 150 טויזנט זלאָטעס.

די ליקווידאַציע פון געטאָ

עס זענען נאָך נישט געווען קיין בולטע סימנים וואָס זאָלן ממש אָנווייזן אויף אַ נאָענטער ליקווידאַציע פון געטאָ, אָבער אַ פּחד פאַר דעם איז געהאָנגען אין דער לופטן ווי אַ שווערד וואָס אָט אָט דאַרף זי זיך אַראָפּלאָזן און קוילענען.

„ווי אַזוי ראַטעוועט מען זיך פון אומגליק?" „וואָס טוט מען כדי ניצול צו ווערן?" מענטשן האָבען טאָג און נאַכט געטראַכט וועגן דעם, געזוכט עצות און תחבולות אַנטקעגנצושטעלן זיך דעם טויט.

מענטשן האָבן זיך אַוועקגעלאָזט צו באַקאַנטע פּויערים, אָהינגעטראָגן פון זייערע זאַכן. צו אַנדערע ווידער זענען באַקאַנטע פּויערים אַליין געקומען און האָבן אַריבערגעפירט צו זיך סחורות, קליידער, אַדג"ל. אַזוי אַרום האָט מען געוואָלט זיך פאַרזיכערן אַ מקום־מקלט, אַן אָרט ווו צו קענען זיך אויסבאַהאַלטן אין טאָג ווען עס וועט עפּעס געשען.

און עס זענען אויך געווען אַזעלכע וואָס האָבן צוגעגרייט פאַר זיך באַהעלטענישן אין די וווינונגען גופא, אין קעלערס, צי אויף בוידעמס. אַנדערע זענען געלאָפן קיין כיזשין אין לאַגער אַריין, רעכענענדיק, אַז אַזוי ווי דאָס איז אַן אַרבעטס־לאַגער וועט מען דאָרט זיין זיכערער.

ערגער איז געווען דער מצב פון משפחות מיט קליינע קינדער. אין כיזשינער לאַגער האָט מען נישט אַריינגעלאָזט מיט קינדער. אויך פּויערים האָבן נישט געוואָלט אַריינלאָזן צו זיך פאַמיליעס מיט קליינע קינדער.

סיי ווי: מענטשן האָבן אויסגעשפּירט דאָס אומגליק וואָס שטייט הינטער

דער טיר, און מען האָט גישט געוווסט אויף וועלכער וועלט מען איז. מען האָט פֿאַרשטאַנען, אַז מען דאַרף זיין גרייט, ווייל אַ ליאַדע טאָג קאָן ברענגען מיט זיך דעם סוף.

אין איינעם אַ טאָג, צווישן ראש־השנה און יום־כּיפּור, פון יאָר 1942, איז פּלוצלינג געוואָרן אַ געלאַף אין געטאָ. יעדער איז אַריין אין שטוב זיך אויסבאַהאַלטן און דעמאָלט האָט מען, דורך פֿענצטער־שפּאַרעס, געזען ווי ס.ס.לייט טרייבן אַ גאַנצע עדה יידן צום מאַרק. דערנאָך זענען די ס.ס. אַוועק צום יודנראַט, און האָבן באַפֿוילן אויפצונעמען די יידן וואָס מ׳האָט געבראַכט קיין פּאַריסאָוו. דאָס איז געווען אַן עדה פון אַ דריי טויזנט יידן, אַרויס־געטריבענע פון סטאָצק. זיי זענען געווען באָרוועס און אָפּגעריסן. אויסגע־מאַטערטע פון לויפן אַ מרחק פון 20 קילאָמעטער, זענען די יידן נישט געווען אין שטאַנד אויסצורעדן אַ וואָרט. זיי האָבן נאָר געוויינט, האַרצרייסנדיק געוויינט.

די פּאַריסאָווער יידן האָבן וואַרעם אויפגענומען די אַרויסגעטריבענע ברידער פון סטאָצק, אַריינגענומען זיי אין זייערע שטיבער, דערלאַנגט זיי וואַרעמעס צו טרינקען, פֿאַרנומען זיך מיט זייערע קינדער וואָס זענען געווען פֿאַרמאַטערט פון וועג, און מיט די קראַנקע וואָס האָבן געדאַרפֿט הילף.

די סטאָצקער פּליטים האָבן דערציילט, אַז אַ נאַכט פֿריער, האָבן ס.ס. לייט און „שוואַרצע״, מיט דער הילף פון דער פּוילישער פּאָליציי, און פּוילישע פֿייער־לעשערס, אַרומגערינגלט זייער שטעטל און געעפֿנט אַ שיסעריי פון אַלע זייטן. גלייך נאָך דעם, זענען די דייטשן אַריין אין יידישן קוואַרטאַל, האָבן גענומען שלאָגן אַלעמען אַכזריותדיק און אַרויסטרייבן צום מאַרק. אויף אַזאַ אופן זענען גלייך געפֿאַלן אַ סך קרבנות. אויפֿן מאַרק זענען זיי געשטאַנען אַ גאַנצע נאַכט. אין דער פֿרי האָט מען זיי אויסגעשטעלט אין רייען, און אַזוי, צו פֿוס, געטריבן ביז פּאַריסאָוו. דעם גאַנצן וועג האָט זיי באַגלייט אַ שיסעריי. דאָס האָבן די דייטשן ליקווידירט קראַנקע און אַלטע וואָס האָבן נישט געקאָנט נאָכיאָגן. דער גאַנצער וועג פון סטאָצק ביז פּאַריסאָוו איז פֿאַרזייט מיט טויטע. די סטאָצקער יידן האָבן אויך איבערגעגעבן וועגן ביטערן גורל פון די קינדער. טאַטעס און מאַמעס האָבן זיי געטראָגן אויף די הענט אַזוי לאַנג ווי זיי האָבן נאָר געקאָנט. אָבער אין מאָמענט ווען מ׳האָט אַראָפּ־געלאָזט אַ קינד פון די הענט און עס האָט זיך אָנגעהויבן נאָכשלעפּן, אָדער אַזאַ קינד וואָס האָט קיינעם נישט געהאַט און ס׳איז פון מידקייט קוים געגאַנגען, האָבן די דייטשן עס גלייך דערשאָסן.

מענטשן האָבן אָנגעהויבן פֿאַרלאָזן דעם געטאָ, און אַוועק צו פּויערים. עס איז נאָך שטאַרקער געוואָרן דאָס לויפן קיין כּיזשין, וווהין מ׳האָט מיט חדשים צוריק נישט געוואָלט גיין אויף אַרבעט און זיך אויסגעקויפט פֿאַר געלט.

ס'איז פאַרביי יום־כיפור. שבת איז געווען דער ערשטער טאָג סוכות פון יאָר תש״ב. זונטיק — דער צווייטער טאָג יום־טוב. פאַר נאַכט צו זענען אָנגעקומען ידיעות אַז קאַלאַביעלער און סאָבינער יידן זענען אין זעלבן טאָג אַרויסגעטריבן געוואָרן פון זייערע שטעטלעך, און זיי וואַרטן אויף דער ראַמפּע אין פילאַווע, כדי אַרייַנגעפּאַקט צו ווערן אין וואַגאָנען.

הונדערטער יידן האָבן אין די פאַרנאַכט־שעהען פאַרלאָזט דעם געטאָ. צווישן די אַנטלויפנדיקע זענען געווען דער מרא דאתרא ר' דוד שלמה מאָרגנשטערן און זיין שווער ר' יצחק מענדל גאָלדמאַן פון פשאַנקע.

די נאַכט איז געווען אַ רויקע, אַ שטילע. אַ מין שטילקייט פון ערב אַ שטורעם. פאַר טאָג, דעם ערשטן טאָג חול־המועד־סוכות (27.9.1942), זענען קיין פּאַריסאָוו אָנגעקומען באַוואָפנטע ס.ס. לייט און די „שוואַרצע". זיי זענען צוגעפאָרן צו דער פוילישער פּאָליציי און האָבן פאַראָרדנט צו מאָביליזירן די פוילישע פייער־לעשער־קאָמאַנדע. גלייך נאָך דעם, האָבן זיי אַרומגערינגלט דאָס שטעטל, און אָנגעהויבן אַרויסטרייבן די יידן אויפן מאַרק. קלעפּ און שיסערייַ האָבן באַגלייט די געטריבענע. אויף די גאַסן זענען גלייך געבליבן ליגן יידישע הרוגים, קינדער און עלטערע. די געשרייען און געוואַלדן האָבן זיך געריסן צום הימל, ווי נאָר זיי צו שפּאַלטן.

אויף אַן אויטאָ וואָס די דייטשן האָבן אוועקגעשטעלט איז געווען אינסטאַלירט אַ ראַדיאָ מיט אַ הילכער, און, פון אין דער פרי אָן, האָט ער געשפּילט טאַנץ־מוזיק. די קולות פון דער מוזיק האָבן פאַרטויבט די אַכזריות־דיקע שיסעריי און די געשרייען פון די געטריבענע יידן.

ווען די פּאַריסאָווער עדה איז שוין געווען צונויפגעזאַמלט אויפן מאַרק, האָבן די דייטשן אָפּגעריסן מיט געוואַלד, קליינע קינדער פון זייערע עלטערן, און זיי געלאָדנט אויף פויערישע וועגעלעך וואָס זענען צו דעם צוועק געוואָרן דורך זיי צוגעגרייט. נאָך דעם, האָבן די דייטשן באַפוילן די פאַרזאַמלטע זיך איינצושטעלן אין רייען און ביי די קלאַנגען פון דער טאַנץ־מוזיק, האָט די עדה פּאַריסאָווער יידן אַרויסגעמאַרשירט פון שטעטל. נישט איין בליק איז צוגעפאַלן צו דער פאַראייַנזאַמטער שול — דער איינציק־פאַרבליבענער עדות פון אַ חרוב געוואָרענער קהילה — און טרערן זענען גערונען פון די אויגן, טרערן וואָס האָבן געקאָנט אָנפילן גאַנצע ימען.

בעתן גיין דעם לעצטן וועג, אַרויס פון פּאַריסאָוו, האָבן קוילן דורכ־געשניטן צאַפּלדיקע לעבנס. דאָס האָבן דייטשן דערשאָסן שוואַכע און קראַנקע וואָס זענען, בעתן גיין, געבליבן הינטערשטעליק. יעדער איינער האָט זיך געקאָנט פאָרשטעלן, אַז דאָס האָבן זיי דערשאָסן זיינס אַ קינד, אַ טאַטן, אַ מאַמען, צי אַ נאָענטן קרוב. אָבער קיינער האָט נישט געטאָרט זיך אומקוקן, ווייל דער טויט האָט נאָכגעיאָגט, אַ מערדערישע קויל האָט געצילעוועט און געקאָנט טרעפן.

און אַזוי איז די געטריבענע, צעבלוטיקטע עדה אָנגעקומען קיין פילאַווע.

אויך דאָ, ביי די וואַגאָנען, זענען מענטשן געפאַלן ווי פליגן. ווען דער טראַנספּאָרט־צוג איז אָנגעקומען, האָבן די דייטשן אַזוי גענומען טרייבן, און אונטערשטופּן, אַז מענטשן זענען געוואָרן צעטרעטן לעבעדיקערהייט.

און אַז די וואַגאָנען זענען שוין געווען פול מיט מענטשן, האָבן די דייטשע מערדערס אַריינגעוואָרפן אַהין די קינדער וואָס זיי האָבן פריער געהאַט צוגענומען פון די מאַמעס, און לאַכנדיק אַזוי טייוולאָניש, אויסגערופן: „האַלט אייך דאָס דרעק".

דער צוג האָט געריכט. פאַריסאָווער יידן זענען אַוועק זייער לעצטן וועג — דער וועג צום גיהנום אויף דער ערד, וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען:

טרעבלינקע.

אברהם דוד בן ידידיה קאַץ

איבער פעלדער און וועלדער

ערב דער ליקווידאַציע פון פאַריסאָווער געטאָ, האָבן אַ 150 נפשות, צווישן זיי: סטאָצקער יידן, זיך באַוויזן צו ראַטעווען. אַ טייל איז געלאָפן קיין כיזשין, אין אַרבעטס־לאַגער אַריין, אַ טייל האָט זיך צעשפּרייט איבער די פעלדער פון די נאָענטע דערפער, און אַ טייל, האָט זיך אויסבאַהאַלטן אין די אייגענע וווינונגען, אין שטעטל.

גלייך נאָך דער אויסזידלונג האָט דאָס שטעטל אויסגעזען ווי נאָך אַ מלחמה. אין געטאָ איז געווען פוסט. אויף די גאַסן זענען געלעגן טויטע יידן. די יידישע הייזער אין געטאָ זענען געשטאַנען אָפן. אויף אַ סך טישן זענען געווען סימנים פון נישט פאַרענדיקט עסן. די שענק אין די יידישע שטובן זענען געווען צעעפנט און נאָך געגנוג פול מיט זאַכן. אין אַ סך שטובן זענען טליתים געלעגן אויף די טישן — אַ סברה, אַז די אַרויסגעטריבענע יידן האָבן זיי נישט באַוויזן מיטצונעמען.

עס האָט נישט לאַנג געדויערט, און די פּוילישע באַפעלקערונג איז באַפאַלן דעם געטאָ און האָט אָנגעהויבן רויבן יידיש האָב און גוטס. מען האָט גלייך געזען ווי די פּאָליאַקן טראָגן אַרויס פון געטאָ זעק מיט בעטגעוואַנט, מאַשינען און אַנדערע חפצים. פון שעה צו שעה איז דער געלאַף פון די קריסטן אין געטאָ אַריין געוואָרן גרעסער. יעדער האָט געוואָלט וואָס מער אַנרויבן פאַר

זיך. פוילישע פאַמיליעס זענען געקומען מיט אַלע זייערע קינדער כדי יעדער איינער זאָל העלפן טראָגן די אָנגערויבטע זאַכן.



אברהם דוד קאַץ

צווישן די אַנטלאָפענע

איך בין געווען צווישן די אַנטלאָפענע פון דער אויסזידלונג. איך בין געלעגן נישט ווייט פון שטעטל, און כ'האָב זיך צוגעהערט צו דער שיסעריי און צו די געשרייען פון די יידן אין געטאָ. איך האָב נישט געקאָנט איינליגן. נישט ווייט פון מיר זענען פאַרבייגעלאָפן עטלעכע מענטשן. איך האָב זיך נישט באַוועגט, טראַכטנדיק אַז אפשר זענען דאָס פוילישע פייער־לעשערס וועלכע האָבן נאָך אין געטאָ געכאַפּט יידן און זיי איבערגעגעבן די דייטשן. עס איז פאַרביי די נאַכט, און ווען ס'איז געוואָרן ליכטיק, האָב איך נישט געוווסט וואָס צו מאַכן מיט זיך. וווהין צו גיין. במשך דעם טאָג, האָב איך כסדר געמוזט בייטן מיין באַהעלטעניש, ווייל פויערים זענען געקומען אַרבעטן אויף זייערע פעלדער, און איך האָב מורא געהאַט פאַר זיי, געוואָלט, אַז זיי זאָלן מיך נישט זען. ווען ס'איז ווידער געוואָרן פינצטער, און די פויערים האָבן פאַרלאָזט די פעלדער, בין איך אויפגעשטאַנען און כ'האָב זיך געלאָזט גיין מיטן וועג קיין כיזשין. איך האָב אויסגערעכנט, אַז אַזוי ווי כ'האָב אין דעם דאָרף עטלעכע באַקאַנטע פויערים, וועל איך זיי בעטן, אַז זיי זאָלן מיר

העלפן, און אויב זיי וועלן דאָס נישט טאָן, וועל איך זיך אַריינגנבענען אין אַרבעטס־לאַגער.

אָנקומענדיק קיין כיזשין, בין איך צוגעגאַנגען צו אַ באַקאַנטן פויער. ווען ער האָט מיך דערזען ביי אים אין שטוב, האָט ער זיך דערשראָקן און מיך געפרעגט פון וואַנען איך בין געקומען. איך האָב אים נישט געוואָלט דערציילן אַז דער געטאָ אין פאַריסאָוו איז שוין ליקווידירט, און אַז איך בין אַן אַנטלאָפענער פון דער אויסזידלונג. איך האָב אים געזאָגט, אַז כ׳בין געוועזן ביי אַ באַקאַנטן פויער און אים אָפּגעגעבן אַן אַרבעט. ער האָט מיר געגעבן עפּעס צו עסן און כ׳בין אַוועק. צו מאָרגנס, בין איך, גאַנץ פרי, צו צום לאַגער זען וואָס עס טוט זיך דאָרט. איך האָב דאָרט געטראָפן נאָך פאַריסאָווער און סטאָצקער יידן וועלכע האָבן זיך געוואָלט אַריינבאַקומען אינעווייניק און מ׳האָט זיי נישט אַריינגעלאָזט. צווישן די, זענען געווען אַזעלכע וואָס זענען געווען גרייט צו לאָזן זיך קאָסטן געלט, אַבי צו קענען זיין אין לאַגער. די מענטשן האָבן מיר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז זינט זיי זענען אַרויס פון שטעטל האָבן זיי נישט וואָס צו עסן, ווו צו שלאָפן, דרייען זיך אַרום אויף די פעלדער, און ווערן, אין די נאַכט־שעהען, געפרוירן פון קעלט.

אין בין איינער אַליין

איך האָב געפרוווט איבערצוצייגן די מענטשן, אַז זיי זאָלן זיך נישט אַזוי אַוועקברענגען אויף צו קאָנען אַריינגיין אין לאַגער, ווייל דערנאָך וועלן זיי שוין נישט קאָנען אַרויס אויף דער פריי. איך האָב זיי פאָרגעלייגט צו גיין צוזאַמען אין וואַלד אַריין, שאַפן זיך שפייז פאַר געלט, צי מיט כוח, אָבער די מענטשן זענען געווען צו אויסגעמאַטערט אויף צו קאָנען אויסהערן לאָגישע רייד.

נישט האָבנדיק קיינעם צו זיך, בין איך, איינער אַליין, אַוועק פון לאַגער. איך האָב זיך פאַרשאַפט, אויף אַ פעלד, אַ ביסל קאַרטאָפל, און ווען ס׳איז אָנגעקומען די נאַכט, בין איך אַריין שלאָפן אין אַ סטאָדאָלע, באַמיענדיק זיך, אַז דער אייגנטימער זאָל דערפון נישט וויסן.

יעדן טאָג בין איך צוגעקומען זען וואָס עס טוט זיך ביי די יידן וואָס דרייען זיך אַרום דעם פאַרשלאָסענעם טויער פון כיזשינער לאַגער.

אין איינעם אַ פרימאָרגן, האָב איך דאָרט געטראָפן נישט בלויז מענער, נאָר אויך פרויען מיט קינדער, צווישן זיי, די פרוי קאַפּאָטע מיט אירע צוויי קינדער. עס זענען דאָרט אויך געווען די קינדערלעך פון נאָטע העניעס. זיי זענען געווען הונגעריק און האָבן געציטערט פון קעלט.

די מענטשן האָבן כסדר געזוכט עסן אויף די אַרומיקע פעלדער. מ׳האָט דאָרט נאָך געקאָנט געפינען אַ ביסל קאַרטאָפל, אַ בוריקל אָדער אַ הייפּטל קרויט. אין געוויסע ערטער האָט מען נאָך געקאָנט געפינען אַ מייערל. ווען

די פויערים האָבן אָנגעהויבן באַמערקן, אַז „עפּעס" געשעט דאָ מיט זייערע פּראָדוקטן אויף די פעלדער, האָבן זיי אויסגעפונען, אַז נישט קיין אַנדערע ווי נאָר די יידן וואָס דרייען זיך אַרום לאַגער ליידיקן אָפּ זייערע פעלדער. די הונגעריקע יידן האָבן מורא געקריגן פאַר זיי, און האָבן זיך איבערגעטראָגן אויף אַ ביסל ווייטערע פעלדער, כדי דאָרט צו זוכן פאַר זיך דערנערונג.

ביי די אַ שווערע באַדינגונגען, האָבן מענטשן נאָך מער געזוכט וועגן ווי אַזוי זיך אַריינצובאַקומען אין לאַגער. עס האָט אויך אויף זיי געווירקט דער פאַקט וואָס אינעווייניק האָבן זיך געפונען: דער רב פון שטעטל, דער כּריץ פון פשאַנקע — יצחק מענדל גאָלדמאַן, און נאָך אַנדערע חשובע באַלעבאַטים.

איך האָב בשום אופן נישט געוואָלט אַריינגיין אין לאַגער, געזוכט עמעצן וועלכער זאָל וועלן גיין מיט מיר אין וואַלד, אָבער איך האָב אַזעלכן נישט געפונען.

איך האָב געהערט וועגן דער גרופּע וואָס הערש אָסיפּ האָט אָרגאַניזירט און וועגן דעם איבערפאַל זיינעם אויף דער פּאָליציי אין פּאָריסאָוו. איך האָב געהאַט די אַמביציע אויך אויפצושטעלן אַזאַ גרופּע אין וואַלד, נאָר ליידער איז עס מיר נישט געלונגען. ביי הערש אָסיפּן האָבן זיך געפונען אַמאָליקע אָרגאַניזירטע אַרבעטער, אין דער צייט ווען אַרום לאַגער האָבן זיך געדרייט מענטשן וועלכע זענען נישט געווען פעיק צו פירן אַ קאַמף פאַר זייער אייגענער עקזיסטענץ.

די דייטשן שיסן אויס די יידן אַרום לאַגער

אין איינעם אַ פרימאָרגן ווען די אומגליקלעכע יידן זענען געשטאַנען אַרום פאַרמאַכטן, אָפּגעשלאָסענעם לאַגער, איז פּלוצלינג אָנגעקומען אַ באַוואָפנטע דייטשע אָפּטיילונג און האָט געעפנט אַ שטאַרקע שיסעריי. מענטשן האָבן אָנגעהויבן לויפן אַהין און אַהער, און נישט געהאַט וווהין צו אַנטרינען. די שיסעריי האָט אָנגעהאַלטן ביז פאַר נאַכט, און זעכציק יידישע נפשות זענען אין דעם טאָג געוואָרן אומגעבראַכט. פון טויט האָבן זיך געראַטעוועט בלויז די וואָס האָבן צופעליק זיך געהאַט פאַרשפעטיקט צוצוקומען צום לאַגער. אויף די אַרומיקע פעלדער האָבן זיך געוואַלגערט טויטע קערפּערס, צווישן זיי אַ סך קליינע קינדער.

אַריין און אַרויס פון לאַגער

נאָך דער רוצחישער אַבלאַווע זענען מיר געווען בלויז עטלעכע יידן, געבליבענע אויסערן לאַגער. אַברהם פּרץ און יחזקאל מאַטיסעס זענען צו צום טויער, האָבן גערעדט מיט די אָנפירערס פון לאַגער, און גלייך זענען מיר אַריין אינעווייניק. איך האָב זיך דאָרט אָנגעטראָפן אויף אַ סך באַקאַנטע יידן פון פּאָריסאָוו, סטאַצק און לאַטאָוויץ. עס איז פאַר מיר געווען אַן איבער־

ראשונג צו טרעפן אין לאַגער די פרוי קאַפּאַטאַ מיט אירע צוויי קינדערלעך. איך האָב געוווּסט, אַז אין לאַגער זענען נישט פאַראַן קיין פרויען, און, אַוודאי נישט קיין קינדער. זי האָט מיר דערציילט, אַז אַ ייד פון לאַטאָוויץ וואָס האָט צו זאָגן אין לאַגער, האָט זי אַריינגעגנבעט אינעווייניק. די פרוי קאַפּאַטאַ האָט זיך פאַר מיר פאַרקלאָגט, אַז אירס אַ טעכטערל איז קראַנק, און זי האָט מורא אַז אויב די דייטשן, וועלן זיך דערוויסן, וועלן זיי עס חלילה דערשיסן. איך האָב איר פאַרגעלייגט אָפּצוגעבן דאָס קינד צו אַ באַקאַנטן פויער ביז עס וועט ווערן געזונט. די פרוי קאַפּאַטאַ האָט אין אָנהייב מורא געהאַט עס צו טאָן און לבסוף אָנגענומען מיין פּראָפּאָזיציע. איך בין גלייך אַרויס פון לאַגער אין דאָרף אַריין. אַ סך כיזשינער פויערים האָבן אפילו נישט געוואָלט הערן פון דעם וואָס כ'האָב זיי געבעטן. פון דעסטוועגן האָב איך אָנגעטראָפן אויף איינעם וועלכער האָט אויסגעדריקט זיין גרייטקייט צו נעמען דאָס קינד צו זיך אויף אַ שטיקל צייט. דער פויער האָט געהייסן באַבליסקי. איך האָב אים געזאָגט אַז דאָס איז מיינס אַ קינד, און כ'האָב אים געבעטן ער זאָל עס גוט צוהיטן. איך האָב אים אויך צוגעזאָגט אָפּצודינען מיט וואָס נאָר כ'וועל קאָנען. נאָך אין זעלבן טאָג, בין איך צוריק אַוועק אין לאַגער אַריין און כ'האָב געזאָגט דער פרוי קאַפּאַטאַ, אַז איך האָב אַ פּלאַץ פאַרן קינד, זי זאָל עס נאָר צוטראָגן ביז צו די דראָטן און וועל איך עס נעמען אויף די פּלייצעס און עס אַוועקטראָגן צום פויער. האַרצרייסנדיק איז געווען דאָס געזעגענען זיך פון דער פרוי ק. מיט איר קינד. זי האָט נישט אויפגעהערט עס צו קושן, און דערביי פאַרגאָסן טייכן טרערן. איך האָב צוגענומען דאָס קינד ביי דער פרוי ק. און כ'בין אַוועק צום פויער וועלכער האָט שוין געוואַרט אויף מיר און געהאַט צוגעגרייט אַ גוט אָרט אין דער סטאַדאָלע. פופצן טעג איז דאָס קינד געלעגן ביים פויער, באַקומען גוט צו עסן, און איז טאַקע געוואָרן געזונט. איך האָב עס אָפּגעבראַכט דער פרוי קאַפּאַטאַ אין לאַגער אַריין, און כ'בין צוריק אַרויס צו די סטויגעס היי, ווו איך האָב זיך אויסבאַהאַלטן.

צו שלוש־סעודות אין כיזשינער לאַגער

אין אַ שבת־פאַרנאַכט, ווען עס האָט אָנגעהויבן ווערן טונקל, בין איך אַריין צו אַ באַקאַנטן פויער, און געבעטן ביי אים אַ שטיקל ברויט. איך האָב באַקומען אַ האַלב ברויט און מיט דעם בין איך אַוועק אין לאַגער ווו כ'האָב געטראָפן יידן פראַווען, אין דער שטיל, שלוש־סעודות. זיי זענען געזעסן צונויפגעדריקט און האָבן קוים געשעפּטשעט מיט די ליפּן. אַזוי האָבן אויסגעזען די שלוש־סעודות־זמירות, דער „בחדוותא דזעיר אנפין"... איך האָב פאַר זיך געזען דעם געוועזענעם פריץ פון פשאַנקער הויף. ער איז געווען געשוואָלן פון הונגער און פון קעלט, און האָט שוין נישט געקאָנט רעדן. עס האָט מיר דעמאָלט אויסגעזען, אַז זיינע טעג פון לעבן זענען געציילטע. איך

האָב אַוועקגעגעבן די יידן דאָס האַלבע ברויט וואָס כ׳האָב מיטגעבראַכט און זיי האָבן מיר דערפאַר געדאַנקט.

איך האָב נאָך אַ מאָל געפּרוּווט רעדן מיט מענטשן, אַז זיי זאָלן אַרויס פון לאַגער און מיר וועלן שאַפן אַ גרופּע וואָס זאָל אַוועק אין אַ וואַלד. נאָר די מענטשן זענען שוין געווען אַנמעכטיק כדי צו קאָנען עפּעס טאָן. „מיר זענען נאַקעט און באָרוועס און אָן כוחות" — האָבן זיי מיר געענטפערט. בין איך ווידער אַוועק אַליין צו מיין סטויג היי, כ׳האָב טיף זיך איינגעגראָבן אין אים, און כ׳בין אַדורכגעשלאָפן אַ נאַכט. ביי טאָג בין איך אַרויס אויפן פעלד, כ׳האָב אָנגעקליבן אַ ביסל גרינוואַרג, און צוריק זיך „פאַרקאָפּעט" אין היי.

פון כיזשין קיין קאַלושין, און פון דאָרט...

דעם טאָג ווען כ׳בין אַזוי געשמאַק געשלאָפן אינעם היי, האָט מען אַרויסגעפירט די יידן פון כיזשינער לאַגער קיין קאַלושין. צו מאָרגנס, ווי נאָר ס׳איז געוואָרן פינצטער, בין איך אַרויס פון מיין באַהעלטעניש, און כ׳האָב זיך געלאָזט גיין קיין קאַלושין, כדי געוויר צו ווערן ווי עס זעט דאָרט אויס.

די קאַלושינער יידן זענען נאָך פריער שוין געווען אַרויסגעטריבן פון זייער געטאָ. זענען אַהין אָנגעקומען די יידן פון כיזשינער לאַגער, כדי זיי זאָלן טיילן דעם זעלבן גורל. נאָר דערווייל האָט געהייסן, אַז ס׳איז בעסער ווי אין כיזשין. דאָס וווינען איז געווען באַקוועמער און דאָס עסן — אויך אַ ביסל בעסער. אָבער עס האָט נישט לאַנג געדויערט, און די דייטשן האָבן אָנגעהויבן אָנפילן דעם געטאָ־לאַגער אין קאַלושין מיט יידן פון אַנדערע שטעט און שטעטלעך. ס׳איז געוואָרן שרעקלעך ענג און מיט עסן — וואָס אַ מאָל ערגער און ערגער. ווען איך בין אַריין אין לאַגער, האָב איך נאָך דאָרט געטראָפן אַ 50 יידן מיטן רב בראש. צווישן זיי: אברהם פרץ מיט זיין פרוי און יחזקאל מאטיסעס מיט צוויי קינדער. נאָך אַ קורצער צייט האָבן זיי אויסגעזען ווי האַלבע מתים. ווי אַנדערע, האָבן אויך זיי, געזוכט איבערבלייבעכץ פון עסן אין די מיסטקאַסטנס. אַנדערע האָבן זיך אַרויסגעגנבעט פון לאַגער כדי איינ־צושאַפן זיך עפּעס עסן, און אַ סך פון זיי זענען געפאַלן פון די דייטשן. צווישן די: יאָסל מאַרסקיס טאָכטער, און מלך שמערלס אַ זון.

אין איינעם אַ טאָג, בין איך אַרויס פון לאַגער צו אַ באַקאַנטן אַפּטייקער, אַ קריסט. ווי נאָר כ׳בין אַריין צו אים, האָט ער מיר געזאָגט: ראַטעווע זיך, מאָרגן פירט מען אייך אַוועק. איך בין גלייך צוריק אין לאַגער, געוואָלט געפינען עמעצן וואָס זאָל וועלן אַנטלויפן צוזאַמען מיט מיר. קיינער האָט עס נישט געוואָלט טאָן, אַפילו נאָך דעם ווי כ׳האָב זיי איבערגעגעבן וואָס דער קריסטלעכער אַפּטייקער האָט מיר געזאָגט. אין דער פרי, ווען מיר האָבן זיך איבערגעוועקט, איז דער לאַגער שוין געווען אַרומגערינגלט דורך דייטשן. דער טאָג איז פאַרביי אין שרעק און אין פאַרצווייפלונג. ביי נאַכט זענען אַריין די

דייטשן און האָבן באַפוילן זיך צונויפצוזאַמלען אויפן מאַרק־פּלאַץ. די קעלט איז געווען מוראדיק שטאַרק. ס'איז געווען אַ ליכטיקע נאַכט. דער הימל איז געווען אויסגעשטערנט. אַ העלע לבנה האָט געטריטלט איבערן טונקעלן הימל־געוועב, און עס האָט אויסגעזען ווי זי וואָלט זיך צוגעקוקט צו דער טראַגעדיע, צו דער שוידערלעכער טראַגעדיע פון די קינדער פון אברהם, יצחק און יעקב.

ווען ס'איז געקומען דער באַפעל, האָבן די צונויפגעטריבענע יידן אָנגעהויבן רירן פון אָרט. גלייך האָט זיך געעפנט אַ שיסעריי. דאָס האָבן די דייטשן דערשאָסן שוואַכע און קראַנקע וועלכע האָבן נישט געקאָנט גיין אין די רייען און זענען געבליבן הינטערשטעליק. די דערשאָסענע זענען געבליבן ליגן אויף די וועגן. קיינער האָט זיך נישט אומגעקוקט אויף זיי. עס זענען אויך געווען אַזעלכע וואָס האָבן געפּרובירט אַנטלויפן. אָבער ווי נאָר די דייטשן האָבן עס באַמערקט, האָבן זיי נאָכגעשאָסן.

מען האָט אונדז צוגעפירט צו דער באַן־סטאַנציע אין דערפל מראַזי. אויך דאָ, בעתן וואַרטן אויפן צוג, האָבן מענטשן געוואָלט זיך ראַטעווען, אַנטלויפן, אָבער די דייטשן האָבן יעדן אַנטלאָפענעם נאָכגעשאָסן און דערהרגעט אויפן אָרט. נאָך שעהען פון וואַרטן, איז אָנגעקומען אַ צוג מיט פאַרמאַכטע וואַגאָנען, קליינע פענצטערלעך, פאַרצויגענע מיט שטעכיקן דראָט. עס זענען נישט געווען קיין טרעפּ אַרויפצוגיין, און ווען ס'איז געקומען דער באַפעל צו געפינען זיך, במשך 15 מינוט, אין די וואַגאָנען, איז געוואָרן אַזאַ געלאַף און אַזאַ שטופּעניש, אַז מענטשן האָבן געטרעטן איינער אויפן אַנדערן. די דייטשן האָבן געשלאָגן מכות־רצח און טויט־געפאַלענע יידן האָבן זיך געשפּרייט אַרום די וואַגאָנען.

אַ גיהנום אין די וואַגאָנען

ווי נאָר דער צוג האָט גערירט, האָבן מענטשן אָנגעהויבן זוכן אַ געלעגנהייט צו אַנטלויפן. אין מיטן וועג, איז געלונגען אויפצורייסן די דראָטן פון אַ פענצטער. איך בין צו דער ערשטער. מ'האָט מיך אויפגעהויבן, איך האָב אַרויסגעשטעקט די פיס, און אַ שפּרונג געטאָן. אין ערשטן מאָמענט האָט זיך מיר פאַרדרייט דער קאָפּ. ווען איך בין געקומען צו זיך, האָב איך באַמערקט, אַז איך ליג אויף די רעלסן פון דער באַן־ליניע. איך בין שנעל אויפגעשטאַנען, און כ'האָב זיך אָפּגעטראָגן. דערביי האָב איך זיך אַרומגעטאַפּט, כדי צו זען אויב אַלע ביינער זענען גאַנץ. איך בין אָפּ עטלעכע טריט און כ'האָב געזען ליגן מענטשן — זיי זענען, ווי איך, געשפּרונגען פון צוג — מיט צעבראָכענע הענט און פיס, אָדער דורכגעשאָסן פון קוילן וואָס די דייטשן האָבן זיי נאָכגעשיקט. די וועלכע האָבן זיך נישט געקאָנט אויפהייבן און גיין, האָבן זיך געבעטן מען זאָל זיי דערשיסן און מאַכן אַן ענדע צו זייער פּיין. עס איז נישט געווען ווער עס זאָל עמעצן העלפן, וואָרעם די, וועמען עס איז געלונגען צו שפּרינגען פון צוג, האָבן געוואָלט וואָס שנעלער זיך אָפּטראָגן פון דעם אָרט וואָס איז געווען פול מיט סכנות.

די רויבער־באַנדעס

דאָ, ווו די טראַנספּאָרט־צוגן זענען פאַרבײַגעגאַנגען, האָבן זיך אָרגאַ־ניזירט רויבער־באַנדעס וועלכע זענען באַפאַלן די אַנטלויפנדיקע, און האָבן בײַ זיי אַלץ אָפּגענומען; אַ סך מאָל — אַפילו אַראָפּגעצויגן פון זיי די שטיוול, אויב זיי האָבן נאָר נושא־חן געווען אין זייערע באַנדיטישע אויגן. דאָס זעלבע האָבן זיי געטאָן מיט די פאַרוווּנדעטע וואָס זענען געלעגן לעבן דער באַן־ליניע, און האָבן געוואַרט אויפן טויט. די באַנדיטן האָבן צוגענומען אַלץ וואָס זיי האָבן בײַ זיי געפונען און אָפט מאָל, אַראָפּגענומען פון זיי די בגדים און געלאָזט זיי ליגן האַלב־נאַקעט.

נאָך דעם ווי כ'בין איבערגעקומען די באַנדיטן, און זיי האָבן מיר שוין דערלויבט צו גיין, האָב איך נישט געוווּסט ווו איך געפין זיך, און וווּהין איך דאַרף זיך ווענדן. ס'איז געווען פינצטער און איך האָב, גייענדיק, זיך אָנגעטראָפן אויף אַ מענטש. איך האָב זיך איינגעשטעלט און אָנגעהויבן רעדן צו אים יידיש. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, און מיר געזאָגט, אַז ער איז אָקערשט געשפּרונגען פון צוג. די באַנדיטן זענען אים באַפאַלן, האָבן צוגענומען בײַ אים דאָס גאַנצע געלט וואָס ער האָט פאַרמאָגט. איך האָב אים פאָרגעלייגט מיר זאָלן גיין צוזאַמען, וועט זיין היימלעכער און גרינגער. דער מאַן האָט מיר געענטפערט, אַז ער וויל אָנקומען אין זיין געגנט, צו אַ באַקאַנטן פויער. ער גלייבט, אַז ער וועט אים העלפן, אָבער — נאָר אים, און דעריבער איז נישט געוווּנטשן, אַז מיר זאָלן גיין בײַנאַנד.

און ווידער אַליין

מיר זענען זיך פונאַנדערגעגאַנגען. איך האָב דערזען אַ סטויג היי און כ'בין צוגעגאַנגען אַהין, כ'האָב זיך טיף אַרײַנגעשטופּט און אַזוי אָפּגעשלאָפן ביז צו מאָרגנס אין האַלבן טאָג אַרײַן.

ווען ס'איז געוואָרן טונקל, האָב איך זיך אַוועקגעלאָזט קיין כיזשין. אָנקומענדיק אַהין, איז שוין געווען צו שפּעט אַרײַנצוגיין צו אַ באַקאַנטן. איך האָב ווידער אויסגעזוכט זיך אַ סטויג היי, אַרײַנגעקראָכן טיף, און אַדורכ־געשלאָפן אַ נאַכט מיט אַ טאָג.

אַן אויסגעשלאָפענער, האָב איך מיר אָפּגעגעבן אַ קלאָרן חשבון פון מײַן לאַגע. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז איך דאַרף פירן אַ לעבן ווי אַ צום טויט־פאַרמשפּטער מענטש וועלכער איז אַנטלאָפן פון די הענט פון זײַנע הענקערס. די גאַנצע וועלט איז פאַר אַזאַ איינעם פאַרשלאָסן, ער טאָר זיך נישט ווײַזן פאַר קיינעם, וואָרעם יעדער טריט איז פול מיט סכנות.

— יאָ, אָבער, ווו נעמט מען עפּעס אָפּצועסן? ווי אַזוי שטילט מען דעם הונגער? האָב איך זיך אַליין געפרעגט.

איך האָב זיך אָװעקגעלאָזט צו אַ באַקאַנטן פּויער. װען איך בין אַרײַנגעקומען צו אים, האָט ער זיך דערשראָקן פֿאַר מיר און געזאָגט, אַז ער האָט נישט געגלייבט, אַז נאָך דער ליקװידאַציע פון לאַגער זענען נאָך געבליבן יידן. איך האָב אים געבעטן ער זאָל מיר געבן עפּעס צו עסן, װײַל איך האָב שוין דרײַ טעג נישט געהאַט אין מויל. דער פּויער האָט מיר געגעבן אַ ברויט, אַ ביסל קאַרטאָפֿל אין שאַלעכץ, און זאַלץ. ער האָט מיך געהייסן אַװעקגיין פון זײַן שטוב, װײַל איך קאָן ברענגען אַן אומגליק אויף זײַן משפחה. איך בין צוריק אַרײַן אין סטויג הײ, אָפּגעלעגן דאָרט 3 טעג, און װען דאָס עסן האָט זיך מיר אויסגעלאָזט, בין איך אַרויס. דאָס מאָל בין איך אַװעק צו אַ צװייטן פּויער. אַזוי װי עס איז דאָרט געװען ליכטיק, און כ׳האָב געזען, אַז אינעװייניק זיצן שכנים, האָב איך זיך צוגעטוליעט צו דער װאַנט פון הויז, און אויסגעװאַרט ביז אַלע זענען אַרויס. אין דרויסן איז געװען אַ שרעק־לעכער פראָסט און איך האָב קוים אויסגעהאַלטן די קעלט. דער פּויער צו װעמען כ׳בין אַרײַן, האָט מיך נישט אַזוי גוט אויפגענומען. ער האָט מיר געגעבן אַ שטיקל ברויט און אָנגעזאָגט, אַז כ׳זאָל מער נישט קומען צו אים. איך בין אַװעק צוריק אין מײַן באַהעלטעניש.

איך אַרבעט ביי שוסטערײַ

איך האָב נישט געהאַט קיין אַנדערן אויסװעג און אין איינעם אַן אָװנט בין איך אַװעק צום ערשטן פּויער װעלכער האָט געהאַט מיך נישט שלעכט אויפגענומען. זעענדיק, אַז ער איז גוט געשטימט צו מיר, האָב איך אים פֿאַרגעלייגט צו געבן מיר זײַן שוכװאַרג צו פֿאַרריכטן. זײַן ענטפֿער איז געװען, אַז ער דאַרף טאַקע האָבן אַ שוסטער אויף עטלעכע טעג, אָבער ער האָט מורא מיך צו האַלטן, טאָמער װעלן שכנים מיך באַמערקן. צום סוף האָט ער אויסגעקליבן פֿאַר מיר אַן אָרט אויפֿן בוידעמל, איבערן חזיר־שטאַל. ער האָט מיך אַהין אַרויפגעפירט און מיר געבראַכט צום פֿאַרריכטן דאָס גאַנצע ביסל שוכװאַרג װאָס ער האָט געהאַט. איך האָב זיך נישט געאײַלט מיט דער אַרבעט. ס׳איז מיר געװען זייער גוט אויפֿן בוידעמל: געהאַט גוט צו עסן, און ס׳איז מיר אויך געװען װאַרעם. אַזוי אַרום בין איך צוריקגעקומען צו די כוחות. גאַנצע צװיי װאָכן האָב איך געשלעפּט די אַרבעט װאָס האָט געדאַרפט דויערן עטלעכע טעג. במשך דער צײַט האָב איך מיר צוגעגרייט — אויפֿן בוידעמל — אַ באַהעלטעניש, און אויך אַ מעגלעכקייט װי אַזוי זיך אַרײַנצובאַקומען אַהין אַז דער פּויער זאָל דערפֿון נישט װיסן.

װען איך האָב זיך געזעגנט מיטן פּויער, האָט ער מיר מיטגעגעבן ברויט און אַנדערע פּראָדוקטן. איך בין אַװעק, אָבער װי נאָר איך האָב געזען, אַז ער איז אַרײַן אין שטוב, האָב איך זיך אומגעקערט אין דער באַהעלטעניש װאָס כ׳האָב געהאַט צוגעגרייט. צװיי װאָכן בין איך װידער אָפּגעלעגן אויפֿן

בוידעמל און כ׳האָב זיך דערנערט מיט קאַרטאָפל וואָס דער פויער האָט יעדע נאַכט אַריינגעבראַכט פאַר די חזירים־וועגן ווערנדיק זייערס אַ שטאַרקער מיטעסער...

אין וואַלד, מיט פּאַריסאַווער

אין איינער אַ נאַכט בין איך אַרויס פון באהעלטעניש און כ׳בין אַריין צום פויער אין שטוב. ער האָט מיר דערציילט וועגן אַ באַפעל פון די דייטשן נישט אַריינצולאָזן קיין יידן אין שטוב נאָר איבערצוגעבן זיי לעבעדיקע אין זייערע הענט. דער פויער האָט מיר אויך איבערגעגעבן, אַז לויט ווי מען דערציילט אין דאָרף, געפינען זיך יידישע פּאַרטיזאַנער אין די וועלדער פון סטאַדזעוו און גאַזד. דער פויער האָט מיר מיטגעגעבן אַ ביסל עסן און איך בין אַוועק פון אים.

אין סטאַדזעווער וואַלד האָב איך זיך אָנגעטראָפן אויף מאיר לאַטאָוויצקי און משה קליימאַן. אונדזער פרייד איז געווען גרויס און מיר האָבן באַשלאָסן צו שאַפן אַן אייגענע פּאַרטיזאַנישע, באַוואָפנטע גרופּע. מיר האָבן צונויפגעשטעלט אַ סומע פון 1500 זלאָטעס און געקויפט אַ ביקס. ווען זי איז געבראַכט געוואָרן אין וואַלד אַריין, איז ביי אונדז געווען ממש אַ יום טוב. די איינציקע ביקס פלעגט אונדז באַגלייטן ווען נאָר מיר האָבן זיך אַרויסגעריררט פון אונדזער באַזע. פויערים האָבן זיך גערעכנט מיט דעם וואָס מיר זענען באַוואָפנט און זיי האָבן אונדז מער רעספּעקטירט.

אין צווישן זענען מיר געוווּיר געוואָרן, אַז אין אַ שכנותדיקן וואַלד איז פאַראַן אַ גרופּע רוסישע פּאַרטיזאַנער. אין איינעם אַ טאָג זענען מיר: פּינטשע ראָזנבערג און איך, אַוועק אויפזוכן די רוסישע גרופּע. אַ האַלבן טאָג זענען מיר אַרומגעקראָכן אין וואַלד, געזוכט און גענישטערט, ביז מיר האָבן באַמערקט אַ רויך־שנירל און לויט דעם זענען מיר צו ביז צום אָרט ווו מיר האָבן געטראָפן עטלעכע מענטשן אין זעלנערישע בגדים. מיר האָבן זיך באַגריסט און גלייך זיי דערציילט ווער מיר זענען. מיר האָבן זיך צוגעזעצט צום פייער און די רוסן האָבן אונדז דערציילט, אַז זיי זענען אַנטלאָפענע פון דייטשער געפאַנגענשאַפט און אַז זייער ציל איז — זיך צו דערשלאָגן צו רוסישע פּאַרטיזאַנישע איינהייטן, אויף מזרח.

בעתן געשפּרעך האָבן זיי אונדז דערציילט, אַז זיי האָבן אונטערגעצונדן אַ פויערס ווירטשאַפט פאַר ברענגען די דייטשן אין וואַלד אַריין, אין רעזולטאַט פון וואָס זיי האָבן פאַרלוירן איינעם פון זייערע חברים.

צוזאַמען מיט די רוסן איז אויך געווען אַ פרוי ועמען די סאָוויעטן האָבן אַראָפּגעלאָזט אין די פאַרנומענע געביטן. די פרוי האָט זיך שטאַרק פאַראינטערעסירט מיט אונדזער גורל און באַזונדערס מיט מאַנישן, פּינטשעס ברודער, וועלכער האָט, בעתן שפּרינגען פון צוג, צעבראָכן אַ האַנט און נישט האָבנדיק קיין שום הילף, איז זי געבליבן ביי אים אויסגעקרומט. די פאַראַשוטיסטקע

האָט געזאָגט מאַנישן, אַז זי איז גרייט אים צו געבן געלט, וויפל נאָר מען דאַרף, כדי גלייכצושטעלן די אויסגעקרומטע האַנט, פאַרשטייט זיך, אויב מען קען נאָך עפּעס אויפטאָן.

במשך דער צייט וואָס די רוסישע גרופּע איז געווען אין וואַלד, האָט מאַניש אָנגעהאַלטן קאָנטאַקט מיט דער דערמאָנטער פרוי. זי האָט אים אַ סך געהאָלפן און אויך אונדז געגעבן געלט איינצוקויפן וואָפן. פאַר איר געלט האָבן מיר טאַקע געקויפט נאָך צוויי ביקסן און אַנדער געווער.

מיר שאַפן זיך איין נאָך געווער

ביי באַקאַנטע פּויערים זענען מיר געוויור געוואָרן אַז ביי אַ געוויסן קריסט איז פאַראַן אַ ביקס און מיר וואָלטן געקאָנט זי אָפּקויפן ביי אים. מיר זענען אַוועק צו דעם קריסט און אים געבעטן אונדז צו פאַרקויפן די ביקס וואָס ער פאַרמאָגט. דער קריסט האָט געלייקנט שטייף און ביין. אָבער ווייל מיר זענען דאָך געווען אינפאָרמירט, אַז ער האָט יאָ אַ ביקס, האָבן מיר אים באַפוילן זיך אָנטאָן און מיטגיין מיט אונדז אין וואַלד אַריין. דעם קריסטס פרוי האָט זיך אויף אַן אמת דערשראָקן. זי איז אַוועק אין סטאָדאָלע און האָט אונדז פון דאָרט געבראַכט אַ ביקס מיט קוילן. מיר האָבן איר פון דעסטוועגן געגעבן אַ ביסל געלט און פאַרלאָזט די שטוב.

איין מאָל זענען צוויי פון אונדזערע חברים אַוועק איינשאַפן עסן. אַ פּויער האָט זיי פאַרהאַלטן און אויסגעליווערט די דייטשן. מיר האָבן זיך דערוווסט, אַז דאָס איז געשען אין אַ דאָרף, צען קילאָמעטער פון אונדזער וואַלד. מיר זענען אַוועק אין יענעם דאָרף, האָבן אויפגעוועקט דעם פּויער אויף וועלכן מען האָט אונדז אָנגעוויזן און אים אויסגעפרעגט וואָס עס האָט פּאַסירט מיט די צוויי יידן. צו ערשט האָט ער געטענהט, אַז ער ווייסט פון גאָרנישט, נאָר נאָך עטלעכע גוטע קלעפּ, האָט ער דערציילט, אַז עטלעכע פאָלקס־דייטשן האָבן צו אים געבראַכט, די דורך זיי געכאַפּטע צוויי יידן, און אים, ווי דעם סאָלטיס פון דאָרף, באַפוילן איבערצוגעבן די קרבנות דער דייטשער מאַכט.

נאָך אַ קורצער באַראַטונג האָבן מיר אים געשאָנקען דאָס לעבן און געוואָרנט, אַז מיר וועלן נעמען נקמה אין גאַנצן דאָרף אויב עס וועט ווער איבערגעבן יידן אין דייטשע הענט.

אונדזער גרופּע ווערט גרעסער

צו אונדזער גרופּע זענען צוגעקומען יידן פון וואַרשע, גאַרוואָלין, זשעלעכאָוו, און אַנדערע ערטער. מיר האָבן געציילט 30 נפשות און געפירט אַן עכט פאַרטיזאַניש לעבן. פילנדיק זיך שטאַרק, האָבן מיר אָנגעהויבן אַרויס־שיקן שטראָף־עקספּעדיציעס קעגן פאַררעטערס. איינע אַזאַ עקספּעדיציע איז אַוועק אין דאָרף פּיענקיס — זעקס קילאָמעטער פון אונדזער באַזע. אין יענעם

דאָרף איז געווען אַ קריסט וועלכער פלעגט כאַפּן יידן און איבערגעבן זיי די דייטשן. ער פלעגט אויך מסרן שכנים־פויערים וואָס האָבן אונדז געשטיצט מיט עסן און קליידונג. אַזוי למשל האָט דער פאַררעטער געמסרט אַ פויער פון די קאָלאָניעס און איבערגעגעבן די דייטשן, אַז ער העלפט יידן, לאָזט זיי אַריין צו זיך און גיט זיי צו עסן. די דייטשן זענען אַראָפּגעקומען אין די קאָלאָניעס און האָבן געשלאָגן דעם פויער מכות־רצח. דער באַשולדיקטער האָט געטענהט, אַז ער געדענקט אפילו נישט ווי אַ ייד זעט אויס. די דייטשן האָבן אים אָבער אַזוי צעשלאָגן, אַז ער איז געבליבן ליגן אָן באַוווסטזיין און במשך פיר וואָכן האָט ער דערנאָך נישט געקאָנט זיך אויפשטעלן.

אין דער נאַכט ווען מיר זענען געגאַנגען קיין פּיענקיס נעמען נקמה אין דעם פאַררעטער, האָט אונדז באַגלייט אַ געמיש פון שניי און רעגן. מיט אונדז איז דעמאָלט מיטגעגאַנגען איינע פון די דריי יידישע פאַרטיזאַנקעס אין אונדזער גרופּע וועלכע האָט שטאַרק געוואָלט אָנטיילנעמען אין אויספירן דעם נקמה אַקט. מיר זענען אַריין צום פאַררעטער אין שטוב, געהייסן אים זיך אָנטאָן, מיטגענומען אים ביז צום ראַנד פון וואַלד — און דאָרט אים דערשאָסן.

די דייטשן באַפאַלן אונדז

מיר האָבן דורכגעפירט נאָך עטלעכע דיווערסיע־אַקטן, און מיר זענען געוואָרן פּאָפּולער אין דער געגנט. במשך די זומער־חדשים, האָבן מיר מיינסטנס, גענעכטיקט אין די פעלדער וואָס זענען געווען באַדעקט מיט תבואה. שפּעטער, ווען מען האָט אַראָפּגענומען די תבואה פון פעלד, האָבן אונדז די פויערים באַמערקט, און זיי האָבן אויסגעגעבן די דייטשן וווּ מיר געפינען זיך.

אין איינעם אַ טאָג, האָבן די דייטשן אונדז אַרומגערינגלט פון דריי זייטן און באַשאָסן. מיר האָבן זיך צוריקגעצויגן טיפער אין וואַלד, און נישט געהאַט ווו זיך אויסצובאַהאַלטן פון די קוילן. די שיסעריי האָט אָנגעהאַלטן ביז פאַר נאַכט. ווען די דייטשן זענען אַוועק און מיר האָבן זיך אומגעקערט צו דער באַזע, האָבן מיר געזען, אַז עס פעלן פון אונדז מענטשן. צו מאָרגנס, האָבן מיר געפונען זעקס הרוגים, חברים פון אונדזער פאַרטיזאַנישער איינהייט.

אונדזער מצב ווערט ערגער

אונדזער לאַגע איז געוואָרן זייער ביטער. פון איין זייט, האָבן מיר נישט געוואָלט פאַרלאָזן דעם סטאַדזעווער וואַלד און איבערטראָגן זיך אין אַ צווייט אָרט וווּ מיר קענען נישט די אַרומיקע באַפעלקערונג, און פון דער צווייטער זייט, האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן אין די דערפער אַ.ק. לייט („אַרמיאַ קראַיאָוואַ" — אַ רעכטע פּוילישע מיליטערישע פאַרטיזאַנער אָרגאַניזאַציע וועלכע האָט געקעמפט מער קעגן יידן ווי קעגן זייערע באַצווינגערס — די דייטשן) און אָנגעזאָגט די פויערים נישט אַריינצולאָזן צו זיך קיין יידן און

נישט געבן זיי צו עסן. די „אַקאָוועצעס” זענען געזעסן אין די דערפער, האָבן זיך דאָרט אַרומגעדרייט פראַנק־און־פריי, און זענען אויך געקומען אין די וועלדער ווו זיי האָבן אויסגעהרגעט יידן, ווען נאָר זיי האָבן זיך אָנגעטראָפן אויף זיי. מיר האָבן צעלאָזט אונדזער גרופע. יעדער איינער האָט געדאַרפט געפינען פאַר זיך אַ באַהעלטעניש. זינט דעמאָלט, פלעגן מיר, אין די נעכט, זיך אויסבאַהאַלטן אין היי, אין סטאָדאָלעס, אויף בוידעמס, און פאַרטאָג — אַוועק צוריק אין וואַלד.

שלמה „טשולע” (זילבערשטיין) פאַראַט נישט דאָס דאָרף סטאָדזעוו

איין מאָל, אין אַ פרימאָרגן, האָבן דייטשן, אָנקומענדיק קיין סטאָדזעוו, באַמערקט עטלעכע פון אונדזער גרופע און געעפנט אויף זיי אַ פייער. בעת דער שיסעריי, איז פינטשע געפאַלן אויפן אָרט, און שלמה „טשולע” איז געכאַפט געוואָרן אַ לעבעדיקער.

ווי מען האָט אונדז דערנאָך איבערגעגעבן, האָבן די דייטשן אָנגעטאָן שלמהן אויסטערלישע עינויים. זיי האָבן געפאָדערט פון אים ער זאָל אויסגעבן ווו עס געפינען זיך די „יידישע באַנדיטן” (אַזוי האָבן זיי אָנגערופן די יידישע פאַרטיזאַנער אין וואַלד) און וויפל ס'איז זייער צאָל. זיי האָבן אים געשלאָגן און געטרעטן מיט די פיס, און נישט אַרויסגעקריגן פון אים קיין איין וואָרט. אַזוי ווי זיי האָבן געפונען ביי אים אַ האַלב ברויט, האָבן זיי געוואָלט וויסן דעם נאָמען פון פויער, ביי וועמען ער האָט עס באַקומען, און ביי וועמען ער איז געשלאָפן די פאַרגאַנגענע נאַכט. די דייטשן האָבן אים צוגעזאָגט אַפּצולאָזן, אויב ער וועט אויסגעבן דעם פויער, צי די פויערים, ביי וועלכע ער איז געווען. שלמה האָט זיי געזאָגט, אַז ער האָט דאָס ברויט געפונען און אַז ער קען קיינעם נישט פון דאָרף. די דייטשן האָבן באַפוילן, אַז אַלע פויערים וואָס ווינען אויף דעם פלאַץ ווו זיי האָבן זיך אָנגעטראָפן אויף די צוויי יידן, זאָלן אַרויס פון זייערע הייזער און זיך אויסשטעלן אין אַ ריי, כדי שלמה זאָל קאָנען אָנווייזן אויף זיינע באַקאַנטע. די פויערים זענען געווען אין שרעק פאַר דעם וואָס עס קען געשען. אָבער, שלמה האָט קיין איינציק וואָרט נישט אויסגערעדט. די דייטשן האָבן אים מערדערלעך געשלאָגן ביז ער איז אַנידערגעפאַלן אין חלשות. זיי האָבן אים געמינטערט מיט וואַסער, אויפגעשטעלט אים אויף די פיס, און ווידער געפייניקט. דערנאָך האָבן די דייטשן אָפּגעריסן אַ פּאָר ברעטער פון אַ פלויט און געוויזן שלמהן אַז מיט די טשוועקעס וואָס שטעקן אין די ברעטער וועלן זיי אים צוצערייסן, אויב ער וועט נישט אויסגעבן ביי וועמען ער האָט באַקומען דאָס ברויט. שלמה האָט נישט געענטפערט און זיי האָבן אים אַזוי לאַנג געשלאָגן מיט די ברעטער, ביז ער איז אַנידערגעפאַלן און זיך מער נישט אויפגעהויבן.

די פויערים וואָס האָבן דערציילט די גאַנצע פאַסירונג מיט שלמה „טשולע”,

האָבן צוגעגעבן, אַז יעדן זונטיק לייגן זיי בלומען אויף זיין קבר, אין אויסדרוק פון אָנערקענונג פאַר זיין אויסטערלישער גבורה, פאַר נישט וועלן שלעכטס טאָן קיינעם אין דאָרף.

און ווידער צוויי קרבנות

אין יענע טעג זענען צווישן אונדז געווען אַזעלכע וואָס האָבן געהאַלטן, אַז מען מוז אַוועק פון דער געגנט. אַנדערע האָבן געטענהט, אַז ערגעץ אַנדערש קאָן זיין נאָך ערגער, איז שוין גלייכער צו בלייבן אויפן אָרט.

צווישן די וואָס האָבן אונדז געוואָלט פאַרלאָזן זענען געווען סאָבאָלס צוויי קינדער: פרומעט, און חיים. זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען די סכנה וואָס דראָט זיי, אויב זיי וועלן אונדז פאַרלאָזן. די קינדער האָבן געבעטן מען זאָל זיי מיטגעבן ברויט אין וועג אַריין, און מיר, נישט קאָנענדיק זיי איבערצייגן נישט אַוועקצוגיין, האָבן זיי מיטגעגעבן ברויט. די קינדער האָבן געזאָגט, אַז זיי קלייבן זיך אָנצוקומען אין דאָרף פיענקיס.

צוויי וואָכן זענען פאַרביי, און מיר האָבן פון זיי נישט באַקומען קיין שום ידיעה, נישט געוווּסט וואָס מיט זיי איז געשען. מיר האָבן באַשלאָסן צו שיקן עמעצן קיין פיענקיס געוווּיר צו ווערן צי די קינדער זענען דאָרט פאַראַן. אין אַ געוויסן אָוונט האָבן מיר זיך אַוועקגעלאָזט אַהין. מיר זענען אַריין צו אַ פויער, און יענער האָט אונדז דערציילט די געשיכטע מיט די קינדער: „מיט אַ וואָך צוריק — האָט ער שטיל גערעדט — איז דאָס גאַנצע דאָרף אויפגעציטערט געוואָרן פון אַ ידיעה וואָס איינער האָט דעם צווייטן איבערגעגעבן, אַז נישט ווייט פון אונדז ליגן צוויי טויטע קערפּערס. אַלע דאָרפישע זענען אַרויס אַ קוק טאָן, ווער עס זענען די געהרגעטע. אַ יונג מיידל איז געלעגן צעשניטן אויף שטיקער. נישט ווייט פון איר, אין אַ קאַלוזשע בלוט, איז געלעגן אַ ייִנגל. מיר האָבן נישט געוווּסט ווער זיי זענען, נאָר נאָך דעם ווי מען האָט באַקוקט דאָס ייִנגל, האָבן מיר פאַרשטאַנען, אַז דאָס זענען צוויי ייִדישע קינדער. איבערן מיידל איז מען באַגאַנגען אַ געוואַלדטאַט. די מענטשן פון דאָרף האָבן די קינדער קובר געווען אין אַ גרוב".

פון זיינע רייד האָט אויסגעזען, אַז נישט די דייטשן האָבן אויסגעפירט דעם בעסטיאַלישן מאָרד, נאָר עמעצער פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג.

די אַ.ק. טוען אָן צרות

מיר האָבן באַקומען אַ ידיעה, אַז אַן אָפּטיילונג פון דער אַ.ק. קומט פון כיזשין אין סטאָדזעווער וואַלד אַריין. מיר זענען אַוועק פון אונדזער באַהעלטעניש, האָבן אויסגעגראָבן אַ לאָך אין אַ סטאָדאָלע און דאָרט זיך באַהאַלטן. ווען דאָס עסן איז אונדז אויסגעגאַנגען, און מ'האָט אָנגעהויבן ליידן פון הונגער, זענען טוביה מילער און משה קליימאַן אַוועק קיין כיזשין זוכן

שפייז. אויפן וועג איז זיי באַפאַלן אַ גרופּע „אַקאָווצעס". משה קליימאַן האָט אָנגעהויבן לויפן און די באַנדיטן האָבן אים נאָכגעשאָסן. אַ דאַנק דער פינצטערניש, איז אים געלונגען זיך אַרויסצודרייען פון זייערע הענט. דאַקעגן האָבן זיי געכאַפּט מילערן און אים געפירט אויף אַ בריק צום דערשיסן. מילער האָט זיך אַרויסגעריסן פון די הענט פון דעם וועלכער האָט אים געפירט, און דערלאַנגנדיק אים אַ זעץ, פון וואָס ער האָט זיך אַזש איבערגעקערט, איז ער געשפּרונגען פון דער בריק אין טייך אַריין. מילער איז צוריקגעקומען אין דער באַהעלטעניש אין גאַנצן אַ נאַקעטער. דריי טעג איז ער געווען אָן לשון, און ערשט דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן צו ריידן.

צו מאָרגנס, זענען מיר אוועק צו אַ פּויער וועגן וועלכן מיר האָבן געוווּסט, אַז ער איז פאַרבונדן מיט די אַ.ק. און מיר האָבן ביי אים גענומען אַ פּאַק מיט אַנטועכץ פאַר מילערן און אַנדערע.

עס זענען אויך געווען גוטע מענטשן

דער פּויער סימאָן צאַלקאָ פון סטאַדזעוו האָט אונדז שטענדיק געמוטיקט מיט אַ גוט וואָרט, אויסגעשטרעקט ממשותדיקע הילף, בפרט אין די טעג ווען מען האָט נישט געקאָנט זיך באַווייזן אין ערגעץ צוליב די אַ.ק. סימאָן צאַלקאָ האָט פאַר אונדז שטענדיק געלאָזט אָפן זיין סטאָדאָלע, כדי מיר זאָלן ביי נאַכט קאָנען קומען צו אים שלאָפן. ער פלעגט אויך אָנגרייטן פאַר אונדז עסן: געקעכץ און אַנדער שפּייז, באַזונדערס אויף מיטצונעמען מיט זיך בעתן אַוועק־גיין, פאַר טאָג, פון זיין סטאָדאָלע.

עס איז אויך געווען אַ פּוילישע קראַנקן־שוועסטער וועלכע פלעגט קומען צו אונדז אין וואַלד און ברענגען שפּייז. זי האָט אויך געפלעגט ברענגען אונדז ידיעות וועגן דעם וואָס עס טוט זיך אויף די פראָנטן און שפּעטער — וועגן די דייטשע מפּלות אין רוסלאַנד און אין אייראָפּע.

אין יענע טעג זענען מיר שוין געווען אויסגעמאַטערט פון וואַנדערן פון אָרט צו אָרט און פון שטענדיקן פחד פאַר די דייטשן, פאַר א.ק. און פאַר כלערליי מוסרים.

חוץ דעם האָבן מיר שוין געהאַט פאַרלוירן מער פון אַ העלפט פון אונדזער גרופּע און מיר זענען געווען שטאַרק דערשלאָגן. מיר האָבן אָבער געוווּסט, אַז עס דערנענטערט זיך דער סוף פון היטלערן און זיין אַרמיי, און מיר האָבן דעריבער באַשלאָסן וואָס מער זיך אויסצוהיטן פון אונדזערע פיינד. אָבער, אין צווישן זענען ווידער געווען קרבנות: בעת אַן אָבלאַווע איז פייוול לאַטאַוויצקי אומגעקומען פון די דייטשן און מאיר לאַטאַוויצקי האָט צעבראָכן אַ פוס.

נאָך אַ יידישע גרופּע אין די וועלדער

מיר האָבן געוווסט, אַז ס'איז פאַראַן אין דער געגנט נאָך אַ גרופּע פון געראַטעוועטע יידן. מען האָט זי גערופן: די קאָוואַלקעס. די גרופּע האָט געציילט 22 נפשות: מענער, פרויען און קינדער. זיי האָבן זיך אויפגעהאַלטן אין די נאָענטע וועלדער, ביז די אַ.ק. האָט זיי אָנגעהויבן פאַרפאָלגן. בעת אַן איבערפאַל פון די פּוילישע פאַשיסטישע באַנדיטן איז פאַרוווּנדעט געוואָרן קאָוואַלעקס אַ קוזין. אַ קויל האָט אים דורכגעשאָסן די האַנט, פון וואָס זי איז ביי אים געשוואָלן געוואָרן און ער האָט באַקומען אַ פאַרגיפטיקונג. דער פאָטער פון פאַרוווּנדעטן האָט אויסגעקאָכט אַ מעסער, אָפּגעשניטן דעם זונס האַנט און אַזוי אַרום אים, ממש, געראַטעוועט.

דערנאָך זענען ווידער, בעת אַן אַבלאַווע, געפאַלן צוויי יידן פון דער דאָזיקער גרופּע.

די קאָוואַלקעס האָבן אַרויסגעשיקט זייערס אַ טאָכטער צו אונדזער גרופּע, אַ מרחק פון צען קילאָמעטער כדי צו זען וואָס עס הערט זיך ביי אונדז. דער וועג איז געווען פול מיט סכנות, אָבער זי איז בשלום אָנגעקומען צו אונדז. נאָך דעם ווי זי האָט זיך באַקענט מיט אונדזער מצב האָט זי זיך אומגעקערט אין איר וואַלד און יענע גרופּע האָט באַשלאָסן צו בלייבן אויפן אָרט.

די באַפרייונג

וואָס נענטער עס איז געוואָרן צו דער באַפרייונג, אַלץ שווערער איז געוואָרן די מעגלעכקייט צו עקזיסטירן. מיר האָבן שוין געזען די רוסישע עראָפּלאַנען, די ריקצוגן פון די דייטשן, אָבער די פּוילישע אַ.ק. האָט אונדז פאַרפאָלגט. זי האָט אַנגעוואָרפן אַן אימה אויף די פּויערים, און זיי געוואָרנט אונדז נישט צו העלפן. מיר זענען דעריבער אַוועק אויף די פעלדער, כדי אָפּצוּוואַרטן די באַפרייונג.

די דייטשן האָבן אָנגעהויבן לויפן אין בהלה. די שיסערייען זענען געוואָרן וואָס אַ מאָל נענטער. קוילן זענען געפלויגן איבער אונדזערע קעפּ, און מיר זענען געלעגן אויסבאַהאַלטן אין תבואה. דערנאָך האָבן טאַנקן אָנגעהויבן צו רוישן, און יעדער איינער פון אונדז האָט מורא געהאַט אַרויסצושטעקן דעם קאָפּ און אַ קוק טאָן ווער ס'איז די אַרמיי וואָס גייט פאַרביי לעבן אונדז.

— — — ביז ס'איז געקומען די אויסגעבענקטע מינוט. די מינוט ווען מיר האָבן שוין געמעגט זיך באַווייזן אויף דער ליכטיקער שיין און אויסגלייכן דעם רוקן — די מינוט פון באַפרייונג...

אין דרויסן איז געווען שיין און ליכטיק. די זון האָט פאַרגלאַנצט און פאַרגאָלדיקט די שפּיצן פון די תבואה־זאַנגען, און זיי האָבן זיך אַזוי שייך געוויגט אונטער אַ לייכט ווינטל.

מיר האָבן געפּילט די פרייד פונעם זוניקן טאָג. אָבער אונדזערע הערצער האָבן זיך נישט געקאָנט פרייען. פאַר אונדזערע אויגן זענען געשטאַנען די אַלע נאָענטע וואָס זענען אַזוי אַכזריותדיק אומגעקומען און מיר האָבן ערשט אַצינד אָנגעהויבן דערשפּירן ממשותדיק ווי גרויס עס איז דאָס אומגליק וואָס האָט אונדז געטראָפן.

משה קליימאַן

פון צוג קיין טרעבעלינקע — ביז דער באפרייונג

(קאַפּיטלען פון פּיין און גבורה)

ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן, האָבן מיר געוווינט אין גאַרוואָלין. אויפן אַכטן טאָג פון דער מלחמה, איז די שטאָט געוואָרן באָמבאַרדירט און פולשטענדיק צעשטערט. די יידישע באַפעלקערונג האָט אויסגעוואַנדערט אין די אַרומיקע שטעטלעך. איך מיט מיין משפחה זענען אַוועק קיין פאַריסאָוו, צו קרובים.



די דייטשן זענען אַריין קיין פאַריסאָוו אין אַ זונטיק. זיי האָבן אויסגענוצט די געלעגנהייט וואָס די קריסטלעכע באַפעלקערונג איז גראָד אַרויס פון קאָשטשאָל, און געהאַלטן פאַר איר העצערישע רעדעס קעגן יידן. די רעזולטאַטן פון דער אָנגעהויבענער העצע האָבן זיך גלייך געלאָזט פילן: פוילישע כוליגאַנעס האָבן צוגעהאָלפן די דייטשן כאַפּן יידן צו פאַרשידענע, נישט נוצלעכע אַרבעט, נאָר סתם, צו פייניקן און צו דערנידעריקן זייער כבוד.

דאָס יידישע־געזעלשאַפטלעכע און פריוואַטע לעבן איז געוואָרן פאַראַ־ליזירט. דער האַנדל און די אַרבעט — כמעט ווי אָפּגעשטעלט. ווערלנדיק פאַרדינען אויף חיונה, כדי צו קענען אויסהאַלטן די פאַמיליעס, האָט מען געזוכט באַשעפ־טיקונג. עס איז געקומען דערצו, אַז יידן זענען פרייוויליק געגאַנגען אַרבעטן צו די דייטשן.

איך האָב געהערט צו אַ גרופּע וואָס האָט געאַרבעט אין גאַרוואָלין ביים אָפּרייניקן די הייזער־חורבות וואָס זענען געבליבן נאָך דער שרעקלעכער דייטשער באָמבאַרדירונג. שפּעטער, האָב איך געאַרבעט אין די ס.ס. קאַזאַרמעס,

אין דער פערד־בריגאַדע. די אַרבעט איז באַשטאַנען אין רייניקן די שטיוול פון די מיליטער־לייט נאָך זייערע טרענירונגען. מיר האָבן אויך געטראָגן פעקלעך שטרוי וואָס יעדעס פון זיי האָט געוויגן 50 קילאָ.ביים טראָגן די פעקלעך האָט מען געמוזט לויפן. ווער עס האָט נישט געקאָנט לויפן, איז געשלאָגן געוואָרן מיט אַ בייטש. בעת אַזאַ לויפן האָט אַ דייטש אויסגעהאַקט אַלע ציין ביי ישראל־וועלוול ראַזעמס זון.

אַ געוויסע צייט האָב איך געאַרבעט לעבן דאָרף סאַלובין, נישט ווייט פון גאַרוואָלינער בית־הקברות. אונדז האָט געהיט אַן ס.ס.מאַן, וועלכער האָט געהאַט אַ פאַרגעניגן אויסצושטעלן פּלעשער און שיסן אין זיי.

איין מאָל האָט דער ס.ס.מאַן באַפוילן מיר און נאָך אַ יונגן בחור, אויס־צוגראָבן אַ גרוב אין דער פאָרעם פון אַ קבר. איך האָב ביי זיך אין האַרצן געטראַכט, אַז דאָס איז מיין סוף. ווען דאָס קבר איז שוין געווען אויסגעגראָבן, האָט דער דייטש אויסגעמאָסטן די טיף און די לענג פונעם גרוב, און אונדז געהייסן זיך אַריינלייגן. אין דעם מאָמענט איז אַ צווייטער ס.ס.מאַן געקומען אים בייטן. מיר האָבן אויסגענוצט די געלעגנהייט און זענען צוגעלאָפן צו דער גרופּע יידן וואָס האָט דאָרט געאַרבעט. אַזוי אַרום זענען מיר ניצול געוואָרן פון אַ זיכערן טויט. אַ געוויסע צייט האָבן מיר געאַרבעט אין פּילאַווע ביי האקן שטיינער. יעדן טאָג זענען מיר געגאַנגען צען קילאָמעטער, אַ הין און צוריק, און געאַרבעט פון פרי ביז נאַכט. נאָך אַ קורצער צייט זענען מיר געפאַלן פון די פיס פון אויסגעמאַטערטקייט און פון הונגער.

נאָך דעם ווי דער יידישער גוטבאַזיצער משה מאַנק איז אַרויסגעטריבן געוואָרן פון זיין מאַיאַנטיק אין אַבראַמב און אַ פּוילישער דייטש האָט דאָרט אָנגעפירט מיט דער גאַנצערווירטשאַפט, זענען יידן פון פּאַריסאָוו געכאַפּט געוואָרן אַהין צו אַרבעט. איך בין געווען צווישן די געכאַפּטע. די אַרבעט איז באַשטאַנען אין אויסגראָבן וואָרצלען פון אויסגעהאַקטע ביימער אין וואַלד. נאָך אַן אַרבעט איז דאָרט געווען: מען האָט איינגעשפּאַנט צען יידן אין אַ מאַשין וואָס האָט געדרעשעט תבואה (נאָרמאַל, האָט מען צו אַזאַ אַרבעט גענומען צוויי פּאָר פערד). דער דייטשער פאַרוואַלטער האָט געהאַט צוויי גרויסע הינט. וועלנדיק, אַז די יידן זאָלן וואָס שנעלער זיך דרייען אין ראָד, האָט ער נישט איין מאָל, אָנגערייצט אויף זיי די הינט. פאַר דער שווערער אַרבעט האָט מען באַקומען אַ ביסל וואַסערדיקע זופּ, און דערצו איז מען נאָך געוואָרן צעשלאָגן, אָדער צעביסן פון די הינט.

באַפעלן און גזירות פאַרביטערן דאָס לעבן

אויף אונדזערע קעפּ האָבן זיך געשיט באַפעלן און גזירות וואָס האָבן געהאַט איין ציל: צו פאַרביטערן אונדזער לעבן און דערנידעריקן אונדזער מענטשלעכן און יידישן כבוד. דער ערשטער באַפעל איז געווען אָפּצוגעבן מעש און קופּער וואָס געפינען זיך אין יידישן באַזיץ. ס'איז אויך פאַרבאָטן

געוואָרן יידן צו פֿאָרן אויף באַנען, אַריבערצופֿאָרן פֿון איין שטאָט אין דער צווייטער אָן אַ דערלויבעניש פֿון דער דייטשער מאַכט. דערנאָך איז געקומען אַ באַפֿעל צו טראָגן לעַנטעס מיט אַ מגן־דוד. עס איז געשאַפֿן געוואָרן אַ יודנראַט און ביי אים — אַ יידישע פּאָליציי. ביידע האָבן פּינקטלעך אויסגעפֿירט די באַפֿעלן פֿון די דייטשן. די פּאָליציאַנטן האָבן זיך גאַנץ אָפֿט באַנוצט מיט די גומענע פּאַלקעס וואָס זיי האָבן באַקומען פֿון די דייטשן צו שלאָגן ווידערשפּעניקע יידן.

אין זומער 1941, איז געשאַפֿן געוואָרן דער געטאָ. פֿון ענגשאַפֿט, הונגער און שמוץ, האָבן זיך פֿאַרשפּרייט טיפֿוס, דעזינטעריע און אַנדערע קראַנקהייטן וואָס האָבן גורם געווען צו אַ פֿאַרגרעסערטער שטערבלעכקייט. דער זומער איז פֿאַרביי און עס האָט זיך פֿרי געשטעלט אַ שווערער ווינטער, מיט שנייען און פֿרעסט. מיט פֿאַרקלעמטע הערצער האָבן עלטערן זיך צוגעקוקט ווי זייערע קינדער גייען אויס, און קינדער האָבן געזען ווי זייערע עלטערן שטאַרבן אַוועק. איינער האָט דעם צווייטן נישט געקאָנט העלפֿן און אויך נישט געהאַט מיט וואָס צו העלפֿן.

מיינע עלטערן קומען אום פֿון הונגער

אין מאַרץ 1942, בין איך, אין אַ מיטן דער נאַכט, אַרויס פֿון געטאָ און אַוועק אין אַ דאָרף. איך בין דעמאָלט אַלט געווען 17 יאָר. פֿון מיינע עלטערן האָב איך געהאַט געהערט, אַז אין דעם דאָרף וווינט אונדזערס אַ באַקאַנטער, אַ רייכער פּאָליאַק. איך בין אַוועק צו אים און געבעטן ער זאָל מיר געבן אַ וואָסערע ס'איז אַרבעט. ער האָט מיך צוגענומען ווי אַ פּאַסטוך צו זיינע בהמות. איך האָב די אַרבעט גוט אויסגעפֿירט, און זיך ביי אים אויפֿגעהאַלטן גאַנצע דריי חדשים. אין אַ געוויסן אָוונט, ווען איך בין געקומען צוריק מיט די בהמות פֿון דער פֿאַשע, האָט מיך דער באַלעבאָס אַריינגערופֿן און מיר געזאָגט, אַז ער קאָן מיך מער נישט האַלטן, ווייל ווי ער זעט, זענען די שכנים עלול אים צו מסרן פֿאַר די דייטשן. באין ברירה האָב איך פֿאַרלאָזט דאָס אָרט. דער באַקאַנטער פּאָליאַק האָט מיר מיטגעגעבן אַ ביסל שפּייז, און אין דער פֿינצטערניש פֿון דער נאַכט, האָב איך, דורך הינטער־וועגן, זיך געלאָזט צוריק צום פּאַריסאָווער געטאָ, צו מיינע עלטערן.

איך האָב מיינע עלטערן געפֿונען אין אַזאַ צושטאַנד, אַז נאָך היינט, ווען איך שרייב וועגן דעם, ווערט ביי מיר געגרונצלט די הויט, און דאָס האַרץ — פֿאַרקלעמט. אין אונדזער שטוב האָבן דעמאָלט געוווינט נאָך מענטשן און די ענגשאַפֿט איז געווען אומגעהייער גרויס. אַלע האָבן זיך שטאַרק דערפֿרייט מיט מיר און נאָך מער — מיט דעם ביסל שפּייז וואָס איך האָב געבראַכט מיט זיך. אָבער נישט לאַנג האָט אָנגעהאַלטן די פֿרייד. דאָס ביסל פּראָדוקטן וואָס איך האָב געבראַכט, האָט שוין נישט געקאָנט אָפּראַטעווען מיינע אומגליקלעכע

עלטערן פון שרעקלעכן הונגער־טויט; פריער — מיין מוטער, און פיר וואָכן שפּעטער — דער טאַטע. איך האָב נאָך קיין מאָל נישט פאַרגעסן ווי אַזוי איך בין אַ פאַרצווייפלטער און אומבאַהאָלפענער געזעסן לעבן מיין מוטער ווען זי איז געלעגן אויפן טויטן־בעט. איך האָב נישט אויפגעהערט צו וויינען. מיין מאַמע וועלכע האָט דאָס געזען, האָט מיך געטרייסט, זאָגנדיק צו מיר: „וויין נישט, מיין קינד, וויין נישט. דו ביסט נאָך יונג, וועסט אַלץ איבערלעבן, נאָר שטאַרק זיך".

דער מאַמעס רייד האָבן זיך איינגעקריצט אין מיין זכרון, מיך באַגלייט אין אַלע געפאַרן, געגעבן מיר האָפענונג, אַז איך וועל איבערלעבן דעם דייטשן גיהנום.

אין לאַגער כיזשין

אַ ביסל שפּעטער האָט מען מיך אַוועקגעשיקט, צוזאַמען מיט נאָך אַ גרופּע יונגע מענער, אויף אַרבעט, אין לאַגער כיזשין. איך האָב דאָרט געאַרבעט עבודת־פרך ביים טריקענען זומפּן, און דערפאַר באַקומען צוויי מאַרק אַ טאָג, אַ שטיקל שוואַרץ ברויט, און אַ וואַסערדיקע זופּ.

עס האָבן זיך געשטעלט קאַלטע טעג און ס'איז אוממעגלעך געווען צו אַרבעטן אין דרויסן. אין איינער אַ פינצטערער נאַכט, נישט קענענדיק איינשלאָפן, פון הונגער און קעלט, זענען מיר, עטלעכע יונגע, אַרויס פון די באַראַקן און האָבן זיך אַוועקגעלאָזט איבער די פעלדער זוכן אַ פאָר קאַרטאָפל, אַ בוריקל, ציבעלע אַ מייערל. פּלוצלינג, האָבן מיר פון דער ווייטנס דערהערט טריט וואָס האָבן זיך דערנענטערט צו אונדז. טויט־דערשראָקענע, זענען מיר געבליבן ליגן אויף דער ערד מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם. ווען די מענטשן זענען צוגעקומען נאָענט, האָבן מיר בפירוש געהערט ריידן יידיש. דאָס זענען געווען פאַריסאָווער יידן. זיי האָבן אונדז דערציילט די פינצטערע בשורה, אַז אין זעלבן טאָג זענען אַלע יידן פון פאַריסאָווער געטאָ אַרויסגעשיקט געוואָרן אויף זייער לעצטען וועג — קיין טרעבלינקע.

דערשלאָגענע פון דער בשורה, זענען מיר אַוועק צוריק אין די קאַלטע באַראַקן, און צו מאָרגנס, ווי יעדן טאָג, געגאַנגען צו דער אַרבעט. אַנטלאָפענע פון דער אויסזידלונג, צווישן זיי, פיל פרויען און קינדער, האָבן געוואָלט אַריין אין לאַגער, אָבער די פּאָליאַקן האָבן זיי נישט אַריינגעלאָזט. נישט האָבנדיק ווו זיך אַהינצוטאָן, האָבן די געפלאָגטע יידן זיך צעשפּרייט איבער די נאָענטע וועלדער און פעלדער. אין טעג אַרום איז אָנגעקומען אַ גרעסערע גרופּע ס.ס. לייט וועלכע האָט אַרומגערינגלט די געגנט, און במשך עטלעכע שעה — אויסגעשאָסן בערך אַ הונדערט יידן, צווישן זיי: מיין פעטער שלמה גוטריימאַן מיט זיין זעקס יאָריק טעכטערל, חנהלע. צו מיר איז דערנאָך דערגאַנגען אַ ידיעה אַז מיין פעטער און זיין טעכטערל ליגן דערשאָסענע אין וואַסער, בין

איך אַוועק אַהײן מיט דעם פֿעטערס אַ זון, זײ אויפֿגעזוכט, איבערגעטראָגן די קערפּערס אויף אַ טרוקן פֿעלד, זײ דאָרט קובר געווען און געמאַכט זיך אַ סימן, מיט דער כוונה, אַז אויב מיר וועלן איבערלעבן די מלחמה, וועלן מיר זײ ברענגען צו קבר־ישראל.

צו מאָרגנס, נאָך דער מערדערישער אַקציע פֿון די דײַטשן איבער די פּאַריסאָווער ײדישע פּליטים, האָבן מיר געטראָפֿן צען פּערזאָן וועמען ס'איז געלונגען ניצול צו ווערן פֿון טויט, און זײ זענען שוין געבליבן מיט אונדז.

אַ צוויי וואָכן שפּעטער, האָט מען אונדז צו וויסן געטאָן, אַז מען שיקט אונדז איבער קײן קאַלושין, ווו מיר וועלן זײַן במשך דעם ווינטער און אין פֿרילינג וועלן מיר צוריקגעשיקט ווערן קײן כיזשין. אַ באַקאַנטער קריסט, בײַ וועמען איך האָב אַ צײַט געאַרבעט, האָט מיר פֿאַרגעלייגט צו אַנטלויפֿן און זיך אויסבאַהאַלטן בײַ אים. אָבער אַזוי ווי ער האָט מיר נישט דערלויבט מיט־צונעמען די שוועסטער וועלכע איז מיט מיר געווען, האָב איך אָפּגעוואָרפֿן זײַן פֿאָרשלאָג.

אין קאַלושינער לאַגער

דאָס וואָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן אין קאַלושינער לאַגער, קאָן די מענטשלעכע פֿאַנטאַזיע זיך נישט פֿאָרשטעלן. די ענגשאַפֿט אין די קלײנע שטיבלעך איז געווען אומגעהויער גרויס. קראַנקע אויף טיפֿוס, דיזענטעריע, און געשוואָלענע פֿון הונגער, האָבן זיך אַרומגעוואַלגערט אויף דער ערד. אין דער לופֿטן האָבן זיך געטראָגן פֿאַרשטיקטע קרעכצן און פֿאַרצווייפֿלטע הילפֿס־רופֿן פֿון די קראַנקע און גוססדיקע. עס האָט געפּײניקט דער הונגער, מען האָט געליטן פֿון קעלט, און עס האָבן געפּייניקט די צעיושעטע, רוצחישע דײַטשן, וועלכע פֿלעגן קומען יעדן טאָג אין לאַגער אַרײַן און גלאַט אַזוי, שיסן עטלעכע ײדן.

אײן מאָל האָב איך באַמערקט, ווי צוויי קאַלושינער ײדן זענען אַנגעקומען אין לאַגער אַרײַן. אַ זשאַנדאַר, וועלכער האָט יעדן טאָג „געמוזט" שיסן עטלעכע ײדן, האָט געכאַפּט די צוויי אומגליקלעכע, זײ באַפֿוילן זיך אויס־צוטאָן, און צושטעלנדיק אײנעם צום אַנדערן, דורכגעשאָסן בײדע מיט אײן קויל.

צוויי וואָכן נאָכן אָנקומען קײן קאַלושין, האָט מען אונדז אַרויסגעפֿירט אויפֿן מאַרק. ווער עס האָט נישט געקאָנט הייבן די פֿיס און גײן שנעל איז דערשאָסן געוואָרן אויפֿן אָרט. צווישן די האָבן זיך געפֿונען: לײבל לאַטאָוויצקי, פֿיל פֿרויען מיט קינדער און אַלע קראַנקע. די רעשט ײדן האָט מען געטריבן צו פֿוס קײן מראַזי, צו דער באַן־סטאַציע. די ס.ס.לײַט מיט די אוקראַינער זענען געפֿאָרן אויף וועגענער, האָבן געטריבן שנעל די פֿערד, און מיר האָבן געדאַרפֿט נאָכלויפֿן. ווער עס האָט נישט געקאָנט גוט לויפֿן, איז דערשאָסן געוואָרן. דער גאַנצער וועג ביז צו דער באַן־סטאַציע איז געוואָרן אויסגעשפּרייט מיט טויטע

יידישע קערפּערס. יודנראַטלערס און יידישע פּאָליציסטן זענען דערשאָסן געוואָרן נאָך איידער מען האָט אונדז פאַרשפּאַרט אין די וואַגאָנען דאָס האָבן די דייטשן געטאָן מיט זיי אַ חסד, פאַר דעם וואָס זיי האָבן זיי גוט געדינט.

אין מראָזי זענען מיר געשטאַנען ביז שפּעט אין דער נאַכט אָן עסן און אָן אַ ביסל וואַסער. ווער עס האָט געוואָלט עפּעס קויפן ביי די אוקראַינישע שומרים, האָט געמוזט צאָלן מיט גאָלד. ווער עס האָט נישט געהאַט קיין גאָלד, איז אויסגעגאַנגען פון הונגער.

די באַן פירט קיין טרעבלינקע

שפּעט ביי נאַכט איז אָנגעקומען אַ צוג מיט פראַכט־וואַגאָנען, אַזעלכע, וואָס מען פירט אין זיי בהמות. מען האָט אונדז אַריינגעשטויסן אין די וואַגאָנען, און נאָכגעשאָסן. די רוצחים האָבן פאַרהאַקט די טירן. די ס.ס.לייט און זייערע מיטהעלפערס — אוקראַינער און פוילישע פּאָליציאַנטן — האָבן געפאָדערט פון אונדז גאָלד, צירונג און געלט. די אוקראַינער האָבן געשריגן צו אונדז: „סיי ווי פאָרט איר דאָך גלייך צו אייער גאָט, דאָרט דאַרף מען נישט קיין געלט, טאָ גיט אונדז בעסער אָפּ אַלץ וואָס איר האָט מיט זיך".

דער צוג האָט געריררט און איז ווי פאַרלאָרן געגאַנגען אין דער פינצטערער נאַכט. מיר האָבן גוט געוווסט, אַז דאָס איז אונדזער לעצטער וועג — דער וועג צום טויט. אין אָנגעפּראָפּטן וואַגאָן וווּ איך האָב זיך געפונען, האָבן זיך געהערט געשרייען און קרעכצן פון דורכגעשאָסענע, פאַרחלשטע און האַלב־טויטע. מענטשן האָבן געבעטן הילף, אַ ביסל וואַסער, אָבער ס'איז נישט געווען מיט וואָס צו העלפן. פון מידקייט איז מען געווען אַזוי פאַרשטיינערט, אַז מ'האָט בכלל אויפגעהערט צו טראַכטן, דער קאָפּ איז געוואָרן ווי אויסגעהוילט.

איך שפּרינג פון צוג

אין אַ געוויסן מאָמענט האָב איך דערזען ווי יונגע מענטשן רייסן אויף דאָס קליינע פענצטערל אין וואַגאָן און שפּרינגען אַרויס. מיין שוועסטער אסתר רויזע האָט מיך צוגערעדט אויך צו שפּרינגען פון צוג. איך האָב געוואָלט, אַז מיר זאָלן עס טאָן צוזאַמען. זי האָט נישט מסכים געווען, טענהענדיק, אַז זי איז נישט מסוגל צו שפּרינגען. מיט גרויסע שוועריקייטן האָב איך זיך דערשלאָגן צום פענצטערל, אבער פון מידקייט, האָב איך, נישט געקאָנט זיך אַפילו אויפ־הייבן. מיין שוועסטער האָט מיר געגעבן אַ שטיקל ציקאָריע, וואָס איך האָב גלייך גענומען אין מויל אַריין און זיך אויפגעפרישט. איך האָב זיך דערמאָנט, אַז די מאַמע האָט מיר אָנגעזאָגט, פאַר איר אָוועקגיין פון דער וועלט, אַז איך זאָל זיך שטאַרקן כדי איבערצולעבן די מלחמה. דאָס האָט מיר צוגעגעבן מוט און כוח. מיין שוועסטער האָט מיר געהאָלפן זיך אויפהייבן צום פענצטערל, און נאָכן געזעגענען זיך מיט איר בין איך געשפּרונגען פון צוג.

אַ פאַרחלשטער, בין איך געלעגן אויף דער ערד כמעט אָן באַוווסטזיין. איך האָב בלויז געהערט דאָס סוויסטשען פון די קוילן וואָס די דייטשן און אוקראַינער האָבן נאָך מיר נאָכגעשאָסן, און זענען געפלויגן איבער מיין קערפּער. צום גליק בין איך געבליבן גאַנץ. ווען איך בין אַ ביסל געקומען צו זיך, האָב איך זיך אויפגעהויבן, און אָנגעהויבן גיין אויף צוריק. איך האָב געוווּסט, אַז ס'איז שוין נישט ווייט פון טרעבלינקע, און אַז איך דאַרף וואָס שנעלער זיך דערווייטערן פון גיהנום. נאָכן אָפּגיין אַ שטיקל וועג, האָב איך געטראָפן נאָך יידן, פאַר מיר אומבאַקאַנטע, וועלכע זענען אויך געשפּרונגען פון באַנען וואָס האָבן זיי געפירט קיין טרעבלינקע. מיר האָבן אָנגעהייבן גיין צוזאַמען. דער גאַנצער וועג איז געווען באַלייגט מיט טויטע, נאַקעטע יידן. דאָס האָבן פויערים פון דער געגנט אַראָפּגעצויגן דאָס אָנטועכץ פון די דערשאָסענע.

פון פייער — אין וואַסער, שלעכטע און גוטע גויים

אויפן וועג האָבן מיר זיך אָנגעטראָפן אויף אַ באַנדע שקצים, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט באַראַבעווען אַנטלאָפענע פון די טראַנספּאָרטן. מיר האָבן געזען, אַז ס'איז נישט גוט, אַז מיר זענען ווי אַנטלאָפן פון פייער און — אַריין אין וואַסער. ווען מיר האָבן זיך באַגעגנט מיט זיי אויג אויף אויג, בין איך צו, און זיי געזאָגט אַז אַזוי ווי מיר דאַרפן גיין קיין וואַרשע און ווייסן נישט דעם וועג, וועלן מיר זיי באַצאָלן וויפל נאָר זיי ווילן, אַבי זיי זאָלן אונדז אַרויספירן אויפן ריכטיקן וועג. די שקצים זענען אויף דעם איינגעגאַנגען. נישט ווייט, איז געשטאַנען אַ הייזקע, און איך האָבן געזען, אַז דאָרט לייכט זיך. איך האָב אַ זאָג געטאָן צו דער באַנדע, אַז אַזוי ווי מיר זענען מיד און הונגעריק, וועלן מיר אַריינגיין צום פויער קויפן עפּעס עסן, און גלייך צוריקקומען. זיי האָבן אויך צו דעם מסכים געווען. אָבער אַנשטאָט אַריינצוגיין ממש אין דער הייזקע, זענען מיר אַדורך דעם הויף און פון דאָרטן אַוועק מיט די פעלדער, געלאָפן און געלאָפן, ביז מיר זענען אָנגעקומען אין אַ צווייט דאָרף.

מיר האָבן אָנגעקלאַפּט אין אַ פענצטערל פון דער ערשטער פויערישער כאַטקע אויף וועלכער מיר האָבן אָנגעטראָפן. אַן עלטערער פויער האָט געעפנט די טיר. מיר האָבן גלייך געזען, אַז ער איז נישט קיין רייכער, און בלויז געבעטן אַ ביסל וואַסער. דער פויער האָט פאַרשטאַנען ווער מיר זענען, און, שטילערהייט, אַ פרעג געטאָן: „זשידקי?" („יידן?"), „געשפּרונגען פון צוג"? „אַרויס גאַנץ?" דער פויער האָט אַוועקגעשטעלט אַ טאָפּ געקאָכטע אַרבעס, און צוגעגעבן: דאָס איז אַלץ וואָס איך האָב. אויב איר ווילט — עסט געזונטערהייט. מיר זענען געווען טויט־הונגעריק און מיר האָבן זייער שנעל אויסגעליידיקט דעם טאָפּ. מיר האָבן געוואָלט באַצאָלן, אָבער דער פויער האָט נישט געוואָלט נעמען קיין געלט. ער האָט נאָך מיטגעשיקט זיין פּופּצן יאָריק יינגל. ער זאָל אונדז

אַרויספירן ביז צום הויפט־וועג, קיין וואַרשע — אַן ערך פון אַ פינף קילאָמעטער. פאַרן אַוועקגיין, האָבן מיר דעם גוטן פויער געווונטשן, אַז גאָט זאָל אים אויסהיטן פון אַלדאָס שלעכטס.

אין דער ריכטונג פון פאַריסאָוו

איך האָב זיך אָפּגעטיילט פון מיינע מיטגייערס. זיי האָבן געוואָלט אָנקומען איך דער געגנט פון וואַרשע, און איך — וואָס נענטער צו פאַריסאָוו, ווו די געגנט איז מיר מער באַקאַנט. אַן אויסגעמאַטערטער, נאָך אַזעלכע שווערע איבערלעבונגען, האָב איך איינער אַליין, אין אַ חושכדיקער נאַכט, זיך געלאָזט אויף פרעמדע, אומבאַקאַנטע וועגן, ווו פון יעדן ווינקל האָט געלאָקערט דער טויט. ווען עס האָט אָנגעהויבן צו טאָגן, בין איך אַריין אין אַ וואַלד, איבער־געלעגן דעם טאָג, און ביינאַכט — ווידער זיך אַוועקגעלאָזט אין וואַנדער. געטריבן פון הונגער, בין איך אַריין צו אַ פויער און זיך פאַר אים פאַרגעשטעלט ווי אַן אָרעם פויליש ייִנגל וואָס איז פאַרטריבן געוואָרן פון זיין היים. כדי צו מאַכן מער איינדרוק, האָב איך צוגעגעבן, אַז די דייטשן האָבן פאַרברענט אונדזער הויז. איך האָב באַקומען צו עסן, און זיך געלאָזט ווייטער אין וועג. אויפן 5־טן טאָג, בין איך אָנגעקומען קיין כיזשין.

איך האָב געוואָלט אַריינגיין צו אַ באַקאַנטן פויער, און געפינענדיק זיך שוין נישט ווייט פון אים, האָט מיך באַמערקט זיינס אַ שכן. איך בין פון דעסטוועגן אַריין אין שייער וואָס האָט געהערט צו מיין באַקאַנטן און דאָרט זיך פאַרשטעקט. ביי נאַכט איז ער אַריינגעקומען אין מיך אָנגערופן ביים נאָמען. איך בין אַרויסגעקראָכן פון דער קופּע היי אין וועלכער כ'בין געלעגן. ער האָט מיר גלייך דערציילט אַז זיין שכן האָט אים איבערגעגעבן, אַז איך געפין זיך דאָ. דער פויער האָט מיר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז ער האָט מורא פאַרן שכן, ווייל ער קאָן אים מסרן, און דעריבער מוז איך אַוועק. ער האָט מיר געגעבן געלט און ברויט, און געזאָגט צו מיר: גיי ווו דו ווילסט.

אַ שוידער איז מיר אַדורך איבערן לייב. דער דאָזיקער פויער האָט דאָך מיר געהאַט געראָטן נישט צו גיין קיין קאַלושין אין לאַגער אַריין, ווייל ער איז גרייט מיך אויסצובאַהאַלטן. אַצינד, אַז איך האָב זיך שוין דערשלאָגן צו אים, נאָכן שפּרינגען פון צוג, שיקט ער מיך גאָר אַוועק? הייסט מיך גיין? „וווהין זאָל איך גיין?" — האָב איך זיך געפרעגט — „וווהין?"

איך בין אַוועק ווו די אויגן האָבן מיך געטראָגן און דערנאָך זיך אָפּגעשטעלט לעבן אַ קופּע היי. פּלוצלינג, האָב איך דערשפּירט ווי עס דראַפּעט זיך ווער אונטער דעם היי אין וועלכן כ'האָב זיך אָנגעשפּאַרט. אַ דערשראָקענער האָב איך אַ פרעג געטאָן: „ווער איז דאָרט?" נאָר עס האָט נישט געדאַרפט לאַנג דויערן, כדי מיר זאָלן זיך אַרומזען, אַז מיר זענען ביידע ייִדן... פון גרויס פרייד, האָבן מיר זיך צעקושט. איך האָב אים געגעבן פון מיין ברויט, און מיר

האָבן באַשלאָסן, צו גיין צוזאַמען קיין סטאָדזעוו. דאָס עסן וואָס איך האָב געהאַט האָט אונדז געקלעקט אויף 3 מעת־לעת, און ווען עס האָט זיך אויסגעלאָזט, זענען מיר געגאַנגען שאַפן שפּייז, יעדער, אין אַן אַנדער ריכטונג. מיר האָבן זיך אָפּגערעדט צו טרעפן אויף אַ באַשטימטן פּלאַץ. מײַן חבר האָט גאָרנישט באַקומען פון די פּויערים. זיי האָבן געטענהט, אַזוי האָט ער מיר דערנאָך דערציילט, אַז זיי ווילן אים נישט געבן עסן ווייל ער איז נישט פון דער סביבה. דאַקעגן האָב איך יאָ געקריגן ברויט און אַ ביסל געקעכץ, און מיר האָבן זיך געטיילט מיטן ביסן.

מײַן שכן האָט געטראָגן הילצערנע שיך, און פון די קעלטן זענען אים די פיס געפרוירן געוואָרן. ער האָט נישט געקאָנט אַרומגיין, איז געלעגן באַהאַלטן אין היי, און איך בין געוואָרן דער צושטעלער פון עסן.

איין מאָל, ווען איך בין גראָד געווען אויפן דאָרף שאַפן עסן, האָט דער פּויער, אין וועמעס היי מיר האָבן זיך אויסבאַהאַלטן, פונאַנדערגענומען דעם סטויג און געטראָפן ליגן דעם ייד מיט די געשוואָלענע, אָפּגעפרוירענע פיס. דער פּויער האָט גאָרנישט געזאָגט, נאָר איז אַוועק און האָט געברענגט אַ פּוילישן פּאָליציאַנט וועלכער האָט דעם אומגליקלעכן ייד דערשאָסן אויפן אָרט. געשען איז דאָס פונקט אין מאָמענט, ווען איך האָב זיך דערנענטערט צו דעם היי און געטראָגן מיט זיך עסן פאַר מײַן חבר. איך האָב באַוויזן צו אַנט־לויפן און ניצול צו ווערן פון אַ זיכערן טויט.

איך טרעף זיך מיט פּאָריסאָווער

איינער אַליין האָב איך זיך אַרומגעבלאָנקעט איבער וועלדער און פעלדער, געליטן פון קעלט, הונגער און שמוץ. נישט האָבנדיק וואָס צו ריזיקירן, בין איך איין מאָל אַרײַן צום סאָלטיס פון דאָרף כיזשין און געבעטן עפּעס עסן. זײַן פרוי האָט מיך געפרעגט ווו איך האַלט זיך אויף. איך האָב איר געענטפערט, אַז איך געפין זיך צווישן הימל און ערד. הערנדיק דאָס, האָט זי מיר פאָרגעלייגט צו בלייבן ביי זיי ביז איבער די פרעסט. איך בין דאָרט געווען צוויי וואָכן. זיי האָבן מיך ממש דערהאַלטן ביים לעבן. אָבער לענגער בלייבן ביי זיי האָב איך נישט געקאָנט. איך האָב ווידער זיך אָנגעהויבן אויסבאַהאַלטן אין סטויגעס היי און גענומען גיין איבער די פּויערישע שטיבער בעטן עסן.

איין מאָל, האָט מיר אַ פּויער געזאָגט אַז אין דאָרף זענען פאַראַן נאָך יידן פון פּאָריסאָוו, און אַז איך קען זיך מיט זיי טרעפן הינטער זײַן סטאָדאָלע. צו מאָרגנס, האָב איך אויפן אָפּגערעדטן אָרט געטראָפן: שלמה „טשולע", פייבל לאַטאָוויצקי און מאָטל ריקער (טייכמאַן) און מיר האָבן באַשלאָסן צו האַלטן זיך צוזאַמען. מאָטל ריקער און איך, האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין אַ סטויג היי וואָס איז געשטאַנען אין אַ סאָד. דער אייגנטימער, סטאַך צאַלקע, האָט דערפון נישט געוווּסט.

איין מאָל, איז דעם פויערס זון געקומען בעמען היי פון סטויג. מיר האָבן דערפילט די „ווידלע" וואָס ער האָט אַריינגעשטעקט אין היי, און מיר זענען אַרויס. ווען ער האָט אונדז דערזען, האָט ער אונדז געהייסן זיך צוריק באַהאַלטן, ווייל ביים שכן געפינען זיך אין דעם מאָמענט פוילישע פּאָליציאַנטן פון פּאָריסאָוו. ער איז אַוועק און האָט נישט גענומען קיין היי. דאָס האָרץ האָט מיר געזאָגט, אַז פון דעם טרעפן זיך מיטן פויערס זון וועט קיין גוטס נישט אַרויסקומען. איך האָב נאָכגעקוקט וואָס עס טוט זיך אין דרויסן, און אין אַ געוויסן מאָמענט, באַמערקט, אַז דער יונגער שייגעץ קומט אָן מיט פּאָליציי. מיר זענען אַרויס־געשפּרונגען פון היי. מאָטל איז געלאָפן מיט דער לאָנקע, און איך — אין דער ריכטונג פון וואַלד. די פּאָליציי האָט אונדז נאָכגעשאָסן. אַ קויל האָט געטראָפן מאָטלען, און ער איז געפאַלן טויט. די פויערים האָבן אים דערנאָך באַגראָבן אויפן אָרט ווו ער איז געפאַלן.

דאָס אינטערעסאַנטע דערביי איז, אַז ווען איך האָב געזאָגט מאָטלען, אַז דער שייגעץ קומט אָן מיט פּאָליציי, האָט ער נישט געוואָלט גלייבן. איך האָב אים געזאָגט מיר זאָלן גלייך אַנטלויפן, און ווען מיר וואָלטן דאָס געטאָן צו דער צייט, וואָלט אויך ער געווען זיך געראַטעוועט.

אין וואַלד, האָב איך זיך געטראָפן מיט נאָך עטלעכע פּאָריסאָווער יידן: מאיר לאַטאָוויצקי, אברהם דוד קאַץ, טוביה מילער, און אַ גאַרוואָלינער ייד וועמנס נאָמען איך געדענק נישט.

אָפּגעבנדיק זיך אַ חשבון אין וואָסער לאַגע מיר געפינען זיך, האָבן מיר באַשלאָסן זיך איינצושאַפן געווער. מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז מיט געווער וועלן מיר נישט זיין אַזוי שוצלאָז, און מיר וועלן אויך קאָנען גרינגער איינשאַפן זיך עסן. אברהם דוד קאַץ האָט געוווּסט וועגן אַן אָרט ווו ס'איז מעגלעך צו קויפן אַ ביקס פאַר געלט. ביי יעדן איז נאָך געווען אַ ביסל געלט. האָבן מיר צוזאַמענגעשטעלט די סומע וואָס מען האָט געדאַרפט און געקויפט די ביקס.

מיר שאַפן זיך איין געווער

איך האָב זיך דערמאָנט, אַז ווען איך האָב געפּאַשעט בהמות ביי אַ פויער אין דזיקעל, נעבן קאַזלאָוו, האָט אַ קריסטלעך יינגל, וואָס האָט אויך דאָרט געאַרבעט, מיר דערציילט, אַז אין שייער פון באַלעבאָס ליגט באַהאַלטן אַ ביקס וואָס געהער צו זיינע זין — מיטגלידער אין דער פּוילישער מיליטערישער אָרגאַניזאַציע: „אַרמיאַ קראַיאָוואַ". איך בין אַהין אַוועק, כ'האָב געפונען די ביקס מיט אַ סך קוילן, און זי געבראַנגט אין וואַלד אריין. מיר האָבן זיך געפרייט מיט דער ביקס ווי מיט דעם גרעסטן אוצר. די דאָזיקע ביקס איז טאַקע געבליבן אין מיין רשות.

אין יאָר 1943, נאָך דער ליקווידאַציע פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד,

זענען אַ סך יידן, וועלכע האָבן זיך דערוווּסט וועגן אונדזער עקזיסטענץ, געקומען אין סטאַדזעווער וואַלד אַריין.

מיט די צוויי ביקסן און קוילן וואָס מיר האָבן פאַרמאָגט, האָבן מיר אָנגעהויבן זיך שאַפן עסן אין ווייטערע דערפער, ביי רייכע פויערים און פריצים. אַלץ וואָס מיר האָבן געבראַכט, איז פאַרטיילט געוואָרן צווישן אַלע, פאַר יעדן גלייך.

מיר זוכן אויף יידן אין וואַלד

מיר האָבן זיך דערוווּסט, אַז אין די וועלדער אַרום פאַריסאָוו האַלטן זיך אויף פיל יידן פון אונדזער חרוב געוואָרן שטעטל און אויך פון גאַרוואָלין. מיר האָבן באַשלאָסן צו קומען מיט זיי אין קאָנטאַקט. איך האָב געהאַט אַן אויסזען פון אַ קריסטלעך ייִנגל, און ס'איז דעריבער געפאַלן אויף מיר דער גורל צו גיין אויפזוכן די יידן. פאַרן אַוועקגיין, האָב איך אָפּגעשניטן די קאָלבע פון דער ביקס און געטראָגן דאָס געווער אונטערן פּאַלטן.

מיין ערשטער ציל איז געווען אויפצוזוכן די ברידער: פינטשע און מאָניש ראָזנבערג. זיי האָבן זיך געדאַרפט געפינען אין גאַזדער וואַלד. איך בין געגאַנגען בייטאָג און געמוזט דורכשניידן דאָס דאָרף קאַזלאָוו, וועמעס איינוווינערס עס זענען געווען באַקאַנט ווי רוצחים און גרויסע שונאי־ישראל. איך בין אַדורך בשלום דאָס דאָרף און אָנגעקומען אין גאַזדער וואַלד. אַרום־דרייענדיק זיך דאָרט עטלעכע שעה האָב איך באַמערקט ווי אַ רויך גייט אויף צווישן די ביימער. געלאָזן און פאַרזיכטיק בין איך צוגעקומען צום אָרט, און געטראָפן די צוויי ברידער זיצן צוזאַמענגעקאָרטשעט, ביי אַ קליין פייערל און בראָטן קאַרטאָפל. זיי האָבן ביידע שרעקלעך אויסגעזען און זענען געווען באַוואַקסן, נישט צו דערקענען זיי. פינטשע און מאָניש האָבן זיך שטאַרק צעוויינט ווען זיי האָבן מיך דערזען. זיי האָבן מיר געזאָגט, אַז זיי האָבן געמיינט אַז עס זענען בכלל שוין נישטאָ מער קיין יידן. נאָך אין דער זעלבער נאַכט האָב איך ביידע ברידער געבראַכט צו אונדז, אין סטאַדזעווער וואַלד.

דיווערסיע־אַקציעס צוזאַמען מיט רוסן

באַלד נאָך דעם, האָט מען מיך אויך געשיקט אין גאַשטשעוויצער וואַלד אויפזוכן יידן. איך בין אַוועק אַהין — אַ מרחק פון פופצן קילאָמעטער פון אונדזער באַזע, און כ'האָב דאָרט געטראָפן אַ 25 יידן, צווישן זיי: מלך קאָוואַלעק מיט די קינדער; די ברידער לייבל און משה קנורעק; ירמיהו, יאַנטשע דעם קצבס זון; אַ פרוי בלומע, און נאָך אַנדערע. די דערמאָנטע פרוי און לייבל קנורעק, האָבן חתונה געהאַט אין וואַלד כדת וכדין. מען האָט

געברענגט עופות און אַנדערע גוטע זאַכן, און נאָך דער חופה וקידושין האָט מען זיך געזעצט צו אַ סעודה, ווי אין אַמאָליקע גוטע צייטן.

איך האָב איבערגעגעבן די יידן וועגן אונדזער גרופּע אין סטאַדזעווער וואַלד און זיי האָבן מיר דערציילט, אַז עס קומען צו זיי רוסן, אַנטלאָפענע פון געפאַנגענשאַפט, און העלפן זיי מיט עסן און אַנדערע זאַכן. איך האָב דאָרט געוואַרט ביז די רוסן זענען אָנגעקומען, און זיי דערציילט וועגן דעם, אַז מיר זענען אַ גרופּע יידן וואָס שטעלן מיט זיך פאָר אַ קעמפערישע איינהייט. די רוסן האָבן פאָרגעלייגט, אַז מיר זאָלן אָנבינדן מיט זיי אַ קאָנטאַקט און שאַפן אַ בשותפותדיקע קאַמפּס־גרופּע. מיר האָבן אָנגענומען זייער פאָרשלאַג און אָנגעהויבן אויספירן צוזאַמען פאַרשידענע דיווערסיע־אַקציעס. אַזוי זענען מיר באַפאַלן עטלעכע מילך־און אַנדערע פאַרברויך־קאָאָפּעראַטיוון אין דער געגנט, וועלכע האָבן צוגעשטעלט פון זייער פּראָדוקציע פאַר די דייטשן. אַ סך פּראָדוקטן און אַנדערע זאַכן האָבן מיר גענומען מיט זיך אין וואַלד אַריין.

די דייטשן האָבן נישט געשוויגן. מיט דער הילף פון דער פּוילישער פּאָליציי, האָבן זיי אָנגעהויבן אַ קעגן־אַקציע, גענומען איינאָרדענען אויף אונדז אַבלאַוועס. בעת יעדער אַבלאַווע זענען געפאַלן עטלעכע יידן, אָבער די איבערגעבליבענע האָבן ווייטער געפירט דעם קאַמף קעגן שונא.

אין אַ געוויסן טאָג האָבן מיר זיך דערוווסט, אַז אין אַ וואַלד ביי גאַרוואָלין איז פאָרגעקומען אַן אַבלאַווע אויף יידן וועלכע זענען דאָרט געווען באַהאַלטן. לויט די ידיעות וואָס מיר האָבן באַקומען, האָט דער וואַלד־וועכטער אָנגעוויזן די דייטשן ווו די יידן געפינען זיך. צוזאַמען מיט די רוסן, זענען מיר אַהין אַוועק, און געטראָפן אַ פּופצן יידן וועלכע זענען געבליבן נאָך דער בלוטיקער אַקציע. זיי האָבן אונדז איבערגעגעבן פּרטים וועגן דער אַבלאַווע און אויך וועגן דער הילף וואָס דער וועכטער האָט געגעבן די רוצחים. מיר זענען אַוועק צו אים אַהיים, גענומען אים מיט זיך, געזעצט אַ געריכט און אים פאַרמשפּט צום טויט. מיר האָבן אים פאָרגעלייענט דעם אורטייל און גלייך אויסגעפירט דעם פּסק־דין.

דער דורכגעפירטער אורטייל איבערן וועכטער, איז געווען אַ וואָרענונג פאַר די אַלע וועלכע האָבן מיטגעהאָלפן די דייטשן אויסראָטן די יידן, און האָט זיי אויך אָנגעזאָגט, אַז ס׳איז פאַראַן אַ האַנט וואָס איז מסוגל צו נעמען נקמה פאַר אַלץ.

שלאַכטן און קרבנות

איין מאָל, נאָך דעם ווי מיר האָבן געהאָט דורכגעפירט אַ דיווערסיע־אַרבעט, זענען מיר אַוועק זיך אויסבאַהאַלטן אין אַ תבואה־פעלד, כדי דאָרט איבערצוליגן דעם טאָג. ס׳איז געווען הייס, און דער דאָרשט האָט אונדז שטאַרק געפייניקט. צוויי פון אונדזער גרופּע, יאַנטשע דעם קצבס זון, און טעוול דער

מאַטשעכעס, האָבן, טראָץ אונדזער וואָרענען זיי, אַוועקגעלאָזט זיך אין גאַנצן דאָרף טרינקען וואַסער. זיי זענען באַמערקט געוואָרן דורך אַ דייטשער וואַך וואָס איז גראָד געווען אינעם דאָרף. ווען די צוויי זענען אַריין צו אַ פּויער אין שטוב, האָבן די דייטשן אַרומגערינגלט דאָס הויז און פאַרלאַנגט פון זיי זיך איבערצוגעבן. יאַנטשעס זון און טעוול, זענען אַרויף אויפן דאַך פון הויז. אַ שטיקל צייט האָט זיך געפירט אַ קעגנזייטיקע העפטיקע שיסעריי. נאָך אַ שווערן קאַמף זענען ביידע יידן העלדיש געפאַלן.

אין איינעם אַ טאָג האָט אונדזער גרופּע, צוזאַמען מיט די רוסן, דורכגעפירט אַן אַקציע קעגן אַן אונטערנעמונג וואָס האָט צוגעגרייט פאַרשידענע פּראָדוקטן פאַר די דייטשן. צווישן די סחורות וואָס מיר האָבן קאָנפיסקירט, איז אויך געווען אַ שפּאַר ביסל „וואָדקאַ" (בראָנפן). די פּאַרטיזאַנער האָבן זיך צו דעם צוגעכאַפּט, געמאַכט אַ „כוסה" און זענען געוואָרן „בגילופין". אָנגעטרינקען זיך, זענען זיי אַריין צו אַ פּויער אין אַ סטאָדאָלע און האָבן דאָרט געכאַפּט אַ דרעמל. די פּויערים האָבן וועגן דעם געמאָלדן די דייטשן, און זיי זענען גלייך אָנגעקומען, האָבן אַרומגערינגלט די סטאָדאָלע און באַפוילן די פּאַרטיזאַנער זיך אונטערצוגעבן. עס איז געקומען צו אַ העפטיקער שיסעריי און ס'איז געפאַלן אַ העלפט פון דער חברה. די איבעריקע זענען גענומען געוואָרן לעבעדיקערהייט. אַלע זענען דערנאָך העלדיש אומגעקומען. דעם רוס מיטן נאָמען גרישקאַ, האָבן די דייטשן שרעקלעך געפּייניקט, און ער האָט זיי געשפּיגן אין די פּנימער, ווי מען שפּייט אויף עקלדיקע באַשעפענישן.

נאָך דעם ווי די רוסן, און אויך אַ גרויסער טייל פון אונדזערע מענטשן, זענען געפאַלן, זענען די דייטשע אַבלאַוועס געוואָרן אַן אָפטע דערשיינונג. מיר האָבן דעריבער באַשלאָסן זיך צו צעטיילן אין גאָר קליינע גרופּעס, וואָס זאָלן, יעדע באַזונדער, זיך שאַפן ערטער ווו זיך אויסצובאַהאַלטן. מערסטנטייל האָבן מיר זיך אויסבאַהאַלטן אין די היי־און־שטרוי־שייערן, און די פּויערים האָבן אַפילו נישט געוווסט דערפון. יעדע גרופּע האָט געזאָרגט פאַר איר באַשפּייזונג.

דער גוטער קריסט סימאָן צאַלקאַ

אין דאָרף סטאַדזעוו לעבט אַ קריסט מיטן נאָמען סימאָן צאַלקאַ. אין יענער אומגליקלעכער צייט, איז ער, פאַר אונדז, געפּלאָגטע יידן, געווען ממש אַ מלאך. ער האָט געקאָכט טעפּ עסן, און יעדער ייד וואָס איז צו אים אַריינגעקומען האָט פון אים באַקומען צו עסן וויפל ער האָט נאָר געוואָלט.

איין מאָל, בעת אַן אַבלאַווע, איז ביי אים געווען טוביה מילער מיט זיין פרוי. ווען טוביה האָט געהערט, אַז אין דאָרף קומט פאַר אַן אַבלאַווע, האָט ער געוואָלט אַנטלויפן, כדי נישט צו שטעלן דעם קריסט אין אַ סכנה. אָבער סימאָן צאַלקאַ האָט זיי נישט געלאָזט אַוועקגיין, באַהאַלטנדיק זיי אויפן בוידעם.

אין שטרוי. ווען די דייטשן האָבן זיך דערנענטערט צו זיין ווירטשאַפט, האָט ער ספּעציעל אַרויסגעלאָזט די בהמות אויפן הויף, איינגעשפּאַנט די פערד אין דער דרעש־מאַשין, אָנגעמאַכט אַ גערויש, מען זאָל נישט הערן וואָס עס טוט זיך ביי אים. ווען די דייטשן האָבן אים געפרעגט צי ביים אים זענען דאָ יידן, האָט ער געענטפערט: „ווען איך וואָלט בלויז אָנגעטראָפן אויף אַ ייד, וואָלט איך אים דערהרגעט". די דייטשן האָבן נישט געזוכט ביי אים, און דער גוטער קריסט האָט אַזוי אַרום אָפּגעראַטעוועט צוויי יידן.

דעם זעלבן טאָג זענען, בעת דער אָבלאַווע, געפאַלן: פינטשע ראָזנבערג און שלמה „טשולע". איך אַליין בין פאַרוואונדעט געוואָרן אין דער לינקער האַנט.

מיר גיבן שוץ אַ רוסישע פּאַראַשוטיסטקע

אין אַ געוויסער נאַכט, געפינענדיק זיך אין דער סטאָדאָלע וואָס האָט געהערט צום פויער מאַטאַסעק, לעבן סטאָדזעוו, האָבן מיר פלוצלינג דערהערט אַ גערודער ביי אים אין שטוב. מיר זענען צו צום פענצטער, און געזען ווי צוויי רוסן ראַבירן ביי אים. מיר זענען אַריין אינעווייניק און האָבן אויפגעקלערט די רוסן, אַז דער פויער איז אַ מענטש וואָס העלפט אונדז ביי יעדער געלעגנהייט און דעריבער טאָר אים נישט געטאָן ווערן קיין שלעכטס. מיר האָבן ביי זיי געקוועלט, און דערנאָך אפילו געגעסן צוזאַמען. דערביי האָבן מיר זיך אָפּגערעדט צו טרעפן אָפטער. נאָר פלוצלינג איז געשען אַ נישט אָנגענעמער פאַל: ווען די רוסן זענען אַרויס פון דעם פויערס הייזקע, איז אַשר מאַניעק צופעליק אַריינגעפאַלן אין אַ קאַרטאָפל־גרוב, און זיין ביקס האָט אויסגעשאָסן. די צוויי רוסן האָבן געמיינט אַז מיר שיסן זיי נאָך, האָבן זיי געעפנט אויף אונדז אַ פייער. צום גליק האָט פון דער שיסעריי קיינער נישט געליטן.

* *
*

אין איינעם פון די טעג וועגן וועלכע עס דערציילט זיך דאָ, האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז אין דער געגנט געפינט זיך אַ רוסישע פרוי. מיר האָבן זי אָפּגעזוכט, און זי האָט אונדז דערציילט, אַז זי, און נאָך אַ רוס, וועלכער איז געגאַנגען פאַרלוירן, זענען אַראָפּגעלאָזט געוואָרן דורך דעם ראַטן־פאַרבאַנד פאַר שפּיאָנאַזש־צוועקן. מורא האָבנדיק, אַז מען זאָל זי נישט אויסליווערן די דייטשן, האָבן מיר זי איבערגעגעבן אין די הענט פון אַ קריסט, און אים געוואָרנט, אַז אויב עס וועט עפּעס געשען מיט דער פרוי, וועלן מיר אים אומברענגען.

מיט מיין פאַרוואונדעטער האַנט בין איך אַוועק אין דער ריכטונג פון פילאַווע, אַריין אין אַ יונג וועלדל, און דאָרט געזוכט אַן אָרט וווּ זיך צו באַהאַלטן. פלוצלינג, האָב איך דערזען ווי צווישן די ביימער גייט אויף אַ

רויך. איך האָב זיך דערנענטערט צום אָרט ווו עס האָט געברענט אַ פייער, און דערהערט אַן אויסגעשריי אין רוסיש: „רוקי וויערך״ („די הענט אין דער הויך״). פאַר מיר זענען אויסגעוואַקסן די צוויי רוסן מיט וועלכע מיר האָבן זיך געהאַט געטראָפן ביים פויער מאַטאָסעק, לעבן סטאַדזעוו. זיי האָבן אָנגעשטעלט די ביקסן, געפרעגט מיך ווער איך בין, און נאָך דעם ווי זיי האָבן דערמאָנט דעם פאַל מיט דער שיסעריי, האָבן זיי ביי מיר צוגענומען מיין ביקס, און געזאָגט: „אַ שאָד וואָס מען האָט אייך אַלע דעמאָלט נישט אויסגעהרגעט. אָט האָבן מיר צוזאַמען געגעסן ביים פויער, און ווי נאָר מיר זענען אַרויס, האָט איר אונדז נאָכגעשאָסן״.

אַלע מיינע אויפקלערונגען, אַז זיי זענען אונדז חושד אין אַ זאַך וואָס האָט נישט קיין שום יסוד, האָבן זיי נישט איבערצייגט, און איך האָב מורא געקריגן, אַז זיי וועלן מיך גלייך ליקווידירן. אַ פאַרצווייפלטער, האָב איך זיך אָנגעכאַפּט אין לעצטן שאַנס. איך האָב זיי דערציילט וועגן דער רוסישער פאַראַשוטיסטקע וואָס מיר האָבן איינגעאָרדנט ביי אַ פויער, און אויב זיי ווילן, וועל איך זיי אַהינפירן, כדי זיי זאָלן זיך איבערצייגן, אַז איך זאָג אמת. איך בין ביי זיי געבליבן אַ טאָג און כ׳האָב באַקומען צוריק מיין ביקס. צו מאָרגנס, ביי נאַכט, האָבן מיר זיך געלאָזט אין וועג אַריין צום פויער ביי וועמען מיר האָבן געהאַט איבערגעלאָזט די רוסישע פרוי. אין האַרצן האָב איך געטראַכט אַז גאָט דאַרף מיר העלפן עס זאָל מיט דער פרוי נישט האָבן חלילה עפּעס פּאַסירט, ווייל אַנדערש בין איך אַ פאַרלוירענער. מיין שרעק איז געווען אַן אומזיסטע. איך האָב צונויפגעפירט די צוויי רוסן מיט דער פאַראַשוטיסטקע, און נאָך דעם ווי מען האָט צוזאַמען אָפּגעגעסן, זענען זיי מיט איר אַוועק אין זייער וואַלד.

אין עטלעכע טעג אַרום האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז בעת אַ דייטשער אַבלאַווע, זענען אַלע דריי אומגעקומען. אַזוי ווי ביים לעצטן צוזאַמענטרעף האָבן די רוסן מיר געהאַט פאַרגעלייגט מיר זאָלן זיך פאַראייניקן אין איין גרופּע, האָב איך אַצינד געזען אַ נס אין דעם וואָס די פאַראייניקונג איז נישט צושטאַנד געקומען.

די פּוילישע „אַרמיאַ קראַיאָוואַ״ און זייערע רציחות

ביים פויער יוזעף זאַיאָנץ, אין דאָרף סטאַדזעוו, האָט געאַרבעט אַ יינגל. לויטן אויסזען — אַ הונדערטפּראָצענטיקער קריסט. שטענדיק, ווען איך פלעג אַריינקומען אין דער שטוב בעטן אַ שטיקל ברויט, האָט דאָס יינגל מיך שטאַרק אָבסערווירט, אָבער מיר איז נישט איינגעפאַלן אַפילו צו טראַכטן, אַז דאָס איז אַ יידיש קינד.

דאָס יינגל האָט אָנגעהויבן אָפטער קומען אין וואַלד און ברענגען אונדז עסן. איין מאָל, ווען איך האָב אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז מיטן קומען

אין וואַלד אַריין צו אונדז, שטעלט ער זיך איין, האָט ער מיר געענטפערט: „איך בין דער זעלבער וואָס דו". וויַיזט אויס, אַז די פויערים אין דאָרף האָבן באַמערקט אַז דאָס יינגל קומט אָפּט צו אונדז אין וואַלד, און זיי האָבן איבער־געגעבן וועגן דעם דער א.ק. וועמעס מענטשן עס זענען געקומען צום פויער אין שטוב, געהייסן דעם יינגל זיך אויסטאָן, און, זעענדיק, אַז דאָס איז טאַקע אַ יידיש יינגל, האָבן זיי געוואָלט אים איבערגעבן די דייטשן. דער קריסט ביי וועמען דאָס יינגל האָט געאַרבעט, האָט אים אויסגעבעטן פון זייערע הענט. דערביי איז אויך אינטערעסאַנט דער וויַיטערדיקער פאַקט: ווען די אַלטע מוטער פונעם קריסט האָט זיך דערוווסט די געשיכטע מיטן יינגל, האָט זי געפאָדערט פון איר זון, אַז ער זאָל אים אַרויסטרייבן פון שטוב. לויט דעם ווי דער קריסט אַליין האָט אונדז שפּעטער דערציילט, האָט ער איר געענטפערט: „דו, מאַמע, ביסט שוין אַלט, אויב דיר וועט עפּעס געשען, האָסטו דיינע יאָרן שוין אויסגעלעבט, אָבער דאָס יינגל דאַרף נאָך לעבן".

(היינט, ווען איך דערמאָן זיך אין יענער פינצטערער תקופה, לייכטן אויף אין מיין זכרון די צוויי הערלעכע געשטאַלטן: דאָס יידישע יינגל פון וואַרשע, וואָס האָט צוליב זיין „גוטן אויסזען" לייכט געקאָנט איבערלעבן די שוידערלעכע צייט ווי אַ קריסטלעך קינד, און האָט זיך אַליין אויסגעגעבן, ווייל עס האָט אים אַזוי שטאַרק געצויגן צו זיינע ברידער, געוואָלט זיי העלפן אין זייער נויט, און — דער איידעלער פויער, יוזעף זאַיאָנץ, וועלכער האָט איינגעשטעלט זיין לעבן און דאָס לעבן פון זיין משפחה מיט דעם וואָס ער האָט אַלץ געטאָן כדי צו ראַטעווען דאָס יידישע יינגל, און אויך אונדז, פון אומקום. אַזעלכע מעשים וועלן זיך אייביק געדענקען).

* *
*

די פאַשיסטישע א.ק. באַנדעס זענען פאַר אונדז געווען אַן אויסטערלישע פּלאָג. ווי געניטע שפּירהינט האָבן זיי געזוכט יידן, געגנישטערט אין די וועלדער און אין אַלע מעגלעכע באַהעלטענישן אין די דערפער, און ווו נאָר זיי האָבן געפונען אַ ייד — אים גלייך דערשאָסן.

אין יענער צייט, זענען צוויי וואַרשעווער יידן, אַנטלאָפענע פון דאָרטיקן גיהנום, אָנגעקומען אין סטאָדזעווער וואַלד. איינער איז געווען אַן אַרטיסט, דער צווייטער — אַ זינגער. אַ פּויליש מיידל האָט פאַר זיי געשאַפן אַ באַהעלטעניש. די „אַקאָוצעס" האָבן זיך דערוווסט ווו זיי געפינען זיך, אַרויס־געשלעפּט זיי, און דערשאָסן. די מערדערס האָבן באַגראָבן די דערשאָסענע אין אַ פלאַכן גרוב און צוגעדעקט זיי מיט ווייניק ערד. וואַנדערנדיקע הינט האָבן זיי אויסגעפונען, און צעגריזשעט די קערפּערס. צוויי טעג שפּעטער זענען מיר דאָרט פאַרבייגעגאַנגען, האָבן מיר צונויפגענומען די קערפּער־שטיקער און זיי קובר געווען.

נייע באהעלטענישן — די זעלבע צרות

איך האָב נישט געקאָנט מער גיין צו מיינע עטלעכע באַקאַנטע פויערים. זיי זענען געווען אונטערן חשד, אַז זיי באַהאַלטן אויס יידן, און האָבן מורא געהאַט פאַר זייער לעבן. אַ הונגעריקער, אַ פאַרצווייפלטער, האָב איך געבלאָנקעט איבער פעלדער און וועלדער, און צופעליק זיך אָנגעטראָפן אויף טוביה מילער. איך האָב אים דערציילט מיין לאַגע, און ער האָט מיך מיטגענומען אין זיין באַהעלטעניש — ביי אַ פויער אין דאָרף כיזשין.

דער פויער האָט געוווסט, אַז ביי אים איז באַהאַלטן נאָר טוביה אַליין. פאַקטיש זענען מיר דאָרט געווען דריי מענטשן: טוביה, זיין פרוי און איך. דער פויער האָט יעדן טאָג געברענגט עסן פאַר טוביהן אַליין און ער האָט זיך שטאַרק געוווּנדערט ווי אַזוי איין מענטש קאָן אַזוי פיל עסן...

מיר האָבן דאָרט נישט געקאָנט לאַנג בלייבן. טוביה האָט אָפּגעזוכט אַ באַהעלטעניש ביי אַ צווייטן פויער, און עס האָט געהייסן, אַז נאָר ער אַליין באַהאַלט זיך דאָרט אויס. מיט עסן איז געווען שלעכט, ווייל מען האָט עס געדאַרפט אַליין פאַרשאַפן. איין מאָל אין וואָך בין איך געגאַנגען קיין סטאַדזיעוו צו מיין באַקאַנטן פויער, דעם גוטן סימאָן צאַלקע, געברענגט אַ ביסל פּראָדוקטן, און מיט דעם האָבן מיר זיך דערנערט.

אין אַ געוויסן טאָג, מיטאָגצייט, האָט דער פויער צו וויסן געטאָן טוביהן, אַז דייטשן זענען דאָ אין דאָרף, זיי מאַכן אַ רעוויזיע ביי זיין שוואָגער, און ער האָט מורא, אַז זיי וועלן אויך קומען צו אים. מיר זענען שנעל אַרויס פון באַהעלטעניש און געלאָפן קיין סטאַדזשעוו. דאָרט האָט יעדער איינער געמוזט פאַר זיך זוכן אַ „מלינה". איך בין געווען אויף גרויסע צרות און כ'האָב געמיינט, אַז די וועלט עקט זיך מיר. טוביה מילער האָט מיר געהאָלפן אָפּזוכן אַ באַהעלטעניש ביי אַ טויבן גוי אין דאָרף. יענער האָט אין גאַנצן נישט געוווסט, אַז איך באַהאַלט זיך אויס ביי אים.

אין שפעטע נאַכט שעהען האָבן מיר זיך געפלעגט טרעפן אויף פאַרשידענע אָפּגערעדטע ערטער, און צו וויסן טאָן זיך וועגן דער לאַגע. מיר האָבן אויך געגעסן צוזאַמען פון די פּראָדוקטן וואָס עמעצער פון אונדז האָט געפלעגט שאַפן. דער מצב האָט אַזוי אָנגעהאַלטן עטלעכע חדשים.

איין מאָל, אין אַ קאַלטער ווינטערנאַכט, האָב איך, וואַנדערנדיק, אָנגעטראָפן אויף אַ פויערישע שטאַל. כדי זיך אַ ביסל צו דערוואַרעמען, בין איך, דורך אַ לאָך, אַהין אַריינגעקראָכן, און גענומען זיך אַרויפדראַפּען אין דער הויך. איך בין אַראָפּגעפאַלן און שרעקלעך זיך צעקלאַפּט, נישט געקאָנט זיך באַוועגן און אויך נישט אָטעמען. איך האָב זיך אָנגעשטרענגט, אַרויפגעקראָכן אויפן בוידעם פון שטאַל, און דאָרט געלעגן דריי טעג און דריי נעכט. איך האָב געהאַט דאָס געפיל, אַז דאָ ענדיק איך זיך אויס. אָבער דער שטאַרקער,

אויסטערלישער ווילן צו בלייבן לעבן, האָט מנצח געווען. איך בין אַראָפּ פון בוידעם, און כמעט „אויף אַלע פיר״ געקראָכן קיין סטאַדזעוו. אַ וועג וואָס דויערט נאָרמאַל 20 מינוט, האָט ביי מיר גענומען גאַנצע פיר שעה. איך האָב זיך דערשלעפּט צו מיינע פריינד וועלכע האָבן מיך נישט געהאַט געזען 4 מעת־לעת. דאָס ערשטע וואָס איך האָב פאַרלאַנגט איז געווען: עסן.

נאָך אַ געוויסער צייט האָבן מיינע ווונדן, פון זיך אַליין, זיך פאַרהיילט, און איך האָב אין דעם ממש געזען אַ נס.

אין יענער צייט בין איך איין מאָל אַריינגעקומען צו אַ באַקאַנטן קריסט וואָזשניאַק, און איך האָב דאָרט באַקומען אָפּצועסן. פלוצלינג האָט דעם קריסטס פרוי זיך אָנגעכאַפּט פאַרן קאָפּ און אויסגעשריגן „אָלאָ באָגאָ״ („אוי, גאָט״). עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער מאַנטל וואָס כ׳האָב געטראָגן איז געווען ווייס ווי שניי פון לייז. למעשה, איז גאָר נישט געווען וואָס זיך צו וווּנדערן, ווייל עטלעכע יאָר האָב איך זיך אַרומגעוואַלגערט אין זעלבן אָנטועכץ, אין שמוץ. די פרוי האָט מיר געגעבן פרישע בגדים. איך בין אַרויס אויפן פרייען פעלד, אַוועקגעוואָרפן מיינע פאַרלויזיקטע „טראַנטעס״ און אָנגעטאָן די מלבושים וואָס כ׳האָב באַקומען פון דער גוטער פרוי.

דערלעבט די באַפרייונג

פון די באַקאַנטע קריסטן ביי וועלכע מיר האָבן זיך אויסבאַהאַלטן, האָבן מיר געוווּסט ווי עס האַלט אויף די פראָנטן; אַז די רוסן מאַרשירן פאַרויס און אַז זיי דערנעענטערן זיך צו אונדזערע מקומות.

אין איינעם פון יענע טעג בין איך געגאַנגען מיט אַ זעקל פּראָדוקטן וואָס כ׳האָב באַקומען ביי אַ באַקאַנטן קריסט. כ׳בין געווען שטאַרק מיד, און איך בין אַריין אין אַ שטאַל זיך אָפּרוען. ליגנדיק דאָרט, בין איך איינגעשלאָפן. פאַר טאָג, ווען דער אייגנטימער פון שטאַל אין וועלכן כ׳האָב זיך אויסבאַהאַלטן, איז אַריינגעקומען נעמען שטרוי פאַר די בהמות און מיך דערזען, האָט ער געמאַכט אַ געוואַלד און פאַרלאַנגט איך זאָל גלייך אַרויס. איך בין אַוועק, נישט געוווּסט וווהין צו לויפן. איך בין אַריין אין קאָרן וואָס איז שוין געווען געגנוג הויך אויפן פעלד און דאָרט בין איך אָפּגעלעגן עטלעכע טעג, ביז צום אָנקומען פון דער רויטער אַרמיי.

מיר זענען אַקעגנגעלאָפן אונדזערע באַפרייערס, געקושט זייערע טאַנקן. די רוסישע מיליטער־לייט האָבן געקוקט אויף אונדז מיט באַוווּנדערונג, און באַדויער. מיר האָבן זיי דערציילט וועד מיר זענען. צווישן די רוסן איז געווען אַ יידישער קאַפּיטאַן, האָט ער אונדז גענומען צו אַרבעט אין אַ פעלד־שפּיטאָל. ווען דאָס שפּיטאָל איז אַוועק, האָבן מיר אויך פאַרלאָזט דאָס אָרט. מיר האָבן געוווּסט, אַז אין דער סביבה זענען טעטיק פּוילישע פאַשיסטישע באַנדעס וואָס זוכן אָפּגעראַטעוועטע יידן און הרגענען זיי אויס.

— — — דאָס זענען געווען יאָרן פון מוראדיקן קאָשמאַר. אַ גיהנום פון פייער און בלוט אויף דער ערד. אין דעם אַ וויסטן גיהנום האָבן מיר, אַנטלאָפענע פון טויט, געהאַלטן מלחמה פאַר אונדזער לעבן. אַ שווערע מלחמה. נעכטיקע גוטע פריינד, מענטשן מיט וועלכע דו האָסט, ביז דער מלחמה, געלעבט אין גוטע באַציונגען, וועלכע האָבן געקענט דיינע עלטערן און עלטערנס עלטערן, האָבן גלייך אָפגעקערט פון דיר דאָס פנים, נישט געוואָלט דיך קענען, נישט געוואָלט דיר העלפן אין אַזאַ שווערער לאַגע. אַרום און אַרום — שונאים. דאָרשטיקע נאָך יידיש בלוט (און אין בעסטן פאַל — גלייכגילטיקע צו דער יידישער פיין).

זאָל דעריבער דערמאָנט ווערן דאָס דאָרף סטאָדזעוו צום גוטן. געווען דאָרט גוטע מענטשן. אַ דאַנק זיי בין איך און נאָך אַנדערע יידן געבליבן לעבן.

ווען די רוסן זענען אַריין, האָבן מיר זיי אָפּגעדינט. געזאָגט וועגן זיי גוטס. אין געוויסע פאַלן — אַפילו געראַטעוועט פויערן פון דאָרף פון געפאַרן וואָס האָבן זיי געדראָט. ביזן היינטיקן טאָג שטייען מיר מיט זיי אין פאַרבינדונג און פאַרגעסן נישט וואָס זיי האָבן געטאָן פאַר אונדז אין יענער מוראדיקער צייט.



די עקסהומאַציע פון העלדישן שלמה זילבערשטיין („טשולע”). אויפן בילד: אַ חוץ מאיר לעוויט און שלמה קלייטמאַן, שטייען אַרום קאַסטן אַ גרופּע פויערים, פון די ווייניקע וועלכע האָבן, אין יענע גרויליקע טעג, זיך איינגעשטעלט און געהאָלפן די אומגליקלעכע, געפּלאָגטע יידן.

אגב, דער איניציאַטאָר פון שלמה׳ס עקסהומאַציע ווי אויך פון דער עקסהומאַציע פון די 39 פּאַריסאָווער יידן וועגן וואָס עס דערציילט זיך אינעם מאמר פון רחל לאה מלעטשקאָוויטש „אין פּאַרברענטן פּאַריסאָוו״. איז געווען אודנזער בן עיר צבי הערש מלעטשקאָוויטש — וווינט אין ישראל.



די מצבה פון שלמה זילבערשטיין אויפן יידישן בית־הקברות אין וואַרשע



יידישע קינדער אויף זייער לעצטן וועג




רעוויזיע

סימאָן צאַלקאַ — דער נאָבעלער מענטש פון דאָרף סטאַדזעוו

סימאָן צאַלקאַ פון דאָרף סטאַדזעוו, גאַרוואָלינער פּאָוויאַט, האָט במשך צוויי און אַ האַלב יאָר, איינגעשטעלט זיין אייגן לעבן, דאָס לעבן פון זיין משפּחה, און, אָן מורא, דערלאַנגט הילף, געגעבן שוץ היימלאָזע און אַרומוואָנ־דערנדיקע יידן, געקאָכט פאַר זיי עסן, מיטגעגעבן שפּייז אין וועג אַריין, געזאָ־גט פאַר אַלע זייערע באַדערפעונישן.

יאָרן נאָך דער מלחמה האָבן געראַטעוועטע יידן, באַזוכנדיק פּוילן, זיך געטראָפן מיט דעם נאָבעלן סימאָן צאַלקאַ און אים איבערגעגעבן מתנות פון די פּאַריסאָווער געראַטעוועטע וואָס האָבן גענאָסן פון זיין הילף.



סימאָן צאַלקאַ

סימאָן צ., דער תמימותדיקער און איידעלער מענטש, האָט זיך געוווּנדערט הלמאי מען האָט אים געשיקט מתנות, ווייל „ער האָט דאָך נישט געטאָן מער ווי דאָס זעלבסטפאַרשטענדלעכע און פּשוט־מענטשלעכע" — ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט.

דאָרף, אַגב, געזאָגט ווערן, אַז אַ האַרציקן דאַנק זענען די געראַטעוועטע יידן אויך שולדיק די גוטע פּויערים פון דאָרף סטאַדזעוו: יוזעף זאַיאַנץ און יאַן קאָט, ווי אויך דער פאַמיליע גאַיאָווניטשעק פון שכנותדיקן דאָרף כיזשין, וועלכע האָבן, איינשטעלנדיק זייער לעבן, אויך געהאָלפן, די אין יענער צייט, אַזוי געטריבענע און שוצלאָזע יידן.

בלומע קאַץ—רובינשטיין

צווישן לעבן און טויט

(זכרונות פון מלחמה־יאָרן)

ווען ס׳איז אויסגעבראָכן די מלחמה, אין יאָר 1939, בין איך נאָך נישט אַלט געווען קיין גאַנצע פערצן יאָר. איך האָב נאָך דעמאָלט געלערנט אין שולע, און נישט באַנומען געגנוי וואָס עס געשעט אַרום מיר, אָבער, איך בין געוואָרן אויפגעציטערט, ווען איך בין אַרויס אין גאַס, און כ׳האָב געזען די גלייכגילטיקייט מיט וועלכער עס קוקן זיך צו די גויים פון שטעטל צו די יידישע יינגלעך וועלכע שטייען אין גאַס און קערן די וואַסער־קאַנאַלן, ווערנדיק אומאויפהערלעך געשלאָגן דורך די דייטשן. איך בין געוואָרן אויפגעקאָכט, זעענדיק מיט וואָס פאַר אַ סאַדיסטישע הנאה זיי קוקן זיך צו ווי די דייטשע זעלנער כאַפּן יידן, שערן ביי זיי אָפּ באָרד און פיאות און שלאָגן זיי מערדערלעך.

עס האָבן זיך גלייך אָפּגעפונען די ריכטיקע אַנטיסעמיטן, ווי די באַכאַנסקיס, מאַטערעס, און אַנדערע, וועלכע האָבן מיטגעהאָלפן ראַבירן און שלאָגן יידן. אַזעלכע שטייגער גויים פון שטעטל האָבן אַרומגעשפּאַצירט איבער די גאַסן, און געוואַרט אויף אַ געלעגנהייט עס זאָלן אָנקומען די „שוואַרצע״ רוצחים פון גאַרוואָלין, כדי צו קענען ראַבירן די סחורות פון די יידישע געשעפטן.

די ערשטע גזירות

נאָכן אַריינקומען פון די דייטשן קיין פּאָריסאָוו, איז געשאַפן געוואָרן אַ יודנראַט און אַ יידישע מיליץ. אין פיל פאַלן האָבן זיי געשיצט די יידישע באַפעלקערונג. איך אַליין האָב נישט איין מאָל געזען ווי יידישע באַאַמטע האָבן געכאַפּט קלעפּ פון די „שוואַרצע״ פאַר נישט אויספירן שנעל זייערס אַ באַפעל.

מיין פאָטער, ידידיה קאַץ ז״ל, איז פיל מאָל איינגעלאַדן געוואָרן צו ווערן אַ מיטגליד אין יודנראַט, אָבער ער האָט זיך דערפון אָפּגעטרייסלט, און אפילו מורא געהאַט, אַז מ׳זאָל אים דערפאַר נישט באַשטראָפן.

צו ערשט האָט מען פאַראָרדנט, אַז יידן מוזן טראָגן ווייסע לענטעס. גלייך נאָך דעם האָט מען אַרויפגעלייגט אויפן שטעטל אַ קאָנטריבוציע פון 10 טויזנט זלאָטעס, און מיין פאָטער ע״ה האָט געמוזט אַריינטראָגן דעם גרעסטן טייל דערפון. דערנאָך האָט מען אָנגעהויבן אַרויסשיקן מענטשן צו צוואַנגס־אַרבעט קיין כיזשין, פּשאַנקע, אָבראַמב, און אנדערע ערטער.

פון אונדזער שטוב האָבן, מיין פאָטער און דער ברודער אברהם־דוד,

געדאַרפט יעדן טאָג זיך צושטעלן צו דער אַרבעט. כּיין פאָטער האָט פאַר זיך געצאָלט, און איז געבליבן אין דער היים, דאַקעגן איז אברהם־דוד געגאַנגען יעדן טאָג צו דער אַרבעט. איין מאָל האָט מיין ברודער זיך אומגעקערט פון דער אַרבעט אַ שטאַרק צעשלאָגענער, אָבער נישט געקוקט דערויף, איז ער ווייטער גערופן געוואָרן צו דער אַרבעט. וועלנדיק מיט עפּעס העלפן אין שטוב, האָב איך פאָרגעלייגט, אַז איך זאָל גיין צו דער אַרבעט אַנשטאָט מיין ברודער. דעם יודנראַט האָט די זאַך נישט געשמעקט, און ביז היינט ווייס איך נישט צוליב וואָס. איך בין אָבער דאָך אָנגענומען געוואָרן צו דער אַרבעט און כ׳בין געווען גליקלעך צו טאָן עפּעס פאַר מיינע שטוביקע.

אַלץ ענגער און ענגער

ענדע יאָר 1941 האָט מען אויסגעזידלט די יידן פון גאַרוואָלין קיין פּאַריסאָוו. די ענגשאַפט אין די יידישע וווינהייזער איז געוואָרן שרעקלעך גרויס. אין יעדער שטוב האָבן געוווינט צענדליקער מענטשן. דערביי אָבער האָט מען געבעטן, אַז ס׳זאָל נאָר נישט ווערן ערגער.

אין אַ קורצער צייט אַרום, איז געקומען דער באַפעל אויפצושטעלן אַ געטאָ. דער געטאָ האָט זיך אָנגעהויבן פון אַ העלפט גאַרוואָלינער גאַס און זיך געצויגן ביז אַ העלפט פּאָשוויענטנאַ גאַס. פאַר אונדזער הויז אויף קאָזלאָווסקאַ גאַס, האָבן מיר באַקומען צוויי צימערלעך פון וועלכע מיר האָבן אָפּגעגעבן איינס פאַר אונדזער שכן ישראל גינגאָלד ז״ל, און אין דעם פאַרבליבענעם צימער זענען מיר געווען פינף קינדער, חוץ די עלטערן. ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן אין געטאָ די עפּידעמיע פון פלעק־טיפוס, האָט די קראַנקהייט נישט אויסגעמיטן אויך אונדזער שטוב. מענטשן האָבן אָנגעהויבן אַוועקפאַלן אויף די גאַסן פון הונגער. אין יענע טעג האָבן יידן פון די אַרומיקע שטעטלעך נאָך אַלץ געשטראָמט קיין פּאַריסאָוו. אַלע צוזאַמען האָבן געהאָפט און געוואַרט אויף נסים, נאָר זיי האָבן, ליידער, זיך נישט באַוויזן.

די גרויסע אויסזידלונגס־אַקציע

אין יאָר 1942, דעם ערשטן טאָג חול־המועד סוכות, איז פאָרגעקומען די אויסזידלונג פון דער יידישער באַפעלקערונג אין פּאַריסאָוו. אין דער נאַכט פאַר דער אַקציע איז צו אונדז אין שטוב אַריין געקומען וולאַדעק וויטקאָווסקי — דער הויפּט פון די פּוילישע פייער־לעשערס. ער האָט אונדז אויסגעזאָגט דעם טרויעריקן סוד, אַז ער האָט געקריגן אַ באַפעל צו זיין גרייט, ווייל גאַנץ פרי וועט פאָרקומען אַן אַקציע אין געטאָ (די פייער־לעשערס האָבן געהאָלפן די דייטשן אין יעדער אויסראָטונגס־אַקציע).

אונדזער טייערער פאָטער ז״ל האָט זיך צו אונדז אָפּגערופן: „קינדערלעך, איך וועל אייך אין שעכטהויז אַריין נישט שיקן". און אַזוי ווי

מיין פאָטער האָט נאָך פריער געהאַט אָפּגערעדט מיט עטלעכע קריסטן און געגעבן זיי געלט, אַז זיי זאָלן אונדז אויסבאַהאַלטן, האָבן מיר נאָך דעם זעלבן אָוונט זיך צעשיידט, און מיר זענען אַוועק אין באַזונדערע באַהעלטענישן.

ווען מיר זענען אַרויס פון די בונקערס, האָבן מיר זיך גלייך דערוווּסט, אַז אונדזער טייערע מוטער איז נישטאָ. צוזאַמען מיט פריינד פון סטאָצק וואָס האָבן ביי אונדז געוווינט, און אַלע אַנדערע יידן, איז זי אַוועק קיין טרעבלינקע. מיר זענען נאָך געווען יונגע קינדער, און מיר האָבן אַלע גענומען שטאַרק וויינען און קלאָגן איבער דער מאַמען. מיין ברודער אברהם־דוד איז אַוועק־געפאַלן אויף דער ערד און האָט שטאַרק ספּאַזמירט.

ווען די דייטשן האָבן געמאַכט אַן אָבלאַווע אויף די וואָס האָבן זיך געראַטעוועט בעת דער אויסזידלונג און שפּעטער זיך אַרומגעוואַלגערט אויף פעלדער ארום כיזשין, זענען מיין פאָטער און דער ברודער אברהם־דוד על־פּי־נס, ניצול געוואָרן. עטלעכע דייטשן האָבן זיי נאָכגעיאָגט אַ שטיק וועג און נישט געכאַפּט. איך אַליין בין דעמאָלט געלעגן באַהאַלטן אויף אַ בוידעם אין דאָרף קאָזלאָוו. די דייטשן זענען אַרומגעגאַנגען איבערן גאַנצן דאָרף מיט אויסגעשטרעקטע ביקסן און געזוכט יידן. זיי זענען אויך אַריין אין הויז וווּ איך בין געווען, און האָבן מיך נישט געפונען. נאָך דער אָבלאַווע, זענען מיר אַריין אין כיזשינער לאַגער, אָבער נאָר אויף אַ קורצער צייט.

אויף אַ בוידעם אין דאָרף טראַנזבאַר

דעם 12־טן דעצעמבער 1942, זענען אַלע יידן פון כיזשינער לאַגער אַוועק־געפירט געוואָרן קיין קאַלושין. מיר; דער טאַטע און אַלע קינדער, זענען נישט מיטגעפאָרן. מיר האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין באַזונדערע ערטער, און נישט געקאָנט זיך מער טרעפן, ווייל נאָך דער ליקווידאַציע פון כיזשינער לאַגער, האָבן יידן זיך נישט געטאָרט מער ווייזן אויף דער ליכטיקער שיין. עס האָט אויף זיי געלאָקערט דער טויט, צי פון דייטשע הענט, צי — פון גויים־מוסרים.

3 חדשים בין איך געלעגן אויף אַ בוידעם פון אַ שטאַל, אין דאָרף טראַנזבאַר. אין דער נאָרע, אין וועלכער איך בין געווען פאַרגראָבן, איז געווען פינצטער־חושך. זי איז אויך געווען קליין און ענג. במשך דער גאַנצער צייט, בין איך בכלל נישט געגאַנגען אויף די פיס, און דאָס עסן וואָס כ׳האָב אַרויפ־באַקומען, איז געווען גאָר ווייניק. די קריסטין אין וועמעס שטאַל איך בין געלעגן, האָט מיך יעדע נאַכט געפייניקט, פאָדערנדיק פון מיר, אַז כ׳זאָל אַוועק אין דער באַהעלטעניש פון מיין פאָטער. איך האָב זי נישט געפאָלגט, און כ׳בין געבליבן ליגן אויפן בוידעם, ווייסנדיק, אַז איך וועל ביי מיין פאָטער נישט קאָנען זיך אויפהאַלטן. איך האָב איר געזאָגט, אַז בעסער זאָל זי מיך הרגענען אויפן אָרט, ביי איר אין הויז, איידער צו ווערן אַרויסגעטריבן.

אין איינער אַ נאַכט, ווען דער שניי האָט אין דרויסן געגרייכט איבער די קני, האָבן די פויערטע און איר מאַן מיך בכוח אַרויסגעטריבן פון שטאָל. עס איז שוין געווען שפעט ביינאַכט ווען איך בין אָנגעקומען אין הויז, ווו מיין פאָטער און דער ברודער זענען געווען באַהאַלטן. די גויים זענען געווען אויף מיר אין כעס הלמאי איך בין צו זיי געקומען, און איך האָב זיי פאַרזיכע־ט, אַז איך בין בלויז דאָ אויף אַ קורצן באַזוך. אין אמתן האָב איך דעם טאַטן און דעם ברודער געזאָגט, אַז איך וואָלט זייער געוואָלט זיין מיט זיי צוזאַמען, ווייל ביז אַצינד האָב איך זיך נאָר געפייניקט און אויסגעשטאַנען צרות. פון טאַטן, האָב איך זיך דערוווסט, אַז מען יאָגט אויך אַרויס פון זייער באַהעלטעניש די צוויי קליינע קינדער: מיין שוועסטערל שרה רבקהלע וואָס איז אַלט געווען עלף יאָר, און מיין ברודערל ישראל־יאָסעלע וואָס איז קוים אַלט געווען ניין יאָר. זיצנדיק אַזוי ביים טאַטן אין באַהעלטעניש, האָב איך געבעטן ביי גאָט, אַז די נאַכט זאָל זיך אַזוי ציען אָן אַ שיעור לאַנג, און אַז עס זאָל קיין מאָל נישט ווערן טאָג, ווייל כ׳האָב דאָך נישט וווהין צו גיין, ווו זיך אויס־צובאַהאַלטן. אָבער די לאַגע פון טאַטן מיטן ברודער איז אויך געווען געגוג אַ שלעכטע. גאַנצע טעג האָבן די גויים זיי געהאַלטן פאַרשפאַרט אין די בונקערס, טענהנדיק, אַז עס קומען פאַר אַבלאַוועס פון דייטשן אויף יידן — וואָס ס׳איז אָגב, צו יענער צייט, נישט געווען ריכטיק — און דערביי זיי מערדערלעך געשלאָגן.

מיין פאָטער האָט מיר געראָטן צו גיין צו באַקאַנטע קריסטן אין דאָרף סטאַדזעוו. מיר האָבן זיך געזעגנט, נישט קאָנענדיק אויסריידן צווישן זיך אפילו איין וואָרט. אַזוי פאַרשטיינערט זענען געווען די הערצער, אַזוי פאַרקלעמט.

אין דאָרף סטאַדזעוו

פאַר טאָג, האָב איך פאַרלאָזט דעם טאַטנס באַהעלטעניש, און געלאָזט זיך און וועג אַריין. מיינע פיס האָבן מיך קוים געטראָגן. זיי זענען געווען אָפגעפרוירנט פון גיין, און איך בין געווען שוואַך צוליב דעם ווייניקן עסן. די קריסטן אין דאָרף סטאַדזעוו, האָבן מיך, ווי צו יענער צייט, אויפגענומען זייער העפלעך. באַקאַנטע פויערים האָבן זיך אויסגעפרעגט אויף מיין טאַטן, געוווּנדערט זיך הלמאַי זיי זעען אים נישט. אין סטאַדזעוו האָב איך זיך אָנגעטראָפן אויף באַקאַנטע יידישע בחורים פון פאַריסאָוו. זיי האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין די סטאַדזעווער וועלדער.

אין דאָרף סטאַדזעוו האָב איך יעדע פאַר טאָג געטרישט מיינע באַהעל־טענישן. איך האָב געשטריקט פאַר די גויעס פון דאָרף, און מיין אַרבעט איז זיי געפעלן געוואָרן. אויף איין פלאַץ האָט מיך אַ קריסטן געבעטן צו באַפעלן מיין פאָטער, אַז ער זאָל אַריבערקומען און עפעס אויפנייען פאַר איר. וויסנדיק,

אַז מיין פאָטער און דער ברודער ליידן שטאַרק אויף דעם פּלאַץ ווו זיי געפינען זיך, בין איך אַוועק צו זיי, און געבעטן, אַז זיי זאָלן אַריבערקומען קיין סטאַדזעוו. אַריינקומענדיק אין הויז פון זייער באַהעלטעניש, זענען די אייגנטימערס מיך באַפאַלן מיט אַ געשריי הלמאַי איך בין שוין ווידער דאָ. איך האָב זיי דער־קלערט, אַז כ׳וויל אַרויסנעמען דעם פאָטער צו זיך. איך האָב באַמערקט, אַז אויך דאָס געפעלט זיי נישט. איך האָבן דעם טאַטן נישט געטראָפן אין בונקער. ער איז געווען אויף אַ באַזוך אין באַהעלטעניש ביי די קליינע קינדער. דער ברודער אברהם־דוד האָט מיר איבערגעגעבן אַז זייער פּיין איז אומגעהייער גרויס, וואָרים די גויים, ביי וועמען זיי באַהאַלטן זיך אויס, זענען געפערלעכע מערדערס. מיין ברודער איז אַוועק מיט מיר קיין סטאַדזעוו. אַ וואָך שפּעטער, האָבן מיר אַהין אַראָפּגעבראַכט דאָס עלף יעריקע שוועסטערל שרה־רבקהלע. דאַקעגן האָט דער טאַטע גענומען צו זיך דעם קליינטשיקן ישראל־יאָסעלע און איז מיט אים געבליבן.

אין פעברואַר 1943, איז מיין שוועסטערל אַוועק קיין וואַרשע און האָט זיך פאַרזאָרגט אַן אַרבעטס־פּלאַץ. אין צווישן איז די לאַגע אין דאָרף סטאַדזעוו געוואָרן וואָס אַמאָל ערגער. די דייטשן האָבן זיך דערוווּסט, אַז יידן באַהאַלטן זיך דאָרט אויס, און זיי האָבן אָנגעהויבן מאַכן אַבלאַוועס וואָס האָבן געקאָסט יידישע לעבנס.

אָנהייב מאַרץ 1943, איז צו מיר געקומען מיין ברודער אברהם־דוד און דערציילט, אַז טוביה מילער קומט אָפט אין דאָרף אַריין, טרעפט זיך מיט די יידישע יינגלעך, שטאַרקט און מוטיקט זיי. מיין ברודער האָט געשאַפן פאַר זיי געווער, און די שטימונג איז גלייך געוואָרן אַן אַנדערע.

אין יאַבלאָננע

נישט וועלנדיק מער זיך געפינען אין אַ געגנט ווו מ׳קען מיך, בין איך אין אַ צייט אַרום, אַוועק קיין יאַבלאָננע, הינטער וואַרשע. פאַרן אַוועקפאָרן אַהין, האָט מיר אַ קריסט דערציילט, אַז שוין עטלעכע טעג ווי מיין פאָטער ליגט אַ דערמאָרדעטער אין טייך שווידער, און אַז מיין עלטסטע שוועסטער זלאַטע פּעסע איז דערשאָסן געוואָרן הינטער פאַריסאָוו דורך דער פּוילישער פּאָליציי (וועגן אונדזער קליין ברידערל ישראל יאָסעלע ע״ה ווייסן מיר נישט ביזן היינטיקן טאָג ווו און ווי אַזוי ער איז אומגעקומען). די אַ טרויעריקע ידיעות האָבן מיך אין גאַנצן צעבראָכן.

אין יאַבלאָננע האָב איך באַקומען אַרבעט אין אַ פאַרם. איך האָב באַאַרבעט אַ שטיק פעלד, געטאָן אַרום לעבעדיקן אינווענטאַר און כ׳בין געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער אָרדענונג פון 10 צימערן. די אַרבעט איז פאַר מיר געווען זייער אַ שווערע, ווייל בסך־הכל בין איך דאָך נישט געווען מער ווי 16

יאָר אַלט. איך בין אַנגעגאַנגען ווי אַ קריסטלעכע, און איך האָב געהאָפּט, אַז קיינער וועט מיך נישט דערקענען. פאַר דער אַרבעט מיינער האָב איך באַקומען אַ קליינעם חודשלעכן געהאַלט, און ווייניק עסן.

מיין ברודער אברהם־דוד, האָט דורך שקצים פון זיין געגנט, מיר געשיקט מאַטעריעלע הילף, און דער קאָנטאַקט מיט אים האָט מיך געשטאַרקט און געמונטערט. די שקצים וועלכע זענען געקומען צו מיר האָבן זיך פאָרגעשטעלט ווי מיינע ברידער.

ענדע יאָר 1944 זענען די רוסן דערגאַנגען ביז פּראַגע, ביי וואַרשע, און די באַפעלקערונג פון יאַבלאָננע, און פון דער אומגעגנט, איז עוואַקוירט געוואָרן קיין טשערווינסק, נעבן ווישקאָוו. דאָרט זענען די לעבנס־באַדינגונגען געווען שלעכטע, און די ארבעט אויפן פעלד — אַ גאָר שווערע.

אין אַ געוויסן טאָג האָט מען געזוכט וועמען צו אַרבעט אין אַ הויז פון גלחים. מען האָט געזוכט אַ מיידל וואָס זאָל זיין אַ יתומה. איך בין אָנגענומען געוואָרן צו דער אַרבעט, ווייל איך בין געווען די איינציקע יתומה צווישן די אַרבעטנדיקע מיידלעך. אויפן נייעם פּלאַץ האָב איך שטאַרק מורא געהאַט, אַז מ׳זאָל מיך נישט דערקענען ווער איך בין, וואָרעם כמעט אין אַלע הייזער פון טשערווינסק זענען געווען איינגעקוואַרטירט דייטשע זעלנער. איך בין געגאַנגען אין קאָשטשאָל, און כ׳האָב זיך באַמיט אָפּצוהיטן, און אויך צו קענען — אַלע קריסטלעכע תפילות.

מיר זענען באַפרייט

אין 25־טן יאַנואַר 1945, מיטאָגצייט, האָב איך פּלוצלינג דערזען, זייענדיק גראָד אין גאַס, אַ רוסישע מאַשין מיט זעלנער. איך בין געבליבן צוגעגליווערט צום אָרט און כ׳האָב נישט געגלייבט די אייגענע אויגן. גלייך צו מאָרגנס האָב איך פאַרלאָזט די אַרבעט. מיך האָט געצויגן אַ היים, איך האָב געוואָלט וויסן ווער פון אונדז ס׳איז געבליבן לעבן. קיין קאָמוניקאַציע־מיטלען זענען נאָך נישט געווען, האָב איך במשך צוויי וואָכן, זיך געשלעפּט איבער די וועגן, און לבסוף בין איך אָנגעקומען קיין מינסק־מאַזאָוויעצק, ווו איך האָב געפונען אַ יידישע משפחה. נאָך דעם ווי איך האָב זיי איבערצייגט, אַז איך בין אַ יידישע, האָבן די מענטשן מיך געלאָזט איבערנעכטיקן ביי זיי. די איינציקע משפחה אין מינסק־מאַזאָוויעצק האָט געלעבט אין פּחד — שוין נישט פאַר די דייטשן, נאָר פאַר פּוילישע באַנדיטן...

אַ טאָג שפּעטער, בין איך אָנגעקומען קיין סטאָדזשעוו. אין דעם דאָרף האָב איך געפונען מיין ברודער אברהם־דוד און מאיר לאַטאָוויצקי. דערזעענדיק מיך, האָט מיין ברודער שטאַרק געוויינט. מיר האָבן ביידע דערמאָנט אונדזערע נאָענטע וועלכע זענען אומגעבראַכט געוואָרן און געקלאָגט איבער זיי. מיין

ברודער איז געווען גוט באַוואָפנט און איך האָב פאַרשטאַנען אַז די צרות האָבן זיך נאָך נישט פאַרענדיקט.

מיר פאַרלאָזן פוילן

מיר זענען אַוועק וווינען אין קאָלאָביעל, ווו עס האָבן זיך געפונען נאָך עטלעכע יידן. עטלעכע וואָכן שפּעטער זענען אונדז באַפאַלן פוילישע באַנדיטן, און מיר זענען על־פּי־נס ניצול געוואָרן. זיי האָבן דאַן דערשאָסן אַ פרוי צעבולאַ מיט איר טאָכטער פייגעלע, וועלכע האָבן געהאַט איבערגעלעבט דעם קריג אין בונקערס.

מיר האָבן פאַרלאָזט קאָלאָביעל. מיין ציל איז געווען אויסצוגעפינען מיין שוועסטערל שרה־רבקהלע. איך האָב זי אָפּגעפונען אין פּראַגע הינטער וואַרשע, און מיר זענען אַלע אַוועק קיין לאָדזש וואָס איז געוואָרן דער צענטער פון יידן נאָך דער באַפרייונג. נאָך דעם ווי עס האָבן זיך גענומען מערן רציחות און מאָרד־אַקטן איבער יידן, האָבן מיר באַשלאָסן צו פאַרלאָזן פוילן און אויפצוגיין קיין ארץ־ישראל.

אין אָקטאָבער 1945, זענען מיר אַריבערגעקומען קיין דייטשלאַנד, אין דער אַמעריקאַנער זאָנע, אין לאַגער פערנוואַלד. דאָ האָב איך חתונה געהאַט און צוזאַמען מיט מיין מאַן, זענען מיר, אָנהייב 1946, אָנגעקומען קיין חיפה. מיין ברודער אברהם־דוד און מיין שוועסטערל שרה־רבקהלע האָבן עמיגרירט קיין אַמעריקע.

רחל גוטריימאַן — שטאַטפעלד

מיין טאַטנס טרערן

די יוגנט אין שטעטל אַנטלויפט פון די דייטשן. זי וויל נישט משלים זיין מיט דער דערנידערונג. דער איינציקער וועג וואָס איז פאַראַן — אַוועק לאָזן זיך אויף מזרח, צום טייך בוג, אַריבערגיין די גרענעץ, און אָנקומען אויף דער סאָוויעטישער זייט.

מיר האָבן זיך אָפּגערעדט — אַ גרופּע יונגוואַרג — צו פאַרלאָזן די היים. דאָס איז געווען באַלד נאָך די ימים־נוראים, אין יאָר 1939.

— — — ביי נאַכט. איך ליג אַ וואַכע אויפן בעט און כ׳וועב מיר מיינע

מחשבות. איך טראַכט וועגן מיינע טייערע עלטערן וועלכע איך גיי איבערלאָזן ביי די מערדערישע דייטשן און וועגן אייגענעם, פאַר מיר אומבאַוווסטן גורל מיינעם. אין שטוב איז טונקל. אַ קליין נאַפטלעמפל וואַרפט עפעס אַזעלכע קרומע, ליכט־שאָטנס אויף די ווענט...

ס׳איז שוין באַלד האַלבע נאַכט. איך האָב שוין אַלץ פאַרפאַקט אין מיין רוקזאַק. די מאַמע האָט מיר מיטגעגעבן אַ גאַנץ שוואַרץ ברויט אין וועג אַריין. דורך דעם רבינס געסל דאַרף איך אָנקומען אויסערן שטעטל ווו מיין „חברה״ וועט שוין וואַרטן אויף מיר.

אַ זייגער צוויי ביי נאַכט בין איך אַרויס פון שטוב, איבערגעלאָזט „אַ גוטע נאַכט״ אין דער טרויעריקער, אומעטיקער שטילקייט וואָס איז געבליבן נאָך מיר.

ווי אויף די נעגל בין איך געגאַנגען איבער די גאַסן פון שטעטל ביז איך בין צוגעקומען צום באַשטימטן אָרט, ווו מיר האָבן זיך אַלע אַרויפגעזעצט אויף אַ וואָגן, און אָנגעהויבן זיך גרייטן אין וועג אַריין.

פלוצלינג איז מיין טאַטע אויסגעוואַקסן לעבן מיר. אַ רגע איז ער געשטאַנען און האָט געשוויגן. דערנאָך האָט ער קוים אַרויסגעשעפטשעט: „רחל, דו פאָרסט אַוועק און לאָזסט אונדז אַליין איבער״... מער האָט ער מיר נישט געזאָגט. טרערן האָבן אים אָנגעהויבן פאַרפלייצן. זיי זענען ביי אים גערונען איבערן פנים, און ער האָט געשוויגן, און באַגלייט מיין אַוועקפאָרן מיט אַזעלכע אומעטיקע, טרויעריקע בליקן וואָס טוען זיך פון מיר נישט אָפּ ביזן היינטיקן טאָג.

— — — מיין טאַטנס טרערן!... וויפל ווייטיק איז אין זיי געלעגן, וויפל צער...


אהרן לאַנדאַו ז״ל

פשאַנקע — תל־גנים

בלעטלעך דערציילן און דערמאָנען

(נאָטיצן פון מלחמה־טעג)

דעם 17־טן סעפטעמבער 1939, ווערט פאַריסאַוו אָקופּירט דורך די דייטשן. אַכט טעג פריער, דעם 8־טן סעפטעמבער, ווערט די קרייז־שטאָט גאַרוואָלין אַכזריותדיק באָמבאַרדירט דורך דער דייטשער אַוויאַציע, פון וואָס זי ווערט פולקום צעשטערט. די שוידערלעכע באָמבאַרדירונג פון גאַרוואָלין וואַרפט אָן אַן אימה אויף די יידן אין פאַריסאַוו. דאָס פייער וואָס האָט דאָרט געבושעוועט איז געזען געוואָרן צען קילאָמעטער ווייט.



אהרן לאַנדאַו ז״ל

אין שטעטל פאַרשפּרייטן זיך קלאַנגען אַז אין די סטאַצקער וועלדער קעמפן פוילישע באַוואָפנטע איינהייטן העראָיש קעגן די דייטשן און אַז אויך אין וואַרשע אָרגאַניזירן זיך פרישע מיליטערישע כוחות כדי אָפּצושטופּן די דייטשע אַריינדרינגלערס. אָבער די אַלע ידיעות זענען נישט בכוח איינצו־פלאַנצן די מינדסטע האָפענונג, אַז ס׳איז מעגלעך, אָדער, אַז עס וועט מעגלעך זיין צו פאַרטרייבן די דייטשן פון די, דורך זיי, שוין פאַרנומענע געביטן.

נאָר אָט האָט אַ בליץ געטאָן אַ פונק פון האָפענונג: די רויטע אַרמיי האָט אָנגעהויבן אַריינמאַרשירן קיין פוילן. זי איז שוין דערגאַנגען ביז צום טייך

בוג, און מענטשן מיט הארץ העלפן פארשפרייטן קלאנגען, אז זיי וועלן דערגיין ביז צו דער ווייסל, און ממילא וועט פאריסאוו איינגעגלידערט ווערן אין דעם טייל פוילן וואס וועט בלייבן אקופירט דורך רוסלאנד.

דער מאלאטאוו־ריבענטראפ אפמאך

דער טרויעריקער אפמאך צווישן סטאלין־רוסלאנד און היטלער־דייטשלאנד האט צונישט געמאכט די אלע פארויסזעונגען. די גרענעץ פון דער נייער צעטיילונג פון פוילן צווישן די דערמאנטע לענדער, איז געווארן דער טייך בוג, און אונדזער שטעטל פאריסאוו איז, פארשטייט זיך, געבליבן אונטער דער דייטשער מאכט.

אויס קהילה — עס ווערט געשאפן א יודנראט

צייטן בייטן זיך. א מלחמה אויף דער וועלט. אלץ קערט זיך איבער. דאס קהילה־שטיבל מיט די דאזארעס אין וועמעס שפיץ עס איז יארן לאנג געשטאנען דער יידישער פריץ און פרומער ייד, ר׳ יצחק מענדל גאלדמאן — דאס אלץ געהער שוין צו דער פארגאנגענהייט. נישטא מער די אמאליקע רעפרעזענטאנץ פון יידישן קהל אין פאריסאוו. עס ווערט געשאפן א יודנראט אונטער דער אנפירונג פון אהרן גלאטשטיין. צו זיין דיספאזיציע — אן אייגענע יידישע פאליציי־דינסט וואס באקומט פאראָרדענונגען פון פוילישן פאליציי־קאמנדאנט וואיעוודקא. די יידישע פאליציאנטן טראגן אוניפארמען פון טונקל־בלויען קאליר, גרויסע, קיילעכיקע היטלען מיט גלאנציקע דאשקעס. די דייטשן געטרויען זיי נישט קיין געווער, באקומען זיי גומענע פאלקעס צו שלאגן ווען און וועמען זיי וועלן באדארפן...

פאריסאוו האט נישט צו פארצייכענען קיין ספעציעלע אכזריותדיקייטן פון דער יידישער פאליציי כלפי דער יידישער באפעלקערונג, כאטש דאס באקומען א קלאפ מיט דער נאגייקע האט נישט געהערט צו א זעלטענער דערשיינונג. די יידן אין פאריסאוו האבן זיך באצויגן מיט ביטול צום יודנראט, וויסנדיק, אז דאס איז נישט קיין אינסטיטוציע וואס איז אויפגעשטעלט געווארן כדי צו העלפן, כדי לייכטער צו מאכן, נאר גיכער — צו זיין אן אינסטרומענט אין די הענט פון די דייטשן. די באפעלקערונג האט זיך אבער נישט געקאנט ווערן קעגן דעם און זי האט זיך צוגעוווינט צו דער נייער, ביטערער ווירקלעכקייט.

גזירות, קאנטריבוציעס און צוואנגס־ארבעט

שבת, דעם 22־טן אקטאבער 1939, ווערט ביי דער פוילישער גמינע ארויסגעהאנגען א מעלדונג אין דער פוילישער שפראך לויט וועלכער יידן

ווערן פאַרפליכטעט צו טראָגן אויפן רעכטן אָרעם אַ ווייסע לענטע מיט אַ בלויען מגן־דוד. פאַר באַווייזן זיך אין גאַס אָן אַ לענטע דראָט אַ האַרבע שטראָף. וואָסערע שטראָף איז אין דער מעלדונג נישט געווען אָנגעגעבן.

פאָריסאָווער יידישע שניידערס לאָזן אין גאַנג זייערע ניי־מאַשינען. זיי פאַרזאָרגן די יידן פון שטעטל מיט לענטעס פינקטלעך לויטן באַפעל.

* *
*

נאָר דאָס איז בלויז אַן אָנהייב. די דייטשן לייגן אַרויף אויפן שטעטל אַ קאָנטריבוציע פון פופציק טויזנט זלאָטעס. יידן שרייען: פון וואַנען וועט מען נעמען צו געבן אַזאַ סומע? אָבער, אַזוי ווי ס'איז נישטאָ קיין ברירה, ליידיקט מען אויס די טאַשן, און מען לאָזט אין יודנראַט איבער געלט פאַר די דייטשן וועגן. אין שטעטל גייען אַרום קלאַנגען, אַז די קאָנטריבוציע איז נישט אין דער הייך ווי דער יודנראַט גיט אָן; אַז מען צעטיילט נישט דעם עול לויט די ריכטיקע מעגלעכקייטן פון יעדן באַזונדער, נאָר לויט דעם ווי דער יודנראַט אַליין באַשטימט. קען דאָס קיינער נישט קאָנטראָלירן, און מען בלייבט ביי די טענות...

* *
*

אוןווידער אַ גזירה: אַלע אַרבעט־פעיקע יידן אין פאָריסאָוו, פון פופצן יאָר אָן ביז אין טיפסטן עלטער, זענען מחוייב זיך צו רעגיסטרירן, כדי געשיקט צו ווערן אויף אַרבעט. דער יודנראַט רעגולירט דאָס שיקן די מענטשן אויף אַרבעט־פלעצער. האָט מען ווידער טענות צום יודנראַט, און מען זאָגט אין שטעטל, אַז ועמען זיי ווילן לאָזן זיי אַדורך און אויף וועמען זיי האָבן „אַן אויג" שיקט מען אָפטער קוויטלעך צו גיין אויף אַרבעט.

די צוואַנגס־אַרבעט ווערט טראַקטירט ווי אַ סטאַבילער שטייער־אָפּצאָל. פאַר פינף זלאָטעס קויפט מען אויס אַ קוויטל אויף אַרבעט. און אַזוי ווי אין שטעטל פעלן נישט, אין די נייע באַדינגונגען, קיין אָרעמע־לייט, זענען זיי טאַקע די, וואָס גייען אויף די געשיקטע אַרבעטס־פלעצער, און דאָס ווערט פאַר זיי דער איינציקער פרנסה־קוואַל.

— — — גייען מענטשן אין דער פרי צו דער אַרבעט, ערגעץ ווו היגטער דער שטאָט. יעדער טראָגט מיט זיך אַ ליידיקן זאַק אונטערן אָרעם. אַז עס געלונגט, קויפט מען עפּעס איין ביי אַ פויער, און פאַר נאַכט צו, אומקערנדיק זיך אַ היים, שלעפּט מען אַ ביסל קאַרטאָפל, אַ ביסעל מעל, צי אַנדער שפּייזוואַרג.

אין די אַ טעג ווערן די „פּאָמאַרזשאַקעס" (פּאָליאַקן, אַרויסגעטריבענע דורך די דייטשן פון די פּאָמערן־געביטן ביים באַלטישן ים) אַ פּלאָג פאַר די יידן אין שטעטל. ווייל, אויב אין דער ערשטער צייט, האָבן די פּוילישע בירגער אין פּאָריסאָוו זיך נאָך געשעמט עפנטלעך צו טעראָריזירן יידן, איז די „מלאָכה"

געטאָן געוואָרן דורך די דערמאָנטע „פּאַמאַרזשאַקעס״, וועלכע זענען געווען אַדורכגענומען מיט ווילדן אַנטיסעמיטיזם. זיי זענען געווען די הויפּט־העצערס קעגן יידן, און האָבן אויך געדינט ווי מוסרים, פאַר וועמען די יידן אין שטעטל האָבן זיך געמוזט היטן.

דאָס שווערע לעבן איז געוואָרן אַ נאָרמאַלע דערשיינונג. די עיקר דאגה ביי מענטשן: פאַרדינען אויף חיונה, עס זאָל זיין וואָס צו געבן די קינדער אין מויל אַריין. אויף דעם געביט קומען פאַר קאַלאָסאַלע ענדערונגען. נעכטיקע אָרעמע־לייט פאַרשאַפן זיך גיכער קוואַלן פון פרנסה (שמוגל, געהיימער האַנדל, אאז״ו). דאַקעגן, זענען געוועזענע סוחרים, מענטשן וואָס האָבן געלעבט אין אַ וועלט פון נאָרמאַלן האַנדל, אָפּט אומבאַהאָלפן און אויך אָן מיטלען. נישט מער וואָס סיי די און סיי די איז נישטאָ מיט וואָס מקנא צו זיין... די דייטשן האָבן שוין געזאָרגט דערפאַר, אַז עס זאָל אַלעמען זיין שלעכט.

נאָך מער פון אַנדערע, פילן די פליטים פון דער פרעמד אויף זייערע פּלייצעס די שווערע עקאָנאָמישע לאַגע. באַזעצנדיק זיך אין פאַריסאָוו, זענען זיי, נאָך אַלעם, געבליבן אָפּגעריסן פון אייגענער סביבה, פון באַקאַנטע און נאָענטע, און זיי האָבן נישט לייכט געקאָנט זיך אַרויסהעלפן.

די דייטשן שענדן דריי ספרי־תורה אין פשאַנקע

שבת, דעם 9־טן דעצעמבער 1939, ווען די פשאַנקער יידן געפינען זיך ביים דאַווענען, פאָרן פלוצלינג צו עטלעכע מאַשינען מיט דייטשן צום גוטבאַזיצער ר׳ יצחק מענדל גאָלדמאַן. זיי מעלדן אים וועגן דער פאַראָרדענונג צו קאָנפיסקירן ביי אים זיין פאַרמעגן, און איבערפירן עס אין דייטשן באַזיץ.

בעת דעם קורצן באַזוך אין פשאַנקע, באַווייזן די דייטשן זייער ברוטאַ־ליטעט. זיי נעמען אַרויס פון פשאַנקער בית־תפילה דריי ספרי־תורה און פאַרברענען זיי. די דריי ספרים זענען געווען יקרי־מציאות. איין ספר־תורה האָט געלאָזט שרייבן ר׳ אברהם מאיר, דער זיידע פון ר׳ יצחק מענדל גאָלדמאַן — איינער פון די עלטסטע תושבים פון פאַריסאָוו. די צווייטע ספר־תורה ברענגט מיט זיך פון וואָלאָזשין קיין פשאַנקע דער איש תם וישר, ר׳ אברהמלע ראָזנבלום — דער מאַן פון ר׳ יצחק מענדלס איינציקע שוועסטער: פייגע רבקה. די דריטע ספר־תורה ברענגט קיין פשאַנקע — צו זיין חתונה מיט חנהטשען — ר׳ יצחק מענדלס יונגערער איידעם, און דאָס איז אַ ירושה פון זיין זיידן, ר׳ איטשקע לאַנדאַו. דאָס ספר האָט פאַר זיך געשריבן דער ביאַלער רבי, ר׳ בעריש לאַנדאַו זצ״ל.

נאָכן אַרויסטרייבן די צוויי יידישע גוטבאַזיצערס פון זייערע מאַיאָנטקעס (פשאַנקע און אָבראָמב) און איבערגעבן זיי אין די הענט פון די דייטשן, זענען

צוגעקומען צוויי נייע פלעצער וווהין דער יודנראַט האָט געדאַרפט שיקן יידן אויף אַרבעט.

אַ געטאָ אין פּאַריסאָוו

אין איינעם אַ טאָג ווערט אַ בהלה אין שטעטל. פאַר דער יידישער באַפעלקערונג ווערט צוגעטיילט אַ וווין־קוואַרטאַל. אין פאַרלויף פון דריי טעג מוז אַלץ אַריבערגעטראָגן ווערן אין געטאָ אַריין. יידן שלעפּן זייערע מטלטלין, ווער אויף די פּלייצעס און ווער — אַריינגעפּאַקט אין קינדער־וועגעלעך. עס דערשפירן גוט די ענדערונג די יידן וואָס האָבן אין זייערע אייגענע שטובן געפירט אַ וואַרשטאַט, אַ געוועלבל. זיי פאַרלירן גלייך די פּרנסה. עס וואַקסט די צאָל פון אָרעמע־לייט. קיין סאָציאַלע אינסטיטוציעס, אָדער פילאַנטראָפּישע געזעלשאַפטן זענען אין געטאָ נישט בנמצא. אַזעלכע ענינים זענען נישט אין די טעטיקייטס־ראַמען פון יודנראַט אין פּאַריסאָוו.

אויסערן געטאָ בלייבן וווינען: דער פּרעזעס פון יודנראַט אהרן גלאַטשטיין און יידל קאַסמאַן, אַ משפּחה פון זיין שוועער וואָס פירט זיין שפּייז־געוועלבל אין מאַרק.

כאָטש דער געטאָ ווערט נישט אַרומגעצוימט, מיידן יידן אויס זיך צו באַוועגן אויסערן תחום זיינעם. די נויט ברענגט אָבער דערצו, אַז אַ גרויסער טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג, צווישן דעם, אַ סך קינדער, גייען אַרויס אויפן דאָרף איינהאַנדלען אַ ביסל שפּייז. אַ סך פון זיי ווערן געכאַפּט דורך די „שוואַרצע" (אַזאַ מין אָרדענונגס־דינסט, אָנגעטאָן אין שוואַרצע מונדירן, וואָס רעקרוטירט זיך מייסטנס פון לעטן, ליטווינער, אוקראַינער א״אַ), צי דורך סתם־כוליגאַנעס, וואָס גיבן זיי איבער דער פּוילישער פּאָליציי און זי איז וועגן דעם מודיע די דייטשן. די לעצטע קומען פון גאַרוואָלין, נעמען, על־פּי־רוב, איבער די אַרעסטירטע, פירן זיי אַרויס הינטערן שטעטל און דערשיסן זיי.

עס דערנענטערט זיך דער סוף

— — — וואָכן, חדשים, אָט איז שוין אַ יאָר אָפּגעלאָפן, און — באַלד נאָך אַ יאָר.

אויגוסט 1942, די יידן פון מינסק־מאַזאָוויעצק (עטלעכע צוואַנציק קילאָמעטער מערבדיק פון פּאַריסאָוו) ווערן אַרויסגעטריבן פון זייער שטעטל. מען לאָדנט זיי אויף וואַגאָנען, און זיי ווערן אַוועקגעפירט. אַנטלאָפענע פון מינסק־מאַזאָוויעצק קומען אָן קיין פּאַריסאָוו. זיי דערציילן וועגן אָפּגעטויטע דייטשע גרויליקייטן, אַז דאָס בלוט אין די אָדערן ווערט פאַרגליווערט.

סוף אויגוסט 1942. ס׳איז געקומען די ריי פון ליקווידאַציע אויף אָטוואָצק.

אַנטלאָפענע וואָס וואַנדערן אין די נעכט איבער פעלד און וואַלד, קומען אָן, מיט הינטערוועגן, קיין פאַריסאָוו. דער פחד פאַר דעם וואָס איז עלול צו געשען שטייגט פון טאָג צו טאָג.

* *
*

פאַריסאָוו וואָס האָט אין נאָרמאַלער פאַרמלחמהדיקער צייט געציילט איבער 1000 יידישע נפשות, איז מיטוואָך, בין כסה־לעשור פון יאָר תש״ב, נאָכן אַריינטרייבן אין ענגן געטאָ אַ 3000 סטאָצקער יידן, דערגאַנגען צו אַ צאָל פון 8000 יידישע נפשות.

און אָט איז שוין יום כיפור. ס׳איז נישטאָ קיין שול, און ס׳איז נישטאָ דאָס בית־המדרש. אַלץ איז באַזעצט דורך פליטים. דאַוונען יידן אין פריוואַטע שטובן, און די געוויינען רייסן זיך צום הימל, צעשניידן דאָס האַרץ. יידן זוכן אַ ישועה, אַ נס, אַ רעטונג.

יידן גרייטן צו סוכות, כאָטש מען פילט, אַז דאָס אומגליק הויערט ממש איבערן געטאָ. כמעט ווי עס איז אויסגעלאָשן יעדער פונק פון האָפענונג.

דער צווייטער טאָג סוכות, זונטיק פאַר נאַכט. אין שטעטל אַריין קומען אָן אויטאָס מיט היטלעראָווצעס. יעצט איז שוין קיין ספק נישט, אַז אין אָט דער נאַכט וועט עס געשען. דער געטאָ הייבט אָן צו אָטעמען מיט אַ שטילקייט פון אַ בית־הקברות. אַ ריח פון טויט טראָגט זיך אין דער לופטן.

* *
*

אין איינציקע שטוב איז פאַראַן אין געטאָ־קוואַרטאַל אין וועלכער עס זענען פאַרזאַמלט מענטשן וואָס באַמיען זיך נישט מיטגעריסן צו ווערן מיט דער עצבות וואָס האָט אַרומגענומען די דערשלאָגענע, דערדריקטע עדה. דאָס איז די שטוב פון יונגן פאַריסאָווער רב, ר׳ דוד שלמה מאָרגנשטערן, דער עלטסטער איידעם פון ר׳ יצחק מענדל גאָלדמאַן — אַ זון פוןווישקאָווער רב. דאָרט זענען פאַרזאַמלט חסידים און זיי טרינקען לחיים, טאַנצן און זינגען, ווילן פאַרגעסן אין די יסורים און לייד. און אַזוי געשעט דאָרט, אַז אין מיטן דערין, שפרינגט אַפער פון טיש, דער יונגער, תמימותדיקער שוחט, שלמה יהודה, אַ תלמיד־חכם, אַ מזג־טוב, און לאָזט זיך, איינער אַליין, אַוועק אין אַ טאַנץ, פאַטשט אין התלהבות מיט די הענט, אין גאַנצן פאַרדבקה׳ט, און רופט די חסידים נישט אַריינצופאַלן אין מרה־שחורה, וואָרעם אָט אָט און מען וועט אויסלייזן די נשמה פון חומרדיקן גוף...

נישטאָ מער פאַריסאָוו

מאָנטיק פאַר טאָג. דער ערשטער טאָג חול־המועד. אַ הילכיקער גערויש פון פאָרנדיקע וועגעלעך צערייסט די טויט־שטילקייט אין וועלכער ס׳איז

איינגעהילט דער געטאָ. זיי קומען אָן מיט אַלע וועגן וואָס פירן צום מאַרק־פּלאַץ. די פּוילישע פייער־לעשערס באַווייזן זיך אין געטאָ. זייער טרומייטערן זאָגט אָן דעם טרויעריקן סוף. מען טרייבט אַרויס מענטשן פון די שטובן. עס באַגלייטן זיי געשרייען: „שנעלער, שנעלער, צום מאַרק־פּלאַץ".

אַט זענען שוין אַלע יידן פון פּאַריסאָווער געטאָ אויפן מאַרק. זיי ווערן געהיט דורך היטלעריסטן, און זייערע משרתים. ניין, נישט אַלע זענען שוין דאָ אויפן מאַרק. פאַראַן שוואַכע און קראַנקע וואָס פאַרזוימען זיך. זיי ווערן דערשאָסן אויפן וועג צום מאַרק־צו.

*   *
*

מיטאָגצייט. אַ הילכער וואָס איז אינסטאַלירט אויף איינעם פון די אויטאָס שפּילט, פון אין דער פרי אָן, טאַנץ־מוזיק. אַצינד באַגלייטן די מוזיק־קלאַנגען דעם אַרויסמאַרש פון דער פּאַריסאָווער עדה צו דער באַן־סטאַציע אין פּילאַווע. אויפן מאַרק־פּלאַץ ווערט ליידיק. עס וואַלגערן זיך פיל פּעקלעך, איבערגעלאָזטע דורך די פּאַרטריבענע. עס לאָקערן שוין אויף זיי ווילדע גרישע אויגן. זיי האָבן נישט קיין געדולד.

די 39

צו מאָרגנס, נאָך דעם גירוש, שפּילט זיך אין שטעטל אָפּ דער לעצטער אַקט פון יידישער אויסראָטונג אין פּאַריסאָוו.

אַ ספּעציעלע גרופּע כוליגאַנעס, ביי דער מיטהילף פון די פּוילישע פייער־לעשערס, נישטערן דורך דעם גאַנצן געטאָ־קוואַרטאַל. זיי געפינען אויס פאַרמאַסקירטע קעלערן, טאָפּעלע ווענט, און שלעפּן אַרויס באַהאַלטענע, דער־שראָקענע יידן. די זעלבע „אַקציע" ווערט אויך דורכגעפירט אויסערן געטאָ, אין שייערן און אין שטאַלן וואָס געהערן צו קריסטלעכע איינוווינערס.

39 יידן ווערן דורך די כוליגאַנעס אויסגעפונען, צווישן זיי — אויך קינדער. זיי ווערן אָפּגעפירט אין אַרעסט ביים גמינע־הויז. צוויי מעת־לעת וואַרטן זיי דאָרט אויף דער עקזעקוציע.

דאָנערשטיק, מיטאָגצייט, קומט אַראָפּ פון גאַרוואָלין אַ ספּעציעלע „טויטן־גרופּע" און זי פירט אַרויס די יידישע אַרעסטאַנטן אויפן פיך־מאַרק. מען טיילט זיי איין אין דריי גרופּעס און זיי ווערן דערשאָסן מיט „דום־דום" קוילן.

(צווישן די וואָס זענען געפירט געוואָרן צום דערשיסן זענען געווען: דער ייד לאַנדאַן, פון פשאַנקע, מיט דער פרוי און יונגער טאָכטער חנה'לע. דער אַלטער לאַנדאַן האָט געבעטן די דייטשן זיי זאָלן אים מיט דער פאַמיליע נעמען אין דער ערשטע גרופּע צום דערשיסן. די מערדער האָבן זיין פאַרלאַנג

בלויז טייִלווייז דערפילט. אים מיט דער פרוי האָבן זיי טאַקע דערשאָסן אין דער ערשטער ־גרופע, און די יונגע חנה'לע וואָס האָט באַקומען אַ נערוון־שאָק און זיך געוואָרפן אין קאָנוולסיעס, איז דורך זיי גענומען געוואָרן צום דערשיסן ערשט מיט דער לעצטער גרופע).

פאַרנאַכט־צו. אויפן פיך־מאַרק וואַקסט אויס אַ פאַראייִנזאַמטער, יידישער ברודער־קבר. עס איז נישט געווען ווער עס זאָל דאָרט לאָזן אַ טרער. די פאַריסאָווער יידישע עדה איז דעמאָלט אַליין געווען אין איר לעצטן וועג, צום טויט.

מאיר לאַטאָוויצקי

אין געראַנגל פאַרן לעבן
(איבערלעבענישן אין די מלחמה־יאָרן)

מאָנטיק, דעם ערשטן טאָג חול־המועד סוכות, 1942, איז פאָרגעקומען די אויסזידלונג פון די יידן אין פאַריסאָווער געטאָ. אַלע וועגן זענען נאָך פריער



מאיר לאַטאָוויצקי

געוואָרן באַשטעלט מיט פּאָליציי און פייער־לעשערס, כדי עס זאָל קיינער נישט קאָנען זיך אַרויסבאַקומען פון שטעטל. דער איינציקער וועג צו אַנטלויפן איז געווען: לעבן גלת. דאָרט, איז מען, דורך די לאַנקעס, געלאָפן קיין כיזשין. אַנדערע האָבן זיך באַהאַלטן אויפן באַרג, און זענען אַריבער אויף דער פוילישער זייט.

ווען מען האָט אַרויסגעטריבן די יידן פון זייערע שטובן, האָבן, חנה ברכהס מאַן, יוסף, און דער גאַרוואָלינער רב, אָנגעטאָן זייערע קיטלען און טליתים, און זיך אָוועקגעשטעלט תפילה טאָן. זיי האָבן נישט געוואָלט אַרויסגיין צום מאַרק. די דייטשן האָבן זיי געשאָסן אויפן אָרט און איבערגעריסן זייער אומאויפהערלעך שרייען „שמע־ישראל".

אין טאָג פון דער אויסזידלונג, איז אַן אייניקל פון לייביש פּאַרבער געבליבן ליגן אין זיין וויגל. אין דער גרויסער בהלה וואָס האָט זיך געשאַפן, האָט מען, ווייזט אויס, געהאַט פאַרגעסן צו נעמען מיט זיך דאָס קינד. אַז די פּאָליאַקן זענען אַריין אין דער וווינונג, און האָבן דאָרט געטראָפן דאָס לעבעדיקע קינד, האָבן זיי אַריינגערופן אַ דייטשן זשאַנדאַר. דער דייטש האָט דריי מאָל געשאָסן אין קינד, און עס האָט נאָך אַלץ געלעבט, אַפילו אויך געלאַכט, עלעהיי מ׳וואָלט זיך מיט אים געשפּילט. דער זשאַנדאַר איז געוואָרן אין כעס, האָט אַריינגערופן זיינס אַ חבר, און יענער האָט דערשאָסן דאָס קינד אויף טויט.

נאָך דער אויסזידלונג האָבן די פּאָליאַקן, די זשאַנדאַרמעריע און די פייער־לעשערס, געמאַכט רעוויזיעס אין די יידישע שטובן אין געטאָ. זיי האָבן געפונען 39 יידן און שפּעטער זיי דערשאָסן אויפן חזירים־מאַרק. צווישן די זענען געווען: יאָסל מאָרסקי מיט דער גאַנצער פאַמיליע, חנה ברכה, די טאָכטער פון יאַנקל מאַנגאָט און איר מומע.

אַ וואָך נאָך דער אויסזידלונג איז אַ יידישע, קעמפערישע גרופּע, מיט הערש אָסיפ בראש, באַפאַלן די פוילישע גמינע אין פּאַריסאָוו, און האָט געפירט אַ קאַמף מיט דער פּאָליציי.

די גרופּע פון הערש אָסיפ האָט זיך אויפגעהאַלטן אין דאָרף פּיענקי. איין מאָל איז אָהינגעקומען אַ גרופּע פון דייטשע אַגענטן. די יידישע און פוילישע פּאַרטיזאַנער האָבן איינעם פון זיי ליקווידירט. נאָך דעם, זענען די דייטשן באַפאַלן די יידישע גרופּע, זי באַשאָסן און פאַרברענט. אַלע מענער, פרויען און קינדער זענען דערביי אומגעקומען. דעמאָלט איז אויך אומגעקומען הערש אָסיפ מיט זיין פאַמיליע.

אין און אַרום כיזשין

אין צוואַנג־אַרבעטס־לאַגער כיזשין, זענען מיר געווען אויף צרות, האָבן געלעבט אין שמוץ און געליטן פון קראַנקהייטן.

ר׳ יצחק מענדל גאָלדמאַן איז געשטאָרבן אין כיזשין. זיין זון מאיר, איז אין גסיסה־צושטאַנד אַראָפּגעפאַלן פון דער פּריטשע, און געשטאָרבן.

ישראל הערש גוטריימאַן, און דער זון פון מרדכי דודן זענען געשטאָרבן פון טיפוס. אַזוי זענען צענדליקער מענטשן אויסגעגאַנגען. די אַלע וואָס זענען געשטאָרבן אין לאַגער, האָט מען קובר געווען אויסער די באַראַקן. בכלל, איז דער גאַנצער וועג פון פאַריסאָוו ביז כיזשין, איין גרויס בית־הקברות פון געפאַלענע און דערשאָסענע יידן. דער וועג איז פול מיט יידיש בלוט.

די ערשטע אַבלאַווע אויף די יידן וואָס האָבן זיך געוואַלגערט נאָך דער אויסזידלונג אין פאַריסאָוו — אויף פעלדער און אין סטאָדאָלעס אַרום לאַגער כיזשין, איז פאָרגעקומען אין 14־טן נאָוועמבער 1942. די אַבלאַווע איז דורכגעפירט געוואָרן דורך דייטשן, צוזאַמען מיט דער פוילישער פּאָליציי. זיי האָבן די מענטשן דערשאָסן אויפן אָרט. מיר האָבן דאָס געזען מיט די אייגענע אויגן שטייענדיק הינטער די דראָטן פון לאַגער.

בעת דער דאָזיקער שחיטה, זענען, צווישן אַנדערע, אומגעקומען: מיין דריי יאָריק טעכטערל, מיין שוועסטער מינדל, דער ברודער משה, צוויי טעכטערלעך פון עליע שמעון, צוויי שוועסטער פון שלמהקע קורץ, שלאַמעק גוטריימאַן און זיינע צוויי קינדער.

פון כיזשין קיין קאַלושין

דעם 24־טן נאָוועמבער 1942, האָט מען ליקווידירט אונדזער לאַגער אין כיזשין און מען האָט אונדז פאַרטריבן קיין קאַלושין. מיר האָבן דאָרט געטראָפן יידן פון אַ סך אַנדערע ערטער.

אין דער שטוב ווו איך האָב געוווינט, איז אויך געווען מיין פאַמיליע, צווישן דעם — מיין ברודער לייבל און זיין פרוי, מיינע אַ שוועסטער מיט אַ מאַן און קינדער, אהרן פיזנאָפּקער מיט דער פרוי, בנימין גוטריימאַן מיט דער פרוי, יאַנקל מאַנגאָט מיט דער פרוי און אַ קינד, אברהם פרץ און נאָך אַנדערע פאַריסאָווער יידן.

אויפן וועג קיין טרעבלינקע

דעם 9־טן דעצעמבער 1942, דריי אַ זייגער ביי נאַכט האָט אונדז אויפגעוועקט אַ באַפעל: יידן, אַרויס פון די שטובן! אין דרויסן איז געווען שרעקלעך קאַלט. עס האָט געהאָגלט. מיר האָבן זיך געדאַרפט זאַמלען אויפן מאַרק, און לויטן באַפעל — זיצן מיט די פיס הינטער זיך, און דער קאָפּ — אַראָפּגעלאָזט. ערשט אַ זייגער צען אין דער פרי, האָט מען אונדז געהייסן זיך אויסשטעלן אין רייען. מ׳האָט אונדז געטריבן, געהייסן לויפן גאַלאָפּ, און

דערביי אונדז געשלאָגן מיט פּאַלקעס איבער די קעפּ, ביז מיר זענען אָנגעקומען צו דער באַן־סטאַציע מראָזי.

אין די וואַגאָנען אויף וועלכע מיר זענען געלאָדנט געוואָרן, זענען מיט מיר געווען מיין ברודער לייבל און זיין פרוי. מ׳האָט אָנגעהויבן שפּרינגען פון צוג. שייע איז געשפּרונגען, און וואָס עס האָט מיט אים פּאַסירט איז נישט באַוווּסט. אויך פייבל איז געשפּרונגען פון צוג (ער איז שפּעטער אומגעקומען בעת דער אָבלאַווע פון די דייטשן אין 43־טן יאָר). פון מיין פאַמיליע האָב איך קיינעם מער נישט געזען, און כ׳ווייס נישט, צי זיי זענען געווען מיט מיר אין באַן, אָדער זיי האָבן זיך געפונען צווישן די וואָס זענען דערשאָסן געוואָרן דורך די דייטשן, אָדער צעטרעטן געוואָרן איז מראָזי, ביי דער באַן־סטאַציע.

איך שפּרינג פון צוג

איך בין געשפּרונגען פון צוג, און געפאַלן אויף שטיינער לעבן די שינעס. כ׳האָב מיר צעקלאַפּט דאָס פּנים, אָבער נישט מער. פאַר מיינע אויגן האָב איך געזען שוידערלעכע בילדער: אָפּגעהאַקטע פיס, צעקאַליעטשעטע מענטשן וועלכע האָבן גערופן נאָך הילף.

איך האָב געוואַנדערט פון אָרט צו אָרט, ווו געטאָגט נישט געזעצטיקט. אַזוי בין איך אָנגעקומען קיין דעמבע, פון דאָרט האָב איך זיך אַוועקגעלאָזט קיין טראַנזבאַר, קאָזלאָוו, און אַנדערע דערפער.

איך טרעף זיך מיט אויסבאַהאַלטענע פּאַריסאָווער יידן

אין טראַנזבאַר, בין איך אַריין צו אַ פויער, און כ׳האָב זיך געפרעגט צי ער איז נישט פאַראינטערעסירט אין שניידער־אַרבעט. איך האָב ביי דעם פויער זיך אויפגעהאַלטן עטלעכע וואָכן (אין חזירים־שטאַל), און צום סוף, געמוזט אַוועק פון דאָרט. ביי אַ צווייטן פויער בין איך געוווּיר געוואָרן, אַז יידן האַלטן זיך אויף אין כאַינער וואַלד. איך בין אַוועק אַהין, און דאָרט געטראָפן מלך קאָוואַלעק מיט דער פרוי און קינדער; צוויי זין פון זיין ברודער; בלומע, חנה האַמגערעקס טאָכטער, צוויי זין פון וועלוולען וועלכער האָט געלייגט דעכער; יאַנטשע קצב מיט זיין זון ירמיהו, און אַנדערע.

איך האָב זיך אויפגעהאַלטן ביי אַ באַקאַנטן פויער און כ׳בין אָפט צוגעגאַנגען זען וואָס עס טוט זיך ביי דער יידישער גרופּע.

דערנאָך בין איך אַוועק קיין סטאַדזעוו. דאָרט האָב איך געטראָפן מיין ברודער פייבל און שלאַמעק זילבערשטיין. פון זיי האָב איך געהערט, אַז עס לעבן: פּינטשע פאַרביאַזש און זיין ברודער מאָניש, אברהם קאַץ, טוביה מילער, און משה קליימאַן. אַזוי האָב איך זיך אויך דערוווּסט, אַז עס לעבן צוויי

ברידער און אַ שוועסטער פון מיין פרוי, און אַז איך קאָן זיי טרעפן ביים פויער גרינגעל.

איין מאָל האָב איך געטראָפן בערל קליידמאַן, האָט ער מיר געזאָגט, אַז מיין שוועסטער און מיין ברודער געפינען זיך אין גאַלעכלאַנקי. נאָך אַ שטיקל צייט, האָב איך באַקומען אַ ידיעה, אַז די פּאָליציי האָט זיי געכאַפּט און דערהרגעט.

איך ווייס נישט ביז היינט ווי אַזוי עס איז געקומען דערצו, אַז בערל האָט זיך געפונען איינער אַליין אין אַ וואַלד און ווי אַזוי ער איז דאָרט דערהרגעט געוואָרן.

פון פויער צו פויער, פון וואַלד צו וואַלד

איך בין אַוועק איז גאַזדער וואַלד, און דאָרט האָב איך געטראָפן יאַנטשען מיטן זון, מאיר פּאַסקלינסקין, פינטשען מיטן ברודער מאַניש, אַ יינגל בייניש (זיין פאַמיליע האָט געוווינט ביי פּילקען, אויף גאַרוואָלינער גאַס) און נאָך צוויי יינגלעך; איינער פון פּילאַווע און איינער פון גאַרוואָלין.

אין אַ געוויסן טאָג, ווען די יינגלעך האָבן געהאַלטן אין מיטן קאָכן דאָס מיטאָג, האָבן מיר פּלוצלינג דערהערט אַ שיסעריי. יעדער איינער האָט גענומען לויפן אין אַן אַנדער ריכטונג. די צוויי יינגלעך פון פּילאַווע און גאַרוואָלין זענען גלייך געפאַלן טויט אויפן אָרט.

ווען נגדיק געפינען אַן אָרט ווו זיך אויסצובאַהאַלטן, זענען מיר צוגעגאַנגען נענטער צו פּאַריסאָוו. יאַנטשע און מאיר פּאַסקלינסקי זענען אַריין אין שטעטל און זענען דאָרט געכאַפּט געוואָרן דורך פּוילישע כוליגאַנעס. צו מאָרגנס בין איך אַוועק קיין יוזעפין. איך האָב דאָרט געטראָפן יאַנטשעס זון. ער האָט שוין געוווסט וואָס עס איז געשען מיט זיין פאָטער און ער האָט שטאַרק געוויינט. מיר זענען ביידע צוגעזעסן אין יוזעפין ביז אויף דער נאַכט, און דעמאָלט האָבן מיר זיך געלאָזט גיין, נישט וויסנדיק אַליין וווהין מיר ווילן אָנקומען.

אַזוי האָב איך זיך אַרומגעוואַלגערט אַ גאַנצן זומער, אין יאָר 1943.

מיט אַ צעבראָכענעם פוס

אין אַ געוויסן טאָג האָב איך צעבראָכן אַ פוס, און נישט געקאָנט גיין. מען האָט מיך געבראַכט צו אַ פויער אין סטאַדזעוו. דאָרט האָט איינער מיר צוזאַמענגעשטעלט דעם פוס, אים אַרומגעלייגט מיט ליים, און איך האָב אים געהאַלטן אין אַ ספּעציעל אויסגעגראָבענעם גרוב. אַזוי בין איך אָפּגעלעגן עטלעכע וואָכן. איך וואָלט נאָך געווען דאָרט געבליבן, נאָר ווייל מען האָט

מיך אויסגעגעבן, האָב איך געמוזט אַוועק. צו אַלע צרות, האָב איך דערנאָך נישט געקאָנט גיין, קוים געריטשט זיך מיט דער הילף פון אַ שטעקן אין האַנט. אין יענע טעג בין איך אַרומגעגאַנגען אין גאַנצן אָפּגעריסן, אַן אַ גראָשן אין טאַש. נישט האָבנדיק קיין אַנדערן אויסוועג, האָב איך אומעטום געבעטן — ווי אַן אָרעמאַן וואָס גייט איבער די הייזער — אַ ביסל עסן, אָדער אַנדערע הילף. נישט איין מאָל האָב איך געבעטן ביי גאָט, אַז איך זאָל, נאָכן לייגן זיך שלאָפן, מער נישט אויפשטיין. איך האָב מורא געהאַט זיך צו ווייזן פאַר מענטשן, קיין מאָל נישט געוווסט ווער ס'איז מיר גרייט צו העלפן און ווער — איבערצוגעבן די דייטשן.

אַבלאַוועס און קרבנות

דאָס איינציקע דאָרף אין וועלכן מ'האָט זיך געקאָנט אָנשפּאַרן איז געווען — סטאַדזעווו. אָבער אויך דאָרט זענען געפאַלן קרבנות. בעת אַן אַבלאַווע, זענען דאָרט געפאַלן שלאָמעק זילבערשטיין און פינטשע פאַרביאַזש.

טוביה מילער, מיין ברודער פייבל, אַ ייד פון אַטוואָצק, און איך, זענען יענע טעג געווען אין דעם דאָרף. די פויערים האָבן אונדז אַריינגערופן און געגעבן אָפּצועסן. מיר זענען צו צום פּלאַץ וווּ פינטשע און שלמה זענען געלעגן נאָך נישט קיין באַגראָבענע און האָבן דאָרט געטראָפן צוויי סטאַדזעווער גוטע פויערים: סימאָן צאַלקאַ און יוזעף זאַיאַנץ. זיי האָבן אונדז דערציילט, אַז זיי האָבן געגראָבן פאַר זיי אַ קבר לעבן שווידער, איז אָבער דאָרט אָנגעקומען וואַסער, און אויב מיר ווילן, קאָן מען אויסגראָבן אַ קבר אויפן בערגל, לעבן בוים, און דאָרט קובר זיין די צוויי יידישע העלדן. מיר האָבן אַזוי געטאָן, און דערביי, זיך גוט אויסגעוויינט.

אַ פּאָר וואָכן שפּעטער, איז פאָרגעקומען אַ צווייטע גרויסע אַבלאַווע. דאָס איז געווען אין נאָוועמבער 1943. אין דער אַבלאַווע איז אומגעקומען מיין ברודער פייבל.

נאָכן טויט פון מיין ברודער בין איך קראַנק געוואָרן. איך האָב זיך געשלעפּט פון אָרט צו אָרט, און אַזוי זיך אַרומגעבלאָנקעט אַ גאַנצן ווינטער. אַ סך פון מיינע באַקאַנטע האָבן געהאַלטן, אַז איך לעב נישט מער. אַזעלכע קלאַנגען זענען טאַקע אַרומגעגאַנגען צווישן זיי. פּדיילינגצייט, בין איך אַוועק צו סימאָן צאַלקאַ. ס'איז געווען אין אַ זונטיק, און ער האָט מיר געזאָגט, אַז ביי נאַכט וועלן ביי אים זיין טוביה מילער און זיין פרוי, ווי אויך משה קליימאַן. איך בין אַוועק אין אַן אַלכען וועלדל און כ'האָב זיך דאָרט אויסבאַהאַלטן. פּלוצלינג, האָב איך זיי דערזען, און אָנגעהויבן זיי רופן. אין שרעק, האָבן זיי, געשריגן „שמע־ישראל", און אויסגערופן: מאיר, דו לעבסט?

עטלעכע טעג האָב איך מיט זיי צוזאַמען זיך אויסבאַהאַלטן אין פעלדער.

שפּעטער, בין איך אַוועק צו אַ פּויער, ווו עס זענען געווען באַהאַלטן רבקה און שלאַמעק קורץ. רבקה האָט מיר צוגעזאָגט, אַז איך דאַרף זיך היטן פאַר דער אַ.ק. וועלכע וויל מיך כאַפּן און אומברענגען.

דעם 27־טן יולי 1944, זענען אַריין די רוסן, און מיר זענען באַפרייט געוואָרן.

אין יאָר 1946, האָב איך זיך געטראָפן מיט מיין ברודער וועלכער איז צוריקגעקומען פון רוסלאַנד. ליידער, איז ער, אין יאָר 1949, געשטאָרבן פון אַ האַרץ־אַטאַק.

אברהם גוטריימאַן / באָליוויע

אַ לעבן וואָס איז געהאָנגען אויף אַ האָר

מיר זענען געווען זעקס קינדער אין דער היים, און איך — דער יונגסטער צווישן זיי. מיין טאַטן האָב איך אין גאַנצן נישט געקענט. מ׳האָט מיר דערציילט אַז ער איז אומגעקומען אויף אַ טראַגישן אופן: ער האָט



אברהם גוטריימאַן און זיין פאַמיליע

געהאַט געקויפט אַ הויז, און אין אַ געוויסן פרימאָרגן, זיך געאיילט קיין גאַרוואָלין, צום נאָטאַר, כדי עס איבערצושרייבן אויף זיין נאָמען. אין קליינעם שטעטל פאַריסאָוו האָבן זיך גלייך אַלע דערוווסט וועגן דעם. אויפן וועג קיין גאַרוואָלין האָבן צוויי פאָליאַקן אים אָפּגעוואַרט, דערמאָרדעט און צוגענומען דאָס געלט.

מיין מוטער עליה־השלום, האָט שווער געאַרבעט כדי צו דערציען די קינדער, און ווען זיי זענען אונטערגעוואַקסן, און זי האָט שוין דערלעבט פון זיי נחת, איז אויסגעבראָכן דער אַכזריותדיקער קריג.

פאָליאַקן — פאַררעטערס

גלייך נאָך דעם ווי די דייטשן האָבן אָקופּירט פּוילן, אין יאָר 1939, האָט די פּוילישע באַפעלקערונג אַרויסגעשפּירט, אַז דער ייד איז הפקר און זי האָט דאָס גוט אויסגענוצט.

אין איינעם אַ טאָג, זענען צו מיין ברודער משה איטשע צוגעקומען צוויי יונגע פאָליאַקן און האָבן אים דערציילט, אַז אין וויכטער וואַלד — אַ דריי קילאָמעטער פון פאַריסאָוו — געפינען זיך דייטשן מיט אַן אויטאָ סיגאַרעטן, און זיי ווילן עס פאַרקויפן. מיין ברודער האָט מיר פאָרגעלייגט צו זיין אַ שותף צו דער קניה און מיטגיין מיט אים אין וואַלד.

אויפן וועג האָט איינער פון די צוויי פאָליאַקן אונדז געזאָגט, אַז אויב עס וועט „ווערן" פון עסק, פאַרלאַנגען זיי 10 זלאָטעס. מיר האָבן, פאַרשטייט זיך, צו דעם גלייך מסכים געווען. קומענדיק אַ ביסל נענטער צום וואַלד, האָבן מיר דערזען שטיין נאָך צוויי שקצים און, פון וויטנס האָבן מיר זיך אָריענטירט, אַז זיי האַלטן עפּעס אין די טאַשן. דאָס האָט ביי אונדז אַרויסגערופן אַ חשד, אַז זיי ווילן אונדז באַרויבן און ליקווידירן. צום גליק איז אָנגעקומען אַ באַקאַנטער קריסט. מיר זענען גלייך אַוועק מיט אים, און האָבן זיך אומגעקערט, מיט אַ צווייטן וועג, קיין פאַריסאָוו.

צו מאָרגנס, ווי נאָר כ'בין אַרויס אין גאַס, האָב איך געהערט, אַז צוויי יידן, די קצבים הענעך און דוד, זענען געוואָרן דערמאָרדעט. איך האָב גלייך פאַרשטאַנען, אַז זיי זענען די קרבנות פון דער פּוילישער באַנדיטן־באַנדע, און איך בין אַוועק מעלדן וועגן דעם דער פּוילישער פּאָליציי. ווען מען האָט מיך אַריינגערופן און געפרעגט, צי כ'וועל דערקענען די וועלכע זענען מיט אונדז געגאַנגען אין וואַלד, האָב איך גלייך אָנגעוויזן אויף זיי, און געפרעגט: „פאַרוואָס האָט איר דערמאָרדעט די צוויי יידן". זייער ענטפער איז געווען: „אַזוי האָבן מיר געוואָלט".

* * *

איין מאָל, איז מיין ברודער פנחס, געגאַנגען אין אַ דאָרף אַריין איינקויפן עפּעס פאַר דער פאַמיליע. אויפן וועג האָט אים געטראָפן אַ פּאָליאַק און פאַרלאַנגט פון אים געלט, אַנדערש וועט ער אים איבערגעבן די דייטשן. מיין ברודער האָט אים געגעבן געלט, און דער פּאָליאַק האָט אים אויסגעליווערט די דייטשן. זיי האָבן אים געבראַכט קיין גאַרוואָלין, אַרויסגעריסן ביי אים די גאָלדענע ציין פון מויל, און דערנאָך אים דערשאָסן.

נאָך דער מלחמה האָב איך געוואָלט ברענגען מיין ברודער צו קבר־ישראל, אָבער אין גרוב ווו ער איז געלעגן, זענען געווען אַזוי פיל קערפּערס, אַז איך האָב אים בשום אופן נישט דערקענט.

אין יידישן אַרעסט־הויז

מיין ברודער משה איטשע האָט זיך איין מאָל אַרויסגעלאָזט פון געטאָ מיט זיין עלטסטן זון, אויפקויפן אַ ביסל פּראָדוקטן. אויפן וועג האָבן זיי זיך אָנגעטראָפן אויף צוויי דייטשע מיליטער־לייט. דער ברודער מיטן זון האָבן אָנגעהויבן לויפן. די דייטשן האָבן זיי נאָכגעיאָגט און געכאַפּט דעם ברודערס זון. זיי האָבן אים איבערגעגעבן דער יידישער פּאָליציי וועלכע האָט גלייך געמאָלדן קיין גאַרוואָלין, אַז אין איר אַרעסט געפינט זיך אַ יידיש יינגל וועלכער איז געכאַפּט געוואָרן אויסערן געטאָ.

מיין ברודערס זון, האָט זיך געבעטן ביי דער יידישער פּאָליציי, זי זאָל אים אויסבייטן אויף אַ טויטן און אים באַפרייען, ווייל קיין טויטע האָט דאָך נישט געפעלט. די פּאָליציי האָט עס נישט געוואָלט טאָן. שפּעטער, ווען די ס.ס. לייט זענען געקומען אין יידישן אַרעסט און געפרעגט דעם יינגל ווו ער האָט זיך געפונען בעת מען האָט אים געכאַפּט, האָט ער געענטפערט: „אין געטאָ". זיי האָבן אַ געשריי געטאָן ער זאָל שנעלער אַנטלויפן, און ער האָט אַזוי געטאָן. אַזוי אַרום איז דאָס יינגל ניצול געוואָרן פון טויט.


כיזשין און קאַלושין

בעת דער אויסזידלונג פון די פאַריסאָווער יידן, איז מיין משפחה אַנטלאָפן קיין כיזשין, אין לאַגער אַריין. מיר זענען געשלאָפן אין פּאַלאַטקעס, געוואָרן פאַרלייזיקט און שמוציק.

אין איינער אַ נאַכט, האָבן די דייטשן אַרומגערינגלט דעם לאַגער, אויסגעשטעלט אַלעמען, און באַפוילן אָפּצוגעבן דאָס גאַנצע געלט, גאָלד און בריליאַנטן וואָס מען פאַרמאָגט. גלייך אויפן אָרט האָבן זיי דערשאָסן 87 יידן, צווישן זיי — מיין עלטסטן ברודער משה איטשע — אַ טאַטע פון פיר קינדער. מיין מאַמע חנה יהודית האָט אפילו נישט געקאָנט באַוויינען איר אומגליק, אַזוי אויסגעטרוקנט זענען שוין געווען אירע אויגן.

בעתן טרייבן אונדז קיין קאַלושין, האָבן די פוילישע פאָליציי־לייט אונדז עטלעכע מאָל אָפּגעשטעלט, און געפאָדערט פון אונדז געלט. אַזוי האָבן די פּאָליאַקן, די דייטשן און די אוקראַינער אונדז געפייניקט, געפּלאָגט און געגאָגט אונדזער בלוט.

אין לאַגער קאַלושין, איז מיין מוטער געווען מיט עלף אייניקלעך. ס׳איז געווען ווינטערצייט און עס זענען אָנגעקומען קאַלטע, פראָסטיקע טעג. איך בין געגאַנגען זוכן אַ ביסל האָלץ, און כ׳האָב געזען ווי יידן רייסן ברעטער פון אַ



וועלוול גוטריימאַנס קינדער (חנה יהודיתעס אייניקלעך)

הויז — אַ חורבה. מען האָט אַזוי לאַנג געריסן דאָס געהילץ פונעם הויז ביז ס׳איז איינגעפאַלן, און ס׳האָט צוגעדעקט הינטער זיך עטלעכע יידן.

אין טאָג ווען מען האָט ליקווידירט דעם לאַגער אין קאַלושין, און אונדז געפירט צו דער באַן סטאַציע מראָזי, זענען די פוילישע פייער־לעשערס אַרום־געגאַנגען און געזוכט, מיט זייערס אַ גרויסן לייטער, אין די קוימנס פון די הייזער, צי עס ליגן נישט דאָרט קיין יידן. צווישן די, דורך זיי געפונענע, איז געווען משה לעדערמאַן, גדליה׳ס זון. זיי האָבן אים שטאַרק געשלאָגן. דאָס בלוט האָט זיך געגאָסן פון אים, און ער האָט זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס.

ביי דער באַן־סטאַציע מראָזי, זענען געווען פאַלן וואָס מענטשן האָבן באַקומען הארץ־אַטאַקן און זענען אַוועקגעפאַלן אויף דער ערד. די דייטשן האָבן געמיינט, אַז די דאָזיקע יידן מאַכן אַן אָנשטעל, האָבן זיי מיט באַגנעטן זיי דורכגעשטאָכן.

איך שפּרינג פון צוג

אין איינעם פון די וואַגאָנען פונעם צוג וואָס האָט אונדז געפירט קיין טרעבלינקע, איז געווען אַ ייד שלום קאָטשיץ פון קאַלאָביעל. דער ייד האָט געהאַט מיט זיך אַ זעג און אַ מעסער. מען האָט אויסגעזעגט אַ לאָך אין וואַגאָן און מען איז געשפרונגען פון צוג. דאָס איז געשען נישט ווייט פון שעדלעץ.

אויך איך בין דאָרט אַראָפּגעשפּרונגען און כ׳האָב זיך צעקלאַפּט דעם קאָפּ. אונטן, אַרום די באַן־רעלסן, זענען געלעגן אַ סך פאַרווונדעטע אויף וועלכע מען האָט זיך נישט אומגעקוקט, ווייל ווער עס האָט נאָר געקאָנט, איז געלאָפן פון דעם אָרט ווי פון אַ גיהנום.

איך בין אָפּגעגאַנגען אַ שטיקל וועג, און צוגעקומען צום דאָרף טראַנזבאַר, אַ פיר קילאָמעטער פון פאַריסאָוו. צוויי שקצים האָבן מיך באַמערקט, און מיך געוואָלט נעמען מיט כוח צו די דייטשן. איך האָב זיך ביי זיי געבעטן זיי זאָלן מיך אָפּלאָזן, נאָר זיי האָבן זיך נישט געוואָלט צוהערן צו מיינע תחנונים. אַזוי ווי כ׳בין געווען אָנגעטאָן אין אַ גוטן גראַנאַטענעם מאַנטל, האָב איך זיי אים פאָרגעלייגט פאַרן פרייז מיך צו לאָזן פריי. אָבער זיי זענען אויף דעם נישט איינגעגאַנגען. זעענדיק אין וואָסער לאַגע איך בין, האָב איך שנעל אַראָפּגעצויגן פון זיך דעם מאַנטל, אָנגעהויבן דערלאַנגען קלעפּ אויף רעכטס און אויף לינקס, און כ׳בין אַנטלאָפן. זיי האָבן מיך נאָכגעיאָגט, און נישט געכאַפּט.

איך טרעף זיך מיט מיין ברודער

גייענדיק אַזוי פון דאָרף צו דאָרף, בין איך אָנגעקומען קיין סטאַדזעוו. איך האָב אָנגעקלאַפּט ביי עטלעכע באַקאַנטע, אָבער קיינער האָט מיר נישט געוואָלט עפענען די טיר. איך בין אַוועק קיין פשאָנקע און כ׳האָב אָנגעקלאַפּט אין שטוב פון אַ פוילישן פאַראָביק. עס האָט דעמאָלט געמוזט שוין זיין אַ זייגער צען ביי נאַכט. אויף דער פראַגע ווער איך בין, האָב איך געזאָגט מיין



יעקב גוטריימאַן און זיין פרוי

נאַמען. דער קריסט האָט נישט עפּנענדיק די טיר, מיר געזאָגט, אַז עס זענען פאַראַן דייטשן אין פשאַנקער הויף, און דעריבער איז גלייכער, אַז כ׳זאָל אַוועק. נישט קאָנענדיק מער גיין אויף די פיס, בין איך נישט אָפּגעטרעטן פון אים, ביז ער האָט מיר געעפנט די טיר, און מיך אַריינגעלאָזט. דער פויער האָט מיך געלאָזט איבערנעכטיקן ביי אים. איך האָב זיך צוגעלייגט שלאָפן, אָבער איך האָב אַ גאַנצע נאַכט געהאַלטן אין איין וויינען, און מקנא געווען די יעניקע פון מיין פאַמיליע וועלכע האָבן זיך שוין נישט געדאַרפט פייניקן...

אין אַ צען טעג אַרום האָב איך געטראָפן מיין ברודער יעקב. מיר זענען ביידע אַוועק צום פּאַראָביק אין פשאַנקע. זאָגנדיק אים, אַז מיר האָבן געלט, האָבן מיר אים געבעטן, אַז ער זאָל אונדז האַלטן ביי זיך. דער קריסט האָט מסכים געווען, אָבער זיין טעכטערל, אַ קינד פון עלף יאָר, האָט געוויינט און געטענהט, אַז זי וויל נישט, אַז דער טאַטע זאָל אונדז אַריינלאָזן ווייל דורך דעם שטעלן זיי איין זייער לעבן.

מיר האָבן זיך דערוווּסט אַז אין וואַלד לעבן ליקאָווצע זענען פאַראַן עטלעכע יידן. מיר זענען אַרויס זיי אויפזוכן, און האָבן זיי נישט געפונען. איך אַליין האָב זיך אומגעקערט צום פּאַראָביק, און מיין ברודער איז געבליבן אין וואַלד, גלייבנדיק, אַז ער וועט אויסגעפינען די יידן. ביי נאַכט איז דאָס וועלדל אַרומגערינגלט געוואָרן דורך דייטשן, און זיי האָבן אויסגעהרגעט זיבן, פון די אַכט, דאָרט אויסבאַהאַלטענע יידן.

מיין ברודער איז פאַרוווּנדעט

אַ גאַנצן טאָג בין איך געלעגן ביי דעם קריסט און כ׳האָב געוואַרט אויפן אָנקום פון דער נאַכט, כ׳זאָל קאָנען גיין אין וואַלד אַריין אויפזוכן מיין ברודער. ווען איך בין אַוועק אין וואַלד, האָט שטאַרק גערעגנט. איך האָב זיך דאָרט אַרומגעדרייט און קיינעם נישט געפונען. איך האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטיין און באַוויינט דעם ביטערן גורל פון ברודער שפּעטער בין איך צוריק אַוועק צום קריסט און ווי נאָר איך האָב איבערגעטרעטן די שוועל, האָט ער מיר געזאָגט, אַז מיין ברודער איז ביי אים געווען און איז אַוועק אין אַ באַשטימטער ריכטונג. איך האָב פאַרשטאַנען וווּהין ער איז געגאַנגען און כ׳האָב זיך אַוועקגעלאָזט אים אויפזוכן. פאַר טאָג האָב איך זיך געטראָפן מיט מיין ברודער. מיר זענען אַרויפגעפאַלן אויף זיך און געוויינט. מיין ברודער האָט מיר געזאָגט, אַז ער איז דורכגעשאָסן און ער גייט אָפּ אין בלוט. איך האָב זיך גלייך גענומען פאַרען אַרום דער וווּנד, זי אָפּגעוואַשן און אַרומגעבונדן. איך בין אַוועק אַ דריי קילאָמעטער צו אַ באַקאַנטן קריסט און אים שטאַרק געבעטן מיר צו ברענגען פון פאַריסאָוו אַ מעדיקאַמענט און באַנדאַזשן. דער קריסט איז געגאַנגען אין שטעטל אַריין און האָט מיר געבראַכט וואָס איך האָב

אים געבעטן. אַרום צוויי ביי נאַכט בין איך אַוועק צום ברודער. געגעבן אים דעם מעדיקאַמענט און געטוישט דעם באַנדאַזש. צו אונדזער גרויסער איבער־ראַשונג האָט די וווּנד זיך שנעל געהיילט. ליגנדיק אַזוי מיטן ברודער אויפן בוידעם, ביים באַקאַנטן קריסט, האָבן מיר פּלוצלינג דערהערט ריידן דייטש. מיר האָבן זיך שטאַרק דערשראָקן. מיר האָבן אויך געזען אַז אויך דער קריסט נעמט און שיקט אַוועק זיינע קינדער אין וואַלד. צום גליק האָבן די דייטשן אויסגעמיטן דאָס הויז. זיי זענען אַוועק אין וואַלד מאַכן אַן אַבלאַווע אויף יידן. נאָך דעם, האָט דער קריסט אונדז אַרויסגעיאָגט פון זיין שטוב, און מיר זענען אַוועק אין זעלבן וואַלד ווו דער ברודער איז פאַרווונדעט געוואָרן בעת די דייטשן האָבן דאָרט דערהרגעט די זיבן יידן.

אין וואַלד האָבן מיר געטראָפן דריי יידישע קינדער: צוויי ברידער: אברהם און לייזער, און זייערס אַ שוועסטער — אסתר. זיי זענען געווען זלאַטעס דריי קינדער פון ליקאָווצע (איין קילאָמעטער פון פאַריסאָוו). די קינדער זענען געווען פרומע, האָבן אַפילו אין וואַלד אָפּגעהיט שבת, צוגרייטנדיק פאַר זיך אין פרייטיק, עטלעכע טעפּ געקאָכטע קאַרטאָפל, כדי נישט צו דאַרפן מחלל־שבת זיין.

ווידער אין וואַנדער

לאַנג האָט מען זיך נישט געקאָנט האַלטן אויף איין אָרט. מיר האָבן זיך דערוווּסט, אַז ביים פּויער פּעלעק גראַגאַן, אין דאָרף אַבראַמב, האַלט זיך אויף די פרוי לאה גאָלדבערג. מיר זענען אַוועק אַהין, און זי שוין נישט געטראָפן. מיר האָבן זיך דאָרט דערוווּסט, אַז אַ קריסט האָט זי געמסרט, און די דייטשן האָבן זי דערשאָסן. מיר האָבן זיך געבעטן ביי דעם פּויער, ער זאָל אונדז אַריינלאָזן צו זיך, ווייל נאָך דעם ווי מען האָט די פרוי געשאָסן, וועט קיינעם נישט איינפאַלן, אַז ביי אים האַלטן זיך אויף יידן. דער קריסט האָט מסכים געווען, אָבער אַזוי ווי ער שטעלט זיך איין דאָס לעבן — האָט ער געזאָגט — וויל ער באַצאָלט. זיין פאַרלאַנג איז געווען מיר זאָלן גיין גנבענען פערד און אויך ברענגען אים 10 חזירים. נישט האָבנדיק קיין אַנדערן אויסוועג, האָב איך מסכים געווען צו גנבענען חזירים, אָבער נישט קיין פערד.

אין צווישן, זענען צוגעקומען נאָך דריי יידן, זענען מיר שוין געווען פינף יידישע נפשות. מיר אַלע האָבן געגנבעט חזירים און זיי געבראַכט צום פּויער. ווען ער האָט שוין געהאַט גענוג חזירים, האָט ער פאַרלאַנגט מיר זאָלן גנבענען קאַרטאָפל פון מאַנקס פעלדער. מיר האָבן אים פאָרגעלייגט געלט ער זאָל אַליין זיך קויפן קאַרטאָפל, אָבער ער האָט געוואָלט נאָר געגנבעטע קאַרטאָפל און נאָר פון מאַנקס פעלדער. רעכענענדיק זיך מיט אונדזער אויסטערלישן מצב, האָבן מיר ביי נאַכט אויסגעקאָפּעט אַ זאַק קאַרטאָפל פון מאַנקס פעלדער און

אים געבראַכט צום פויער. אין דער פרי איז ער אַריינגעקומען און האָט אונדז געמאָלדן אַז אַזוי ווי די שכנים האָבן אונדז באַמערקט גנבענען די קאַרטאָפל, מוזן מיר גלייך פאַרלאָזן דאָס דאָרף. מיר האָבן געוווסט, אַז דאָס איז נישט מער ווי אַן אויסרייד, נאָך דעם ווי ער האָט שוין געהאַט ביי אונדז צוגענומען אַ פאַרמעגן.

איך און מיין ברודער זענען אַוועק קיין פשאַנקע, און די דריי יידן — אין אַן אַנדער ריכטונג.

אַ לענגערע צייט האָב איך זיך אויפגעהאַלטן ביי דעם קריסט לוביאַן. אין איינעם אַ טאָג האָט מיר דער קריסט איבערגעגעבן, אַז ביי אים האַלטן זיך אויך אויף אהרן לאַנדאו און פישל גאָלדמאַן. איך האָב אים געבעטן מיך צונויפצופירן מיט זיי, און ער האָט עס געטאָן.

נאָך דעם האָבן מיר זיך אַרומגעדרייט אַ געוויסע צייט און נישט געהאַט ווו צו זיין. איך בין צוריקגעגאַנגען צו באַלעקן און אים געבעטן צו האַלטן מיין ברודער עטלעכע טעג, ביז איך וועל געפינען אַ פלאַץ פאַרביידע. איך האָב זיך אָפגערעדט מיטן ברודער, אַז ער זאָל ביינאַכט לאָזן אָפן די הינטערשטע טיר פון דער סטאָדאָלע כדי כ׳זאָל קאָנען אַריינקומען שלאָפן. מיין ברודער האָט טאַקע אַזוי געטאָן, און ווען דער קריסט פלעגט אַריינקומען אין דער פרי, און ברענגען אים עסן, פלעג איך ליגן צוגעדעקט מיט שטרוי ער זאָל מיך נישט באַמערקן. ווען ער איז אַרויס, האָבן מיר ביידע געשלונגען מיט אַפעטיט ד׳אָס געבראַכטע עסן. דער אַ מצב האָט אַזוי אָנגעהאַלטן דריי וואָכן. אין אַ געוויסן פרימאָרגן, ווען דער קריסט איז אַריינגעקומען מיטן עסן פאַרן ברודער האָב איך אים באַגריסט. אויף זיין פראַגע ווי לאַנג איך געפין זיך שוין ביי אים, האָב איך געענטפערט, אַז איך בין געקומען ערשט אין מיטן דער נאַכט.

איין מאָל, איז צו אונדז אַריינגעקומען דעם פויערס זון, און האָט אונדז געוויזן אַ סך געלט. איך האָב אים געפרעגט פון וואַנען ער האָט דאָס געלט, האָט ער מיר געזאָגט, אַז ער גנבעט שעפסן און פאַרקויפט זיי. איך האָב אים געוואָרנט, אַז די דייטשן קענען ווען עס איז, דערגיין — לויט סימנים — ווער עס גנבעט די שעפסן, דעמאָלט וועלן מיר אַלע זיין פאַרלוירן. זאָגנדיק דאָס, האָב איך באַמערקט ווי צוויי דייטשן קומען אָן. מיר האָבן זיך איינגעגראָבן אינעם שטרוי, אויפן דאַך פונעם שטאַל. די דייטשן האָבן געמאַכט אַ רעוויזיע אין הויז און אין דער גאַנצער ווירטשאַפט, און האָבן אונדז נישט באַמערקט.

דאָס לעבן אונדזערס האָט אַזוי כסדר געהאַנגען אויף אַ האָר ביז דער באַפרייונג. מיר האָבן געהאַט דאָס געפיל, אַז מיט אונדז געשעען באַשיימפערלעך נסים מן השמים.

דבורה לוקס—גוטריימאַן

ווי צווישן הימל און ערד

אונדזער פאַמיליע אין באַשטאַנען פון צוועלף נפשות. דער טאַטע האָט שווער געאַרבעט אַרויסצובאַקומען פּרנסה. נישט געקוקט דערויף איז ער קיין מאָל נישט אַרומגעגאַנגען פאַרזאָרגט, נאָר פאַרקערט — געווען שטענדיק פריילעך און האָט ליב געהאַט אַ גלייכווערטל.

אָבער, ווי נאָר די דייטשן זענען אַריין אין שטעטל, אין יאָר 1939, האָט ער זיך אין גאַנצן געענדערט, איז אַרומגעגאַנגען באַזאָרגט און זיין פּנים האָט אַרויסגעצויגן אויף זיך צער און טרויער. ער האָט מורא געהאַט פאַר דעם וואָס קאָן געשען.

איך בין דעמאָלט אַלט געווען, בסך הכל, צען יאָר. דער ערשטער קלאַפּ פאַר מיר איז געווען די פאַראָרדענונג לויט וועלכער עס איז פאַרבאָטן געוואָרן פאַר יידישע קינדער צו גיין אין דער פאָלקס־שול.

דערנאָך האָבן נאָך גזירות זיך אָנגעהויבן שיטן אויף אונדזערע קעפּ. ביי מיר אין זכרון זענען געבליבן איינגעקריצט די האַרץ־רייסנדיקע געוויינען וועלכע איך האָב בייגעוווינט בעת דער שאַפונג פון געטאָ, ווען מענטשן האָבן געדאַרפט פאַרלאָזן איינגעוואָרצלטע היימען, און אַריבערקלייבן זיך אין דער ענגשאַפט אין וועלכער די דייטשן האָבן זיי אַריינגעשליידערט.

דאָס אַרויסגיין פון געטאָ איז געווען פאַרבונדן מיט סכנת־נפשות. דאָך פלעג איך זיך אַרויסגנבענען, גיין איבער דערפער, און אויפקויפן שפייז פאַר דער פאַמיליע.

דער פּחד פאַר די דייטשן

איין מאָל בין איך, מיט מיינע אַן עלטערע שוועסטער, געגאַנגען צוריק פון דאָרף. פּלוצלינג, האָבן מיר זיך אָנגעטראָפן אויף צוויי דייטשן. מיר זענען שנעל אַוועק צום בית־הקברות לעבן וועלכן מיר זענען געגאַנגען און האָבן זיך דאָרט אויסבאַהאַלטן צווישן די קברים. אַזוי אַרום זענען מיר ניצול געוואָרן פון אַ זיכערן טויט.

כדי צו האָבן צו עסן, האָבן מיר אַלץ אויספאַרקויפט פון שטוב. חוץ דעם האָט אויך דער טאַטע פאַרזאָכטן שוכוואַרג פון פּויערים אין די דערפער און דערפאַר באַקומען באַצאָלט אין פּראָדוקטן.

איין מאָל. אין אַ מאַרק־טאָג, איז די מאַמע אַרויסגעגאַנגען פאַרקויפן אַ

ביסל שיך. די דייטשן האָבן זי געכאַפּט, צוגענומען ביי איר אַלץ וואָס זי האָט געהאַט, און דערצו נאָך זי מערדערלעך צעשלאָגן.

אין איינער אַ ווינטער־נאַכט, האָבן די דייטשן אַרויסגעפירט פון שטוב דעם קצב שבתאי גוטנאַכט, אַריינגעטריבן אים אין טייכל און געהייסן אים לויפן במשך אַ פּאָר שעה, אַהין און צוריק, אין וואַסער. דער ייד האָט דערנאָך געקרענקט חדשים־לאַנג.

קראַנקהייטן אין געטאָ

אין געטאָ איז אויסגעבראָכן אַ טיפוס־עפּידעמיע. דער הונגער, די נויט, און דאָס שמוץ, האָבן נאָך מער פאַרשפּרייט די קראַנקהייטן. מיינס אַן עלטערע שוועסטער און אַ קינד זענען געשטאָרבן פון הונגער. אין דער זעלבער צייט זענען מיינע צוויי פעטערס געקומען פון וואַרשע קיין פּאָריסאָוו, רעכענענדיק, אַז אין קליינעם שטעטל וועט זיי זיין גרינגער. זיי האָבן געטיילט דעם ביטערן גורל פון אַלע פּאָריסאָווער יידן.

די אויסזידלונג

ערב דער אויסזידלונג, האָבן מענטשן אָנגעהויבן לויפן פון שטעטל, נישט וויסנדיק וווהין די פיס דאַרפן טראָגן. איך בין אויך געווען צווישן די אַנטלויפנדיקע. אַרומשלעפּנדיק זיך אַ גאַנצן טאָג איבער די פעלדער, בין איך, אַ הונגעריקע, צוריק געקומען ביי נאַכט אַהיים. אין שטוב איז געווען די מאַמע מיט די יינגסטע צוויי קינדער. אין מיטן דער נאַכט איז אַריינגעקומען דער טאַטע. דערזעענדיק מיך, האָט ער מיך געפרעגט: „וואָס טוסטו דאָ, מיין קינד? איך האָב געמיינט, אַז ביסט אַנטלאָפן. טו עס אַצינד, לויף ווו די אויגן טראָגן דיך, ביסט נאָך יונג און קאָנסט זיך ראַטעווען".

זייענדיק מיד, אויסגעפרוירן פון קעלט, און הונגעריק, האָב איך געזאָגט דעם טאַטן, אַז איך האָב מורא, און איך וועל אַליין נישט גיין אין ערגעץ. דער טאַטע האָט מיך אָנגענומען פאַר דער האַנט, און געזאָגט צו מיר: „קום, מיין קינד, איך גיי מיט דיר". מיר זענען אַוועק אין גאַרוואָלינער געגנט. איך בין, ווייזט אויס, זייער שנעל געלאָפן, וואָרעם, ווען איך האָב זיך אָפּגעשטעלט און געזוכט דעם טאַטן, האָב איך אים נישט געזען. ערשט שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז די דייטשן האָבן אים געכאַפּט און דערשאָסן.

איינע אַליין

איך האָב פּלוצלינג דערפילט, אַז איך בין עלנט און אַליין. איך בין אַריין אין אַ וואַלד און כ'האָב דאָרט איבערגענעכטיקט. איך האָב געהאַט דעם איינדרוק ווי כ'וואָלט זיך געפונען צווישן הימל און ערד, אָפּגעריסן פון אַלץ און אַלעם.

שפּעטער האָב איך געהערט ווי מען טרייבט יידן, און איך האָב זיך אָריענטירט, אַז דאָס פּירט מען די אַרויסגעטריבענע פּאַריסאָווער ייִדן אין דער ריכטונג פון פילאַווע. איך האָב געהערט ווי די דייטשן געוואַלדעווען, שרייען ווי ווילדע חיות, און אויך — אומאויפהערלעכע געוויינען פון דער געטריבענער עדה־יידן. איך בין געזעסן אין וואַלד אַ פאַרשטיינערטע, נישט געוווּסט וואָס עס קומט מיט מיר פאַר און וואָס איך דאַרף טאָן.

צו מאָרגנס בין איך אַריין קיין פאַריסאָוו. אַ קריסטין וואָס האָט מיך דערזען האָט אַ געשריי געטאָן: אַנטלויף, די דייטשן וועלן דיך כאַפּן און דער־שיסן. איך האָב זיך אומגעקערט און כ'בין געלאָפן אין כיזשינער לאַגער אַריין. דאָרט האָב איך געטראָפן מיינע צוויי שוועסטער און אַ סך פאַריסאָווער יידן.

איך האָב געפלעגט אַרויסגיין פון לאַגער, וואַנדערן איבער דערפער און בעטלען ברויט ביי פויערים. ווי אַ קינד, האָב איך גיכער מצליח געווען, כאָטש דאָס עצם אַרויסגיין פון לאַגער איז געווען אַ גרויס איינשטעלעניש.

פון כיזשין האָט מען איבערגעפירט די יידן קיין קאַלושין. איך און מיינע שוועסטער זענען אַנטלאָפן. מיר זענען אַריין אין אַ סטאָדאָלע, זיך באַהאַלטן אין שטרוי, און האָבן דאָרט איבערגענעכטיקט. צו מאָרגנס, האָט דער פויער אונדז באַמערקט און געזאָגט, אַז דער קאַלושינער לאַגער געפינט זיך נישט ווייט פון אים. נישט האָבנדיק קיין עצה, זענען מיר אַוועק אַהין.

מיר האָבן נישט לאַנג זיך אויפגעהאַלטן אין קאַלושינער לאַגער. ווען מען האָט אים ליקווידירט און געטריבן די יידן קיין מראָזי, זענען מיר ווידער אַנטלאָפן און אָנגעקומען אין גאָשטשעוויצער וואַלד. מיר האָבן דאָרט אָנגעטראָפן אויך צוויי יונגע יידן פון דאָרף פיליפּוווקע און מיר האָבן צוזאַמען זיך אויפגע־האַלטן ביז 1943.

אין גאָשטשעוויצער וואַלד

אין וואַלד, זענען מיר אַרומגעגאַנגען כמעט נאַקעט און באָרוועס, און מיר האָבן געליטן פון הונגער. מיר זענען געווען אין כסדרדיקן פחד פאַר די דייטשן און פאַר דער אָרטיקער קריסטלעכער באַפעלקערונג. מורא האָבנדיק זיך אַרויסצורירן, האָבן מיר געלעבט ווי חיות. אונדזערע קערפּערס זענען געווען באַדעקט מיט ווונדן, און מיר האָבן אַליין געבעטן, אַז אונדזער סוף זאָל קומען וואָס שנעלער.

דערווייל זענען צו אונדז צוגעקומען נאָך יידן פון פאַריסאָוו. צווישן זיי — יאַנטשע גוטנאַכט, דער קצב, און זיין זון ירמיהו; זייער קוזין חיים יצחק; צוויי ברידער פון שמערל קאַלביעלסק (היינט אין ישראל); לייבל און משה קנורעק; מיין מאַמעס ברודער חיים יצחק און זיין גאַנצע משפחה, און מיין מאַמעס שוועסטער מיט איר גאַנצער משפּחה (די מומע איז דערשאָסן געוואָרן, דורך אַ פוילישן פּאַליציאַנט, גייענדיק אין אַ דאָרף).

די פאַליאַקן פון דער געגנט האָבן איבערגעגעבן די דייטשן, אַז אין וואַלד האַלטן זיך אויף יידן. זיי זענען אַראָפּגעקומען, האָבן געמאַכט אַן אַבלאַווע, און אַ העלפט פון אונדז איז אומגעקומען. די לעבנגעבליבענע, זענען אַריבער אין מיאַסקאָווער וואַלד. דאָרט האָט מען זיך אויפגעהאַלטן עטלעכע טעג. די פאַליאַקן האָבן אונדז אויך דאָ געמסרט און מיר זענען צוריקגעלאָפן אין גאַשטשעוויצער וואַלד.

אין אַ געוויסן טאָג, זענען די דייטשן ווידער באַפאַלן דעם וואַלד, האָבן אונדז באַשאָסן, און מיר זענען זיך צעלאָפן. איך בין געבליבן ליגן אויף דער ערד, און זיך איבערגעדעקט מיט שמאַטעס, כדי נישט צו זען ווי מען דערשיסט מיך. אין אַ געוויסער מינוט האָב איך אויפגעהויבן דעם קאָפּ, און דערזען, אַז נישט ווייט פון מיר, רייט אַ דייטש אויף אַ פערד, האַלטנדיק אַנגעשטעלט דעם רעוואָלווער אין האַנט. איך האָב אָנגעהויבן צו לויפן זיגזאַגיש און אויס־געמיטן אַ זיכערן טויט. מיין קוזינקע, וואָס איז געווען לעבן מיר, איז געפאַלן פון ד'עם דייטשן מערדערס אַ קויל.

אין כסדרדיקן וואַנדער

נאָך דעם דייטשן איבערפאַל, זענען מיר געלאָפן פון איין וואַלד אין אַנדערן. פון דערשעפונג, בין איך אויף איין אָרט אַוועקגעפאַלן און געבליבן זיצן אין גאַנצן מאַכטלאָז. איך האָב געוואָלט רופן עמעצן פון די, מיט וועלכע איך בין צוזאַמען געלאָפן, אָבער דאָס לשון איז געווען ביי מיר אָפּגענומען. די מענטשן האָבן אין אַנהייב נישט באַמערקט, אַז איך בין נישטאָ. ערשט שפּעטער, האָבן זיי זיך אומגעקערט און מיך געפונען אַ זיצנדיקע מיט אָפענע אויגן און אָן לשון. זיי האָבן מיך אויפגעהויבן און מיטגענומען מיט זיך אין וואַלד אַריין. אויפן פּלאַץ וווהין מיר זענען אָנגעקומען, האָבן מיר זיך נישט אויפגע־האַלטן. אַזוי ווי ס'איז שוין געווען זומער, האָבן מיר זיך, מערסטנס אויסבאַהאַלטן אין קאָרן.

איך בין געווען אַ ריזיקאַנטקע, און געגאַנגען אין די דערפער שאַפן שפּייז.

אין אַנבליק פון טויט

אין אַ געוויסן טאָג האָט מיך געטראָפן אַ פוילישע פרוי, און זי האָט מיר געזאָגט כ'זאָל קומען צו איר, וועט זי מיר געבן ברויט. ביי נאַכט, ווען איך בין אַריין צו איר אין שטוב, האָט זי מיר געזאָגט, אַז זי האָט נישט מיר וואָס צו געבן. אין דעם מאָמענט, האָב איך באַמערקט, אַז איר זון גייט אַרויס פון שטוב. איך בין גלייך אַרויס נאָך אים, און כ'האָב באַמערקט ווי ער האַלט אַ ביקס אין האַנט. ער האָט מיך געפרעגט וווהין איך גיי. איך האָב אים געזאָגט, אַז איך קער זיך אום צו מיין חברה און בכוונה אָנגעגעבן אַ פּלאַץ ווו מיר

זענען פּאַקטיש נישט געווען. ווען איך בין, סוף־כל־סוף, צוגעקומען נענטער צום אָרט ווי אונדזער חברה האָט זיך אויפגעהאַלטן, איז דער שייגעץ פּלוצלינג אויסגעוואַקסן פאַר מיינע אויגן מיט דער ביקס אין האַנט. ער האָט מיר באַפוילן צו בלייבן שטיין, אַנדערש וועט ער מיך שיסן אויפן אָרט. איך האָב זיך געבעטן ביי אים, געזעגנט זיך צו זיין געוויסן, און אין דער רגע ווען ער האָט אָנגעהויבן מאַניפּולירן מיט דער ביקס, בין איך שנעל אַריינגעלאָפן אין קאָרן און נעלם געוואָרן.

דער שייגעץ האָט נאָך אין דער זעלבער נאַכט אָרגאַניזירט אַ גאַנצע באַנדע, אויסגעזוכט אונדזער חברה און זי באַשאָסן. איך בין געלעגן אין קאָרן, נישט ווייט פון מיין גרופּע. איך האָב געציטערט און געוויינט איבערן גורל פון מיינע נאָענטע מיט וועלכע איך בין געווען אַזוי לאַנג צוזאַמען.

פאַר טאָג בין איך אַרויס זוכן עמעצן פון אונדזער גרופּע, און קיינעם נישט געטראָפן. קיינער פון זיי האָט מער נישט געלעבט.

בלייבנדיק איינע אַליין, האָב איך אָנגעהויבן וואַנדערן, ביז איך בין אָנגעקומען אין זעלבן דאָרף פון דער אָרגאַניזירטער פּוילישער באַנדיטן־באַנדע. איך בין אַריין צו אַ קריסטין, און זיך געפרעגט ביי איר אויף מיין שוועסטער. זי האָט מיך געהייסן וואַרטן, ווייל אין דרויסן דרייען זיך אַרום מענטשן פון דער באַנדע וואָס האָבן אומגעבראַכט די יידן וועלכע זענען געווען אויסבאַהאַלטן אין קאָרן. הערנדיק דאָס בין איך צוריקגעלאָפן אין תבואה־פעלד.

איך בין דאָרט אָפּגעלעגן אַ וואָך צייט, און דערנאָך, האָב איך זיך אַוועקגעלאָזט וווהין די אויגן האָבן מיך נאָר געטראָגן. אַזוי וואַנדערנדיק, בין איך אָנגעקומען אין אַ דאָרף לעבן לאַטאָוויץ. איך בין אַריין צו אַ קריסטין, און זי געבעטן מיר צוגעבן וואַסער עס איז אַרבעט. זי האָט מיך צוגענומען צו פּאַשען בהמות. אַ חודש צייט האָב איך געאַרבעט ביי איר, און זי האָט מיך גוט באַהאַנדלט.

אין אַ געוויסן טאָג, ווען איך בין אַרויס מיט די בהמות אויף פּאַשע, האָב איך, פון דערווייטנס, דערזען רוסיש מיליטער. ווען איך בין אַהיימגעקומען צו דער קריסטין, האָב איך שוין ביי איר געטראָפן רוסישע זעלנער. איך האָב זיי דערציילט, אַז איך בין אַ יידישע און זיי געזאָגט, אַז איך האָב מורא דאָ צו בלייבן. איך האָב זיי אויך דערציילט, אַז איך האָב אַ שוועסטער אין רוסלאַנד. זיי האָבן מיר פאָרגעלייגט גלייך צו פאָרן אַהין. איך האָב זיי אָבער געבעטן מיך צו פירן קיין פּאַריסאָוו, טראַכטנדיק, אַז אפשר וועל איך געפונען עמעצן פון מיין משפחה. זיי האָבן מיך גענומען קיין פּאַריסאָוו און איך האָב געזען פאַר זיך אַ פאַרברענט שטעטל.

נישט טרעפנדיק קיינעם האָב איך מסכים געווען צו פאָרן קיין רוסלאַנד (די קריסטין ביי וועלכער איך האָב געאַרבעט, האָט מיך צוגערעדט צו בלייבן

ביי איר און זי וועט מיך אָפּשמדן, אָבער איך האָב עס קאַטעגאָריש אָפּגעוואָרפן).

איך בין אַוועק קיין רוסלאַנד און דאָרט, אין דער שטאָט קיעוו, האָט מען מיך אַריינגעגעבן אין אַ קינדערהיים.

אין יאָר 1959, בין איך אַרויסגעפאָרן צוריק קיין פוילן ווו איך האָב זיך אויפגעהאַלטן צוויי יאָר.

אין יאָר 1961, בין איך אָנגעקומען קיין ישראל, וווהין איך האָב, במשך דער גאַנצער צייט נאָך דעם קריג, געשטרעבט אויפצוגיין.

מיין לעבן איז איין באַנד פון שרעקלעכע זכרונות. אַלץ וואָס איך האָב מיטגעמאַכט, שטייט מיר שטענדיק פאַר די אויגן. איך זע דאָס אויף דער וואָר און אין חלומות. איך וואָלט נאָך געוואָלט דערלעבן נקמה אין די, וואָס האָבן אומגעבראַכט אונדזערע טייערסטע ווי אויך אין די, וואָס האָבן מיטגעהאָלפן זיי אויסראָטן.

גליקע באָרנשטיין—ציטאָ

מיין דעוויז איז געווען: נישט אונטערגעבן זיך
(מלחמה־איבערלעבענישן)

איך בין געבוירן געוואָרן אין פאָריסאָוו, אין יאָר 1918. מיין פאָטער, משה — אַן אָטוואָצקער חסיד — איז געווען מלמד אין שטעטל, און די מאַמע, וועלנדיק צוהעלפן אין דער פרנסה, האָט צוגעהאַנדלט מיט מילך. מיר זענען געווען זעקס קינדער אין שטוב. דער טאַטע איז געשטאָרבן אין יאָר 1932, און די מאַמע איז אומגעקומען אין יאָר 1942. אַלע קינדער האָבן חתונה געהאַט פאַר דער מלחמה און האָבן שוין געהאַט אייגענע קינדער.

ווען איך בין אַלט געוואָרן 14 יאָר האָב איך פאַרלאָזט פאָריסאָוו און זיך אַריבערגעקליבן קיין וואַרשע. פאַרן אַוועקפאָרן בין איך געגאַנגען אין אַ בית־יעקב שולע אין פאָריסאָוו. מיין ברודער האָט פריער אָנגעהערט צום „בונד", שפּעטער איז ער צוריק געוואָרן רעליגיעז, אפילו — אַ חסיד.

אין וואַרשע, בין איך געווען באַשעפטיקט אין דער הענטשקע־בראַנזשע, געאַרבעט אין די פירמעס: בערלינער, לעוונטאַל, און אַנדערע. איך פלעג אָפט קומען קיין פאָריסאָוו, ווו איך האָב געהאַט מיינע חברטאָרינס. מיר פלעגן

קומען אין ביבליאָטעקן, אָרגאַניזאַציעס, הערן פאַרלעזונגען פון רעפערענטן וואָס פלעגן אַראָפּקומען אויף באַזוך, און בכלל — זיך אויסגעלעבט גאַנץ קולטורעל.

אין וואַרשע בין איך געווען אַ מיטגליד אין טעקסטיל־פאַראיין. איך האָב אויך אָנגעהערט צו דער גרויסער ביבליאָטעק „זשיטשיע".



גליקע ציטאָ

פון וואַרשע קיין וואָלקאָוויסק

אין סעפּטעמבער 1939, ווען עס איז אויסגעבראָכן דער פּויליש־דייטשער קריג, בין איך געווען אין וואַרשע, און כ'האָב מיטגעמאַכט די שווערע באָמבאַר־דירונגען. איך בין אַריבער אויף אַ פּאָר טעג קיין פּאַריסאָוו, זיך אומגעקערט קיין וואַרשע, און פון דאָרט, האָב איך זיך אַוועקגעלאָזט אויף מזרח. אריבער־גייענדיק די רוסישע גרענעץ, בין איך אָנגעקומען קיין וואָלקאָוויסק. פון דאָרט בין איך אַוועק קיין סלאָנים ווו איך האָב אָנגעהויבן אַרבעטן אין אַ שפּיטאָל ווי אַ קראַנקן־שוועסטער.

ווען ס'איז אויסגעבראָכן די רוסיש־דייטשע מלחמה, אין יוני 1941, בין איך צוריק אַוועק קיין וואָלקאָוויסק. ס'איז געוואָרן אַ גרויסע בהלה, נישט בלויז ביי דער ציווילער באַפעלקערונג, נאָר אויך ביי די רוסישע זעלנער גופא. די דייטשן האָבן שווער באָמבאַרדירט די שטאָט, און מענטשן זענען געלאָפן, נישט ווויסנדיק ווו זיך אָפּצושטעלן. מיר זענען אַריין אין די וועלדער, און דאָרט, האָבן מיר אָנגעטראָפן אויף דעסאַנטן וואָס האָבן גערעדט פּויליש און דייטש.

מיר זענען געלאָפן פון אָרט צו אָרט. אָנקומענדיק אין אַ געוויס שטעטל (דעם נאָמען קען איך זיך נישט דערמאָנען), האָבן מיר אָנגעטראָפן אויף אַ

שלאַכט וואָס האָט זיך געפירט פון דריי זייטן. אין איין עק זענען געווען די דייטשן, און אין צוויי באַזונדערע פּאָזיציעס זענען געלעגן די רוסן. די קוילן זענען געפלויגן איבער אונדזערע קעפּ. אין מאָמענט ווען מיר האָבן געזוכט ווו זיך אַהינצוטאָן, איז אָנגעקומען אַ דייטשער דעסאַנט אויף מאָטאָציקלען און די שיסערייַ איז נאָך מער פאַרשטאַרקט געוואָרן. כ׳בין אַריין אין אַ שייער פול מיט שטרוי, און איך האָב געוואָלט דאָרט זיך אויסבאַהאַלטן. דאָס שטרוי האָט זיך גלייך אָנגעצונדן, און ווען איך בין אַרויסגעלאָפן, האָבן די האָר אויפן קאָפּ ביי מיר גענומען ברענען.

די דייטשן פאַרנעמען רוסישע געביטן

פויזענדיק אויפן בויך, דער קאָפּ איינגעגראָבן אין דער ערד, בין איך אַריבער אַ שאָסיי, אַריינגעקראָכן אין אַ גריבל און כ׳האָב אָפּגעוואַרט ביז די שיסערייַ האָט אויפגעהערט. מיט מיר זענען דאָן געווען נאָך יידן. ביי נאַכט האָט יעדער איינער פון אונדז זיך אַריינגעכאַפּט אין אַ כאַטע, כדי דאָרט איבער־צונעכטיקן. אומעטום, האָבן מיר אָנגעטראָפן אויף אַ סך רוסישע דעזערטירן. מיר האָבן אויך געזען גויים וואָס זענען געלעגן אין די גערטנער און האָבן געגעבן צייכנס די דייטשע עראָפּלאַנען ווו צו שיסן. גלייך נאָך דעם, האָבן זיך דאָרט אַראָפּגעלאָזט דייטשע דעסאַנטן.

צו מאָרגנס, האָבן דייטשע זעלנער צונויפגענומען אַלע יידן, און זיי געהאַלטן אין אַ גרויסער סטאַדאָלע. צווישן די יידן זענען געווען אַ סך פאַרוואונדעטע.

אין וואָלקאָווישקער געטאָ

במשך דעם גאַנצן יאָר 1941, איז אין וואָלקאָווישק — דער גרעסטער טייל פון דער שטאָט איז געווען פאַרברענט — נישט געווען קיין געטאָ. דער־נאָך האָט מען פאַרשפּאַרט די יידן אין די קאָשאַרן, און דאָרט האָבן זיי אַזוי געלעבט אין אַ נישט פאַרצוימטן געטאָ. דער הונגער איז געווען זייער גרויס. דער יודנראַט וואָס האָט זיך געשאַפן, האָט יעדן איינעם געשיקט אויף אַרבעט. צו ערשט האָב איך געאַרבעט ביי פּאָלירן דאָס מעבל פון די דייטשן. שפּעטער, האָט מען מיך אַריינגענומען אין אַן אַמבולאַטאָריום, ווו איך האָב געהאָלפן צוזאַמענשטעלן רעצעפּטן, און זיך פאַרנומען מיט קראַנקע. איך האָב זיך צו־געהערט צו שמועסן פון דאָקטוירים און קראַנקן־שוועסטער, און זיך דערוווּסט פון זיי וואָס עס טוט זיך אין יודנראַט, און וואָס עס דערוואַרט אונדז.

איין מאָל, האָב איך געהערט ווי דער דאָקטאָר ווייַנבערג, דער פּרעזעס פון יודנראַט, האָט געזאָגט אין אַמבולאַטאָריום: „קינדער, טראַגט זיך אָפּ, מאַכט „פּליטה״, ווייל מיר אַלע זענען אין געפאַר״.

איך פלעג, נאָך פריער, קומען אין וואַלד אַריין, אָבער די לאַגע איז דאָרט געווען אַ שווערע: די מענטשן האָבן נישט געהאַט קיין געווער, נישט קיין עסן, און אויך נישט — וואָס אָנצוטאָן. אין צווישן האָט נאָך אָנגערוקט דער ווינטער פון יאָר 1942. אַ שווער־פּראָסטיקער ווינטער. אָן אָרגאַניזירטע פּאַרטיזאַנישע באַוועגונג איז אין דער געגנט נאָך נישט געווען. נישט איין מאָל פלעגט אויך פּאַסירן, אַז יידן, אַנטלאָפענע פון געטאָ, זענען, אָנקומענדיק אין וואַלד, באַרויבט געוואָרן דורך נישט־יידישע פּאַרטיזאַנער.

אַ שטיקל צייט האָב איך געאַרבעט אויפן שאָסיי מיט וואַגאָנעטקעס. ס׳איז געווען פאַר מיר אַ שווערע אַרבעט, אָבער אין יענע טעג, זענען די קאַשאַרן שוין געווען גוט פאַרצוימט, און אַרבעטנדיק אויסערן געטאָ, האָב איך געהאַט אַ מעגלעכקייט אַריינצוגיין צו אַ קריסט, קויפן עפּעס פאַר זיך און אַריינברענגען וואָס עס איז אין געטאָ.

אַ קאַמף פאַרן לעבן

אין איינער אַ ווינטערנאַכט, אין נאָוועמבער, צי דעצעמבער, 1942, האָט מען אויסגעקליבן 1500 מענטשן כדי זיי אַוועקצושיקן אין אַן אַנדערן לאַגער צו נוציקער אַרבעט. די רעשט, האָט געדאַרפט אָפּגעשיקט ווערן קיין טרעבלינקע. מענטשן האָבן געצאָלט מיט גאָלד, כדי צו זיין אין דער רשימה פון די 1500. יידישע פּאָליציאַנטן און ס.ס.לייט האָבן אַכטונג געטאָן, אַז די וואָס געהערן נישט צו דער רשימה, זאָלן זיך נישט מיטכאַפּן מיט די 1500. איך האָב זיך פון דעסטוועגן אַריינגעגנבעט צווישן די „אויסדערוויילטע״, אָבער, די יידישע פּאָליציי האָט מיך אַרויסגעשלעפּט, און צוריק אַריינגעוואָרפן אין די קאַשאַרן. דריי מאָל האָב איך די נאַכט פּראָבירט מיין מזל. צום סוף, האָב איך אַרויפגעצויגן אויף זיך אַ פּאָר הויזן, אַ מענעריש פּעלצל, אָנגעטאָן אַ היטל, און מיט אַ רוקזאַק אין האַנט, האָב איך זיך דורכגעריסן. אַ יידישער פּאָליציאַנט האָט מיך נאָכגעיאָגט. ער איז, לויפנדיק נאָך מיר, אַריינגעפאַלן אין אַ ראָוו. איך האָב זיך אַריינבאַקומען אינעם לאַגער פון די 1500, און דאָרט געהערט צו די „איבעריקע״. איך האָב ביי זיך אין האַרצן געטראַכט: „עס איז נישט קיין קונץ צו שטאַרבן. דאָס קען זייער לייכט אָנקומען, אָבער איך בין נאָך צו יונג און כ׳פאַרמאָג גענוג ענערגיע און מוט, כדי נישט צו וועלן זיך אונטערגעבן״.

מען פאַרגאַזט יידן אין וואָלקאָוויסק

אין דער זעלבער נאַכט ווען איך האָב זיך אַריינבאַקומען אין לאַגער פון די 1500, האָט מען אַרויסגעפירט אַלע יידן פון די קאַשאַרן קיין טרעבלינקע. די וועלכע האָבן נישט געקאָנט גיין, האָט מען אַריינגעשליידערט אין באַראַקן, זיי הערמעטיש אָפּגעשלאָסן, און דאָרט פאַרגאַזט.

צו מאָרגנס, האָט מען אונדז גענומען אויפצורוימען דעם לאַגער פון וואַגען מ׳האָט אַוועקגעפירט די מענטשן. מען האָט אויפגעעפנט די באַראַקן פון די פאַרגאַזטע, און מיר האָבן געזען פאַר זיך אַ שוידערלעך בילד: מענטשן זענען נאָך געווען האַלב־טויט. אויף אַ לאַנגן טיש איז געלעגן, ווייזט אויס, אַ מוטער, און לעבן איר — אַ טויט קינד. לעבן דער זעלבער פרוי איז געזעסן נאָך אַ קינד און האָט זיך געשאָקלט. דאָס דאָזיקע בילד האָט אונדז ווי צוגעגליווערט צו דער ערד. ביז היינט טוט דאָס בילד זיך נישט אָפּ פון מיינע אויגן, און מאַטערט און פייניקט.

אין אוישוויץ

אין יאַנואַר 1943, אין אַ פראָסטיקן טאָג, האָט מען אונדז פאַרלאָדנט אין וואַגאָנען פאַר בהמות און אַוועקגעפירט. מיר האָבן נישט געוווסט וווהין מען פירט אונדז. מיר זענען דורכגעפאָרן ביאַליסטאָק און אָנגעקומען קיין מאַלקין. מענטשן האָבן אָנגעהויבן זאָגן ווידוי. ווען דער צוג האָט אָנגעהויבן רירן, האָבן מענטשן געוואָלט בענטשן „גומל״. נאָך אַנשטאָט קיין טרעבלינקע, זענען מיר אָנגעקומען קיין אוישוויץ...

צעיושעטע ס.ס. לייט האָבן אָפּגענומען אונדזער טראַנספּאָרט און גלייך דורכגעפירט אַ גרויסע סעלעקציע. מען האָט אַוועקגעשטעלט אויטאָס, לעבן זיי האָט מען אויסגעזעצט די קראַנקע און מען האָט אַוועקגעלייגט די וואָס זענען געשטאָרבן אויפן וועג, אין באַן.

אַ סך באַקאַנטע האָבן זיך אַוועקגעשטעלט לעבן די אויטאָס און איך האָב אויך אַזוי געטאָן. כ׳בין געווען אָנגעטאָן אין אַ פּאָר שטיוועלעך, אין אַ פעלצל, און אַ ווייס טיכל האָט צוגעדעקט מיין קאָפּ. אין אַ געוויסן מאָמענט איז צו אַן ס.ס.מאַן, האָט מיך אַ שלעפּ געטאָן פאַרן קאַרק און אויסגעשריגן צו מיר: „ביסט נאָך יונג, קענסט נאָך אַרבייטן, דו פאַרפלוכטע הונדע״. ער האָט מיך אַריינגעשטעלט אין דער ריי אויף אַריינצוגיין אין לאַגער. די אַנדערע זענען אַוועק אין אויוון אַריין.

פאַרן אַריינגיין אין לאַגער, האָט מען אונדז געפירט מאַכן אַ באָד. מען האָט אונדז אויסגעטאָן נאַקעט און געטריבן אונטער אַ קאַלטן טוש. מען האָט געמוזט שטיין אויסגעגלייכט, אַנדערש האָט מען באַקומען מיט אַ פאַלקע איבערן קאָפּ. שעהן זענען מיר אַזוי געשטאַנען אויסגעטועטע. אַ שווערער פראָסט האָט געביסן דאָס לייב. שפּעטער האָט מען אונדז טאַטואירט און איך האָב באַקומען דעם נומער 31966. מען האָט אונדז אָפּגעשוירן די האָר, געגעבן הילצערנע שיך, בריטש־הויזן מיט בלוזקעס פון רוסישע געפאַנגענע און מען האָט אונדז אַריינגעטריבן אין אַ גרויסן באַראַק וואָס איז געווען פול מיט פרויען. צווישן אונדז זענען געווען אַזעלכע וואָס זענען גלייך אַראָפּ פון זינען.

אין שוידערלעכע באַדינגונגען

אין באַראַק איז געווען פינצטער־חושך. ווען מען האָט אָנגעהויבן טיילן שוואַרצע, וואַרעמע קאַווע, איז אין באַראַק געוואָרן אַ שטאַרקע שטופּעניש. די „שטובאָוועס" און „בלאָקאָוועס" האָבן געשלאָגן איבער די קעפּ מיט פּאַלקעס און די געטראָפענע זענען געפאַלן צו דער ערד־צו. איך אַליין האָב בעתן נעמען די קאַווע באַקומען אַ שטאַרקן זעץ איבערן קאָפּ און איך בין באַגאָסן געוואָרן מיט בלוט. איך בין אַריין צו דער בלאָק־עלטסטער זי זאָל מיר העלפן, אָבער זי האָט גאָר זיך אויסגעלאַכט פון מיר.

איין מענטש האָט נישט געזען דעם אַנדערן און אַז מען האָט, אין דער פינצטער געדאַרפט אַרויפקריכן אויף דער לעצטער קאַיע (נאַרע), האָט מען, נישט וויסנדיק גאָר, געטרעטן אויף טויטע קערפּערס. ערשט ווען עס איז געוואָרן ליכטיק, האָט מען עס באַמערקט. מען האָט די דאָזיקע טויטע גופים אַרונטערגעשטופּט אונטער די נאַרעס און זייערע בלייכע, פאַרשטייפטע פיס האָבן מוראדיק געשראָקן.

דער באַראַק איז געוואָרן פאַרמאַכט און מען האָט קיינעם נישט אַרויסגעלאָזט. עס זענען געשטאַנען ליידיקע עמערס פאַרן מענטשלעכן געברויך, אָבער די „בלאָקאָווע" האָט קיינעם נישט אַראָפּגעלאָזט פון דער נאַרע.

באַלד אין דער פרי האָט מען גערופן צום „אַפּעל". מען האָט גלייך געקריגן געשלאָגן. אין דרויסן איז דער באָדן געווען ליימיק און עס איז שווער געווען צו שלעפּן די הילצערנע שיך. נו, האָבן די ס.ס.־לייט, די „שטובאָוועס" און „בלאָקאָוועס" געהאַט וואָס צו טאָן — זיי האָבן געשלאָגן מכות־רצח.

אין אַרבעטס־קאָמאַנדעס

איך האָב געאַרבעט אין אַן אויסערן־קאָמאַנדע. מיר האָבן צעלייגט הייזער אין שטעטל אָשוויענטשים פון וואַנען מען האָט אַרויסגענומען די יידן. דעם בעטאָן האָבן מיר צעהאַקט מיט קירקעס. צוריקגייענדיק פון דער אַרבעט, האָט יעדער איינער געדאַרפט טראָגן 3 גאַנצע ציגל, נישט קיין אָפּגעהאַקטע. ווער עס האָט געטראָגן נישט קיין גאַנצע ציגל, האָט באַקומען געשלאָגן מיט אַ שטעקן. מיר האָבן געמוזט גיין לינקס און דערביי זינגען היטלעריסטישע לידער. מיט די דאָזיקע ציגל האָט מען אויסברוקירט אַ שאָסיי, געמאַכט וועגן.

דריי חדשים זענען מיר געגאַנגען אין זעלבן אָנטועכץ און מען איז געווען שטאַרק פאַראומרייניקט. קיין צווייט אָנטועכץ האָט מען אונדז נישט געגעבן.

איין מאָל האָט מען מיך צוגעטיילט צו אַ קאָמאַנדע וואָס איז אַוועק־געשטעלט געוואָרן אַרבעטן אין אַ ראָוו פול מיט וואַסער. מיר האָבן דאָרט געדאַרפט אויסגראָבן טיפע גריבער. מיר האָבן געמוזט אויסטאָן די שיך און

אַרבעטן. אַ פראָסט האָט געביסן דאָס לייב. אַן ס.ס.־מאַן האָט גערופן אַ פרוי זי זאָל גיין ברענגען האָלץ פאַרן פאָסטן. ווען זי איז געלאָפן נאָכן האָלץ, האָט ער איר נאָכגעשאָסן און זי איז געפאַלן אַ טויטע. אויף אַזאַ אופן האָט ער דעם טאָג דערהרגעט צוויי פרויען. דעם געטרייען הונט זיינעם האָט ער געגעבן צו עסן זייערע קערפּערס. די צעגריזשעטע גופים האָבן מיר דערנאָך געמוזט שלעפּן צום אַפּעל כדי די צאָל זאָל שטימען.

איך האָב אַלץ געטאָן כדי גוט צו אַרבעטן, כדי צו זיין געזונט. איך האָב מיר געשטעלט אַ דעוויז: פרייוויליק וועל איך נישט גיין אין איווון אַריין. אויב מען וועט מיך שלעפּן אַהין — איז פאַרפאַלן, אָבער איך וועל אַלץ טאָן כדי צו בלייבן לעבן.

* *
*

מענטשן האָבן אויפגעהערט צו קאָנען פירן אַ געראַנגל פאַרן לעבן. אַ סך זענען געוואָרן אויסגעמאַטערט, האָבן נישט געוואָלט מערליידן. פלעגט מען זייער אָפט זען ווי מענער און פרויען וואַרפן זיך אויף די עלעקטרישע דראָטן און זיי זענען אַזוי געבליבן הענגען צוגעקלעפּט צו די דראָטן ווי שטיקער וועש.

* *
*

שפּעטער האָב איך געאַרבעט אין אַ וועבעריי. פון פאַראַשוטן־שטאָף האָבן מיר, מיט דער האַנט, געוועבט פאַסן פאַר עראָפּלאַנען. ביי דער אַרבעט זענען געווען באַשעפטיקט צוויי טויזנט פרויען. איך האָב זייער גוט געאַרבעט, און דער שעף האָט מיך געוואָלט מאַכן פאַר אַן אַרבעטס־אַנווייזערין. איך האָב זיך דערפון אַרויסגעדרייט.

ערב דער באַפרייונג

גאַנצע צוויי יאָר בין איך אָפּגעווען אין אושוויץ. אין יאַנואַר 1945, ווען די דייטשע פראָנטן האָבן אָנגעהויבן שטאַרק קראַכן, האָט מען אונדז אַרויסגעפירט פון אוישוויץ און געטריבן, צו פוס, אַ 150 קילאָמעטער. מען האָט אונדז אַריינגעזעצט אין וואַגאָנען, און געפירט, איבער בערלין, קיין ראַווענסבריק. דאָרט האָט מען אונדז געהאַלטן אין אַ שטראָף־בלאָק. מען האָט אונדז נישט געגעבן קיין עסן, נאָר איין מאָל אין טאָג, אַ ביסל וואַסער. פון דאָרט האָט מען אונדז געפירט קיין שטוטהאָף. מיר זענען אַריינגעפאַלן אין נוישטאַט־גלייבע. כמעט יעדן טאָג האָב איך זיך אַרויסגעריסן צו דער אַרבעט מיט די אוקראַאינקעס וואָס זענען דאָרט געווען און אַהיימגעבראַנגט פאַר זיך עפּעס עסן.

אין לעצטן טאָג פאַר דער באַפרייונג האָט דער קאָמענדאַנט, אַ פאָלקס־דייטש, אונדז געזאָגט מיר זאָלן זיך האַלטן, ווייל די באַפרייונג קומט אָן. דאַקעגן האָט אַן ס.ס.־מאַנקע געהייסן אונדז אומברענגען.

מיר ווערן באַפרייט

אין טאָג פון דער באַפרייונג, אין 5־טן מאַי 1945, איז, דער ערשטער, אַריין אין לאַגער — „דער רויטער קרייץ". דערנאָך זענען אַריין די ענגלענדער, די פראַנצויזן און די רוסן.

ביינאַכט, זענען מיר, אַ גרופּע פרויען, אַוועק שלאָפן אין באַראַק פון די ס.ס. אין מיטן דער נאַכט זענען אַריין שיכורע, רוסישע מיליטער־לייט, און האָבן זיך גענומען טשעפּען צו אונדז. איך האָב זיך אַ שטעל געטאָן אויף דער פּריטשע און אַ רוף געגעבן אין רוסיש: „צו וועמען טשעפּעט איר זיך? מיר זענען דאָך אַרעסטירטע פרויען, קאַצעטניקעס!" איינער אַ רוס האָט מיר צוגעשטעלט אַ רעוואָלווער צום קאָפּ, און מיך געוואָלט שיסן. איך האָב אָנגעהויבן ריידן צו זיין געוויסן: „וועמען ווילסטו שיסן, האָב איך געפרעגט, אַ נישט דערמאָרדעטע פרוי?" דער רוס האָט אַוועקגעלייגט דעם רעוואָלווער אויפן טיש. איך בין אַרויס דורכן פענצטער, און אַוועק צום קאָמאַנדיר, דערציילט אים וואָס עס האָט פּאַסירט אין באַראַק, און ער האָט אַוועקגעשטעלט אַ וואַך פאַר דער טיר פון באַראַק.

אַרויס פון לאַגער

זעענדיק די לאַגע, האָב איך גענומען אַ פור מיט אַ פערד, אויפגעלאָדנט די קראַנקע, און גענומען אַרויספאָרן פון לאַגער. אויפן וועג, איז אָנגעפאָרן אַ טאַנק און האָט מיך אַראָפּגעוואָרפן פון וועג צוזאַמען מיט דער פור און די קראַנקע. נאָך דער דאָזיקער פּאַסירונג, בין איך געוואָרן קראַנק; איך האָב אויפגעהערט צו קענען גיין. אַ וואָך צייט בין איך געלעגן אין בעט, געווען אַ צעבראָכענער מענטש. ביסלעכווייז, האָב איך זיך אָבער צוריקגעכאַפּט, און ווייטער זיך געשלעפּט מיט די וועגן, ביז איך בין אָנגעקומען קיין פּראַגע, ביי וואַרשע. דאָרט האָט מען אונדז אויפגענומען אין אַ „הכנסת־אורחים"־הויז און מען האָט אונדז געגעבן צו עסן.

אין אַ געוויסן טאָג, איז צו מיר עמעצער צוגעקומען — ביז היינט צו טאָג ווייס איך נישט ווער דאָס איז געווען — און האָט מיר אַ זאָג געגעבן: וואָס זיצסטו דאָ? דיינס אַ חברטאָרין געפינט זיך אין לאָדזש. איך בין גלייך אַהינגעפאָרן און דאָרט האָב איך געטראָפן אַ פּאַריסאָווער פרוי — רבקה קורץ, פון דער היים זילבערבערג, מיט וועלכער איך בין געווען באַפריינדעט נאָך אין די יוגנט־יאָרן.

* *
*

קוקנדיק אויף צוריק, באַגרייף איך גוט וואָסערן שווערן קאַמף איך האָב געפירט כדי צו קאָנען בלייבן לעבן. דאָס איז געווען זייער אַן עקשנותדיקער

קאַמף. צו להכעיס די דייטשן וואָס האָבן געוואָלט אומברענגען וואָס מער יידישע נפשות.

אויסטערלישע כוחות האָט מען געדאַרפט האָבן כדי צו קאָנען אויסהאַלטן דעם שווערן געראַנגל מיטן מלאך־המות, דעם געראַנגל פאַרן לעבן. אָן אַ שיעור זענען געפאַלן. גרויס איז געווען די צאָל פון די קרבנות. וואָרעם די פיין־מיטלן מיט וועלכע די היטלעריסטן האָבן זיך באַנוצט קעגן די אומשולדיקע מענטשן זענען געווען גרויזאַמע.

זאָל דאָס קיין מאָל נישט פאַרגעסן ווערן.

אהרן לאַנדאַו ז״ל / ישראל

„והיו חייך תלאים לך מנגד״...
(טאָג און נאַכט אין געראַנגל פאַרן לעבן)

עס איז ערב דער אויסזידלונג. מיטאָגצייט איז געוואָרן אַ בהלה אין שטעטל. די טראָמפּייטלעך פון די פּוילישע פייער־לעשערס האָבן זיך געלאָזט הערן, און אַ פחד איז באַפאַלן די יידן אין געטאָ. מיינס אַ שכן, פעליקס מעטעראַ, אַן אייגנטימער פון אַ קיאָסק מיט גאַז־געטראַנקן, האָט מיר געראָטן זיך צו באַהאַלטן ביי אים אויפן בוידעם און איך האָב טאָקע אזוי געטאָן; זיך פאַרשטעקט אין זיין הויז, אונטערן בלעכענעם דאַך, צווישן טאָרף. אָבער אַזוי ווי די בהלה האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר פריצייטיק, בין איך צוריק אַראָפּ. מיין שכן, אַליין אַ פייער־לעשער, האָט מיך געוואָרנט, זאָגנדיק מיר, אַז פאַר די פּאָריסאָווער יידן זענען די שעהען אין געטאָ געציילטע און ס'איז זיך נישטאָ מיט וואָס צו טרייסטן. ער האָט מיר ווידער געראָטן צו קומען צו אים ביי נאַכט און זיך אויסבאַהאַלטן אויפן בוידעם. איך האָב אָנגענומען זיין פאָרשלאָג און וועגן דעם מודיע געווען מיין באַקאַנטער קריסטין אירקאַ.

אירקאַ יאַנקעוויטש

נאָך אין יאָר 1940, האָב איך איבערגעשריבן מיין הורט־סקלאַד אין פּאָריסאָוו אויפן נאָמען פון דער פרוי זאָשיאַ יאַנקעוויטש — אַ חברטע פון מיין פרוי חנהטשע. דאָס געשעפט האָט געפירט איר ברודער זיגמונט, און אין זיין האַנט האָט מיין חנהטשע אָנגעטרויט איר גורל און דעם גורל פון אונדזערע

קינדער. אין אירקאַן — זיין יונגערע שוועסטער — האָב איך געזען דעם פריינד וואָס איז גרייט זיך אָפּצוגעבן מיט מיר און העלפן מיר זיך ראַטעווען.

אירקא איז געווען פּאָפּולער אין שטעטל. יידן האָבן צו איר געהאַט אומבאַגרענעצטן צוטרוי. זי פלעגט פאַר זיי ערלעדיקן פאַרשידענע ענינים. זי איז געווען שטאַרק צוגעבונדן צו דער פאַמיליע פון די גאָלדמאַנס און זי האָט מיין חנהטשען געהאַלטן ווי אַן אייגענע שוועסטער.

פאַר נאַכט צו, האָב איך זיך אָפּגעזעגנט מיט אירקאַן און כ׳בין אַרויף צו מעטעראַן אויפן בוידעם. די בהלהדיקע באַוועגונג וואָס האָט זיך געזען אין שטעטל אַ גאַנצן נאָכמיטאָג האָט אויפגעהערט. די וואָס האָבן געהאַט באַשלאָסן צו פאַרלאָזן די שטאָט, זענען זיך פונאַנדערגעלאָפן, ווער, אין כיזשינער אַרבעטס־לאַגער און ווער — אין די אַרומיקע דערפער, אָדער וווהין נאָר די פיס האָבן געטראָגן. די איבעריקע יידן האָבן זיך פאַרשטעקט אין לעכער, אין כל־מיני באַהעלטענישן אין זייערע אייגענע היימען. די גאַסן זענען געווען פוסט און האָבן זיך געטונקען אין פינצטערניש. די שטילקייט אין דרויסן איז כסדר איבערגעריסן געוואָרן דורך שווערע טריט פון פאָליציי־פּאַטראָלן און פייער־לעשערס וועלכע האָבן זיך געשלעפּט איבער די גאַסן. פון צייט צו צייט האָבן זיך צו מיינע אויערן אויך דערטראָגן אָפּהילכן פון געוויינען, פון געיאָמער, וואָס זענען געקומען פון הינטערגעסלעך. ליגנדיק אַזוי אין פאַרקלעמונג, אויפן טאָרף, האָב איך געצווייפלט צי ס׳האָט אַ זינען צו פאַרבלייבן אין שטעטל אין אַנבליק פון דעם וואָס האָלט ביי געשען.

איך לויף אַוועק קיין פּשאַנקע

פלוצלינג האָבן זיך דערהערט טריט וואָס האָבן געפירט אַרויף צום בוידעם. איך האָב אַרויסגעפילט, אַז דאָס איז נישט זיגמונטס גאַנג אויף די טרעפּ און כ׳בין געבליבן ליגן אומבאַוועגלעך. דער אַרויפגעקומענער האָט אָנגעצונדן איין זאַפּאַלקע נאָך דער צווייטער, און איך האָב געזען, אַז דאָס איז מיין שכנס יינגסטער ברודער, וויקטאָר — אַ באַקאַנטער כוליגאַן אין שטעטל. דערזעענדיק מיך, האָט ער מיר געזאָגט בזו הלשון: „פּאַניע לאַנדאַו, דו ביסט מיר אַ שאָד, אויב דו וועסט פאַרבלייבן אין שטאָט, ביסטו אַ פאַרלוירענער". ער האָט מיר דערציילט וועגן יינגע שקצים וועלכע לויפן אַרום איבערן געטאָ, האָבן אין רבינס גאָס געפונען באַהאַלטענע יידישע מיידלעך און זיי דאָרט געטאָן אַלדאָס בייז.

געשיצט פון דער פינצטערניש, בין איך אַרויס אויפן הויף, געגרוקט זיך ווי אַ גנב, פון איין ווינקל אין צווייטן. אַ לענגערע צייט האָב איך זיך אויסבאַהאַלטן אין טואַלעט און ווען כ׳בין אַרויס, האָבן שכנים מיך באַמערקט, אָבער איך האָב נישט געהאַט קיין מוט צו בעטן עמעצן מיך אַריינצולאָזן צו זיך. איך

האָב פלוצלינג זיך דערפילט ווי אַ שולדיקער פון וועמען אַלע מענטשן דאַרפן זאָפּווייכן, אָדער, ווי אַ באַשעפעניש וואָס האָט מער נישט קיין פּלאַץ אויף דער וועלט.

דורך הינטערוועגן און שכנותדיקע הויפן, שפרינגענדיק איבער פלויטן, בין איך אַרויסגעקומען הינטער דער שטאָט, אויף די פעלדער וואָס פירן קיין פשאַנקע.

דער ערשטער פויער ביי וועלכן איך האָב אָנגעקלאַפּט איז געווען יאַן זשוראַוועק וועמעס פערמע עס געפינט זיך אין דער קאָלאָניע, נישט ווייט פון די פשאַנקער פעלדער. אָן אַ ווערטער־אויסטויש, האָט ער פאַרשטאַנען אין וואָס עס האַנדלט זיך, און מיך גלייך אַרויפגעפירט אויפן בוידעם פון דער שטאַל. אַ פאַרמאַטערטער, האָב איך זיך אויסגעצויגן אויפן שטרוי און געכאַפּט אַ דרעמל.

פאַרזונקען אין שלאָף, האָט זיך מיר עפּעס פלוצלינג אויסגעדאַכט, אַז שווערע שטיינער קייקלען זיך איבער מיין קערפּער. איך האָב זיך איבערגעוועקט און געהערט אַ שטאַרקן רעש אויפן שאָסיי. איך האָב זיך אָריענטירט, אַז פויערישע וועגעלעך פאָרן אין שטעטל אַריין.

מיטאָגצייט, ווען איבערן זעלבן שאָסיי האָבן די וועגענער זיך געטראָגן צוריק פון פאַריסאָוו, באַגלייט פון שיסערייען, געוויינען און געשרייען, האָב איך שוין געוווסט, אַז עס איז נעבעך געקומען אַ סוף צום יידישן געטאָ אין פאַריסאָוו, אַז דאָס טרייבט מען אונדזערע שטעטלשע יידן צום טויט.

אויפן פערטן טאָג, האָב איך זיך אַריינגעגנבעט אין דער סטאָדאָלע פון אַ פויער יאַן פּיעקאַרסקי, ביי וועלכן איך האָב שוין געהאַט אַ נאַכט פריער גענעכטיקט, און אַוועקגייענדיק פון אים, האָב איך אים צוגעזאָגט, אַז מער קום איך נישט צו אים, ווייל איך לאָז זיך אַוועק קיין וואַרשע. איך האָב זיך פאַרקאָפּעט אין שטרוי און כ׳בין געווען צופרידן וואָס איך שטופּ אַדורך נאָך אַ נאַכט.

אין דער פרי, איז דער פויער אַריין אין סטאָדאָלע, האָט זיך אַרומ־געקוקט, געזוכט דאָ און דאָרט, איז אַרויף אויף דער סטערטע שטרוי, און „געניוכעט״, ווי ער וואָלט אויסגעשפירט, אַז עמעצער באַהאַלט זיך דאָ אויס. איך בין געלעגן פאַרשטעקט, אָבער דאָס האַרץ האָט ביי מיר געקלאַפּט ווי ביי אַ גזלן. איך האָב זיך געוווּנדערט אויפן פויער הלמאי ער הערט נישט דאָס קלאַפּן פון מיין האַרץ. ווען ער איז אַרויס, האָב איך אָפּגעאָטעמט. דער באַוווּסטזיין, אַז מיר איז דערווייל געלונגען אויסצומיידן טרעבלינקע, האָט מיך געשטאַרקט, געגעבן האָפענונג און אויך כוח איבערצוטראָגן יסורים און פּיין, הונגער און דאַרשט וואָס זענען געוואָרן אַ טייל פון מיינע טעג און נעכט

אין דער וואָגלעניש פון פויער צו פויער, פון איין באַהעלטעניש אין דער צווייטער.

שעפּטשנדיק די תפילות פון הושענא־רבה...

מיטאָגצייט האָט מיך אויפגעטרייסלט אַ סעריע פון שאָסן וואָס האָט זיך געטראָגן פון די פעלדער אַרום פּאַריסאָוו. איך האָב נישט געוווּסט וואָס די שיסעריי באַדייט און זיך פּאַרקאָפּעט נאָך טיפער אין שטרוי. דערנאָך האָבן זיך געהערט נאָך עטלעכע סעריעס און ס'איז שטיל געוואָרן.

אָוונט צו האָט מיר אָנגעהויבן צו דערקוטשען אַ דאָרשט און מיר געטרוקנט די ליפּן.

נאָך האַלבער נאַכט, ווען אַרום מיר איז געווען גאָר שטיל, האָב איך זיך דערטראַכט אַז איך וואָלט מיר געקאָנט אָנשעפּן אַ ביסל וואַסער אין סטאַציע־ברונעמל ווו עס גייט אַדורך די וואַסער־לייטונג צו די פאַבריקן אין פשאַנקע. דאָס ברונעמל — האָב איך זיך דערמאָנט — געפינט זיך נישט ווייט פון מיין אַמאָליקער וווינונג, דער וואַסער־פלאַך איז דאָרט גלייך מיט דער ערד און מען קאָן אפילו בלויז מיט דער האַנט אָנשעפּן וואַסער. איך האָב געוווּסט, אַז דאָס צוגיין קיין פשאַנקע וואָס ווערט אָנגעפירט דורך דייטשן, און ווו מיט די אַמאָליקע אַרבעטער קאָן מען אויך נישט זיין אַזוי זיכער, איז פאַרבונדן מיט סכנת־נפשות. אָבער דער דאָרשט האָט מיך אַרויסגעטריבן פון דער סטאָדאָלע. איך האָב זיך דערשלעפּט ביז צום ברונעמל, אָנגעפילט אַ פּערטל ליטערדיק פלעשעלע מיט וואַסער און עס גלייך אויסגעטרונקען. איך האָב געוואָלט נאָך אַ מאָל אָנשעפּן וואַסער אין פלעשל אַריין, און אַ הונט אַ מחבל, איז צו מיר צוגעשפּרונגען און האָט אָנגעהויבן האַווקען, אָנגעמאַכט אַ טומל. איך האָב באַוויזן אָנצונעמען אַ פול היטל מיט וואַסער, אָבער ס'איז גלייך אויסגערונען. האָב איך פונדעסטוועגן אָנגעשעפּט נאָך אַ פלעשעלע וואַסער, עס אויסגעטרונקען, און כ'בין צוריקגעלאָפן אין דער סטאָדאָלע אַריין.

מיינע בליקן האָבן זיך אַ הייב געטאָן צום טונקעלן הימל. אַ רויטלעכע לבנה האָט געטריטלט אַזוי געלאַסן, אַזוי רויק. אַ ליכטיקע שיין האָט מיך אָפּגעהעלט, און איך האָב מורא געהאַט אַז איך וועל באַמערקט ווערן. פאַר מיינע אויגן האָט זיך אַנטפּלעקט אַ פעלד מיט קרויט. איך האָב אָפּגעריסן אַ פּאָר יונגע הייפּטלעך קרויט, געפּראָבירט עס עסן, אָבער צו דער צייט איז נאָך מיין מאָגן נישט געווען צו דעם צוגעוווינט, און האָט עס נישט פאַרטראָגן.

* *
*

— — — ס'איז פרייטיק. איך געדענק גוט דעם חשבון, און כ'ווייס, אַז היינט איז הושענא־רבה. איך שעפּטשע פון אויסנווייניק די תפילות פון טאָג.

די ליפן זאָגן קוים אַרויס די ווערטער „גולה וסורה״... „ההרוגה עליך ונחשבת כצאן טבחה״, „מרוטת לחי, נתונה למכים״... איך פיל ווי עס שטיקט מיך אין האַלדז, און איך צעוויין זיך. טייכן טרערן רינען אויס פון די אויגן.

דעם זעלבן טאָג האָב איך באַשלאָסן זיך צו ווייזן פאַרן פויער אין ווענמעס סטאָדאָלע איך בין געלעגן באַהאַלטן. פאַר נאַכט צו, בין איך שטילערהייט אַרויס פון דער סטאָדאָלע, און כ׳האָב זיך פאַרשטעקט הינטער דער בודע ווו ס׳איז געלעגן דער הונט. ווען דער פויער איז אַרויס פאַרמאַכן די שטאַל, האָב איך זיך אַ שטעל געטאָן פאַר אים, און ער האָט פאַר שרעק, זיך אָפּגעצלמט, איז אָפּגעשפּרונגען אויף צוריק, און האָט אַ געשריי געטאָן:

„אָלאַ באָגאַ! פּאַן זשיע?״ (האַ, גאָט, דו לעבסט?)

דער פויער האָט זיך נאָך אַ מאָל איבערגעצלמט און געזאָגט: נעכטן בייטאָג האָט מען אויפן בהמה־מאַרק אין פּאַריסאָוו, הינטער דער גמינע, דערשאָסן 39 יידן וועלכע מ׳האָט געפונען נאָך דער אויסזידלונג, און אַלע האָבן געזאָגט, אַז לאַנדאַו פון פשאָנקע איז צווישן די געכאַפּטע. (געמיינט האָבן זיי דעם ייד לאַנדאָן פון פשאָנקע). דער פויער האָט מיר נאָך איבערגעגעבן פּרטים וועגן דעם אומברענגען פון די 39 יידן, און דאָס האָט אויף מיר געמאַכט אַ שרעקלעכן איינדרוק. איך בין געוואָרן גלייכגילטיק צום טויט, און פון דעסטוועגן, נישט געטראַכט וועגן עפּעס אַנדערש ווי נאָר וועגן אַ שטיקל ברויט פאַרן ליידיקן מאָגן, און וועגן אַן אָרט ווו אַוועקצולייגן דעם אויסגע־מאַטערטן גוף.

איך האָב זיך אָנגעכאַפּט אין דעם וואָס ער האָט מיר געזאָגט אַז מען פאַררעכנט מיך צו די 39 אומגעבראַכטע יידן און דעריבער, — האָב איך אים געגעבן צו פאַרשטיין — מעג ער מיך אַריינלאָזן צו זיך און מיך אויסבאַהאַלטן.

דער פויער האָט מיך אַרויפגעפירט אויפן בוידעם פון זיין אָבאָרע, געזאָגט מיר, אַז ער וויל נישט אַז זיינע שטוב־מענטשן זאָלן וויסן וועגן מיין געפינען זיך ביי אים, און ער האָט מיר אַרויפגעבראַכט אַ שטיקל ברויט מיט וואַסער.

צעזייט און צעשפּרייט

איין מאָל, ביינאַכט, האָט אלעזר ראָזנבלום, מיין שוועסטערן־זון, אָנגעקלאַפּט אין פענצטער ביים פויער אין ווענמעס אָבאָרע איך בין געווען אויסבאַהאַלטן. ער האָט אים אַרויפגעפירט צו מיר, און מיר זענען דאָרט ביידע געלעגן, האָבן זיך געטיילט מיטן עסן. פון אלעזרן בין איך אויך געוויר געוואָרן וועגן די אַרומבלאָנדזשענדיקע יידן איבער די פעלדער און וועלדער אַרום פּאַריסאָוו און וועגן דעם געיעג פון די פּאָליאַקן נאָך זיי, כדי איבערצוגעבן זיי אין די הענט פון די דייטשן.

דורך דעם פויער האָב איך אָנגעקניפּט אַ קאָנטאַקט מיט אירקאַ יאַנקעוויטש. זי איז געקומען און האָט מיר געבראַכט אַ גרוס פון מיין חנהטשען מיט די קינדער וועלכע זענען אַריבער קיין וולאָבי, ביי וואַרשע.

צוויי וואָכן, בערך, בין איך אַזוי אָפּגעלעגן צוזאַמען מיטן קוזין אלעזר ראָזנבלום, אין דער אָבאָרע פונעם פויער. אין איינעם אַ פאַרטאָג, האָב איך דערהערט ווי עס דראַפּעט זיך ווער אַרויף אויפן בוידעם פון דער אָבאָרע און איך האָב זיך שטאַרק דערשראָקן. געווען איז דאָס דעם פויערס אַ ברודער. ער האָט שטילערהייט זיך געוואָנדן צו מיר: „פּאַניע דזשעדזשיצו ניעך פּאַן אוטשיעקניע״. דער פויער האָט מיר איבערגעגעבן אַז דער ברודער זיינער איז בעתן לעצטן מאַרק־טאָג אין פּאַריסאָוו אַרעסטירט געוואָרן אונטערן חשד, אַז ער האָט געבראַכט, אַזש פון הינטער לובלין, אַ געגנבעט פערד, און דעריבער איז גאַנץ מעגלעך, אַז די דייטשן זאָלן קומען מאַכן אַ רעוויזיע.

טאַקע דעם זעלבן טאָג זענען עטלעכע דייטשן אַראָפּגעקומען צום פויער אין שטוב און האָבן דורכגעפירט אַ שטרענגע רעוויזיע. די פּאָליציי וואָס האָט זיי מיטבאַגלייט, האָט אויך געזוכט אויפן בוידעם פון דער אָבאָרע און געפונען אַ לײדיקע פלאַש, אויסגעוואָרעמטן, אויסגעלעגענעם שטרוי, און נאָך אַנדערע סימנים פון דעם, אַז מענטשן האָבן זיך דאָ אויפגעהאַלטן. נאָר מיר זענען שוין דעמאָלט סיי ווי געווען ווייט פון דער באַהעלטעניש, ווייל מיר זענען זיך צעלאָפן, יעדער איינער, אין אַן אַנדערער ריכטונג.

* *
*

——— ווו זאָל איך זיך אָפּשטעלן? — האָב איך זיך געפרעגט — צו וועמען אַריינגיין? ווו קאָן איך זיך אויסבאַהאַלטן? האַלט דאָך די נאַכט שוין ביי אַנטרינען, און איך וואַנדער נאָך אַזוי און כ׳וואַנדער...

פּאָר טאָג בין איך אָנגעקומען קיין לוקאָוועצע, געפּראָבירט זיך ערגעץ צו פאַרשטעקן און ס׳איז מיר נישט געלונגען. אין צווישן איז געוואָרן וואָס אַ מאָל מער ליכטיקער...

אין אַ הויף פון אַ באַקאַנטן קריסט וויקטאָר טראַיאַנעק האָב איך באַגעגנט זיין אַלטע מוטער וועלכע איז געגאַנגען פון דער אָבאָרע מיט אַ פולן קובעל מיט מילך. איך האָב צו איר אַ זאָג געגעבן אַז איך וויל דינגען אַ וועגעלע קיין פּילאַווע, צו דער באַן־סטאַציע. די אַלטע פרוי איז אַריינגעלאָפן אין שטוב איבערגעבן וואָס איך האָב איר געזאָגט און באַלד איז איר זון אַרויסגעקומען אין הויף. אונדזער צוזאַמענטרעף איז געווען זייער אַ האַרציקער. דער יונגער פויער האָט זיך צעקושט מיט מיר, גענומען מיך אונטערן אָרעם, זאָגנדיק דערביי, אַז שוין לאַנג ווי ער זוכט מיך אַרום. מיר זענען ביידע אַרויף אויפן בוידעם פון דער אָבאָרע און האָבן זיך דורכגעשמועסט. דערנאָך האָט ער מיר אַרויפגעבראַכט אַ שטיק ברויט, און איך האָב געשטילט מיין הונגער.

וויקטאָר טראַיאַנעק האָט אַרויפגעבראַכט זיין בעטגעוואַנט אויפן בוידעם און יעדע נאַכט איז ער געבליבן שלאָפן מיט מיר. זיין אַלטער פאָטער וואָס האָט שוין נישט פאַרלאָזט דאָס בעט, האָט נישט דערלויבט זיינע שטוב־מענטשן צו גיין עסן דאָס געקאָכטע אָוונטברויט כל זמן מען וועט מיר פריער נישט אַרויפדערלאַנגען צו עסן.

אַן אָפטער גאַסט ביי מיר אויפן בוידעם איז געווען וויקטאָרס ברודער, באַרטעק, אַ 13—14 יאָריק יינגל וואָס האָט זיך געיחוסט דערמיט, אַז ער האָט געלערנט אין שולע צוזאַמען מיט מיינע קינדער.

זייער אָפט פלעגט אירקאַ מיך באַזוכן, ברענגען מיר גרוסן פון מיין פרוי און קינדער וועלכע האָבן זיך אויסגעמאָלט דאָס בילד פון מיין לעבן פיל ערגער ווי עס איז פאַקטיש געווען, בפרט — אין די טעג, ווען איך האָב זיך אויפגעהאַלטן ביים גוטן וויקטאָר טראַיאַנעק, ווו מען האָט מיך באַהאַנדלט קייסערלעך.

אירקאַ און מיין חנהטשע האָבן מיר פאַרשאַפט אַ „מלינה" אין גראַכאָוו, הינטער וואַרשע, און זיי האָבן פאַרלאַנגט פון מיר איך זאָל זיך אַהין אַריבערקלייבן. איך האָב לכתחילה, אָפגעוואָרפן זייער פּראָפּאָזיציע. מיר איז שוין געווען גוט אין דער אָבאָרע, אויפן שטרוי, אין וועלכן עס האָבן זיך געפּרוכפּערט קליינטשיקע מייזעלעך וואָס האָבן מיך כלל נישט געעקלט, ווייל זיי האָבן אויסגעזען, אין מיינע אויגן, ווי פליגן און האָבן נישט אַנגע־וואָרפן קיין פחד אויף מיר. זייענדיק אין דער אָבאָרע, האָב איך געהאַלטן שפּייזוואַרג צוגעבונדן צו די לייסטן פון שטרויענעם דאַך, און אין דער פרי — געטראָפן אַלץ אַרומגעביסן. די טעג זענען שוין געווען קורצע. אַ זייגער דריי נאָך מיטאָג, איז צוגעפאַלן די נאַכט און עס איז געוואָרן שטאָק פינצטער. דער דאַך איז געווען באַלייגט מיט אַ דיקן שניי־שיכט. פון דער אָבאָרע האָט שטענדיק אַרויפגעשלאָגן אַזאַ וואַרעמער שטראָם וואָס האָט איינגעשלעפט, און אַז עס איז געקומען חצות איז ביי מיר שוין געוואָרן טאָג, און כ'האָב זיך איינגעהערט אין דעם וואָס עס טוט זיך אונטן, ביים לעבעדיקן אינווענטאַר. לויט דעם, האָב איך זיך אָריענטירט ווי עס האַלט מיטן זייגער.

דאָס אָרט איז, וואָס אַן אמת, געווען צו נאָענט צו די דייטשן וועלכע האָבן דעמאָלט אָנגעפירט מיט פשאַנקע. זיי פלעגן אויך גאַנץ אָפט קומען אין דאָרף אַריין. אָבער איך האָב זיך דאָ גוט געפילט, און מיר האָט זיך כלל נישט געוואָלט עוקר זיין קיין גראַכאָוו. אַבער עס האָט מיר גאָרנישט געהאָלפן. אירקאַ און מיין חנהטשע האָבן געשטורעמט און דורכויס פאַרלאַנגט, אַז איך זאָל פאַרלאָזן לוקאָוועצע און אַריבערקומען קיין גראַכאָוו.

דעם 17־טן דעצעמבער 1942 האָב איך פאַרלאָזט דאָס דאָרף. צוזאַמען מיט אירקאַ יאַנקעוויטש בין איך אָנגעקומען צו דער באַן־סטאַציע מינסק־מאַזאָוויעצק. דעם זעלבן טאָג זענען מיר נאָך אָנגעקומען קיין וואַרשע, ווו

איך האָב זיך געטראָפן מיט דער פרוי מיינער און מיט די קינדער. צוויי טעג בלויז האָב איך זיך אויפגעהאַלטן אין וואַרשע, און, אין דער באַגלייטונג פון אירקאַן, האָב איך זיך אַריבערגעטראָגן קיין גראָכאָוו, צו דער קריסטלעכער פאַמיליע קראַשעווסקי.

טעג פון יסורים און קרבנות

פון דעצעמבער 1942 ביז דעם 23־טן מאַרץ 1944, האָב איך „פאַרבראַכט" אין דער געגנט פון וואַרשע, געוואַנדערט פון איין „מלינה" אין דער צווייטער, געצאָלט מיט גאָלד, מיט געלד, מיט חפצים, געוואָלט — פאַר יעדן פּרייז — אויפהאַלטןביים לעבן מיין משפּחה מיט וועלכער איך האָב זיך געפּלעגט צוזאַמנטרעפן.

ביז... ביז דער גאַנצער „בנין" איז זיך צעפאַלן. אין מאַי 1943, ווען איך בין געווען באַהאַלטן אין שטעטעלע טלושטש, אַ 60 קילאָמעטער צפונדיק פון וואַרשע, האָט מיין שוואָגער פישל מיר געבראַכט די ידיעה, אַז מיין עלף יאָריקער אברהם־שמואל („ראָמעק") איז פאַרהאַלטן געוואָרן אויף דער גאַס, אין וואַרשע און געפינט זיך אויף אַלעיאַ שוכאַ. אַ בריוול וואָס איז אָנגעקומען פון אים האָט זיך פאַרענדיקט מיטן רוף „ראַטויטשיע". אירקאַ און מיין פרוי, האָבן זיך אַוועקגעלאָזט קיין וואַרשע מיט געלט, געזוכט פאַרשידענע וועגן ווי אַזוי אַרויסצוראַטעווען דעם זון, און ליידער גאַרנישט אויפגעטאָן. אַכט טעג שפּעטער איז מיין חנהטשע פאַרהאַלטן געוואָרן אין גאַס דורך אַ פּאָליציאַנט וועלכער האָט געלאָקערט אויף איר און געהאַלטן איר בילד אין האַנט.

צוויי קרבנות, אין אַזאַ קורצער צייט...

צוויי קרבנות, און אַ פאַמיליע איז רואינירט געוואָרן.

עס האָט שוין נישט געהאַט קיין זינען צו זוכן אַ באַהעלטעניש אין דער געגנט פון וואַרשע. איך האָב באַשלאָסן צו פּראָבירן מזל אין פשאַנקע וווּ מען האָט שוין אַוודאי געהאַט פאַרגעסן אין יידן — אַזוי האָב איך מיר געטראַכט — און עס וועט מיר אפשר געלונגען אויסצוגעפינען אַ היימישן פויער וועלכער וועט מסכים זיין מיך אַריינצולאָזן צו זיך.

נאָך אַ סכנהדיקן וועג זענען מיר, מיין שוואָגער פישל און איך, אָנגעקומען קיין פילאַווע און פון דאָרט, דורך הינטערוועגן, טאַפּטשענדיק אין שניי און אין בלאָטע, צוגעקומען צו אַ דאָרפישער כאַטע, האַרט ביי דער גרענעץ פון אונדזערע פעלדער אין פשאַנקע.

דאָס איז געווען די כאַטע פון באַלעק לוביאַן, אַ זון פון אַן אַלטן פאַרנאַל, מיכאַל „ביידיק" (אַזוי האָט מען אים גערופן) — אַן אַרבעטזאַמער פויער וועלכער האָט אָפּגעשפּאָרט געלט און זיך געקויפט אַ נחלה ביי דער גרענעץ פון די פשאַנקער פעלדער.

דער הונט האָט זיך שטאַרק צעבילט און באַלעק איז אַרויסגעקומען. ער האָט גלייך דערקענט זיינע אַמאָליקע „פּאַנעס" פון פשאַנקע. אונדזער גורל האָט ביי אים אַרויסגערופן אַ רחמנות־געפיל און ער האָט אונדז אַריינגעפירט צו זיך אין שטוב. ביים איוון וואָס איז געווען איינגעהייצט צום באַקן ברויט האָבן מיר דערוואַרעמט אונדזערע ביינער. פון באַלעקן זענען מיר געוויר געוואָרן וואָס עס טוט זיך אין דער סביבה פון פּאַריסאָוו. אין אָנהייב האָבן זיך דאָ אַרומגעדרייט אַ סך יידן, אָבער די כסדרדיקע אַבלאַוועס האָבן זיי פאַרניכטעט. בלויז איינצלנע זענען נאָך אפשר באַהאַלטן ווו עס איז. די שטוב־מענטשן פון באַלעקן האָבן טיטולירט מיין שוואָגער פישל מיטן נאָמען „פּאַניע דזשעדזשיצו". דאָס האָט אין אונדזערע אויערן אָפּגעקלונגען לעכערלעך און הוזקדיק. באַלעק האָט אַרויפגעשטעלט אויפן פייער צוויי טעפּ קאַרטאָפל און דער ריח פון די זיך קאָכנדיקע קאַרטאָפל האָט צעוואַרעמט די גלידער. אין מיטן עסן האָט באַלעק צו אונדז געזאָגט, אַז ער וויל אונדז פאַרשאַפן אַן אָנגענעמען סורפּריז. מיר האָבן נישט פאַרשטאַנען צו וואָס ער איז זיך מתכוון. אָבער עס האָט נישט לאַנג געדויערט און ער האָט אַריינגעפירט אין שטוב צוויי מענטשן־שאָטנס — צוויי יידן פון פּאַריסאָוו, וואָס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן ביי אים אין דער סטאָדאָלע און פלעגן יעדע נאַכט אַריינקומען צו אים אין שטוב זיך אָנוואַרעמען און אָפּעסן.

געווען זענען דאָס צוויי זין פון חנה יהודית די קצבטע: אברהמל און יאַנקל. מיר האָבן זיך אַרומגעכאַפּט, געוויינט און זיך צעקושט. „נאָך דער אויסזידלונג זענען זיי אַוועק אין כיזשינער לאַגער — אַזוי האָבן זיי גלייך גענומען דערציילן זייערע איבערלעבענישן — און פון דאָרט, אַריבערגעפירט געוואָרן קיין קאַלושין. שפּעטער זענען זיי ביידע געשפּרונגען פון די וואַגאָנען וואָס האָבן געפירט די יידן פון קאַלושינער לאַגער קיין טרעבלינקע. אַ פאַרוווּנדעטער האָט אברהמל אַדורכגעמאַכט אַ שווערן וואַנדער־וועג ביז ער איז אָנגעקומען צו באַלעקן וועלכער היילט אים אויס די ווונדן. אַ פּאָר טעג שפּעטער איז געקומען זיין ברודער יאַנקל, און אַזוי דרייען זיי זיך אַרום אין דער געגנט, באַהאַלטן זיך אויס ביי פאַרשידענע פויערים, און אויך ביי באַלעקן".

פון די צוויי ברידער האָבן מיר זיך דערוווּסט וועגן גורל פון אַ סך באַקאַנטע און פון אייגענע משפּחה־מענטשן. פייגע רבקה, די שוועסטער פון מיין שווער ר' יצחק מענדל גאָלדמאַן, איז געשטאָרבן אין קאַלושין. דער שווער אַליין און איינער פון די זין, אברהם מאיר, זענען געשטאָרבן אין כיזשינער לאַגער. מיין שוויגער שרהטשע איז, צוזאַמען מיט איר יינגסטן זון ישראל שמעון, אַריין אין מראַזי אין וואַגאָן. די שוויגער, אַן אויסגעמאַטערטע, קוים געהאַלטן זיך אויף די פיס, האָט נישט געקאָנט אַריינבאַקומען זיך אין וואַגאָן, האָט דער זון זי אונטערגעהאַלטן ביי די אָרעמס...

די אַ.ק. און זייער מערדערלעכע באַציונג צו יידן

מיר האָבן גוט פאַרשטאַנען, אַז לאַנג וועלן מיר זיך נישט קאָנען אויפהאַלטן ביי באַלעקן. נאָכן אָפּזיין ביי אים אַ צען טעג, האָט באַלעק אונדז דערציילט אַז אויפן דאָרף ווייסט מען, אַז די „פּאַנעס פון פשאַנקע" דרייען זיך ארום אין דער געגנט, און אַז „אַוודאי געפינען זיי זיך — אַזוי פּלאַפּלען זיי — ביי באַלעקן". אין דער זעלבער צייט זענען מיר געוואָרן וועגן אַ פּוילישער פּאַרטיזאַנישער באַוועגונג וועמעס ציל ס'איז צו קעמפן קעגן די דייטשן, אָבער ביז וואָס־ווען, ברענגען אירע מענטשן אום יידן אויף וועלכע זיי טרעפן זיך נאָר אָן. אין דער געגנט ווו מיר האָבן זיך אויפגעהאַלטן, האָבן די אַ.ק.־לייט דורכגעפירט אָנפאַלן אויף סטאָדאָלעס און פעלדער, ווו נאָר זיי האָבן געהאַט אַ חשד, אַז עס געפינען זיך דאָרט יידן. באַלעק האָט צוגעגעבן אַז אין דער געגנט זענען צעשאָטן צענדליקער קברים פון יידישע קרבנות, און דעריבער האַלט ער, אַז עס איז נישט געוווּנטשן מיר זאָלן זיך ביי אים אויסבאַהאַלטן.

פאַר אונדז האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייער וואַנדער־וועג. יעדע נאַכט האָבן מיר געזוכט אַן אַנדערן שייער ווו אַוועקצולייגן דעם קאָפּ. די פּויערים אין די דערפער זענען על־פּי־רוב געווען אָרגאַניזירט, ווער אין אַ רעכטער פּאַרטיזאַנישער אָרגאַניזאַציע און ווער — אין אַ לינקער, אָבער אויסצוראָטן יידן, זענען כמעט אַלע געווען געאייניקט.

אין יענער צייט האָבן מיר, דורך אָנגעקניפּטן קאָנטאַקט, פאַרגעשלאָגן איינער פון די פּאַרטיזאַנישע באַוועגונגען איינצוגלידערן אונדז אין זייערס אַ גרופּע. מיר האָבן געגעבן צו פאַרשטיין, אַז מיר זענען גרייט צו גיין אין דער געפערלעכסטער מערכה קעגן די דייטשן און אונדזער פאַרלאַנג איז נישט מער ווי: שוך און אַ שטיקל ברויט. נאָך צוויי טעג האָבן מיר באַקומען אַ נעגאַטיוון ענטפער.

אין סטאָדזעווער וואַלד

אפּריל 1944. עס איז געוואָרן אוממעגלעך זיך צו ווייזן אין דאָרף. פּויערים האָבן אויפגעהערט אונדז אַריינצולאָזן. זיי האָבן אונדז געטריבן פון די שייערן, פון די אָבאָרעס. איין מאָל, ביינאַכט, האָבן מיר זיך אַריינגעגנבעט אין דער סטאָדאָלע פון דעם קריסט סטעפאַן פּיעקאַרסקי ביי וועמען איך בין שוין אַ מאָל געהאַט געווען עטלעכע טעג.

פאַר טאָג, ווען דער פּויער איז אַריינגעקומען און האָט אונדז דערזען, האָט ער זיך אָנגעכאַפּט ביים קאָפּ, צעעפנט ברייט די טויערן פון דער סטאָדאָלע און געקוויטשעט: „זשידי אוצעקאַיטאַ, אוצעקאַיטאַ!" (יידן, אַנטלויפט, אַנטלויפט!).

מיר זענען געלאָפן איבער פעלדער און לאַנקעס אין דער ריכטונג פון סטאַדזעווער וואַלד — צפון מערבדיק פון פשאַנקע — וועגן וועלכן מיר האָבן שוין לאַנג געהערט, אַז יידן באַהאַלטן זיך דאָרט אויס.

און אָט זענען מיר שוין אין וואַלד, ווו מיר האָבן אָנגעהויבן אַ לעבן פון געטריבענע חיות.

די נעכט זענען נאָך געווען קאַלטע. נישט איין מאָל איז דאָס וואַסער אין פלאַש געפרוירן געוואָרן אין די נאַכט־שעהען, און האָט אויפגעטייעט אין דער פרי, נאָך דעם ווי די זון האָט אויפגעשיינט. אויך די אויסגעפרוירענע ביינער האָבן געוואַרט אויף אַ ביסל זון כדי זיך צו דערוואַרעמען, און כדי עס זאָלן אויפן גוף אויסטריקענען די דורכגעווייקטע, פאַרלויזטע, צעריסענע בגדים.

דער הונגער האָט גאַנץ לייטיש געפייניקט. אין שאָטן פון דער נאַכט האָט מען זיך אַרויסגעכאַפּט צו אַ נאָענטער כאַטע, אויסגעשנאָרעט אַ שטיקל ברויט, אַ פּאָר קאַרטאָפל, צי אַנדערע רויע פּראָדוקטן און זיי שפּעטער אָפּגעקאָכט אין וואַלד, ווו עס האָט זיך געגעסן מיט אַ ווילדן, וועלפישן אַפּעטיט.

דער סטאַדזעווער וואַלד... בסך הכל פאַרנעמט ער אַ שטח פון אַ צוויי־דריי קילאָמעטער. קיין גרויסן בטחון האָט אַזאַ וואַלד נישט געקאָנט געבן. האָבן טאַקע כסדרדיקע אָבלאַוועס פון די דייטשן אומגעבראַכט הונדערטער יידן וועלכע האָבן זיך דאָרט אויפגעהאַלטן און עס איז בסך־הכל געבליבן אַ גרופּע פון אַ פופצן יידן בערך. יעדער איינער האָט דאָרט געוואַנדערט אויף אייגענער האַנט, יעדער האָט זיך פאַרזאָרגט און געהאַט זיינס אַ „מלינה", און געטראָפן האָט מען זיך אין וואַלד, אַ מאָל כדי צו עסן צוזאַמען, און אַ מאָל — כדי אויסצושמועסן זיך ווי דער מצב זעט אויס, און וואָס מען הערט אויף די פראַנטן.

די געבליבענע נאָך אַזוי פיל אָבלאַוועס

אַלע זענען אַדורכגעגאַנגען שבעה מדורי גיהנום. יעדער איינער פון אונדז האָט מער אָנגעהערט דעם טויט, ווי דעם לעבן, און דאָך...

אָט איז „יאַנקל דער אָטוואָצקער". אַ הויכער יונג. שטענדיק גייט ער אַרום מיט דער ביקס אָן דעם האַלץ־טייל (ס'רוב ביקסן אין וואַלד זענען געווען אָן די טיילן־האָלץ ווייל אַזוי האָט מען זיי לייכט געקאָנט באַהאַלטן און זיך באַוועגן מיטן געווער בעת מען האָט געדאַרפט אַנטלויפן). מיט אים האָט זיך געהאַלטן אַ יונגער־מאַן, ווייזט אויס, אַן אַמאָליקער ישיבה־בחור. ער האָט נישט געהאַט קיין ביקס. „מלאך" האָט מען אים גערופן. געהאַט אַן איידל פנים, געדענקט אַ שפּאַר ביסל פון גירסא דינקותא.

און אָט איז אַ יינגל מיטן נאָמען „טרעבלינקע". ער האָט זיך פאַרשטעקט אין אַ לאַסט־אויטאָ מיט מלבושים וואָס איז אַרויסגעפאָרן פון טרעבלינקע, איז אַראָפּגעשפּרונגען און אָנגעקומען אין סטאַדזעווער וואַלד אַריין.

פון פּאַריסאָוו איז פאַראַן מאיר לאַטאָוויצקי. ער האָט אַ זיכערע „מלינה" אין דאָרף סטאַדזעוו, אָבער ער קומט אָפט אין וואַלד אַריין.

משה קליימאַן פון פּאַריסאָוו האָט אויך אַ ביקס. ער איז מיין פריזירער. זיין מעסער טויג צו אַלעמען: צו שיילן קאַרטאָפל, אָפּצושאָבן ביי אַ פויער אַ געשאָכטן חזירל, און, ווי געזאָגט, אויך אַראָפּצונעמען אַ באָרד.

אברהמל און יאַנקל — חנה יהודיתעס זין, זענען אויך אָפטע געסט אין וואַלד.

דער ראש־המדברים אין וואַלד איז טוביה מילער פון פּאַריסאָוו. ער האָט ברייטע קאָנטשאַפט אין דער געגנט, און כמעט יעדן טאָג טיילט ער איין ערטער וווהין יעדער קאָן גיין אָפּעסן. ווען טוביה האָט מיך דערזען צום ערשטן מאָל, האָט ער זיך צעוויינט ווי אַ קינד. ער האָט גלייך פאַרזאָרגט פאַר מיר אַ זעקל קאַרטאָפל.

געווען אויך אין וואַלד, איינער מיטן נאָמען חיים. אַ פּיפּיקער יאַט, נישט קיין פּאַריסאָווער, אויך מיט אַ ביקס אָן אַ הענטל. ער האָט נישט אַזוי ליב געהאַט די מאכלים אין וואַלד, דערפאַר אָבער האָט ער געקענט אַ סך אַדרעסן וווּ מען קען קויפן אַ ביסל בראָנפן.

מיט אונדז אין וואַלד זענען אויך געווען דריי מיידלעך, נישט פון פּאַריסאָוו. איינע מיטן נאָמען ראָמאַ, פון טשענסטאָכאָוו. אַ שלאַנקע, אַ שיינע שאַטינקע. געהאַט מיטעלע בילדונג; סאַלאַ — אַ נידעריקע, מיט אַ דיקלעך, קיילעכדיק פנים, שטענדיק מיט אַ טיכל אויפן קאָפּ, האָט אויסגעזען ווי אַ שיקסע; נינאַ — אַ שטשופּלע מיידעלע, מיט אַן איידל פנימל פון אַ יונגער גימנאַזיסטיקע, געשטאַמט פון ראַדאָם.

חבלי־לידה פון דער באַפרייונג

במשך דער צייט וואָס מיר זענען געווען אין סטאַדזעווער וואַלד זענען פאָרגעקומען עטלעכע אָנפאַלן פון אָרטיקע כוליגאַנעס אויף אונדז, אָבער קיינער איז נישט געפאַלן. דער איינציקער וואָס איז שפּעטער אומגעקומען אין וואַלד בעת איינעם פון די דייטשע אָנפאַלן איז געווען מיין שוואָגער פישל. געשען איז עס אין 8־טן מאַי 1944.

דער לעצטער אָנפאַל אויף אונדז איז פאָרגעקומען, זונטיק, דעם 23־טן יולי 1944. מיר, אַלע יידן פון סטאַדזעווער וואַלד זענען געווען פאַרזאַמלט אין אַן אָפענער סטאַדאָלע, נישט ווייט פון וואַלד. פּלוצלינג, האָבן מיר דערזען ווי גויים צילעווען מיט זייערע ביקסן אויף אונדז. גלייך האָבן אָפּגעהילכט עטלעכע שאָסן, אָבער מיר האָבן באַוויזן צו אַנטלויפן. אין יענעם טאָג זענען שוין די דייטשן נישט געווען אין גאַרוואָלין, און די „אַקציע" קעגן די יידן האָבן דורכגעפירט די אָרטיקע גויים אַליין.

דאַנערשטיק, דעם 27־טן יולי 1944, בייטאָג, האָבן מיר, ליגנדיק אויף די סטאַדזעווער פעלדער, אָבסערווירט אַ פייער־לונע אין דער ריכטונג פון פּאַריסאָוו. די דייטשן האָבן דעמאָלט פאַרברענט דאָס שטעטל. אַ שטאַרקע שיסעריי האָט אָפּגעהילכט צפונדיק פון פּאַריסאָוו. די לעצטע שלאַכט האָט זיך דאָרט אָפּגעשפּילט צווישן דעם אָפּטרעטנדיקן דייטשן מיליטער, און די אָנגרייפנדיקע־רוסישע־מיליטערישע־כוחות. אַ פּאָר שעה שפּעטער האָט אויפן נאָענטן טראַקט פריי מאַרשירט רוסיש מיליטער. אין דעם מאָמענט האָבן מיר פאַרשטאַנען, אַז מיר זענען באַפרייט, אַז די אויסגעבענקטע מינוט איז געקומען.

מלכה פשאַנקעוויטש — באָסקי

איבערלעבענישן אין די מלחמה־יאָרן

אין סוף חודש נאָוועמבער פון יאָר 1939, זענען מיר; איך, מיין מאַן מרדכי בוסקי און מיין ברודער יוסף פשאַנקעוויטש וועלכער איז נאָך נישט געווען אַלט קיין צוואַנציק יאָר, אַוועק פון שטעטל כדי אָנצוקומען אויף דער רוסישער זייט.

איך געדענק נאָך ווי היינט, אַז עס איז געווען אין אַ דינסטיק, דער ד׳רויסן איז געווען אַ פאַרנעפּלטער און עס האָט שטאַרק געגאָסן. אויפן האַרץ איז געווען אַזוי שווער ווי נאָך קיין מאָל נישט.

בעת אונדזער אַוועקגיין פון שטוב זענען דאָרט געווען: דער טאַטע ישראַלטשע, אַ טייערער, גוטהאַרציקער מענטש, מיין טייערע מאַמע גיטל, מיין עלף יאָריק ברידערל אַברהמלע, מיין שוועסטער חנהטשע מיט איר מאַן הערשל מאַטושעוויטש און זייערע דריי קינדערלעך: צירעלע (פינף יאָר אַלט), משהלע (דריי יאָר) און סאַנעלע (איין יאָר). די מינוטן פון צעשיידן זיך זענען געווען טראַגישע, האַרצרייסנדיקע. מיין טאַטע האָט, וויינענדיק, זיך אָפּגערופן צו אונדז: „קינדער, איך וואָלט געווען זייער צופרידן, ווען איר וואָלט געקאָנט זיך דערשלאָגן קיין ארץ־ישראל״.

אַרויסגייענדיק פון שטוב האָבן מיר נישט פאַרגעשטעלט זיך, אַז מיר זעען אונדזערע נאָענטע צום לעצטן מאָל...

דורך וועגן און אומוועגן האָבן מיר זיך דערשלאָגן קיין ביאַליסטאָק

ווו מיין טאַטנס ברודער פייוול פשאַנקעוויטש האָט אונדז אויפגענומען מיט פרייד און טרערן. במשך די זעקס וואָכן וואָס מיר האָבן זיך דאָרט אויפגעהאַלטן, זענען צו מיין פעטער אין שטוב געקומען אַ סך אַנטלאָפענע פון פאַריסאָוו. ער האָט זיי געהאָלפן מיט עסן, מיט אַ געלעגער, און מיט וואָס נאָר ער האָט געקאָנט.

ווען די רוסן האָבן פאַרעפנטלעכט אַ באַפעל, אַז אין ביאַליסטאָק קאָנען בלייבן נאָר פריערדיקע איינוווינערס, זענען מיר אַוועק טיפער אין רוסלאַנד און דאָרט האָט פאַר אונדז זיך אָנגעהויבן אַ שווער לעבן.

אין יאָר 1941 האָט מיין ברודער יוסף פרייוויליק זיך מאָביליזירט אין דער רוסישער אַרמיי. ערשטנס האָט ער געוואָלט דערפילן זיין חוב צו קעמפן קעגן היטלערן, דעם שונא פון אונדזער פאָלק, און צווייטנס, האָט ער געהאָפט, אַז קומענדיק קיין פוילן וועט אים נאָך אפשר געלונגען צו געפינען ביים לעבן עמעצן פון אונדזער משפחה.

ליידער האָט מיין ברודער אַליין באַצאָלט מיטן לעבן. ער איז געפאַלן אויפן פראָנט, אין קאַמף מיט די דייטשן, און ביז היינט ווייסן מיר נישט ווו זיין געביין איז אַהינגעקומען. בלויז פון געראַטעוועטע שטעטלשע מענטשן זענען צו אונדז דערגאַנגען ידיעות, אַז מען האָט מיין יוספן געזען אין יאָר 1944 לעבן וואַרשע ווי אַ טאַנקיסט אין דער אַרמיי.

זאָלן די פאָר ווערטער זיין אַ מצבה אויף זיין קבר וואָס איז אונדז אומבאַקאַנט.

זינט דעמאָלט זענען שוין פאַרביי שיינע יאָרן און מיר פאַרגעסן נישט אונדזער ברודער, פונקט ווי איך קען נישט פאַרגעסן מיין מאַמעס צאַרטע הענט וואָס האָבן, אין אַ פרייטיק פאַרנאַכט זיך געשפרייט איבער די אָנגעצונדענע שבת־ליכט, איבער די העלע פייערלעך, בעטנדיק דערביי ביי גאָט אַז אונדזער מנוחה זאָל נישט ווערן צעשטערט, אַז עס זאָל אונדז קיינער נישט קאָנען טאָן קיין שלעכטס...

באַגלייטן אַזוי די בילדער פון אַ מאָל מיינע היינטיקע טעג און איך קאָן גאָר נישט זיך אָפרייסן פון דעם. אַזוי איינגעוואָרצלט זענען זיי אין האַרצן פון מענטש, אַזאַ ווייטאָקלעכע בענקשאַפט גייט שטענדיק אויף צו זיי.

זאָל דאָס „יזכור־בוך" נאָך מער אונדז פאַרבינדן מיטן אַמאָליקן לעבן, מיט אונדזערע אומגעבראַכטע עלטערן און משפחות, מיט אונדזער שיינעם עבר.

חיה לעדערמאַן

אין טעג פון מלחמה

איך האָב זיך אויפגעהאָדעוועט אין אַ זייער רעליגיעזער שטוב. מיין פאָטער משה גדליה לעדערמאַן שטאַמט פון לאַסקעראָוו און מיין מוטער חוה, **די טאָכטער פון שמאי פישמאַן, איז געבוירן אין פאָריסאָוו.**

אין שטוב זענען מיר געווען פיר קינדער. מיין עלטערער ברודער הערש מענדל איז געווען אַ טיכטיקער חבר אין דער אַגודיסטישער באַוועגונג אין פאָריסאָוו. ער איז אויך געווען אַן אינטעליגענטער בחור, האָט זייער אַ סך געלייענט.

מיין יונגערער ברודער רפאל איז געווען אַ מיטגליד אין דער „מזרחי" אָרגאַניזאַציע. איך און מיין שוועסטער נחמה האָבן אָנגעהערט צו דער „בית־יעקב" באַוועגונג.

ביז דער מלחמה האָבן מיר געלעבט אַ רויק און צופרידן לעבן, אָבער ווי נאָר די דייטשן זענען אַריין אין שטעטל, אין יאָר 1939, איז דאָס גאַנצע לעבן געוואָרן צעשטערט. שפעטער איז, ווי באַוווסט געשאַפן געוואָרן אַ יודנראַט און נאָך דעם זענען די יידן אַריינגעטריבן געוואָרן אין אַ געטאָ. די מענטשן פון יודנראַט האָבן זיך שלעכט אויפגעפירט כלפי דער געטאָ־באַפעלקערונג. מען האָט אַרויפגעלייגט גרויסע שטייערן אויף די פאַמיליעס, און אַזעלכע וועלכע האָבן נישט געקאָנט צאָלן די געפאָדערטע פון זיי געלט־סומעס זענען גענומען געוואָרן אין אַרעסט.

בעת דער טיפוס־עפידעמיע אין שטעטל איז צווישן אַנדערע אויך געשטאָרבן מיין עלטסטער ברודער הערש מענדל. פון טאָגבוך וואָס ער האָט געשריבן, זענען מיר געוווּיר געוואָרן וויפל ער האָט געטאָן פאַר אָרעמע מענטשן.

מיין יונגערער ברודער רפאל איז געוואָרן אַוועקגעשיקט אין אַרבעטס־לאַגער כיזשין.

אין דער נאַכט פאַר דער אויסזידלונג, האָב איך זיך געפונען אויף דער קריסטלעכער זייט. איך האָב נישט געקאָנט זיך אומקערן צו מיינע עלטערן, און כ'האָב זיך אויסבאַהאַלטן אין אַ קופּע שטרוי. אַ גאַנצע נאַכט האָב איך געהערט אַ שיסעריי און נישט געוווּסט וואָס עס געשעט אין שטעטל. ווי נאָר עס האָט אָנגעהויבן טאָגן, בין איך אַנטלאָפן קיין כיזשין, ווו איך האָב זיך דערוווּסט, אַז מען טרייבט אַרויס אַלע יידן פון געטאָ כדי אָפּצושיקן זיי קיין טרעבלינקע. אין לאַגער כיזשין האָב איך זיך געטראָפן מיט מיין ברודער רפאל.

אָפּזייענדיק אַ פּאָר וואָכן אין כיזשין, האָב איך זיך געטראָפן מיט אַ

פאַריסאָווער אינזשעניר באַכאַנסקי וועלכער האָט מיר צוגעזאָגט אַרויסצונעמען מיך קיין וואַרשע. דער קריסט האָט געהאַלטן וואָרט. אין איינעם אַן אָוונט איז ער געקומען אין לאַגער אַריין און האָט מיך אַרויסגענומען צוזאַמען מיט מיינס אַ פריינדין פון סטאַצק און געבראַכט קיין וואַרשע.

דער אינזשעניר באַכאַנסקי און זיינס אַ פריינד מיטן נאָמען ציווינסקי, אויך אַן אינזשעניר, האָבן מיר צוזאָגט, אַז נאָך אַ קורצער צייט וועט מען אויך מיין ברודער קענען אַריבערנעמען קיין וואַרשע (מיט אַ יאָר צוריק האָט דער אינזש. ציווינסקי באַזוכט ישראל).

ליידער איז נישט געלונגען צו ראַטעווען דעם ברודער, ווייל ווען מען איז געקומען קיין כיזשין, איז דער לאַגער שוין געווען ליקווידירט.

איך האָב זיך אויפגעהאַלטן אין וואַרשע ביז דעם פוילישן אויפשטאַנד אין יאָר 1944. נאָכן אויפשטאַנד בין איך אַוועק קיין טשענסטאָכאָוו ווו איך בין געווען אין אַ לאַגער ביז אַנהייב 1945. גלייך נאָך דעם ווי איך בין געוואָרן באַפרייט בין איך געפאָרן קיין פאַריסאָוו, רעכענענדיק, אַז כ׳וועל טרעפן עמעצן פון מיין פאַמיליע. ליידער האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז כ׳בין די איינציקע לעבנגעבליבענע פון דער גאַנצער משפחה. איך האָב אפילו נישט קיין שום בילד פון מיינע נאָענטסטע, און איך טראָג זיי מיט מיר אין מיין זכרון, אויף דער וואָר און אין חלום.

אביגדור גוטמאַרגן / נתניה

פון פאַריסאָוו ביז סיביר

אין יאָר 1939 בין איך אַנגעקומען מיט מיין משפחה קיין מערב־אוקראַינע. דאָרט איז מיין פרוי געשטאָרבן און אונדז האָט מען פאַרשיקט קיין סיביר. אין מערב־אוקראַינע איז בלויז געבליבן מיין טאָכטער לאה, און ווען די דייטשן זענען אַריינגעקומען האָבן זיי זי אומגעבראַכט.

אין די סיבירישע טייגעס האָבן מיר פיל מיטגעמאַכט. ווען מען האָט באַפרייט די פוילישע בירגער פון פאַרשיקונג און מיר זענען אַרויס פון סיביר, האָט מען גענומען מיין זון יוסף אין דער פוילישער אַרמיי אַריין, און ער איז געפאַלן אויפן פראָנט אין יאָר 1944.

אין יאָר 1946 זענען מיר אַרויסגעפאָרן פון רוסלאַנד קיין פוילן ווו מיר האָבן זיך אויפגעהאַלטן אַ קורצע צייט און מיר זענען אַריבער קיין עסטרייך. דאָרט האָבן מיר געלעבט דריי יאָר ביז מיר האָבן עולה געווען קיין ישראל.

אין לאַנד לעבט מיט מיר מיין זון יהושע וועלכער איז אין אָנהייב פון דער מלחמה אַלט געווען פיר יאָר.

רייזל שעדלעצקי

אין יענע שווערע טעג

מיין טאַטע יאַנקל שעדלעצקי איז געבוירן אין פאָריסאָוו און האָט שטאַרק פאַרערט דאָס שטעטל און זיינע מענטשן. איך געדענק נאָך, ווי היינט, אונדזער וווינונג, אין הויף ביי איידל ישעיהס, אויף פאָשוויענטנער גאַס.

אונדזערע עלטערן האָבן געפירט אַ שטיל, בכבודיק לעבן, געהאַט זעקס קינדער, זיי חתונה געמאַכט, דערלעבט צו זען פון זיי אייניקלעך, און געשעפּט פון זיי נחת.

בעת דער מלחמה זענען מיר געווען אין וואַרשע. ווען איך בין אַוועק פון דער שטאָט, האָב איך זיך געבעטן ביי די עלטערן און ביי די ברידער און שוועסטער, זיי זאָלן מיטגיין מיט מיר, האָט מיר דער טאַטע דערויף געענטפערט: אונדז, עלטערע, וועט גאָר נישט געשען, אָבער, איר, יונגע, ראַטעווועט זיך.

אין דער זעלבער צייט האָט די מאַמע צו מיר געזאָגט: „רייזל, דו גייסט אַוועק, ווער ווייסט צי כ׳וועל דיך נאָך אַ מאָל זען? ביסט מיר אַזוי שווער אָנגעקומען, אַזוי שווער״.

מיין זון איז דעמאָלט אַלט געווען, בסך הכל, צוויי יאָר, און אַז די מאַמע האָט נישט געוואָלט אים אַרויסגעבן מיר פון אירע הענט, האָט דער טאַטע זיך אָפּגערופן צו איר: „רבקה, לאָז זיי גיין, לאָז זיי זיך ראַטעווען, זאָל זיי גאָט אויסהיטן פון שלעכטס״.

קלינגען נאָך היינט אין מיינע אויערן מיינע עלטערנס רייד, זייער מינוטן פון אונדזער געזעגענען זיך און די וויטיק שווערט אַזוי אויפן האַרץ ווי קאָכעדיק בליי.

אין די ביטערע מלחמה־טעג זענען אומגעקומען מיינע עלטערן, דער עלטסטער ברודער נאָטע מיט זיין פרוי און דריי קינדער, מיין שוועסטער מלכה מיט איר מאַן און פינף קינדער, און מיין ברודער אברהמטשע מיט זיין פרוי און פיר זין.

דאָ אין לאַנד, בין איך אַליין מיט מיין פאַמיליע. אין אַמעריקע האָב איך אַ שוועסטער און אַ ברודער.

רחל לאה מלעטשקאָוויטש

אין פאַרברענטן פאַריסאָוו
(דער טראַגישער סוף פון מיין משפחה)

— — — די ערשטע טעג פון חודש סעפטעמבער, אין יאָר 1939.

אויף די צעהויקערטע, אויסגעקרומטע שטיינער, אַרום מרדכי דודס הויז, זיצן פאַרדאגהטע יידן, און שמועסן. פאַרצווייפלטע, אין ציטער פאַרן מאָרגנדיקן טאָג, פאַר דעם וואָס עס קאָן געשען, גיט מען זיך איבער וועגן די דייטשע באָמבאַרדירונגען אין דער געגנט אַרום וואַרשע, און וועגן דעם וואָס די דייטשן אַליין טוען אָן די יידן וווהין נאָר זיי קומען אַריין.

דער זאָרגלאָז־געמיטלעכער שטייגער פון די שמועסן וואָס פלעגן דאָ געפירט ווערן אין די ליכטיקע זומער־פאַרנאַכטן — איז אָוועקגעקומען.

פון שטענדיק אָן זיצן דאָ די יידישע קצבים פון פאַריסאָוו. נאָך אַ טאָג אַרבעט פלעגן זיי דאָ זיך צונויפקומען און אָנדערציילן זיך מעשיות וועגן אַלץ, וועגן דעם וואָס עס געשעט אין דער וועלט, און אין שטעטל. אַ פריילעכקייט פלעגט פון דעם אָרט זיך פונאַנדערטראָגן. אָבער אַצינד איז דאָ אַלעמען טרויעריק אויפן האַרץ. אַ חשכות אין שטעטל. די שטובן זענען פאַרטונקלט. אַ ברעקל ליכט טאָר זיך נישט באַווייזן. זיצט מען אַזוי אין דער פינצטער, פאַרצערט, פאַרקלעמט, און מען רעדט וועגן דעם וואָס עס וועט זיין, ווען „זיי" — די זעלנער פון היטלער־אַשמדי — וועלן אַריינקומען אין שטעטל.

מרדכי דוד האָט זיך צוגעשאַרט צו מיין פאָטער און אים אַ זאָג געטאָן: „יאַנטשע, דו זעסט דאָך, אַז דער דייטש געפינט זיך שוין הינטער אונדזערע פלייצעס, טאָ שפּאַן איין פערד און וואָגן, נעם מיט זיך די קינדער און פאָר צו דער רוסישער גרענעץ".

איך האָב אין דעם מאָמענט אַ בליק געטאָן אויף מיין טאַטן. ער איז נאָך געווען אַ יונגער מענטש. שטענדיק — אַ לוסטיקער, פול מיט לעבנספרייד, און אַצינד האָט ער, אין מיינע אויגן, אויסגעזען, ווי ער וואָלט פּלוצלינג זיך כּאַרעלטערט. פּאַמעלעך, וואָרט ביי וואָרט, האָט ער, מיט אַ פּאַרקלעמטער שטים אָפּגעענטפערט מרדכי דודן: „ביסט גערעכט, אַוודאי ביסטו גערעכט, מען דאַרף אַזוי טאָן, אָבער מיר, דו, ווי איך, זענען שוין צו אַלט דערצו. זאָלן יונגערע פון אונדז פאָרן, זאָלן מיט אונדז אַליין — ווי גאָט וועט פירן, אַזוי וועט מיט אונדז זיין".

* *
*

די צרות האָבן זיך אָנגעהויבן ווי נאָר די דייטשן זענען אַריין. דער פּסיכאָז פון אַנטלויפן האָט שטאַרק באַהערשט די פּאָריסאָווער יוגנט. עלטערן האָבן דאָס שטאַרק איבערגעלעבט; זיי איז שווער געווען זיך צו שיידן מיט זייערע קינדער, און האָבן מיטגעגעבן זייער ברכה: „פאָרט געזונטערהייט, קינדערלעך, געזונטערהייט".

חול־המועד סוכות, אין יאָר 1939, זענען מיר, איך און מיין מאַן הערש, מיט אַ קליין קינד אויף דער האַנט (הענעכל), אַוועק — מיט משה פּסח בערלס וואָגן — צום בוג. מיר זענען אַריבער דעם טייך און האָבן געוואַנדערט ביז דער שטאָט באַראַנאָוויטש וואָס איז אין צווישן באַזעצט געוואָרן דורך די רוסן.

פּונקט ווי מיר, זענען נאָך אַ סך יידישע יוגנטלעכע פון פּאָריסאָוו, אַוועק אויף מזרח און האָבן זיך צעשפּרייט איבער די פּוילישע מזרח־געביטן וואָס זענען פאַרנומען געוואָרן דורכן ראַטנפאַרבאַנד.

אָפּגעריסן פון דער היים האָבן מיר פון דעסטוועגן געהערט וועגן די אַכזריותדיקע מעשים פון די דייטשן איבער די יידן, אָבער פאַר קיין פאַל האָבן מיר נישט פאַרגעשטעלט זיך דעם פאַרנעם פון דעם אומגליק, פון דער שוידערלעכער אויסראָטונג.

איז דאָס אַלץ טאַקע אמת?

אין יאָר 1945, נאָך דער באַפרייונג, אויפן וועג צוריק קיין פּאָריסאָוו, האָבן מיר אָנגעטראָפן אויף באַקאַנטע פון שטעטל, די פריינד: חיים אָלשעוויצקי, זיין פרוי און קינדער, און יאַנקל גאָלדשטיין מיט זיין חוהן. דאָס צוזאַמענטרעפן זיך מיט אָפּגעראַטעוועטע פּאָריסאָווער יידן האָט ביי אונדז אַרויסגערופן פרייד וואָס איז געווען געמישט מיט צער און ווייטאָג איבער די אומגעקומענע. דאָס געפיל פון פאַריתומטקייט האָט אונדז פאַראייניקט, אַ שטייגער, מיר וואָלטן געווען ברידער און שוועסטער פון איין משפּחה.

פּאָריסאָווער יידן, צוריקגעקומענע פון רוסלאַנד, האָבן זיך אָפּגעשטעלט, ווער — אין דייטשלאַנד און ווער — —אין שלעזיען, אין די נייע שטעט וואָס

זענען געוואָרן פאַרנומען דורך פּוילן. מיר אַליין האָבן די ערשטע צייט געוווינט אין שטשעטשין. פון דאָרט זענען מיר אַריבער קיין לאָדזש, וואָס איז דעמאָלט געווען באַוווינט דורך אַ גרעסערע צאָל אַפּגעראַטעוועטע יידן.

מיר האָבן זייער געוואָלט וויסן פּרטים וועגן דעם וואָס עס איז געשען מיט אונדזערע פּאַריסאָווער יידן, מיט אונדזערע נאָענטע. אָבער אַרויסרירן זיך אויף דער פּוילישער פּראָווינץ, מאַכן אַ „שפּאַציר" איבערן שטעטל, איז, צו יענער צייט, געווען פאַרבונדן מיט סכנת־נפשות.

מיין מאַן, הערש, האָט פון דעסטוועגן זיך איינגעשטעלט. אין שטוב האָט ער געזאָגט, אַז ער פאָרט קיין וואַרשע, אין יידישן קאָמיטעט אַריין, אויפזוכן אַדרעסן פון באַקאַנטע. אין דער אמתן איז ער אַראָפּגעפאָרן קיין פּאַריסאָוו. ער איז צוריקגעקומען מיט דער שוידערלעכער בשורה וועגן דעם וואָס עס איז דאָרט געשען מיט אונדזערע יידן. עס איז שווער געווען שלום צו מאַכן מיטן געדאַנק, אַז דאָס אַלץ איז אמת, אַז דאָס אַלץ האָט טאַקע פּאַסירט. מיר האָבן אָבער גלייך באַנומען, אַז דאָס איז אַ ווירקלעכקייט, אַ טרויעריקע ווירקלעכקייט: געווען אַ שטעטל מיט מענטשן, באַקאַנטע, פריינד, טייערע עלטערן, ברידער און שוועסטער — קיינעם פון זיי וועלן מיר מער נישט זען, ווייל די דייטשן האָבן זיי אויסגעראָטן.

אויף „קבר־אבות" אין חרובן יידישן פּאַריסאָוו

שפּעטער, ווען די וועגן אין פּוילן האָבן אָנגעהויבן ווערן, פּיל־ווייניק, זיכערער פאַר יידן, בין איך אַראָפּגעפאָרן קיין פּאַריסאָוו. כ'בין נאָר אַריבער דאָס בריקל אויף דער גאַרוואָלינער גאַס, און מיט אַ מאָל האָב איך דערזען: הוילע, פאַרברענטע גאַסן, אַזש ביז די פעלדער פון דער קאָזלאָווער גאַס. ליידיקע גאַסן, אָן הייזער. אין מיטן מאַרק איז בלויז געבליבן דער קאָשטשאָל. קריסטן האָבן מיך אָפּגעשטעלט. יעדער האָט מיר געוואָלט טאָן אַ „טובה" און דערציילן ווי אַזוי עס איז געשען... נאָך דעם ווי כ'האָב אַלץ אויסגעהערט, האָב איך, פון שוואַכקייט, זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטיין פון אַ הויז־פונדאַמענט, פאַרבראָכן די הענט, געקלאָגט ווי אַן אָבל וואָס זיצט אַרום אַ קבר אויף אַ בית־הקברות, און קאָן נישט, אָדער וויל נישט געפינען קיין טרייסט.

דער אומקום פון מיין משפּחה

וועגן דעם אומקום פון מיינע משפּחה־מענטשן; עלטערן, ברידער און שוועסטער, האָט מען מיר אַזוי איבערגעגעבן:

אין טאָג פון דער אויסזידלונג אין פּאַריסאָוו, זענען, דער טאַטע און די מאַמע מיט די יינגערע קינדער געטריבן געוואָרן קיין פּילאַווע. דאָרט האָט מען זיי אַריינגעפּאַקט אין וואַגאָנען כדי אַוועקגעפירט צו ווערן קיין טרעבלינקע.

די מאַמע האָט געטראָגן אויף דער האַנט אַ קליין קינד וואָס איז געבוירן געוואָרן אין די לעצטע חדשים פאַרן אויסבראָך פון דער מלחמה. אויפן אָרט זענען פאַרבליבן די צוויי עלטערע קינדער: דער עלטסטער ברודער ירמיהו און די שוועסטער שרה — אַ 17 יאָריק, בליענדיק מיידל, געראָטן, שיין ווי דער טאָג, מיט אַ פּאָר בלויע אויגן און אַ בלאָנדן קאָפּ האָר. ירמיהו האָט די גאַנצע צייט געטרוימט וועגן גיין אין וואַלד און ווערן אַ פּאַרטיזאַן, אַ קעמפער קעגן די דייטשן. ער איז טאַקע אַוועק אין וואַלד, און שפּעטער — געפאַלן בעת אַ גרויסע אָבלאַווע פון די דייטשן אין לוקאָווצער וואַלד. שרהן האָבן באַקאַנטע פּאָליאַקן צוגעזאָגט אויסצוהיטן פון שלעכטס, אָבער זי איז דערמאָרדעט געוואָרן דורך באַקאַנטע כוליגאַנעס; די ברידער וואָלאַדעק און בערנאַרד, פון די מעטעראָס, אין פּאָריסאָוו.



ירמיהו גוטנאַכט און זיין שוועסטער שרה גוטנאַכט

ווי איך האָב זיך דערוווסט, האָבן די צוויי כוליגאַנעס געלאָקערט אויף מיין שוועסטער וועלכע האָט זיך אויסבאַהאַלטן אויפן פּאָריסאָווער צעמענטאַזש. זיי האָבן זי געכאַפּט און זי האָט זיך געראַנגלט מיט זיי מיט די ציין און די נעגל. אַרומיקע שכנים האָבן געהערט אירע געוואַלדן. די אויסוואורפן זענען סוף־כל־סוף זי בייגעקומען און האָבן זי דערשטאָכן אויף טויט.

דער טאַטע איז געשפּרונגען פון לויפנדיקן צוג וואָס האָט געפירט די פּאָריסאָווער יידן קיין טרעבלינקע. אַ צעקלאַפּטער, האָט ער געוואַנדערט ביז

ער איז אָנגעקומען קיין פּאַריסאָוו. די ערשטע הילף האָט אים דערלאַנגט דער „גאַספּאַדאַזש״ אַלעקסאַנדער וויאַטראַק. ער האָט אים אַרומגעוואַשן, באַנדאַזשירט, און געהיילט די וווּנדן. מיין פאָטער איז אויך געווען אין די נאָענטע וועלדער. צוזאַמען מיט מאירלען, משה חיים פּאָסקלינסקיס יונגסטן זון, איז ער געקומען קיין פּאַריסאָוו און דאָרט זענען זיי ביידע אומגעבראַכט געוואָרן אויף אַן אַכזריות־דיקן אופן. געשען איז דאָס אין דעם זעלביקן פּיאַסקאָווער געסל, ווו דער טאַטע האָט אַזוי פיל יאָרן געשפּרייזט אַ זיכערער, פול מיט לעבן. גייענדיק דאָרט זענען ביידע פאַרהאַלטן געוואָרן דורך אַ גרופּע פּוילישע כוליגאַנעס, און ווי מען דערציילט, האָט דער פּאַריסאָווער הינטשלעגער אַ סוף געמאַכט צו זייערע לעבנס: פּשוט, מיט אַ האַק אָפּגעהאַקט ביי זיי די קעפּ. דער דאָזיקער פאַקט איז באַשטעטיקט געוואָרן בעת דער דורכגעפירטער עקסהומאַציע, אין יאָר 1947.

די עקסהומאַציע פון די 39 דערשאָסענע יידן

אין יאָר 1947, האָט מיין מאַן הערש זיך פאַרבונדן מיטן באַקאַנטן עסקן שמואל לאַקסמאַן פון גאַרוואָלין (געשטאָרבן אין ישראל) און מען האָט אַרויסבאַקו־מען אַ דערלויבעניש אַדורכצופירן די עקסהומאַציע פון די 39 יידן, דערשאָסענע גלייך נאָך דער אויסזידלונג, אויפן חזיר־מאַרק, הינטער דער גמינע. בעת דער עקסהומאַציע זענען אויך געווען אַנוועזנדיק די קינדער פון דער משפחה הערץ אין גאַרוואָלין וואָס האָבן אָפּגעגעבן כבוד זייערע עלטערן וועלכע זענען דאָרט דערשאָסן געוואָרן.

מיט דער הילף פון דער פּאַריסאָווער פּאָליציי, זענען דורכגעפירט געוואָרן זוכונגען אויפן פּוילישן צמענטאַזש כדי צו געפינען דאָס קבר פון מיין שוועסטער שרה. לויט די אָנווייזונגען פון פּאַריסאָווער גלח, זענען צעגראָבן געוואָרן אַ סך קברים, און ליידער, האָט מען דער שוועסטערס קבר נישט געפונען. דאַקעגן האָט מען אין פּיאַסקאָווער געסל זיך אָנגעטראָפן אויפן קבר פון מיין פאָטער און מאירלען; באַזונדער די גופים, און באַזונדער — די קעפּ. מיר האָבן זיי געבראַכט צו קבורה אויפן געגנשער בית־עולם, אין וואַרשע. אויפן קבר איז אַוועק־געשטעלט געוואָרן אַ מצבה און דער אויפשריפט אויף איר דערציילט וועגן זייער אַכזריותדיקן טויט. ווי לאַנג מיר זענען געווען אין פּוילן, זענען מיר געגאַנגען אויף קבר־אבות און האָבן פאַרגאָסן ימען מיט טרערן אויף דעם גרויסן אומגליק וואָס איז אונדז געשען.

די לעצטע לוויה אין געטאָ,

און די איינציקע יידישע לוויה נאָכן חורבן

וועגן דער לעצטער לוויה אין געטאָ, האָט מען מיר דערציילט דאָס ווייטערדיקע:

— — — מיטן אַלטן וועג צום בית־עולם, דורך דעם בּראָווסקער געסל, איז באַגלייט געוואָרן דער לעצטער בר־מינן פון געטאָ — דער אַלטער ר׳ שאולקע. דאָס איז געווען צוויי טעג פאַר יום־כיפור, האַרט פאַר דער אויסזידלונג. ר׳ שאולקע וועלכער איז ביז דער לעצטער רגע געווען ביים פולן באַוווסטזיין, האָט פאַרן טויט, אויסגעדריקט זיין צופרידנקייט פון דעם וואָס עס איז אים באַשערט אַוועקצוגיין פון דער וועלט און קומען צו קבר־ישראל.

ווען עס איז פאָרגעקומען זיין לוויה, איז אַ גרויסע צאָל יידן אַרויס אים באַגלייטן, אָבער נישט מער ווי ביז צום בריקל, ביים עק פון רבינס גאַס, ווייל מער האָט מען נישט געטאָרט גיין. זיי האָבן בלויז נאָכגעקוקט די עגלה מיט די עטלעכע חברה־קדישא־לייט (זיי האָבן געהאַט אַ דערלויבעניש צו פאַרלאָזן, בעת אַ לוויה, דעם תחום פון געטאָ) וועלכע זענען געוואָרן פאַרשווינדן צווישן די ביימער, אין נאָענטן וועלדל.

— — — און נאָך אַ לוויה.

די לוויה פון די 39 אומגעבראַכטע יידן, וועמעס ביינער עס זענען אויס־געגראָבן געוואָרן כדי איבערגעפירט צו ווערן קיין וואַרשע, אויפן גענשער בית־עולם. זי איז געגאַנגען מיט דער גאַרוואָלינער גאַס, מיטן זעלבן וועג, דורך וועלכן די פאַריסאָווער יידן און די פליטים זענען אַרויסגעטריבן געוואָרן פון שטעטל כדי אַוועקגעשיקט צו ווערן קיין טרעבלינקע.

אין זעכצן קאַסטנס האָט מען געפירט די גופים, און אונדז אַלעמען האָט זיך אויסגעדאַכט, אז מיר גייען אויף דער לוויה און באַגלייטן צו אייביקער רו די גאַנצע אומגעבראַכטע, הייליקע, פאַריסאָווער יידישע עדה.

אריה קופערבוים

יאָרן פון מלחמה און וואַנדער

ווען די פויליש־דייטשע קריג איז אויסגעבראָכן, זענען מיר, אַ גרופּע פאַריסאָווער, געווען אין וואַרשע. פיר וואָכן צייט זענען מיר געווען אונטער אַ האָגל פון באָמבעס און קוילן, און על־פּי־נס, האָט אונדז אויסגעמיטן דער טויט.

מיר האָבן געזוכט וועגן ווי אַזוי זיך אַרויסצורייסן פון דער אָקופּירטער וואַרשע, און אַנקומען צוריק קיין פאַריסאָוו. אין איינעם אַ טאָג, האָבן מיר זיך אַרויסגעלאָזט אין וועג. צוקומענדיק צו דער ערשטער בריק פון וואַרשע־



אריה קופּערבוים

פּראַגע, האָבן דייטשן אונדז געכאַפּט צו צוואַנגאַרבעט, ווו מיר האָבן, במשך עטלעכע שעה, געשפּירט אויף אייגענער הויט, די דייטשע אַכזריותדיקייט. מיר האָבן באַקומען געשלאָגן מכות־רצח מיט די קאָלבעס פון די ביקסן און מיט שפּיצרוטן. מיטאָגצייט, ווען די דייטשן האָב זיך אָוועקגעזעצט עסן, האָבן מיר אויסגענוצט די געלעגנהייט און מיר זענען אַנטלאָפן. אָבער אַרויסצובאַקומען זיך פון דער שטאָט איז נישט געווען אַזוי לייכט. זי איז געווען אַרומגערינגלט מיט מיליטער. מיר זענען געקראָכן איבער הייזער־חורבות און דעכער, האָבן דורכגעריסן פּאַרצוימונגען, און מיט זייטיקע װעגעלעך, זיך דערווייטערט פון דער הויפּטשטאָט. אַרום עלף ביי נאַכט פון זעלבן טאָג זענען מיר אָנגעקומען קיין פּאַריסאָוו. דאָס שטעטל איז שוין געווען איינגעהילט אין שלאָף און אין אַ מאָדנער שטילקייט און רויקייט. איך האָב געהאַט דאָס געפיל, אַז דאָ, אין קליינעם שטעטל, ווייסט מען נאָך נישט וואָס די דייטשן האָבן שוין באַוויזן אָפּצוטאָן אין דער גרויסער וואַרשע; אַז זיי האָבן שוין מערדעריש אומגעבראַכט טויזנטער מענטשן, צווישן זיי אָן אַ שיעור יידן (אַזוי, למשל, האָב איך אַליין געהאָלפן אויפלאָדענען צענדליקער טויטע אויף די וועגענער פון דער חברה־קדישא אין וואַרשע; מיינעם אַ קוזין, וועלכער איז געפאַלן פון אַ דייטשן שראַפּנעל, האָבן זיינע עלטערן אַליין אַוועקגעטראָגן אויפן בית־עולם און אים דאָרט קובר געווען, ווייל די חברה־קדישא האָט זיך נישט געקאָנט קיין עצה געבן מיט אַזוי פיל טויטע; מיט מיינע אויגן האָב איך אויך געזען ווי אַ יידישע פרוי איז אַרומגעלאָפן מיט אַ הענטל וואָס איז ביי איר געבליבן פון איר קינד וואָס זי האָט נאָר וואָס געהאַט געפירט אין גאַס און איז געהרגעט

געוואָרן פון אַ באָמבע־שפּליטער. די פרוי איז, ווייזט אויס, אַראָפּ פון זינען, ווייל זי איז געלאָפן פון מענטש צו מענטש און געראָפן „גיט מיר אָפּ מיין קינד, מיין חנהלע״).

אין שטעטל איז, ווי געזאָגט, געווען רויק און שטיל, און עס האָט זיך געקאָנט אויסדאַכטן, אַז די מלחמה האָט דערווייל אויסגעמיטן אונדזער פּאַריסאָוו. אָבער גלייך צו מאָרגנס נאָך מיין אָנקומען, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אויך פּאַריסאָוו איז נישט קיין גן־עדן אויף דער ערד ביי די דייטשן. באַלד אין דער פרי איז מיין שוועסטער אסתר רבקה אַריינגעלאָפן אַ וויינענדיקע אין שטוב: „הינטער דער שטאָט, האָט זי דערציילט, ליגן דערהרגעטע צוויי יידישע קצבים פון פּאַריסאָוו — הענעך און דוד״.

די לאַגע אין שטעטל ווערט ערגער

אין איינעם אַ טאָג זענען די דייטשן אַראָפּגעקומען אין שטעטל אַריין. און ביי דער געלעגנהייט האָבן זיי געכאַפּט עטלעכע יידן (מענדל שייעס, שמואל גאָלדבערג — דער צוקערלעך־מאַכער, יצחק סאָלדאַט — דער מלמד, און נאָך אַנדערע), און אָפּגעשוירן ביי זיי די בערד. אין שטעטל איז געוואָרן אַ פּאַניק. די יידן האָבן שנעל פאַרמאַכט זייערע קראָמען, זענען אַריין אין די שטובן, האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אויף בוידעמס, אין שטאַלן, און אין קעלערן.

די דייטשן זענען צוגעלאָפן צו אַ יידיש שניטגעשעפט (דער אייגנטימער האָט נישט געהאַט באַוויזן עס צו פאַרמאַכן, ווייל עס זענען אינעווייניק געווען עטלעכע קונים), האָבן אַ כאַפּ געטאָן דעם בעל־הבית פון געשעפט, און אים אָפּגעשוירן די באָרד. דערנאָך האָבן זיי גענומען באַלנס סחורה און אַרויס־געשליידערט זי אין גאַס. דאָס איז געווען אין אַ זונטיק, און דאָרפישע פּויערים וועלכע זענען געקומען אין קלויסטער אַריין, האָבן גענומען כאַפּן די סחורות, נישט באַצאָלנדיק קיין גראָשן דעם ראַבירטן סוחר.

ווי נאָר די דייטשן זענען אַוועק, זענען אַרויס עטלעכע יידישע יוגנטלעכע (נאָטע גוטמאָרגן, נח און אהרן גוטמאַן, און אַנדערע) און האָבן זיך געוואָרפן אויף די פּויערים, זיי גוט אויסגעמוסרט, און אָפּגענומען ביי זיי, כמעט, די גאַנצע סחורה.

אָבער די לאַגע אין שטעטל, איז געוואָרן ערגער פון טאָג צו טאָג. דייטשן האָבן זיך אָפטער באַוויזן און אָנגעטאָן צרות. יידן האָבן מורא געהאַט אַרויסצוגיין אין גאַס כדי נישט געכאַפּט צו ווערן אויף אַרבעט. ס׳איז אויך נישט געווען פון וואָס צו פאַרדינען אויף חיונה. אין יענע טעג האָט מען אָנגעהויבן רעדן אין שטעטל וועגן אַוועקלאָזן זיך אויף דער רוסישער זייט, וווּ מ׳קאָן לעבן פריי און רויק. פּאַריסאָווער יידן, באַזונדערס די יוגנט, האָבן גענומען דעם וואָנדער־שטעקן און זיך געלאָזט, מיט אַלע וועגן, צו דער רוסישער גרענעץ.

מיר גייען אויף מזרח, צו די רוסן

דעם 20־טן דעצעמבער 1939, שפּעט ביינאַכט, האָבן מיר, איך און מיין פאַמיליע, און נאָך אַנדערע, זיך געזעגנט, יעדער מיט די סאַמע נאָענטסטע זיינע, און זיך געגרייט אין וועג אַריין. טרערן און שטיל געוויין האָבן אונדז אַרויס באַגלייט פון די היימען, וועלכע מיר האָבן פאַרלאָזט מיט אַ שווער געמיט. יעדער איינער האָט ביי זיך אין האַרצן געטראַכט: ווער ווייסט, צי מען וועט זיך נאָך ווען עס איז זען.

די נאַכט איז געווען אַ העלע. די לבנה האָט שפּאַצירט איבער אונדז, ווי צוצולייכטן אונדז דעם סודותפולן וועג. מיר זענען פאַרבייגעגאַנגען דאָס בית המדרש, און די גרויסע, הייליקע שול, וווהין מיר פלעגן אַריינקומען תפילה טאָן צום באַשעפער. עפּעס האָט אַ צער זיך פאַרשטעקט טיף אין האַרץ מיט דעם דערווייטערן זיך פון די דאָזיקע הייליקטימער, אין וועמעס נאָענטקייט מ׳האָט זיך געפילט ווי געשיצט. עס האָט באַנג געטאָן דאָס פאַרלאָזן עלטערן, ברידער און שוועסטער.

מיט די רוקזעק אויף די פלייצעס, האָבן מיר געטריטלט אין די זאַמדן, זענען פאַרבייגעגאַנגען דעם פאַריסאָווער בית־עלמין. די העלע, נאַקעטע מצבות־שטיינער האָבן אויסגעזען ווי גופים, וואָס האָבן זיך אויפגעהויבן פון קברים, און, ווי געוואָלט זיך געזעגענען מיט די וואָס פאַרלאָזן זיי אין אַזאַ אומרויקער צייט...

נאָר מיר זענען געגאַנגען פאַרויס און פאַרויס. שפּעטער האָבן מיר זיך אויפגעזעצט אויף אַ וואָגן און געפאָרן שנעל, דורך וועגן און אומוועגן, און געהאַט פאַר זיך איין ציל: צוקומען צום טייך בוג, אַריבערגיין די גרענעץ, און אָנקומען אויף דער רוסישער זייט.

אויף יענער זייט גרענעץ

צעטיילט אין גרופּעס, האָבן מיר, דורך פעלדער, וועלדער און טייכן, זיך דערשלעפּט נאָענט צו דער גרענעץ. מיין פרוי שרה, איך און אונדזערע דריי קליינע קינדער, זענען אָנגעקומען קיין מאַלקין, ממש, מיט די לעצטע כוחות, און כמעט ווי מיט אויסגעליידיקטע טאַשן. מיר האָבן אָפּגעגעבן די דייטשן דאָס לעצטע ביסל געלט וואָס מיר האָבן נאָך געהאַט, און דערפאַר האָבן מיר „זוכה״ געווען צו באַקומען פון זיי בלויז „טרוקענע״ קלעפּ. גליקלעכע זענען מיר צוגעלאָפן צום „נייטראַלן פּאַס״ וואָס האָט אָפּגעטיילט די דייטשן פון די רוסן. אָבער... די רוסן האָבן אונדז צו זיך נישט צוגעלאָזט. פון דער דייטשער זייט זענען כסדר אָנגעקומען פליטים, באַגאַסענע אין בלוט, צעביילטע, אָבער גיין פאַרויס איז נישט געווען מעגלעך, ווייל די רוסישע זעלנער האָבן נישט געלאָזט אַריבערגיין דעם „נייטראַלן פּאַס״. אויף דעם שטיקל „פרייען״ שטח,

האָבן מיר נישט געהאַט אַפילו ווו אָוועקצולייגן דעם קאָפּ. ווען עס איז צוגעפאַלן די נאַכט, האָבן מיר נאָך נישט געוווּסט אויף וועלכער וועלט מיר זענען. די קינדער זענען געווען מיד און שלעפעריק. מיר האָבן זיי אויסגעלייגט אויף דער ערד און זיי איינגעהילט אין וואָס עמעצער האָט נאָר געהאַט. אין צווישן האָט אָנגעהויבן אַראָפפאַלן אַ דינער שניי וואָס האָט זיך געשפרייט אויף דער ערד ווי אַ ווייסער דיוואַן. באַזאָרגטע מאַמעס זענען געשטאַנען, איבערגעבויגענע, איבער זייערע קינדער, כדי דער שניי זאָל אויף זיי נישט אַרויפפאַלן. אין אומגעדולד האָבן מיר געוואַרט אויף דער דערלויבענש פון די רוסן אַריינצוגיין טיפער אין דעם, דורך זיי, אָקופּירטן שטח, אָבער די דערלויבעניש איז נישט אָנגעקומען.

אַזוי זענען פאַרביי עטלעכע טעג, און מיר האָבן נאָך אַלץ זיך געפונען אונטערן פרייען הימל אויף דעם „נייטראַלן פּאַס". עס האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן קברים פון קליינע קינדער. טאַטעס און מאַמעס האָבן באַוויינט און באַקלאָגט זייערע קרבנות וואָס זענען אויסגעגאַנגען אויף „קיינעמס ערד".

אין איינער אַ נאַכט, האָבן מיר אויסגעפונען אַ וועג וואָס איז נישט געווען געהיט דורך די רוסישע סאָלדאַטן. מיר האָבן אָנגעהויבן לויפן, טראָגנדיק די קינדער אויף די פּלייצעס, און דערביי זיך גוט באַגאָסן אין שווייס. אַזוי לויפנדיק, זענען מיר צוגעקומען צו דער ערשטער, רוסישער באַן־סטאַנציע זאַראַמב קאָשטשעלני.

טויזנטער פאַריאושטע און צעבראָכענע מענטשן האָבן דאָ געוואַרט אויפן אָנקומען פון אַ באַן וואָס זאָל זיי אַוועקפירן קיין ביאַליסטאָק. ווען אַזאַ צוג איז סוף־כל־סוף אָנגעקומען, איז געוואָרן אַן אויסטערלישער געדראַנג און אַ ווילדער געלאַף פון מענטשן צו די וואַגאָנען צו. איך אַליין בין אַריין אין אַ וואַגאָן דורך אַ פענצטער און דערנאָך האָב איך אַרייַנגענומען אינעווייניק מיין גאַנצע פאַמיליע.

ווען מיר זענען אָנגעקומען קיין ביאַליסטאָק, האָבן מיר נישט געהאַט ווו אַריינצוגיין. אַפילו פאַר געלט איז נישט מעגלעך געווען צו באַקומען אַ צימער. די גאַסן, די שולן און בתי־מדרשים, זענען געווען פול מיט „בעזשענצעס" (פליטים). פּלוצלינג האָבן זיך באַוויזן רוסישע לאַסט־אויטאָס און מען האָט פון זיי אַראָפּ אָנגעהויבן טיילן ברויט. די מענטשן האָבן אונדז ממש דערהאַלטן ביים לעבן. די דאָזיקע אויטאָס האָבן אונדז אַוועקגעפירט אין אַ דאָרף ווו עס זענען געשטאַנען ליידיקע דירות, און מען האָט אונדז דאָרט איינגעקוואַרטירט, צו דריי פאַמיליעס אין אַ הויז. במשך אַכט טעג האָבן מיר באַקומען צו עסן, און אויפן נייַנטן טאָג, האָט זיך באַוויזן אין דאָרף אַ מאַן וועלכער האָט זיך פאָר געשטעלט ווי אַ דירעקטאָר פון אַ גרויסער פאַבריק אין אוראַל. ער האָט אונדז פאָרגעלייגט, זיך צו פאַרשרייבן אויף אַרויסצופאָרן אַהין אויף אַרבעט, און

דאָס — ביי זייער גוטע באַדינגונגען. איך, און נאָך אַנדערע, האָבן זיך פאַרשריבן אַרויסצופאָרן קיין אוראַל. מיר האָבן באַקומען פון דירעקטאָר אַ ביסל געלט, און, לויט זיין אַנווייזונג, זענען מיר, מיטן ביסל זאַכן, צוריקגעפאָרן קיין ביאַליסטאָק, און האָבן זיך געטראָפן, אויף אַ זאַמלפונקט, מיט נאָך מענטשן, וועלכע זענען אויך געווען גרייט צו פאָרן אַהין.

זייענדיק אין ביאַליסטאָק, האָב איך זיך אָנגעטראָפן אויף פאַריסאָווער, ווי: ישראל רובינשטיין, שמחה בינעם קאַפּאָטע, שמואל אלי גוטריימאַן, און אַנדערע. זיי האָבן נישט געהאַלטן פון מיין פּלאַן אַוועקצולאָזן זיך טיף אין רוסלאַנד. פאַרקערט, זיי האָבן מיר געזאָגט, אַז זיי רעכענען סיי ווי נישט צו בלייבן ביי די רוסן און וועלן צוריקפאָרן אויף „יענער זייט". מיר זענען זיך פונאַנדערגעגאַנגען, אָבער טאַקע שוין אויף אייביק. זיי זענען צוריקגעפאָרן צום דייטש, און מיר, דריי פאַריסאָווער משפחות; איך מיט מיין פרוי און דריי קינדערלעך, שלמה קופערבוים מיט אַ פרוי און צוויי קינדערלעך, און יעקב גוטריימאַן מיט זיין פרוי און אַ קינד, האָבן זיך אַוועקגעלאָזט אַזש ביז אוראַל.

אין אוראַל

דעם ערשטן יאַנואַר 1940 זענען מיר אַרויסגעפאָרן פון ביאַליסטאָק. מיר זענען געפאָרן מיט אַ באַן וואָס איז באַשטאַנען פון לאַסט־וואַגאָנען, צוגעפּאַסט פאַר מיליטערישע טראַנספּאָרטן. מיר זענען אַוודאי געווען אַ טויזנט מענטשן. פופצן טעג און פופצן נעכט האָט געדויערט דער וועג ביז מיר זענען אָנגעקומען קיין אוראַל. דאָס אָרט וווּ מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט האָט געהייסן: אַ ווערזעט, אוראַל, וואַגאָן־זאַוואָד (תאקיל). דאָ איז געווען אַ פאַבריק וואָס האָט אויס־געאַרבעט לאַסט־וואַגאָנען פאַר דעם באַן טראַנספּאָרט. אָנקומענדיק אַהין, האָבן מיר אָנגעטראָפן אויף אַ פראָסט פון 55 גראַד.

ווען די טירן פון די וואַגאָנען האָבן זיך געעפנט, האָבן מיר דערזען פאַר די אויגן עלטערע און יונגע רוסן, אָנגעטאָן אין פוטערס, וואַליענקעס אויף די פיס, און אין טיפע ווינטערהיטלען אויף די קעפּ, אַזוי, אַז מ׳האָט ביי זיי בלויז אַרויסגעזען אַ ברעקל־פּנים. די מענטשן האָבן אַ כאַפּ געטאָן די קינדער, זיי איינגעהילט אין די פוטערס און אַריינגעטראָגן זיי אין אַ שכנותדיק הויז. אויך מיר זענען אַריין אַהין. דאָרט איז געווען אַ גרויסער שטאַרק־באַהייצטער־זאַל, אַזוי, אַז מיר האָבן גלייך געמוזט אַראָפּוואַרפן פון זיך די אויבערקליידער. אַן אָרקעסטער האָט געשפּילט, און די רוסן האָבן געטאַנצט מיט די קליינע קינדער. מיר האָבן אַזוי פאַרבראַכט אַ גאַנצע נאַכט, געגעסן און געטרונקען, און צו מאָרגנס, האָט מען יעדער פאַמיליע צוגעטיילט אַ פיין איינגעאָרדנטע וווינונג, מיט מעבל און כלים. מען האָט אונדז געגעבן צען טעג אויף אָפּצורוען זיך, און דערנאָך, איז יעדער איינער אַוועק אַרבעטן, ווער ביי זיין פאַך, און ווער ביי בויען הייזער.

ווי געזאָגט, זענען די פֿרעסט געווען זייער שטאַרקע. מיר זענען נישט געווען צוגעוויינט צו אַזאַ קלימאַט, אָבער מיר האָבן באַקומען וואַרעם אָנטועכץ, אַזוי, אַז מיר האָבן נישט געליטן פֿון די קעלטן.

אין דעצעמבער 1940, האָב איך, אַרבעטנדיק ביי אַ מאַשין, גורם געווען, צוליב נישט געוואָרנטקייט, אַ גרויסן שאָדן. מען האָט מיך געמשפּט און מיר צוגעפּסקנט אַ יאָר תפיסה. מ׳האָט מיך גלייך אַרעסטירט, און איבער־געשיקט אין אַ לאַגער פֿון שווערע פֿאַרברעכערס.

אין אַרבעטס־לאַגער

מיין ערשטער לאַגער אין רוסלאַנד האָט זיך געפֿונען אין סווערדלאָווסקער אָבלאַסט. מ׳האָט אים גערופֿן די „קליינע טאַראַ־קאָלאָניע". דער לאַגער האָט זיך געפֿונען אַ פּאָר קילאָמעטער הינטער דער שטאָט טאַראַ און האָט פֿאַרנומען אַ שטח פֿון אַ צוויי קוואַדראַט־קילאָמעטער. ער איז געווען אַרומגעצוימט מיט אַ פּלויט, פֿיר מעטער די הויך. יעדע פֿופֿציק מעטער איז געשטאַנען אַזאַ טורעם פֿאַר היטערס וועלכע זענען געווען גוט באַוואָפֿנט. אינעם לאַגער האָבן זיך געפֿונען אַ צוועלף טויזנט אַרעסטאַנטן; מענער, פֿרויען און קינדער. עס זענען דאָ געווען אָפּטיילונגען פֿאַר פֿאַרשידענע אַרבעטס־צווייגן, ווי: טישלעריי, שלאָסעריי, און וואַלד־אַרבעט. די אַרעסטאַנטן האָבן אויסגעאַרבעט קעסטלעך וועלכע מ׳האָט אויפֿ־געלאָדנט אויף די וואַגאָנען און אָוועקגעשיקט. דאָס געהילץ פֿאַרן לאַגער און זיינע וואַרשטאַטן האָט צוגעשטעלט דער אומענדלעכער, בראשיתדיקער וואַלד וואָס האָט אונדז אַרומגעריגלט. אַ חוץ דעם זענען אויך געווען אין לאַגער שניידער־שוסטער־און־שטעפּער־וואַרשטאַטן און זיי האָבן באַשעפֿטיקט אַ סך מענטשן.

מיר האָבן געוווינט אין הילצערנע באַראַקן. די צימערן זענען געווען ריינע און — מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן (אַפֿילו ראַדיאָ). צייטונגען האָבן מיר באַקומען יעדן טאָג. עס איז אויך דאָ געווען אַ לייען־זאַל מיט ביכער, און אין די אָוונטן האָט מען געקאָנט זיך טרעפֿן מיט פֿאַרשידענע מענטשן. אין דעם זאַל האָבן יוגנטלעכע זיך געלערנט שפּילן אויף פֿאַרשידענע אינסטרומענטן און פּשוטע מענטשן האָבן געקאָנט זיך לערנען שרייבן און לייענען. עס איז אויך געווען אַ ספּעציעלער עס־זאַל וווּ יעדן שבת פֿאַר נאַכט פֿלעגן איינגעאָרדנט ווערן פֿאָרלעזונגען, אָדער פֿאָרשטעלונגען.

אין אַ צווייטן לאַגער: פּיעטשאַראַ

נאָך דריי חדשים, האָט מען מיך, צוזאַמען מיט פֿיל אַנדערע, איבער־געשיקט אין אַן אַנדערן לאַגער. פֿערצן טעג און פֿערצן נעכט זענען מיר געפֿאָרן מיט דער באַן ביז מיר זענען צוגעקומען צו דער לעצטער באַן־סטאַציע קאָטלאַס.

דאָרט האָט זיך בכלל געענדיקט די רוסישע באַן־ליניע. פון דאַנען זענען מיר געגאַנגען צו פוס ביז אַן אָרט וואָס טראָגט דעם נאָמען פיעטשאַראַ (אויפן נאָמען פון אַ גרויסן טייך וואָס גייט דאָרט אַדורך). פון דעם אָרט זענען מיר אַוועק אַ ביסל ווייטער, און מיר האָבן געזען פאַר זיך נאָר הימל און שניי. מיט עסן איז געוואָרן זייער שלעכט. איין מאָל אין טאָג האָבן מיר באַקומען אַ ביסל וואַסער און צוויי סוכאַרעס. מיר זענען געשלאָפן אונטערן פרייען הימל, און האָבן זיך געוואַרעמט אַרום ברענענדיקע שייטערס־האָלץ וואָס מיר האָבן געלייגט. נאָך דריי טעג גיין, האָט מען אויסגעקליבן אַ פלאַץ, און מ׳האָט אונדז געזאָגט, אַז דאָ בלייבן מיר און מיר דאַרפן אַליין אויפשטעלן פאַר זיך פאַלאַטקעס צום וווינען.

קרבנות, קרבנות...

אונדזער אויפגאַבע איז געווען צו לייגן אַ באַן־ליניע פון פיעטשאַראַ ביז וויאַרקאָטאַ — אַ שטח פון בערך 600 קילאָמעטער. במשך עטלעכע וואָכן האָט מען אויף דעם אָרט קאָנצענטרירט אַ 100 טויזנט אַרעסטאַנטן. די באַדינגונגען זענען דאָ געווען זייער שווערע. אין קעלט און אין הונגער האָבן מיר געדאַרפט האַקן שטיינער, גראָבן פאַרפרוירענע ערד. עס זענען געפאַלן אָן אַ שיעור קרבנות, אָבער פאַר דעם פרייז, האָבן מיר, אין פאַרלויף פון אַ יאָר, כמעט אויסגעענדיקט די באַן־ליניע...

מיר ווערן צוריק פוילישע בירגער...

אין איינעם אַ טאָג, איז צו אונדז דערגאַנגען די ידיעה, אַז עס איז אויסגעבראָכן אַ קריג צווישן דייטשלאַנד און רוסלאַנד. באַלד נאָך דעם איז געקומען אַ באַפעל, אַז די פאַרשיקטע וועלכע זענען ביזן יאָר 1939 געווען פוילישע בירגער, ווערן באַפרייט. מען האָט אונדז צונויפגענומען, געגעבן אַ ביסל בגדים, באַצאָלט פאַר דער אַרבעט, און מיר זענען געוואָרן באַפרייט, מיט דער מעגלעכקייט צו פאָרן וווהין מיר ווילן. דער רוב פון אונדז איז, ראשית־כל, געפאָרן אויפזוכן די נאָענטע פון וועלכע מען איז געוואָרן אָפּגעריסן. איך אַליין בין צוריקגעפאָרן קיין אוראַל, און כ׳האָב נישט געטראָפן מיין פאַמיליע אויפן פלאַץ ווו איך האָב זי געהאַט איבערגעלאָזט. נאָך לאַנגע אַרומזוכענישן האָב איך זי דאָך אָפּגעפונען. אונדזער פרייד איז געווען זייער גרויס, בפרט, ווען מיין פאַמיליע האָט זיך אין צווישן געהאַט פאַרגרעסערט מיט אַ טעכטערל וואָס איז געבוירן געוואָרן באַלד נאָך דעם ווי מ׳האָט אונדז געהאַט צעשיידט. ערשט אַצינד האָט מיין פרוי מיר געקאָנט דערציילן, אַז אין טאָג ווען מ׳האָט מיך אַוועקגענומען אויף פאַרשיקונג, נאָכן אָפּגעזעגענען זיך מיט מיר, האָט זי, אומקערנדיק זיך אַ היים, באַקומען ווייען. זי איז גראָד פאַרבייגעגאַנגען אַ

ווענדל, און דאָרט איז זי אַנידערגעפאַלן און האָט געבוירן דאָס קינד. זי איז געלעגן אין שניי און גערופן הילף, געוויינט שטיל, ווייל אויף מער האָט איר נישט געסטייעט קיין כוח. נאָר פּלוצלינג זענען אָנגעפאָרן, ממש ווי גוטע מלאכים, אַ פויער מיט אַ פויערטע, און אַרויפנעמענדיק זי אויף זייער וועגעלע, האָבן זיי זי אָפּגעפירט מיטן קינד אין שפּיטאָל אַריין. די דאָקטוירים האָבן זיך געגעבן די מי און זי אָפּגעראַטעוועט צוזאַמען מיטן קינד.

אַזוי אַרום האָב איך אָנקומענדיק, אַ באַפרייטער פון לאַגער, געטראָפן אַ זיס טעכטערל פון אַ קנאַפּ יאָר.

איך האָב נאָר וואָס געהאַט אָנגעהויבן צו אַרבעטן, אַ ביסל אָפּגעאָטעמט. איז געקומען אַ באַפעל פון דער מאַכט, אַז מיר מוזן פאַרלאָזן דאָס אָרט. מיר האָבן גענומען וואַנדערן, ביז מיר זענען אָנגעקומען — אָנהייב יאַנואַר 1942 — קיין טאַשקענט.

אין טאַשקענט

דער קלימאַט אין טאַשקענט איז געווען אין גאַנצן אַן אַנדערער. עס זענען געפאַלן דראַבנע שנייעלעך, אָבער קיין פרעסט זענען דאָ נישט געווען. מיר האָבן דאָ אָנגעטראָפן אויף טויזנטער, טויזנטער פּליטים. מענטשן האָבן נישט געהאַט וווהין אַריינצוגיין און מען איז פּשוט געלעגן אויף די גאַסן. אויך איך און מיין פאַמיליע האָבן זיך געפונען אין זעלבן מצב. נישט האָבנדיק קיין דאַך איבערן קאָפּ, האָבן מיר ווייטער אָנגעהויבן צו וואַנדערן פון אָרט צו אָרט, ביז מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין אַ קירגיזישן קאָלכאָז, אין פרונזעסקי אָבלאַסט, נאָך טשקאַלאָוו. מיר זענען אַהין אָנגעקומען צעבראָכענע און קראַנקע, און אַ העלפט פון מיין משפחה איז גלייך אַוועקגענומען געוואָרן אין שפּיטאָל. איך און מיין זון, זענען געבליבן אַרבעטן אין קאָלכאָז.

אין אַ קירגיזישן קאָלכאָז

אונדזער „ווינונג" וואָס האָט זיך געפונען אַ קילאָמעטער ווייט פון קאָלכאָז, איז באַשטאַנען פון פיר ליימענע ווענט, און אַ דאַך פון ליים. פון דער קאָלכאָז־אָנפירונג האָבן מיר באַקומען אַ וואָגן שטרוי כדי צו האָבן מיט וואָס צו קאָכן און וואַרעמען די שטוב. קיין אַנדער באַהייצונג איז דאָ נישט געווען. לעבן דער טיר פון דער הייזקע האָבן מיר אויסגעגראָבן אַ גריבל, אַרויפגעלייגט עטלעכע שטיינער, און ביי דעם פייער פון ברענענדיקן שטרוי וואָס מיר האָבן אונטערגעלייגט, האָבן מיר זיך געוואַרעמט. אין וואָס אויפצוקאָכן דאָס ביסל וואַסער וואָס איך און מיין זון האָבן געשלעפּט פון די בערג — האָבן מיר נישט געהאַט.

אין צווישן, זענען מיין פרוי און קינדער צוריקגעקומען פון שפּיטאָל. איך און מיין זון האָבן, צו דער צייט, שוין געאַרבעט אין קאָלכאָז ווי טראַקטאָ־ריסטן, און מיר האָבן אַלץ געטאָן כדי צו פאַרגרינגערן דאָס לעבן פון דער פאַמיליע. איך האָב מיר אויפגעשטעלט אַ קיכעלע אין שטוב, געבונדן בינטלעך שטרוי, זיי אונטערגעצונדן, און אַזוי באַוואַרעמט די שטוב. געשלאָפן זענען מיר אַלע אויף דער ערד, אויסבעטנדיק זי בייינאַכט מיט שטרוי. נאָך אַ שטיקל צייט האָט מיין גאַנצע פאַמיליע, מיך אַריינרעכענענדיק, זיך ווידער געפונען אין שפּיטאָל. מיר זענען דאָרט אָפּגעליגן עטלעכע חדשים, און אַרויס אַ ביסל געשטאַרקטע. מיר זענען צוריק אַריין אין אונדזער הייזקע, און איך בין אַוועק צו דער אַרבעט.

דאָס יאָר 1943 איז פאַר אונדז געווען דאָס שווערסטע מלחמה־יאָר. פאַר אַ קילאָ ברויט מיט אַ שטיקל פּוטער פון הונדערט גראַם, האָט מיין פרוי אָפּגעגעבן אַ גאָלדן רינגל. אין זעלבן יאָר זענען אַ סך פּוילישע יידן גענומען געוואָרן אין רוסישן מיליטער, און אַ גרויסער טייל פון זיי זענען אומגעקומען אין די שלאַכטן מיט די דייטשן. צווישן די, איז אויך געווען אונדזער נישטפאַרגעסלעכער, פאַריסאָווער פריינד־און־חבר אברהם שמואל קאהן.

אַ דאַנק דער הילף פון פּוילישן קאָמיטעט וואָס איז געווען טעטיק אין דער געגנט, און אַ דאַנק דעם וואָס איך האָב געאַרבעט, האָט מיין פאַמיליע איבערגעלעבט די שווערע צייטן, און זיך דערוואַרט דעם סוף פון שווידערלעכן קריג.

די רעפּאַטריאַציע

— — — און דעמאָלט האָט זיך אָנגעהויבן אַ פרישע בלעטל פון יסורים און פּיין. מיר האָבן געוואָלט וואָס שנעלער פאַרלאָזן רוסלאַנד און פאָרן אַהיים, קיין פאַריסאָוו, זען וואָס עס טוט זיך ביי די, וועלכע מ׳האָט פאַרלאָזט אין שווערע, פאַר זיי, טעג. מיר האָבן געהערט און געלייענט וואָס די דייטשן האָבן אָפּגעטאָן אין די, דורך זיי אָקופּירטע לענדער, בפרט, מיט יידן. דאָך האָבן מיר נישט געגלייבט אין דעם אַלעם וואָס מיר האָבן געלייענט אין צייטונג, אָדער געהערט אין ראַדיאָ. מיר האָבן געהאַלטן אַז צוליב פּראָפּאַגאַנדע־צוועקן קעגן די דייטשן, טרייבט מען איבער מיט די שילדערונגען וועגן זייער מערדעריי. מיר האָבן געוואָלט האָפן, און אפשר, זיך נאַרן, אַז מיר וועלן נאָך „דאָרט" טרעפן אַ סך פון אונדזערע נאָענטע און טייערע, אַז מיר וועלן, אָנקומענדיק אַהין, זיך פאַלן אין די אָרעמס, און אין טרערן, וועלן מיר זיך איבערדערציילן אַלץ וואָס מיר האָבן איבערגעלעבט אין די שרעקלעכע יאָרן.

— — —און דערווייל האָבן מיר צוגעגרייט אַלע נויטיקע פאָרמאַליטעטן אויף צו קענען אַרויספאָרן. מיר איז אויסגעקומען צו זיין עטלעכע מאָל אין

פוילישן קאָמיטעט, און דאָרט האָב איך געטראָפן אונדזער בן־עיר שמואל כאָקאָל וועלכער האָט זיך אויך געגרייט אין וועג אַריין.

דעם 1־טן מאַי 1946, האָבן מיר אַרויסגעריקט פון אונדזער וווין־אָרט. אַן אָרקעסטער האָט אונדז באַגלייט ביז צו דער באַן, און רוסישע בירגער האָבן זיך מיט אונדז האַרציק געזעגנט. 13 טעג זענען מיר געפאָרן איבער רוסישער טעריטאָריע. צו ערשט, איבער וויסטעניש, און דערנאָך, דורך שטאָט און שטעטל, ביז צו דער לעצטער רוסישער סטאַציע, ווו די נ.ק.וו.ד. האָט ביי אונדז צוגענומען די רוסישע פעסער. דעם פערצנטן מאַי, אין דער פרי, האָבן מיר זיך געפונען אויף דער פוילישער זייט.

די ערשטע פוילישע קלעפ

בלויז צוויי שעה זענען מיר געפאָרן מיט דער באַן אויף דער פוילישער זייט, און באַלד האָבן מיר געהאַט דאָס „גליק" צו באַקומען „אַ וואַרעמען קבלת־פנים". פוילישע פאַשיסטן־באַנדיטן האָבן אָפּגעשטעלט דעם צוג, זענען אַריין אין די וואַגאָנען, און האָבן אָנגעהויבן ראַבירן און שלאָגן. אונדזערע געוואַלדן זענען געגאַנגען עד לב־השמים. ענדלעך האָט אונדז גאָט געהאָלפן, און דער צוג האָט געריקט. מיר האָבן פרייער אָפּגעאָטעמט, אָבער אין צוג זענען געווען אַ סך פאַרוואונדעטע יידן.

ווען מיר זענען אָנגעקומען קיין סאַרנע, איז דער צוג געשטאַנען אַ לענגערע צייט. מיר זענען געזעסן פאַרשפאַרט אין די וואַגאָנען, מורא האָבנדיק אַרויסצושטעקן דעם קאָפּ. פּלוצלינג האָט עמעצער פון אונדז דערהערט אַ יידיש וואָרט. מיר האָבן געעפנט די וואַגאָן־טיר, און דערזען פאַר זיך אַ הויכן, פעסטן יידישן בחור מיט אַ ביקס אויפן אַקסל. ער האָט אונדז דערציילט, אַז ער איז אַ געוועזענער פאַרטיזאַן, און היינט — דער איינציקער ייד אין סאַרנע. אַזוי ווי דער צוג איז נאָך געשטאַנען, און מיר האָבן געהאַט צייט, האָט דער יידישער פאַרטיזאַן אונדז אַוועקגעפירט אין אַ וועלדל און אָנגעוויזן אויף אַן אַרומגעצוימטן ברודער־קבר ווו עס ליגן, לויט זיינע רייד, אַ 30 טויזנט אומגעבראַכטע יידן פון סאַרנע און פון דער סביבה. אַן אַלטער ייד וואָס איז מיט אונדז געפאָרן פון רוסלאַנד אַן, אַ געוועזענער חזן און שוחט אין דער שטאָט קאַטאָוויץ, האָט געמאַכט אַ „א־ל מלא רחמים", און דער יידישער פאַרטיזאַן האָט געזאָגט „קדיש".

מיט צעבראָכענע הערצער, פאַרשטומטע און פאַרשטיינערטע, האָבן מיר זיך אומגעקערט צום צוג. מיר האָבן, צום ערשטן מאָל, באַקומען אַ מער רעאַלערן באַגריף וועגן דעם וואָס די דייטשן האָבן אָפּגעטאָן.

פון סאַרנע זענען מיר אָנגעקומען קיין ראָוונע. אויך דאָ האָט מען אונדז אָנגעוויזן אויף אַ ברודער־קבר פון אַ 24 טויזנט אומגעבראַכטע יידן.

אַלץ וואָס מיר האָבן אַצינד געהערט און געזען, האָט ביי אַ סך פון אונדז אָפּגעטייט יעדע מחשבה, אויסגעלאָשן יעדע באַהאַלטענע האָפענונג. אַצינד האָב איך אַליין שוין מורא געקריגן פאַר דער באַגעגעניש מיטן אייגענעם חורבן אין מיין געבוירן־שטאָט, אין פּאַריסאָוו.

אין שטשעטשין

דער צוג איז געלאָפן איבער וועגן און שטעגן, האָט זיך געריסן צווישן וואַלד און פעלד, איז פאַרביי דערפער און שטעט. אָט זענען מיר אָנגעקומען קיין לאָדזש, אָפּגעשטעלט זיך, און — ווייטער געפאָרן. מיר האָבן דערזען די באַן־סטאַציע פּויזן, און — געפאָרן ווייטער, ווייטער, ביז מיר האָבן זיך אָפּגעהאַלטן אויף דער סטאַציע פון דער שלעזישער שטאָט שטשעטשין, אויף דער פאַרשאָלטענער דייטשער ערד וואָס איז צוגעטיילט געוואָרן צו פּוילן.

ווען מיר זענען אַראָפּ פון צוג איז געוואָרן אַ געלאַף. דער איז געלאָפן „כאַפּן" אַ וווינונג, און דער — אַ ביסל מעבל. איינער איז געלאָפן אין יידישן קאָמיטעט אַריין וואָס האָט געטיילט קליידער, זאַכן און פּראָדוקטן, און איינער — אויסגעפינען באַקאַנטע, פריינד.

אויף דער נאַכט, נאָך אַ גאַנצן טאָג אַרומלויפן, האָב איך זיך אַליין געפרעגט: „נו, האָסט דאָך עפּעס געוואָלט פאָרן „אַ היים", קיין פּאַריסאָוו, אויף ווען ווילסטו עס אָפּלייגן?"

עס האָט טאַקע נישט גענומען קיין סך צייט און איך האָב זיך אַרויסגעלאָזט אין וועג אַריין.

פון שטשעטשין קיין פּאַריסאָוו

אין יענע טעג איז דאָס פאָרן פון אַ ייד אויף די פּוילישע באַנען געווען פאַרבונדן מיט סכנת־נפשות. אָבער, איך האָב נישט געקוקט דערויף, און כ'בין געפאָרן מיט דער באַן, ווי אַ מאָל, ביז פּילאַווע. דאָרט, בין איך אויפגעזעסן אויף אַ וואָגן, אָנגעפירט דורך אַ קריסט. דער וואָגן גופא איז מיר געווען גוט באַקאַנט. איך האָב אפילו געקאָנט זיך דערמאָנען צו וועלכן יידישן בעל־עגלה ער האָט אָנגעהערט. עס האָט נישט געדויערט לאַנג און דער קריסט האָט מיך געבראַכט קיין פּאַריסאָוו, אָפּגעשטעלט זיך אין מיטן שטעטל, אויפן פּלאַץ וווּ עס פלעגן שטיין די יידישע בעל־עגלות מיט זייערע פערד און וואָגן...

אויף די אייגענע חורבות

אַראָפּגייענדיק פון וואָגן בין איך געבליבן שטיין צוגעשמידט צום אָרט. מיינע אויגן זענען געווען אָפן, נאָר אַלץ איז געווען ווי פאַרנעפּלט. איך

האָב געהאַט דאָס געפיל, אַז באַלד וועט די ערד זיך עפענען אונטער מיר און מיך איינשלינגען. אַלץ אין מיר האָט געציטערט. צו ביסלעך האָב איך זיך אָנגעשטרענגט צו טראַכטן נאָרמאַל, צו זען די ווירקלעכקייט אַזוי ווי זי איז, און מיר האָט זיך עס נישט אַזוי לייכט איינגעגעבן. איך האָב געקוקט אויף די וועגענער וואָס זענען געשטאַנען נישט ווייט פון מיר, און זיך דערמאָנט אין יענע ווייטע טעג — אָה! גאָרנישט אַזוי ווייטע — ווען פּאַריסאָווער פרויען, פלעגן אַהער אַרויסקומען אָפּוואַרטן זייערע מענער, און קינדער — זייערע פּאַטערס, כדי צו העלפן אַהיימטראָגן די געפּעק מיט וועלכע זיי פלעגן קומען פון דער גרויסער וואַרשע. „ווו זענען זיי? — האָט זיך מיר געוואָלט אויסשרייען אין מיטן גאַס — ווו זענען זיי, די טאַטעס, די פרויען, און די קינדער?" איך האָב אָבער שוין געוווסט, און די שטילקייט אין חלל האָט אויך ווי באַשטעטיקט, אַז כ'וועל דאָ קיינעם מער פון מיינע ברידער און שוועסטער נישט טרעפן, קיינעם נישט...

צו וועמען גייט מען אַריין?

צו וועמען גייט מען אַריין, האָב איך זיך געפרעגט, ווו ווערט מען עפּעס געוווּיר? ווו עפנט מען אַ טיר? ביי וועמען?

דאָס שטעטל איז געווען פאַרברענט. דער איינציקער סימן פון אַמאָליקן יידישן פּאַריסאָוו איז געווען דאָס בית־המדרש וואָס איך האָב דערזען פון ווייטנס. מיינע פיס האָבן מיך אַהינגעפירט. די טירן און פענצטער זענען געווען פאַרקלאַפּט מיט גראָבע ברעטער־באַליעס. איך בין צו צום אַריינגאַנג אין דער ווייבער־שול און געטראָפן די טיר אָן אָפענע. פאַר מיינע אויגן איז אויסגעוואַקסן אַ פוילישער פּאָליציאַנט וועלכער האָט מיך אַ פו״עג געטאָן ווער איך בין און וואָס איך וויל דאָ. איך האָב, מיט טרערן אין די אויגן אים דערציילט, אַז איך בין געקומען אַהער זוכן מיינע ברידער און שוועסטער, מיינע פריינד. דער פּאָליציאַנט האָט זיך צעלאַכט, מיך אָנגעקוקט ווי כ'וואָלט אַראָפּ פון זינען. „אויף יענער וועלט וועסטו זיי קענען זען — האָט ער, אין חוזק, מיר געענטפערט, דאָ האָסטו נישט וואָס צו זוכן". איך האָב אָנגעוויזן אויף דער טיר וואָס פירט אַריין אין גרויסן בית־המדרש, און אים געפרעגט וואָס דאָרט געפינט זיך אַצינד. „אַ טורמע" — האָט דער פּאָליציאַנט מיר געענטפערט. מיט זיין דערלויבעניש בין איך אַריין אינעווייניק, און עס איז מיר פינצטער געוואָרן אין די אויגן. די פּאָדלאָגע איז געווען אַראָפּגענומען, און די ווענט, די הייליקע ווענט, אָנגעזאַפּטע מיט תורה און תפלה — צעהאַקטע, צעשטערטע.

אין בית־המדרש

דאָס האַרץ האָט געוויינט אין מיר. דער נישט ווייטער אַמאָל איז מיר געשטאַנען פאַר די אויגן. איך האָב געזען, אין דמיון, די יידן פון שטעטל.

די יידישע בעל־מלאָכות וואָס לויפן פאַר טאָגס צום דאַווענען, וואָס רייסן איבער זייער באַשעפטיקונג און קומען אַהער צו מנחה־מעריב. אַ סך בלייבן דאָ לערנען. ביי איין טיש זיצט משה חיים יאָסלס און לערנט משניות מיט אַן עדה יידן. ביי אַן אַנדערן טיש זיצט ר׳ משה ברוכס און לערנט מיט אַן עולם גמרא, און ביי נאָך אַ טיש — ר׳ שמואל לייזער...

עס איז מיר אויך געקומען אויפן זכרון ר׳ אברהם שמואלס אַ ראש־חודש בענטשן און אין מיינע אויערן האָט אָפּגעקלונגען זיין לייבן־שטימע און דאָס אויסווייינען דעם „חיים ארוכים, חיים של שלום״... מיר האָט זיך אויך דערמאָנט זיין זאָגן „ונתנה תוקף״. „מי יחיה ומי ימות״, „מי בחניקה ומי בסקילה״... אָה! ווילט זיך מיר שרייען אין ליידיקן בית־המדרש אַריין וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פוילישער טורמע, „מי ימות״? איז דאָך אַ גאַנצע עדה יידן אומגעקומען מיט די אַלע מיתות־משונות, אַלץ איז דאָ פאַרברענט, אַלץ איז דאָ געשענדעט.

— — — איך בין אויך אַרונטער צום שול־פּלאַץ. די שטעטלשע גויים האָבן צענומען די שול, צשלעפּעט די ציגל, צעראַבעוועט, נישט געלאָזט קיין זכר...

טעלעכע טעג אין פּאַריסאָוו

פון דעם וואָס פּאַריסאָווער פּאָליאַקן האָבן מיר אַליין דערציילט, האָב איך אַרויסגעשפּירט זייער גרויסן חלק אין אונדזער שווערער טראַגעדיע.

איך האָב געשפּאַצירט איבער די גאַסן פון שטעטל, געזוכט אַ זכר פון יידיש לעבן — און נישט געפונען. איך בין געוואָרן מיד, אָפּהענטיק, און איך האָב געבעטן ביי גאָט, ער זאָל מיר געבן כוח צו געדענקען, און צו באַשרייבן דאָס אַלץ וואָס כ׳האָב געזען און געפילט אין יענע מינוטן, ווען איך, אַן איין און איינציקער ייד, האָב געטרעטן אויף דער ערד פון אונדזער חרוב געוואָרן שטעטל — די ערד וואָס האָט איינגעזאַפּט אין זיך אַ סך יידיש בלוט, בלוט פון ברידער און שוועסטער.

גייענדיק אין גאַס האָב איך אָנגעטראָפן אויף אַ באַקאַנטן קריסט, וולאַדעק סיראַקיס. ער האָט מיר דערציילט וועגן די ניין און דרייסיק אויס־באַהאַלטענע יידן וועלכע מ׳האָט געפונען נאָך דער אויסזידלונג און אַרויס־געפירט צום שיסן. ער האָט צווישן זיי געזען: אשר ראובנס מיט זיין פאַמיליע, יאָסל מאָרסקי מיט זיין פאַמיליע, א״אַנד. ער האָט זיך געזעגנט מיט זיי, און זיי האָבן געוויינט, וויסנדיק, אַז מען פירט זיי צום טויט. דריי טעג שפּעטער האָט מען געפונען נאָך 12 יידן, צווישן זיי: אברהם לעדערייך מיט זיין פאַמיליע און אברהם יוסף מיט זיין פרוי. מען האָט זיי אַלע אריינגעוואָרפן אין אַן אַלטער ברונע ביי נחום בלעכער אויפן הויף, דערשאָסן און צוגעשיט. ער האָט מיך צו געפירט צום פּאַרקאַן פון פוילישן צעמנטאַזש און אָנגעוויזן

ווו עס ליגן דערשאָסענע נחמן גלאַטשטיינס צוויי טעכטערלעך. אַזוי האָט ער מיר אויך געוויזן דאָס קבר פון בערעק דרעווּנאָווסקי, משה חיים פּאַסקאַלינסקי און פּיאַטעצקי.

גייענדיק מיט וואָלאַדעקן, האָב איך אָנגעטראָפן אויף אַ צווייטן באַקאַנטן קריסט, מאַניעק ראַמאַנקעס. ער האָט מיך אַריינגעבעטן צו זיך אין הויז וואָס ער האָט אויפגעשטעלט אויף אַ פּלאַץ וואָס האָט געהערט צו מיין פאָטער. ער האָט מיך געבעטן, איך זאָל אים פאַרקויפן דעם פּלאַץ און אַדורכפירן אַלע פאָרמאַליטעטן וואָס מען דאַרף דערצו. איך האָב געוואָלט וואָס מער וויסן וועגן דעם גורל פון דער פּאָריסאָווער יידישער עדה, און איך האָב זיך דעריבער אויפגעהאַלטן ביי דעם קריסט עטלעכע טעג. ביי אים אין שטוב איז געווען אַ דינסט, אַן אַלטע קריסטין. ווען מאַניעק ראַמאַנקעס, איר בעל־הבית, און זיין ווייב, זענען אַוועק אויפן פעלד, האָט זי מיר געגומען שילדערן ווי אַזוי די פּאָליאַקן האָבן געצאַפּט יידיש בלוט אין געטאָ, און ווי אַזוי עס האָט אויסגעזען גלייך נאָך דער אויסזידלונג פון די פּאָריסאָווער יידן. ווער עס האָט נאָר געהאַט אַ האַנט און אַ פוס, האָט גערויבט יידיש פאַרמעגן. אפילו פון אַרומיקע דערפער זענען פויערים געקומען ראַבעווען יידיש האָב און גוטס. אַצינד, האָט זי, ווי זיך מתוודה געווען פאַר מיר, מאַכן אַלע אַ לעבן פון די יידישע פאַרמעגנס, צווישן זיי, אויך איר בעל־הבית וועלכער איז געווען דער קאָמענדאַנט פון די פייער־לעשערס אין שטעטל, און האָט געהאָלפן די דייטשן. די אַלטע קריסטין האָט מיר אויך דערציילט, אַז פּאָריסאָווער שקצים־יינגלעך האָבן געכאַפּט און איבערגעגעבן די דייטשן די צוויי ברידער משה און מאיר קאָסמאַן וועלכע זענען, באָרוועסע און נאַקעטע, געקומען פון וואַלד אין שטעטל אַריין בעטן אַ שטיקל ברויט. זי האָט מיר אויך דערציילט, אַז משה איטשע, דער קצב, איז די גאַנצע צייט געווען אויסבאַהאַלטן אין שטעטל ביי אַ קריסט אויף אַ בוידעם און האָט דערפאַר גוט באַצאָלט. לעצטנס איז ער געווען קראַנק, און ווען די דייטשן האָבן בעתן אָפּטרעטן, אונטער־געצונדן דאָס שטעטל, איז משה איטשע פאַרברענט געוואָרן צוזאַמען מיטן הויז.

די אַלטע האָט מיר אויך דערציילט, אַז ביי איין קריסטין אין שטעטל האָט זיך אויסבאַהאַלטן אַ קינד פון די גאָלדשטיינס. אויף מיין פראַגע ווו דאָס קינד געפינט זיך, האָט זי מיר געענטפערט, אַז ס'איז שוין פון לאַנג נישטאָ אויף דער וועלט.

אין מיטן געשפּרעך, האָט די אַלטע צו מיר אַ זאָג געטאָן: ווייסט, פּאַניע קופּערבוים, עס לעבט דאָ אין שטעטל אַ „געוועזענע" יידישע. היינט — שוין אַ קריסטין. איך האָב זי געפרעגט ווו זי געפינט זיך, און כ'בין גלייך אַריין אַהין. די פרוי האָט מיך דערקענט. מיר האָבן גערעדט פּויליש, ווייל זי איז שוין געווען אָפּגעוויינט פון יידיש. זי האָט מיך דערציילט, אַז אין טאָג

פון דער אויסזידלונג, בעת זי איז געגאַנגען צום מאַרק צו, האָט זי פּלוצלינג דערהערט ווי מען רופט זי. אַן אומבאַקאַנטער מאַן האָט זי אָנגענומען פאַר דער האַנט און אַ פרעג געטאָן: „וווהין גייסטו? קום מיט מיר". זי איז אַוועק מיט דעם פרעמדן מענטש וועלכער איז אַצינד איר מאַן. ער האָט זי אויסבאַהאַלטן צוויי און אַ האַלב יאָר און עס איז אים גאָרנישט אַזוי לייכט אָנגעקומען. אַצינד איז זי שוין אַ מאַמע פון אַ קינד.

אַ שפּאַציר איבער די גאַסן פון שטעטל...

איך בין אַרויס פון דער דאַזיקער שטוב מיט אַ צעבראָכן האַרץ. איך האָב נישט געוווּסט ווו זיך אַהינצוטאָן. איך האָב געטראָפן באַקאַנטע גוים, כ'בין אַריין צו זיי אין די שטובן, אומעטום האָב איך געטראָפן יידישע זאַכן, און, פון ווייטיק, גלייך פאַרלאָזט זייערע הייזער.

איך בין אַריין אין שול־גאַס און עס האָט מיר פון דאָס ניי פאַרקלעמט ביים האַרץ. איך האָב זיך דערמאָנט אין דער פּאַריסאָווער רבישער דינאַסטיע וואָס האָט דאָ געקיניגט, אין די המונים־חסידים וואָס פלעגן אַהער אָנקומען פון גאַנץ פּוילן און פאַרברענגען ביים רבין אַ שבת, צי אַ יום־טוב.

מיין האַרץ האָט געוויינט אין מיר. איך האָב זיי אַלעמען דאָ געזוכט: אַלע פריינד, אַלע חברים, אַלע מיינע ברידער און שוועסטער, חסידישע און פרייע און — קיינעם נישט געפונען, ווייל קיינער פון זיי איז דאָ נישט געוועזן.

איך האָב פאַרלאָזט דעם רבינס גאַס, און אַזוי גייענדיק, האָב איך זיך אָפּגעשטעלט לעבן אָרט ווו עס האָט זיך געפונען דער קולטור־פאַראיין. איך האָב זיך דערמאָנט אין זיינע גרינדער: גרשון רובין מיט זיין פרוי דינה, אברהם שמואל קאהן, אורי ראַבינאָוויטש, נח לעווין, יאָסעלע גוטריימאַן, א"אַנד. איך האָב זיך אויך דערמאָנט אין דראַמאַטישן קרייז צו וועלכן עס האָבן אָנגעהערט שמואל אלי גוטריימאַן, יאָסל פּיערקאָוויטש, חנה פייגע גוטריימאַן, לאה קויפמאַן, שבע רייכמאַן, אברהם שמואל קאהן, נח לעווין, און דער שרייבער פון די שורות.

איך בין פאַרביי דעם מאַרק ווו ס'איז אַ מאָל געשטאַנען דאָס שיינע גרויסע הויז פון יידישן פריץ יצחק מענדל גאָלדמאַן וועלכער איז געווען אַזוי באַליבט אין שטעטל, געטאָן פאַר דער קהילה אין פּאַריסאָוו, און איז אומגעבראַכט געוואָרן מיט דער גאַנצער פאַמיליע זיינער.

דער חורבן אויפן בית־עלמין

— — — ווייטער עבר און נאָענטער עבר. ערשט נעכטיקע טעג און ווייט פאַרגאַנגענע צייטן... מיינע פיס האָבן מיך אַהינגעפירט צו דער פאַר־

גאַנגענהייט פון פּאַריסאָוו. איך האָב זיך אַוועקגעלאָזט צום בית־עלמין כּאָטש בלויז צו זען די קברים, דעם אוהל פון די צדיקים.

און אַך און וויי!

קיין זכר נישט! בהמות האָבן זיך געפּאַשעט אויף אַ גרויס אויסגעגלייכט פעלד! אַלעביימער — אויסגעהאַקט, אַלע מצבה־שטיינער — פאַרשוווּנדן. איך בין אַריין אין דער הייזקע ווו עס האָט געוווינט דער היטער פון בית־עלמין, און אים געטראָפן אין שטוב. ער האָט מיך דערקענט, און מיר דערציילט, אַז אין יאָר 1943, זענען געקומען דייטשן מיט פורן און האָבן צענומען אַלע מצבות. נאָך דעם זענען געקומען פויערים פון די אַרומיקע דערפער און האָבן אַלץ צעשלעפּט.

„אַרומוואַנדערנדיקע יידן, האָט ער מיר, אַגב, דערציילט, פלעגן זיך וועלן אויסבאַהאַלטן אויפן בית־עלמין (אַזוי איז איין מאָל ביינאַכט געקומען צו אים רבקה קאָרץ און געוואָלט זיך מאַכן אַ הייל אונטער אַ קבר; אויך הערש אָסיפּ, איידער ער איז אַוועק אויף די פּיענקיס האָט דאָ געוואָלט זיך אויסבאַהאַלטן מיט זיין פאַמיליע), אָבער איך האָב זיי געזאָגט, אַז די דייטשן קומען אַהער אָפט און זוכן אויסבאַהאַלטענע יידן. זיי האָבן זיך צוגעהערט צו מיינע רייד און זיינען אַוועק פון דאַנען. ווער ווייסט וווהין?".

דער לעצטער „קדיש"

שווער, גאָר שווער איז מיר געוואָרן אויפן האַרצן צוהערנדיק זיך צו דעם גויס רייד. איך האָב פּלוצלינג זיך דערשפּירט פרעמד און איבעריק אין דעם אָרט ווו איבערגעלאָזטע לעבעדיקע ברידער און שוועסטער, זענען אַזוי אַכזריותדיק געפּייניקט געוואָרן און ווו, פון לאַנג שוין פאַרשטאָרבענע, זענען אַזוי באַרבאַריש באַרויבט געוואָרן פון זייער אייביקער רו.

— — — און איך האָב, אַרויסגייענדיק פון דעם גויס שטוב, זיך אַוועקגעשטעלט אויפן פעלד, געזאָגט „קדיש", געוואַשן זיך די הענט, און — אַוועק. אַצינד, האָב איך מער קיינעם נישט געזוכט. איך האָב שוין נישט געהאַט מער וואָס צו געפינען אין מיין חרובער היים, אין פּאַריסאָוו. מיינע אויגן האָבן, אינסטינקטיוו, זיך געהויבן צום הימל, צו די הייכן, וויל אויף דער פאַרשאָלטענער ערד, אויף וועלכער איך בין געשטאַנען, האָב איך מער נישט געוואָלט זען קיינעם.

יוסף פּאַסקלינסקי / ישראל

אַ מצבה מיין אומגעבראַכטער פֿאַמיליע

מיין פֿאָטער זעליג איז געווען דער זון פון זלמן יאָסל און דאָבע, און די מאַמע איז געווען אַ טאָכטער פון ראובן אוןביילע קאַלושינסקי. מיין מוטער, חוה, איז געווען אַ שוואַכע פרוי, אָבער זייער אַ שיינע. זי איז אויך געווען באַקאַנט ווי אַ גוטהאַרציקע פרוי. זי איז געשטאָרבן פון אַ בלוט־שטורץ.

מיין פֿאָטער האָט נאָך אַ מאָל חתונה געהאַט און פון דער צווייטער פרוי געהאַט אַ זון, דוד. מיר זענען געווען אין שטוב אַכט קינדער. יהושע, דער עלטסטער ברודער, האָט חתונה געהאַט קיין גאַרוואָלין און דאָרט געוווינט אַלע יאָרן. משה חיים האָט חתונה געהאַט מיט יעקב עליעס טאָכטער און ווען דער טאַטע האָט שוין נישט געקאַנט פירן די שענק האָט ער זי איבערגעגעבן משה חיימען. ער האָט געפירט דאָס געשעפט ביז ער איז דערמאָרדעט געוואָרן דורך די נאַצישע מערדערס (ווי באַוווסט, האָבן זיי אים דערשאָסן צוזאַמען מיט בערעק דרעווניאָווסקין אין טראָמבקער וועלדל). זיין פרוי און די קינדער: דאָבע, הערשל, יהושע, פייגע, ראָדע און מאיר, האָבן, ווי אַנדערע פּאַריסאָווער יידן, געפונען דעם טויט אין טרעבלינקע.



זעליג פּאַסקלינסקי מיט אַן אייניקל (זיין טאָכטער נעמיס אַ קינד)



שרה פּאַסקלינסקי, פון פּילאַווע, יוסעפס ערשטע פרוי. אומגעקומען

מיין שוועסטער אַלטע רבקה, איר מאַן יוסף רייכמאַן, דעם חזנס זון, און זייערע קינדער זענען אויך אומגעבראַכט געוואָרן אין טרעבלינקע.

מיין שוועסטער דאָבע האָט חתונה געהאַט מיט יוסף ישראל יחזקאלס. נאָך דער חתונה האָבן זיי פאַרלאָזט פאָריסאָוו און זיך איינגעאָרדנט אין פּראַגע. אין די ערשטע מלחמה־טעג איז יוסף אַנטלאָפן קיין לידע. אויך ער האָט שפּעטער געפונען דעם טויט אין באַן־וואַגאָנען אָנגעפילטע מיט גאַז. זיי האָבן געהאַט דריי קינדער: יהושע, לייבל און חוה. אויך זיי זענען פאַרשיקט געוואָרן קיין טרעבלינקע און דאָרט אומגעקומען.



דאָבע, משה חיים פּאָסקלינסקיס טאָכטער, אברהם בעקערס פרוי. אומגעקומען.

מיין שוועסטער נעמי האָט נישט געוואָלט זיך שיידן מיטן טאַטן. איר מאַן יעקב פּעלזנשטיין איז אַנטלאָפן קיין רוסלאַנד, געבליבן לעבן און געפינט זיך היינט אין ישראל. נעמי און אירע קינדער, צוזאַמען מיטן טאַטן, ברידער און שוועסטער, האָבן געטיילט דעם גורל פון אַלע פאָריסאָווער יידן — זענען געגאַנגען דעם לעצטן וועג קיין טרעבלינקע.

איך אַליין בין, אין די ערשטע טעג פון קריג, אַוועק, ווי אַ שליח פון דער משפּחה, אין די געביטן וואָס די רוסן האָבן פאַרנומען, כדי צו זען אויב מען קאָן דאָרט זיך איינאָרדענען. צוזאַמען מיט שמואל אלי' גוטריימאַן בין איך אָנגעקומען קיין לידע, באַקענט זיך מיט דער לאַגע און מיר האָבן זיך אומגעקערט קיין פּוילן. מיר איז געלונגען דורכצומאַכן אַלע גיהנומס און בלייבן לעבן. דאַקעגן זענען מיינע טייערע קינדער ישראל יהושע, ראובן יהודה, חוה רחל און לאה, דערשאָסן געוואָרן אויפן אומשלאַגס פּלאַץ דורך די נאַצישע תליינים. מיין פרוי שרה, איז אַוועק צוזאַמען מיט אַלע יידן קיין טרעבלינקע.

זאָלן די מיט טרערן געשריבענע שורות זיין אַ מצבה פאַר מיין אומ־פאַרגעסלעכער משפּחה, פריינד און חברים וועלכע זענען אַזוי שוידערלעך אומגעבראַכט געוואָרן דורך די מערדערישע דייטשן און זייערע צוהעלפערס — פּאָליאַקן, אוקראַינער און אַנדערע, וואָס האָבן זיך געשטעלט צו זייער טייוולאָנישער דינסט.

משה סוקול / חיפה

קורותי בשנות המלחמה

(מפולין לסיביר וחזרה)

בעת פרוץ המלחמה, בשנת 1939, גרנו, אני ואשתי, בעיר פלניץ, ליד ורשה. לאחר פלישת הגרמנים לעירנו החלה בריחה המונית לשטח הכיבוש הרוסי. גם אני ואשתי עזבנו את עירנו, חצינו את הגבול והגענו לביאַליסטוק. העיר הזאת היתה מליאה פליטים ולפיכך עזבנוה והתיישבנו בוולקוביסק. בהיותנו שם נתבענו על ידי השלטונות הסובייטיים לקבל אזרחות סובייטית. סרבנו לעשות זאת ועל כן הועברנו, כרבים אחרים, עמוק לשטח רוסיה, עד לערבות סיביר והועסקתי שם בכריתת עצים ביערות־עד. בתקופת המלחמה שבין גרמניה ורוסיה הסובייטית, לאחר שהתחילו הקרבות בחזית סטאַלינגראַד, העבירו אותנו לאַסטראַחאַן. במקום זה גוייסתי לצבא ונשלחתי לחזית. 18 חודש נלחמתי בחזית הסטלינגראַדית. בעת הנסיגה הגרמנית מחזית זו, נשלחתי למוסקבה ושם צורפתי לצבא הפולני ע"ש קושציושקו שהתארגן על אדמת רוסיה. עם צבא זה עברתי את כל החזית המזרחית. בהתעכבנו בעיר לוצק סיפר לי איכר רוסי מה שעוללו האוקראינים ליהודי המקום. בין השאר מסר לי על 25 ילדים יהודיים שהתחבאו במקום מסויים וכשהדבר נודע לאוקראיני אחד הלשין הלה עליהם בפני הגרמנים והביאם למקום המחבוא. הגרמנים ראו את הילדים ועזבום לנפשם. ברם, האוקראיני לא נחה דעתו. הלך לכפר סמוך, והביא מספר פורעים אוקראינים והם חיסלו את הילדים בו במקום וקברום שם. אותו איכר שסיפר לי על כך הראה לי את מקום קבורתם. מיד אחרי כן סרנו, כמה חיילים יהודים מהיחידה, לכפר ההוא ונקמנו באלה שביצעו את הפשע.

*   *
*

ביערות לובלין מצאנו נערה יהודיה שהתהלכה שם לבושה סחבות. לקחנו אותה עמנו, הלבשנוה והאכלנוה ומסרנו אותה בידי היהודים הראשונים שהחלו מתקבצים בעיר לובלין ששוחררה מידי הצוררים הגרמנים.

*   *
*

בשנת 1944 הגעתי לפלניץ, מקום מגורי הקודם. בהליכתי בין ההריסות, פגשתי בנערה כבת 17 ומשום מה אמרתי בלבי כי יהודיה היא. עצרתיה והיא סיפרה לי כי אכן בת ישראל היא והוריה מסרוה למשפחה נוצרית. הם נספו בשואה והיא חיה אצל המשפחה הפולנית המתייחסת אליה טוב למדי. הנערה היתה בדרכה מבית־היראה הנוצרי ואגב זאת אמרה לי כי האיש שבביתו היא

מתאכסנת טוען שאביה אמר לו שאם היא תישאר בחיים, רשאי הוא לראות בה נוצריה לכל דבר. הואיל וכך, עומדים עתה להעבירה על דתה, על אף שהיא כשלעצמה רוצה להישאר יהודיה. בשומעי זאת ממנה, הלכתי עמה לביתה, כשאני לבוש מדים והנשק עמי. הצגתי את עצמי כקרוב יחיד של הנערה שנותר בחיים וטענתי כי אינני מוכן לוותר עליה. לאחר משא ומתן מייגע הוצאתיה מהמשפחה הנוצרית ובכך הצלתי ממש נפש מישראל.

בסיירי בפלניץ, התעכבתי ליד הצריף של הרבי מפלניץ, רבי שמואל מרדכי, אחיו של הרבי מפוריסוב שהתגורר באוטבוצק. כל הבתים מסביב היו הרוסים עד היסוד ואילו ביתו של הרבי עמד על תלו. כפי שנמסר לי פחדו הפולנים להיכנס לתוכו וגם הגרמנים לא נגעו בו.

בהיותי בקטוביץ נודע לי מפי יהודי מפלניץ שגיסי (אחיה של אשתי) חי בשצ׳צ׳ין. נסעתי אליו כדי להיוודע ממנו מה עלה בגורל אשתי שהשארתי באַסטראַחאַן. להפתעתי הגדולה פגשתיה בביתו ולשמחתנו לא היה גבול. מיד אחרי כן עברנו לגרמניה כדי לעלות משם לארץ ישראל. לאחר כינון המדינה, בדצמבר 1948, הגענו לארץ ומאז אנו מתגוררים בחיפה.

אחי שמואל ששבע תלאות ברוסיה, בבתי־סוהר ובמחנות, הגיע לגרמניה שבור ורצוץ והיגר משם לאמריקה.

ולבסוף, כמה מלים על בית־אבא:

אבי יעקב ז״ל נפטר שנתיים לפני פרוץ המלחמה. אמי, חנה, אחיותי טובה ורוזה על משפחותיהן, אחי עוזר עם כל משפחתו ואחותי הצעירה גולדה, בת ה־16 — כולם נספו בשואה הטראגית והאכזרית.

יהי זכרם אתנו לעד.

ריזל גוטמאַרגן—לוסטער / קרית־אתא, ישראל

צוריק צום יידישן פאָלק

(איבערלעבונגען אין און נאָך דער מלחמה)

בעת דער מלחמה זענען מיר געווען אין געטאָ סאַרני. מיין פאָטער ע״ה האָט מיך אָפּגעגעבן צו אַ קריסטלעכער פאַמיליע סאָבאָטשינסקי. ביי זיי איז מיין נאָמען געוואָרן — ראָזאַליאַ. די דאָזיקע פאַמיליע איז, צוליב עפּעס, געווען פאַרדעכטיק אין די אויגן פון די דייטשן, און אין יולי 1941 זענען מיר

פאַרטריבן געוואָרן קיין דייטשלאַנד, אין לאַגער דאַכאַו. אין דאָזיקן לאַגער בין איך געווען און האָב געליטן ביז דער ענדע פון דער קריג.

נאָך דער באַפרייונג האָט די פאַמיליע סאַבאַטשינסקי מיך אָפּגעגעבן אין „אונרראַ" כדי אײַנצואָרדענען מיך איך אַ מאָנאַסטיר. צוויי יאָר צייט האָב איך זיך אויפגעהאַלטן אין מאָנאַסטיר „דעגענדאָרף" און באַקומען מיטל־שול־בילדונג. נאָך דעם בין איך געוואָרן איבערגעפירט אין אַ דאָמיניקאַנער מאָנאַסטיר אין בידגאָשטש און כ׳האָב באַקומען אַ דערציונג פון אַ מאָנאַכין. אין מאָנאַסטיר האָט מען אויף מיר אַרויפגעלייגט די אויפגאַבע צו ערלעדיקן פאַרשידענע ענינים ביי די אָרטיקע פוילישע מאַכט־אָרגאַנען. אין מיין מאָנאַכישן לבוש האָט קיינעם נישט געקאָנט איינפאַלן, אַז איך בין נישט קיין געבוירענע קריסטין. אָבער געשען איז אַנדערש... איין מאָל, גייענדיק אין גאַס, האָבן צוויי מענער מיך אָפּגעשטעלט און מיך אַ פרעג געטאָן: „עמך?" איך האָב נישט פאַרשטאַנען דעם מיין פון וואָרט און זיי האָבן עס מיר אויסגעטייטשט. איך האָב זיי געענטפערט, אַז איך בין טאַקע אַ יידישע, און אַז פאַר דער מלחמה איז מיין נאָמען געווען — גוטמאַרגן.

הערנדיק פון מיר מיין תשובה, האָבן די צוויי פרעמדע מענטשן מיך געפרעגט צי איך וויל זיך אומקערן צו יידן, צום יידישן פאָלק. איך האָב זיי אויפן אָרט געגעבן אַ פּאָזיטיווע תשובה. זיי האָבן מיר געראָטן צו פאַרלאָזן די אַרבעט אין מאָנאַסטיר, און זיי האָבן מיר געגעבן 1500 זלאָטעס אויף הוצאות. זיי האָבן מיר אויך געגעבן דעם אַדרעס פון אַ קאָמיטעט וואָס פאַרנעמט זיך מיט אַרויסנעמען יידישע קינדער פון קריסטלעכע הענט.

קומענדיק צוריק אין מאָנאַסטיר אַריין, האָב איך געבעטן אַ דערלויבעניש צו לאָזן מיך לערנען שניידעריי אין בידגאָשטש און מיין פאָרשלאַג איז שטאַרק געפעלן געוואָרן די אָנפירערס פון מאָנאַסטיר.

ווי נאָר איך האָב זיך פרייער באַוועגט אין שטאָט, האָב איך זיך געוואָנדן צום יידישן קאָמיטעט אין בידגאָשטש און דאָרט האָט מען מיר דער־לעדיקט אַלע בוויטיקע פּאַפּירן (נאָך דעם ווי מען האָט מיך גוט אויסגעפאָרשט צי איך בין טאַקע אַ יידישע...) און מען האָט מיך אַוועקגעשיקט אין אַ הכשרה־קיבוץ אין וואַלבזשיך — נידערשלעזיע.

אין צווישן בין איך געוויר געוואָרן, אַז מיינס אַ קוזינע וווינט אין לאָדזש און איך בין אַוועק צו איר. ביי דער דאָזיקער קוזינע האָב איך זיך דערוווּסט אַז מיין יונגערע שוועסטער, חנה, לעבט אין שטשעטשין ביי דער פאַמיליע יאַנקאָווסקי, צו וועלכער מיין פאָטער ע"ה האָט זי אָפּגעגעבן, ווי מיך, אין די שווערע מלחמה־טעג.

אָנהייב דעצעמבער 1948, בין איך, אין באַגלייטונג פון אַ יידישן יוגנטלעכן, מיטן נאָמען דרוקער, געפאָרן קיין שטשעטשין כדי אַרויסצונעמען מיין שוועסטער

חנה פון דער קריסטלעכער פאַמיליע. ווען מיר זענען אַהין אַריינגעקומען, האָט חנה זיך אויסבאַהאַלטן, מורא האָבנדיק, אַז מען וויל זי אָפּנעמען פון די יאַנקאָווסקיס. איך האָב דערציילט דער קריסטלעכער פאַמיליע, אַז איך בין חנהס אַ שוועסטער, און אַזוי ווי איך האַלט בײַ חתונה האָבן, וויל איך זי, פּשוט, אײַנלאַדן אויף דער חתונה וועלכע וועט פאַרקומען אין וואַרשע. איך האָב נישט דערציילט דער פאַמיליע, אַז איך האָב זיך צוריקגעקערט צום יידנטום. פאַרקערט גאָר, איך בין געווען אָנגעטאָן אין מײַן מאָנאַכישן לבוש און נאָך דערצו געטראָגן אַ גרויסן צלם אויפן האַלדז. ערשט פאַר נאַכט האָט חנה באַוויליקט זיך צו ווייזן פאַר מיר. זי האָט מיר דערציילט, אַז אונדזער ברודער ישראל, לעבט און אַז ער איז גאָר אַ ייד... (ישראל איז שפּעטער געפאַלן אין ישראל אין מלחמת־השחרור).

אין 22־טן דעצעמבער בין איך ווידער געקומען קיין שטשעטשין. דאָס מאָל מיט דער דעציזיע אַרויסצונעמען חנהן, פאַר יעדן פּרײַז, פון די קריסטן. געפינענדיק זיך מיט איר, האָב איך איר פאָרגעלייגט זי זאָל מיטפאָרן מיט מיר אַ ביסל קיין לאָדזש, אָבער זי האָט קאַטעגאָריש אָפּגעוואָרפן מײַן פאָרשלאָג. איך בין געבליבן מיט איר ביזן אָוונט. איידער איך האָב געדאַרפט גיין צו דער באַן כדי צוריקצופאָרן קיין לאָדזש, האָב איך זי געבעטן זי זאָל מיך באַגלייטן כאָטש ביז צו דער באַן־סטאַציע, ווייל דער וועג אַהין איז אַ גאַנץ ווייטער, און איך וויל נישט גיין אַליין. כדי נישט אַרויסצורופן ביי איר קיין חשד,



רייזל גוטמאָרגן—לוסטער



חנה גוטמאָרגן—מארטינאוווסקי מיט אירס אַ חברטע (פון רעכטס) — אַ קריסטלעך מיידל מיט וועלכער זי איז געגאַנגען צוזאַמען אין שולע, אין די יאָרן פון קריג

